STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01750

# MEDRESH RABAH, EKHAH

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Mrs. Julius Zulver*
*in memory of*
*Doris & Selma Zulver*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מדרש רבה

# איכה

## (איכה רבתי)

מיט יידישער איבערזעצונג,
דערקלערונגען און אריינפיר

פון

**שמשון דונסקי**

מאָנטרעאל תשט"ז

# MIDRASH RABBAH

# ECHAH

## (LAMENTATIONS)

with

**YIDDISH TRANSLATION**

**EXPLANATORY NOTES AND INTRODUCTION**

by

**S. DUNSKY**

Copyright 1956 by S. Dunsky

ארויסגעגעבן פון
**ש. דונסקי מדרש פאָנד**
מיט דער מיטהילף פונעם
**קאנאדער יידישן קאָנגרעס**

---

Printed in Canada by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Canada

דעם טייערן פריינט און חבר,
דעם חובב ספר
דר' אברהם שטילמאן
א מתנה
פונעם איבערזעצער.

# אַריינפיר

## א. מדרש

דאָס וואָרט מדרש, פאַרשונג, לערנונג, אויסטייטשונג, געפינט זיך שוין אין תנ״ך, ווי אַ נאָמען פאַר באַשטימטע ספרים[1], כאָטש דער כאַראַקטער פון יענע ספרים איז דאָרט ניט קלאָר. אויך דער זין פון מדרש, דאָס טייטשן און אויפקלערן טעקסטן פון דער תורה ביים לייענען זי בציבור, ווערט שוין דערמאָנט אין ספר נחמיה (ח, ח): ויקראו — און זיי האָבן געלייענט אין בוך פון גאָטס תורה קלאָר און צוגעגעבן אויפקלערונג, און געגעבן צו פאַרשטיין דאָס געלייענטע.

דאָסדאָזיקע לייענען די תורה בציבור איז שוין זייער פרי געוואָרן אַן איינגעשטעלטער שטייגער. לויטן תלמוד[2] האָט שוין משה רבנו אָנגעזאָגט די יידן, זיי זאָלן לייענען אין דער תורה שבת און יום־טוב, און ראש חודש, און חול המועד. עזרא ווידער האָט איינגעפירט, מע זאָל לייענען פון דער תורה אויך מאָנטיק און דאָנערשטיק און שבת צו מנחה[3]. אַז אין דער צייט פון די חשמונאים איז דאָס לייענען אין דער תורה שוין געווען אַן אַלטער איינפיר איז צו זען פון דעם, וואָס אין יענער צייט איז שוין געווען איינגע־פירט צו לייענען די הפטורות[4]. און אַזוי ווי זינט שיבת ציון איז די שפּראַך פון גרויסע טיילן פונעם פאָלק געווען אַראַמיש, פלעגט דער בעל קורא האָבן אַ געהילף, אַ מתורגמן (איבערזעצער), וואָס פלעגט דאָס געלייענטע איבער־זעצן פּסוק נאָך פּסוק אויף אַראַמיש, און דערביי אָפט צוגעבן פאַרשיידענע דערקלערונגען און אײַנטייטשונגען, כדי צו וואַרפן מער ליכט אויפן גע־לייענטן. אַ גוטער ביישפּיל פון אַזאַ אַראַמישער איבערזעצונג, וואָס איז באַ־זאָרגט מיט פאַרשיידענע צוגאָבן און דערקלערונגען, איז דער שפּעטער־דיקער תרגום יונתן.

דידאָזיקע איינטייטשונגען און אויפקלערונגען זיינען וואָס וויטער אַלץ מער אויסגעברייטערט געוואָרן, אַריינעמענדיק אין זיך אַלץ מער נייע עלע־מענטן, ביז עס איז איבערגעוואקסן די אויפגאַבע פון אַן איבערזעצונג, און ס׳איז געוואָרן אַ טעטיקייט פאַר זיך מיטן נאָמען מדרש, און די שאַפער און טרעגער פונעם מדרש זיינען באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען דרשנים, וועלכע פלעגן האַלטן זייערע דרשות אויף דער פרשה וואָס מע האָט געלייענט אין באַשטימטע טעג.

[1] מדרש הנביא עדו (דברי הימים ב, יג, כב) און מדרש ספר המלכים (דאָרט, כד, כז).
[2] ירושלמי מגילה ד, הלכה א; סופרים י, הלכה א. [3]סופרים י, הלכה ב. לויט אַ גמרא (בבא קמא פב, א) שטאַמט דערדאָזיקער איינפיר נאָך פון די נביאים. [4] זע צונץ, הדרשות בישראל, מבוא, און דאָרט באַמערקונג 30, וואו ער ברענגט עס אין נאָמען פון אבודרהם (סדר שחרית של שבת).

## ב. מדרש הלכה און מדרש אגדה

די דרשות פון די דרשנים, זייענדיק געבונדן צום אינהאַלט פונעם חומש, זיינען נאַטירלעכערווייז באַשטאַנען פון צוויי עלעמענטן: הלכה, יענער עלעמענט וואָס האָט צו טאָן מיט די געזעץ טיילן פון דער תורה, מיטן דין, מיטן שטייגער לעבן (פונעם שורש הלך, אומגיין, זיך פירן), און אגדה, אָדער הגדה (פון הגד, זאָגן, דערציילן), וואָס האָט צו טאָן מיט די דערציילערישע טיילן פון דער תורה. אַ גוטער ביישפּיל פון מדרשים, וואָס הלכה און אגדה גייען אין זיי צוזאַמען, לויטן אינהאַלט פון די חומש טעקסטן וואָס זיי באַהאַנדלען, זיינען די תנאישע מדרשים: מכילתא אויף שמות, ספרא אויף ויקרא און ספרי אויף במדבר און דברים.

ביסלעכווייז אָבער האָט מען אָנגעהויבן איינזען, אַז הלכה און אגדה אונטערשיידן זיך וועזנטלעך איינע פון דער אַנדערער, און אַז זיי קענען דעריבער ניט גיין מער צוזאַמען. אוודאי האָבן אַלע חכמים געזען אינעם פסוק פון דער תורה סיי דעם קוואַל פון דער הלכה, וואָס איר ציל איז פעסט־צושטעלן אַ באַשטימטן סדר אין לעבן, סיי דעם קוואַל פון דער אגדה, וואָס איר ציל איז די עטיש רעליגיעזע דערהייבונג פונעם מענטשן און דאָס ברענגען אַ טרייסט צו די צרות פון ישראל. בעת אָבער די הלכה, לויט איר עצם וועזן און כאַראַקטער, וואָס פאָדערט דיסציפּלין און איינהייטלעכקייט, פּרעציזקייט און באַשטימטקייט, מוז דערפירן אַלע חילוקי דעות, אַלע שקלא וטריאס און דיסקוסיעס צו איין שלוס — צום ענדגילטיקן פסק־דין, און ממילא צום לעצטן און איינציק מעגלעכן פשט פונעם פסוק, — גיט די אגדה דעם בעל דרשן זייער ברייטע מעגלעכקייטן פון פרייער שאַפערישקייט. ווען דער בעל אגדה וויל, למשל, איינפלאַנצן אין זיינע צוהערער די נייגונג צו מידות טובות און מעשים טובים, איז פאַר אים ניט וויכטיק דער פשוטער פשט פונעם פסוק[1]. דער פסוק דינט אים נאָר ווי אַן אָביעקט אַנצוהענגען אויף אים זיין געדאַנק, אָדער זיין עמאָציאָנעלע איבערלעבונג. אָפט איז גאָר זיין אויפגאַבע צו געבן מיט דער הילף פונעם פסוק זין און אויפקלערונג צו די פאַרשיידענע דערשיינונגען און פאַסירונגען אין דער קעגנוואַרט, לויט דער מימרא: הפוך בה והפוך בה, דכולא בה[2], — זוך אין איר (אין דער תורה) און זוך אין איר, ווייל אַלץ איז אין איר. און דער כלל פון דער גמרא[3], אַז „הלא כה דברי כאש — מיין וואָרט איז דאָך ווי פייער, זאָגט גאָט, און ווי אַ האַמער וואָס צעשמעטערט אַ פעלדז: אזוי ווי דערדאָזיקער האַמער

[1] זע ירושלמי מעשרות, פרק ג, הלכה ד: ר׳ זעירא פלעגט זיך רייצן מיט די בעלי אגדה און אָנרופן זייערע ספרים ספרי קיסמי, ספרים פון צויבערשפּרעכערס (ווייל זיי זוכן ניט דעם אמתן פשט פון פסוק — „פני משה״). זע אויך ירושלמי דאָרט, פרק א, הלכה ב: דלמא מן רבנין דאגדתא הוא שמע לה — אפשר האָט ער עס געהערט פון די רבנן דאגדתא (וואָס טייטשן אַנדערש דעם דאָרטיקן פסוק); און אין ירושלמי יבמות, פרק ד, הלכה ב, געפינען מיר: ופליגא על רבנן דאגדתא — און די גמרא איז חולק אויף די רבנן דאגדתא (אויך אין שייכות מיטן טייטש פון אַ באַשטימטן פסוק). [2] אבות

[ווען ער שלאָגט אין פעלדז] שפּריצן פון אונטער אים פיל פונקען, אזוי אויך קאָן אַ פּסוק געטייטשט ווערן אויף פיל אופנים״. — דערדאָזיקער כלל האָט געדינט ווי אַ ריכטשנור פאַר אַלע דרשנים און איז געווען דער סאַמע יסוד פון זייער גאַנצער טעטיקייט.

אויסער דעם זיינען געווען נאָך סיבות וואָס האָבן געווירקט מע זאָל איינזען, אַז הלכה און אגדה קאָנען ניט גיין צוזאַמען. אַ שטייגער, דאָס כסדר־דיקע אויפקומען פון נייע תקנות און הלכות, וואָס זיינען ניט דירעקט גע־בונדן מיטן פּסוק, און די נויטווענדיקייט צו סיסטעמאַטיזירן און קלאַסיפי־צירן די הלכה אין פאַרשיידענע גרופּירונגען און אָפּצווייגונגען; און פון דער צווייטער זייט דער פאַקט, וואָס די שקלא וטריא פון דער הלכה האָט געערדט נאָר צו אינטעלעקטועל דענקנדיקע יחידים, בעת די אגדה האָט אַפּעלירט צום עם הארץ און געפּיל פונעם פּשוטן פאָלק און רעאַגירט אויף זיינע טאָג־טעגלעכע נויטן און איבערלעבונגען. די אַלע סיבות, און מעגלעך נאָך אַנדערע, האָבן גורם געווען, אַז מיט דער צייט זאָל דער מדרש זיך צעצווייגן אין צוויי צווייגן, און יעדער צווייג זאָל אַוועקגיין אין אַן אַנדער ריכטונג און זאָל זיך אַנטוויקלען לויט זיינע אייגענע געזעצן. האָט די הלכה באַקומען איר קלאַסישע געשטאַלטונג אין דער משנה, וואָס ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַ סך הלכות בלייבן אויך דאָרט שנויות במחלוקת, איז אָבער איר גרונט שטריך צימצום, פּרעציזקייט און באַשטימטקייט, הלכה למעשה. און די אגדה, מיט איר שטרעבונג צו אויסברייטערונג, צו פיל־טייטשיקייט, צו פרייקייט פון דער פאַנטאַזיע, האָט איר געשטאַלטונג באַקומען, אויסער אין דער אגדתא פוןביידע תלמודים, בעיקר אין באַזונדערע אגדה זאַמלונגען, וואָס ווערן גערופן מיטן אַלגעמיינעם נאָמען מדרשים[4]. און אזוי זיינען אויך די דרשנים און חכמים איינגעטיילט געוואָרן אין צוויי באַזונדערע קאַטעגאָריעס: די חכמים פון דער הלכה און די רבנן דאגדתא[5].

### ג. מדרש אגדה

צוליב דעם גרונט כאַראַקטער פון דער אגדה זיינען די מערסטע און וויכטיקסטע מדרשים געבליבן אין דער אַלטער פאָרם זייערער, — ווי פּי־רושים אויף די פינף חומשים און אויף די פינף מגילות, ווי אויך אויף מאַנכע אַנדערע ספרים פון נביאים און כתובים (מדרש שמואל, מדרש תהלים, מדרש משלי און אַנדערע). מאַנכע מדרשים זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין דער פאָרם פון דרשות צו באַזונדערע אָפּגעצייכנטע טעג, ווי באַשטימטע שבתים, ימים טובים און געדענק טעג (די פּסיקתות)[1].

ה, כב. [3] סנהדרין לד, א. זע אויך שבת פּח, ב. [4] כאָטש אין מאַנכע מדרשים (תנחומא, דברים רבה, טיילן פון במדבר רבה) הויבן זיך אָן אַ סך פּרשות מיט אַ דבר הלכה (הלכה — — —; אָדער: ילמדנו רבנו — — —), איז אָבער די הלכה דאָרט אַ בייזאַך, און דער עיקר איז די אגדה, פּונקט ווי אין תלמוד איז די אגדתא אַ בייזאַך און דער עיקר איז די הלכה. [5] זע אויבן ב, באַמ. 1. גאַנץ אָפּט פלעגט, אגב, פּאַסירן, אַז אַ בעל הלכה איז געווען טעטיק אויך אויפן געביט פון אגדה.

די רבנן דאגדתא האָבן, ווי געזאָגט, זיך געווענדט מיט זייערע דרשות הויפּטזעכלעך צום ברייטן עולם, אין בית הכנסת ביים דאַווענען, ניט ווי די בעלי הלכה, וועמעס הויפּט טעטיקייט איז געווען קאָנצענטרירט אויף די לומדים אין בית מדרש אָדער אין ישיבה; ממילא איז זייער לשון געווען אַנדערש ווי דאָס לשון פון די בעלי הלכה, — פאָלקסטימלעך, עמאָציאָנעל, בילדעריש און באַרעדעוודיק. כדי צו ווירקן אויף דער פאַנטאַזיע פונעם עולם, אויף זיין מאָראַלישן געוויסן, אויף זיינע רעליגיעזע געפילן און נאַציאָנאַלע סענטימענטן, באַנוצט זיך דער בעל דרשן מיט פאָלקס מעשיות, פאָלקס ווערטלעך און משלים; ער דערציילט היסטאָרישע פּאַסירונגען און מסורות; ער באַנוצט זיך מיט קורצע סענטענצן פון רעליגיעז־עטישן אינהאַלט; און אָפט וויקלט ער איין אין אַ נאַאיווער פאָלקס מעשה, אָדער אין אַ דרש אויף אַ פּסוק, טיפע פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, סיי בנוגע צו פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען פון זיין צייט[2], סיי בנוגע צו זיין וועלט־באַנעם בכלל, באַרירנדיק אַזעלכע אייביקע פּראָבלעמען, ווי גאָט און מענטש, וועלט באַשאַפונג און וועלט פירונג, התגלות און נבואה, בחירה חפשית און שכר ועונש, צדיק ורע לו — רשע וטוב לו, ישראל צווישן די אומות, גלות און גאולה, אא״וו, — און אַלץ אויף אַן אופן וואָס זאָל זיין צוגענגלעך פאַר יעדן איינעם.

מיט דערדאָזיקער פאָלקסטימלעכקייט זייערער האָבן זיך די דרשנים זייער באַליבט געמאַכט ביים פּשוטן פאָלק. און אַ גמרא אין בבלי (יומא עה, א) דרשנט אויפן פּסוק והמן כזרע גד — און דער מן איז געווען ווי דער זאָמען פון גד (קאָריאַנדער), אַז דער מן ווערט געגליכן צו גד, ווייל ער איז געווען ווי די אגדה וואָס ציט דעם מענטשנס האַרצן, — דער מן, הייסט עס, האָט צוגעצויגן צו זיך די בני ישראל, ווייל זיי האָבן געפילט אין אים אַלע טעמים, ווי מע פילט עס אין דער אגדה.

און ווירקלעך האָבן יידן געפילט אין דער אגדה אַלע טעמים. די בעלי אגדה האָבן געגעבן אויסדרוק דעם פאָלקס געפילן און איבערלעבונגען, — פריידיקע און צערפולע, פּערזענלעכע און נאַציאָנאַלע. אין די שווערסטע צייטן האָבן די בעלי אגדה געבראַכט דעם עולם טרייסט און גלויבן און האָפענונג. זיינען טאַקע די בעלי אגדה געווען זייער פּאָפּולער ביים ברייטן עולם. דער בעל הלכה און דער בעל אגדה ווערן אין תלמוד[3] פאַרגליכן צו צוויי מענטשן, וואָס זיינען אַריין אין אַ שטאָט, און איינער האָט אין האַנט שטיקער גאָלד, און דער צווייטער האָט קליינגעלט. איז דער וואָס האָט די

[1] די מדרשים פונעם ערשטן מין ווערן גערופן עקזעגעטישע, אויסטייטשערישע, ווייל זיי טייטשן און דרשענען דעם געגעבענעם ספר, פּסוק נאָך פּסוק; די פון צווייטן מין, וואָס זייערע דרשות זיינען געוויינלעך קאָנצענטרירט אַרום אַ באַשטימטער טעמע, ווערן באַצייכנט מיטן נאָמען האָמילעטישע, דרשה־מעסיקע. [2] אָפטמאָל פלעגן די דרשנים, צוליב דער מורא פון שפּיאָנען און מוסרים, אַרויסברענגען אַזעלכע באַטראַכטונגען אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם, וואָס האָט גורם געווען, אַז געוויסע מאמרים, וואָס די צוהערער אין

שטיקער גאָלד קאָן ניט קריגן פאַר זיי קיין מאָלצייט אָפּצועסן, ווייל עס איז ניטאָ, ווער עס זאָל אים דאָס גאָלד אויסבייטן; אָבער דער וואָס האָט דאָס קליינגעלט קאָן לייכט קריגן זיין מאָלצייט.

די פּאָפּולאַריטעט פון דער אגדה קומט באַזונדערס צום אויסדרוק אין דער פאָלגנדיקער מעשה[4]: ר׳ אבהו און ר׳ חייא בר אבא זיינען אָנגעקו־מען אין אַן אָרט. ר׳ אבהו האָט געדרשנט אגדה און ר׳ חייא בר אבא — הלכה. האָט דער גאַנצער עולם איבערגעלאָזט ר׳ חייא בר אבא און איז אַוועק צו ר׳ אבהון. האָט זיך ר׳ חייא בר אבא געפילט געטראָפן. האָט אים ר׳ אבהו געזאָגט: „איך וועל דיר געבן אַ משל, — צו וואָס איז דאָס גע־גליכן? צו צוויי מענטשן, וואָס איינער פאַרקויפט איידלשטיינער און דער צווייטער — פאַרשיידענע קלייניקייטן; צו וועמען לויפן אַלע, — ניט צו דעם וואָס פאַרקויפט פאַרשיידענע קלייניקייטן?״

אין פלוג קען מען אין די צוויי מעשיות, און אין אַנדערע אויסדרוקן אין תלמוד[5], דערפילן אַ געוויסע גרינגשעצונג צו דער אגדה מצד די חכמים פון דער הלכה, עפּעס וואָס איז געווען צו זען ביי לומדים ביז אונדזער צייט. דער אמת איז אָבער, אַז ביי די חכמי התלמוד איז די אגדה געווען אַזוי חשוב ווי די הלכה, און „ווילסטו דערקענען דעם וואָס האָט מיט זיין וואָרט די וועלט באַשאַפן, לערן אגדה, ווייל דורך דעם וועסטו דערקענען דעם רבונו־של־עולם און זיך באַהעפטן אין זיינע דרכים״ (ספרי, עקב). אָדער: „זאָג ניט — איך האָב געלערנט הלכות, און דאָס איז מיר גענוג; דען דער פּסוק (דברים ח, ג) לערנט אונדז: למען הודיעך — כדי דיך צו לאָזן וויסן, אַז ניט נאָר אויפן ברויט אַליין לעבט דער מענטש, — דאָס איז דער מדרש [הלכה]; כי — נייערט אויף אַלץ, וואָס קומט אַרויס פון גאָטס מויל לעבט דער מענטש, דאָס זיינען די אגדות״ (ספרי, דאָרט)[6].

איבערהויפּט פלעגט דער ברייטער עולם לויפן צו די בעלי אגדה אין שווערע צייטן, אין צייטן פון גזרות און רדיפות, ווען דער קאָפּ איז ניט גע־ווען אָפּגעלייגט אויף הלכה פלפול. „ר׳ יצחק האָט געזאָגט: אַמאָל, אַז געלט איז געווען בנמצא, פלעגט אַ מענטש האָבן חשק צו הערן אַ וואָרט פון משנה און תלמוד; איצט אָבער, אַז קיין געלט איז ניט בנמצא, האָט אַ מענטש גיכער חשק צו הערן אַ וואָרט פון מקרא (תנ״ך) און פון אגדה״[7]. האָט זיך טאַקע די אגדה שטאַרק צעבליט אין ארץ ישראל אין 3טן, 4טן און 5טן יאָר־הונדערט, ווען די דאָרטיקע ישיבות האָבן אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ, און די קריסטלעכע הערשער פון ביזאַנטיע האָבן וואָס ווייטער אַלץ מער פאַר־

זייער צייט האָבן פאַרשטאַנען אויפן וואונק, זיינען פאַר די שפּעטערדיקע דורות און פאַר אונדז היינט געבליבן פאַרהוילן און אומפאַרשטענדלעך. [3] ירושלמי הוריות, פּרק ג, הלכה ה. [4] בבלי, סוטה, מ, א. [5] אַ שטייגער אויפן פּסוק ולא ישליטנו — און גאָט גיט אים ניט קיין שליטה צו עסן פון דעם (קוהלת ו, ב) זאָגט דער ירושלמי (הוריות ג, הלכה ה), אַז דאָס מיינט מען דעם בעל אגדה, וואָס „ניט ער אסרט און ניט ער איז מתיר, ניט ער איז מטמא און ניט ער איז מטהר״. [6] גענויער וועגן דעם זע ווייס, דור דור

שטאַרקט זייערע רדיפות אויף יידן. און הירא‌ָנימוס, וואָס האָט געלעבט אין ארץ ישראל אין 5טן יאָרהונדערט, דערציילט: „זיי (די יידן) רופן איינער דעם צווייטן: קומט, לאָמיר גיין הערן דעם און דעם דרשן, וועלכער איז אַ גוטער רעדנער. און דאַן פּאַטשן זיי מיט די הענט, ווערן ווילד און שטרעקן אויס די הענט פאַר התפעלות" [8].

אַ שטאַרקן שטויס פאַר דער פאַנאַנדערבליאונג פון מדרש אגדה איז געווען דער פאַקט, וואָס זינט דעם 3טן יאָרהונדערט האָבן די קריסטלעכע קירכן פאָטערס זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט דעם יידישן מדרש מעטאָד, כדי צו באַווייזן די ריכטיקייט פון זייערע דאָגמעס און גלויבונגען. דאָס האָט באַוואויגן די יידישע חכמים אַרויסצוגיין אין קאַמף קעגן דידאַזיקע „מינים", און דער מדרש איז געווען זייער הויפּט געווער. פאַרנעמען טאַקע אַזעלכע דרשות, וואָס זיינען דירעקט געווענדעט קעגן די מינים, אַ פּראָמינענטן אָרט אין דער מדרש ליטעראַטור [9].

אָבער די מדרש ליטעראַטור איז ניט באַגרענעצט נאָר צו יענע יאָר־הונדערטער. די מדרשים, ווי מיר האָבן זיי היינט, זיינען אַ פּראָדוקט פון אַ טויזנט יעריקער שאַפערישער טעטיקייט. די בעלי המדרש האָבן געלעבט אין פאַרשיידענע צייטן, אין פאַרשיידענע קולטור סביבות, אָנהויבנדיק מיט דער העלעניסטישער און פאַרענדיקנדיק מיט דער איסלאַמישער. דידאָזיקע פאַרשיידנאַרטיקייט פון קולטור ספערן קומט צום אויסדרוק אין דער אָפּטער פאָלעמיק מיט די טרעגער פון די פאַרשיידענע אידעען, — די גריכישע פי־לאָזאָפיע, דאָס געצנדינסט פון דער אַנטיקער וועלט, די פאַרשיידענע סעק־טאַנטן (מינים) פונעם אויפקומענדיקן קריסטנטום, די גנאָסטיקער און זיי־ערס גלייכן, — און זי האָט נאַטירלעכערוויז באַרייכערט די מדרש ליטעראַטור.

דידאָזיקע פאַרשיידנאַרטיקייט פון קולטור סביבות האָט אויך געלייגט אַ ניכרדיקן חותם אויפן לשון פון די מדרשים. דאָסדאָזיקע לשון, וואָס איז צום טייל העברעאיש, צום טייל אַראַמיש, און צום טייל אַ סינטעז פוןביידע לשונות [10], האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַ גאָר גרויסע צאָל פון גריכישע, לאַטיינישע און אַראַבישע ווערטער, וועלכע האָבן אָנגענומען העברעאישע און אַראַמישע פאָרמען [11].

דאָס פּראָבלעם פון צייט בנוגע צו באַשטימטע מדרש עלעמענטן איז אָבער פיל טיפער. פון איין זייט לאָזט זיך אָננעמען, אַז געוויסע עלעמענטן פון מדרש אגדה זאָלן אָפּשטאַמען פון אור־אַלטע צייטן און זאָלן זיין, אויב

---

ודורשיו ג, 251. [7] פסיקתא דרב כהנא, ציטירט לויטן ספר האגדה פון ביאַליק און רבניצקי. [8] ציטירט לויט ש. דובנאָוו, דברי ימי עם עולם, רה. [9] זע וועגן דעם ווייס, דור דור ודורשיו, ג, זייט 119 און ווייטער. [10] וואָס עלטער אַ מדרש איז אַלץ מער געפינט זיך דאָרט דער אַראַמישער עלעמענט, הויפּטזעכלעך אין די פאָלקס מעשיות און ווערטלעך; וואָס יינגער, אַלץ ווייניקער. די מיינונג פון צונצן איז, אַז אַלע דרשות זיינען לכתחילה געזאָגט געוואָרן אין דער פאָלקס שפּראַך, אַראַמיש, און די העברעאישע עלעמענטן זיינען ענטוועדער שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן, אָדער זיי זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן

ניט אין זייער איצטיקער פאָרם, איז לפּחות אין אינהאַלט, אזוי אַלט אפשר ווי דער חומש אַליין. און פון דער צווייטער זייט געפינען מיר שוין אין תנ״ך דעם סאַמע מעטאָד פון מדרש, דאָס דרשענען און אויסטייטשן: וואָס זיינען דען די פאַרשיידענע דערקלערונגען צו נעמען פון מענטשן און ערטער אין תנ״ך, אויב ניט דערדאָזיקער מדרש מעטאָד? שוין ניט צו רעדן וועגן די מדרש עלעמענטן אין די ספרים חיצונים, די אַפּאָקריפן, ווי אַ שטייגער דער ספר היובלים, אָדער די צוואות השבטים.

די אָרגאַנישע שייכותן און דער פּראָצעס פון יצירהדיקן המשך צווישן דעם תנ״ך און דער מדרש ליטעראַטור איז פיל טיפער ווי עס קוקט אויס פון אויבן אויף.

### ד. מדרש שבעל פה און מדרש שבכתב

אזוי ווי די הלכה, אזוי איז אויך די אגדה אין די אַלטע צייטן געווען אַ תורה שבעל פה, און די חכמים זיינען געווען שטאַרקע קעגנער פון שרייבן אגדה ספרים. ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: „דידאָזיקע אגדתא, ווער עס פאַרשרייבט זי, האָט ניט קיין חלק [לעולם הבא]". דערביי גיט ער צו, אַז זינט ער לעבט האָט ער נאָר איין מאָל אַריינגעקוקט אין אַן אגדה ספר [1]. אָבער פונקט ווי די חכמים האָבן זיך דערלויבט צו פאַרצייכענען הלכה עני־נים אין פּריוואַטע פּינקסים אויף ניט צו פאַרעפּנטלעכן [2], אזוי און נאָך מער האָבן עס געטאָן די דרשנים מיטן מדרש אגדה, און אין תלמוד ווערן אייניקע מאָל דערמאָנט ספרים פון אגדה. ר׳ חייא בר אבא, למשל, דערציילט וועגן אַן אגדה ספר [3]; ר׳ יעקב בר אחא ציטירט אַ ספר אגדתא פון רבס ישיבה [4]; אגדה ספרים ווערן פאַררעכנט צווישן די זאַכן, וואָס מענטשן זיינען גע־וואוינט זיי צו אַנטלייען איינער דעם אַנדערן [5]; ר׳ חיסדא הייסט ר׳ תחליפא בר אבינא, ער זאָל אַריינשרייבן באַשטימטע ווערטער מיט זייערע דערקלע־רונגען אין זיין אגדה ספר [6]; און אַ גמרא אין פּסחים [7] רעדט וועגן אַ ספר יוחסין, וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען, און וועגן אַ גוזמא מיט דרשות אויף געוויסע פּסוקים אין דברי הימים א(ח, לח—ט, מד), וואָס מע האָט זיי גע־דאַרפט פירן אויף פיר הונדערט קעמלען.

---

נאָר פאַרן ספר, אָדער געזאָגט געוואָרן פאַר חברים תלמידי חכמים (ספר הדרשות, 175).
[11] בובער ציילט אָן איבער 200 פרעמדע ווערטער, מערסטנס גריכישע און רוימישע, אין איכה רבה אַליין.

[1] ירושלמי שבת, פרק טז, הלכה א. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז נאָר אַ קעגנער־שאַפט צום פאַרשרייבן אגדה, ניט צו אגדה בכלל: גראָד פיגורירט ר׳ יהושע בן לוי זייער פּראָמינענט אין דער אגדה, און זיין תלמיד ר׳ שמעון בן פזי האָט פאַר אים מסדר געווען אגדות (בבלי ברכות י, א); און דאָס וואָס ער רעדט דאָרט אויך נעגאַטיוו אין שייכות מיט דעם וואָס דרשנט אגדה און מיט דעם וואָס הערט זיך צו צו דעם, האָט שוין וועגן דעם באַמערקט דער בעל „קרבן העדה", אַז דאָס רעדט זיך אַלץ וועגן דרשנען אגדה פון אַ געשריבענעם טעקסט. [2] זע בבלי שבת, קנו, א. [3] ירושלמי שבת, טז, הלכה א. [4] בבלי סנהדרין, נז, ב. [5] בבלי בבא מציעא, קטז, א. [6] בבלי חולין, ס, ב.

וואָס ווייטער איז דאָס פֿאַרשרייבן אגדה ספרים געוואָרן אַלץ אַ גרע־סערע נויטווענדיקייט, ביז מען איז געצוואונגען געוואָרן עס אָפֿיציעל צו סאַנקציאָנירן, פּונקט ווי ס׳איז געווען דער פֿאַל מיט דער הלכה. אַזוי, למשל, ווערט געבראַכט אין דער גמרא[8], אַז ר׳ יוחנן און ר׳ שמעון בן לקיש (אין דריטן יאָרהונדערט) פֿלעגן שבת אַריינקוקן אין אַ ספר אגדה, און אויף דער פֿראַגע: מע טאָר עס דאָך ניט פֿאַרשרייבן? איז געקומען דער ענטפֿער: עת לעשות לה׳, הפרו תורתך (תהלים קיט, קכו) — ווען עס קומט אויס עפּעס מתקן צו זיין לשם שמים, מעג מען בטל מאַכן אַ פֿאַרבאָט. און ר׳ יוחנן זאָגט[9]; ס׳איז אַ בונד געשלאָסן, — ווער עס לערנט אגדה פֿון אַ ספר, וועט עס ניט שנעל פֿאַרגעסן.

אַזוי זיינען אויפֿגעקומען די ערשטע קלאַסישע מדרש אגדה ספרים, וואָס די עלטסטע פֿון די וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדז זיינען, לויט אַלע פֿאָרשער, בראשית רבה און איכה רבה.

## ה. איכה רבה

איכה רבה, אָדער איכה רבתי[1], איז אַ מדרש אויף די פֿינף פּרשות פֿון מגילת איכה, מיט אַ צוגאָב פֿון פֿיר און דרייסיק (לויט מאַנכע פֿאָרשער — זעקס און דרייסיק[2]) פּתיחתאס, אַריינפֿירן. די פּתיחתאס זיינען געשאַפֿן גע־וואָרן דורך דעם, וואָס איידער דער בעל דרשן פֿלעגט אום תשעה באב אָנ־הייבן דרשענען און דערקלערן די פּסוקים פֿון איכה, פֿלעגט ער צוערשט געבן אַן אַלגעמיינעם אַריינפֿיר צום ענין, אין גייסט פֿון די האָמילעטישע מדרשים, געבויט אויף פּסוקים פֿון אַנדערע תנ״ך ספרים, מערסטנס פֿון נביאים און כתובים. ס׳איז אויסער יעדן ספק, אַז דערדאָזיקער ספר איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין ארץ ישראל. אויף דעם איז פֿאַראַן אַ דירעקטער באַווייז אינעם טעקסט[3]. אויף דעם ווייזן אויך אָן די גרויסע צאָל גריכישע און רוימישע ווערטער, וואָס ווערן גענוצט אין אָט דעם מדרש. דערצו איז, לויט די מערסטע פֿאָרשער, דער תלמוד ירושלמי דער הויפּט מקור מיט וועלכן דער בעל המדרש האָט זיך באַנוצט.

ניט אַזוי זיכער איז מען מיט דער צייט, ווען דער מדרש איכה איז צו־נויפֿגעשטעלט געוואָרן. לויט לעאָפּאָלד צונץ[4] איז עס געשען ערשט אין זי־בעטן יאָרהונדערט נאָך דער אַלגעמיינער צייטרעכענונג[5]. א. ה. ווי[6] דאַ־

---

[7] בבלי, סב, ב. [8] בבלי, גיטין, ס, א. [9] ירושלמי ברכות, פרק ה, הלכה א.

[1] דער נאָמען איכה רבתי נעמט זיך, לויט מאַנכע פֿאָרשער, פֿונעם אויסדרוק רבתי עם אין ערשטן פּסוק פֿון איכה. אַנדערע מיינען, אַז דערדאָזיקער נאָמען איז לכתחילה אָנגע־ווענדט געוואָרן נאָר אויף דער ערשטער פּרשה. לויט ווייס (דור דור ודורשיו, ג, 202) מיינט דאָ דאָס וואָרט רבתי דאָס זעלבע וואָס רבה, אין מדרש רבה — די גרויסע מדרש זאַמלונג אויפֿן געגעבענעם ספר, צו אונטערשיידן זי פֿון אַ פֿריערדיקער קלענערער זאַמ־לונג פֿון דרשות אויפֿן זעלבן ספר. אונדזער מדרש ווערט אויך באַצייכנט מיטן נאָמען אגדת איכה (רבינו חננאל, תענית יב, ב, וועלכער איז דער ערשטער אים צו ציטירן) און מגילת איכה (ערוך). [2] זע פּתיחתא א, באַמערקונג 4. [3] זע פּרשה א, ל, באַמ. 1; זע אויך פּרשה א, לד, באַמ. 2. [4] הדרשות בישראל, פרק ג. [5] זע פּרשה א, מב, באַמ. 6.

געגן ווייזט אָן אויפן פּאַקט, אַז אינעם גאַנצן ספר געפינט זיך ניט קיין איין מאמר פון אמוראים פונעם לעצטן דור פון תלמוד ירושלמי, כאָטש צווישן זיי זיינען געווען אויך בעלי אגדה, און ער קומט צום שלוס, אַז אונדזער מדרש איז צונויפגעשטעלט געוואָרן קורץ נאָך דער שליסונג פונעם ירו־שלמי (אַרום סוף פערטן אָדער אָנהייב פינפטן יאָרהונדערט).

די מדרשים בכלל האָבן אויסגעאיבט אַ גוואַלדיקע השפעה אויפן פאָלק, סיי דירעקט דורך לערנען מדרש, סיי, און נאָך מער, אומדירעקט, — דורך רש״י, דורך די פאַרשיידענע מוסר ספרים, און שפּעטער אויך דורך די עברי־טייטש ספרים, ווי אויך דורך די מגידים און דרשנים, וועלכע האָבן די מדרשים ווידער אַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ תורה שבעל פה און אויסגעשפּרייט זייער ווירקונג אויף די ברייטסטע שיכטן פונעם פאָלק.

באַזונדערס רעפּרעזענטאַטיוו פאַר דער מדרש ליטעראַטור איז דער מדרש איכה, און „מע קען אין דעם טראָפן זען דעם ים״. די גרונט פּרינציפּן פון דעם ספר זיינען דיזעלבע ווי פון די איבעריקע מדרשים. ווי זיי איז אויך דערדאָזיקער מדרש, מיט זיינע אומקאָמפּראָמיסלעכע רעליגיעז־עטישע פאָ־דערונגען, אַ דירעקטער המשך פון נבואה. די פאָדערונגען פון גערעכטיקייט זיינען אַבסאָלוט, אָן שום תנאים און באַדינגונגען. אין מיטן פון זיין גרויסן טרויער אויפן חורבן פאַרגעסט ניט דער בעל המדרש די סיבות וואָס האָבן דעם חורבן גורם געווען. און די סיבות זיינען קיינמאָל ניט קיין מאַטעריעלע אָדער פּאָליטישע. ווי פאַרן נביא, אַזוי איז אויך פאַרן בעל המדרש דער דאָמינירנדיקער כוח ניט דער פיזישער, נאָר דער גייסטיקער, „לא בחיל ולא בכוח, כי אם ברוחי״. און מיט זיין גאַנצער ליבשאַפט צו זיין פאָלק קאָן ער אָבער ניט, פּונקט ווי די נביאים אַמאָל, פאַרקוקן דאָס אומרעכט און די פאַרברעכנס, וואָס דאָס פאָלק איז באַגאַנגען, סיי קעגן אייגענע מענטשן, סיי קעגן פרעמדע. אַזוי, אַ שטייגער, ווערן צוזאַמען מיטן חטא פון עבודה זרה אָנגעגעבן ווי סיבות פאַרן ערשטן חורבן אויך אַזעלכע סאָציאַלע חטאים, ווי דאָס פאַרהאַלטן דעם אָרימאַנס משכון ביי זיך, דאָס אַרונטערדריקן דעם לוין פונעם געדונגענעם און דאָס ניט געבן דעם אָרימאַן וואָס אים קומט [7]. און לויט אַ צווייטן בעל דרשן איז דער חורבן געקומען איבער דער אכזריות מיט וועלכער די בני יהודה האָבן געהרגעט די געפאַנגענע בני שעיר, — עפּעס אויף וואָס דער תנ״ך אַליין האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט [8]. דער צוויי־טער חורבן ווידער איז געקומען בעיקר איבערן חטא פון שנאת חינם [9], און ביתר איז חרוב געוואָרן איבערן חטא פון פרייען זיך איבער ירושלימס חורבן, כאָטש זיי האָבן געהאַט זייערע סיבות דערפאַר [10]. זייער שאַרף און בילדעריש קומט דער עטישער מאָמענט צום אויסדרוק אין דעם אופן ווי דער פסוק כ פון פרשה ב ווערט געדרשנט: אויף ירמיהוס טענה, צי דאַרפן

[6] דאָרט, פּרק כג. [7] א, כח. [8] פּתיחתא יד. דידאָזיקע נביאישע אוניווערסאַלקייט קומט אויך צום אויסדרוק אינעם זאָג, אַז די זיבעציק אומות דאַרפן וויינען אויפן חורבן, ווייל ס׳איז ניטאָ מער ווער עס זאָל אויף זיי מכפּר זיין (א, כג). [9] זע ד, ג, די מעשה פון

פרויען עסן זייער פרוכט, געצערטלטע קינדער, ענטפערט דער רוח הקודש: דאַרף געהרגעט ווערן אין גאָטס הייליקטום אַ כוהן אַ נביא?[11]

נאָך בולטער ווי אין אַנדערע מדרשים קומט אין אונדזער מדרש צום אויסדרוק דאָס געפיל פון איבערצייטלעכקייט. ניטאָ פאַר אים קיין צייט גרעניצן. אַלץ עקזיסטירט און אַלץ קומט פאָר אין איין אייביקייט. געשעענישן פון פאַרשיידענע עפּאָכעס גיסן זיך צוזאַמען, און פערזענלעכקייטן פון ווייטע יאָרהונדערטער קומען זיך צונויף און טרויערן אינאיינעם אויפן בראָך פון זייער פאָלק. דערביי ווערן דידאַקטישע באַגעגענישן געשילדערט אַזוי לעבעדיק, אַזוי בילדעריש איבערצייגנדיק, אַז דער לייענער דערפילט זיך אַליין ווי אַן איבערצייטלעכער מיטצייטלער פון יענע פערזענלעכקייטן און ווי אַ שותף צו זייערע טענות און רייד[12].

אויך דער שטח צווישן הימל און ערד ווערט איינגעשרומפּן, און זיי ווערן אַזוי נאָענט איינס מיטן אַנדערן, אַז נאָר מיט דער האַנט אָנצונעמען[13]. די טרעפלעכע באַמערקונג פון לעאָפּאָלד צונץ, אַז די אגדה דערנענטערט צוערשט דעם הימל צו דער ערד, און דאַן זוכט זי אַרויפצוהייבן דעם מענטשן צום הימל, געפינט איר קלאַסיש-בילדלעכע באַגרינדונג הויפּטזעכלעך אין אונדזער מדרש, וואו צוזאַמען מיט דער פאַרווישונג פון די גרעניצן פון צייט ווערן אויך אָפּגעווישט די גרעניצן פון רוים, און הימל און ערד, כביכול און מלאכים און מענטשן, — אַלץ באַוועגט זיך אין איין גרויסער רוימלעכער גרענעצלאָזיקייט.

ניט קוקנדיק אָבער אויף זייער אָפטן איגנאָרירן דעם פאַקטאָר פון צייט און אָרט, לעבן דאָך די בעלי המדרש אין אַ הי-וועלטיקער אַטמאָספערע און אָפּערירן מיט הי-וועלטיקע און רעאַלע באַגריפן. יאָ, דאָ און דאָרט זייַנען פאַראַן שטעלן, וואו די בעלי המדרש ווייזן אַרויס באַהאַוונטקייט אינעם איבעררעאַלן, אין די מיסטעריעס פון די הימלישע ספערן. אַ שטייגער, די נאַטירלעכקייט און רעאַליסטישקייט מיט וועלכער עס ווערט דערמאָנט יעקבס בילד, וואָס איז אויסגעקריצט אויפן כיסא הכבוד[14]; אָדער דער מאמר וועגן די מלאכים וואָס זיינען ממונה אויף וואַסער און פייער און אייזן[15]; צי דער זאָג, אַז אויך די אויבערשטע וועלטן האָבן אַ קיום נאָר אין זכות פון דער צדקה וואָס ישראל טוט; הייגט די דרשה אויפן פסוק צור ילדך תשי, אַז אפילו דער כוח פון הקדוש-ברוך-הוא אַליין ווערט כביכול אָפּגעשוואַכט, ווען ישראל טוט ניט זיין רצון[16], — דאָס אַלץ באַווייזט, אַז די באַגריפן פון דער קבלה וועלט זיינען זיי געווען היימיש און נאָענט. אָבער דיזעלבע ריכטליניע וואָס די מסדרים פונעם תנ"ך האָבן געהאַט פאַר זיך, אַז הנסתרות לה׳ אלהינו, והנגלות לנו ולבנינו — דאָס פאַרבאָרגענע איז פאַר גאָט אונדזער גאָט,

[10] ב, ד. [11] ב, כג. [12] זע פתיחתא כד. [13] אַמאָל אפילו קמצא און בר־קמצא. בוכשטאַבלעך: אין דער נאַכט פון תשעה באב איז אברהם אבינו אַריין אין קדשי קדשים. האָט אים הקדוש־ברוך־הוא אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַרומגעשפּאַצירט מיט אים אין דער לענג און אין דער ברייט (א, כ). [14] ב, ב. [15] ב, ה. [16] א, מא

און דאָס אַנטפּלעקטע איז פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער[17], — די־זעלבע ריכטליניע איז אויך געווען פאַר די אויגן פון די בעלי אגדה ביים מסדר זיין דעם מדרש, און ווי אין תנ"ך אזוי אויך דאָ שפּילט דאָס רעאַלע און הי־וועלטיקע די הויפּט ראָל, און די באַגעגענישן פון די אויבערשטע וועלטן מיט די אונטערשטע קומען פאַר אונטן, אויף אונדזער ערד.

אונדזער מדרש איז באַזונדערס פּאָפּולער געוואָרן אַ דאַנק דעם נאַ־ציאָנאַלן פּאַטאָס מיט וועלכן ער איז דורכגעדרונגען. איכה רבתי איז דער ספר איוב פון דער מדרש ליטעראַטור, וועמעס צענטראַלע פיגור, דער איוב, איז דאָס ליידנדיקע פאָלק ישראל. זייער פיל דערמאָנט דאָ אָן יענעם וואונ־דערלעכן ספר : די שאַרפע בילדלעכקייט און די פּלאַסטישע בולטקייט, מיט וועלכע די יסורים פונעם קאָלעקטיוון איוב ווערן אַרויסגעבראַכט כמעט אויף יעדן בלאַט, און די טיפע פאַרבענקטקייט און נאָסטאַלגיע, מיט וועלכער די כנסת ישראל דערמאָנט זיך אין די אַלטע גוטע צייטן[18]; דאָס זוכן די סיבות פון די יסורים אין די חטאים פונעם געשטראָפטן, און דאָס אַרויסשטעלן קעגן דעם די צידקות פון ישראל, וואָס האָט דער איינציקער פון אַלע פעלקער אַרויסגעוויזן די גרייטקייט מקבל צו זיין די תורה[19], און וואָס איז נאָך די אַלע פורעניותן שטענדיק גרייט מקבל צו זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים און צוויי מאָל אַ טאָג זאָגן שמע ישראל[20]; דאָס שילדערן די באַליי־דיקנדיקע באַציאונג פון די אומות העולם צום געפּלאָגטן פאָלק ישראל[21], און די שאַרפקייט פון דער טענה קעגן דעם רבונו־של־עולם, הלמאי ער אַליין, אין זיין גרויסן צאָרן אויף זיין פאָלק, היט ניט אָפּ די פאָדערונגען פון גערעכטיקייט און די געבאָטן פון זיין אייגענער תורה[22].

אָבער דווקא און דורך אין גייסט פון מדרש איז דערדאָזיקער ספר דורכ־גענומען מיט פאָלקסטימלעכער האַרציקייט און צאַרטער לירישער געפיל־פולקייט. דאָ איז דער כביכול ניט ווי דער בורא עולם אין ספר איוב, וואָס זיצט אין די ווייטע הימלען און קוקט זיך צו אין עפּישער רואיקייט, ווי זיין ליידנדיקער קנעכט רייסט פיזיש און גייסטיק די הויט פון זיך. דער רבונו־של־עולם איז דאָ אַ נאָענטער טאַטע, וואָס פייניקט זיך אַליין, כביכול, מיט די צרות פון זיין געשטראָפטן זון. ניט נאָר וויינט ער אַליין אויפן חורבן און וויל פון די מלאכים קיין טרייסט ניט נעמען[23], נייערט ער האָט נאָך טענות צו ירמיהן, הלמאי ער ווייטיקט ניט (!) ניט איבער אים, ניט איבער זיין זון, און ער שיקט אים וועקן די אבות פון זייערע קברים, „דען זיי ווייסן ווי צו וויינען"[24]. און אַז ישראל גייט אין גלות, גייט ער ניט אַליין, נייערט די

(זע דאָרט אויך די מעשה, ווי דער מלאך בעט דעם כרוב, ער זאָל אים אַביסל אָפּקילן די ברענענדיקע קוילן); א, לג. [17] דברים כט, כח. [18] זע פּתיחתא כד, ז' 60—62. [19] ג, א. [20] א, מב. פאַרגלייך איוב יג, טו : הן יקטלני — אפילו ער זאָל מיך טייטן, וועל איך אַלץ האָפן צו אים (זע רש"י). [21] זע פּתיחתא יז, ווי פּאַיאַצן פלעגן חוזק מאַכן פון יידן, און א, לט, די מעשה מיט די צוויי זונות. [22] א, לז. זע אויך א, נו, וואו עס ווערט געוואָרפן אויפן כביכול די שולד פאַר דעם, וואָס די אומות העולם ווילן ניט אויפנעמען ישראל ווי אַ גלייכן צווישן גלייכע. [23] ז' 58, 62. [24] ז' 64; זע אויך סוף

שכינה גייט מיט מיט אים [25] און טראָגט מיט די פאַרזיכערונג, אַז דער גלות איז ניט אייביק, דען „יעדערער וואָס ווערט אין כעס, בעט זיך לסוף איבער" [26], און „יעטוועדע כלי וואָס איז אויסגעליידיקט (ירושלים) וועט לסוף אָנגעפילט ווערן" [27].

די פּאָפּולאַריטעט פון איכה רבה האָט אויך פיל געוואונען פון דעם פאַקט, וואָס אונדזער מדרש איז זייער רייך אין פאָלקס מעשיות (וואָס זייגען, אגב, היפּש וויכטיק פאַר געשיכטע פאָרשונג), סיי וועגן די חורבנות, סיי וועגן דער גרויסקייט און גלאָריע פונעם פאָלק ישראל אין די אַלטע צייטן. אַ צאָל פון אָט די מעשות זיינען דורכגעדרונגען מיט פיינעם הומאָר, גאַנץ אין גייסט פון דער יידישער טראַדיציע, אַז אזוי ווי עס טאָר ניט זיין קיין שמחה, וואו מע זאָל ניט דערמאָנען דעם חורבן ירושלים, אזוי טאָר מען זיך אויך ניט אַריינלאָזן אין אַן אַבסאָלוטן און אַלץ פאַרניכטנדיקן טרויער [28].

די הלכה און די אגדה זיינען צוויי טויזנט יאָר געווען דאָס גייסטיקע היימלאַנד פון אונדזער פאָלק. די הלכה האָט געגעבן פאָרם דעם יידישן פאָלקס לעבן, זי איז געווען די רייף וואָס האָט אַרומגענומען דעם יידישן יחיד און דעם יידישן כלל מיט אייזערנער דיסציפּלין און ניט געלאָזט אים אויפלייזן זיך אין דעם ים פונעם פרעמדן און פיינטלעכן אַרום. די אגדה, הויפּטזעכלעך אין איר מדרש פאָרם, איז געווען די סאַמע נשמה פונעם יידישן פאָלקס לעבן, דאָס אינעווייניקסטע ליכט, וואָס האָט שטיל, באַשיידן און אינטים־נשמהדיק, אָבער מיט אומגעוויינלעכער זיכערקייט, באַלויכטן די געצעלטן פון יעקב אין דער חשכות פון אומאויפהערלעכע רדיפות און פּיינ־לעכע באַליידיקונגען. דאָסדאָזיקע ליכט האָט געשטאַרקט דעם מאָראַלישן רוקנביין פונעם געטאָ יידן, אָנגעהאַלטן אין אים זיין מענטשלעכע ווירדע און געפלעגט אין אים דעם טיפן גלויבן אין אַ בעסערער וועלט פאַרן איי־גענעם פאָלק און פאַרן מין מענטש בכלל, דעם גלויבן אין אַ יום שכולו טוב.

***

לסוף וויל איך דערמאָנען בדחילו ורחימו מיין ערשטן רבין און מדריך, מיין זיידן ר' צבי הירש בר' יצחק דונסקי ע"ה, דעם שווערן יגיע כפּימניק, וואָס דער מדרש איז געווען זיין לעבנס אָטעם, און וואָס האָט אין מיינע גאָר פריע קינדער יאָרן איינגעפלאַנצט אין מיר אַ טיפע ליבשאַפט צו די אַלטע אוצרות פון יידישן גייסט בכלל און צום מדרש בפרט, — אַ ליבשאַפט, וואָס האָט זיך זיכער אָפּגערופן אין אָט דער אַרבעט מיינער. ווען ניט דידאָ־זיקע ירושה ליבשאַפט, איז אַ גרויסער ספק, צי וואָלט איך פאַרמאָגט אין זיך גענוג כוח גובר צו זיין די גאָר שווערע באַדינגונגען, אונטער וועלכע איך האָב דידאָזיקע אַרבעט געטאָן, און זי ברענגען לידי גמר. יהי זכרו ברוך.

שמשון דונסקי

---

פתיחתא ח. [25] א, נד. [26] א, כג. [27] סוף פתיחתא ה. [28] זע די מעשות אין פרשה א, ד—יט.

# אייניקע באַמערקונגען צו דער פאָרליגנדיקער אויסגאַבע

א. נאָך אַ פאַרגלייך מיט פאַרשיידענע אויסגאַבעס, באַזונדערס מיט דער פון ש. בובער (ווילנע, 1899), און אין איינקלאַנג מיט דער מיינונג פון פאַרשיידענע מפרשים, זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין טעקסט אַ צאָל שינויי נוסחאות (אַמאָל אויך הוספות), וועלכע מאַכן דעם טעקסט קלאָרער און פאַרשטענדלעכער. יעדע ענדערונג פון דעם מין ווערט באַגלייט מיט אַ באַמערקונג, אָנווייזנדיק אויף וועלכן יסוד זי איז געמאַכט געוואָרן. דערביי ווערט דער אַלטער נוסח געגעבן אין האַלב קיילעכדיקע קלאַמערן און דער נייער — אין קאַנטיקע, כדי צו לאָזן די מעגלעכקייט פון פאַרגלייכן די נוסחאות.

ב. די ציטירטע פסוקים ווערן געגעבן, סיי אין אָריגינאַל, סיי אין דער איבערזעצונג, ווי אויך אין די באַמערקונגען, אין דינער שריפט, כדי עס זאָל זיין לייכט אָפּצושיידן דעם פסוק פון דעם דרש.

ג. כדי לייכטער צו מאַכן פאַרן לערנער נאָכצוקוקן דעם פסוק אין אָריגינאַל, ווערט אין די מראי מקומות פון די פסוקים אָנגעגעבן, חוצן קאַפּיטל, אויך די נומערישע באַ־צייכענונג פונעם פסוק.

ד. דער טעקסט, ווי די איבערזעצונג, איז איינגעטיילט אין קורצע פּאַראַגראַפן און באַזאָרגט מיט אַ פולער פונקטואַציע, וואָס איז אָפט אַ פירוש פאַר זיך אַליין.

ה. די מערסטע ראשי תבות, וואָס די אַלטע אויסגאַבעס זיינען פול מיט זיי, ווערן דאָ געגעבן אין זייער פולן אויסלייג, מיטן אויסנאַם פון אַ קליינער צאָל, וועלכע חזרן זיך איבער זייער אָפט.

ו. די איינטיילונג פון די סימנים (קאַפּיטלעך) איז געמאַכט געוואָרן לויט דער ווילנער אויסגאַבע פון האלמנה והאחים ראם (מיטן אויסנאַם פון סימן כא, פרשה א, וואו אַן ענדערונג איז געמאַכט געוואָרן אין איינקלאַנג מיטן אינהאַלט).

ז. פון די וויכטיקסטע פירושים, מיט וועלכע דער איבערזעצער האָט זיך באַנוצט, איז דאָ כדאי צו דערמאָנען דעם מתנות כהונה פון ר׳ ישכר בער בר׳ נפתלי הכוהן בערמאַן פון שעברעשין (ערשטער דרוק — קראָקע, 1588); דעם יפה תואר פון ר׳ שמואל יפה אשכנזי (אָנגעהויבן אין 1597, געדרוקט נאָך זיין טויט); דעם רד״ל — ר׳ דוד לוריא פון ביכאָוו (ערשטער דרוק — ווילנע, 1845), וועלכער איז זייער וויכטיק מיט זיינע טעקסט אויסבעסערונגען; דעם רש״ש — ר׳ שמואל שטראַשון פון ווילנע (ערשטער דרוק — ווילנע, 1845); און דעם מהרז״ו — ר׳ זאב וואָלף איינהאָרן (ערשטער דרוק — ווילנע, 1855, נאָך זיין טויט).

פון די איבערזעצונגען וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן ביי דער אַרבעט איז וויכטיק צו דערמאָנען די דייטשע איבערזעצונג פון וואונטשע (לייפּציג, 1881), די ענגלישע פון א. כהן (לאָנדאָן, 1939) מיט אירע צאָלרייכע באַלערנדיקע באַמערקונגען, און די יידישע איבערזעצונגען פון מוהרי״ם יעבץ (איבערדרוק „אורה״, ניו יאָרק, תש״ו) און פון נפתלי שרגא פייגענזאָהן (ניט פולע איבערזעצונג, געדרוקט ביי ר׳ יהודה לייב בן אליעזר ליפּ־מאַן מ״ץ, ווילנע, תרל״ו).

וואָס איז שייך די שנויי נוסחאות דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן די איכה רבה אויסגאַבע פון ש. בובער, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט אַ מאַנוסקריפּט פון דער רוימישער בי־בליאָטעק און פונעם בריטישן מוזעאום.

בנוגע דער איבערזעצונג פון די תנ״ך פסוקים איז דאָ כדאי צו דערמאָנען די תנ״ך איבערזעצונג פון יהואש, די חמש מגילות איבערזעצונג פון נפתלי גראָס, דעם טייטש חומש, די יידישע איבערזעצונג פון דער „היברו פּאַבלישינג קאָ.״ און די אָפיציעלע ענגלישע תנ״ך איבערזעצונג, אויסער, נאַטירלעך, די פאַרשיידענע טראַדיציאָנעלע תנ״ך מפרשים.

(שליסל צו די געבליבענע ראשי תבות אויף זייט 364).

# מדרש איכה רבה

(איכה רבתי)

# די פּתיחתא פון די חכמים

## א

ר׳ אבא בר כהנא האָט אָנגעהויבן[1] [זיין דרשה מיטן פסוק] (ישעיה י, ל): צַהֲלִי קולך, בת-גלים — לאָז הערן דיין קול, טאָכטער פון גלים, — ישעיה האָט געזאָגט צו ישראל: איידער איר זאָלט זאָגן שירים און מזמורים פאַר דער עבודה זרה, לאָז הערן דיין קול מיט די ווערטער פון דער תורה, לאָז הערן דיין קול אין די שולן; טאָכטער פון גלים (כוואַליעס), — אזוי ווי די כוואַליעס זיינען אָפּגעצייכנט אין ים, אזוי זיינען זייערע עלטערן אָפּגעצייכנט[2] אויף דער וועלט. אַן אַנדער פּשט: בת-גלים — בת־גולים, די טאָכטער פון וואַנדערער: די טאָכטער פון אברהמען, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (בראשית יב, י): ויהי — און עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד, און אברהם האָט אַראָפּגענידערט קיין מצרים; די טאָכטער פון יצחקן, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (דאָרט כו, א): וילך — און יצחק איז געגאַנגען צו אבימלכן, דעם מלך פון די פלשתים, קיין גרר; די טאָכטער פון יעקבן, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (דאָרט כח, ז): וילך — און ער איז געגאַנגען קיין פּדן ארם. (ישעיה, דאָרט) הקשיבי — הער זיך צו, — הער זיך צו צו מיינע מצוות, הער זיך צו צו די ווערטער פון דער תורה, הער זיך צו צו די ווערטער פון נבואה, הער זיך צו צו די געבאָטן פון צדקה און מעשים טובים; לישה, — און אויב ניט, וועט קומען אויף דיר דער ליש[3] דער לייב, דאָס איז נבוכדנצר הרשע, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (ירמיה ד, ז): עלה אריה — אַ לייב איז אויפגעגאַנגען פון זיין וואַלד געדיכטעניש. (ישעיה, דאָרט) עניה — דו אָרימע, — אָרים אין צדיקים, אָרים אין ווערטער פון נבואה, אָרים אין מצוות און מעשים טובים; ענתות — און אויב ניט, וועט קומען דער נביא פון ענתות און נביאות זאָגן אויף דיר, ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה א, א): דברי ירמיהו — די ווערטער פון ירמיהו דעם זון פון חלקיהו, [פון די כוהנים, וואָס אין ענתות]. און ווי די שטראָף איז געקומען, אזוי האָט ער געקלאָגט אויף זיי איכה[4].

---

[1] ווערטערלעך: האָט געעפנט, און דערפון קומט דער נאָמען פּתיחתא פאַר דעמדאָזיקן אַריינפיר צום ספר: עפענונג. פאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָס מיינט בוכשטאַבלעך געעפנט — געעפנט דעם תנ״ך אַרויסצולייענען דעם נויטיקן פּסוק, אין איינקלאַנג מיט דער גמרא (גיטין ס, ב; תמורה יד, ב), אַז דברים שבכתב אי אתה רשאי לאומרם בעל־פּה — טעקסטן פון דער תורה שבכתב טאָר מען ניט זאָגן אויסנווייניק, נאָר מע מוז זיי לייענען פונעם ספר. — דער מהרז״ו, שטיצנדיק זיך אויף אַ ירושלמי אין שקלים, פּרק ה, זאָגט אין זיין פּירוש הארוך אויפן ערשטן מאמר פון בראשית רבה, אַז דער אויסדרוק פּתח מיינט אויפגעעפנט דאָס פאַרמאַכטע, — אויפגעקלערט דאָס אומפאַרשטענדלעכע, דאָס פאַר־

# פתיחתא דחכימי

## א

רבי אבא בר כהנא פתח (ישעיה י׳): צהלי קולך בת גלים, — אמר ישעיהו לישראל: עד שאתם אומרים שירים ומזמורי״ם לפני עבודת כוכבים, צהלי קולך בדברי תורה, צהלי קולך בבתי כנסיות; בת גלים, — מה גלים הללו מסויימין בים, כך אבותיהם מסויימין בעולם. ד״א: בת גלים — בת גולים, ברתיהון דגלוואי: בתו של אברהם, אותו שכתוב בו (בראשית י״ב): ויהי רעב בארץ וירד אברם מצרימה; בתו של יצחק, שכתוב בו (שם כ״ו): וילך יצחק אל אבימלך מלך פלשתים גררה; בתו של יעקב, שכתוב בו (שם כ״ח): וילך פדנה ארם. — הקשיבי — הקשיבי למצותי, הקשיבי לדברי תורה, הקשיבי לדברי נבואה, הקשיבי לצדקות ומעשים טובים; לישה ואם לאו, לישה, — הא אריה סליק עלך, זה נבוכדנצר הרשע, דכתיב ב״ה (ירמיה ד׳): עלה אריה מסובכו.— עניה, — עניה מן הצדיקים, עניה מדברי נבואה, עניה ממצות ומעשים טובים; ענתות — ואם לאו, ענתות: הא ענתותא אתי ומתנבא עליך, דכתיב (שם א׳): דברי ירמיהו בן חלקיהו, וגו׳. כיון שבא הפורענות, קונן עליהם איכה.

---

הוילנע (אידענטיש מיטן אויסדרוק פתר קריא — דערקלערט דעם פסוק, וואָס מיר געפינען אָפט אין מדרש). [2] אָפּגעזונדערט פון אַנדערע פעלקער. [3] לישה — אַ נאָמען פון אַ שטאָט, ליש — אַ לייב. [4] לויט דער מסורה איז ירמיה דער מחבר פון מגילת איכה. — אין אַלע אויסגאַבעס ווערט דערדאָזיקער אַריינפיר צו איכה רבה איינגעטיילט אין פיר און דרייסיק פּתיחתאס (לויט צונץ — אין דריי און דרייסיק), וואָס מיטן אויסנאַם פון די פּתיחתאס כה און כח, וואָס דער טרויער קומט דאָרט צום אויסדרוק אויף אַן אַנדער אופן, און טז, כד, לד, וואָס ענדיקן זיך מיט טרייסט רייד, פאַרענדיקט זיך יעדע איינע מיט איכה, אויסער די פּתיחתאס ב און לא, אין וועלכע דערדאָזיקער אויסדרוק געפינט זיך אויך אין מיטן. פון דעם ציט דער מהרז״ו דעם שלוס, אַז דידאָזיקע צוויי פּתיחתאס דאַרפן געטיילט ווערן אין צווייען און צוזאַמען דאַרפן זיין זעקס און דרייסיק. דידאָזיקע מיינונג ווערט אויך געשטיצט פון ש. בובער אינעם אַריינפיר צו זיין איכה רבה אויסגאַבע (ווילנע, תרנט), וואו ער ווייזט אָן, אַז די צאָל זעקס און דרייסיק קאָרעספּאָנדירט מיטן באַטרעף פוגעם וואָרט איכה (זע ווייטער, פּרשה א, א, דעם מאמר פון ר׳ לוי). לויט י. אייבראהאמס, אין זיין אָפּהאַנדלונג „קוואַלן פון מדרש איכה רבה" (ענגליש, בערלין, 1883), גרייכט די צאָל פּתיחתאס ביז 38, איינטיילנדיק אין צווייען די פּתיחתא ט,

ב

ר׳ אבא בר כהנא האָט אָנגעהויבן (ירמיה ט, יא): מי האיש — ווער איז דער קלוגער מאַן, וואָס זאָל דאָס פאַרשטיין — — —[1] [פאַרוואָס איז צוגרונט געגאַנגען דאָס לאַנד]? ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט[2]: אויב דו זעסט, ווי שטעט אין ארץ ישראל ווערן אויסגעריסן פון זייער אָרט, זאָלסטו וויסן, אַז זיי האָבן ניט אָפּגעהיט צו צאָלן שכר לימוד די פסוק מלמדים[3] און די משנה מלמדים, ווי דער פסוק זאָגט: פאַרוואָס איז צוגרונט געגאַנגען דאָס לאַנד? — — — און גאָט האָט געזאָגט: פאַר זייער פאַרלאָזן מיין תורה.

רבי[3א] האָט געשיקט ר׳ אסין און ר׳ אמין, זיי זאָלן גיין און ברענגען אָרדנונג אין די שטעט פון ארץ ישראל. און אַז זיי פלעגן אַריינקומען אין אַ שטאָט, פלעגן זיי זאָגן צו זיי: „ברענגט אונדז די שטאָט היטערס״. פלעגט מען זיי ברענגען דעם וואַך עלטסטן און דעם שטאָט עלטסטן. האָבן זיי געזאָגט צו זיי: „זיינען זיי דען די שטאָט היטערס? זיי זיינען די שטאָט צעשטערערס״[4]. האָט מען געזאָגט צו זיי: „טאָ ווער-זשע זיינען די שטאָט היטערס?״ האָבן זיי געזאָגט צו זיי: „דאָס זיינען די פסוק מלמדים און די משנה מלמדים, וואָס טוען לערנען און איינחזרן און אָפּהיטן די תורה ביי טאָג און ביי נאַכט, ווי דער פסוק זאָגט (יהושע א, ח): והגית — און דו זאָלסט אַריינטראַכטן אין דעם טאָג און נאַכט; און אזוי זאָגט נאָך אַ פסוק (תהלים קכז, א): אם — אויב גאָט בויט ניט אַ הויז, מיען זיך אומזיסט זיינע בויערס אויף אים; אויב גאָט היט ניט אַ שטאָט, וואַכט אומזיסט דער שומר.

ר׳ הונא און ר׳ ירמיה האָבן אין נאָמען פון ר׳ שמואל דעם זון פון ר׳ יצחקן געזאָגט: מיר געפינען, אַז הקדוש-ברוך-הוא האָט פאַרקוקט געצנדינסט און גילוי עריות[5] און בלוט פאַרגיסונג, אָבער ער האָט ניט פאַרקוקט דאָס פאַראַכטן די תורה, ווי דער פסוק זאָגט: פאַרוואָס איז צוגרונט געגאַנגען דאָס לאַנד? — דאָ שטייט ניט געשריבן „פאַר געצנדינסט און פאַר גילוי עריות און פאַר בלוט פאַרגיסונג״, נייערט פאַר זייער פאַרלאָזן מיין תורה.

ר׳ הונא און ר׳ ירמיה האָבן אין נאָמען פון ר׳ חייא בר אבא געזאָגט: עס שטייט געשריבן (ירמיה טז, יא): ואותי — און מיך האָבן זיי פאַרלאָזן און מיין תורה האָבן זיי ניט אָפּגעהיט, — „ליבערשט וואָלטן זיי שוין מיך פאַר-לאָזן און מיין תורה אָפּגעהיט״: ווען זיי וואָלטן זי געלערנט, וואָלט די ליכטי-קייט אירע זיי צוריקגעבראַכט צום גוטן. ר׳ הונא האָט געזאָגט: לערן תורה אפילו שלא לשמה[6], ווייל פון שלא לשמה קען מען קומען צו לשמה. ר׳ יהושע

---

ווייל אין איר חזרט זיך אויך איבער צוויי מאָל דער נוסח וכיון שחטאו — — — איכה (בובערס מיינונג איז, אַז דאָס האָט אַ שפּעטערדיקער מסדר צוגעגעבן), און די פתיחתא כה, וואו עס הויבט זיך אָן, לויט זיין מיינונג, אַ נייע פתיחתא מיטן פּאַראַגראַף עשר מסעות — צען ציאונגען — — — ווייל דאָרט הויבט זיך אָן אַ פולשטענדיק נייער ענין.

[1] אין טעקסט געפינט זיך דאָ די באַצייכענונג וגו׳ (וגומר, און פאַרענדיק, און אזוי ווייטער). אין דער איבערזעצונג ווערט אנשטאט דער קאָרעספּאָנדירנדיקער יידישער פאַר-קירצונג (או״וו) געגעבן דריי שטריכן. דאָרט אָבער, וואו צוליב דער פאַרקירצונג איז

ב

**רבי אבא בר כהנא פתח** (שם ט׳): מי האיש החכם ויבן את זאת, **וגו׳. תני רשב״י: אם ראית עיירות נתלשות ממקומן בארץ ישראל דע, שלא החזיקו בשכר סופרים ובשכר משנים, שנאמר** (שם): על מה אבדה הארץ? — — — ויאמר ה׳: על עזבם את תורתי.

**רבי הוה משלח לר׳ אסי ולר׳ אמי, דיפקון ויתקנון קרייתא דארעא דישראל. והוון עלין לקרייתא ואמרין להון: „אייתו לן נטורי קרתא״. והוון מייתו להון ריש מטרתא וסנטרא. והוון אמרין להון: „אלין נטורי קרתא? אלין חרובי קרתא״. אמרו להון: „ומאן אינון נטורי קרתא?״ א״ל: „אלו סופרים ומשנים, שהם הוגים ומשנים ומשמרין את התורה ביום ובלילה, על שם שנאמר** (יהושע א׳): והגית בו יומם ולילה; **וכן הוא אומר** (תהלים קכ״ז): אם ה׳ לא יבנה בית, וגו׳״.

**ר׳ הונא ור׳ ירמיה בשם ר׳ שמואל ברבי יצחק אמר: מצינו, שויתר הקב״ה על עבודת כוכבים ועל גילוי עריות ועל שפיכת דמים, ולא ויתר על מאסה של תורה, שנאמר:** על מה אבדה הארץ — **„על עבודת כוכבים ועל גילוי עריות ועל שפיכות דמים״ אין כתיב כאן, אלא** על עזבם את תורתי. **ר׳ הונא ור׳ ירמיה בשם ר׳ חייא בר אבא אמרי: כתיב** (ירמיה ט״ז): ואותי עזבו ואת תורתי לא שמרו, — **הלואי אותי עזבו ותורתי שמרו: מתוך שהיו מתעסקין בה, המאור שבה היה מחזירן למוטב. רב הונא אמר: למוד תורה, אע״פ שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה. אריב״ל: בכל**

---

שווער צו פאַרשטיין דעם טעקסט, ווערט אין דער איבערזעצונג צוגעגעבן דער אויסגע־לאָזטער טייל פונעם פסוק אין פירעקיקע קלאַמערן. [2] ירושלמי חגיגה, פרק א, הלכה ז. [3] תנך מלמדים; אין אָריגינאַל סופרים, איבערשרייבער, ווייל די תנך איבערשרייבער פלעגן געווײנטלעך אויך זיין די מלמדים. לויט אַ גמרא אין קידושין (ל, א) האָבן זיך די סופרים גערופן מיט אָט דעם נאָמען, ווייל זיי פלעגן ציילן (פונעם שורש ספר) די אותיות פון דער תורה. טייטשן דעריבער מאַנכע פאַרשער דאָס וואָרט סופרים — לערנער, פאָרשער. [3א] לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן דאַרף דאָ שטיין ר׳ יהודה נשיאה (ר׳ יהודה דער צווייטער, רביס אַן אייניקל, געווען נשיא בערך אין די יאָרן 160 — 216 נאָכן חורבן; לויט אַנדערע — ר׳ יהודה דער דריטער); ר׳ אמי און ר׳ אסי זיינען געווען פון דריטן דור אמוראים, שוין נאָך רביס טויט. [4] אויב מע פאַרלאָזט זיך נאָר אויף זיי, מוז די שטאָט חרוב ווערן. [5] אינטימער פאַרקער צווישן נאָענטע משפחה מענטשן. [6] לשמה — פאַר איר (דער תורהס) נאָמענס וועגן, לערנען צוליב דער מצווה פון לערנען אַליין; שלא לשמה — לערנען צוליב זייטיקע כוונות.

בן לוי האָט געזאָגט: יעטוועדן טאָג גייט ארויס אַ בת-קול פון באַרג חורב און זאָגט: „ווי איז צו די מענטשן פאַר דעם בזיון פון דער תורה!".

שמואל האָט דאָס געלערנט [7] אין נאָמען פון ר' שמואל בר אמי: ווען איז מלכות גוזר אַ גזרה, און די גזרה גיט זיך איר איין? בשעת יידן וואַרפן די ווערטער פון דער תורה צו דער ערד; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דניאל ח, יב): וצבא — און דער חיל וועט געגעבן ווערן איבער דעם קרבן תמיד פאַר דעם פאַרברעכן, [און עס האָט געוואָרפן דעם אמת צו דער ערד, און עס האָט געטאָן און מצליח געווען]: צבא, חיל, איז ניט אַנדערש נייערט די מלכותן, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה כד, כא): יפקד — גאָט וועט באַשטראָפן דעם חיל פון דער הייך [8]; קרבן תמיד, — דאָס מיינט מען ישראל, ווי עס שטייט געשריבן (יהושע א, ח): והגית — און דו זאָלסט אַריינטראַכטן אין דעם טאָג און נאַכט; — בפשע — פאַר דעם פאַרברעכן קעגן דער תורה: כל זמן יידן וואַרפן די ווערטער פון דער תורה צו דער ערד, איז מלכות מצליח מיט אירע גזרות, ווי עס שטייט געשריבן: און עס האָט געוואָרפן דעם אמת צו דער ערד, און אמת איז ניט אַנדערש נייערט די תורה, ווי דער פסוק זאָגט (משלי כג, כג): אמת קנה — אמת קויף, און זאָלסט עס ניט פאַרקויפן [9]; און האָסטו געוואָרפן די ווערטער פון דער תורה צו דער ערד, אזוי האָט מלכות גלייך מצליח געווען. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: און עס האָט געטאָן און מצליח געווען.

ר' יהודה בן פזי האָט געזאָגט (הושע ח, ג): זנח — פאַרלאָזן האָט ישראל דאָס גוטס, און גוטס איז ניט אַנדערש נייערט די תורה, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ד, ב): כי לקח טוב — דען אַ גוטע לערע האָב איך אייך געגעבן, [מיין תורה זאָלט איר ניט פאַרלאָזן].

ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: עס זיינען ניט אויפגעקומען ביי די אומות העולם נאָך אַזעלכע פילאָסאָפן ווי בלעם בן בעור און אבנימוס הגרדי [10]; האָט מען געזאָגט צו זיי: „קענען מיר זיך אָנהייבן מיט דערדאָזיקער אומה?" האָבן זיי געזאָגט צו זיי: „גייט אום איבער זייערע שולן, — אויב דאָס קליינוואַרג צוויטשערט מיט זייערע קולות, וועט איר זיי ניט בייקומען; אויב אָבער ניט, וועט איר זיי בייקומען. וואָרום אזוי האָט זיי מבטיח געווען זייער פאָטער, זאָגנדיק צו זיי (בראשית כז, כב): הקול — דאָס קול איז יעקבס, אָבער די הענט זיינען עשוס, — כל זמן דאָס קול פון יעקבן [לאָזט זיך הערן] אין די שולן און בתי מדרשים, זיינען די הענט ניט עשוס [11]; אָבער ווען זיין קול קלינגט ניט אין די שולן און בתי מדרשים, זיינען די הענט עשוס". און אזוי זאָגט דער פסוק (ישעיה ה, כד): לכן — דארום, אזוי ווי עס פאַרצערט שטרוי די צונג פון פייער, — קען דען שטרוי פאַרצערן פייער? דער שטייגער איז דאָך, אַז פייער פאַרצערט שטרוי, און דו זאָגסט אזוי ווי עס פאַרצערט שטרוי די צונג פון פייער! נייערט שטרוי דאָס איז דאָס הויז פון עשון, ווי דער פסוק זאָגט (עובדיה א, יח): והיה בית יעקב — און יעקבס הויז וועט זיין פייער, און יוספס הויז — פלאַם, און עשוס הויז — שטרוי; די צונג פון

**יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ואומרת: „אוי להם לבריות מעלבונה של תורה".**

**שמואל תני לה בשם ר' שמואל בר אמי: אימתי המלכות גוזרת גזרה וגזירתה מצלחת? בשעה שישראל משליכין דברי תורה לארץ; הה"ד** (דניאל ח'): וצבא תנתן על התמיד בפשע: **אין צבא אלא מלכיות, שנאמר** (ישעיה כ"ד): יפקוד ה' על צבא המרום במרום, **וגו'**; התמיד, **אלו ישראל, דכתיב** (יהושע א'): והגית בו יומם ולילה; בפשע, — **בפשעה של תורה: כל זמן שישראל משליכין דברי תורה לארץ, המלכות היא גוזרת ומצלחת, שנא'** (דניאל ח'): ותשלך אמת ארצה, **וגו', ואין אמת אלא תורה, שנאמר** (משלי כ"ג): אמת קנה ואל תמכור; **אם השלכת דברי תורה לארץ, מיד הצליחה המלכות; הה"ד** (דניאל ח'): ועשתה והצליחה.

**א"ר יהודה בן פזי** (הושע ח'): זנח ישראל טוב, **וגו', ואין טוב אלא תורה, שנא'** (משלי ד'): כי לקח טוב נתתי לכם, **וגו'.**

**א"ר אבא בר כהנא: לא עמדו פילוסופין לאומות העולם כבלעם בן בעור וכאבנימוס הגרדי; אמרו להם: „יכולין אנו להזדווג לאומה זו?" אמרו להם: „לכו וחזרו על בתי כנסיות שלהם, — אם התינוקות מצפצפין בקולן, אי אתם יכולין להם; ואם לאו, אתם יכולין להם. שכן הבטיחם אביהם ואמר להם** (בראשית כ"ז): הקול קול יעקב והידים ידי עשו, — **כל זמן שקולו של יעקב בבתי כנסיות ובתי מדרשות, אין הידים ידי עשו; וכל זמן שאין קולו מצפצף בבתי כנסיות ובתי מדרשות, הידים ידי עשו". וכן הוא אומר** (ישעיה ה'): לכן כאכול קש לשון אש, **וגו', — וכי יש קש אוכל אש? והלא דרכה של אש אוכלת קש, ואת אומר:** לכן כאכול קש לשון אש! **אלא קש זה ביתו של עשו, שנאמר** (עובדיה א'): והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש; לשון אש, **זה ביתו של יעקב**; וחשש להבה ירפה, **זה ביתו של**

---

פייער [12] **איז דאָס הויז פון יעקבן**; וחשש — און טרוקן גראָז דעם פלאַם שוואַכט אָפּ, **איז דאָס הויז פון יוספן**; שרשם — זייער וואָרצל וועט ווי אַ פוילעניש

---

[7] ירושלמי ראש השנה ג, ח. [8] און ווייטער לייענט זיך און די מלכים פון דער ערד, בינדט זיך צבא מיט מלכים און מלכות. [9] און ווייטער רעדט זיך דאָרט וועגן חכמה און מוסר, וואָס איז אידענטיש מיט תורה. [10] ענאָמאַאוס פון גדרה, אין דער צייט פון אדריאנוס קיסר. [11] האָבן עשוס הענט קיין שליטה ניט. [12] ישעיה, דאָרט.

ווערן, דאָס זיינען די אבות, וואָס זיינען די וואָרצלען פון ישראל; ופרחם — און זייער בליאונג וועט ווי אַ שטויב זיך אויפהייבן, דאָס זיינען די [פאָטערס פון די] שבטים, וואָס זיינען די בליאונג פון ישראל; פאַרוואָס[13] ? כי מאסו — ווייל זיי האָבן פאַרמיאוסט די תורה פון גאָט פון די חיילות, — ר׳ יודן האָט געזאָגט: ווייל זיי האָבן פאַרמיאוסט די תורה פון גאָט פון די חיילות, דאָס איז די תורה שבכתב, און דאָס וואָרט פון דעם הייליקן פון ישראל האָבן זיי מבזה געווען, דאָס איז די תורה שבעל-פה. און ווי זיי האָבן געוואָרפן די ווערטער פון דער תורה צו דער ערד, אזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה.

[14] (ירמיה ט, טז): כה אמר — אזוי האָט געזאָגט גאָט פון די חיילות: קוקט זיך ארום און רופט די קלאָגערינס. ר׳ יוחנן און ר׳ שמעון בן לקיש און די רבנן [דערקלערן דעם פסוק]. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך, וואָס האָט געהאַט צוויי זין. איז ער אין כעס געוואָרן אויפן ערשטן; האָט ער גענומען דעם שטעקן און אים געשלאָגן און פאַרטריבן; און ער האָט געזאָגט: „ווי איז אים, פון וואָס פאַר אַ שלווה ער איז פאַרטריבן געוואָרן!” איז ער אין כעס געוואָרן אויפן צווייטן; האָט ער גענומען דעם שטעקן און אים געשלאָגן און פאַרטריבן; און ער האָט געזאָגט: „דאָס בין איך [שולדיק], איך האָב אים שלעכט דערצויגן”. אזוי, אַז די צען שבטים זיינען פאַרטריבן געוואָרן, האָט הקדוש-ברוך-הוא אָנגעהויבן זאָגן אויף זיי דעם דאָזיקן פסוק (הושע ז, יג): אוי להם — ווי איז צו זיי, וואָס זיי האָבן אַוועקגעוואַנדערט פון מיר. אָבער אַז יהודה און בנימין זיינען אין גלות געגאַנגען, אזוי האָט הקדוש-ברוך-הוא כביכול[15] געזאָגט (ירמיה י, יט): אוי לי על שברי — ווי איז מיר אויף מיין בראָך[16]!

ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך, וואָס האָט געהאַט צוויי זין: איז ער אין כעס געוואָרן אויפן ערשטן און האָט גענומען דעם שטעקן און אים געשלאָגן, ביז ער איז זיך פאַרגאַנגען און איז געשטאָרבן; האָט ער אָנגעהויבן קלאָגן אויף אים. איז ער אין כעס געוואָרן אויפן צווייטן און האָט גענומען דעם שטעקן און אים געשלאָגן, ביז ער איז זיך פאַרגאַנגען און איז געשטאָרבן. דאַן האָט ער געזאָגט: „אַצינד האָב איך שוין קיין כח ניט צו קלאָגן אויף זיי; נייערט רופט די קלאָגערינס, און זאָלן זיי קלאָגן אויף זיי”. אזוי, אַז די צען שבטים זיינען פאַרטריבן געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי (עמוס ה, א): שמעו — הערט אויס דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס איך הויב אויף ווי אַ קלאָגליד אויף אייך, הויז פון ישראל. אָבער אַז יהודה און בנימין זיינען אין גלות געגאַנגען, אזוי האָט הקדוש-ברוך-הוא כביכול געזאָגט: „אַצינד האָב איך שוין מער קיין כח ניט צו קלאָגן אויף זיי”. דאָס

[13] פאַרוואָס וועט ניט העלפן דער זכות פון די אבות און פון די שבטים? [14] לויטן מהרז״ו און לויט בובער דאַרף זיך דאָ אָנהייבן אַ נייע פתיחתא. [15] „אויב מע קען אזוי זאָגן”, אַן אויסדרוק וואָס מע נוצט, ווען מע שרייבט צו דעם אויבערשטן מענטשלעכע אייגנשאַפטן. [16] וואָרטשפּיל: שברי, מיין בראָך — שברא, אַ נאַר (אַראַמיש, זע תרגום

יוסף; שרשם כמק יהיה, אלו האבות, שהם שרשיהם של ישראל; ופרחם כאבק יעלה, אלו השבטים שהם פרחיהם של ישראל; מפני מה? (ישעיה ה׳) כי מאסו את תורת ה׳ צבאות, וגו׳. — א״ר יודן: כי מאסו את תורת ה׳ צבאות, זו תורה שבכתב; ואת אמרת קדוש ישראל נאצו, זו תורה שבעל פה. וכיון שהשליכו דברי תורה לארץ, התחיל ירמיה מקונן עליהם איכה.

(ירמיה ט׳) כה אמר ה׳ צבאות: התבוננו וקראו למקוננות. ר׳ יוחנן ור׳ שמעון בן לקיש ורבנן. ר׳ יוחנן אמר: למלך שהיו לו שני בנים. כעס על הראשון, נטל את המקל וחבטו והגלהו; אמר: „אוי לזה, מאיזו שלוה נגלה!״ כעס על השני ונטל את המקל וחבטו והגלהו; אמר: „אנא הוא, דתרבותי בישא״. כך גלו עשרת השבטים, והתחיל הקב״ה אומר להם את הפסוק הזה (הושע ז׳): אוי להם, כי נדדו ממני. וכיון שגלו יהודה ובנימין, כביכול אמר הקב״ה (ירמיה י׳): אוי לי על שברי.

רשב״ל אמר: למלך שהיו לו שני בנים. כעס על הראשון ונטל את המקל וחבטו, ופרפר ומת; התחיל מקונן עליו. כעס על השני ונטל את המקל וחבטו, ופרפר ומת. אמר: „מעתה אין בי כח לקונן עליהם; אלא קראו למקוננות ויקוננו עליהם״. כך גלו עשרת השבטים, והתחיל מקונן עליהם (עמוס ה׳): שמעו את הדבר הזה אשר אנכי נושא עליכם קינה, בית ישראל. וכיון שגלו יהודה ובנימין, כביכול אמר הקב״ה: „מעתה אין בי כח לקונן עליהם״. הה״ד (ירמיה ט׳): קראו למקוננות, וגו׳, ותמהרנה ותשאנה עלינו נהי: „עליהם״ אין כתיב כאן, אלא עלינו, דידי ודידהון; „ותרדנה עיניהם דמעה״ אין כתיב כאן, אלא עינינו, דידי ודידהון; „ועפעפיהם יזלו מים״ אין כתיב כאן, אלא ועפעפינו, דידי ודידהון.

---

איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה ט, טז—יז): קראו למקוננות — רופט די קלאָגערינס — — — און זאָלן זיי איילן און אויפהייבן אויף אונדז אַ וויי־געשריי, — עס שטייט ניט געשריבן „אויף זיי״, נייערט אויף אונדז, אויף מיר און אויף זיי; עס שטייט ניט געשריבן „אַז זייערע אויגן זאָלן גיסן טרערן״, נייערט אונדזערע אויגן, מיינע און זייערע; עס שטייט ניט געשריבן „און זייערע ברעמען זאָלן רינען מיט וואסער״, נייערט אונדזערע ברעמען, מיינע און זייערע [17].

---

אויף משלי יד, טו), אַ רמז אויף שלעכט דערצויגנקייט. [17] כביכול אַליין איז אין טרויער אויפן חורבן פון זיין פאָלק.

די רבנן זאָגן: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך, וואָס האָט געהאַט צוועלף זין, און צוויי זיינען געשטאָרבן, האָט ער זיך גענומען טרייסטן מיט די צען; זיינען געשטאָרבן נאָך צוויי, האָט ער זיך געטומען טרייסטן מיט די אַכט; זיינען געשטאָרבן נאָך צוויי, האָט ער זיך געטומען טרייסטן מיט די זעקס; זיינען געשטאָרבן נאָך צוויי, האָט ער זיך געטומען טרייסטן מיט די פיר; זיינען געשטאָרבן נאָך צוויי, האָט ער זיך געטומען טרייסטן מיט די צוויי; וויבאַלד זיי זיינען אַלע געשטאָרבן, אזוי גלייך האָט ער אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי: איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — —.

## ג

ר׳ אבא בר כהנא האָט אָנגעהויבן (ירמיה טו, יז): לא ישבתי — איך בין ניט געזעסן אין דער חברה פון לוסטמאַכערס און זיך פריילעך געמאַכט. די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: „האַר פון די וועלטן! איך בין קיינמאָל ניט אַריין אין די שפּילהייזער און אין די צירקן פון די אומות העולם, אַז איך זאָל לוסטיק זיין מיט זיי און זיך פריילעך מאַכן; מפּני ידך — פון וועגן דיין האַנט בין איך געזעסן איינזאַם: האָט זיך פרעהס האַנט געלייגט אויף מיר, בין איך ניט געזעסן איינזאַם[1]; האָט סנחריבס האַנט זיך געלייגט אויף מיר, בין איך ניט געזעסן איינזאַם; אָבער ווי נאָר דיין האַנט האָט זיך געלייגט אויף מיר, אזוי בין איך געבליבן זיצן איינזאַם: איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — —

## ד

ר׳ אבהו האָט אָנגעהויבן (הושע ו, ז): והמה כאדם — אָבער זיי, ווי אדם האָבן זיי עובר געווען אויפן בונד, — דאָס מיינט מען אדם הראשונען, הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט: „איך האָב אַריינגענומען אדם הראשונען אין גן־עדן און אים געגעבן אַ געבאָט, און ער האָט אויף מיין געבאָט עובר געווען; האָב איך אים פאַרמשפּט צו פאַרטרייבונג און פאַרשיקונג, און איך האָב געקלאָגט אויף אים איכה״. „איך האָב אים אַריינגעבראַכט אין גן־עדן״, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית ב, טו): ויקח — און גאָט דער האַר האָט גענומען דעם מענטשן און אים אַריינגעזעצט אין גן־עדן. „און איך האָב אים געגעבן אַ געבאָט״, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט, פּסוק יז): ויצו — און גאָט דער האַר האָט באַפוילן דעם מענטשן אזוי צו זאָגן. „און ער האָט אויף מיין געבאָט עובר געווען״, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט ג, יא): המן העץ — צי פון דעם בוים, וואָס איך האָב דיר באַפוילן ניט צו עסן פון אים האָסטו געגעסן? „האָב איך אים פאַרמשפּט צו פאַרטרייבונג״, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט, פּסוק כד): ויגרש — און ער האָט פאַרטריבן דעם מענטשן. „און איך האָב אים פאַרמשפּט צו פאַרשיקונג״, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט, פּסוק כג): וישלחהו—און גאָט

---

[1] דאָן איז דער רבונו־של־עולם געווען מיט ישראל.

**רבנן אמרין**: **למלך שהיו לו שנים עשר בנים, ומתו שנים, התחיל מתנחם בעשרה; מתו עוד שנים, והתחיל מתנחם בשמונה; מתו שנים, התחיל מתנחם בששה; מתו שנים, התחיל מתנחם בארבעה; מתו שנים, התחיל מתנחם בשנים; וכיון שמתו כולם, התחיל מקונן עליהם**: איכה ישבה בדד.

ג

**רבי אבא בר כהנא פתח** (שם ט״ו): לא ישבתי בסוד משחקים ואעלוז. אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „**רבון העולמים! מימי לא נכנסתי בבתי תיאטראות ובתי קרקסאות של אומות העולם ושחקתי עמהם ואעלוז**; מפני ידך בדד ישבתי: **נגעה בי ידו של פרעה, ולא ישבתי בדד; נגעה בי ידו של סנחריב, ולא ישבתי בדד; וכיון שנגעה בי ידך, בדד ישבתי**: איכה ישבה בדד.

ד

**רבי אבהו פתח** (הושע ו׳): והמה כאדם עברו ברית, **זה אדם הראשון. אמר הקב״ה**: „**אדם הראשון, הכנסתי אותו לגן עדן וצויתיו, ועבר על צוויי; ודנתי אותו בגירושין ובשילוחין וקוננתי עליו** איכה. „**הכנסתי אותו לגן עדן**״, **שנאמר** (בראשית ב׳): ויקח ה׳ אלהים את האדם ויניחהו בגן עדן. „**וצויתיו**״, **שנאמר** (שם): ויצו ה׳ אלהים על האדם לאמר, וגו׳. „**ועבר על צוויי**״, **שנאמר** (שם ג׳): המן העץ אשר צויתיך, וגו׳. „**ודנתי אותו בגירושין**״, **שנאמר** (שם): ויגרש את האדם. „**ודנתי אותו בשילוחין**״, **שנאמר** (שם): וישלחהו ה׳ מגן עדן. „**וקוננתי עליו** איכה״, **שנאמר** (שם): ויאמר לו: איכה — איכה **כתיב**.

**אף בניו** — „**הכנסתי אותם לא״י**״, **שנאמר** (ירמיה ב׳): ואביא

---

דער האַר האָט אים ארויסגעשיקט פון גן־עדן. „**און איך האָב געקלאָגט אויף אים איכה**״, **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, פסוק ט): ויאמר — און ער האָט געזאָגט צו אים: וואו ביסטו? — איכה **שטייט געשריבן**[1]. **אזוי אויך מיט זיינע קינדער**: „**איך האָב זיי אַריינגעבראַכט קיין ארץ ישראל**״, **ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה ב, ז): ואביא — און איך האָב אייך געבראַכט אין אַ

---

[1] **דאָס וואָרט פאַר** וואו ביסטו **ווערט געוויינטלעך געשריבן** איך, **מיט אַ לאַנגער כף, און ווייל דאָ שטייט** איכה, **מיט אַ קרומער כף און מיט אַ הא, ווערט עס גערדרשנט ווי** איכה, **ווי, מיט אַ צירה אונטער דער אלף.**

פרוכטבאַר לאַנד. „און איך האָב זיי געגעבן אַ געבאָט״. ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא כד, ב): צו — באַפעל די קינדער פון ישראל. „און זיי האָבן עובר געווען אויף מיין געבאָט״, ווי דער פסוק זאָגט (דניאל ט, יא): וכל ישראל — און גאַנץ ישראל האָבן עובר געווען אויף דיין תורה. „האָב איך זיי פאַרמשפט צו פאַרטרייבונג״, ווי דער פסוק זאָגט (הושע ט, טו): מביתי — פון מיין הויז וועל איך זיי פאַרטרייבן. „און איך האָב זיי פאַרמשפט צו פאַרשיקונג״, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה טו, א): שלח — שיק זיי אַוועק פון מיין פנים, און זאָלן זיי אַרויסגיין. „און איך האָב געקלאָגט אויף זיי איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — —״.

ה

ר׳ אבהו אין נאָמען פון ר׳ יוסי בר חנינא האָט אָנגעהויבן (יחזקאל כד, ו): לכן — דאַרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט: ווי די בלוטיקע שטאָט, — ווי מיר פאַר דער שטאָט, אין וועלכער זיי האָבן בלוט פאַרגאָסן; סיר — דער טאָפּ וואָס זיין שמוץ איז אין אים, — וואָס איר אָפּפאַל איז אין איר; וחלאתה — און איר שמוץ איז פון איר ניט אַרויס, — און איר אָפּפאַל איז ניט ארויס פון איר מיט; לנתחיה — שטיקערווייז, שטיקערווייז נעם עס אַרויס, — שטיקערווייז, שטיקערווייז [1] זיינען זיי אין גלות געגאַנגען.

ווי אַזוי זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן? ר׳ אלעזר זאָגט: שבט ראובן און שבט גד זיינען פאַרטריבן געוואָרן צוערשט. ר׳ שמואל בר נחמן זאָגט: שבט זבולון און שבט נפתלי זיינען פאַרטריבן געוואָרן צוערשט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה ח, כג): כעת — אַצינד האָט דער ערשטער לייכט געמאַכט [2] דאָס לאַנד פון זבולון און דאָס לאַנד פון נפתלי. טאָ ווי טייטשט ר׳ אלעזר דעם פסוק פון ר׳ שמואל בר נחמן? נייערט [עס שטייט] כעת — אַזוי ווי אין דער צייט [3], — אַזוי ווי פריער זיינען פאַרטריבן געוואָרן די שבטים ראובן און גד, אַזוי זיינען [נאָכדעם] פאַרטריבן געוואָרן די שבטים זבולון און נפתלי. והאחרון — אָבער דער לעצטער איז אָנגעפאַלן שווער, — ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: ער האָט זיי אויסגעקערט ווי מיט אַ בעזעם [4]; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט יד, כג): וטאטאתיה — און איך וועל זי אַוועקבעזעמען מיטן בעזעם פון פאַרניכטונג. (יחזקאל, דאָרט): לא נפל — ניט געפאַלן איז קיין גורל אויף איר, — ר׳ נחמן האָט אין נאָמען פון ר׳ אחאן געזאָגט: וואָס מיינט ניט געפאַלן איז קיין גורל אויף איר? הקדוש-ברוך-הוא האָט געזאָגט: „בשעת איך האָב געוואָרפן גורל אויף די אומות העולם זיי צו פאַרטרייבן [5], זיינען זיי ניט פאַרטריבן געוואָרן; טאָ פאַרוואָס-זשע זענט איר יאָ פאַרטריבן געוואָרן? כי דמה — ווייל איר בלוט איז געווען אין איר מיט [6]. פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי געשען? להעלות — כדי אויפצו-ברענגען דעם צאָרן [7].

ר׳ יודן האָט געפרעגט ר׳ אחאן: וואו האָבן די יידן זכריהן געהרגעט, אין דער עזרת ישראל [8], אָדער אין דער עזרת נשים? האָט ער געזאָגט צו

אתכם אל ארץ הכרמל. „וצויתים״, שנאמר (ויקרא כ״ד): צו את בני ישראל. „ועברו על צוויי״, שנאמר (דניאל ט׳): וכל ישראל עברו את תורתך. „ודנתי אותם בגירושין״, שנאמר (הושע ט׳): מביתי אגרשם. „ודנתי אותם בשילוחין״, שנאמר (ירמיה ט״ו): שלח מעל פני ויצאו. „וקוננתי עליהם איכה ישבה בדד״.

ה

רבי אבהו בשם ר׳ יוסי בר חנינא פתח (יחזקאל כ״ד): לכן כה אמר ה׳ אלהים: אוי עיר הדמים, — אוי מן קמי דקרתא, דשפכו דמים בגווה; סיר אשר חלאתה בה, — דחפשושיתה בגווה; וחלאתה לא יצאת ממנה, — וחפשושיתה לא נפקת מן גווה; לנתחיה לנתחיה הוציאה, — מטליות מטליות היו גולים.

כיצד גלו? ר׳ אלעזר אומר: שבט ראובן ושבט גד גלו תחלה. ר׳ שמואל בר נחמן אומר: שבט זבולון ושבט נפתלי גלו תחלה; הה״ד (ישעיה ח׳): כעת הראשון הקל ארצה זבולון וארצה נפתלי. ומה מקיים ר׳ אלעזר קרייה דר׳ שמואל בר נחמן? אלא כעת שגלו שבט ראובן וגד, כך גלו שבט זבולון ושבט נפתלי. (שם): והאחרון הכביד, — ר׳ אבא בר כהנא אמר: הממם כבמכביד; הה״ד (שם י״ד): וטאטאתיה במטאטא השמד. לא נפל עליה גורל,— ר׳ נחמן בשם ר׳ אחא אמר: מהו לא נפל עליה גורל? אמר הקב״ה: „בשעה שהפלתי קלסים על אומות העולם להגלותם, לא גלו; ואתם למה גליתם? כי דמה בתוכה היה״. כל כך למה? להעלות חמה.

ר׳ יודן שאל לר׳ אחא, א״ל: היכן הרגו ישראל את זכריה, בעזרת ישראל או בעזרת נשים? אמר לו: לא בעזרת ישראל ולא בעזרת נשים אלא בעזרת הכהנים. ולא נהגו בדמו לא כדם איל ולא כדם צבי, שבדם צבי ובדם איל כתיב (ויקרא י״ז): ושפך

---

אים: ניט אין דער עזרת ישראל און ניט אין דער עזרת נשים, נייערט אין דער עזרת כוהנים[9]. און זיי האָבן זיך צומאָל ניט נוהג געווען מיט זיין בלוט

---

[1] טיילנווייז איז דאָס לאַנד אויסגעליידיקט געוואָרן, ניט מיטאַמאָל. [2] לייכט געמאַכט דאָס לאַנד פון אירע באַוואוינער, זיי פאַרטריבן. [3] אנשטאט אַצינד. [4] מכביד, וואָרט־שפּיל אויף הכביד. [5] זע ווייטער, פתיחתא כג. [6] דאָס בלוט פון זכריה הנביא, ווי ווייטער אין טעקסט (זע דברי הימים ב, כד, כ און ווייטער). [7] אזוי ווי זיי וואָלטן מיט אַ כיוון געלאָזט זכריהס בלוט ניט פאַרדעקט, כדי ארויסצורופן גאָטס צאָרן. [8] אַ באַזונ־

**ווי מיטן בלוט פון אַן אינד און פון אַ הירש. דען וועגן דעם בלוט פון אַ הירש און פון אַן אינד שטייט געשריבן** (ויקרא יז, יג): ושפך — און מען זאָל אויסגיסן זיין בלוט און עס פאַרדעקן מיט ערד; **אָבער דאָ שטייט געשריבן** (יחזקאל כד, ז): כי דמה — ווארום איר בלוט איז אין איר מיט געווען, אויף אַ טרוקענעם פעלז האָט זי עס ארויפגעטאָן; זי האָט עס ניט אויסגעגאָסן אויף דער ערד, צו פאַרדעקן עס מיט שטויב.

**אַן אַנדער פּשט** (דאָרט פּסוק ט): לכן — דארום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט: ווײ די בלוטיקע שטאָט, — **ווײ מיר פאַר דער שטאָט, וואָס זיי האָבן אין איר בלוט פאַרגאָסן**[10]; אויך איך וועל גרויס מאַכן דעם פייער-הויפן, — **איך וועל פאַרמערן די שטראָף**; מערן דאָס האָלץ, — **דאָס מיינט מען די לעגיאָנען** [**פון דעם שונא**]; אָנצינדן דאָס פייער, — **דאָס מיינט מען די מלכים**[11]; מאַכן אַ סוף פונעם פלייש, — **דאָס מיינט מען די עדה**; און צוגרייטן די בשמים מישונג, — [**וועגן דעם**] **האָבן ר׳ יהושע און ר׳ נחמיה אין נאָמען פון ר׳ אחאן געזאָגט: ווייל גאַנץ ישראל פלעגט זאָגן: „נבוכדנצר האָט צונויפגעזאַמלט גאָר דאָס געלט פון דער וועלט, דאַרף ער אונדזער געלט האָבן?" האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט: „ביי אייער לעבן!**[12] **איך וועל אים אַזוי באַליבט מאַכן אייער געלט, ווי דידאָזיקע געווירצן, וואָס מע נוצט ביי אַ סעודה"**; און די ביינער וועלן צעברענט ווערן, — **דו געפינסט, אַז בשעת ישראל איז אין גלות געגאַנגען, האָבן זייערע קערפּערס געזאָטן**[13] **ווי אַ זודיקער געווירץ טאָפּ**; און לאָזן אים שטיין אויף זיינע קוילן אַ ליידיקן, — **ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: וואָלט דער פּסוק געזאָגט** אַ צעבראָכענעם, **וואָלט זי שוין אויף אייביק קיין תיקון ניט געהאַט; אַז ער זאָגט אָבער** אַ ליידיקן, — **יעטוועדע כלי וואָס איז ליידיק, וועט ווען עס איז אָנגעפילט ווערן.— און צו וואָס איז דאָס אַלץ?** כדי ער זאָל אָנגעהיצט ווערן, און זיין קופּער זאָל צעברענט ווערן, און צעשמאָלצן זאָל ווערן אין אים [זיין אומריינקייט]. — — — **וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, אַזוי זיינען זיי אין גלות געגאַנגען, און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אַזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי** איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — —

ו

**ר׳ אבהו האָט אין נאָמען פון ר׳ יוסי בר חנינא אָנגעהויבן** (הושע ה, ט): אפרים לשמה תהיה — אפרים וועט וויסט ווערן, — **ווען?** אין טאָג פון

---

דער הויף ביים בית המקדש פאַר מענער, עזרת נשים — אַ הויף פאַר פרויען, עזרת כוהנים — אַ הויף פאַר די כוהנים. [9] אין דעם הייליקסטן פּלאַץ, און דער חטא איז נאָך גרעסער געווען. [10] לויטן רד״ל איז דער פראַגמענט פון אָנהויב פּאַראַגראַף ביז אַהער איבעריק. [11] פון יהודה, וואָס פאַרפירן דאָס פאָלק מיט זייערע זינד. אָדער: די מלכים פונעם שונא, וואָס ברענגען דעם חורבן אויף יהודה. [12] פאַרקירצט פון איך שווער ביי אייער לעבן. [13] פון ערגערניש.

את דמו וכסהו בעפר; ברם הכא כתיב (יחזקאל כ״ד): כי דמה בתוכה היה על צחיח סלע שמתהו, לא שפכתהו על הארץ לכסות עליו עפר. ד״א: לכן כה אמר ה׳: אוי עיר הדמים, אוי מן קמי דקרתא, דשפכי דמה לגווה; גם אני אגדיל המדורה, — ארבה בפורענות; הרבה העצים, אלו הלגיונות; הדלק האש, אלו המלכים; התם הבשר, זה הצבור; והרקח המרקחה, — ר׳ יהושע ור׳ נחמיה בשם ר׳ אחא אמרי: לפי שהיו כל ישראל אומרים: „נבוכדנצר כנס כל ממונו של עולם, ולממון שלנו הוא צריך?״ אמר הקדוש ברוך הוא: „חייכם שאני עושה ממונכם חביב עליו כמו בשמים הללו, שהן עולין בסעודה״. והעצמות יחרו, — את מוצא, בשעה שגלו ישראל, היה גופן תוסס כהדא מרקחתא; והעמידה על גחליה ריקה, — אמר רבי אלעזר: אלו נאמר שבורה, לא היתה לה תקנה לעולם, וכשהוא אומר ריקה, כל כלי שהוא ריקן, סופו להתמלאות. — כל כך למה? למען תחם וחרה נחשתה ונתכה בתוכה וגו׳. כיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם איכה ישבה בדד.

ו

רבי אבהו בשם ר׳ יוסי בר חנינא פתח (הושע ה׳): אפרים לשמה תהיה, — אימתי? ביום תוכחה, יום שהקב״ה עתיד להתוכח עמהם בדין. אתה מוצא, בשעה שגלו עשרת השבטים, לא גלו יהודה ובנימין. והיו עשרת השבטים אומרים: „מפני מה הגלה אותנו והם לא הגלה? מפני שהם בני פלטין שלו? דלמא משוא פנים יש כאן ח״ו? אין כאן משוא פנים, אלא עדיין לא חטאו; וכיון שחטאו, הגלה אותם. אמרו עשרת השבטים: „ הא אלהינו,

---

שטראָף, אין טאָג ווען גאָט וועט האָבן מיט זיי אַ ויכוח [1] ביים משפט. דו געפינסט, אַז בשעת די עשרת השבטים זיינען אין גלות געגאַנגען, זיינען יהודה און בנימין ניט פאַרטריבן געוואָרן. האָבן די עשרת השבטים געזאָגט: „פאַרוואָס האָט ער אונדז פאַרטריבן און זיי ניט? איז עס דערפאַר, ווייל זיי וואוינען אין זיין פּאַלאַץ [2]? סיידן דאָ איז, חלילה, אַ משוא פנים [3] פאַראַן?״ דאָ איז קיין משוא פנים ניטאָ, נייערט זיי האָבן נאָך ניט געהאַט געזינדיקט; און אַז זיי האָבן געזינדיקט, האָט ער זיי פאַרטריבן. האָבן די עשרת השבטים געזאָגט: „דאָס איז אונדזער גאָט, דאָס איז אונדזער גאָט! דאָס איז דער

---

[1] תוכחה — ויכוח. [2] אין דער נחלה פון די צוויי שבטים האָט זיך געפונען דער בית המקדש. [3] פאַוואָריטיזם, דאָס שוינען עמיצן ניט פאַרדינטערהייט.

**אַלמעכטיקער, דאָס איז דער אַלמעכטיקער! דאָס איז דער וואָרהאַפטיקער, דאָס איז דער וואָרהאַפטיקער! דען אפילו זיינע אייגענע בני בית שוינט ער ניט!"** וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, אַזוי זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אַזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה.

ז

**ר׳ אבהו האָט אין נאָמען פון ר׳ יוסי בר חנינא אָנגעהויבן** (ישעיה ג, כו): ואנו ואבלו — און קלאָגן און טרויערן וועלן אירע טויערן, — אנינות[1] **איז אינעווייניק[2] און** אבלות **איז פון דרויסן**; אירע טויערן[3], **דאָס איז דער חורבן פונעם ערשטן בית המקדש און דער חורבן פונעם צווייטן בית המקדש**; און אויסגעליידיקט וועט זי ווערן, — **ליידיק פון דברי תורה, ליידיק פון נבואה, ליידיק פון צדיקים, ליידיק פון מצוות און מעשים טובים; דעריבער**: לארץ — אויף דער ערד וועט זי זיצן, [**ווי אין איכה שטייט** (ב, י): ] ישבו — זיי זיצן אויף דער ערד און זיי שווייגן, די עלטסטע [פון דער טאָכטער פון ציון, — איכה — **ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם** — — —[4]].

ח

**ר׳ יצחק האָט אָנגעהויבן (ירמיה ט, יח)**: כי קול נהי — וואָרום אַ וויגעשריי הערט זיך פון ציון: ווי זיינען מיר באַרויבט געוואָרן! **קען דען האָלץ וויינען, קענען דען שטיינער וויינען, וואָס דו זאָגסט**: וואָרום אַ געשריי הערט זיך פון ציון[1]? נייערט [**דאָס וויינען קומט**] **פון דעם וואָס מאַכט רוען זייך שכינה אין ציון**; ווי זיינען מיר באַרויבט געוואָרן, — **ווי איז עס אונדז געשען פון די רויבער!** בושנו — מיר זיינען זייער פאַרשעמט געוואָרן, ווייל מיר האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, **דאָס מיינט מען ארץ ישראל, ווי עס שטייט געשריבן** (דברים יא, יב): ארץ — אַ לאַנד וואָס גאָט דיין האַר זאָרגט פאַר דעם; (ירמיה דאָרט) וכי השליכו — און ווייל אומגעוואָרפן האָבן זיי אונדזערע וואוינונגען, — **דאָס מיינט מען די שולן און די בתי מדרשים.**

**אַן אַנדער פשט**: בושנו — מיר זיינען זייער פאַרשעמט געוואָרן, ווייל מיר האָבן פאַרלאָזן די ערד[2], **דאָס מיינט מען די תורה, ווי דער פסוק זאָגט** (איוב יא, ט): ארכה — לענגער פון דער ערד איז איר מאָס; וכי השליכו — און ווייל אומגעוואָרפן האָבן זיי אונדזערע וואוינונגען, **דאָס מיינט מען די שולן און בתי מדרשים.**

**אַן אַנדער פשט**: בושנו — מיר זיינען זייער פאַרשעמט געוואָרן, ווייל מיר האָבן פאַרלאָזן די ערד, **דאָס מיינט מען דעם בית המקדש, ווי דער פסוק זאָגט** (יחזקאל מג, יד): ומחיק — און פון דעם שויס פון דער ערד[3] ביזן אונטערשטן אָפּשטאַנד[4]; וכי השליכו — און ווייל אומגעוואָרפן האָבן זיי אונדזערע וואוינונגען[5], [**דאָס מיינט מען**] **דעם חורבן בית ראשון און דעם**

**הא אלהינו! הא תקיף, הא תקיף! הא קשוט, הא קשוט! דאפילו לבני ביתיה לא נסיב אפין". כיון שחטאו, גלו, וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם איכה.**

ז

**רבי אבהו בשם ר' יוסי בר חנינא פתח** (ישעיה ג'): ואנו ואבלו פתחיה, — אנינה מבפנים ואבילה מבחוץ; פתחיה, — **חורבן ראשון וחורבן שני**; ונקתה, — **נקיה מדברי תורה, נקיה מדברי נבואה, נקיה מצדיקים, נקיה ממצות ומעשים טובים. לפיכך** לארץ תשב, — ישבו לארץ, ידמו זקני [בת ציון, — איכה ישבה בדד].

ח

**רבי יצחק פתח** (ירמיה ט'): כי קול נהי נשמע מציון: איך שודדנו! **וכי יש עצים בוכים, ויש אבנים בוכות, שאתה אומר,** כי קול נהי נשמע מציון? **אלא ממי שהוא משרה שכינתו בציון.** איך שודדנו, — **איך הות לן מבזונים!** (שם) בושנו מאד, כי עזבנו ארץ, **זו א"י, דכתיב** (דברים י"א): ארץ אשר ה' אלהיך דורש אותה; (ירמיה ט') וכי השליכו משכנותינו, **אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות.**

**ד"א**: בושנו מאד, כי עזבנו ארץ, **אלו דברי תורה, כמה דאת אמר** (איוב י"א): ארוכה מארץ מדה; וכי השליכו משכנותינו, **אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות.**

**ד"א**: בושנו מאד, כי עזבנו ארץ, **זה בית המקדש, כמה דאת אמר** (יחזקאל מ"ג): ומחיק הארץ ועד העזרה התחתונה; וכי השליכו משכנותינו, — **חורבן בית ראשון וחורבן בית שני. כיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם** איכה.

---

חורבן בית שני. וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, אזוי זיינען זיי אין גלות גע-גאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה.

---

[1] פון ואנו, — דאָס טרויערן נאָך אַ געשטאָרבענעם איידער ער קומט צו קבורה. [2] אין האַרצן. [3] אין מערצאָל, ווייניקסטנס צוויי. [4] צוגעגעבן לויט בובערס אויסגאַבע.

[1] דען ציון איז דאָך שוין אויסגעליידיקט געוואָרן פון אירע איינוואוינער. [2] ארץ, וואָס מיינט אי לאַנד, אי ערד. [3] פונעם פוסבאָדן פון מזבח. [4] די אויבערפלאַך פונעם אונטערשטן טייל פון מזבח, וואָס איז געווען אַרויסגערוקט ווי אַ טרעפּ. [5] אין מערצאָל, ניט ווייניקער ווי צוויי.

## ט

**ר׳ יצחק האָט אָנגעהויבן** (ירמיה נא, נא): בושנו — מיר זיינען פאַרשעמט געוואָרן, ווייל מיר האָבן זיך אָנגעהערט מיט חרפות; אַ בושה האָט פאַרדעקט אונדזער פנים, ווייל פרעמדע זיינען געקומען אין די הייליקטימער פון גאָטס הויז. **דו געפינסט, אַז בשעת די שונאים זיינען אַריין אין ירושלים, זיינען אַריין מיט זיי עמונים און מואבים, ווי דער פסוק זאָגט** (איכה א, י): ידו — זיין האַנט האָט אויסגעשפרייט דער פיינט אויף אַלע אירע גלוסטיקייטן; ווארום זי האָט געזען, ווי די פעלקער זיינען געקומען אין איר הייליקטום, — די וואָס דו האָסט געבאָטן, זיי זאָלן ניט קומען אין דיין עדה [1]. **זיי זיינען אַריין אין קדשי קדשים און האָבן דאָרט געפונען די צוויי כרובים. האָבן זיי גענומען די כרובים, זיי אַריינגעלייגט אין אַ קאַרב און אַרומגעטראָגן זיי איבער די גאַסן פון ירושלים און געזאָגט: „פלעגט איר ניט זאָגן, אַז די דאָזיקע אומה דינט ניט צו קיין געצן? זעט, וואָס מיר האָבן געפונען ביי זיי און צו וואָס זיי פלעגן דינען! פאַרוואָר, אַלע האָבן איין פנים!" דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (יחזקאל כה, ח): יען — ווייל מואב און שעיר האָבן געזאָגט: זע, אַזוי ווי אַלע פעלקער איז דאָס הויז פון יהודה. **דעמאָלט האָט הקדוש-ברוך-הוא געשוואוירן, אַז ער וועט זיי עוקר מן השורש זיין פון דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט** (צפניה ב, ט): לכן — דארום אַזוי ווי איך לעב, זאָגט דער גאָט פון די חיילות, דער גאָט פון ישראל, אַז מואב וועט ווי סדום ווערן, און די קינדער פון עמון ווי עמורה. — **וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אַזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה.**

[2] **אַן אַנדער פשט:** מיר זיינען פאַרשעמט געוואָרן, ווייל מיר האָבן זיך אָנגעהערט מיט חרפות, **דאָס מיינט מען שבעה עשר בתמוז** [3]; אַ בושה האָט פאַרדעקט אונדזער פנים, **דאָס מיינט מען תשעה באב** [4]; ווייל פרעמדע זיינען געקומען אין די הייליקטימער פון גאָטס הויז, [דאָס מיינט מען] **דעם ערשטן חורבן און דעם צווייטן חורבן** [5]. **וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, אַזוי זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אַזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה.**

## י

**ר׳ יצחק האָט אָנגעהויבן** (ישעיה מג, כב): ולא אותי און מיך האָסטו ניט גערופן, יעקב, דען דו ביסט מיד געוואָרן פון מיר, ישראל. **ר׳ יוחנן האָט אַרויסגעלערנט [דעם פשט דערפון] פון אָט דעם פסוק** (דאָרט יז, א): משא — אַ נבואה אויף דמשק. זע, דמשק ווערט אויס שטאָט, און זי וועט ווערן אַ הויפן פון חורבות. עס ווערן פאַרלאָזן די שטעט פון ערוער, — **ער האָלט**

---

[1] זע דברים כג, ד. [2] לויט י. אייבראַהאַמס הויבט זיך דאָ אָן אַ נייע פתיחתא (זע פתיחתא א׳, באַמ. [4]). [3] ווען די מויער פון ירושלים איז איינגעבראָכן געוואָרן. [4] ווען דער בית המקדש איז פאַרברענט געוואָרן. [5] הייליקטימער — ניט ווייניקער ווי צוויי.

## ט

**רבי יצחק פתח** (ירמיה נ״א): בושנו כי שמענו חרפה, כסתה כלמה פנינו, כי באו זרים על מקדשי בית ה׳. **את מוצא, בשעה שנכנסו שונאים לירושלים, נכנסו עמהם עמונים ומואבים, שנאמר** (איכה א׳): ידו פרש צר על כל מחמדיה, כי ראתה גוים באו מקדשה, אשר צויתה, לא יבאו בקהל לך. **נכנסו לבית קדשי הקדשים ומצאו שם שני כרובים. נטלו אותן ונתנו אותן בכליבה, והיו מחזירין אותן בחוצות ירושלים ואומרים: „לא הייתם אומרים, שאין האומה הזאת עובדת עבודת כוכבים? ראו, מה מצינו להם, ומה היו עובדים! הא כל אפיין שוין!״ הה״ד** (יחזקאל כ״ה): יען אמור מואב ושעיר: הנה ככל הגוים בית יהודה. **באותה שעה נשבע הקב״ה, שהוא מקעקע ביצתן מן העולם, שנאמר** (צפניה ב׳): לכן חי אני, נאם ה׳ צבאות אלהי ישראל, כי מואב כסדם תהיה ובני עמון כעמרה. **כיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם** איכה.

**ד״א:** (ירמיה נ״א): בושנו, כי שמענו חרפה, **אלו שבעה עשר בתמוז;** כסתה כלמה פנינו, **אלו תשעה באב;** כי באו זרים על מקדשי בית ה׳, — **חורבן ראשון וחורבן שני. כיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם** איכה.

## י

**רבי יצחק פתח** (ישעיה מ״ג): ולא אותי קראת יעקב, כי יגעת בי ישראל: **ר׳ יוחנן שמע לה מהדין קרייה** (שם י״ז): משא דמשק. הנה דמשק מוסר מעיר, והיתה מעי מפלה. עזובות ערי ערוער,— **עומד בדמשק ומזכיר ערוער, — והלא אין ערוער, אלא בתחום מואב! אלא שלש מאות וששים וחמשה בתי עבודת כוכבים היו בדמשק, וכל אחת ואחת היו עובדין אותה יום אחד; והיה להם יום אחד, והיו (כולן עובדין) [עובדין כולן] באותו היום. וכולן עשו ישראל (הגמוניא) [הומוניאה] ועבדו אותן, דכתיב** (שופטים

---

ביי דמשק און דערמאָנט ערוער, — איז ניט ערוער אין תחום פון מואב? נייערט דריי הונדערט און פינף און זעכציק ערטער פון עבודה זרה זיינען געווען אין דמשק[1], און צו יעדן איינעם פון די געצן פלעגן זיי דינען איין טאָג [אין יאָר], אָבער איין טאָג האָבן זיי געהאַט, וואָס זיי פלעגן דינען צו אַלע געצן[2]. אָבער ישראל האָט פון זיי אַלע געמאַכט איין געזעמל[3] און

---

[1] און אונטער די שטעט פון ערוער דאַרפן פאַרשטאַנען ווערן די געצן וואָס קומען

געדינט צו זיי, ווי עס שטייט געשריבן (שופטים י, ו): ויוסיפו — און די קינדער פון ישראל האָבן ווידער געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און זיי האָבן געדינט די בעלים און די עשתרות, און די געטער פון ארם, און די געטער פון צידון, און די געטער פון מואב, און די געטער פון די קינדער פון עמון, און די געטער פון די פלשתים, און זיי האָבן פאַרלאָזן גאָט און האָבן אים ניט געדינט, — אפילו ניט צוזאַמען [מיט די פרעמדע געטער].

ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: „זאָל ניט אַ כוהנס ווייב זיין כאָטש ווי אַ [גויאישע] קרעטשמערקע[4]?״ ר׳ יוסי דער זון פון ר׳ חנינא האָט געזאָגט: „הלוואי וואָלטן מיך מיינע קינדער כאָטש באַהאַנדלט אזוי ווי די נאָכשפייז, וואָס קומט צולעצט״. ר׳ יודן האָט געזאָגט: ס׳איז אַ משל מיט אַ מלכס אַ דינער, וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה און האָט איינגעלאַדן אַלע זיינע איינגייער, אָבער ער האָט ניט איינגעלאַדן זיין האַר. האָט דער מלך געזאָגט: „הלוואי וואָלט כאָטש מיין דינער מיך געהאַלטן גלייך מיט זיינע איינגייער״. אזוי האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט: „הלוואי וואָלטן מיך מיינע קינדער כאָטש באַהאַנדלט ווי דידאָזיקע נאָכשפייז, וואָס קומט צולעצט״. אָבער (ישעיה, דאָרט) און מיך האָסטו ניט גערופן, יעקב, — שטיין און אָפּהאַנדלען אַ גאַנצן טאָג, ווערסטו ניט מיד; אָבער מתפלל זיין צו מיר ביסטו מיד! שטייט איינער און האַנדלט אָפּ אַ גאַנצן טאָג און ווערט ניט מיד; זאָגט אים אָבער זיין חבר: „קום דאַוונען״, זאָגט ער: „איך קען ניט״. ביים בעל וואָס שטייט געשריבן? (מלכים א, יח, כו) ויקראו — און זיי האָבן גערופן דעם נאָמען פון בעל, פון פרימאָרגן ביזן מיטן טאָג, אזוי צו זאָגן: בעל, ענטפער אונדז! אָבער קיין קול און קיין ענטפער. און זיי זיינען אומגעשפרונגען אַרום דעם מזבח, וואָס מע האָט געמאַכט, — ווײ, און מיך האָסטו ניט גערופן, יעקב: הלוואי, וואָלט איך דיך ניט געקענט, יעקב; פאַרוואָס? ווארום דו ביסט מיד געוואָרן פון מיר, ישראל. האָסט מיר ניט געבראַכט דעם לאַם פון דיינע עולות, די צוויי קרבן תמידס, וואָס מען פלעגט מקריב זיין יעדן טאָג, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר כח, ד): את הכבש — איין שעפס זאָלסטו מאַכן אינדערפרי און דעם צווייטן שעפס זאָלסטו מאַכן פאַרנאַכט. (ישעיה, דאָרט) וזבחיך — און מיט דיינע שלאַכטאָפּפער האָסטו מיך ניט באַערט, — דאָס זיינען די הייליקסטע פון די הייליקע [קרבנות]; איך האָב דיך ניט באַלעסטיקט מיט שפייזאָפּפער, — דאָס איז דער הויפּן מעל פון דעם קרבן מנחה; און איך האָב דיך ניט פאַרמאַטערט מיט ווייררויך, — דאָס איז דער הויפן ווייררויך [וואָס מען פלעגט דאַרפן מקריב זיין]; האָסט מיר ניט געקויפט פאַר געלט קיין געווירצראָר, — רב הונא האָט אין נאָמען פון ר׳ יוספן געזאָגט: דער צימערינג פלאַנץ פלעגט וואַקסן אין ארץ ישראל, און ציגן און הירשן פלעגן עסן פון אים[5]; און מיטן פעטס פון דיינע שלאַכט־

פון דאָרטן. [2] לייענענדיק מיטן מתנות כהונה והיו עובדין [את] כולן, אנשטאט והיו כולן עובדין. [3] לויטן נוסח אין אסתר רבה ג, ב: אנשטאט הגמוניה, שטייט דאָרט

י״): ויוסיפו בני ישראל לעשות הרע בעיני ה׳ ויעבדו את הבעלים ואת העשתרות, ואת אלהי ארם, ואת אלהי צידון, ואת אלהי מואב, ואת אלהי בני עמון, ואת אלהי פלשתים, ויעזבו את ה׳ ולא עבדוהו **אפילו בשותפות.**

**אמר ר׳ אבא בר כהנא: „לא תהיה כהנת כפונדקית?״ א״ר יוסי בר׳ חנינא: „הלואי עשו אותי בני כגרזימי הזו, שהיא באה באחרונה״. א״ר יודן: משל לעבדו של מלך, שעשה סעודה והזמין כל בני כנסיותיו, ולא הזמין רבו. אמר המלך: „הלואי השוה אותי עבדי לבני כנסיותיו״. כך אמר הקב״ה: הלואי השוו אותי בני כגרזימי הזו, שהיא באה באחרונה. אלא** ולא אותי קראת יעקב, — **קאים טרון כל יומא ולא לעי, וצלויי קמוי את לעי! קאים טרון כל יומא ולא לעי; ואמר ליה חבריה: „אתי וצלי״, והוא אמר: „לית אנא יכיל״. אצל הבעל מה כתיב?** (מלכים א׳ י״ח): ויקראו בשם הבעל מהבקר ועד הצהרים לאמר: הבעל, עננו! ואין קול ואין עונה. ויפסחו על המזבח אשר עשה. **הוי** ולא אותי קראת, יעקב: **הלואי לא הכרתיך, יעקב; למה?** כי יגעת בי ישראל. לא הבאת לי שה עולותיך, — **שני תמידין, שהיו מקריבים בכל יום, שנאמר** (במדבר כ״ח): את הכבש אחד תעשה בבקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים. וזבחיך לא כבדתני, **אלו קדשי קדשים;** לא העבדתיך במנחה, **זה קומץ המנחה;** ולא הוגעתיך בלבונה, **זה קומץ הלבונה;** לא קנית לי בכסף קנה, — **רב הונא בשם ר׳ יוסף אמר: קנמון היה גדל בארץ ישראל, והיו עזים וצבאים אוכלין ממנו.** וחלב זבחיך לא הרויתני, **אלו אמורי קדשים קלים;** אך העבדתני בחטאותיך, הוגעתני בעונותיך: **ראו, מה גרמו לי**

---

אָפּפער האָסטו מיך ניט געזעטיקט, — **דאָס זיינען די אימורים פון די קד״שים קלים**[6]; נייערט דו האָסט מיך באַלעסטיקט מיט דיינע חטאים, מיך נאָר-מאַטערט מיט דיינע זינד: **זעט, וואָס אייערע זינד האָבן מיר גורם געווען — צו פאַרברענען מיין הויז און חרוב מאַכן מיין שטאָט און פאַרטרייבן מיינע**

---

אומוניאה (הומוניאה), פון המון, מאַסע, געזעמל. [4] **פאַלקס ווערטל; זע משנה יבמות טז, ז, און די גמרא אויף דעם.** [5] **אזוי פיל איז געווען פון דעם מין, און דאָך האָבן יידן ניט אָפּגעהיט דאָס רויכערן דעמדאָזיקן געווירצראָר אויפן מזבח.** [6] **לייכטערע הייליקייטן — קרבנות פון אַ נידעריקערער מדרגה, וואָס ווערן געווייגלעך געגעסן פון די וואָס ברענגען זיי, אויסער די אימורים, — יענע טיילן זייערע וואָס מע איז מקריב אויפן מזבח (זע דעם רמבמס הקדמה צו זיין פירוש אויף משניות זבחים).**

**קינדער צווישן די אומות פון דער וועלט, און איך זאָל בלייבן זיצן איינזאַם:**
איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — —

יא

**ר׳ יצחק האָט אָנגעהויבן** (דברים כח, מז): תחת — ווייל דו האָסט ניט געדינט גאָט דיין גאָט מיט שמחה און מיט אַ צופרידן האַרץ, האָבנדיק אַלדאָס גוטס, וועסטו דינען דיינע פיינט — — —

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (שמות טו, יז):
תביאמו — וועסט זיי ברענגען און וועסט זיי פאַרפלאַנצן אויפן באַרג פון דיין נחלה;

**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
תבוא — זאָל קומען גאָר זייער שלעכטס פאַר דיר[1].

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה**
(דאָרט, פסוק יד):
שמעו — געהערט האָבן פעלקער און זיי האָבן געציטערט;

**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
שמעו — זיי האָבן געהערט ווי איך זיפץ.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (דאָרט, ג, ז):
ראה ראיתי — זען האָב איך געזען די פיין פון מיין פאָלק וואָס אין מצרים;

**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
ראה — זע, גאָט, ווי מיר איז ענג, מיינע אינגעווייד ברענען.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (ויקרא כג, כא):
וקראתם — און איר זאָלט מאַכן אַן אויסרופונג אין דעם זעלביקן טאָג;

**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
קראתי — איך האָב גערופן מיינע ליבהאָבער [אָבער זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט].

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (דברים טז, כ):
צדק, צדק — גערעכטיקייט, גערעכטיקייט זאָלסטו נאָכיאָגן;

**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
צדיק — רעכטפאַרטיק איז גאָט, דען זיין מויל האָב איך ווידערשפּעניקט.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (דאָרט, טו, יא):
פתח תפתח — עפענען זאָלסטו עפענען דיין האַנט [פאַר דיין ברודער];

---

[1] דער דאָזיקער פסוק און אַלע ווייטערדיקע פסוקים, וואָס האָבן ניט קיין מראה מקום, ביזן סוף פון פתיחתא יא, זיינען גענומען פון איכה א, אָנהייבנדיק מיטן לעצטן פסוק און ענדיקנדיק מיטן ערשטן, אין דער אָרדנונג פון תשרק. די פסוקים וואָס ווערן דאָ געבראַכט אין פאַרבינדונג מיט דער פראַזע אלו זכיתם — וואָלט איר זוכה געווען, זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פון ר׳ יצחקן סיי צוליב זייער קאָנטראַסט צום אינהאַלט פון די איכה פסוקים, סיי צוליב די ערשטע אותיות זייערע, וואָס קאָרעספּאָנדירן מיטן אקראסטיך פון יענע פסוקים. אין אַ צאָל פון די אלו זכיתם פסוקים איז דער א״ב אַ „באַהאַלטענער" (דער אות — און אַמאָל אַ גאַנץ וואָרט — געפינט זיך ניט אין אָנהייב פון

עונותיכם לשרוף את ביתי ולחרוב את עירי, **ולהגלות את בני** בין אומות העולם, ולישב לי לבדי, — איכה ישבה בדד.

יא

**ר׳ יצחק פתח** (דברים כ״ח): תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלהיך בשמחה ובטוב לבב, מרב כל, ועבדת את אויביך, **וגו׳**.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (שמות טו):
תבאמו ותטעמו בהר נחלתך;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
תבא כל רעתם לפניך.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (שם):
שמעו עמים, ירגזון;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
שמעו, כי נאנחה אני.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (שם ג):
ראה ראיתי את עני עמי אשר במצרים;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
ראה, ה׳, כי צר לי, מעי חמרמרו.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (ויקרא כג):
וקראתם בעצם היום הזה;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
קראתי למאהבי.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (דברים טז):
צדק, צדק תרדף;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
צדיק הוא ה׳, כי פיהו מריתי.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (שם טו):
פתח תפתח את ידך;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
פרשה ציון בידיה.

---

**פסוק, נאָר ערגעץ ווייטער — די אותיות ק, ע, ס, מ, ל, כ, י, ט, ח, ז, ב). די פסוקים וואָס קאָרעספּאָנדירן מיט די אותיות ג, ה, ד, ג, האָבן דעם אקראסטיך איגנאַנצן ניט, און זייער**

**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
פרשה — אויסגעשפרייט האָט ציון אירע הענט, [ניטאָ פאַר איר קיין טרייסטער].

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (ויקרא כג, ד):
אלה מועדי ה׳ — דאָס זיינען די ימים טובים פון גאָט;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
על אלה — אויף דעם טו איך וויינען.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (במדבר כ, יט):
במסלה נעלה — מיטן אויסגעטראָטענעם וועג וועלן מיר ארויפגיין;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
סלה — צעטראָטן האָט גאָט אַלע מיינע גבורים.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (ויקרא כו, יג):
ואשבר — און איך האָב צעבראָכן די שטאַנגען פון אייער יאָך;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
נשקד — פאַרקניפּט מיט זיין האַנט איז דער יאָך פון מיינע זינד.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (דאָרט ו, ו):
אש תמיד — אַ שטענדיק פייער זאָל ברענען אויפן מזבח;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
ממרום — פון דער הייך האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ פייער אין מיינע ביינער.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (דברים א, לא):
בכל הדרך — דעם גאַנצן וועג, וואָס איר זענט געגאַנגען[2];
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
לא אליכם — ניט פאַר אייך געדאַכט, אַלע וועג גייער.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (ויקרא כו, ה):
ואכלתם — און איר וועט עסן אייער ברויט צו זאַט;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
כל עמה — דאָס גאַנצע פאָלק אירס טוט זיפצן, זיי זוכן ברויט.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (שמות לד, כד):
לא יחמד — קיינער וועט ניט גלוסטן דיין לאַנד;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
ידו — זיין האַנט האָט אויסגעשטרעקט דער פיינט אויף אַלע אירע גלוסטיקייטן.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (ויקרא טז, ל):
כי ביום הזה — ווארום אין אָט דעם טאָג וועט מען מכפר זיין אויף אייך, אייך צו ריניקן;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
טמאתה — איר אומריינקייט איז אין אירע פאָלעס.

---

שייכות איז אַ ריין אינהאַלטלעכע. [2] און פאַר דעם שטייט אין דעמזעלבן פסוק: גאָט

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (ויקרא כג):
אלה מועדי ה׳;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
על אלה אני בוכיה.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (במדבר כ):
במסלה נעלה;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
סלה כל אבירי ה׳.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (ויקרא כו):
ואשבר מוטות עלכם;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
נשקד על פשעי בידו.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (שם ו):
אש תמיד תוקד על המזבח;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
ממרום שלח אש בעצמותי.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (דברים א):
בכל הדרך אשר הלכתם;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
לא אליכם, כל עוברי דרך.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (ויקרא כו):
ואכלתם לחמכם לשבע;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
כל עמה נאנחים, מבקשים לחם.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (שמות לד):
לא יחמד איש את ארצך;
**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
ידו פרש צר על כל מחמדיה.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (ויקרא טז):
כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם;

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (דאָרט):
מכל חטאתיכם — פון אַלע אייערע זינד וועט איר ריין ווערן פאַר גאָט;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
חטא חטאה — אַ זינד האָט געזינדיקט ירושלים.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (במדבר י, ט):
ונזכרתם — און איר וועט דערמאָנט ווערן פאַר גאָט אייער האַר;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
זכרה — דערמאָנט האָט זיך ירושלים אין די טעג פון איר פּיין.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (ויקרא כו, יב):
והתהלכתי — און איך וועל אומגיין צווישן אייך;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, לייענט איר:**
ויצא — און ארוים איז פון דער טאָכטער פון ציון די גאַנצע פּראַכט אירע.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (דברים כח, יג):
ונתנך ה׳ לראש — און גאָט וועט דיך מאַכן פאַר דעם קאָפּ;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
היו צריה לראש — אירע שונאים זיינען געוואָרן דער קאָפּ, אירע
פיינט זיצן אין שלווה.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (דאָרט טז, טז):
שלש פעמים — דריי מאָל אין יאָר [זאָלן אַלע דיינע מאַנסלייט זיך
ווייזן פאַר גאָט דיין האַר];
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
דרכי — די וועגן פון ציון טרויערן.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (ויקרא כו, ה):
וישבתם — און איר וועט זיצן מיט זיכערקייט אין אייער לאַנד;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
גלתה — יהודה איז אין גלות געגאַנגען פון וועגן פּיין.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (שמות יב, מב):
ליל שמורים — אַ וואַך נאַכט איז עס ביי גאָט;
**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:**
בכה — וויינען טוט זי וויינען ביינאַכט.

**וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט אין דער תורה** (דברים א, יב):
איכה — ווי קאָן איך טראָגן אַליין[3];

---

דיין גאָט האָט דיך געטראָגן אַזוי ווי אַ מאַן טראָגט זיין קינד. [3] די משא פון אַזאַ **גרויס פאָלק.**

**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
טמאתה בשוליה.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (שם):
מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו;

**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
חטא חטאה ירושלים.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (במדבר י):
ונזכרתם לפני ה׳ אלהיכם;

**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
זכרה ירושלים ימי עניה.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (ויקרא כו):
והתהלכתי בתוככם;

**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
ויצא מן בת-ציון כל הדרה.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (דברים כח):
ונתנך ה׳ לראש;

**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
היו צריה לראש, אויביה שלו.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (דברים טז):
שלוש פעמים בשנה;

**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
דרכי ציון אבלות.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (ויקרא כו):
וישבתם לבטח בארצכם;

**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
גלתה יהודה מעני.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (שמות יב):
ליל שמורים הוא לה׳;

**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
בכה תבכה בלילה.

**אלו זכיתם, הייתם קוראים בתורה** (דברים א):
איכה אשא לבדי;

**איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, טוט איר לייענען:** איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — —

יב

**ר' חנינא בר פפא האָט אָנגעהויבן** (משלי כה, כ): מעדה בגד — אזוי ווי דער, וואָס טוט אויס דעם בגד אין אַ קאַלטן טאָג, ווי עסיק אויף לויגזאַלץ, אזוי איז דער, וואָס זינגט לידער פאַר אַ שלעכט האַרץ. **ר' חנינא און ר' יונתן זאָגן ביידע: צו וואָס זיינען די צען שבטים און דער שבט יהודה און בנימין געגליכן? צו צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך אום ווינטער איינגעדעקט מיט אַ נייעם בגד; האָט דער געשלעפּט דעם בגד אַהער און דער אַהין, ביז זיי האָבן אים צעריסן. אזוי האָבן די צען שבטים ניט אויפגעהערט צו דינען** דער עבודה זרה אין שומרון, און די שבטים יהודה און בנימין [**האָבן ניט אויפגעהערט] צו דינען דער עבודה זרה אין ירושלים, ביז זיי האָבן גורם געווען, אַז ירושלים זאָל חרוב ווערן.**

אַן אַנדער פשט [אויפן פסוק] ווי דער, וואָס טוט אויס דעם בגד אין אַ קאַלטן טאָג [ווערט געגעבן פון] **ר' חנינא בר פפא און ר' סימון. ר' חנינא בר פפא זאָגט: דעם טאָג ווען נבוכדנצר איז באַפאַלן ישראל, האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיי ביידע בגדים: די בגדי כהונה און די בגדי מלכות;** ביום קרה (אין אַ קאַלטן טאָג), — **ווייל זיי האָבן געגרופן**[1] **דעם גאָלדענעם קאַלב** (שמות לב, ד): אלה — דאָס איז דיין גאָט, ישראל; — ווי עסיק אויף לויגזאַלץ, — **ר' יהושע האָט געזאָגט: [ס'איז אַ משל] מיט איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ קעלער מיט וויין; האָט ער באַטראַכט די ערשטע פאַס, און האָט זי געפונען עסיק; די צווייטע, און האָט זי געפונען עסיק; די דריטע, און האָט זי געפונען עסיק. האָט ער געזאָגט: „דאָס איז גענוג [צו וויסן], אַז ס'איז אינגאַנצן שלעכט**[2]. אזוי איז דער, וואָס זינגט לידער פאַר אַ שלעכט האַרץ, — **ר' ברכיה האָט געזאָגט: וואָסער זמר מען זאָל ניט זינגען, גייט עס ניט אַריין אין די אויערן פונעם טענצער**[3]**, וואָסער זמר מען זאָל ניט זינגען, וועט עס דער נאַרישער זון ניט הערן**[4]**.**

אַן אַנדער פשט [אויפן פסוק] ווי דער וואָס טוט אויס דעם בגד אין אַ קאַלטן טאָג **האָט געזאָגט ר' סימון: דעם טאָג ווען נבוכדנצר איז באַפאַלן ישראל, האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיי ביידע בגדים: די בגדי כהונה און די בגדי מלכות; אין אַ קאַלטן טאָג, ווי אין פסוק שטייט** (זכריה ז, יג): ויהי — און עס איז געווען: אזוי ווי ער האָט גערופן[5], און זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט; — ווי עסיק אויף לויגזאַלץ, — **ר' יהושע בר נחמיה האָט געזאָגט: ווי איינער וואָס גיט עסיק אויף לויגזאַלץ און מאַכט עס צונישט, אזוי פלעגן זיי צונישט מאַכן די ווערטער פון דער תורה; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דברי הימים ב, לו, טז): ויהיו מלעיבים — און זיי פלעגן אָפּשפּעטן פון גאָטס שליחים. **ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: אָט ווי די קו וואָס מעלה גרהט מיטן מויל**[6]. אזוי איז דער וואָס זינגט לידער אויף אַ שלעכט האַרץ,—

**ועכשו, שלא זכיתם, הרי אתם קוראים:**
איכה ישבה בדד.

יב

**רבי חנינא בר פפא פתח** (משלי כ"ה): מעדה בגד ביום קרה, חומץ על נתר, ושר בשירים על לב רע. **ר' חנינא ור' יונתן תרויהון אמרין: למה היו עשרת השבטים ושבט יהודה ובנימין דומין? לשני בני אדם, שהיו מתכסים בשמלה חדשה בימות הגשמים, והיה זה בוגד מכאן וזה בוגד מכאן, עד שקרעו אותה. כך לא זזו עשרת השבטים עובדים עבודת כוכבים בשומרון, ושבט יהודה ובנימין עובדים עבודת כוכבים בירושלים, עד שגרמו לירושלים ליחרב.**

**ד"א:** מעדה בגד ביום קרה, — **ר' חנינא בר פפא ור' סימון. ר' חנינא בר פפא אמר:** יום שנזדווג נבוכדנצר לישראל, **העדה מהם שני לבושין: בגדי כהונה ובגדי מלכות;** ביום קרה, — **על שם שקראו לעגל** (שמות ל"ב): אלה אלהיך ישראל; חומץ על נתר, — **א"ר יהושע: לאחד שהיה לו מרתף של יין; בדק חבית ראשונה, ומצאה חומץ; שנייה, ומצאה חומץ; שלישית, ומצאה חומץ. אמר: „הא מסתיא, דכולא בישא".** ושר בשירים על לב רע, — **א"ר ברכיה: „כל דזמר זימרא, לא עייל באודניה דרקדא; כל דזמר זמר, ברא דטפשא לא שמע".**

**ד"א:** מעדה בגד ביום קרה, — **א"ר סימון: יום שנזדווג נבוכדנצר לישראל, העדה מהן שני לבושין: בגדי כהונה ובגדי מלכות;** ביום קרה, — **כהה"ד** (זכריה ז'): ויהי כאשר קרא, ולא **שמעו;** חומץ על נתר, — **א"ר יהושע בר נחמיה: כזה שהוא נותן חומץ על נתר וסותרו, כך היו סותרים דברי תורה; הה"ד** (ד"ה ב' ל"ו): ויהיו מלעיבים במלאכי האלהים. **ר' אבא בר כהנא אמר: כפרה זו, שהיא מלחכת בפיה.** ושר בשירים על לב רע, — **ר' חגי בשם ר' יצחק אמר: לפי שהיו ליצני הדור ממללים בפיהם ומרמזין בעיניהן, ומורין באצבעותיהן, ואומרים** (יחזקאל י"ב):

---

ר' חגי אין נאָמען פון ר' יצחקן האָט געזאָגט: ווייל די ליצנים פונעם דור פלעגן מורמלען מיט זייערע מיילער און ווינקען מיט זייערע אויגן און ווייזן

---

[1] קרא — קרה. [2] באַהאַלטענער וואָרטשפּיל: נתר, לויגזאַלץ — נותר, די איבעריקע (זיינען אויך געוואָרן עסיק). [3] ווען זיין האַרץ איז ניט פאַרשטענדיק. [4] און אזוי אויך די יידן, וואָס האָבן זיך ניט פאַרשטאַנען אויף די רייד פון די נביאים. [5] קרה — קרא.

מיט זייערע פינגער, און פלעגן זאָגן (יחזקאל יב, כז): החזון — די זעאונג וואָס ער זעט איז אויף אַ סך טעג שפּעטער, און אויף ווייטע צייטן זאָגט ער נביאות. האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט צו זיי: „ביי אייער לעבן! (דאָרט, פסוק כה) — ווארום אין אייערע טעג, איר ווידערשפּעניק הויז"; גלייך (דברי הימים ב, לו, יז) — ויעל — האָט ער אַרויפגעבראַכט אויף זיי דעם מלך פון די כשדים, און ער האָט געהרגעט זייערע יונגע לייט מיט דער שווערד — — — און עס שטייט געשריבן (מלכים ב, כה, ט): וישרף — און ער האָט פאַרברענט דאָס הויז פון גאָט, דאָס איז דער בית המקדש, און דאָס הויז פונעם מלך, דאָס איז צדקיהוס פּאַלאַץ, און אַלע הייזער פון ירושלים, — ר' פּינחס האָט אין נאָמען פון ר' הושעיא געזאָגט: פיר הונדערט און אַכציק שולן זיינען געווען אין ירושלים אויסער דעם בית המקדש; פון וואַנען [איז עס געדרונגען]? [דאָס וואָרט] (ישעיה א, כא) מלאתי — פול [מיט גע-רעכטיקייט] באַטרעפט אַזוי פיל [7]. און יעטוועדע שול האָט געהאַט אַ בית-ספר צו לערנען פסוק און אַ בית־תלמוד צו לערנען משנה [8]; און אספּאַסיאַנוס איז געקומען און האָט זיי אַלע חרוב געמאַכט. (מלכים, דאָרט) ואת כל — און וואו נאָר אַ הויז פון אַ גדול, — דאָס איז דער בית מדרש פון ר' יוחנן בן זכאי; און פאַרוואָס רופט מען עס דאָס הויז פון אַ גדול? ווייל דאָרט פלעגט מען אויסדערציילן דעם לויב פון הקדוש-ברוך־הוא. — וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אַזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה.

## יג

ר' חנינא בר פּפּא האָט אָנגעהויבן (משלי כה, יח): מפיץ — אַ צע-שפּרייטער און אַ שווערד און אַ שאַרפע פייל איז אַ מענטש, וואָס זאָגט פאַלש עדות אויף זיין חבר: אַ צעשפּרייטער, לויטן פסוק (דברים כח, סד): והפיצך — און צעשפּרייטן וועט דיך גאָט צווישן אַלע פעלקער; — און אַ שווערד, לויטן פסוק (ויקרא כו, לג): והריקותי — און איך וועל אַרויסציען נאָך אייך אַ שווערד; — און אַ שאַרפע פייל, לויטן פסוק (יחזקאל ה, טז): בשלחי — ווען איך שיק אָן די בייזע פיילן פון הונגער; אויף וועמען [קומט] דאָס אַלץ? אויף אַ מענטשן, וואָס זאָגט פאַלש עדות אויף זיין חבר, — דאָס מיינט מען ישראל, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן און געזאָגט (שמות לב, ד): אלה — דאָס איז דיין גאָט, ישראל [1].

[אין פסוק שטייט] (משלי כה, יט): שן רועה — אַ צעבראָכענער צאָן און אַ וואַקלדיקער פוס [איז דאָס פאַרלאָזן זיך אויף דעם פעלשער אין טאָג פון אומגליק]: ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „ריבונו-של־

[6] אזוי האָבן זיי געקרימט מיט זייערע מיילער קעגן די נביאים. [7] די אותיות פון מלאתי באַטרעפן 481. [8] דער לערן אַנשטאַלט פאַרן לימוד פון תנך האָט געהייסן בית־ספר, דאָס הויז פון בוך, ווייל דעם תנך האָט מען געמוזט לערנען פון בוך אַרויס; משנה אָבער האָט מען געלערנט אויסנווייניק, האָט דער לערן אַנשטאַלט געהייסן בית־תלמוד, לערן הויז (זע אויבן, פּתיחתא א, באַמערקונג 1).

החזון אשר הוא חוזה, לימים רבים ולעתים רחוקות הוא נבא, **אמר להם הקב״ה: ,,חייכם**, כי בימיכם, בית המרי״; **מיד** (ד״ה ב׳ ל״ו): ויעל עליהם את מלך כשדים, ויהרוג בחוריהם בחרב, וגו׳, **וכתיב** (מ״ב כ״ה): וישרוף את בית ה׳ **זה בהמ״ק, ואת** בית המלך, **זה פלטין של צדקיהו**, ואת כל בתי ירושלים, — **ר׳ פנחס בשם רבי הושעיא אמר: ארבע מאות ושמונים בתי כנסיות היו בירושלים, חוץ מבית המקדש; מנין?** (ישעיה א׳): מלאתי **בגימטריא הכי הוי. וכל אחת ואחת היה לה בית ספר למקרא ובית התלמוד למשנה; וכולן עלה אספסיאנוס והחריבן.** ואת כל בית גדול, **זה בית מדרשו של רבן יוחנן בן זכאי; ולמה קורא אותו** בית גדול? **ששם מתנין שבחו של הקדוש ברוך הוא. — כיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם** איכה.

יג

**רבי חנינא בר פפא פתח** (משלי כ״ה): מפיץ וחרב וחץ שנון, **וגו׳: מפיץ, על שם** (דברים כ״ח): והפיצך ה׳ בכל העמים; וחרב, **על שם** (ויקרא כ״ו): והריקותי אחריכם חרב; וחץ שנון, **על שם** (יחזקאל ה׳): בשלחי את חצי הרעב; **הכל למי?** לאיש עונה ברעהו עד שקר, **אלו ישראל, שהשיבו ואמרו** (שמות ל״ב): אלה אלהיך ישראל. (משלי כ״ה): שן רועה ורגל מועדת, **וגו׳ — אמרו ישראל לפני הקדוש ברוך הוא: ,,רבש״ע! כשבאת לרעות אותנו, השן אכלה ומדקה אחרים, ולמה שן רועה אוכלת אותנו ורגל רופסת אותנו?** [מבטח בוגד], **מפני בטחונה של עבודת כוכבים, על שבגדנו בצורנו״.** (שם) מעדה בגד ביום קרה, — (זכריה ז׳): ויהי כאשר קרא ולא שמעו.

---

עולם! **ווען דו ביסט געקומען אונדז פיטערן, האָט [אונדזער] צאָן צעגעסן און צעמאָלן אַנדערע; פאַרוואָס עסט אונדז איצט אַ שלעכטער צאָן און עס צעטרעט אונדז אַ פוס?** — [דאָס פאַרלאָזן זיך אויף דעם פעלשער][2], **צוליב אונדזער פאַרלאָזן זיך אויף דער עבודה זרה, צוליב דעם וואָס מיר האָבן געפעלשט אין אונדזער פעלז״.** דער וואָס טוט אויס דעם בגד אין אַ קאַלטן טאָג, **[אויף אים ווערט מקוים דער פסוק]** (זכריה ז, יג): ויהי — און עס איז געווען: אזוי ווי ער האָט גערופן[3], און זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט, [אזוי וועלן זיי רופן, און איך וועל זיך ניט צוהערן].

[1] לויט אַ דרשה, אַז דער פסוק (משלי כז, י) רעך — דיין חבר און דיין פאָטערס חבר זאָלסטו ניט פאַרלאָזן מיינט **דעם רבונו־של־עולם, וואָס איז דער גוטער פריינט פון ישראל און דער חבר פון די אבות.** [2] **צוגעגעבן לויטן רד״ל.** [3] קרא — קרה.

אַן אַנדער פּשט: שן רועה, — אַ שאַקלדיקער צאַן און אַ וואַקלדיקער פּוס, — הקדוש-ברוך-הוא האָט געזאָגט: „איך האָב געזאָגט צו ישראל: פעלשט אין דער עבודה זרה און האָט ביטחון אין מיר; אָבער זיי האָבן ניט אזוי געטאָן, נייערט זיי האָבן אין מיר געפעלשט און אין דער עבודה זרה ביטחון געהאַט". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה ב, כז): אומרים — זיי זאָגן צו אַ האָלץ: מיין פאָטער ביסטו! — וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, אזוי זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה.

## יד

ר' חנינא בר פפא האָט אָנגעהויבן (משלי כט, ט): איש חכם נשפט — אַ קלוגער מענטש, אַז ער משפט זיך מיט אַ נאַרישן מענטשן, — צי ער בייזערט זיך, צי ער שמייכלט, האָט ער קיין נחת ניט. ר' סימון האָט געזאָגט: יעדער וואָס משפט דעם נאַר, ווערט אַליין געמשפט; דאָס איז, ווי עס שטייט געשריבן ער משפט זיך: עס שטייט ניט „ער משפט", נייערט ער משפט זיך.

(אַן אַנדער פּשט:) איש חכם — אַ קלוגער מענטש, אַז ער משפט זיך, דאָס איז הקדוש-ברוך-הוא, ווי דער פסוק זאָגט (איוב ט, ד): חכם לב — ער איז קלוג אין האַרצן און שטאַרק אין כוח; — מיט אַ נאַרישן מענטשן, דאָס איז ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה ד, כב): כי אויל — ווארום אַ נאַר איז מיין פאָלק; — צי ער בייזערט זיך, צי ער שמייכלט: „איך האָב זיך געבייזערט און קיין נחת ניט געהאַט, איך האָב געשמייכלט און קיין נחת ניט געהאַט". „איך האָב זיך געבייזערט אויף אייך", אין די טעג פון פקח בן רמליהו, ווי דער פסוק זאָגט (דברי הימים ב, כח, ו): ויהרג — און פקח דער זון פון רמליהו האָט געהרגעט [אין יהודה הונדערט און צוואַנציק טויזנט]; „איך האָב געשמייכלט צו אייך" אין די טעג פון אמציה, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, כה, יא—יב): ואמציהו — און אמציהו האָט זיך געשטאַרקט און ער האָט געפירט זיין פאָלק, און ער איז געגאַנגען צום טאָל פון זאַלץ. וואָס מיינט טאָל פון זאַלץ? אונטער די פעלזן פון זאַלץ — אנשטאַט [צו זיין] געבויגענע פון מלחמה, [האָט ער זיי געפירט צו ניצחון] [1]. און צען טויזנט האָבן די קינדער פון יהודה געפאַנגען לעבעדיקערהייט, און זיי האָבן זיי געבראַכט אויפן שפּיץ פעלז און זיי אַראָפּגעשליידערט — — — אין יענער שעה האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט: „איך האָב גוזר געווען דעם טויט אויף די בני נוח ניט אַנדערש, נייערט מיט דער שווערד [2]; אָבער די האָבן זיי געבראַכט אויפן שפּיץ פעלז און זיי אַראָפּגעשליידערט — — — און זיי זיינען אַלע צעהאַקט געוואָרן". — האָט ער

[1] וואָרטשפּיל: כפי מלח, פעלזן פון זאַלץ — כפויי מלחמה, געבויגענע פון מלחמה.
[2] אָבער ניט מיט אַזאַ אכזריותדיקן טויט.

**דבר אחר**: שן רועה ורגל מועדת, — **שן מערערה ורגל** ממטמטה, — **אמר** הקב"ה: "**אני אמרתי לישראל: בגדו בעבודת כוכבים ובטחו בי, והן לא עשו כן, אלא בגדו בי ובטחו בעבודת כוכבים.**" **הדא הוא דכתיב** (ירמיה ב׳): אומרים לעץ: אבי אתה! — **כיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם** איכה.

יד

**רבי חנינא בר פפא פתח** (משלי כ"ט): איש חכם נשפט את איש אויל, ורגז ושחק, ואין נחת. **א"ר סימון: כל מי שהוא דן את טיפש, הוא עצמו נידון; הה"ד** חכם נשפט: "**שפט**" **אין כתיב, אלא** נשפט.

(**ד"א**:) איש חכם נשפט, **זה הקב"ה, שנאמר** (איוב ט׳): חכם לבב ואמיץ כח; את איש אויל, — **אלו ישראל, שנאמר** (ירמיה ד׳): כי אויל עמי; ורגז ושחק, — "**רגזתי ואין נחת, שחקתי ואין נחת**": "**רגזתי עליכם**" **בימי פקח בן רמליהו, שנאמר** (ד"ה ב׳ כ"ח): **ויהרג** פקח בן רמליהו, **וגו׳**; "**שחקתי עליכם**" **בימי אמציהו, שנאמר** (שם כ"ה): **ואמציהו** התחזק וינהג את עמו, וילך גיא המלח. **מהו** גיא המלח? **תחת כפי המלח,** — **תחת כפויי מלחמה.** ועשרת אלפים חיים שבו בני יהודה, ויביאום לראש הסלע וישליכום, **וגו׳**. **באותה שעה אמר הקב"ה: "לא גזרתי מיתה לבני נח, אלא בחרב, ואלו** — ויביאום לראש הסלע וישליכום — — — וכלם נבקעו". ואין נחת, — **באותה שעה אמר הקב"ה: "מה אלו עושין כאן, יגלו!"** — **כיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם** איכה.

טו

**רבי חנינא בר פפא פתח** (משלי ט׳): יוסר לץ לוקח לו קלון. **א"ר יצחק: כל המעמיד תלמיד רשע, סופו להתבזות ממנו,**

---

ניט קיין נחת, — **אין יענער שעה האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט: "אויב זיי האָבן אזוינס דאָ געטאָן, זאָלן זיי גיין אין גלות!" ווייבאַלד זיי האָבן גע-זינדיקט, אזוי זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות גע-גאַנגען, אזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי** איכה.

**טו**

**ר׳ חנינא בר פפא האָט אָנגעהויבן** (משלי ט, ז): יוסר לץ — דער וואָס מוסרט דעם אָפּשפּעטער נעמט זיך שאַנד. **ר׳ יצחק האָט געזאָגט: יעדערער וואָס האָדעוועט אויס אַ תלמיד אַ רשע, וועט לסוף איינגעמען בזיונות פון**

אים, ווי דער פסוק זאָגט: דער וואָס מוסרט דעם אָפּשפּעטער נעמט זיך שאַנד. דאָס איז די מיינונג פון ר׳ יצחקן, ווארום ר׳ יצחק האָט געזאָגט: יעדערער וואָס האָדעוועט אויס אַ תלמיד אַ רשע אין ארץ ישראל, איז עס ווי ער וואָלט אויסגעהאָדעוועט אַ גזלן, און אין חוץ לארץ — ווי ער וואָלט אויסגעהאָדעוועט אַ קנעכט [1].

ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן (דאָרט כ, ג): כבוד לאיש — ס׳איז אַ כבוד פאַר אַ מענטשן זיך אָפּצוהאַלטן פון קריגעריי, — הקדוש-ברוך-הוא האָט געזאָגט: „עס וואָלט פאר מיר מער כבוד געווען, ווען איך וואָלט זיך ניט אָנגעהויבן מיט דערדאָזיקער אומה״. דו געפינסט, אַז בשעת ישראל איז געגאַנגען אין גלות צווישן די אומות העולם, איז הקדוש-ברוך-הוא אַרומגעגאַנגען איבער די אומות העולם, צו הערן וואָס זיי זאָגן. און וואָס פלעגן זיי זאָגן? „דער גאָט פון דער דאָזיקער אומה האָט זיך אָפּגערעכנט מיט פרעהן און מיט סיסראָן און מיט סנחריבן און זייער גלייכן״. אָבער ווידער פלעגן זיי זאָגן: „איז ער דען אייביק יונג? די זאַכן זיינען, כביכול, שוין אַלט״ [2]. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל לו, כ): ויבוא — און אַז ער איז געקומען צו די פעלקער וואָס זיי זיינען געקומען אַהין, האָבן זיי פאַרשוועכט מיין הייליקן נאָמען, — דער פסוק האָט דאָך געדאַרפט זאָגן ניט אַנדערש, נייערט „און זיי זיינען געקומען״, און דו זאָגסט און ער איז געקומען [3]! נייערט דאָס מיינט מען אים, כביכול, אַליין; דאָס איז וואָס עס שטייט געשריבן און ער איז געקומען צו די פעלקער. און וואָס פלעגן זיי זאָגן? „אויב גאָטס פאָלק זיינען די דאָזיקע, טאָ פאַרוואָס זיינען זיי פון זיין לאַנד אַרויסגעגאַנגען?״

אַן אַנדער פשט: דער וואָס מוסרט, דאָס איז ירמיה; דעם אָפּשפּעטער, דאָס איז זיין דור, וואָס זיינען געווען אָפּשפּעטערס; נעמט זיך שאַנד, ווייל זיי פלעגן אים שילטן, ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה טו, י): לא נשיתי — ניט איך מאָן, ניט מען מאָנט ביי מיר, און אַלע שילטן מיך [4]; — און דער וואָס שטראָפט דעם רשע, פאַרדינט זיך בזיונות, — דען ער פלעגט שטראָפן ישראל און זאָגן אויף זיי איכה.

## טז

ר׳ אבהו האָט אָנגעהויבן (ירמיה ד, יח): דרכך — דיין וועג און דיינע מעשים האָבן דיר עס געטאָן. ווען קען דער מלך מיט מער כבוד זיך אָפּגעבן מיט זיינע לעגיאָנען, — [זייענדיק] אין מדבר, צי אין אַ ישוב? ניט אין אַ ישוב? [און דאָך] — ביים מדבר שטייט געשריבן (שמות טז, ד): הנני — אָט מאַך איך אייך רעגענען ברויט פון הימל; און דאָ שטייט געשריבן (איכה

---

[1] לויטן רד״ל אַ קנעכט צו דער עבודה זרה. [2] ד״ה: נאָר אַמאָליקע צייטן האָט כביכול געהאַט אַזאַ כוח; היינט קאָן ער אַזוינס מער ניט באַווייזן. [3] דער כתיב איז ויבוא, און ער איז געקומען, אָבער אין דער מסורה איז פאַראַן אַ נוסח פון אַ קרי ויבואו, און זיי זיינען געקומען, און אזוי איז עס אין תרגום יונתן; די דרשה איז לויטן כתיב.

[4] מקללוני — קלון.

שנאמר: יוסר לץ לוקח לו קלון. הוא דעתיה דר׳ יצחק, דא״ר יצחק: כל המעמיד תלמיד רשע בא״י, כאלו מעמיד ליסטים, ובחוצה לארץ מעמיד עבד.

אמר ר׳ שמעון בן לקיש: כתיב (שם כ׳): כבוד לאיש שבת מריב. — אמר הקב״ה: „כבוד היה לי, אלו לא נזדווגתי לאומה זו״. את מוצא, בשעה שגלו ישראל לבין אומות העולם היה הקדוש ברוך הוא מחזר על פתחיהן של אומות העולם לשמוע, מה הם אומרים. ומה היו אומרים? „אלהיהם של אומה זו נפרע הוא מפרעה ומסיסרא ומסנחריב וכיוצא בהן״. וחוזרין ואומרין: „ולעולם נער הוא? כביכול הזקינו הדברים״. הה״ד (יחזקאל ל״ו): ויבוא אל הגוים אשר באו שם, ויחללו את שם קדשי. — לא הוה צריך קריא לומר, אלא „ויבואו״, ואת אמרת ויבוא! אלא כביכול הוא עצמו; הה״ד: ויבוא אל הגוים. ומה היו אומרים? „אם עם ה׳ אלה, למה מארצו יצאו?״

ד״א: יוסר, זה ירמיה; לץ, זה דורו, שהיו ליצנים; לוקח לו קלון, שהיו מקללין אותו, דכתיב (ירמיה ט״ו): לא נשיתי ולא נשו בי, כלה מקללוני; ומוכיח לרשע מומו, שהיה מוכיח לישראל ואומר להם איכה.

## טז

רבי אבהו פתח (שם ד׳): דרכך ומעלליך עשו אלה לך, וגו׳. אימתי שבחו של מלך להזקק ללגיונותיו, במדבר או בישוב? לא בישוב? במדבר כתיב (שמות ט״ז): הנני ממטיר לכם לחם מן השמים, והכא כתיב: עוללים שאלו לחם, וגו׳; במדבר כתיב (תהלים ע״ח): הן הכה צור ויזובו מים, והכא כתיב: דבק לשון יונק אל חכו בצמא. במדבר כתיב (שם ק״ה): פרש ענן למסך, והכא כתיב: צפד עורם על עצמם. ומי עשה לך? דרכך ומעלליך,

---

ד, ד): עוללים — קליינע קינדער בעטן ברויט, [קיינער ברעכט זיי ניט אָפּ]. ביים מדבר שטייט געשריבן (תהלים עח, כ): הן הכה — אמת, ער האָט געשלאָגן דעם פעלז, און וואַסער איז גערונען; און דאָ שטייט געשריבן (איכה, דאָרט): דבק — די צונג פון דעם זויגנדיקן איז צוגעקלעפּט גע־וואָרן צו זיין גומען פון וועגן דאָרשטיקייט. ביים מדבר שטייט געשריבן (תהלים קה, לט): פרש — ער האָט פאַרשפּרייט אַ וואָלקן פאַר אַן איבער־דעק; און דאָ שטייט געשריבן (איכה ד, ח): צפד — איינגעשרומפּן איז זייער הויט אויף זייערע ביינער. ווער האָט עס דיר געטאָן? דרכך — דיין

וועג און דיינע מעשים, **דיינע שלעכטע וועגן און דיינע ווידערשפעניקע מע-שים.** זאת רעתך — דאָס איז דיין שלעכטיקייט וואָס איז ביטער, וואָס רירט דיך אָן ביזן האַרצן, **דאָס איז דער גרויסער סנהדרין, וואָס ווערט גערופן „דאָס האַרץ פון ישראל", ווי עס שטייט געשריבן** (שופטים ה, ט): לבי — מיין האַרץ איז מיט די געזעצגעבערס פון ישראל, **„און וויבאַלד זיי דער-צערענען מיך, איז מיין האַרץ ניט מיט די געזעצגעבערס פון ישראל", האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט.**

**[אַן אַנדער פשט]** [1]: וואָס רירט דיך אָן ביזן האַרצן, **דאָס איז דער בית המקדש, ווי דער פסוק זאָגט** (דברי הימים ב, ז, טז): והיו עיני ולבי — און מיינע אויגן און מיין האַרץ וועלן דאָרטן זיין אַלע טעג.

**נאָך אַ פשט:** וואָס רירט דיך אָן ביזן האַרצן, **דאָס איז הקדוש-ברוך-הוא. ר' חייא האָט געזאָגט: וואו געפינען מיר, אַז הקדוש-ברוך-הוא ווערט גערופן „דאָס האַרץ פון ישראל"? אין אָט דעם פסוק** (תהלים עג, כו): צור לבבי — דער פעלז פון מיין האַרצן און מיין חלק איז גאָט אויף אייביק.

## יז

**ר' אבהו האָט אָנגעהויבן** (תהלים סט, יג): ישיחו בי — עס רעדן פון מיר די טויער זיצער, **דאָס זיינען די אומות העולם, וואָס זיצן אין די שפיל-הייזער און אין די צירקן;** און דאָס געזאַנג פון די משקה טרינקער [בין איך], **— נאָכדעם ווי זיי זיצן און עסן און טרינקען און שיכורן זיך אָן, זיצן זיי און רעדן פון מיר און שפּאָטן פון מיר און זאָגן: „[אונדז איז גוט], ווארום מיר דאַרפן ניט אָנקומען צו קיין באָקסער, ווי די יידן"** [1]. **און זיי זאָגן איינער צום אַנדערן: „וויפיל יאָר ווילסטו לעבן?" און זיי ענטפערן: „ווי אַ שבתדיק העמד ביי אַ יידן"** [2]. **און זיי ברענגען אַריין אַ קעמל אין זייערע שפילהייזער מיט זיינע איבערדעקן אויף אים, און זיי זאָגן איינער צום אַנדערן: „אויף וואָס טרויערט דער דאָזיקער?"** [3] **און זיי זאָגן: „די דאָזיקע יידן היטן אָפּ שמיטה** [4] **און זיי האָבן ניט קיין גרינצייג; האָבן זיי אויפגעגעסן זיינע דערנער, און אויף דעם טרויערט ער". און זיי ברענגען אַריין אין זייער שפילהויז אַ פּאַיאַץ** [5] **מיט אַ געגאָלטן קאָפּ, און זיי זאָגן איינער צום צווייטן: פאַרוואָס איז אים זיין קאָפּ אָפּגעגאָלט?" און ער זאָגט: „די דאָזיקע יידן זיינען שומרי שבת, און וואָס זיי פאַרהאָרעוועון דורך די טעג פון דער וואָך, עסן זיי אויף אום שבת. און זיי האָבן ניט קיין האָלץ צו קאָכן; צעברעכן זיי זייערע בעטן און קאָכן אויף דעם און שלאָפן אויף דער ערד. ווערן זיי פול מיט שטויב און שמירן זיך מיט אייל; דעריבער איז אַזאַ יקרות אויף אייל** [6]**".**

**אַן אַנדער פשט:** עס רעדן פון מיר די טויער זיצער, **דאָס זיינען די יידן, וואָס זיצן אין די שולן און בתי מדרשים;** און דאָס געזאַנג פון די משקה טרינקער [בין איך]: **נאָכדעם ווי זיי זיצן און עסן און טרינקען און שיכורן זיך אָן ביי דער סעודה פון [ערב] תשעה באב** [7], **זעצן זיי זיך אַוועק און לייענען קינות און וויקלאָגן און איכה.**

**אורחתיך בישאתא ועובדיך מרידאתא.** (ירמיה ד׳): זאת רעתך כי מר כי נגע עד לבך, **זו סנהדרי גדולה, שהן קרויין לבן של ישראל, דכתיב** (שופטים ה׳): לבי לחוקקי ישראל, **„וכיון שהן מכעיסין אותי, לית לבי לחוקקי ישראל״—אמר הקדוש ברוך הוא.**

**[דבר אחר]**: כי נגע עד לבך, — **זה בית המקדש, כמד״א** (ד״ה ב׳ ז׳): והיו עיני ולבי שם כל הימים.

**ד״א**: כי נגע עד לבך, **זה הקדוש ברוך הוא. אמר ר׳ חייא: איכן מצינו שנקרא הקב״ה „לבן של ישראל״? מן הדין קרייא** (תהלים ע״ג): צור לבבי וחלקי אלהים לעולם.

יז

**רבי אבהו פתח** (שם ס״ט): ישיחו בי יושבי שער, **אלו אומות העולם, שהן יושבין בבתי תיטראות ובבתי קרקסיאות;** ונגינות שותי שכר, — **מאחר שהן יושבין ואוכלין ושותין ומשתכרין, הן יושבין ומשיחין בי ומלעיגים בי ואומרים: „בגין דלא נצרוך לחרובא כיהודאי״. והן אומרין אלו לאלו: „כמה שנים את בעי מחי?״ והן אומרים: „כחלוקא דיהודאי דשבתא״. ומכניסין את הגמל לטרטיאות שלהם, והחלוקים שלו עליו, והן אומרין אלו לאלו: „על מה זה מתאבל?״ והן אומרים: „היהודים הללו שומרי שביעית הן, ואין להם ירק; ואכלו החוחים של זה, והוא מתאבל עליהם. ומכניסים את (המתים) [המומוס] לתיטרון שלהם וראשו מגולח, והן אומרין אלו לאלו: „על מה ראשו של זה מגולח?״ והוא אומר: „היהודים הללו שומרי שבתות הן, וכל מה שהן יגעין כל ימות השבת, אוכלין בשבת. ואין להם עצים לבשל בהן, והן שוברין מטותיהן ומבשלין בהן; והם ישנים בארץ ומתעפרים בעפר, וסכין בשמן; לפיכך השמן ביוקר״.**

**ד״א**: ישיחו בי יושבי שער, **אלו ישראל, שהן יושבין בבתי כנסיות ובבתי מדרשות;** ונגינות שותי שכר, — **מאחר שהן יושבין**

---

[1] צוגעגעבן לויטן רש״ש, וועלכער שטיצט זיך אויף ילקוט ירמיה.

[1] וואָס עסן אַ גאַנצע וואָך באַקסער, כדי זיי זאָלן האָבן דאָס געלט אויף צוצוגרייטן גוטע מאכלים אויף שבת. [2] ווייל ער טוט עס נאָר אָן פון שבת צו שבת. [3] ווייל ער איז איבערגעדעקט, אַ סימן פון טרויער. [4] דאָס זיבעטע יאָר, ווען מע טאָר ניט באַאַרבעטן די פעלדער. [5] לויט דעם נוסח ווייטער (פרשה ג, ה) און לויט אַ כתב יד, געבראַכט אין בובערס אויסגאַבע, וואו עס לייענט זיך מומוס, אַ פּאַיאַץ, אַ קלאון, אנשטאט מתים, טויטע. [6] מוז דער פּאַיאַץ צוליב דעם זיך אָפּגאָלן די האָר. [7] ס׳קען ניט מיינען די „סעודה

## יח

**ר׳ אבין האָט אָנגעהויבן** (איכה ג, טו): השביעני — ער האָט מיך זאַט געמאַכט מיט ביטערנישן — **אין די ערשטע נעכט פון דעם יום-טוב פסח**[1]; ער האָט מיך אָנגעטרונקען מיט ווערמוט — **אום תשעה באב: מיט וואָס ער האָט מיך זאַט געמאַכט אין די ערשטע יום-טוב נעכט פון פסח, מיט דעם האָט ער מיך אָנגעטרונקען אין די נעכט פון תשעה באב**, מיט ווערמוט; **דען די ערשטע יום-טוב נאַכט פון פסח פאַלט אויס [דעם זעלבן טאָג פון דער וואָך] ווי די נאַכט פון תשעה באב. און אויף דעם האָט ירמיה געקלאָגט** איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — —

## יט

**ר׳ אבין האָט אָנגעהויבן** (דניאל ב, כא): והוא — און ער ענדערט די תקופות און די צייטן. **ירמיה האָט געזאָגט צו ישראל: „וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געזעסן אין ירושלים און געטרונקען דאָס וואַסער פון שילוח, וואָס זיינע וואַסערן זיינען ריין און זיס; איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, וועט איר פאַרטריבן קיין בבל און איר טרינקט דאָס וואַסער פון פרת, וואָס זיינע וואַסערן זיינען מוטנע און פאַרסרחעט". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה ב, יח): ועתה און אַצינד, ווי קומסטו אויפן וועג קיין מצרים, צו טרינקען דאָס וואַסער פון שיחור? און ווי קומסטו אויפן וועג קיין אשור, צו טרינקען דאָס וואַסער פון טייך?[1] **„וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געזעסן אין ירושלים און געזונגען שירים און מזמורים פאַר הקדוש-ברוך-הוא; איצט אָבער, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, וועט איר פאַרטריבן קיין בבל און איר לייענט קינות און ווייקלאָגן". דאָס איז [וואָס דער פסוק זאָגט]** (תהלים קלז, א): על נהרות בבל — ביי די טייכן פון בבל, [דאָרטן זיינען מיר געזעסן און געוויינט,] — איכה.

## כ

**ר׳ אלכסנדרי האָט אָנגעהויבן** (תהלים קב, ח): שקדתי — איך האָב געאיילט, און בין געוואָרן ווי אַן איינזאַמער פויגל אויף אַ דאַך. **הקדוש-ברוך-הוא האָט געזאָגט: „איך האָב געאיילט גלייך [נאָך יציאת מצרים] צו געבן מיינע קינדער די תורה**[1]. **באַלד אָבער בין איך געוואָרן ווי אַן איינזאַ**-מער פויגל אויף אַ דאַך": **אזוי ווי דער פויגל וואַנדערט איינזאַם פון דאַך צו דאַך און פון פלויט צו פלויט, און פון בוים צו בוים, און פון צווייג צו צווייג, אזוי אויך, ווען ישראל איז ארויס פון מצרים, האָבן זיי געצויגן אין מחלוקת און גערוט אין מחלוקת** (במדבר לג, ג): ויסעו ויחנו — זיי[2] האָבן געצויגן און זיי האָבן גערוט. **אָבער ווי נאָר זיי זיינען צוגעקומען צום באַרג סיני, אזוי זיינען זיי אַלע געוואָרן איינס: עס שטייט דאָ ניט ויחנו**, און זיי האָבן גערוט, **נייערט ויחן** — און ישראל האָט דאָרטן גערוט[3]. **דעמאָלט**

---

מפסקת", ווייל ביי דער דאָזיקער סעודה טאָר מען קיין ווייַן ניט טרינקען (זע ווייטער, פרשה ג, ו), מיינט עס וואַרשיינלעך דער מאָלצייט וואָס פריער. לויטן מהרז"ו רעדט זיך

ואוכלין ושותין ומשתכרין בסעודת תשעה באב, יושבין וקוראין קינין ונהי ואיכה.

יח

רבי אבין פתח: השביעני במרורים — בלילי הפסח של יום טוב הראשון; הרוני לענה — בתשעה באב: ממה שהשביעני בלילי יום טוב הראשון של פסח, הרוני בלילי תשעה באב, — לענה. הוי בלילי יו״ט הראשון של פסח הוא לילי תשעה באב. ועל זה היה מקונן ירמיה איכה ישבה בדד.

יט

רבי אבין פתח (דניאל ב׳): והוא מהשנא עדניא וזמניא. אמר ירמיה לישראל: „אלו זכיתם, הייתם יושבין בירושלים ושותין מי השילות, שמימיו נקיים ומתוקים; עכשיו, שלא זכיתם, הרי אתם גולים לבבל ושותין מי פרת, שמימיו עכורין וסרוחין״. הה״ד (ירמיה ב׳): ועתה מה לך לדרך מצרים לשתות מי שיחור? ומה לך לדרך אשור לשתות מי נהר? „אלו זכיתם, הייתם יושבים בירושלים ואומרים שירים ומזמורים לפני הקדוש ברוך הוא; עכשיו, שלא זכיתם, הרי אתם גולין לבבל וקוראים קינים ונהי. הוי (תהלים קל״ז): על נהרות בבל. — איכה.

כ

רבי אלכסנדרי פתח (תהלים ק״ב): שקדתי ואהיה כצפור בודד על גג. אמר הקב״ה: „שקדתי (להכניס בני לא״י) [ליתן תורה לבני], מיד — ואהיה כצפור בודד על גג״: מה הצפור מתבודד מגג לגג ומגדר לגדר ומאילן לאילן ומשוכה לשוכה, כך כשיצאו ישראל ממצרים, היו נוסעים במחלוקת וחונים במחלוקת (במדבר ל״ג): ויסעו ויחנו. וכיון שבאו להר סיני, נעשו כולם הומוניא: „ויחנו״ אין כתיב כאן, אלא (שמות י״ט): ויחן שם ישראל. באותה

---

דאָ טאַקע וועגן דער סעודה המפסקת, און זיי שיכורן זיך אָן מיט צרות.

[1] געמיינט דעם מרור וואָס מע עסט ביים סדר.

[1] מיט סתם נהר, טייך, ווערט אין תנך געמיינט דער טייך פרת.

[1] לויט דער קאָרעקציע פון רש״ש. אין אַלע געדרוקטע טעקסטן איז דער נוסח: שקדתי להכניס בני לארץ ישראל — איך האָב געאײַלט גלייך אַרייַנצוברענגען מיינע קינדער קיין ארץ ישראל; אָבער דאַן זיינען קשה די ווייטערדיקע טיילן פון דער דרשה, און מען איז געצוואונגען צו מאַכן מערערע קאָרעקציעס (זע מהרז״ו). [2] זיי, אין מערצאָל: צע־טיילטע, צעקריגטע. [3] אין לשון יחיד: פאַראייניקט, איין פאָלק.

האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט: איצט איז די צייט, איך זאָל געבן די תורה צו מיינע קינדער".

אַן אַנדער פשט: איך האָב געאײַלט, — הקדוש-ברוך-הוא האָט געזאָגט: „איך האָב מיך געאײַלט צו מאַכן רוען מיין שכינה אין בית המקדש אויף אייביק"; און בין געוואָרן ווי אַן איינזאַמער פויגל, — אזוי ווי דער דאַזיקער פויגל, ווען דו נעמסט אַוועק זיינע יונגע, בלייבט ער זיצן איינזאַם, אזוי האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט: „איך האָב פאַרברענט מיין הויז און חרוב געמאַכט מיין שטאָט, און פאַרטריבן מיינע קינדער צווישן די פעלקער פון דער וועלט, און איך בין געבליבן זיצן איינזאַם". — איכה.

## כא

ר' אלכסנדרי האָט אָנגעהויבן (ויקרא יג, מה): והצרוע — און דער קרעציקער, וואָס דער אויסשלאַג איז אויף אים: און דער קרעציקער, דאָס איז דער בית המקדש; וואָס דער אויסשלאַג איז אויף אים, דאָס איז די עבודה זרה, וואָס איז מטמא ווי אַן אויסשלאַג, ווי אין פסוק שטייט [1]: און זיי האָבן פאַרשוועכט מיין הייליקטום און אים מטמא געווען; זיינע קליידער זאָלן זיין אויפגעריסן, דאָס מיינט מען די בגדי כהונה; און זיין קאָפּ זאָל זיין צעשויבערט, דאָס איז, וואָס דער פסוק זאָגט (ישעיה כב, ח): ויגל — און מען האָט אָפּגעדעקט דעם איבערדעק פון יהודה, — מען האָט אָפּגעדעקט דאָס פאַרדעקטע [2]; און זיין אויבערשטע ליפּ זאָל ער פאַרדעקן, — ווי ישראל איז אין גלות געגאַנגען צווישן די פעלקער פון דער וועלט, אזוי האָט קיינער פון זיי ניט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט תורה פון זיין מויל; און „טמא! טמא!" זאָל ער אויסרופן, דאָס איז דער ערשטער חורבן און דער צווייטער [3].

ר' יוסי בן חלפתא האָט געזאָגט: יעדערער וואָס ווייסט, וויפיל יאָר ישראל האָט געדינט דער עבודה זרה, ווייסט, ווען בן-דוד [4] וועט קומען. און מיר האָבן א ראיה אויף דעם פון דריי פסוקים. איין פסוק איז (הושע ב, טו): ופקדתי — און איך וועל זיך רעכענען מיט איר פאַר די טעג פון די בעל געצן, וואָס זי האָט גערויכערט צו זיי: [די שטראָף וועט דויערן אזוי לאַנג], ווי די טעג פון [זייער דינען צו] די בעל געצן. אַ צווייטער פסוק (זכריה ז, יג): ויהי — און עס איז געווען: אזוי ווי מען האָט גערופן, און זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט, אזוי וועלן זיי רופן און איך וועל זיך ניט צוהערן. אַ דריטער (ירמיה ה, יט): והיה — און עס וועט זיין, אַז איר וועט זאָגן: פאַרוואָס האָט גאָט אונדזער האַר אונדז געטאָן דאָס אַלץ? [זאָלסטו

---

[1] געענוי אַזאַ פסוק איז ניטאָ, אָבער אַ סך פסוקים נוצן דעם אויסדרוק טומאה אויף געצנדינסט. דער רש"ש שלאָגט פאָר דעם פסוק (יחזקאל ה, יא): את מקדשי — מיין הייליקטום האָסטו מטמא געווען מיט אַלע דיינע מיאוסקייטן, אָדער אַן ענלעכן פסוק פון ירמיה (ז, ל). [2] מע האָט אַראָפּגעריסן דעם דאַך פון קדשי קדשים (יפה ענף), וואו קיינער האָט ניט געטאָרט אַריינקומען, חוץ דעם כוהן גדול אום יום כיפור. [3] דאָס איבערחזרן צוויי מאָל טמא ווערט גענומען ווי אַ רמז אויף ביידע חורבנות. [4] משיח.

**שעה אמר הקדוש ברוך הוא: „הרי השעה שאתן תורה לבני״.**

**דבר אחר:** שקדתי, — **אמר הקדוש ברוך הוא: „שקדתי אני להשרות שכינתי בבית המקדש לעולם״.** ואהיה כצפור: **מה הצפור הזה, בשעה שאתה נוטל גוזליה, היא יושבת בדד, כך אמר הקדוש ברוך הוא: „שרפתי את ביתי והחרבתי את עירי והגליתי את בני לבין או״ה, וישבתי לי לבדי״.** — איכה.

כא

**רבי אלכסנדרי פתח** (ויקרא י״ג): והצרוע אשר בו הנגע, **וגו׳:** והצרוע, **זה בית המקדש;** אשר בו הנגע, **זו עבודת כוכבים, שהיא מטמאה כנגע, שנאמר:** ויחללו את מקדשי ויטמאוה; בגדיו יהיו פרומים, **אלו בגדי כהונה;** וראשו יהיה פרוע, **הוא שנאמר** (ישעיה כ״ב): ויגל את מסך יהודה, — **גלי׳ דכסיא;** ועל שפם יעטה, — **כיון שגלו ישראל לבין אומות העולם, לא היה אחד מהן יכול להוציא דבר תורה מפיו;** וטמא! טמא! יקרא, — **חורבן ראשון וחורבן שני.**

**אמר רבי יוסי בן חלפתא:** כל מי שהוא יודע כמה שנים **עבדו ישראל עבודת כוכבים, הוא יודע, אימתי בן דוד בא. ואית לן תלתא קראי מסייע ליה. חדא** (הושע ב׳): ופקדתי עליה את ימי הבעלים אשר תקטיר להם, — **כימי הבעלים. תנינא** (זכריה ז): ויהי כאשר קרא ולא שמעו, כן יקראו ולא אשמע. **תליתאה** (ירמיה ה׳): והיה כי יאמרו: תחת מה עשה ה׳, **וגו׳.**

**ר׳ יוחנן וריש לקיש דאמרי תרווייהו. רבי יוחנן אמר:** יען וביען, — **מדה כנגד מדה. ריש לקיש אמר** (ישעיה א׳): אדמתכם לנגדכם, זרים אוכלים אותה, **כנגדכם זרים אוכלים אותה. רבי**

---

זאָגן צו זיי: אזוי ווי איר האָט מיך פאַרלאָזן און געדינט פרעמדע געטער אין אייער לאַנד, אזוי זאָלט איר דינען פרעמדע אין אַ לאַנד, וואָס איז ניט אייערס.]

**ר׳ יוחנן און ריש לקיש האָבן ביידע געהאַט צו זאָגן** [וועגן דעם]. **ר׳ יוחנן האָט געזאָגט** (ויקרא כו, מג): יען וביען — ווייל און באַווייל [מיינע געזעצן האָבן זיי פאַראַכטעט], — **דאָס איז מידה כנגד מידה**[5]. **ריש לקיש האָט געזאָגט** (ישעיה א, ז): אדמתכם — אייער ערד איז אייך אַנטקעגן — אָבער פרעמדע פאַרצערן זי: **אַנטקעגן אייערע זינד**[6] **וועלן פרעמדע זי**

---

[5] אַ מאָס פאַר אַ מאָס: **אַ מענטש אָדער אַ פאָלק ווערט געמשפּט פונקט לויט זיינע מעשים, צום גוטן, אָדער צום שלעכטן.** [6] **פונקט לויט דער צייט פון אייערע זינד.**

פאַרצערן. ר׳ אלכסנדרי לערנט עס אַרויס פון אַ דעם פסוק (ויקרא יג, מו): כל ימי — אַלע טעג וואָס דער אויסשלאַג איז אויף אים, זאָל ער זיין טמא [7], [איינזאַם זאָל ער זיצן. — איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — — [8]]

## כב

ר׳ יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר׳ לוין האָט אָנגעהויבן (ישעיה ה, ח): הוי — ווי, די וואָס רוקן צונויף אַ הויז מיט אַ הויז. ר׳ יוחנן און ריש לקיש [טייטשן דעם פסוק]. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ווי, די וואָס רוקן צונויף אַ הויז מיט אַ הויז, דאָס איז דער, וואָס אַנטלייט אַ צווייטן אויף זיין הויז, אַנטלייט אים אויף זיין פעלד, כדי עס אַוועקצונעמען. האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט: „וואָס מיינט איר, אַז איר וועט ירשענען דאָס לאַנד, און איר אַליין וועט בלייבן זיצן אין לאַנד? אין מיינע אויערן [זאָגט] גאָט פון די חיילות: אויב עס וועלן ניט פיל הייזער וויסט ווערן, גרויסע און שיינע אָן אַ באַוואוינער!״ ריש לקיש האָט געזאָגט [1]: ווי יענער, וואָס שרייט זיין חבר אין די אויערן, — ניט אין איינעם, נאָר אין ביידע, אַזוי: אין מיינע אויערן [זאָגט] גאָט פון די חיילות.

ריש לקיש האָט געזאָגט: הוי — ווי די וואָס רוקן צונויף אַ הויז מיט אַ הויז, [גענענען אַ פעלד צו אַ פעלד], — איר האָט צונויפגערוקט איין חורבן מיטן צווייטן: אַזוי ווי ביים ערשטן חורבן [איז מקוים געוואָרן] (ירמיה כו, יח; מיכה ג, יב): ציון שדה תחרש — ציון וועט ווי אַ פעלד צעז־אַקערט ווערן, אַזוי אויך איז ביים צווייטן חורבן [מקוים געוואָרן] ציון וועט ווי אַ פעלד צעאַקערט ווערן [2]. — ביז נישטאָ מער קיין אָרט. — וואָס האָט גורם געווען, דאָס אָרט זאָל חרוב ווערן? דאָס וואָס זיי האָבן ניט געלאָזט קיין אָרט, וואו זיי זאָלן ניט האָבן געדינט דער עבודה זרה. צוערשט האָבן זיי געדינט צו איר אין באַהעלטענישן; דאָס איז ווי עס שטייט גע־שריבן (יחזקאל ח, יב): ויאמר — און ער האָט געזאָגט צו מיר: האָסטו געזען, מענטשנקינד, [וואָס די עלטסטע פון דעם הויז פון ישראל] טוען אין דער פינצטער — — —? און וויבאַלד מען האָט זיי ניט געוועדט, האָבן זיי עס ווידער געטאָן הינטער דער טיר, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה נז, ח): ואחר — און הינטער דער טיר און דעם ביישטידל האָסטו געשטעלט דיין דערמאָנצייכן. און וויבאַלד מען האָט זיי ניט געוועדט, האָבן זיי עס ווידער געטאָן אויף די דעכער, ווי דער פסוק זאָגט (צפניה א, ה): ואת המשתחוים — און די וואָס בוקן זיך אויף די דעכער צו די הערשאַפטן פון הימל. און

[7] לעבן אין גלות: דער חוץ לארץ איז געווען טמא לגבי ארץ ישראל. [8] צוגעגעבן לויט בוברס אויסגאַבע.

[1] דאָס איז ניט מער ווי אַ צוגאָב דערקלערונג צו ר׳ יוחננס רייד; ריש לקישס אייגענע דערקלערונג קומט ווייטער. [2] דער דרש ווערט געבויט אויף דער איבערחזרונג פון דעם וואָרט שדה, אַ פעלד, און אויף דעם וואָס דער פסוק ציון וועט ווי אַ פעלד צעאַקערט ווערן געפינט זיך צוויי מאָל אין תנך; דאָס וואָרט הויז ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי דאָס הויז פון

אלכסנדרי שמע לה מהדין קרא (ויקרא י״ג): כל ימי אשר הנגע בו יטמא; [בדד ישב, — איכה ישבה בדד].

## כב

רבי יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי פתח (שם ה׳): הוי מגיעי בית בבית. ר׳ יוחנן וריש לקיש. ר׳ יוחנן אמר: הוי מגיעי בית בבית,— מלוהו על ביתו, מלוהו על שדהו ליטלה. אמר הקב״ה: מה אתם סבורין, שאתם יורשין את הארץ, (שם) והושבתם לבדכם בקרב הארץ? באזני ה׳ צבאות: אם לא בתים רבים לשמה יהיו, גדולים וטובים מאין יושב״. ר״ל אמר: כזה שהוא צווח באזניו של חברו, — לא באחת, אלא בשתים; כך — באזני ה׳ צבאות.

אמר ריש לקיש: הוי מגיעי בית בבית, — הגעתם חורבן ראשון לחורבן שני: מה חורבן ראשון ציון שדה תחרש, אף חורבן שני ציון שדה תחרש. — עד אפס מקום, — מי גרם למקום ליחרב? על שלא הניחו מקום, שלא עבדו בו עבודת כוכבים. בתחלה היו עובדין אותן במטמוניות; הה״ד (יחזקאל ה׳): ויאמר אלי: הראית בן אדם, וגו׳, עושים בחשך, וגו׳. וכיון שלא מיחו בידם, חזרו להיות עושין אחר הדלת, שנא׳ (ישעיה נ״ז): ואחר הדלת והמזוזה שמת זכרונך. וכיון שלא מיחו בידן, חזרו להיות עושין על הגגות, שנאמר (צפניה א׳): ואת המשתחוים על הגגות לצבא השמים. וכיון שלא מיחו בידן, חזרו להיות עושין בגנות, שנא׳ (ישעיה ס״ה): זובחים בגנות. וכיון שלא מיחו בידן, חזרו להיות עושין בראשי ההרים, שנאמר (הושע ד׳): על ראשי ההרים יזבחו ועל הגבעות יקטרו. וכיון שלא מיחו בידן, חזרו להיות עושין בשדות, דכתיב (שם י״ב): גם מזבחותם כגלים על תלמי שדי.

ר׳ יודן ור׳ איבו ור׳ טבי בשם ר׳ יאשיה אמרי: על כל תלם

---

וויבאַלד מען האָט זיי ניט געווערט, האָבן זיי עס ווידער געטאָן אין די גערטנער, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה סה, ג): זובחים — די וואָס שלאַכטן אין די גערטנער. און וויבאַלד מען האָט זיי ניט געווערט, האָבן זיי עס ווידער געטאָן אויף די שפּיצן בערג, ווי דער פסוק זאָגט (הושע ד, יג): על ראשי — אויף די שפּיצן בערג טוען זיי שלאַכטן און אויף די הייכן טוען זיי רויכערן. און וויבאַלד מען האָט זיי ניט געווערט, האָבן זיי עס ווידער געטאָן אויף די פעלדער, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט יב, יב): גם מזבחותם — אויך זייערע מזבחות זיינען ווי בערגלעך אויף די בייטן פון פעלד.

ר׳ יודן און ר׳ איבו און ר׳ טבי האָבן אין נאָמען פון ר׳ יאשיה געזאָגט:

**אויף יעטוועדן בייט פלעגן זיי אוועקשטעלן אַ געץ. ר' פינחס און ר' חלקיה** האָבן אין נאָמען פון ר' הושעיא געזאָגט: **איינער פון זיי פלעגט צעאַקערן** זיין פעלד אין קווערשניט[3], **און אין מיטן פלעגט ער אַוועקשטעלן אַ געץ, כדי די שפּיצן פון די בייטן זאָלן ווייזן אויף אים.**

**און וויבאַלד מען האָט זיי ניט געוועדט, האָבן זיי עס ווידער געטאָן אויף די הויפּטוועגן, ווי דער פּסוק זאָגט** (יחזקאל טז, כה): אל כל — אויף יעדן הויפּטוועג האָסטו דיר געבויט דיין געהייך. **און וויבאַלד מען האָט זיי ניט געוועדט, האָבן זיי עס אָנגעהויבן טאָן אויף די מאַרק פּלעצער, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט, פּסוק כד): ותבני — און דו האָסט דיר אויסגעבויט אַ געוועלב און האָסט דיר געמאַכט אַ געהייך אויף איטלעכן מאַרק. **און וויבאַלד מען האָט זיי ניט געוועדט, האָבן זיי עס ווידער געטאָן אין די שטעטלעך, ווי דער פּסוק זאָגט** (ירמיה ב, כח; יא, יג): כי מספר — ווייל ווי די צאָל פון דיינע שטעט זיינען געווען דיינע געטער, יהודה. **און וויבאַלד מען האָט זיי ניט געוועדט, האָבן זיי עס ווידער געטאָן אין די גאַסן, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט יא, יג): ומספר — און ווי די צאָל פון די גאַסן פון ירושלים האָט איר געמאַכט מזבחות צום שאַנדגעץ.

**ביז וואַנען** [איז עס אזוי אָנגעגאַנגען]? **ביז זיי האָבן עס אַריינגע-בראַכט אין קדשי קדשים, ווי דער פּסוק זאָגט** (יחזקאל ח, ה): סמל — דאָס געשטאַלט פון דער דאָזיקער דערצערענונג ביים אַריינגאַנג. **וואָס מיינט** ביים אַריינגאַנג? **ר' אחא האָט געזאָגט: ווי, ווי[4], אַז דער נייגעקומענער זאָל אַרויסזעצן דעם בעל הבית[5]. ר' ברכיה האָט געזאָגט** (ישעיה כח, כ): כי קצר המצע מהשתרע — וואָרום דאָס געלעגער איז צו קורץ זיך אויסצו-ציען, — **וואָס מיינט** מהשתרע? **אַ פרוי מיט צוויי ליבהאָבערס[6] — אויפ-צונעמען אַ פרוי מיט איר מאַן און איר ליבהאָבער[7];** והמסכה צרה כהתכנס — **איר האָט געמאַכט דעם געגאָסענעם געצנבילד פאַר אַ צרה[7א] צו דעם, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (תהלים לג, ז): כונס[8] — ער זאַמלט ווי אַ הויפן די וואַסערן פון ים. — **און וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, אזוי זיינען זיי אין** גלות געגאַנגען; **און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אזוי האָט ירמיה אָנגע-הויבן קלאָגן אויף זיי** איכה.

## כג

**ר' יהושע פון סיכנין האָט אין נאָמען פון ר' לוין אָנגעהויבן** (קוהלת יב, א): וזכר — און געדענק דיין באַשעפער אין דיינע בחורשע טעג. **שלמה המלך האָט געזאָגט צו ישראל:** געדענק דיין באַשעפער, **געדענקט אייער באַשעפער, כל-זמן אייערע אויסדערוויילטקייטן[1] האַלטן זיך נאָך: כל-זמן דער בונד מיט דער כהונה האַלט זיך נאָך, ווי דער פּסוק זאָגט** (שמואל א, ב, כח): ובחר[2] — און איך האָב אים אויסדערוויילט פון אַלע שבטים פון ישראל פאַר אַ כוהן צו מיר; — **כל-זמן דער בונד מיט דער לוויה[3] האַלט זיך נאָך, ווי דער פּסוק זאָגט** (דברים יח, ה): כי בו בחר — וואָרום אים האָט גאָט דיין האַר אויסדערוויילט פון אַלע דיינע שבטים; — **כל-זמן דער בונד מיט מלכות**

**ותלם היו מעמידין צלם. ר׳ פנחס ור׳ חלקיה בשם ר׳ הושעיא אמרי: היה אחד מהן חורש שדהו לוכסון, מעמיד צלם באמצע, כדי שיהו ראשי תלמים מראין לה.**

**וכיון שלא מיחו בידן, חזרו להיות עושין בראשי הדרכים, שנאמר** (יחזקאל ט״ז): אל כל ראש דרך בנית רמתך. **וכיון שלא מיחו בידן, התחילו להיות עושין ברחובות, שנאמר** (שם): ותבני לך גב ותעשי לך רמה בכל רחוב. **וכיון שלא מיחו בידן, חזרו להיות עושין בעיירות, שנאמר** (ירמיה ב׳): כי מספר עריך היו אלהיך יהודה, וגו׳. **וכיון שלא מיחו בידן, חזרו להיות עושין בחוצות, שנאמר** (שם י״א): ומספר חוצות ירושלים שמתם מזבחות לבשת.

**עד אימתי? עד שהכניסוה לבית קדשי הקדשים, שנאמר** (יחזקאל ח׳): סמל הקנאה הזה בביאה. **מהו בביאה? א״ר אחא: הא „בייה, בייה! תותבא מפני מארי ביתא!״ א״ר ברכיה** (ישעיה כ״ח): כי קצר המצע מהשתרע, מהו מהשתרע? **(שתריע) [אשה ותרי ריעי], — לקבל אשה ובעלה וריעה;** והמסכה צרה כהתכנס, **— עשיתם מסכה צרה לאותו שכתוב בו** (תהלים ל״ג): כונס כנד מי הים. **— כיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם** איכה.

## כג

**רבי יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי פתח** (קהלת י״ב): וזכור את בוראיך בימי בחורותיך. **אמר שלמה לישראל:** זכור את בוראך, — **זכרו את בוראכם, עד שבחירותיכם קיימות: עד שברית כהונה קיימת, שנאמר** (שמואל א׳, ב׳): ובחר אותו מכל שבטי ישראל לי לכהן; **עד שברית לויה קיימת, שנאמר** (דברים י״ח): כי בו בחר ה׳ אלהיך מכל שבטיך; **עד שברית מלכות בית דוד קיימת,**

**גאָט, דער בית המקדש.** [3] **און עס פלעגן אַרויסקומען דרייעקיקע בייטן, וואָס זייערע שפּיצן פלעגן זיך צענויפקומען אין צענטער פון פעלד.** [4] בייה, בייה — בביאה. [5] **אַז דער פרעמדער געץ זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פונעם כביכול.** [6] אשה ותרי ריעי, **וואָרט־שפּיל אויף** מהשתרע, **לויט דער קאָרעקציע פון רד״ל.** [7] **די פרוי איז די כנסת ישראל, דער מאַן איז גאָט כביכול און דער ליבהאָבער איז די עבודה זרה, להבדיל.** [7א] **קאָנקורענטקע, די אַנדערע פרוי פון דעמזעלבן מאַן.** [8] **וואָרטשפּיל אויף** כהתכנס.

[1] בחירותיכם — בחורותיך. [2] **ביי די אַלע בונדן וואָס ווערן דאָ ווייטער אויסגערעכנט באַנוצן זיך די פסוקים מיטן פועל** בחר, **אויסדערווײלן.** [3] **מיט אַ חיריק אונטער דער וו,**

**בית דוד האַלט זיך נאָך, ווי דער פּסוק זאָגט** (תהלים עח, ע): ויבחר — און ער האָט אויסדערוויילט דוד זיין קנעכט; — **כּל-זמן דער בונד מיט ירושלים האַלט זיך נאָך, ווי דער פּסוק זאָגט** (מלכים א, יא, לב): העיר — די שטאָט וואָס איך האָב זי אויסדערוויילט; — **כּל-זמן דער בונד מיטן בית המקדש האַלט זיך נאָך, ווי דער פּסוק זאָגט** (דברי הימים ב, ז, טז): ועתה — און אַצינד האָב איך אויסדערוויילט און געהייליקט דאָס דאָזיקע הויז; — **כּל-זמן דו האַלטסט זיך נאָך, ווי דער פּסוק זאָגט** (דברים ז, ו): בך בחר — דיך האָט גאָט דיין האַר אויסדערוויילט.

(קוהלת דאָרט, א-ב) עד אשר — איידער עס וועלן קומען די שלעכטע טעג, **דאָס זיינען די טעג פון גלות**; והגיעו — און עס וועלן אָנקומען די יאָרן, וואָס דו וועסט זאָגן: איך האָב צו זיי קיין ווילן ניט, **ניט צום גוטן**[4], **ניט צום שלעכטן**; איידער עס וועט פינצטער ווערן די זון **פון מלכות בית דוד, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (תהלים פט, לז): וכסאו — און זיין שטול ווי די זון פאַר מיר; — והאור — און דאָס ליכט, **דאָס איז די תורה, וואָס וועגן איר שטייט געשריבן** (משלי ו, כג): כי נר — ווארום אַ ליכט איז דאָס געבאָט, און די תורה איז אַ ליכטיקייט; — און די לבנה, **דאָס איז דער סנהדרין, ווי מיר האָבן געלערנט: דער סנהדרין פלעגט זיצן ווי אין אַ האַלב קיילעכדיקן שייער**[5]; און די שטערן, **דאָס זיינען די רבנים, ווי עס שטייט געשריבן** (דניאל יב, ג): ומצדיקי — און די וואָס ברענגען דעם רבים צו גערעכטיקייט, אזוי ווי די שטערן אויף אייביק און אייביק; — ושבו — און עס וועלן זיך אומקערן די וואָלקנס נאָכן רעגן: **דו געפינסט, אַז אַלע שווערע און שלעכטע נבואות, וואָס ירמיה האָט געזאָגט אויף זיי, זיינען ניט געקומען אויף זיי, נייערט נאָכן חורבן פון בית המקדש.**

(קוהלת, דאָרט, פּסוק ג): ביום — אין דעם טאָג וואָס די הויזוועכטער וועלן ציטערן, **דאָס זיינען די וואַכן פון די כּוהנים און לויים**; והתעותו — און עס וועלן זיך אויסקרימען די העלדישע לייט, **דאָס זיינען די כּוהנים.** — **ר׳ אבא בר כּהנא האָט געזאָגט: צוויי-און-צוואַנציק טויזנט לויים האָט אהרן אויפגעהויבן אין איין טאָג, ווי דער פּסוק זאָגט** (במדבר ח, כא): וינף — און אהרן האָט זיי אויפגעהויבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט[6]; **ר׳ חנינא האָט געזאָגט: די דאָזיקע וואַליע איז זייער אַ גרינגע זאַך**[7], **און דאָך פלעגט זי דער כּוהן וואָס אויפן בריקל**[8] **וואַרפן צוויי-און-דרייסיק איילן ווייט הינ-טער זיך.** — ובטלו — און עס וועלן אויפהערן [אַרבעטן] די מאַלערינס, **דאָס זיינען די משניות גדולות**[9], **ווי למשל, די משנה פון ר׳ עקיבא, און די משנה פון ר׳ אושעיא און די משנה פון בר-קפרא**[10]; ווייל זיי זיינען ווייניק געוואָרן, **דאָס איז דער תלמוד, וואָס איז נכלל אין זיי**; און פינצטער וועלן ווערן די קוקערינס אין די פענצטער, — **דו געפינסט, אַז ווען ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן צווישן די פעלקער פון דער וועלט, האָט קיינער פון זיי זיך ניט געקענט דערמאָנען זיין לערנען.**

(דאָרט, פּסוק ד): וסגרו — און עס וועלן פאַרשלאָסן ווערן די טירן צו

**שנאמר** (תהלים ע״ח): ויבחר בדוד עבדו; **עד שברית ירושלים קיימת, שנאמר** (מלכים א׳ י״א): והעיר אשר בחרתי בה; **עד שברית בית המקדש קיימת, שנאמר** (ד״ה ב׳ ז׳): ועתה בחרתי והקדשתי את הבית הזה; **עד שאת קיימת, שנאמר** (דברים ז׳): בך בחר ה׳ אלהיך.

(קהלת י״ב): עד אשר לא יבאו ימי הרעה, **אלו ימי הגלות;** (שם) והגיעו שנים, אשר תאמר: אין לי בהם חפץ, **לא טובה ולא רעה;** (שם) עד אשר לא תחשך השמש **למלכות בית דוד, דכתיב ביה** (תהלים פ״ט): וכסאו כשמש נגדי; והאור, **זו התורה, שכתוב בה** (משלי ו׳): כי נר מצוה ותורה אור; והירח, **זו סנהדרין, דתניא: סנהדרין היתה כחצי גרן עגולה;** והכוכבים, **אלו הרבנים, דכתיב** (דניאל י״ב): ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד. (קהלת י״ב): ושבו העבים אחר הגשם, — **את מוצא, שכל הנבואות הקשות והרעות, שנתנבא עליהם ירמיהו, לא באו עליהם אלא לאחר חורבן בית המקדש.**

(שם) ביום שיזועו שומרי הבית, **אלו משמרות כהונה ולויה;** והתעותו אנשי החיל, **אלו הכהנים. א״ר אבא בר כהנא: עשרים ושנים אלף לוים הניף אהרן ביום אחד, שנאמר** (במדבר ח׳): וינף אהרן אותם תנופה לפני ה׳. **א״ר חנינא: המוראה הזו דבר קל הוא, והיה הכהן זורקה על הכבש שלשים ושתים אמה לאחורי ידיו.** ובטלו הטוחנות, **אלו משניות גדולות, כגון משנתו של ר״ע, ומשנתו של ר׳ אושעיא ומשנתו של בר קפרא;** כי מעטו, **זו התלמוד, שהוא כלול בהם;** וחשכו הרואות, — **את מוצא, כשגלו ישראל לבין אומות העולם, לא היה אחד מהם יכול לזכור את תלמודו.**

---

קאַלעקטיוועך נאָמען פאַר די לוויים. [4] אפילו ווען אין גלות איז גוט, טויג עס אויך ניט. [5] ווי אַ האַלבע לבנה (אַ שייער, אַ דרעשפלאַץ, פלעגט געוויינלעך זיין קיילעכדיק), און דערפאַר ווערט די לבנה געדרשנט אויפן סנהדרין (זע סנהדרין פרק ד, משנה ג). [6] דער־דאָזיקער מאמר און דער ווייטערדיקער ווערן דאָ געבראַכט צו דערקלערן, פאַרוואָס די כוהנים ווערן גערופן העלדישע לייט. [7] און ס׳איז שווער עס צו וואַרפן ווייט. [8] לאַנג אויסגעצויגענע ברעטער, אנשטאט טרעפּ, ארויפצוגיין צום מזבח. [9] משנה זאַמלונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר דעם סידור המשנה פון ר׳ יהודה הנשיא. [10] די בריי־תות און תוספתאס, זאַמלונגען פון הלכה, וואָס רבי האָט ניט אריינגענומען אין דער משנה; אויך זיי ווערן גערופן „משניות גדולות“, ווייל זיי זיינען אָפט מאריך דאָרט וואו די משנה פון רבי איז מקצר (זע צונץ „הדרשות בישראל“, פרק ג, זייט 28, און באַמער־קונגען 58—59 צו יענעם פרק; זע אויך באַמערקונג 9 צו דער דאָזיקער פתיחתא אין

דער גאַס, דאָס זיינען די טירן פון נחושתא דעם זון [11] פון אלנתן, וואָס פלעגן שטיין ברייט צעעפנט; ווען נידעריק וועט ווערן דאָס רוישן פון דער מיל, דורכדעם וואָס זיי האָבן קיין תורה ניט געלערנט. ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: ישראל איז געגליכן צו מילשטיינער; אזוי ווי די מילשטיינער שטייען קיינמאָל ניט ליידיק, אזוי אויך הערט ישראל קיינמאָל ניט אויף צו לערנען תורה, ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט, ווי דער פסוק זאָגט (יהושע א, ח): והגית — און דו זאָלסט אַריינטראַכטן אין דעם טאָג און נאַכט. — און מען וועט זיך אויפהויבן ביים קול פון אַ פויגל, דאָס איז נבוכדנצר הרשע. רבי [12] האָט געזאָגט: אַכצן יאָר נאָכאַנאַנד פלעגט אַ בת־קול [13] אַרויסגיין אין נבוכדנצרס פּאַלאַץ און זאָגן: „שלעכטער קנעכט! גיי און מאַך חרוב דיין האַרס הויז, ווארום זיינע קינדער הערן אים ניט”. און אַנטשטילט ווערן וועלן אַלע טעכטער פון געזאַנג, דען ער [14] איז ארויף [אויף ירושלים] און האָט אָפּגעשטעלט דאָס געזאַנג אין טרינקהויז; דאָס איז, ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה כד, ט): בשיר — מען טרינקט ניט קיין וויין מיט געזאַנג.

(קוהלת, דאָרט, ה) גם מגבוה — אויך פאַר אַ הויכקייט וועט מען מורא האָבן, — פאַר דעם העכסטן פון דער וועלט האָט ער [14] מורא געהאַט און ניט געוואָלט [עס טאָן]; ער האָט געזאָגט: „ער וויל מיך אַריינצווינגען [אין דעם], כדי צו טאָן מיט מיר, ווי ער האָט געטאָן מיט מיין זיידן [15]. און פחדים וועלן זיין אין וועג, — ר׳ אבא בר כהנא און ר׳ לוי [דערקלערן דעם פסוק]. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: אַ פחד פאַרן וועג איז אים באַפאַלן. און ר׳ לוי האָט געזאָגט: ער האָט אָנגעהויבן אין וועג זיך נאָכצופרעגן ביי צויבערשפרעכערס [16], [ווי אין פסוק שטייט] (יחזקאל כא, כו): כי עמד — ווייל געשטעלט האָט זיך דער מלך פון בבל אויפן שיידוועג, וואו די וועגן צעגייען זיך; ביים אָנהויב פון די צוויי וועגן, — אין מיטן פון ביידע וועגן, וואָס איינער גייט צום מדבר און איינער גייט קיין ירושלים; צו טרעפן מיט כישוף, — ער האָט אָנגעהויבן מאַכן כישוף; ער האָט געשאָקלט מיט די פיילן, — ער האָט אָנגעהויבן שאָקלען מיט די פיילן אויפן נאָמען פון רוים [17], און עס איז ניט ארויסגעקומען; אויפן נאָמען פון אַלעקסאַנדריע, און עס איז ניט ארויסגעקומען; אויפן נאָמען פון ירושלים, און עס איז ארויסגעקומען. האָט ער פאַרזייט זריעה און געפלאַנצט פלאַנצן אויפן נאָמען פון רוים, און עס איז ניט ארויסגעקומען; אויפן נאָמען פון אַלעקסאַנדריע, און עס איז ניט אַרויסגעקומען; אויפן נאָמען פון ירושלים, און עס איז אַרויסגעקומען, און זיי האָבן אַרויסגעשפּראָצט. האָט ער אָנגעצונדן ליכט און לאַמטערנעס אויפן נאָמען פון רוים, און זיי האָבן ניט געלויכטן; אויפן נאָמען פון אַלעקסאַנדריע, און זיי האָבן ניט געלויכטן; אויפן נאָמען פון ירו-

---

[11] לויטן רד״ל דאַרף זיך אין טעקסט לייענען בת, — נחושתא די טאָכטער פון אלנתן, די מוטער פון יהויכין המלך (מלכים ב, כד, ח), וואָס לויט אַ מסורה איז איר הויז געווען ברייט אָפן פאַר נויטבאַדערפטיקע. [12] אין קוהלת רבה יב איז דער נוסח ר׳ לוי. [13] דאָס איז דאָס קול פון אַ פויגל. [14] נבוכדנצר.

בובערס אויסגאַבע פון איכה רבתי).

וסגרו דלתים בשוק, אלו דלתות נחושתא בר אלנתן, שהיו פתוחין לרוחה; בשפל קול הטחנה על ידי שלא נתעסקו בדברי תורה. אמר רבי שמואל בר נחמן: נמשלו ישראל כטוחנות; מה הטוחנות אינן בטלות לעולם, אף ישראל אינן בטלין מן התורה לא ביום ולא בלילה, שנאמר (יהושע א׳): והגית בו יומם ולילה. ויקום לקול הצפור, זה נבוכדנצר הרשע. אמר רבי: שמונה עשרה שנה היתה בת קול יוצאת בפלטין של נבוכדנצר ואומרת: „עבדא בישא, זיל חרב ביתה דמרך, דבניה לא שמעין ליה״. וישחו כל בנות השיר, שעלה וביטל השיר מבית המשתה; הה״ד (ישעיה כ״ד): בשיר לא ישתו יין.

גם מגבוה ייראו, — מגבוהו של עולם נתירא ולא בעי; אמר: „בעי מצמצמא יתי, למיעבד לי כדעבד לסבי״. וחתחתים בדרך, — ר׳ אבא בר כהנא ור׳ לוי. ר׳ אבא בר כהנא אמר: חתיתה של דרך נפלה עליו. ור׳ לוי אמר: התחיל (מחבי חביים) [חובר חברים] בדרך, [דכתיב (יחזקאל כ״א): כי עמד מלך בבל על אם הדרך, — על אמא דבצליה; בראש שני הדרכים, שהיא מתווכה בין שני הדרכים, אחת הולכת למדבר ואחת הולכת לירושלים; לקסם קסם, — התחיל קוסם קסמים; קלקל בחצים, — התחיל לקלקל בחצים לשמה של רומי, ולא עלתה; לשמה של אלכסנדריא, ולא עלתה; לשמה של ירושלים, ועלתה לו. זרע זריעות ונטע נטיעות לשמה של רומי, ולא עלתה לו; לשמה של אלכסנדריא, ולא עלתה לו; לשמה של ירושלים, ועלתה לו וצמחו. הדליק נרות ופנסים לשמה של רומי, ולא האירו; לשמה של אלכסנדריא, ולא האירו; לשמה של ירושלים, והיו מאירין. שאל בתרפים, — בעבודת כוכבים שלו; הא דאמרת (שמואל א׳ ט״ו): ואון ותרפים הפצר. ראה בכבד, אמר רבי: כהדין ערבאה, דהוה נכיס אימרא וחמי בכבדא.

---

שלים, און זיי האָבן געלויכטן. שאל — ער האָט געפרעגט ביי די תרפים, — ביי זיין עבודה זרה; דאָס איז, ווי דער פסוק זאָגט (שמואל א, טו, כג): ואון — און געצנדינסט און תרפים איז דאָס זיין איינגעשפּאַרט. — (יחזקאל, דאָרט): ער האָט געקוקט אינעם לעבער, — רבי האָט געזאָגט: ווי יענער אַראַבער, וואָס פלעגט שעכטן אַ לאַם און אַריינקוקן אינעם לעבער.

---

[15] סנחריב מלך אשור. [16] לייענענדיק חובר חברים (זע דברים יח, יא), אנשטאט מחבי חביים (יאסטראָוו). [17] רוים און אַלעקסאַנדריע זיינען דאָ אַן אַנאַכראָניזם, ווייל דאָ רעדט

(יחזקאל דאָרט, כז): בימינו — אין זיין רעכטער האַנט איז געווען דער כישוף גורל אויף ירושלים, **אין זיין רעכטער האַנט האָט זיך באַוויזן דער כישוף גורל אויף ירושלים**; אַנצושטעלן שטורעמבעק, — **[דאָס זיינען] די גענעראַלן**; צו עפענען דאָס מויל מיט רציחה, — **די הענקערס**; אויפצוהויבן דאָס קול מיט געשריי, — **די טרומייטן**; אַנצושטעלן שטורעמבעק אויף די טויערן, — **די טורעם וואַכן**; אַנצושיטן אַן ערדוואַל, — **פאַר די שליידער-שטיינער**; צו בויען אַ באַלאַגער־מויער, — **[דאָס זיינען] די בריקלעך. און דאָס אַלץ** וועט ביי זיי זיין ווי אַ פאַלשער כישוף אין די אויגן; זיבן מאָל זיבן אויף זיי[18], — **יחזקאל האָט געזאָגט צו ישראל: „וואָלט איר זוכה געווען, וואָלט איר געלייענט די תורה, וואָס ווערט געדרשנט אויף זיבן מאָל זיבן אופנים; אַצינד, אַז איר האָט ניט זוכה געווען, קומט אויף אייך נבו־כדנצר און כישופט אויף אייך זיבן מאָל זיבן כישופן. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט**: זיבן מאָל זיבן אויף זיי.

(דאָרט) אָבער דאָס דערמאָנט אָן די זינד, אַז זיי זאָלן געכאַפּט ווערן, **דאָס איז די זינד פון זכריהן. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דברי הימים ב, כד, כ): ורוח — און דער גייסט פון גאָט האָט אַרומגענומען זכריהן, דעם זון פון יהוידע דעם כוהן, און ער האָט זיך געשטעלט איבער דעם פאָלק, — **איז ער דען געווען איבער די קעפּ פון פאָלק, וואָס דו זאָגסט** איבער דעם פאָלק? **נייערט ער האָט זיך געזען העכער פון דעם גאַנצן פאָלק: [ער איז געווען] דעם קעניגס איידעם[19] און כוהן גדול און נביא און שופט; האָט ער אָנגע-הויבן רעדן גרויסהאַלטעריש[20]. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט, ווײ-טער): ויאמר — און ער האָט צו זיי געזאָגט: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט: פאַר־וואָס טוט איר עובר זיין אויף די געבאָטן פון גאָט, אַז איר זאָלט ניט באַגליקן? ווארום איר האָט פאַרלאָזן גאָט, און ער האָט אייך פאַרלאָזן". האָבן זיי גע-מאַכט אויף אים אַ בונט און האָבן אים פאַרשטיינט מיט שטיינער. **און זיי האָבן זיך צומאָל ניט נוהג געווען מיט זיין בלוט ווי מיטן בלוט פון אַ הירש און אַן אינד; דען עס שטייט געשריבן** (ויקרא יז, יג): ושפך — און מע זאָל אויסגיסן זיין בלוט און עס פאַרדעקן מיט ערד, **אָבער דאָ** — (יחזקאל כד, ז) — כי דמה — ווארום איר בלוט איז אין איר מיט געווען. **און פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי געווען?** כדי אויפצוברענגען גרימצאָרן, כדי צו נעמען נקמה.

**ר' יודן האָט געפרעגט ר' אחאן: וואו האָבן די יידן געהרגעט זכריהן, אין דער עזרת נשים, צי אין דער עזרת ישראל? האָט ער אים געזאָגט: ניט אין דער עזרת נשים און ניט אין דער עזרת ישראל, נייערט אין דער עזרת כוהנים. און זיי האָבן זיך צומאָל ניט נוהג געווען מיט זיין בלוט ווי מיטן בלוט פון אַ הירש און פון אַן אינד, וואָס וועגן דעם שטייט געשריבן**: מע זאָל אויסגיסן זיין בלוט און עס פאַרדעקן מיט ערד; **אָבער דאָ** — אויף אַ טרוקענעם

---

**זיך וועגן נבוכדנצרן; אָבער דער דרשן רופט אָן די צוויי וועלט שטעט פון זיין צייט ווי אַ סימבאָל פון מאַכט. [18] זע תרגום יונתן און רש"י אויף דעם פסוק. [19] אייגנטלעך**

בימינו היה הקסם ירושלים, — **נראין הוו קסמיא על ירושלים בימינו**; לשום כרים,—**פלימרכוס**; לפתוח פה ברצח, — **ספקלטרים**; להרים קול בתרועה, — **סרפינוס**; לשום כרים על שערים, — **טירונין**; לשפוך סוללה — **אבני בליסטרוס**; לבנות דיק, — **כבשים. וכולם** — והיה להם כקסם שוא בעיניהם, שבעי שבעות להם, — **אמר יחזקאל לישראל: „אלו זכיתם, הייתם קוראין בתורה, שהיא נדרשת שבעה משבעה; עכשיו, שלא זכיתם, הרי נבוכדנצר בא ומקסם עליכם שבעה משבעה". הה"ד**: שבעי שבעות להם.

והוא מזכיר עון להתפש, **זה עונו של זכריה. הה"ד** (ד"ה ב׳ כ"ד): ורוח אלהים לבשה את זכריה בן יהוידע הכהן, ויעמוד מעל לעם, — **וכי מעל ראשי העם היה, דאת אמר**: מעל לעם? **אלא שראה עצמו גבוה מכל העם: חתן המלך וכהן גדול ונביא ודיין; התחיל מדבר גדולות. הה"ד** (שם): ויאמר להם: כה אמר האלהים: למה אתם עוברים את מצות ה׳, ולא תצליחו? כי עזבתם את ה׳, ויעזוב אתכם. ויקשרו עליו וירגמוהו אבן, **וגו׳. ולא נהגו בדמו לא כדם הצבי ולא כדם האיל, דכתיב** (ויקרא י"ז): ושפך את דמו וכסהו בעפר, **ברם הכא** — כי דמה בתוכה היה. **וכל כך למה?** (יחזקאל כ"ד): להעלות חמה, לנקום נקם.

**ר׳ יודן שאל לר׳ אחא: היכן הרגו ישראל את זכריה, בעזרת נשים או בעזרת ישראל? אמר ליה: לא בעזרת נשים ולא בעזרת ישראל, אלא בעזרת כהנים, ולא נהגו בדמו לא כדם הצבי ולא כדם האיל, דכתיב ביה**: ושפך את דמו וכסהו בעפר, **וברם הכא** — על צחיה סלע, **וגו׳. כל כך למה?** להעלות חמה, לנקום נקם; נתתי את דמה על צחיח סלע, **וגו׳.**

**שבע עבירות עשו ישראל באותו היום: הרגו כהן ונביא ודיין, ושפכו דם נקי, וחללו את השם, וטמאו את העזרה, ויום השבת ויום הכפורים היה.**

---

פעלז. און פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אזוי געווען? כדי אויפצוברענגען דעם גרימצאָרן, כדי צו נעמען נקמה, האָב איך ארויפגעטאָן איר בלוט אויף אַ טרוקענעם פעלז — — —

**זיבן עבירות האָבן יידן געטאָן יענעם טאָג: זיי האָבן געהרגעט אַ כוהן, און אַ נביא, און אַ שופט, און האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט, און האָבן**

---

דעם איידעמס אַ זון, דעם קיניגס אַן אייניקל (דברי הימים ב, כב, יא). [20] און זיין זינד פון גרויסהאַלטן זיך האָט גורם געווען, אַז דאָס פאָלק זאָל אים הרגענען און דורכדעם

געבראַכט צו חילול השם, און האָבן מטמא געווען די עזרה; און געווען איז עס אום יום-כיפור, וואָס איז אויסגעפאַלן אום שבת.

און ווי נבוזראדן איז געקומען אויף זיי, אזוי האָט דאָס בלוט אָנגעהויבן זידן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „וואָס איז דאָס פאַר אַ בלוט?" האָבן זיי אים געזאָגט: „דאָס איז דאָס בלוט פון אָקסן און ווידערס און שעפּסן, וואָס מיר פלעגן שעכטן". באַלד האָט ער געשיקט און געלאָזט ברענגען בלוט פון קרבנות, אָבער ס'איז ניט געווען דאָסזעלבע. האָט ער געזאָגט צו זיי: „וועט איר מיר זאָגן, איז גוט; אויב אָבער ניט, וועל איך קעמען אייערע לייבער מיט אייזערנע קאַמען!" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „וואָס זאָלן מיר דיר זאָגן? אַ נביא איז געווען, וואָס פלעגט אונדז שטראָפן; זיינען מיר אויפגעשטאַנען אויף אים און אים געהרגעט. און שוין אַ סך יאָרן ווי זיין בלוט רוט ניט". האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך וועל אים איינשטילן". האָט ער געלאָזט ברענגען פאַר זיך דעם גרויסן סנהדרין און דעם קליינעם סנהדרין [21] און ער האָט זיי אויסגעהרגעט, און זייער בלוט האָט געגרייכט ביז צום בלוט פון זכריהן; עס זאָל מקויים ווערן דער פּסוק (הושע ד, ב): פּרצו — זיי האָבן צעבראָכן [אַלע גדרים], און בלוט אָן בלוט רירט זיך אָן. און דאָס בלוט זידט נאָך אַלץ. האָט ער גע-לאָזט ברענגען בחורים און יונגפרויען און זיי געהרגעט איבער אים, און עס האָט זיך ניט באַרואיקט. האָט ער געלאָזט ברענגען קינדער פון די חדרים און זיי געהרגעט איבער אים, און עס האָט זיך ניט באַרואיקט. האָט ער גע-לאָזט ברענגען אַכציק טויזנט כהונה בליטן [22] און זיי געהרגעט, און זייער בלוט האָט געגרייכט ביז צום בלוט פון זכריהן, אָבער דאָס בלוט האָט נאָך אַלץ געזאָטן. האָט ער געזאָגט: „זכריה, זכריה! גאָר די בעסטע פון זיי האָב איך אומגעבראַכט; איז דיר ניחא, אַז איך זאָל זיי אַלעמען פאַרטיליקן?" ווי ער האָט אים אזוי געזאָגט, אזוי באַלד האָט ער זיך באַרואיקט. דעמאָלט האָט ער זיך פאַרטראַכט תשובה צו טאָן; ער האָט געזאָגט: „מה-דאָך איבער איין נפש אזוי, אַ כל-שכן איך, וואָס איך האָב געהרגעט אָט די אַלע נפשות!" איז ער אַנטלאָפן און האָט אַהיימגעשיקט אַ געזעגענונגס מתנה [23], און האָט זיך מגייר געווען.

(קוהלת יב, ה) וינאץ השקד — און עס וועט בליען דער מאַנדלבוים, דאָס איז די נבואה פון ירמיה; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה א, יא): ויהי — און עס איז געווען גאָטס וואָרט צו מיר אזוי צו זאָגן: וואָס זעסטו, ירמיהו? האָב איך געזאָגט: אַ מאַנדלשטאָק זע איך. ר' אלעזר האָט געזאָגט: וואָס איז דער סימן פון דעמדאָזיקן מאַנדלבוים? פון דער צייט, וואָס ער הויבט אָן בליען ביז ער ענדיקט דויערט איין און צוואַנציק טעג; אזוי איז אויך פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב איין און צוואַנציק טעג [24].

ויסתבל — און עס וועט ווערן אַ משא דער היישעריק, דאָס איז נבוכדנצרס געצנבילד, ווי עס שטייט געשריבן (דניאל ג, א): נבוכדנצר מלכא — דער

---

[21] דער ערשטער איז באַשטאַנען פון איין און זיבעציק חברים, דער צווייטער פון דריי און צוואַנציק. [22] יונגע כוהנים. [23] לויט אַ גמרא איין

וכיון שעלה נבוזראדן, התחיל הדם תוסס. אמר להם: „מה טיבו של דם זה?" אמרו לו: „דם פרים ואילים וכבשים שהיינו שוחטין". מיד שלח ואייתי דמי זבחים, ולא אידמו ליה. אמר להם: „אין אמריתו, מוטב; ואם לאו, סריקנא לבשרייהו דהנהו אינשי במסרקי דפרזלא". אמרי ליה: „מאי נימא לך? נביא הוה, דהוה מוכח לן; קמינן עליה וקטליניה. והא כמה שני, דלא נייח דמיה". אמר להו: „ אנא מפייסנא ליה". אייתי קומי סנהדרי גדולה וסנהדרי קטנה וקטלינהון, עד שהגיע דמם לדמו של זכריה, לקיים מה שנאמר (הושע ד׳): פרצו, ודמים בדמים נגעו. ועדיין הדם תוסס. אייתי בחורים ובתולות וקטל עילויה, ולא נח. אייתי תינוקות של בית רבן וקטל עילויה, ולא נח. אייתי שמונים אלף פרחי כהונה וקטל יתהון, עד שהגיע דמם לדמו של זכריה, ועדיין היה הדם תוסס. אמר: „זכריה, זכריה! כל טובים שבהם איבדתי; ניחא לך, דליכלינהו לכולהו?" כדאמר ליה הכי, מיד נח. בההיא שעתא הרהר לעשות תשובה בנפשיה ואמר: ומה אם על נפש אחת כך, ההוא גברא דקטל כל הנהו נפשתא, — על אחת כמה וכמה!" ערק ושדר פרדשנא לביתיה ואגייר.

(קהלת י״ב): וינאץ השקד, זו נבואתו של ירמיה, הה״ד (ירמיה א׳): ויאמר אלי: מה אתה רואה? ואומר: מקל שקד אני רואה. א״ר אלעזר: מה סימנו של שקד זה? משעה שהוא מציץ עד שעה שהוא גומר כ״א יום; כך מי״ז בתמוז עד ט״ב כ״א יום. (קהלת י״ב) ויסתבל החגב, זה צלמו של נבוכדנצר, דכתיב (דניאל ג׳): נבוכדנצר עבד צלם די דהב, רומה אמין שתין, פתיה אמין שית. א״ר יוחנן: כל דרומיה אמין שתין ופתייה שית, מי יכיל קאים? אם אין עוביו שליש רומו, אינו יכול לעמוד, ואת אמר (שם): אקימה בבקעת דורא! א״ר לוי: כקנה, — היו מעמידין ליה והוא נופל,

---

מלך נבוכדנצר האָט געמאַכט אַ געצנבילד פון גאָלד, וואָס זיין הייך איז געווען זעכציק איילן, זיין ברייט זעקס איילן. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: עפּעס וואָס איז זעכציק איילן די הייך און זעקס איילן די ברייט, — קען עס דען בלייבן שטיין? אויב זיין ברייט איז ניט קיין דריטל פון זיין הייך, קען עס ניט שטיין, און דו זאָגסט: ער האָט אים אויפגעשטעלט אין טאָל פון דורא! האָט ר׳ לוי געזאָגט: אַט ווי אַ שטעקן, — מע האָט עס אויפגעשטעלט און עס איז געפאַלן, מע האָט עס אויפגעשטעלט און עס איז געפאַלן. ביז וואַנען? ר׳ חגי האָט אין נאָמען פון ר׳ יצחקן געזאָגט: ביז מע האָט געבראַכט גאָר דאָס

גאָלד און זילבער, וואָס מע האָט ארויסגענומען פון ירושלים און מע האָט אויסגעגאָסן פון דעם אַ פונדאַמענט אַרום זיינע פיס; כדי עס זאָל מקויים ווערן וואָס דער פסוק זאָגט (יחזקאל ז, יט): כספם — זייער זילבער וועלן זיי אויף די גאַסן אַרויסוואַרפן, און זייער גאָלד וועט אַן אומריינקייט ווערן.

(קוהלת יב, ה): ותפר האביונה — און עס וועט אויפהערן דאָס וועלן, דאָס מיינט מען זכות אבות[25]; ווארום דער מענטש גייט צו זיין אייביקער היים: פון בבל האָבן זיי אָפּגעשטאַמט, און אַהין האָבן זיי זיך אומגעקערט; און די באַקלאָגער וועלן זיך אומדרייען אין מאַרק. דאָס מיינט מען דעם גלות יכניה[26]. דו געפינסט, אַז ווען נבוכדנצר איז צוריקגעקומען פון ירושלים און צדקיהס גלות[27] מיט אים, איז יכניהס גלות אים ארויס אַנטקעגן, פון אונטן אָנגעטאָן אין שוואַרצן און פון אויבן אין ווייסן[28], און האָבן פאַר אים לויב געזונגען: „דו באַזיגער פון די באַרבאַרן!" און דערביי האָבן זיי געפרעגט [ביי די ניי פאַרטריבענע]: „וואָס האָט מען געטאָן מיט מיין טאַטן? וואָס האָט מען געטאָן מיט מיין ברודער? וואָס האָט מען געטאָן מיט מיין זון?" און יענע האָבן זיי געענטפערט (ירמיה טו, ב): אשר למות — ווער צום טויט — צום טויט, און ווער צו דער שווערד — צו דער שווערד. און זיי האָבן לויב געזונגען מיט איין האַנט און געקלאָגט מיט דער צווייטער; כדי עס זאָל מקויים ווערן וואָס דער פסוק זאָגט (יחזקאל כד, כג): ופארכם — און אייערע קאָפּצודעקן וועלן זיין אויף אייערע קעפּ [און אייערע שיך אויף אייערע פיס; ניט איר וועט [קענען] קלאָגן און ניט איר וועט [קענען] וויינען].

(קוהלת יב, ו) עד אשר — איידער דער זילבערשנור וועט צעריסן ווערן, דאָס איז דער שלשלת היוחסין[29]; ותרוץ — און עס וועט צעשמעטערט ווערן דער גאָלדענער בעקן, דאָס זיינען די ווערטער פון דער תורה (תהלים יט, יא): הנחמדים — וואָס זיינען גלוסטיקער פון גאָלד און פון אַ סך גינגאָלד; ותשבר — און עס וועט צעבראָכן ווערן דער קרוג ביים קוואַל, — צוויי אמוראים [דערקלערן עס]. איינער זאָגט: דאָס איז דער קרוג פון ברוכן ביים קוואַל פון ירמיהן; און דער צווייטער זאָגט: דאָס איז דער קרוג פון ירמיהן ביים קוואַל פון ברוכן. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה לו, יח): מפיו — מיט זיין מויל פלעגט ער אויסרופן צו מיר אָט די אַלע ווערטער[30]. — און דער ראָד פאַלט אַ צעשמעטערטער אין גרוב, דאָס איז בבל, וואָס איז דאָס נידעריקסטע לאַנד אין דער וועלט.

ר' יוחנן האָט געזאָגט (ישעיה מד, כז): האומר לצולה — דער וואָס זאָגט צו דער טיפעניש: ווער טרוקן, דאָס איז בבל; און פאַרוואָס הייסט זי טיפעניש? ווייל דאָרטן זיינען איינגעזונקען[31] געוואָרן די [דערטרונקענע פון די] מבול וואַסערן, ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה נא, מט): גם בבל —

---

גיטין (נז, ב), — אַצוואה (זע דאָרטן רש"י). [24] די „דריי וואָכן" פון טרויער. [25] אפילו דער ווילן פון די אבות זיך איינצושטעלן פאַר זיי וועט ניט העלפן. אביונה ווערט דאָ גע־דרשנט סיי לויטן פועל אבה, וועלן, סיי ווי אבי יונה, דער פאָטער פון דער טויב — די

מעמידין אותו והוא נופל. עד היכן? ר׳ חגי בשם ר׳ יצחק אמר: עד שהביאו כל כסף וזהב שהוציאו מירושלים ושפכו דימוס על רגליו, לקיים מה שנאמר (יחזקאל ז׳): כספם בחוצות ישליכו וזהבם לנדה יהיה.

(קהלת י״ב) ותפר האביונה, זו זכות אבות; כי הולך האדם אל בית עולמו, — מבבל היו ושם חזרו; וסבבו בשוק הסופדים, זה גלות יכניה. את מוצא, בשעה שירד נבוכדנצר מירושלים וגלותו של צדקיה בידו, יצתה גלותו של יכניה לקראתו מכוסים שחורים מבפנים ולבושים לבנים מבחוץ, והיו מקלסין לקראתו: „נקטה ברבריה!״ והוון שאלין: „מה עביד באבא? מה עביד באחא? מה עבד בברי?״ ואינון אמרין ליה (ירמיה ט״ו): „אשר למות למות ואשר לחרב לחרב״. והוון מקלסין בחדא ידא ומספדין בחדא ידא, לקיים מה שנאמר (יחזקאל כ״ד): ופארכם על ראשיכם, וגו׳.

(קהלת י״ב) עד אשר לא ירתק חבל הכסף, זו שלשלת יוחסין; ותרוץ גולת הזהב, אלו דברי תורה (תהלים י״ט): הנחמדים מזהב ומפז רב; ותשבר כד על המבוע, — תרין אמוראין. חד אמר: כדו של ברוך על מבועו של ירמיה; וחד אמר: כדו של ירמיה על מבועו של ברוך. הה״ד (ירמיה ל״ו): מפיו יקרא אלי. ונרוץ הגלגל אל הבור, זו בבל, שהיא זוטא של עולם.

א״ר יוחנן (ישעיה מ״ד): האומר לצולה חרבי, זו בבל; ולמה נקראת שמה צולה? ששם צללו מי מבול, דכתיב (ירמיה נ״א): גם בבל לנפול חללי ישראל, גם לבבל נפלו חללי כל הארץ. אמר ריש לקיש: כתיב (בראשית י״א): וימצאו בקעה בארץ שנער וישבו שם, — למה נקראת שמה שנער? ששם ננער דור המבול. ד״א:

---

אויך בבל איז צום פאַלן, איר דערשלאָגענע פון ישראל! אויך אין בבל טוען פאַלן די געהרגעטע פונעם גאַנצן לאַנד [32]. ריש לקיש האָט געזאָגט: עס

---

פאַטערס פון דער כנסת ישראל, וואָס איז געגליכן צו אַ טויב (זע מהרז״ו). [26] יכניה, אָדער יהויכין, איז פאַרטריבן געוואָרן מיט עלף יאָר פריער פון צדקיה (מלכים ב, כד, טו). [27] די וואָס זיינען מיט אים פאַרטריבן געוואָרן. [28] אויס מורא אַרויסצובאַווייזן טרויער אין נבוכדנצרס אָנוועזנהייט. [29] די משפחה קייט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן איבער די שחיטות. [30] לויטן ערשטן אמורא איז דער תלמיד, דער קרוג, איבערן גלות באַרויבט געוואָרן פון די רייד פון זיין רבין, דעם קוואַל; לויטן צווייטן אמורא איז ברוך דער קוואַל, וייל נאָכדעם ווי ירמיה האָט אויסגערופן צו אים אָט די אַלע ווערטער, און ברוך האָט זיי פאַרשריבן, האָט שוין דער רבי געדאַרפט אָנקומען צום תלמיד. [31] צללו — צולה. [32] דער פסוק ווערט דאָ אזוי געדרשנט: אזוי ווי אין בבל זיינען געפאַלן די דערטרונקענע

שטייט געשריבן (בראשית יא, ב): וימצאו — און זיי האָבן געפונען אַ טאָל אין לאַנד שנער, און האָבן זיך דאָרטן באַזעצט, — פאַרוואָס ווערט עס גערופן שנער? ווייל אַהין איז אַריינגעטרייסלט געוואָרן [33] דער דור המבול. אַן אַנדער פשט: שנער, ווייל זיי זיינען אויסגעטרייסלט פון אַלע מצוות, די מצוות פון תרומה און פון מעשר [34]. אַן אַנדער פשט: שנער, ווייל זיי שטאַרבן פון דערשטיקעניש [35], אָן אַ ליכט און אָן אַ מרחץ. אַן אַנדער פשט: שנער, ווייל זיי שטאַרבן יונגערהייט [36]. אַן אַנדער פשט: שנער, אַ שטאָט, וואָס אירע האַרן זיינען יינגלעך [37], וואָס טרעטן אויף דער תורה. נאָך אַ פשט: שנער, ווייל עס האָט אויפגעשטעלט אַ שונא און אַ פיינט [38] קעגן הקדוש-ברוך-הוא; און ווער איז עס? נבוכדנצר.

(קוהלת יב, ז) וישב העפר — און דער שטויב וועט זיך אומקערן צו דער ערד ווי געוועזן: פון בבל האָבן זיי אָפגעשטאַמט, און אַהין האָבן זיי זיך צוריקגעקערט; און דער גייסט וועט זיך אומקערן צו גאָט, דאָס איז דער רוח הקודש: ווי נאָר דער רוח הקודש האָט זיך אָפגעטאָן, אַזוי באַלד זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אַזוי האָט ירמיה געקלאָגט אויף זיי: איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — —

## כד

ר' יוחנן האָט אָנגעהויבן (ישעיה כב, א און ווייטער): משא — די נבואה אויפן טאָל פון זעאונג [1], — אַ טאָל, וואָס אַלע זעערס האָבן אויף אים נביאות געזאָגט; אַ טאָל, וואָס פון אים זיינען אַלע זעערס ארויסגעקומען. דען ר' יוחנן האָט געזאָגט: יעדער נביא, וואָס דער נאָמען פון זיין שטאָט ווערט ניט אָנגעגעבן, איז געוועזן פון ירושלים. טאָל פון זעאונג [הייסט זי], ווייל זיי האָבן געוואָרפן די ווערטער פון די זעערס צו דער ערד; מה — וואָס איז דיר דען, וואָס דו ביסט אינגאַנצן ארויף אויף די דעכער — זיינען זיי דען אויף די דעכער ארויף? ר' לוי האָט געזאָגט: דאָס מיינט מען די פאַררי-סענע מענטשן; תשואות — מיט טומל ביסטו פול, — ר' אלעזר בן יעקב האָט געזאָגט: דאָס וואָרט תשואות האָט דריי טייטשן: צרות, אומרואיקייט, פינצטערניש. „צרות", ווי דער פסוק זאָגט (איוב לט, ז): תשואות — די צרות פון דעם צווינגער [2] הערט ער ניט; „אומרואיקייט", ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה, דאָרט): תשואות — מיט טומל ביסטו פול; „פינצטערניש", ווי דער פסוק זאָגט (איוב ל, ג): אמש — די פינצטערניש פון וויסטקייט און וויס-טעניש [3]. — עיר הומיה — דו רוישיקע שטאָט, אַ שטאָט פון צעטומלטקייט; דו לוסטיקער כרך, — די שטאָט פון הוליאַנקעס [4]; דיינע דערשלאָגענע זיינען

---

פון מבול, אַזוי ווי עס וועלן דאָרטן פאַלן די קינדער פון ישראל. [33] ננער — שנער. [34] אָט די מצוות קען מען אין בבל ניט מקיים זיין, ווייל זיי זיינען נוהג נאָר אין ארץ ישראל („מצוות התלויות בארץ"). [35] דער תרגום אונקלוס מאַכט אויף וינער, און ער האָט אַריינגע-טרייסלט (שמות יד, כז) — ושניק, און ער האָט דערשטיקט, ווערט עס דאָ געדרשנט אויף שנער. [36] שנער — נער. [37] ווי אויבן. [38] שנער — שונא ועד.

[1] ירושלים. [2] די צרות וואָס דער צווינגער טוט אָן. [3] שואה ומשואה — תשואות.

שנער, **שהן מנוערין מכל המצות, מצות תרומות ומעשרות. ד״א:** שנער, **שהן מתין בתשנק, בלא נר ובלא מרחץ. ד״א:** שנער, **שהן מתין נערים. דבר אחר:** שנער, **עיר ששריה נערים מבעטים בתורה. דבר אחר:** שנער, **שהעמידה שונא וער להקדוש ברוך הוא; ואיזה זה? זה נבוכדנצר.**

(קהלת י״ב) וישוב העפר על הארץ כשהיה, — **מבבל היו ושם חזרו.** (שם) והרוח תשוב אל האלהים, וגו׳, **זה רוח הקדש: כיון שנסתלק רוח הקדש, גלו; וכיון שגלו, היה ירמיה מקונן עליהם:** איכה ישבה בדד.

## כד

**רבי יוחנן פתח** (ישעיה כ״ב): משא גיא חזיון, — **גיא, שכל החוזים מתנבאים עליה; גיא, שכל החוזים עומדים ממנה. דאמר ר׳ יוחנן: כל נביא שלא נתפרש שם עירו ירושלמי היה.** גיא חזיון, **שהשליכו דברי חוזים לארץ;** (שם) מה לך איפוא, כי עלית כלך לגגות, — **ולאיגרא סלקין לון? א״ר לוי: אלו גסי הרוח;** תשואות מלאה, — **א״ר אלעזר בן יעקב: הלשון הזה משמש שלשה לשונות: צרות, מרגשות, אפלה. „צרות״, שנאמר** (איוב ל״ט): תשואות נוגש לא ישמע; **„מרגשות״, שנאמר** (ישעיה כ״ב): תשואות מלאה; **„אפלה״, שנא׳** (איוב ל׳): אמש, שואה ומשואה. (ישעיה כ״ב): עיר הומיה, **קרתא מערבבתא;** קריה עליזה, — **קרתא (דחייתא) [חדייתא];** (שם) חלליך לא חללי חרב ולא מתי מלחמה, — **ומה הן?** (דברים ל״ב): מזי רעב ולחומי רשף; (שם) כל קציניך נדדו יחד, מקשת אסרו, — **מקשיותם נמסרו למלכיות. ד״א:** כל קציניך נדדו יחד, מקשת אסרו, — **שהיו מתירין גידי קשתותם ואוסרין בהן.** כל נמצאיך אסרו יחדו, מרחוק ברחו, — **מרחיקים**

---

ניט פון קיין שווערד דערשלאָגן און ניט געהרגעט אין מלחמה, — **וואָס דען זיינען זיי?** (דברים לב, כד): מזי רעב — אויסגעטריקנטע פון הונגער און אויפגעגעסענע פון היץ; — כל קציניך — אַלע דיינע עלטסטע זיינען צוזאַמען אַנטלאָפן, אָן אַ בויגן זיינען זיי געפאַנגען געוואָרן, — **צוליב זייער איינגע־שפּאַרטקייט**[5] **זיינען זיי איבערגעענטפערט געוואָרן צו פרעמדע מלכותן. אַן אַנדער פּשט:** אַלע דיינע עלטסטע זיינען צוזאַמען אַנטלאָפן, פון בויגן זיינען זיי געבונדן געוואָרן, — **זיי האָבן אָפּגעבונדן די אָדערן־שטריקלעך פון זייערע בויגנס און זיי געבונדן מיט דעם.** — אַלע דיינע געפונענע זיינען צו־זאַמען געפאַנגען געוואָרן, די וואָס זיינען ווייט אַנטלאָפן, — **די וואָס האָבן**

**זיך דערווייטערט פון הערן די ווערטער פון דער תורה, ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה לא, ב): מרחוק — פון ווייטן האָט גאָט זיך באַוויזן צו מיר [6].

(ישעיה דאָרט, פסוקים ד—ה) על-כן — דרום האָב איך געזאָגט: קערט אייך אָפּ פון מיר, לאָמיך ביטערלעך וויינען. **ריש לקיש האָט געזאָגט: אין דריי פאַלן האָבן די מלאכי השרת געוואָלט זאָגן שירה פאַר הקדוש-ברוך-הוא, און ער האָט זיי ניט געלאָזט, און דאָס זיינען זיי: אינעם דור המבול, ביים ים און ביים חורבן פון בית המקדש. ביים דור המבול וואָס שטייט געשריבן?** (בראשית ו, ג) ויאמר ה׳: לא ידון רוחי — און גאָט האָט געזאָגט: מיין גייסט זאָל זיך מער ניט אָפּגעבן מיט דעם מענטשן אויף אייביק [7]; **ביים ים שטייט געשריבן** (שמות יד, כ): ולא קרב — און איינער האָט ניט גענענט צום אַנדערן די גאַנצע נאַכט [8]; **און ביים חורבן פון בית המקדש שטייט גע-שריבן:** דרום האָב איך געזאָגט: קערט אייך אָפּ פון מיר, לאָמיך ביטערלעך וויינען; אל תאיצו — איר זאָלט ניט איילן מיך צו טרייסטן, — **עס שטייט ניט „אל תאספו — איר זאָלט זיך ניט צענויפקלייבן"**, נייערט אל תאיצו, — **הקדוש-ברוך-הוא האָט געזאָגט צו די מלאכי השרת: „דידאָזיקע טרייסט רייד וואָס איר זאָגט פאַר מיר, זיי זיינען לעסטערונגען [9] פאַר מיר" פאַרוואָס?** כי יום מהומה — ווארום אַ טאָג פון טומל און צעטרעטונג און פאַרלוירנקייט איז עס פאַרן האַר דעם גאָט פון די חיילות, — **אַ טאָג פון צעטומלטקייט, אַ טאָג פון רויב, אַ טאָג פון געוויין. אין טאָל פון זעאונג, אינעם טאָל וואָס אַלע זעערס האָבן וועגן אים נביאות געזאָגט**; מע ברעכט די מויער, און אַ שוץ [10] אויפן באַרג, **דען זיי האָבן צעבראָכן די ווענט פון זייערע הייזער און געמאַכט פון זיי שוץ-געשטעלן און זיי אויפגעשטעלט אויף זייערע פעסטונגען.**

(ישעיה דאָרט, ו—ז) ועילם נשא אשפה — און עילם האָט געטראָגן דעם פיילנטאַש, — **רב האָט געזאָגט: אשפה איז אַ כלי צו האַלטן פיילן**; מיט רייטוועגן באַזעצט מיט מענטשן און מיט רייטער, און קיר [11] האָט אָפּגעדעקט דעם שילד, — **זיי האָבן צעבראָכן די ווענט פון זייערע הייזער און געמאַכט פון זיי שוץ-געשטעלן**; ויהי — און עס איז געווען, אַז די בעסטע טאָלן דיינע זיינען פול געוואָרן מיט רייטוועגן, — **אַזוי פול ווי די טיפענישן [12] פון די וואַסערן**; און די רייטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום טויער, — **די פלעגן אָנטרינקען [13] [זייערע פערד] און אַוועקגיין, און די פלעגן קומען זיי אָנצו-טרינקען, און זיי האָבן אויסגעזען צו זיין אַ סך.**

(ישעיה דאָרט, ח) ויגל — און מע האָט אָפּגעדעקט דעם איבערדעק פון יהודה, — **מע האָט אויפגעדעקט דאָס פאַרדעקטע [14]**; און דו האָסט אַרויסגע-קוקט יענעם טאָג אויפן וואָפן פון וואַלדהויז, — **ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: אַ כלי זין האָט ישראל געהאַט ביים באַרג סיני, און דער שם**

---

[4] חדייתא, לויטן רדל"ס קאָרעקציע. [5] מקשיותם — מקשת. [6] **אַ רמז אויף מתן תורה.** [7] **לויטן מהרז"ו האָט דער דרשן דאָ געלייענט אנשטאט** לא ידון — לא ירון, **עס זאָל ניט זינגען.** [8] **געדרשנט אויף די כיתות מלאכים, וואָס כביכול האָט זיי ניט דערלויבט זיך צענויפצוקומען און זאָגן שירה** (שמות רבה, כג, ז). [9] ניאוצין — תאיצו. [10] **געטייטשט**

מלשמוע דברי תורה, כמד״א (ירמיה ל״א): מרחוק ה׳ נראה לי. (ישעיה כ״ב) על כן אמרתי: שעו מני, אמרר בבכי. אמר ר״ל: בשלשה מקומות בקשו מלאכי השרת לומר שירה לפני הקב״ה, ולא הניחן, ואלו הן: בדור המבול, ובים, ובחורבן בית המקדש. בדור המבול מה כתיב? (בראשית ו) ויאמר ה׳: לא ידון רוחי באדם לעולם; בים כתיב (שמות י״ד): ולא קרב זה אל זה כל הלילה; ובחורבן בית המקדש כתיב (ישעיה כ״ב): על כן אמרתי שעו מני, אמרר בבכי, אל תאיצו לנחמני, — „אל תאספו״ אין כתיב כאן, אלא אל תאיצו, — אמר הקב״ה למלאכי השרת: „ניחומין אלו שאתם אומרים לפני, ניאוצין הן לי״. למה? (שם כ״ג): כי יום מהומה ומבוסה ומבוכה לה׳ אלהים צבאות, — יום מעורבב, יום דביזה, יום דבכיה. בגיא חזיון, — גיא, שכל החוזים מתנבאים עליה; (שם) מקרקר קיר ושוע אל ההר, שהיו מקרקרים קירות בתיהם ועושין אותם מגינים ומעמידים אותן על שועיהם.

(שם) ועילם נשא אשפה, — רב אמר: הדא קיבוץ דגירי; (שם) ברכב אדם, פרשים, וקיר ערה מגן, שהיו מקרקרים קירות בתיהם ועושים אותם מגינים; ויהי מבחר עמקיך מלאו רכב, — רב אמר: כמלא עומקם של מי ים; והפרשים שות שתו השערה, משתיי אזלין ומשתיי אתיין, ומתחמאין סגין.

(שם) ויגל את מסך יהודה, — גלי דכסיא; ותבט ביום ההוא אל נשק בית היער, — תני ר׳ שמעון בן יוחאי: כלי זיין היה לישראל בסיני, והיה שם המפורש חקוק עליו; וכשחטאו, נוטל מהן; הה״ד (שמות ל״ג): ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב. כיצד נוטל מהן? ר׳ איבו ורבנן. ר׳ איבו אמר: מאליו היה נקלף; ורבנן אמרי: מלאך היה יורד ומקלפו.

---

המפורש איז געווען אויסגעקריצט אויף אים; און אַז זיי האָבן געזינדיקט, איז ער אָפּגענומען געוואָרן פון זיי; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (שמות לג, ו): ויתנצלו — און די קינדער פון ישראל האָבן אויסגעטאָן זייער צירונג פון באַרג חורב. ווי אַזוי איז ער אָפּגענומען געוואָרן פון זיי? [אויף דעם גיבן אַן ענטפער] ר׳ איבו און די רבנן. ר׳ איבו האָט געזאָגט: פון זיך אַליין האָט ער זיך אָפּגעשיילט; און די רבנן זאָגן: אַ מלאך איז אַראָפּגעקומען און אים אָפּגעשיילט.

---

שוע אַ שוץ, פון שוע אַ האָר, אויף וועמען מע קען זיך פאַרלאָזן (זע ישעיה לב, ה).
[גג] אין טעקסט איז קיר אַ נאָמען פון אַ פאָלק, וואָס איז געקומען מיטן שונא; דער דרשן אָבער טייטשט עס ווערטערלעך, אַ וואַנט, און לויט דעם באַציט זיך דער פסוק אויף די

(ישעיה כב, ט און ווייטער): ואת בקיעי — און די שפּאַלטן פון דודס שטאָט האָט איר געזען, אַז זיי זיינען אַ סך — — — און די הייזער פון ירו-שלים האָט איר געציילט, און איר האָט איינגעוואָרפן די הייזער צו באַפעס-טיקן די מויער, — דאָס לערנט אונדז, אַז זיי האָבן צעוואָרפן זייערע הייזער און צוגעבויט צו דער מויער. — אָבער האָט עס דען חזקיהו שוין ניט געטאָן? עס שטייט דאָך געשריבן (דברי הימים ב, לב, ה): ויתחזק — און ער האָט זיך געשטאַרקט, און האָט פאַרבויט די גאַנצע איינגעבראָכענע מויער. נייערט חזקיהו האָט זיך דערביי פאַרלאָזן אויף גאָט, אָבער איר האָט קיין ביטחון ניט געהאַט; דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (ישעיה דאָרט, יא און ווייטער): ולא הבטתם — און איר האָט ניט געקוקט צו דעם וואָס האָט עס געטאָן, און דעם וואָס האָט עס באַשאַפן פון לאַנג האָט איר ניט געזען. ויקרא — און גערופן האָט דער האַר, גאָט פון די חיילות, אין יענעם טאָג צו געוויין און צו קלאָג. האָבן די מלאכי השרת געזאָגט פאַר אים: „ריבונו-של-עולם! עס שטייט געשריבן (תהלים צו, ו): הוד והדר — גלאַנץ און פראַכט זיינען פאַר אים, און דו זאָגסט גאָר אזוי!" האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך וועל אייך אויסלערנען [טרויערן]"; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה לב, יא): פשוטה ועורה — טוט אייך אויס און אַנטבלויזט אייך און גאַרטלט אָן אַ [זאַק] אויף די לענדן, — אזוי זאָלט איר טרויערן; על שדים — אויף די בריסט זאָלט איר זיך שלאָגן, אויפן חורבן פונ'ם ערשטן בית המקדש און אויפן חורבן פונעם צווייטן[15]; איבער די גלוסטיקע פעלדער, — איבער דעם הויז וואָס איך האָב געגלוסט, דען איך האָב אים געמאַכט ווי אַ פעלד; דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (מיכה ג, יב): ציון שדה תחרש — ציון וועט ווי אַ פעלד צעאַקערט ווערן; — על גפן — איבערן וויינשטאָק דעם פרוכטיקן, דאָס איז ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים פ, ט): גפן — אַ וויינשטאָק האָסטו פון מצרים אַרויסגעצויגן.

אַן אַנדער פשט: ויקרא — און גערופן האָט דער האַר, גאָט פון די חיילות, אין יענעם טאָג [צו געוויין און צו קלאָג], — דאָס איז, וואָס דער פסוק זאָגט ברוח הקודש דורך די בני קורח (תהלים מב, ה): אלה אזכרה — דאָס טו איך מיך דערמאָנען, און איך גיס אויס מיין זעל אין מיר. קעגן וועמען האָבן די בני קורח געזאָגט דעמדאָזיקן פסוק? זיי האָבן עס ניט אַנדערש געזאָגט, נייערט קעגן דער כנסת ישראל. דען די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „רבונו-של-עולם! איך דערמאָן מיך די זיכער-קייט און די רואיקייט און די שלווה אין וועלכער איך האָב געלעבט, און אַצינד האָט זיך עס דערווייטערט פון מיר. און איך וויין און איך זיפץ און איך זאָג: ווער מאַכט מיך ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, און דו פלעגסט אין אים אַראָפּקומען פון די הויכע הימלען און לאָזן רוען דיין שכינה אויף מיר, און די אומות העולם פלעגן מיך לויבן. און אַז איך פלעג בעטן רחמים אויף מיינע זינד, פלעגסטו מיר ענטפערן. און איצט בין איך אין בושה און אין חרפה". און נאָך האָט זי געזאָגט פאַר

(ישעיה כ״ב) ואת בקיעי עיר דוד ראיתם, כי רבו, וגו׳, ואת בתי ירושלים ספרתם ותתצו הבתים לבצר החומה, — מלמד, שהיו נותצין בתיהם ומוסיפין על החומה. ולא כבר עשה חזקיהו כן? הלא כתיב (ד״ה ב׳, ל״ב): ויתחזק ויבן את כל החומה הפרוצה, וגו׳. אלא חזקיה בה׳ אלהי ישראל בטח, אבל אתם לא בטחתם; היינו הוא דאמר (ישעיה כ״ב): ולא הבטתם אל עושיה, ויוצרה מרחוק לא ראיתם. ויקרא ה׳ אלהים צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד. אמרו מלאכי השרת לפניו: „רבש״ע! כתיב (תהלים צ״ו): הוד והדר לפניו, ואתה אומר כדין?״ אמר להון: „אנא מליף לכון״. היינו הוא דאמר (ישעיה ל״ב): פשטה ועורה וחגורה על חלצים, — כך תהיו מספידין; על שדים סופדים, — על חורבן ראשון ועל חורבן שני; על שדי חמד, — על בית חמדתי שעשיתי אותו כשדה; היינו הוא דאמר (מיכה ג׳): ציון שדה תחרש; (ישעיה ל״ב): על גפן פוריה, — אלו ישראל, כמה דאת אמר (תהלים פ׳): גפן ממצרים תסיע.

ד״א: ויקרא ה׳ אלהים צבאות ביום ההוא, וגו׳, זהו שאמר הכתוב ברוח הקדש על ידי בני קרח (שם מ״ב): אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי, וגו׳. כנגד מי אמרוהו בני קרח למקרא הזה? לא אמרוהו, אלא כנגד כנסת ישראל. שאמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „רבש״ע! זכורה אני בטחון ושאנן ושלוה שהייתי שרוייה בו, ועכשיו נתרחק ממני. ואני בוכיה ומתאנחת ואומרת: מי ישימני כשנים הראשונים, שהיה מקדש בנוי, ובתוכו אתה יורד משמי מרום ומשרה שכינתך עלי, ואומות העולם מקלסין אותי; וכשהייתי מבקשת רחמים על עוני, אתה עונה אותי. ועכשיו אני בבושה וכלימה״. ועוד אמרה לפניו: „רבש״ע! שממה עלי נפשי, כשאני עוברת על ביתך, והוא חרב, וקול דממה בתוכו, ואומר: מקום שזרעו של אברהם הקריבו קרבן לפניך, והכהנים

---

אים „רבונו-של-עולם! וויסט[16] איז מיר מיין זעל, ווען איך גיי פאַרביי דיין הויז, ערשט עס איז חרוב, און אַ שטיל קול הערט זיך אין אים און עס זאָגט: אויף דעם אָרט וואָס די קינדער פון אברהמען פלעגן מקריב זיין

---

יידן. [12] עומקה — עמקיך. [13] שות שתו — שתה. [14] דאָס קדשי קדשים (זע פתיחתא כא). [15] דער לשון רבים פון שדים איז אַ רמז אויף ביידע בתי מקדשים, וועלכע ווערן באַצייכנט מיט אָט דעם וואָרט, ווייל פון זיי האָט ישראל געזויגן זיין גייסטיקע יניקה.

קרבנות פאַר דיר, און די כוהנים פלעגן שטיין אויפן דוכן[17] און די לוויים
פלעגן לויב שפּילן אויף די האַרפן, זאָלן איצט פוקסן אומשפּרינגען? דאָס
איז ווי עס שטייט געשריבן (איכה ה, יח): על הר ציון — איבער דעם באַרג
ציון וואָס איז וויסט, פוקסן גייען אום אויף אים. אָבער וואָס קען איך טאָן,
אַז מיינע זינד האָבן גורם געווען, און די פאַלשע נביאים וואָס זיינען געווען
אין מיין מיט האָבן מיך אַראָפּגעפירט פון וועג פון לעבן אויפן וועג פון
טויט". אויף דעם איז געזאָגט געוואָרן: דאָס טו איך מיך דערמאָנען און
איך גיס אויס מיין זעל אין מיר.

נאָך אַ פּשט: ויקרא — און גערופן האָט דער האַר, גאָט פון די חיילות,
אין יענעם טאָג צו געוויין און צו קלאָג: בשעת הקדוש-ברוך-הוא האָט גע-
וואָלט חרוב מאַכן דעם בית המקדש, האָט ער געזאָגט: „כל זמן איך געפין
זיך אין אים קענען די אומות העולם אים ניט אָנרירן; נייערט איך וועל
אַפּטאָן מיינע אויגן פון אים און איך וועל שווערן, אַז איך וועל ניט האָבן
צו טאָן מיט אים ביז דער צייט פונעם קץ; און זאָלן קומען די שונאים און
אים חרוב מאַכן". תיכף האָט הקדוש-ברוך-הוא געשוואָרן מיט זיין רעכטער
האַנט און זי פאַרלייגט אויף הינטער זיך[18]; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן
(דאָרט ב, ג): השיב אחור — ער האָט צוריקגעצויגן הינטער זיך זיין רעכטע
האַנט פון פאַרן שונא. דעמאָלט זיינען די שונאים אַריין אין בית המקדש
און אים פאַרברענט. און ווי ער איז פאַרברענט געוואָרן, אַזוי האָט הקדוש-
ברוך-הוא געזאָגט: „איך האָב שוין ניט מער קיין זיץ-אָרט אויף דער ערד;
איך וועל אַפּטאָן פון איר מיין שכינה און ארויפגיין צו מיין ערשטן וואוינ-
אָרט". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (הושע ה, טו): אלך—איך וועל גיין, איך
וועל זיך אומקערן צו מיין אָרט, ביז זיי וועלן דערזען זייער שולד און וועלן
זוכן מיין פנים. דעמאָלט האָט הקדוש-ברוך-הוא געוויינט און געזאָגט: „ווי
איז מיר! וואָס האָב איך געטאָן? איך האָב געלאָזט מיין שכינה רוען אונטן פון
וועגן ישראל; און אַצינד, אַז זיי האָבן געזינדיקט, האָב איך זיך אומגעקערט
צו מיין ערשטן אָרט. איך בין דאָך, חלילה וחס, געוואָרן אַ געלעכטער פאַר
פעלקער און אַ שפּאָט פאַר מענטשן!" דעמאָלט איז געקומען מטטרון, איז
געפאַלן אויפן פנים און געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! לאָמיך וויי-
נען, אָבער דו זאָלסט ניט וויינען!" האָט ער געזאָגט צו אים: „אויב דו לאָזט

---

לויטן יפה ענף לייענט דער בעל המדרש דאָס וואָרט שדים מיט אַ „לינקער" שין, פונעם וואָרט שדה אַ פעלד, און דער פסוק דאַרף דאָ אַזוי געטייטשט ווערן: על שדים — אויף די פעלדער זאָלט איר קלאָגן, אויף די חורבנות פון ביידע בתי מקדשים, וואָס זיינען אויף פעלדער צעאַקערט געוואָרן, ווי ווייטער. אַזוי איז עס אויך אין דער דייטשער איבערזעצונג פון וואונטשע. [16] לויטן רד"ל דאַרף מען אין טעקסט אנשטאט שממה, וויסט, לייענען שחחה, געבויגן, לויטן פסוק (תהילים מב, ז) נפשי תשתוחח, מיין זעל איז געבויגן. אויך דעם ווייטערדיקן טעקסט טייטשט דער רד"ל לויט יענע פסוקים: און אַ שטיל קול אַקעגן אַ קול פון אַ יום־טובדיק געזעמל, און די לוויים פלעגן זינגען שבחים אויף אַ האַרף אין איינקלאַנג מיט אַ קול פון געזאַנג און לויב. [17] אַ פלאַטפאָרם, וואו די כוהנים פלעגן

עומדים על הדוכן, והלוים מקלסים בכנורות, יהיו שועלים מרקדים בו? הה״ד (איכה ה׳): על הר ציון ששמם, שועלים הלכו בו. אלא מה אעשה, שעונותי גרמו לי, ונביאי השקר, שהיו בתוכי, שהתעו אותי מדרך חיים לדרך המות״. לכך נאמר: אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי, וגו׳.

ד״א: ויקרא ה׳ אלהים צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד, וגו׳: בשעה שבקש הקב״ה להחריב את בית המקדש, אמר: ״כל זמן שאני בתוכו, אין אומות העולם נוגעין בו; אלא אכביש את עיני ממנו ואשבע, שלא אזקק לו עד עת קץ, ויבואו האויבים ויחריבו אותו״. מיד נשבע הקב״ה בימינו והחזירה אחוריו; הה״ד (שם ב׳): השיב אחור ימינו מפני אויב. באותה שעה נכנסו אויבים להיכל ושרפוהו. וכיון שנשרף, אמר הקב״ה: ״שוב אין לי מושב בארץ; אסלק שכינתי ממנה ואעלה למכוני הראשון״. הה״ד (הושע ה׳): אלך, אשובה אל מקומי, עד אשר יאשמו ובקשו פני. באותה שעה היה הקב״ה בוכה ואומר: ״אוי לי, מה עשיתי? השריתי שכינתי למטה בשביל ישראל, ועכשיו שחטאו, חזרתי למקומי הראשון. ח״ו שהייתי שחוק לגוים ולעג לבריות!״ באותה שעה בא מטטרון ונפל על פניו ואמר לפניו: ״רבש״ע! אני אבכה ואתה לא תבכה!״ אמר לו: ״אם אין אתה מניח לי לבכות עכשיו, אכנס למקום שאין לך רשות ליכנס ואבכה״. שנאמר (ירמיה י״ג): ואם לא תשמעוה, במסתרים תבכה נפשי מפני גוה, וגו׳.

אמר להן הקב״ה למלאכי השרת: ״בואו ונלך אני ואתם ונראה בביתי, מה עשו אויבים בו״. מיד הלך הקב״ה ומלאכי השרת, וירמיה לפניו. וכיון שראה הקב״ה את בית המקדש, אמר: ״בוודאי זהו ביתי וזהו מנוחתי, שבאו אויבים ועשו בו כרצונם״.

---

מיך אַצינד ניט וויינען, וועל איך אַריינגיין אין אַן אָרט, וואו דו האָסט קיין רשות ניט אַריינצוגיין, און איך וועל וויינען״. ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה יג, יז): ואם לא תשמעוה — און אויב איר וועט זיך צו דעם ניט צוהערן, וועט וויינען אין פאַרבאָרגעניש מיין זעל פון וועגן דער פאַרדריסנקייט.

הקדוש-ברוך-הוא האָט געזאָגט צו די מלאכי השרת: ״קומט און לאָמיך גיין מיט אייך און לאָמיר זען, וואָס האָבן די שונאים געטאָן אין מיין הויז״. תיכף איז גאָט געגאַנגען מיט די מלאכי השרת, און ירמיה פאַר אים. און אַז הקדוש-ברוך-הוא האָט דערזען דעם בית המקדש, האָט ער געזאָגט: ״אוודאי איז דאָס מיין הויז און דאָס איז מיין רו-אָרט, וואָס די שונאים זיינען געקו-

מען און געטאָן אין אים וואָס זיי האָבן געוואָלט". דעמאָלט האָט הקדוש-ברוך-הוא געוויינט און געזאָגט: „ווי איז מיר פאַר מיין הויז! קינדער מיינע, וואו זענט איר? כוהנים מיינע, וואו זענט איר? פריינט מיינע, וואו זענט איר? וואָס זאָל איך אייך טאָן? איך האָב אייך געוואָרנט, אָבער איר האָט קיין תשובה ניט געטאָן!"

האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט צו ירמיהן: „איך בין היינט געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט אַ בן-יחיד און ער האָט אים געשטעלט אַ חופה; אָבער ער איז געשטאָרבן אונטער דער חופה, — און דו ווייטיקסט ניט, ניט איבער מיר, ניט איבער מיין זון. גיי און רוף ארויס אברהמען, יצ-חקן און יעקבן און משהן פון זייערע קברים, דען זיי ווייסן ווי צו וויינען". האָט ער געזאָגט פאַר אים: „רבונו-של-עולם! איך ווייס ניט, וואו משהס קבר איז". האָט אים הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט: „גיי שטעל זיך אויפן ברעג פון ירדן און הויב אויף דיין קול און רוף: „בן-עמרם, בן-עמרם! שטיי אויף און זע דיינע שאָף, וואָס שונאים האָבן זיי פאַרשלונגען".

תיכף איז ירמיה אַוועק צו דער מערת המכפלה און האָט געזאָגט צו די אבות פון דער וועלט[19]: „שטייט אויף, דען עס איז געקומען די צייט, וואָס איר ווערט באַגערט פאַר הקדוש-ברוך-הוא". האָבן זיי געזאָגט צו אים: „נאָך וואָס?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך ווייס ניט". ווארום ער האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן אים ניט זאָגן: „אין דיינע טעג האָט אזוינס פּאַסירט צו אונדזערע קינדער!" האָט זיי ירמיה איבערגעלאָזן און האָט זיך געשטעלט אויפן ברעג ירדן און גערופן: „בן-עמרם, בן-עמרם! שטיי אויף, דען עס איז געקומען די צייט, וואָס דו ווערסט באַגערט פאַר הקדוש-ברוך-הוא". האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס איז דער טאָג אַנדערש פון אַנדערע טעג, וואָס איך ווער באַגערט פאַר הקדוש-ברוך-הוא?" האָט ירמיה געזאָגט צו אים: „איך ווייס ניט". האָט אים משה איבערגעלאָזן און איז אַוועק צו די מלאכי השרת, וואָס ער האָט זיי נאָך געקענט פון דער צייט פון מתן תורה[20]. און ער האָט געזאָגט צו זיי: „ איר אייבערשטע דינער, צי ווייסט איר ניט, פאַרוואָס איך ווער באַגערט פאַר הקדוש-ברוך-הוא?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „בן-עמרם! ווייסטו ניט, אַז דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן און ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן?" האָט ער געשריען און געוויינט, ביז ער איז אָנגעקומען צו די אבות פון דער וועלט. גלייך האָבן זיי אויך צעריסן זייערע קליידער, ארויפגעטאָן זייערע הענט אויף די קעפּ און געשריען און געוויינט, ביז [זיי זיינען אָנגעקומען] צו די טויערן פון בית המקדש. ווי נאָר הקדוש-ברוך-הוא האָט זיי דערזען, אזוי גלייך האָט גאָט, דער האַר פון די חיילות, גערופן יענעם טאָג צו געוויין און צו קלאָג און צו האָר רייסעניש און אָנצו-גאַרטלען זיך מיט זאַק. און ווען ניט וואָס אין פסוק שטייט אזוי, וואָלט מען עס ניט געקענט זאָגן[21]. און זיי האָבן געוויינט און זיינען געגאַנגען פון איין

בענטשן דאָס פאָלק. [18] כדי ניט צו העלפן ישראל מיט איר. [19] וואָס אין זייער זכות שטייט די וועלט. [20] זע שבת פח, ב. [21] ווייל דאָ ווערן צוגעשריבן דעם רבונו־של־

באותה שעה היה הקב״ה בוכה ואומר: „אוי לי על ביתי! בני, היכן אתם? כהני, היכן אתם? אוהבי, היכן אתם? מה אעשה לכם? התריתי בכם, ולא חזרתם בתשובה״.

אמר הקב״ה לירמיה: „אני דומה היום לאדם שהיה לו בן יחידי, ועשה לו חופה, ומת בתוך חופתו; ואין לך כאב, לא עלי ולא על בני. לך וקרא לאברהם ליצחק וליעקב ומשה מקבריהם, שהם יודעים לבכות״. אמר לפניו: „רבש״ע, איני יודע, היכן משה קבור״. אמר לו הקדוש ברוך הוא: „לך עמוד על שפת הירדן והרם קולך וקרא: בן עמרם, בן עמרם; עמוד וראה צאנך שבלעום אויבים!״

מיד הלך ירמיה למערת המכפלה ואמר לאבות העולם: „עמדו, שהגיע זמן שאתם מתבקשין לפני הקב״ה״. אמרו לו: „למה?״ אמר להם: „איני יודע״. מפני שהיה מתירא, שלא יאמרו: „בימיך היתה לבנינו זאת!״ הניחן ירמיה ועמד על שפת הירדן וקרא: „בן עמרם, בן עמרם! עמוד! הגיע זמן, שאתה מבוקש לפני הקב״ה״. אמר לו: „מה היום מיומים, שאני מבוקש לפני הקב״ה?״ אמר לו ירמיה: „איני יודע״. הניחו משה והלך אצל מלאכי השרת, שהיה מכיר אותן משעת מתן תורה. אמר להם: „משרתי עליונים! כלום אתם יודעים, מפני מה אני מתבקש לפני הקב״ה?״ אמרו לו: „בן עמרם! אי אתה יודע, שבית המקדש חרב וישראל גלו?״ והיה צועק ובוכה, עד שהגיע לאבות העולם. מיד אף הם קרעו בגדיהם והניחו ידיהם על ראשיהם והיו צועקים ובוכין, עד שערי בית המקדש. כיון שראה אותם הקב״ה, מיד ויקרא ה׳ אלהים צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד ולקרחה ולחגור שק. ואלמלא מקרא שכתוב, אי אפשר לאומרו. והיו בוכין והולכין משער זה לשער זה, כאדם שמתו מוטל לפניו. והיה הקב״ה סופד ואומר: „אוי לו למלך, שבקטנותו הצליח, ובזקנותו לא הצליח״.

א״ר שמואל בר נחמן: בשעה שחרב בית המקדש, בא אברהם

---

טויער צום צווייטן, ווי אַ מענטש, וואָס זיין מת ליגט פאַר אים. און הקדוש-ברוך-הוא האָט געקלאָגט און געזאָגט: „ווי איז דעם קיניג, וואָס אין זיין יוגנט האָט ער מצליח געווען, און אויף דער עלטער איז ער מער ניט מצליח״.

ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: בשעת דער בית המקדש איז חרוב

געוואָרן, איז געקומען אברהם פאַר הקדוש-ברוך-הוא און האָט געוויינט און זיך געפליקט זיין באָרד און געצופּט די האָר פון קאָפּ און זיך געשלאָגן אין פּנים און געריסן אויף זיך די קליידער און [זיך געוואָרפן] אַש אויפן קאָפּ, און איז אומגעגאַנגען איבערן בית המקדש און האָט געקלאָגט און געשריען. ער האָט געזאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „פאַרוואָס בין איך אַנדערש פון יעדער אומה ולשון, וואָס איך בין געקומען צו אַזאַ בושה און חרפּה?" ווי די מלאכי השרת האָבן אים דערזען, אַזוי האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט שורותווייז צו אַ הספּד און האָבן געזאָגט (ישעיה לג, ח): נשמו — פאַרוויסט געוואָרן זיינען די וועגן, אויפגעהערט האָט דער וועגגייער. וואָס מיינט פאַרוויסט גע-וואָרן זיינען די וועגן? די מלאכי השרת האָבן געזאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „די וועגן וואָס דו האָסט אָנגעברייט פאַר ירושלים, אַז קיין וועגגייער זאָל קיינמאָל ניט אויפהערן אויף זיי, — ווי זיינען זיי וויסט געוואָרן?" אויפגעהערט האָט דער וועגגייער, — די מלאכי השרת האָבן געזאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „די וועגן וואָס ישראל פלעגט גיין אויף זיי הין און צוריק אויף די ימים טובים, — ווי זיינען זיי פאַרשטערט געוואָרן". הפר ברית — ער האָט פאַרשטערט דעם בונד, — די מלאכי השרת האָבן געזאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „רבונו-של-עולם! עס איז פאַרשטערט געוואָרן דער בונד פון זייער פאָטער אברהם, וואָס דורך אים האָט די וועלט אַ תיקון גע-קריגן און דורך אים האָט מען דיך דערקענט אויף דער וועלט, אַז דו ביסט דער אייבערשטער גאָט, דער באַשאַפער פון הימל און ערד[22]". מאס — ער האָט פאַרמיאוסט די שטעט, — די מלאכי השרת האָבן געזאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „דו האָסט פאַרמיאוסט ירושלים און ציון, נאָכדעם ווי דו האָסט זיי אויסדערוויילט". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה יד, יט): המאס מאסת — צי פאַרמיאוסן האָסטו פאַרמיאוסט יהודה, צי האָט פון ציון געעקלט דיין זעל? — לא חשב אנוש — ער לייגט קיין אַכט ניט אויף קיין מענטשן,— די מלאכי השרת האָבן געזאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „דו האָסט ניט גע-לייגט קיין אַכט אויף ישראל, אפילו ניט אַזוי ווי אויפן דור פון אנוש, וואָס זיינען געווען די ערשטע פון אַלע געצנדינער[23]".

דענסטמאָל האָט זיך הקדוש-ברוך-הוא אומגעקוקט אויף די מלאכי השרת און האָט געזאָגט צו זיי: „פאַרוואָס האָט איר זיך אויסגעשטעלט שורותווייז צו אַ הספּד איבער דערדאָזיקער זאַך?" האָבן זיי געזאָגט פאַר אים: „רבונו-של-עולם! פון וועגן אברהם דיין פריינט, וואָס איז געקומען אין דיין הויז און האָט געקלאָגט און געוויינט, — פאַרוואָס האָסטו אויף אים קיין אַכט ניט געלייגט?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „פון דעם טאָג וואָס מיין

עולם מענטשלעכע אייגנשאַפטן. [22] בראשית יד, כב. [23] דער פסוק (בראשית ד, כו) אז הוחל לקרא בשם ה' — דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן רופן צום נאָמען פון גאָט, ווערט אין מדרש געטייטשט: דעמאָלט (אין די טעג פון אנוש) האָט מען פאַרשוועכט (הוחל — חילול) צו רופן די געצן מיט גאָטס נאָמען (זע בראשית רבה כג, ז, און רשי דאָרט).

לפני הקב״ה בוכה וממרט זקנו ותולש שערות ראשו ומכה את פניו וקורע את בגדיו, ואפר על ראשו, והיה מהלך בבית המקדש וסופד וצועק. אמר לפני הקב״ה: „מפני מה נשתניתי מכל אומה ולשון, שבאתי לידי בושה וכלימה זאת?״ כיון שראוהו מלאכי השרת, אף הם קשרו הספד שורות שורות ואומרין (ישעיה ל״ג): נשמו מסלות, שבת עובר אורח, וגו׳. מאי נשמו מסלות? אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה: „מסילות שהתקנת לירושלים, שלא יהו עוברי דרכים פוסקים מהם, היאך היו לשממה?״ שבת עובר אורח, — אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה: „דרכים שהיו ישראל עוברים ושבים בהם בחגים, היאך שבתו?״ הפר ברית, — אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה: „רבש״ע! הופר ברית של אברהם אביהם, שעל ידו מתישב העולם ועל ידו הכירוך בעולם, שאתה אל עליון קונה שמים וארץ.״ מאס ערים, — אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה: „מאסת ירושלים וציון, לאחר שבחרת בהם״. הה״ד (ירמיה י״ד): המאוס מאסת את יהודה, ואם בציון געלה נפשך? (ישעיה ל״ג): לא חשב אנוש, — אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה: „אפילו כדור אנוש, שהיו ראש לעובדי עבודת כוכבים, לא חשבת את ישראל״.

באותה שעה נזקק הקב״ה למלאכי השרת; אמר להם: „מה לכם קושרין מספד בענין הזה שורות שורות?״ אמרו לפניו: „רבש״ע! מפני אברהם אוהבך, שבא לביתך וספד ובכה, —מפני מה לא השגחת עליו?״ אמר להם: „מיום שנפטר אוהבי מלפני לבית עולמו לא בא לביתי, ועכשיו (ירמיה י״א) מה לידידי בביתי?״ אמר אברהם לפני הקב״ה: „רבונו של עולם! מפני מה הגלית את בני ומסרתן בידי האומות, והרגום בכל מיתות משונות, והחרבת את בית המקדש, מקום שהעליתי את יצחק בני עולה

---

פריינט איז נפטר געוואָרן פון פאַר מיר צו זיין אייביקער היים, איז ער אין מיין הויז ניט אַריינגעקומען; און אַצינד (ירמיה יא, טו) מה לידידי — וואָס טוט מיין פריינט אין מיין הויז?״ האָט אברהם געזאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „רבונו-של-עולם! פאַרוואָס האָסטו פאַרטריבן מיינע קינדער און זיי איבערגעענטפערט אין די הענט פון די פעלקער, און זיי האָבן זיי געהרגעט מיט אַלע מיתות משונות, און האָסט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש, דאָס אָרט, וואו איך האָב אויפגעבראַכט מיין זון יצחק פאַר אַן עולה פאַר דיר?״

האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט צו אברהמען: „דיינע קינדער האָבן געזינ־דיקט און עובר געווען אויף דער גאַנצער תורה און אויף אירע צוויי-און-צוואַנציק אותיות[24]. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דניאל ט, יא): וכל ישראל — און גאַנץ ישראל האָבן עובר געווען אויף דיין תורה.

האָט אברהם געזאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „רבונו-של-עולם! ווער וועט עדות זאָגן קעגן ישראל, אַז זיי האָבן עובר געווען אויף דיין תורה?" האָט ער געזאָגט צו אים: „זאָל קומען די תורה און עדות זאָגן קעגן ישראל". גלייך איז די תורה געקומען עדות זאָגן קעגן זיי. האָט אברהם געזאָגט צו איר: „טאָכטער מיינע! דו קומסט עדות זאָגן קעגן ישראל, אַז זיי האָבן עובר גע־ווען אויף דיינע מצוות, און דו האָסט גאָר קיין בושה ניט פאַר מיר? געדענק דעם טאָג, ווען הקדוש-ברוך-הוא האָט דיך אַרומגעטראָגן איבער אַלע אומות און לשונות, און זיי האָבן דיך ניט געוואָלט מקבל זיין; ביז מיינע קינדער זיינען געקומען צום באַרג סיני, און זיי האָבן דיך מקבל געווען און דיר כבוד געגעבן. און אַצינד קומסטו עדות זאָגן קעגן זיי אין טאָג פון זייער צרה?" ווי די תורה האָט דאָס געהערט, אַזוי האָט זי זיך געשטעלט אָן אַ זייט און האָט קעגן זיי קיין עדות ניט געזאָגט.

האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט צו אברהמען: „זאָלן קומען די צוויי און צוואַנציק אותיות און עדות זאָגן קעגן ישראל". תיכף זיינען געקומען די צוויי-און-צוואַנציק אותיות. איז געקומען די אלף עדות צו זאָגן קעגן ישראל, אַז זיי האָבן עובר געווען אויף דער תורה. האָט אברהם געזאָגט צו איר: „אלף! דו ביסט די ערשטע פון אַלע אותיות, און דו קומסט עדות זאָגן קעגן ישראל אין טאָג פון זייער צרה? געדענק דעם טאָג, ווען הקדוש־ברוך-הוא האָט זיך אַנטפּלעקט אויפן באַרג סיני און ער האָט אָנגעהויבן מיט דיר (שמות כ, ב): אנכי — איך בין גאָט דיין גאָט, און קיין אומה ולשון האָט דיך ניט אָנגענומען, נייערט מיינע קינדער, — קומסטו עדות זאָגן קעגן מיינע קינדער?" גלייך האָט זיך די אלף געשטעלט אָן אַ זייט און האָט קעגן זיי קיין עדות ניט געזאָגט. איז געקומען די בית עדות צו זאָגן קעגן ישראל. האָט אברהם געזאָגט צו איר: „טאָכטער מיינע! דו קומסט עדות זאָגן קעגן מיינע קינדער, וואָס [לערנען] פלייסיק די פינף חומשים פון דער תורה, וואָס דו ביסט דער ערשטער אות אירער, ווי עס שטייט גע־שריבן (בראשית א, א): בראשית — אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן?" גלייך האָט די בית זיך געשטעלט אָן אַ זייט און האָט קיין עדות ניט געזאָגט. איז געקומען די גימל עדות צו זאָגן קעגן ישראל. האָט אברהם געזאָגט צו איר: „דו קומסט עדות זאָגן קעגן מיינע קינדער, אַז זיי האָבן עובר געווען אויף דער תורה? איז דען פאַראַן אויסער מיינע קינדער נאָך אַן אומה, וואָס איז מקיים די מצווה פון ציצית, וואו דו שטייסט בראש, ווי עס שטייט געשריבן (דברים כב, יב): גדילים — ציצית זאָלסטו דיר מאַכן?" תיכף האָט זיך די גימל געשטעלט אָן אַ זייט און האָט קיין עדות ניט געזאָגט. און אַז אַלע אותיות האָבן געזען, אַז אברהם האָט שטיל געמאַכט יענע, האָבן זיי זיך פאַר־

לפניך?" אמר לו הקב"ה לאברהם: „בניך חטאו ועברו על כל התורה ועל כ"ב אותיות שבה". הה"ד (דניאל ט׳): וכל ישראל עברו את תורתך.

אמר אברהם לפני הקב"ה: „רבש"ע! מי מעיד בהם בישראל, שעברו את תורתך?" אמר לו: „תבא תורה ותעיד בהם בישראל". מיד באה תורה להעיד בהן. אמר לה אברהם: „בתי! את באה להעיד בהן בישראל, שעברו על מצותיך, ואין לך בשת פנים מפני? זכרי יום, שהחזירך הקב"ה על כל אומה ולשון, ולא רצו לקבלך; עד שבאו בני להר סיני וקבלו אותך וכבדוך. ועכשיו את באה להעיד בהם ביום צרתם?" כיון ששמעה תורה כך, עמדה לצד אחד ולא העידה בהן.

אמר לו הקב"ה לאברהם: „יבאו עשרים ושתים אותיות ויעידו בהן בישראל". מיד באו עשרים ושתים אותיות. באה אל"ף להעיד בישראל, שעברו על התורה. אמר לה אברהם: „אל"ף! את ראש לכל האותיות, ובאת להעיד בישראל ביום צרתם? זכרי יום שנגלה הקב"ה על הר סיני ופתח בך (שמות כ׳): אנכי ה׳ אלהיך, ולא קבלוך אומה ולשון, אלא בני, — ואת באת להעיד בבני?" מיד עמדה אל"ף לצד אחד ולא העידה בהן. באתה בי"ת להעיד בהם בישראל. ואמר לה אברהם: „בתי! את באת להעיד על בני, שהם זריזין בחמשה חומשי תורה, שאת בראש התורה, הה"ד (בראשית א׳): בראשית ברא אלהים?" מיד עמדה בי"ת לצד אחד ולא העידה כלום. באתה גימ"ל להעיד בישראל. אמר לה אברהם: „גימ"ל! את באת להעיד בבני, שעברו על התורה? כלום יש אומה, שמקיימת מצות ציצית, שאת נתונה בראש, אלא בני? הדא הוא דכתיב (דברים כ"ב): גדילים תעשה לך!" מיד עמדה גימ"ל לצד אחד ולא העידה כלום. וכיון שראו כל האותיות, שהשתיקן אברהם, נתביישו ועמדו בעצמן ולא העידו בישראל.

מיד פתח אברהם לפני הקב"ה ואמר: „רבש"ע! למאה שנה

---

שעמט און זיינען אַליין געבליבן שטיין, און האָבן קיין עדות ניט געזאָגט קעגן ישראל.

באַלד האָט אברהם אָנגעהויבן רעדן פאַר הקדוש-ברוך-הוא און האָט גע-זאָגט: „צו הונדערט יאָר האָסטו מיר אַ זון געגעבן, און אַז ער איז צום

שכל געקומען און איז געווען אַ יונגערמאַן פון זיבן-און-דרייסיק יאָר[25], האָסטו מיר געזאָגט: „ברענג אים אויף פאַר אַ קרבן עולה פאַר מיר". בין איך געוואָרן ווי אַן אכזר אויף אים און האָב זיך ניט דערבאַרעמט אויף אים; נייערט איך אַליין האָב אים געבונדן. וועסטו מיר דאָס ניט געדענקען, און וועסט זיך ניט מרחם זיין אויף מיינע קינדער?"

האָט יצחק אָנגעהויבן און האָט געזאָגט: „רבונו-של-עולם! ווען מיין פאָטער האָט מיר געזאָגט (בראשית כב, ח): אלהים — גאָט וועט זיך שוין זען אַ לאַם פאַר אַ קרבן עולה[26], מיין זון, האָב איך ניט אָפּגעהאַלטן דיינע ווערטער און מיט מיין גוטן ווילן האָב איך מיך געלאָזט בינדן אויפן מזבח, און האָב אויסגעשטרעקט מיין האַלדז אונטערן מעסער. וועסטו דאָס מיר ניט געדענקען און וועסט זיך ניט מרחם זיין אויף מיינע קינדער?"

האָט יעקב אָנגעהויבן און האָט געזאָגט: „רבונו-של-עולם! בין איך ניט געווען צוואַנציק יאָר אין לבנס הויז? און אַז איך בין ארויס פון זיין הויז, האָט מיך באַגעגנט עשו הרשע און געוואָלט הרגענען מיינע קינדער; האָב איך זיך איבערגעגעבן דעם טויט פון וועגן זיי[27]. און אַצינד זיינען זיי איבערגעענטפערט געוואָרן אין דער האַנט פון זייערע שונאים ווי די שאָף צו דער שחיטה, נאָכדעם ווי איך האָב זיי אויסגעהאָדעוועט ווי די יונגע הינדעלעך און האָב זיך אָנגעליטן פון זיי צער גידול בנים; דען דאָס רוב יאָרן מיינע בין איך געווען אין גרויס צער פון וועגן זיי. און אַצינד וועסטו דאָס מיר ניט געדענקען זיך מרחם צו זיין אויף מיינע קינדער?"

האָט משה אָנגעהויבן און האָט געזאָגט: „בין איך ניט געווען פערציק יאָר אַ וואָרהאַפּטיקער פאַסטוך צו ישראל און ווי אַ פערד געלאָפן פאַר זיי אין מדבר? און אַז ס'איז געקומען די צייט זיי זאָלן אַריינגיין אין לאַנד, האָסטו גוזר געווען אויף מיר, אַז מיינע ביינער זאָלן פאַלן אין מדבר. און אַצינד, אַז זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, האָסטו געשיקט נאָך מיר, איך זאָל קלאָגן און וויינען אויף זיי. דאָס איז דאָס ווערטל וואָס מענטשן זאָגן: „פון מיין האַרס גוטס געניס איך ניט; אָבער אַז אים איז שלעכט, איז מיר ביטער".

דעמאָלט האָט משה געזאָגט צו ירמיהן: „גיי פאַר מיר, אַז איך זאָל גיין און קומען צו זיי און זען, ווער לייגט זיין האַנט אויף זיי". האָט ירמיה אים געזאָגט: „מע קען ניט גיין אויפן וועג איבער די הרוגים[28]" האָט ער געזאָגט צו אים: „און פונדעסטוועגן". גלייך איז משה געגאַנגען און ירמיה פאַר אים, ביז זיי זיינען אָנגעקומען צו די טייכן פון בבל. אַז זיי האָבן דערזען משהן, האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: „עמרמס זון איז געקומען פון זיין קבר ארויס אונדז אויסצולייזן פון דער האַנט פון אונדזערע פיינט!" איז ארויס אַ בת-קול און האָט געזאָגט: „דאָס איז אַ גזרה פון פאַר מיר!" תיכף האָט משה געזאָגט צו זיי: „קינדער מיינע! אומקערן אייך [איצט] קען מען

---

[24] וואָס מיט זיי איז די תורה געשריבן געוואָרן. [25] שרה האָט געבוירן יצחקן ווען זי איז אַלט געווען נײַנציק יאָר (בראשית יז, יז), און ווען זי איז געשטאָרבן איז זי אַלט געווען הונדערט זיבן און צוואַנציק יאָר (דאָרט כג, א), און לויט אַ מדרש איז שרה גע־

נתת לי בן, וכשעמד על דעתו והיה בחור בן שלשים ושבע שנים, אמרת לי: „העלהו עולה לפני". ונעשיתי עליו כאכזרי ולא ריחמתי עליו, אלא אני בעצמי כפתתי אותו. ולא תזכור לי זאת ולא תרחם על בני?"

פתח יצחק ואמר: „רבש"ע! כשאמר לי אבא (בראשית כ"ב): אלהים יראה לו השה לעולה, בני, לא עכבתי על דבריך ונעקדתי ברצון לבי על גבי המזבח, ופשטתי את צוארי תחת הסכין. ולא תזכור לי זאת ולא תרחם על בני?"

פתח יעקב ואמר: „רבש"ע! לא עשרים שנה עמדתי בבית לבן? וכשיצאתי מביתו, פגע בי עשו הרשע ובקש להרוג את בני; ומסרתי עצמי למיתה עליהם. ועכשיו נמסרו ביד אויביהם כצאן לטבחה, לאחר שגדלתים כאפרוחים של תרנגולים וסבלתי עליהם צער גידול בנים, כי רוב ימי הייתי בצער גדול בעבורם. ועתה לא תזכור לי זאת לרחם על בני?"

פתח משה ואמר: „רבש"ע! לא רועה נאמן הייתי על ישראל ארבעים שנה ורצתי לפניהם כסוס במדבר? וכשהגיע זמן שיכנסו לארץ, גזרת עלי, — במדבר יפלו עצמותי. ועכשיו שגלו, שלחת לי לספוד ולבכות עליהם. זהו המשל שאומרים בני אדם: מטוב אדוני לא טוב לי, ומרעתו רע לי".

באותה שעה אמר משה לירמיה: „לך לפני, שאלך ואבואם ואראה, מי מניח ידו עליהם". אמר לו ירמיה: „אי אפשר לילך בדרך מפני ההרוגים". א"ל: „אף על פי כן". מיד הלך משה, וירמיה לפניו, עד שהגיעו לנהרות בבל. ראוהו למשה ואמרו זה לזה: „בא בן עמרם מקברו לפדותינו מיד צרינו!" יצתה בת קול ואמרה: „גזירה היא מלפני!" מיד אמר להם משה: „בני! להחזיר אתכם אי אפשר, שכבר נגזרה גזירה; אלא המקום יחזיר אתכם במהרה." והניח אותם. באותה שעה הרימו קולם

---

ניט, ווארום די גזרה איז שוין נגזר געוואָרן; נייערט דער אייבערשטער וועט אייך איינגיכן אומקערן". און ער האָט זיי איבערגעלאָזן. דענסטמאָל האָבן זיי

---

שטאָרבן, ווען זי האָט געהערט, אַז אברהם איז אַוועק מקריב זיין יצחקן. [26] לויטן מדרש (בראשית רבה נו, ה) האָט אברהם געזאָגט יצחקן, אַז אויב גאָט וועט אים ניט צושיקן אַ לאַם פאַר אַ קרבן, וועט ער זיין די לאַם. [27] בראשית לג, ג: והוא עבר — און ער איז פאָרויס געגאַנגען פאַר זיי, גרייט איינצושטעלן דאָס לעבן פאַר זיי. [28] זייענדיק אַ כוהן, האָט ירמיה ניט געטאָרט גיין צווישן מתים; און משה ענטפערט אים: „און פונדעסטוועגן",

אויפגעהויבן זייער קול אין גרויס געוויין, אַזש זייער געוויין איז ביז צום הימל ארויף. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (תהלים קלז, א): על נהרות בבל — ביי די טייכן פון בבל, דאָרטן זיינען מיר געזעסן און געוויינט.

ווי משה איז געקומען צו די אבות פון דער וועלט, אזוי האָבן זיי אים געזאָגט: „וואָס האָבן די שונאים געטאָן מיט אונדזערע קינדער?" האָט ער צו זיי געזאָגט: „טייל האָט מען געהרגעט און טייל האָט מען געבונדן די הענט אַהינטער, און טייל האָט מען געשמידט אין אייזערנע קייטן, און טייל האָט מען אויסגעטאָן נאַקעט, און טייל זיינען געשטאָרבן אויפן וועג און זייערע קערפערס [זיינען הפקר] פאַר די פייגל פון הימל און פאַר די חיות פון דער ערד, און טייל ליגן פונאַנדערגעוואָרפן אין זון, הונגעריקע און דאָר-שטיקע". גלייך האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן מיט אַ קלאָגעריי: „וויי, וואָס איז געקומען אויף אונדזערע קינדער! ווי זענט איר געוואָרן ווי יתומים אָן אַ טאַטן! ווי טוט איר שלאָפן אין קעלט און אין זומער-היץ אָן אַ בגד און אָן אַ צודעק! ווי זענט איר געגאַנגען אויף בערג און אויף שטיינער אָן שיך און אָן סאַנדאַלן! ווי טוט איר טראָגן משאות פון זאַמד-לאָדן! ווי זיינען אייערע הענט געבונדן אַהינטער! ווי איר קאָנט ניט צומאָל ארונטער-שלינגען דאָס שפייעכץ פון אייערע מיילער!"

האָט משה אָנגעהויבן און געזאָגט: „זיי פאַרשאָלטן, זון! פאַרוואָס ביסטו ניט פינצטער געוואָרן, בשעת דער שונא איז אַריין אין בית המקדש!" האָט די זון אים געענטפערט: „ביי דיין לעבן, משה, דו וואָרהאַפטיקער פאַס-טוך! ווי האָב איך געקענט פינצטער ווערן, אַז מע האָט מיך ניט געלאָזט און ניט אָפּגעלאָזט, דען מע האָט מיך געשמיסן מיט זעכציק פייערדיקע ריטער און מע האָט מיר געזאָגט: „גיי אַרויס און לאָז שיינען דיין ליכט!" ווידער האָט משה אָנגעהויבן און געזאָגט: „וויי אויף דיין לויטערקייט, דו בית המקדש, — ווי איז עס פאַרחושכט געוואָרן! וויי, אַז ס'איז געקומען זיין צייט חרוב צו ווערן, און דער טעמפּל זאָל צעשטערט ווערן, און קינדער פונעם רבינס הויז [29] זאָלן אויסגעהרגעט ווערן, און זייערע פאָטערס זאָלן גיין אין געפאַנגענשאַפט און אין גלות און צו דער שווערד!" ווידער האָט משה אָנגעהויבן און געזאָגט: „אָ, איר פאַנגערס! ביי אייער לעבן: אויב איר הרגעט, הרגעט ניט מיט קיין אומברחמנותדיקן טויט; און ברענגט ניט קיין גאָרע פאַרטיליקונג, און הרגעט ניט אַ זון פאַר די אויגן פונ'ם טאַטן און אַ טאָכטער פאַר די אויגן פון דער מאַמען; דען אַ צייט וועט קומען, ווען דער האַר פון הימל וועט אָפּנעמען חשבון פון אייך!" (אָבער די כשדים די רשעים האָבן ניט אזוי געטאָן; נייערט זיי פלעגן אַוועקזעצן דעם זון ביי דער מאַמען אין שויס און זאָגן צום טאַטן: „שטיי אויף און שעכט אים!" האָט די מאַמע געוויינט, און אירע טרערן זיינען גערונען אויף אים, און זיין פאָ-טער האָט אים אַרונטערגעבויגן דעם קאָפּ). און נאָך האָט ער געזאָגט פאַר אים: „רבונו-של-עולם! דו האָסט געשריבן אין דיין תורה (ויקרא כב, כח):

בבכיה גדולה, עד שעלתה בכייתם למרום; הה״ד (תהלים קל״ז): על נהרות בבל, שם ישבנו גם בכינו.

כיון שבא משה אצל אבות העולם, אמרו לו: „מה עשו האויבים בבנינו?״ אמר להם: „מהם הרגו ומהם כפתו ידיהם לאחוריהם, ומהם אסורים בכבלי ברזל, ומהם נפשטים ערומים, ומהם מתו בדרך ונבלתם לעוף השמים ולבהמת הארץ, ומהם מושלכים לחמה רעבים וצמאים״. מיד פתחו כלם ובכו וקוננו בקינות: „ווי על דמטא לבנן! היכי הוייתון כיתמי בלא אבא! היכי דמכיתון בטיהרא ובקייטא בלא לבושא ובלא כסו! היכי סגיתון בטורי ובחצצי חליצי מסאני ובלא סנדלא! היכי טעניתון מובלי טעוני דחלא! היכי הוו ידיכון כפיתין לאחוריכון! היכי לא בלעתון רוקא בפומיכון!״

פתח משה ואמר: „ליטא שימשא! אמאי לא חשכת, בשעה דעאל שנאה לבית מקדשא?״ אהדר ליה שמשא: „בחייך, משה רעיא מהימנא! היכי אהוי חשוכא, דלא שבקין לי ולא רפו לי, דנקטין לי בשיתין שוטי דנורא ואמרין לי: פוק ונהר נהוריך!״ תוב פתח משה ואמר: „ווי על זיוך, מקדשא, היכי חשך! ווי, כי מטא זמניה דיחרב והיכלא מכלי, ודרדקי דבי רב מתקטלין, ואבוהין אזלין בשביה וגלותא ובחרבא!״ תוב פתח משה ואמר: „שבאי! אי, בחייכון, אתון קטולי, לא תקטלון קטולא אכזראה, ולא תשוון כלאה גמירא, ולא תקטלון ברא באנפוהי דאבא וברתא באנפה דאמא; דמטא זימנא, דמרי שמיא חושבנא חשיב מנכון״. (וכשדאי רשיעיא לא עבדין הכי, אלא מותבין ליה לברא בכנפיה דאמיה ואמרין ליה לאבוה: „קום נכסיה!״ בכיא אמיה, ונתרין דמעתא עלוהי, ואבוהי תלה ליה רישיה.) ועוד אמר לפניו: „רבש״ע! כתבת בתורתך (ויקרא כ״ב): ושור או שה, אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד, — והלא כבר הרגו בנים ואמותיהם כמה וכמה, ואתה שותק!״

---

ושור או שה — און אַן אָקס צי אַ שעפּס, זאָלט איר אים ניט שעכטן אין איין טאָג מיט זיין קינד, — אָבער האָבן זיי דען ניט געהרגעט אַן אַ שיעור קינדער מיט זייערע מאַמעס, און דו שוויגסט!״

אין יענער רגע איז אויפגעשפּרונגען אונדזער מאַמע רחל פאַר הקדוש-ברוך-הוא און האָט געזאָגט: „רבונו-של-עולם! עס איז אַנטפּלעקט פאַר

דיר, אַז יעקב דיין קנעכט האָט מיך ליב געהאַט מיט אַ שטאַרקער ליבשאַפט און ער האָט פאַר מיר געאַרבעט ביי מיין פאָטער זיבן יאָר. און אַז די זיבן יאָר האָבן זיך אויסגעלאָזט און ס׳איז געקומען די צייט חתונה צו האָבן מיט מיין מאַן, האָט מיין פאָטער זיך מיישב געווען מיך אויסצוטוישן פאַר מיין מאַן אויף מיין שוועסטער. איז מיר די זאַך זייער שווער געפאַלן, ווייל איך האָב זיך דערוואוסט דערפון; האָב איך עס געלאָזט וויסן מיין מאַן, און אים איבערגעגעבן אַ סימן, אַז ער זאָל קענען אונטערשיידן צווישן מיר און מיין שוועסטער, כדי מיין פאָטער זאָל מיך ניט קענען פאַרטוישן. אָבער נאָכדעם האָב איך חרטה געהאַט; האָב איך געצוימט מיין גלוסטונג און זיך דערבאַרימט אויף מיין שוועסטער, אַז זי זאָל צו שאַנד ניט בלייבן. אין אָוונט האָט מען פאַרביטן [און מע האָט אַריינגעשיקט] מיין שוועסטער צו מיין מאַן אנשטאט מיר, און איך האָב איבערגעגעבן מיין שוועסטער אַלע סימנים וואָס איך האָב געגעבן צו מיין מאַן, כדי ער זאָל מיינען, אַז זי איז רחל. און ניט נאָר דאָס אַליין, נייערט איך בין אַרונטער אונטערן בעט, וואו ער איז געלעגן מיט מיין שוועסטער, און אַז ער האָט גערעדט מיט איר, האָט זי געשוויגן, און איך האָב אים געענטפערט אויף יעטוועדעס וואָרט, כדי ער זאָל ניט דערקענען מיין שוועסטערס קול. און איך האָב מיט איר אַ חסד געטאָן, און איך בין ניט געווען אייפערזיכטיק אויף איר, און האָב זי ניט אויסגעשטעלט צו שאַנד. איז איך, וואָס איך בין אַ בשר ודם, שטויב און אַש, בין ניט געווען אייפערזיכטיק אויף מיין צרה[30], און האָב זי ניט אויסגעשטעלט צו בושה און צו חרפה; און דו, דער מלך חי וקיים און דער בעל רחמים, — פאַרוואָס ביסטו געווען אייפערזיכטיק אויף דער עבודה זרה, וואָס האָט קיין ממשות ניט, און האָסט פאַרטריבן מיינע קינדער, און זיי זיינען געהרגעט געוואָרן מיט דער שווערד, און די שונאים האָבן געטאָן מיט זיי וואָס זיי האָבן געוואָלט!״

גלייך האָט זיך דערוועקט דאָס רחמנות פון הקדוש-ברוך-הוא און ער האָט געזאָגט: „צוליב דיר, רחל, וועל איך אומקערן ישראל אויף זייער אָרט!״ דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה לא, יד און ווייטער): כה אָמר ה׳ — אזוי האָט גאָט געזאָגט: אַ קול ווערט אין רמה געהערט, אַ וויי געשריי, אַ ביטער געוויין: רחל וויינט אויף אירע קינדער, זי וויל זיך ניט טרייסטן איבער אירע קינדער, דען זיי זיינען מער ניטאָ. און ווייטער שטייט געשריבן: אזוי האָט גאָט געזאָגט: האַלט אָפּ דיין קול פון געוויין, און דיינע אויגן פון טרערן, ווארום עס איז פאַראַן אַ באַלוינונג פאַר דיין מי, זאָגט גאָט. און נאָך שטייט געשריבן: און עס איז פאַראַן אַ האָפנונג פאַר דיין צוקונפט, זאָגט גאָט, און די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער תחום.

כה

ר׳ יוחנן האָט אָנגעהויבן (ירמיה יג, טז): תנו — גיט כבוד צו גאָט אייער האַר, איידער עס וועט פינצטער ווערן, — ווען איז זיי דערדאָזיקער פסוק מקויים געוואָרן? ביי חזקיהס טויט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן

באותה שעה קפצה רחל אמנו לפני הקב״ה ואמרה: „רבש״ע! גלוי לפניך, שיעקב עבדך אהבני אהבה יתירה, ועבד בשבילי לאבא שבע שנים. וכשהשלימו אותן שבע שנים והגיע זמן נשואי לבעלי, יעץ אבי להחליפני לבעלי בשביל אחותי. והוקשה עלי הדבר עד מאד, כי נודעה לי העצה; והודעתי לבעלי ומסרתי לו סימן, שיכיר ביני ובין אחותי, כדי שלא יוכל אבי להחליפני. ולאחר כן נחמתי בעצמי וסבלתי את תאותי, ורחמתי על אחותי, שלא תצא לחרפה. ולערב חלפו אחותי לבעלי בשבילי, ומסרתי לאחותי כל הסימנין שמסרתי לבעלי, כדי שיהא סבור שהיא רחל. ולא עוד, אלא שנכנסתי תחת המטה שהיה שוכב עם אחותי, והיה מדבר עמה והיא שותקת, ואני משיבתו על כל דבר ודבר, כדי שלא יכיר לקול אחותי. וגמלתי חסד עמה, ולא קנאתי בה ולא הוצאתיה לחרפה. ומה אני, שאני בשר ודם, עפר ואפר, לא קנאתי לצרה שלי ולא הוצאתיה לבושה ולחרפה; ואתה, מלך חי וקיים רחמן, — מפני מה קנאת לעבודת כוכבים שאין בה ממש, והגלית בני ונהרגו בחרב ועשו אויבים בם כרצונם!״

מיד נתגלגלו רחמיו של הקדוש ברוך הוא ואמר: „בשבילך, רחל, אני מחזיר את ישראל למקומן!״ הדא הוא דכתיב (ירמיה ל״א): כה אמר ה׳: קול ברמה נשמע, נהי בכי תמרורים: רחל מבכה על בניה, מאנה להנחם על בניה, כי איננו. וכתיב (שם): כה אמר ה׳: מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה, כי יש שכר לפעולתך, וגו׳. וכתיב (שם): ויש תקוה לאחריתך, נאם ה׳, ושבו בנים לגבולם.

## כה

רבי יוחנן פתח (שם י״ג): תנו לה׳ אלהיכם כבוד בטרם יחשיך, וגו׳, — אימתי נתקיים להם המקרא הזה? במיתתו של חזקיהו; הה״ד (ד״ה ב׳ ל״ב): וישכב יחזקיהו עם אבותיו, ויקברהו במעלה קברי בני דויד, וכבוד עשו לו במותו. מה כבוד עשו לו? ר׳

---

(דברי הימים ב, לב, לג): וישכב — און חזקיהו האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן און מע האָט אים באַגראָבן אויף דעם ארויפגאַנג פון די קברים פון דודס קינדער; און כבוד האָט מען אים אָנגעטאָן ביי זיין טויט. וואָס פאַר אַ

---

ווייל פּיקוח נפש איז דוחה אַלץ. [29] חדר אינגלעך. [30] קאָנקורענטקע, די אַנדערע פרוי פון דעמזעלבן מאַן (זע שמואל א, א, ו, און משנה יבמות א, א).

כבוד האָט מען אים אָנגעטאָן? [אויף דעם ענטפערן] ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון און ר׳ חנין און די רבנן. ר׳ יהודה בר סימון האָט געזאָגט: אַ פאַרזאַמלונגס הויז האָט מען אויסגעבויט איבער חזקיהס קבר; אַז זיי פלעגן קומען אַהין, פלעגן זיי זאָגן צו אים: „לערן אונדז״. ר׳ חנין האָט געזאָגט: אַ ספר תורה האָבן זיי אַוועקגעשטעלט איבער חזקיהס קבר, און זיי האָבן געזאָגט: „דער וואָס ליגט אין דעם ארון האָט מקיים געווען וואָס עס שטייט געשריבן אין דעם [ספר]״. און די רבנן זאָגן: טעפּעכער האָבן זיי אויסגעשפּרייט פון דער טיר פון זייערע הייזער ביז צו די קברים פון דודס קינדער; צוליב וואָס האָבן זיי עס געטאָן? כדי עס זאָל זיי ניט זיין שווער די באָרוועסקייט פון זייערע פיס. און פונדעסטוועגן איז זיי די באָרוועסקייט פון זייערע פיס געווען שווער[1]. האָט ירמיה געזאָגט צו זיי: מה־דאָך ווען איר האָט אויסגעשפּרייט טעפּעכער פון דער טיר פון אייערע הייזער ביז צו די קברים פון דודס קינדער, איז אייך שווער געווען די באָר־וועסקייט פון אייערע פיס, — אַ כל־שכן ווען אייערע פיס וועלן זיך צעקלאַפּן אויף די נאַכטיקע בערג.

[2] צען ציאונגען האָט די שכינה געצויגן[3]: פון איין כרוב צום צווייטן, און פון צווייטן כרוב צום שוועל פון הויז, פונעם שוועל פון הויז [צוריק] צו די כרובים, און פון די כרובים צום מזרח טויער, פונעם מזרח טויער אין הויף ארויס, פונעם הויף אויפן דאַך, פונעם דאַך צום מזבח, פון מזבח צו דער מויער[4], פון דער מויער אין שטאָט אריין, פון דער שטאָט צום הר־הזיתים. — „פון איין כרוב צום צווייטן״, ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל י, ד)): וירם — און אויפגעהויבן האָט זיך די פּראַכט פון גאָט פון איבער דעם כרוב. „פון [צווייטן] כרוב צום שוועל פון הויז״, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט ט, ג): וכבוד — און דער כבוד פון דעם גאָט פון ישראל האָט זיך אויפגעהויבן פון איבער דעם כרוב וואָס ער איז אויף אים געווען צו דעם שוועל פון הויז. „פונעם שוועל פון הויז [צוריק] צו די כרובים״, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט י, יח): ויצא — און דער כבוד פון גאָט איז אַוועק פון דעם שוועל פון הויז און האָט זיך געשטעלט אויף די כרובים — איז אַוועק? דער פסוק האָט ניט געדאַרפט זאָגן אַנדערש, נייערט „איז גע־קומען״, און דו זאָגסט גאָר איז אַוועק! וואָס מיינט איז אַוועק? ר׳ אחא האָט געזאָגט: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך, וואָס איז אַוועק פון זיין פּאַלאַץ אַ צאָרנדיקער. אַז ער איז שוין געהאַט אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זיך אומ־געקערט און האָט אַרומגענומען און געקושט די ווענט פונעם פּאַלאַץ און די זיילן פונעם פּאַלאַץ; און ער האָט געוויינט און געזאָגט: „זיי אין פרידן, פּאַלאַץ מיינער; זיי אין פרידן, הויז פון מיין מלכות; זיי אין פרידן, הויז פון מיין כבוד; זיי אין פרידן, — פון איצט אָן זיי אין פרידן!״ אזוי, אַז ווען די שכינה איז שוין געהאַט אַרויסגעגאַנגען פונעם בית המקדש, האָט זי זיך

[1] אזוי איידל דערצויגן זיינען זיי געווען. [2] לויט אייבראהאמס הויבט זיך דאָ אָן אַ נייע פּתיחתא (זע פּתיחתא א, באמ. 4). [3] ביים פאַרלאָזן דעם בית המקדש. [4] וואָס

יהודה בר׳ סימון ורבי חנין ורבנן. ר׳ יהודה בר סימון אמר: בית וועד בנו למעלה מקברו של חזקיהו; בשעה שהיו הולכים לשם, היו אומרים לו: „למדנו״. ר׳ חנין אמר: ספר תורה נתנו למעלה מקברו של חזקיהו ואמרו: „זה שהוא מוטל בארון זה קיים מה שכתוב בזה״. ורבנן אמרי: הציעו לו טפטיות מפתח בתיהם עד קברי בני דוד; וכל כך למה? כדי שלא יתיחפו רגליהם. אף על פי כן נתיחפו רגליהם. אמר להם ירמיה: „מה אם בשעה שהצעתם טפטיות מפתח בתיכם עד קברי בני דוד, נתיחפו רגליכם; לכשיתנגפו רגליכם על הרי נשף, על אחת כמה וכמה!״

עשר מסעות נסעה השכינה: מכרוב לכרוב, ומכרוב למפתן הבית, מן מפתן הבית לכרובים, ומן הכרובים לשער הקדמוני, משער הקדמוני לחצר, מן החצר לגג, מן הגג למזבח, מן המזבח לחומה, מן החומה לעיר, מן העיר להר הזיתים. „מכרוב לכרוב״, דכתיב (יחזקאל י׳): וירם כבוד ה׳ מעל הכרוב. „מכרוב למפתן הבית״, דכתיב (שם ט׳): וכבוד אלהי ישראל נעלה מעל הכרוב אשר היה עליו אל מפתן הבית. „ממפתן הבית לכרובים״, דכתיב (שם י׳): ויצא כבוד ה׳ מעל מפתן הבית ויעמד על הכרובים, — ויצא? לא היה צריך קרייה למימר, אלא „ויבא״, ואת אמר ויצא! מהו ויצא? א״ר אחא: למלך שהיה יוצא מפלטין שלו בכעס. משהיה יוצא, היה חוזר ומגפף ומנשק בכותלי פלטין ובעמודי פלטין, ובוכה ואומר: „הוי שלום, בית פלטין שלי! הוי שלום, בית מלכותי! הוי שלום בית יקרי! הוי שלום, מן כדון הוי שלום!״ כך, משהיתה שכינה יוצאת מבית המקדש, היתה חוזרת ומגפפת ומנשקת בכותלי ביהמ״ק ובעמודי בית המקדש, ובוכה ואומרת: „הוי שלום, בית מקדשי! הוי שלום, בית מלכותי! הוי שלום, בית יקרי! הוי שלום, מן כדון הוי שלום!״

„מן הכרובים לשער הקדמוני״, דכתיב (שם): וישאו הכרובים

---

אומגעקערט און האָט ארומגענומען און געקושט די ווענט פונעם בית המקדש און די זיילן פונעם בית המקדש און געזאָגט: „זיי אין פרידן, בית המקדש מיינער; זיי אין פרידן, הויז פון מיין מלכות; זיי אין פרידן, הויז פון מיין כבוד; זיי אין פרידן, — פון איצט אָן זיי אין פרידן!״

„פון די כרובים צום מזרח טויער״, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט, פסוק יט): וישאו — און די כרובים האָבן אויפגעהויבן זייערע פליגלען — — —[און ער האָט זיך געשטעלט ביים אַריינגאַנג פון מזרח טויער].

**„פונעם מזרח טויער אין הויף ארויס"**, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט, פסוק ד): והחצר — און דער הויף איז פול געוואָרן מיטן שיין פון גאָטס כבוד. **„פונעם הויף צום דאַך"**, ווי עס שטייט געשריבן (משלי כה, כד): טוב שבת — בעסער זיצן אויף אַ ווינקל דאַך [5]. **„פונעם דאַך צום מזבח"**, ווי עס שטייט געשריבן (עמוס ט, א): ראיתי — איך האָב געזען גאָט שטיין איבערן מזבח. **„פונעם מזבח צו דער מויער"**, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט ז, ז): והנה — ערשט גאָט שטייט איבער אַ שנורגלייכער מויער. **אַן אַנדער פשט: וואָס** מיינט אנך [6]? **דאָס איז דער סנהדרין, [וואָס איז באַשטאַנען] פון איין-און-זיבעציק חברים, ווי דער באַטרעף פון** אנך. ויאמר ה' — און גאָט האָט גע-זאָגט: אָט צי איך אַ וואַגשנור, **— ר' יהודה דער זון פון ר' סימון האָט געזאָגט: — — —** [7] **„פון דער מויער אין שטאָט אַריין"**, ווי עס שטייט געשריבן (מיכה ו, ט): קול ה' — דאָס קול פון גאָט רופט צו דער שטאָט. **„פון דער שטאָט צום הר הזיתים"**, ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל יא, כג): ויעל כבוד ה' — און דער כבוד פון גאָט האָט זיך אויפגעהויבן פון איבערן מיטן שטאָט, און האָט זיך געשטעלט אויפן באַרג וואָס אין מזרח פון שטאָט.

ר' יונתן האָט געזאָגט: **דריי און אַ האַלב יאָר האָט זיך די שכינה אויפ-געהאַלטן אויפן הר הזיתים; געמיינט, אפשר וועט ישראל תשובה טאָן; אָבער זיי האָבן קיין תשובה ניט געטאָן. און אַ בת-קול פלעגט אויסרופן און זאָגן** (ירמיה ג, יד): שובו — קערט אייך אום, קינדער אָפּקערער! (מלאכי ג, ז): שובו אלי — קערט אייך אום צו מיר, און איך וועל זיך אומקערן צו אייך! **אָבער אַז זיי האָבן קיין תשובה ניט געטאָן, האָט זי געזאָגט** (הושע ה, טו): אלך — איך וועל גיין, איך וועל זיך אומקערן צו מיין אָרט. **וועגן יענער צייט זאָגט דער פסוק** (ירמיה יג, טז און ווייטער): תנו כבוד — גיט כבוד צו גאָט אייער גאָט, איידער עס וועט פינצטער ווערן, **— איידער עס וועט אייך פינצטער ווערן אויס מאַנגל אין דברי תורה, איידער עס וועט אייך פינצטער ווערן אויס מאַנגל אין דברי נבואה;** און איידער אייערע פיס וועלן זיך צעקלאַפּן אויף די נאַכטיקע בערג, און איר וועט האָפן אויף ליכט, **אין בבל,** און ער וועט עס מאַכן צו טויטשאָטן **אין מדי,** און פאַרוואַנדלען אין פינצטערניש **אין יון** [8]. ואם לא — און אַז איר וועט זיך צו דעם ניט צוהערן **אין אדום** [9], וועט אין פאַרבאָרגעניש ווייגען מיין זעל פון וועגן דער פאַרריסנקייט. **וואָס מיינען די ווערטער** פון וועגן דער פאַרריסנקייט? **דאָס זיינען די געצנדינער, וואָס זיינען פאַרריסן ביי זיך און זאָגן** (דברים לב, לז): אי אלהימו — וואו איז זייער גאָט, דער פעלז וואָס זיי האָבן זיך געשיצט אין אים? **אַן אַנדער פשט:** פון וועגן דער פאַרריסנקייט **— פון וועגן די מלאכים וואָס האָבן זיך גרויס געהאַלטן און געזאָגט** (תהלים ח, ה): מה אנוש — וואָס איז דער מענטש, אַז דו זאָלסט אים געדענקען? [10]

(ירמיה יג, יז) ודמע תדמע — און טרערן וועט טרערן, און גיסן טרערן וועט מיין אויג, דען די סטאַדע פון גאָט איז געפאַנגען געוואָרן. **דו געפינסט,**

---

אַרום דעם בית המקדש. [5] און דער פסוק ענדיקט זיך מיט דער פראַזע: איידער מיט

את כנפיהם, וגו׳. **„משער הקדמוני לחצר״, דכתיב** (שם): והחצר מלאה את נוגה כבוד ה׳. **„מן החצר לגג״, דכתיב** (משלי כ״ה): טוב שבת על פנת גג. **„מן הגג למזבח״, דכתיב** (עמוס ט׳): ראיתי את ה׳ נצב על המזבח. **„מן המזבח לחומה״, דכתיב** (שם ז׳): והנה ה׳ נצב על חומת אנך. **ד״א:** מהו **אנך? זו סנהדרין של שבעים ואחד,** מנין אנ״ך. ויאמר ה׳: הנני שם אנך. **— א״ר יהודה בר׳ סימון: — — — „מן החומה לעיר״, דכתיב** (מיכה ו׳): קול ה׳ לעיר יקרא. **„מן העיר להר הזיתים״, דכתיב** (יחזקאל י״א): ויעל כבוד ה׳ מעל תוך העיר ויעמד על ההר אשר מקדם לעיר.

**א״ר יונתן: שלש שנים ומחצה עשתה השכינה יושבת על הר הזיתים; סבורה, שמא ישראל יעשו תשובה, ולא עשו. והיתה בת קול מכרזת ואומרת** (ירמיה ג׳): שובו בנים שובבים! (מלאכי ג׳) שובו אלי ואשובה אליכם! **וכיון שלא עשו תשובה, אמרה** (הושע ה׳): אלך אשובה אל מקומי. **על אותה שעה הוא אומר** (ירמיה י״ג): תנו לה׳ אלהיכם כבוד, בטרם יחשיך, **— בטרם יחשיך לכם מדברי תורה, בטרם יחשיך לכם מדברי נבואה;** (שם) ובטרם יתנגפו רגליכם על הרי נשף, וקויתם לאור **בבבל,** ושמה לצלמות **במדי,** ושית בערפל, **ביון.** ואם לא תשמעוה **באדום,** במסתרים תבכה נפשי מפני גוה, **— מה ת״ל** מפני גוה? **אלו עובדי כוכבים. שהם מתגאים ואומרים** (דברים ל״ב): אי אלהימו, צור חסיו בו. **ד״א** מפני גוה, **מפני מלאכי השרת, שהם מתגאים ואומרים** (תהלים ח׳): מה אנוש כי תזכרנו, וגו׳.

(ירמיה י״ג) ודמוע תדמע ותרד עיני דמעה, כי נשבה עדר ה׳.

---

**אַ קריגערישער פרוי אין אַ הויז אַ פּאַלאַץ (לויטן תרגום), — די שכינה האָט אויסגעקליבן ליבערשט צו פאַרלאָזן דעם בית המקדש, איידער צו זיין דאָרטן צוזאַמען מיט דער עבודה זרה (זע אויבן, סוף פּתיחתא כב).** [6] אנך, **דעם בויערס מעסטשנור; לויטן צווייטן פּשט איז** אנך **אַ סימבאָלישער נאָמען פאַרן סנהדרין, וואָס האָט געבויט דעם יידישן לעבנס־שטייגער לויט אַ באַשטימטער ריכט ליניע, און אויף אים האָט די שכינה גערוט.** [7] **דאָ פעלט ר׳ יהודהס מאמר, אָדער דער פאַרקירצונג סימן וכו׳. דער מאמר געפינט זיך אין ויקרא רבה לג, ב: ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: דערדאָזיקער קעסל [אויפן פייער] האַלט ניט איין דאָס גאַנצע [וואַסער], נייערט עס ווערט פאַרמינערט (נכה, וואָרטשפּיל אויף** אנך**), אזוי האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט: „איך וועל אייך פאַרמינערן דורך יסורים אויף דער וועלט, אָבער לעתיד לבוא** וועל איך עס אים ווידער מער **ניט טאָן (עמוס ז, ח, — אַנדערש ווי דער געוויינלעכער פּשט איז).** [8] **גריכנלאַנד, וואַרשיינלעך גריכיש סיריע, אונטער אנטיוכוס הרשע.** [9] **רוים.** [10] **די מלאכים, וואָס זיינען געווען קעגן דער באַשאַפונג פונעם מענטשן (בראשית רבה ח, ו), האָבן איצט, זעענדיק ישראלס זינד און זיין חורבן, זיך באַרימט, אַז זיי האָבן עס גלייך פאָרויסגעזען.**

אַז כל-זמן ישראל איז ניט געגאַנגען אין גלות, זיינען זיי געווען איינגעטיילט אין סטאַדעס: די סטאַדעס פון כהונה באַזונדער, די סטאַדעס פון לוויה באַזונדער, די סטאַדעס פון ישראלים באַזונדער; אָבער ווי נאָר זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אַזוי באַלד זיינען זיי געוואָרן איין סטאַדע: דעו די סטאַדע פון גאָט איז געפאַנגען געוואָרן, — עס שטייט ניט געשריבן „זיינען געפאַנגען געוואָרן", נייערט דען די סטאַדע פון גאָט איז געפאַנגען געוואָרן.

כו

ר' נחמן האָט אָנגעהויבן (ישעיה כט, א—ב): הוי, אריאל — ווי, אריאל, אריאל, דער לייב, דער מעכטיקער לייב[1]; קרית — די שטאָט וואו דוד האָט געוווינט, — די שטאָט, וואָס קיינער האָט אין איר קיין רו ניט געהאַט[2] אויסער דודן; די שטאָט, וואָס דוד האָט זי געמאַכט אַ לאַגער פאַר זיינע חיילות; ספו — לייגט צו אַ יאָר צו אַ יאָר, זאָלן די ימים טובים זיך אַרומדרייען, — אַ יאָר איז געקומען, אַ יאָר איז אַוועק, און קיין עולי רגל זיינען ניט געקומען, און די וועגן זיינען באַוואַקסן געוואָרן מיט שטעכגעוויקסן; דאָס איז וואָס עס שטייט געשריבן: חגים ינקפו[3]. והציקותי — און איך וועל דריקן אריאל, — ר' ניסה פון קיסרין האָט געזאָגט: פון דאַנען איז געדרונגען, אַז ישראל האָט [אַמאָל] יאָ געוואוסט פון באַרוטקייט; והיתה — און עס וועט זיין אַ קלאָג און אַ קלאַגעריי, — פייניקונג אויף פייניקונג; והיתה — און עס וועט מיר זיין ווי אריאל[4], — אַזוי ווי דער ערשטער חורבן, אַזוי וועט זיין דער צווייטער חורבן. — און וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, אַזוי זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אַזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה.

כז

ר' פינחס האָט אָנגעהויבן (ויקרא כו, יח): ואם עד אלה — און אויב נאָך דעם אַלעם וועט איר זיך ניט צוהערן צו מיר, — [אויף דעם דרשענען] ר' אליעזר און ר' יהושע. ר' אליעזר זאָגט: גאָט ברענגט ניט קיין שטראָף אויף ישראל, סיידן ער וואָרנט זיי צוערשט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן ואם עד[1] אלה. ר' יהושע זאָגט: כדי ישראל זאָל ניט זאָגן: „עס האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט די שלעק, קיין אַנדערע צו ברענגען אויף אונדז האָט ער ניט מער", דעריבער לערנט אונדז דער פסוק ואם עד אלה — לייען „ואם עוד אלה", — „און אויב נאָך אזעלכע": ער האָט נאָך אַנדערע אַזוינע און אַזעלכע צו ברענגען. ויספתי — וועל איך אייך מערן צו שטראָפן זיבן מאָל פאַר אייערע זינד, — איר האָט עובר געווען פאַר מיר זיבן עברות[2], טאָ קומט און נעמט אויף זיך זיבן שטראָפן; איר האָט עובר געווען פאַר מיר זיבן עברות, אָט קומט ירמיה און קלאָגט אויף אייך די קינות, וואָס באַשטייען פון זיבן אלף-ביתן[3], — איכה.

כח

ר' חמא בר חנינא האָט אָנגעהויבן (ירמיה לו, לב): וירמיהו לקח — און ירמיהו האָט גענומען אַן אַנדער מגילה, — [אויף דעם דרשענען] ר' חמא בר חנינא און די רבנן. ר' חמא בר חנינא האָט געזאָגט (דאָרט): ועוד —

את מוצא, עד שלא גלו ישראל, היו עשויים עדרים: עדרי כהונה לבד, עדרי לויה לבד, עדרי ישראל לבד. וכיון שגלו, נעשו עדר אחד: כי נשבה עדר ה׳, „כי נשבו״ אין כתיב כאן, אלא כי נשבה עדר ה׳.

כו

רב נחמן פתח (ישעיה כ״ט): הוי, אריאל, אריאל, — אריא, אריא גיברא; קרית חנה דוד, — קריה, שחנה בה דוד: קרייה, דלא חניא ליה בה, אלא דוד; קריה, שעשה אותה דוד לקסרקיטון שלו. ספו שנה על שנה, חגים ינקופו, — שנה עלתה, שנה נפקא, ולא היו עולין לפעמי רגלים, והיו הדרכים מעלין היגים; הה״ד: חגים ינקופו. והציקותי לאריאל, — ר׳ נסה דקסרין אמר: מכאן שהיתה קורת רוח לישראל. והיתה תאניה ואניה, — סכופי סכופים; והיתה לי כאריאל, — כחורבן ראשון חורבן שני. כיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם איכה.

כז

רבי פנחס פתח (ויקרא כ״ו): ואם עד אלה לא תשמעו לי, וגו׳, ר׳ אליעזר ור׳ יהושע. רבי אליעזר אומר: אין הקב״ה מביא פורעניות על ישראל, עד שמעיד בהן תחלה; הה״ד: ואם עד אלה. רבי יהושע אומר: שלא יהו ישראל אומרים: „כלו מכות, עוד אין לו אחרות להביא עלינו״, — ת״ל: ואם עד אלה, — אם עוד אלה, יש לו אחרות מאלה וכאלה להביא. (שם) ויספתי ליסרה אתכם שבע על חטאתיכם, — אתם עברתם לפני שבע עבירות, בואו וקבלו עליכם שבע פורעניות; אתם עברתם לפני שבע עבירות, הרי ירמיה בא מקונן עליכם קינות, שהוא שבע אלפא ביתין, — איכה.

כח

רבי חמא בר חנינא פתח (ירמיה ל״ו): וירמיהו לקח מגלה אחרת, וגו׳, — רבי חמא בר חנינא ורבנן. ר׳ חמא אמר (שם):

---

[1] געטייטשט ווי צוויי ווערטער: ארי — אַ לייב, אל — מאַכטיקייט, כוח. [2] אין זין פון גרינדן אַ מלוכה הויז אויף דורות (מתנות כהונה; דער רד״ל לייגט פאָר צו לייענען אין טעקסט אנשטאט חניא — הניא, און עס זאָל מיינען: די שטאָט, פון וועלכער קיינער האָט אזוי קיין הנאה און קיין נחת רוח ניט געהאַט ווי דוד). [3] וואָרטשפילן: חגים, ימים טובים — היגים, דערנער; ינקפו, וועלן זיך אַרומדרייען — ינפקו, וועלן אַרויסגיין, אַוועקגיין (מתנות כהונה). [4] באַצייכנונג פאַרן בית המקדש.

[1] לייען מיט אַ צירה אונטער דער עין, — אַן עדות און אַ וואָרנונג. [2] זע רשי, ויקרא כו, טו. [3] אייגנטלעך נאָר זעקס, ווייל נאָר די פרקים א—ד זיינען געשריבן לויטן

און צו זיי זיינען נאָך צוגעגעבן געוואָרן, **דאָס איז [דער פרק]** איכה יעיב; דברים — ווערטער, **דאָס איז [דער פרק]** איכה יועם; רבים — אַ סך, **דאָס איז [דער פרק]** אני הגבר[1]; כהמה — אזוי ווי זיי, **דאָס איז [דער פרק]** זכר ה׳[2]. **און די רבנן זאָגן:** און צו זיי זיינען נאָך צוגעגעבן געוואָרן, **דאָס איז** איכה יעיב; ווערטער, **דאָס איז** איכה יועם; אַ סך, **דאָס איז** זכר ה׳; אזוי ווי זיי, **דאָס איז** אני הגבר, **וואָס באַשטייט פון דריי מאָל אלף-בית פסוקים**[3].

## כט

**זבדי בן לוי האָט אָנגעהויבן** (תהלים סח, ז): אלהים — גאָט באַזעצט די איינזאַמע אין אַ היים, **— דו געפינסט, אַז כל-זמן ישראל איז ניט אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, זיינען זיי געזעסן באַזונדער און די שכינה באַזונדער; און וויבאַלד זיי זיינען אויסגעלייזט געוואָרן, אזוי גלייך זיינען זיי געוואָרן איין גאַנצקייט. און אַז זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, איז ווידער די שכינה געווען באַזונדער און ישראל באַזונדער. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** נאָר די אָפּקערערס בלייבן זיצן אין טריקעניש. — איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — —

## ל

**זבדי בן לוי האָט אָנגעהויבן** (איכה ד, יב): ניט געגלויבט האָבן די מלכים פון דער ערד — — — [אַז עס וועט קומען אַ דריקער און אַ שונא אין די טויערן פון ירושלים]. **פיר מלכים זיינען זיי געווען, און וואָס איינער האָט פאַרלאַנגט האָט דער צווייטער ניט פאַרלאַנגט, און דאָ זיינען זיי: דוד און אסא, און יהושפט, און חזקיהו. דוד האָט געזאָגט** (תהלים יח, לח): ארדוף — לאָמיך נאָכיאָגן מיינע פיינט און זיי דערגרייכן. **האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט צו אים: „איך וועל אזוי טאָן"; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (שמואל א, ל, יז): ויכם — און דוד האָט זיי געשלאָגן פון פאַרנאַכט און ביז אויף מאָרגן אין אָוונט. **וואָס מיינט אויף מאָרגן? ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: [ער האָט זיי געשלאָגן] צוויי נעכט מיט איין טאָג**[1]. **הקדוש-ברוך-הוא האָט אים באַלויכטן די נעכט מיט קאָמעטן און בליצן, ווי מיר האָבן דאָרטן**[2] **געלערנט: איבער קאָמעטן און איבער ערדציטערנישן און איבער בליצן — — —; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (תהלים יח, כט): כי אתה — ווארום דו מאַכסט לייכטן מיין ליכט.

**אסא האָט זיך אָנגעשטעלט און געזאָגט: „איך האָב ניט קיין כוח זיי צו הרגענען; נייערט איך וועל זיי נאָכיאָגן, און דו וועסט עס טאָן". האָט**

---

א״ב (פרק ג איז געשריבן לויט אַ דרייפאַכן א״ב); אָבער ווייל דער פרק ה האָט אויך צוויי און צוואַנציק פסוקים, ווערט ער אויך פאַררעכנט ווי אַן א״ב.

[1] ווייל דערדאָזיקער פרק האָט דריי מאָל דעם א״ב, ווערט אויף אים געדרשנט דאָס וואָרט רבים. [2] וועלכער ביישטייט אויך פון צוויי-און-צוואַנציק פסוקים, אזוי ווי זיי.

[3] ווי די אַנדערע דריי פרקים צוזאַמען. — אַלע זיינען מסכים, אַז צוערשט איז איכה באַשטאַנען נאָר פונעם ערשטן פרק; דער חילוק איז נאָר, אין וועלכער אָרדנונג ירמיה האָט נאָכדעם צוגעגעבן די איבעריקע פרקים.

[1] למחרתם — די תו אין דעמדאָזיקן וואָרט ווערט באַטראַכט ווי אַ סימן פון מערצאָל,

ועוד נוסף עליהם, **זה** איכה יעיב; דברים, **זה** איכה יועם; רבים, **זה** אני הגבר; כהמה, — זכור ה׳. **ורבנן אמרי:** ועוד נוסף עליהם, **זה** איכה יעיב; דברים, **זה** איכה יועם; רבים, **זה** זכור ה׳; כהמה, **זה** אני הגבר, **שהוא מן תלתא תלתא פסוקי באלפא ביתא.**

כט

**זבדי בן לוי פתח** (תהלים ס״ח): אלהים מושיב יחידים ביתה, — **אתה מוצא, עד שלא נגאלו ישראל ממצרים, היו יושבין בפני עצמן והשכינה בפני עצמה; וכיון שנגאלו, נעשו כולן הומוניא אחת. וכיון שגלו, חזרה שכינה בפני עצמה וישראל בפני עצמן; הה״ד:** אך סוררים שכנו צחיחה. — איכה ישבה בדד.

ל

**זבדי בן לוי פתח:** לא האמינו מלכי ארץ, וגו׳. **ארבעה מלכים היו, מה שתבע זה, לא תבע זה, ואלו הן: דוד ואסא, ויהושפט וחזקיהו. דוד אמר** (תהלים י״ח): ארדוף אויבי ואשיגם, וגו׳. **אמר לו הקב״ה: „אני עושה כן״; הה״ד** (ש״א ל׳): ויכם דוד מהנשף ועד הערב למחרתם. מהו למחרתם? **ר״י בן לוי אמר: לשני לילות ויום אחד. היה הקב״ה מאיר לו בלילות בזיקין ובברקים, כמה דתנינן תמן:** על הזיקין ועל הזועות ועל הברקים; **הה״ד** (תהלים י״ח): כי אתה תאיר נרי, **וגו׳.**

**עמד אסא ואמר: „אני אין בי כח להרוג להם, אלא אני רודף אותם, ואתה עושה״. אמר לו: „אני עושה״; שנאמר** (ד״ה ב׳ י״ד): וירדפם אסא,וגו׳. — **„לפני אסא״ אין כתיב כאן, אלא** לפני ה׳ ולפני מחנהו.

**עמד יהושפט ואמר: „אני אין בי כח, לא להרוג ולא לרדוף; אלא אני אומר שירה ואתה עושה״. אמר לו הקב״ה: „אני עושה״; שנאמר** (שם כ׳): ובעת החלו ברנה ותהלה, **וגו׳.**

---

**ער געזאָגט צו אים: „איך וועל עס טאָן״; ווי דער פסוק זאָגט** (דברי הימים ב, יד, יב): וירדפם אסא — און אסא האָט זיי נאָכגעיאָגט, — **און עס שטייט ניט „[ווייל זיי זיינען צעבראָכן געוואָרן] פאַר אסאן״, נייערט פאַר גאָט און** פאַר זיין מחנה.

**יהושפט האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געזאָגט: „איך האָב ניט קיין כוח ניט צו הרגענען און ניט נאָכצויאָגן; נייערט איך וועל זאָגן שירה, און דו וועסט עס טאָן״. האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט צו אים: „איך וועל עס טאָן״; ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, כ, כב): ובעת החלו — **און בשעת זיי**

האָבן אָנגעהויבן אַ געזאַנג און אַ לויב. [האָט גאָט געשטעלט לויערער———]

**חזקיה האָט זיך געשטעלט און געזאָגט:** „איך האָב ניט קיין כוח ניט צו הרגענען און ניט נאָכצויאָגן און ניט שירה צו זאָגן; נייערט איך וועל מיר שלאָפן אין בעט, און דו וועסט עס טאָן". האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט צו אים: „איך וועל עס טאָן"; ווי דער פסוק זאָגט (מלכים ב, יט, לה): ויהי — און עס איז געווען אין יענער נאַכט[3], איז אַרויסגעגאַנגען אַ מלאך פון גאָט און האָט געשלאָגן אין לאַגער פון אשור. — **וויפיל איז געבליבן פון זיי? רב האָט געזאָגט: צען,** ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה י, יט): ונער — און אַ יינגל וועט זיי קענען אויפשרייבן, דען דער שטייגער פון אַ יינגל איז צו שרייבן אַ יוד[4]. **ר' אליעזר זאָגט: זעקס,** דען דער שטייגער פון אַ יינגל איז אויסצוקריצן אַ שטריך[5]. **ר' יהושע בן לוי זאָגט: פינף,** ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יז, ו): שנים, שלשה — צוויי דריי[6] קערלעך ביים שפיץ צווייג. **ר' יהודה און ר' סימון האָבן געזאָגט: ניין; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט): ארבעה, חמשה — פיר פינף אויף די צווייגן פון דעם פרוכטיקן בוים. **ר' תנחום בן חנילאי האָט געזאָגט: פערצן; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** צוויי דריי קערלעך ביים שפיץ צווייג, פיר פינף אויף די צווייגן פון דעם פרוכטיקן בוים.

**סיי לויט די ווערטער פון די און סיי לויט די ווערטער פון יענע, — אַלע גיבן צו, אַז נבוכדנצר איז געווען איינער פון זיי[7]. נייערט ווען הקדוש-ברוך-הוא האָט געזאָגט צו אים: „גיי אַרויף און מאַך חרוב דעם בית המקדש", האָט ער געזאָגט: „ער וויל ניט אַנדערש, נייערט מיך אַריינצוזוינגען [אין דעם], כדי צו טאָן מיט מיר, ווי ער האָט געטאָן מיט מיין זיידן[8]". וואָס האָט ער געטאָן? ער איז געקומען און זיך באַזעצט אין דאפנע וואָס ביי אנטיוכיה און האָט געשיקט נבוזראדן, דעם האַר פון די לייבוועכטער, חרוב צו מאַכן ירושלים. און יענער איז דאָרט געווען דריי און אַ האַלב יאָר. יעדן טאָג פלעגט ער אַרומרינגלען ירושלים, אָבער ער האָט זי ניט געקענט איינ-נעמען. האָט ער זיך געוואָלט אומקערן; האָט אים הקדוש-ברוך-הוא אַריינ-געגעבן אַ געדאַנק אין האַרצן, און ער האָט אָנגעהויבן מעסטן די מויער; און זי איז טעגלעך געזונקען דריטהאַלבן טפחים, ביז זי איז אינגאַנצן איינ-געזונקען געוואָרן. און ווי זי איז אינגאַנצן איינגעזונקען געוואָרן, אזוי גלייך זיינען די שונאים אַריין אין ירושלים. וועגן יענער שעה זאָגט עס דער פסוק** (איכה ד, יב): לא האמינו — ניט געגלויבט האָבן די מלכים פון דער ערד און אַלע באַוואוינער פון דער וועלט, אַז אַ דריקער און אַ שונא וועט קומען אין די טויערן פון ירושלים[9]. **וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, אזוי זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה.**

## לא

**ר' שמעון בן יוחאי האָט אָנגעהויבן** (משלי כ, יד): רע, רע — שלעכט, שלעכט — זאָגט דער קונה; און אַז ער גייט אַוועק, דעמאָלט באַרימט ער

עמד חזקיהו ואמר: „אני אין בי כח, לא להרוג ולא לרדוף ולא לומר שירה; אלא אני ישן על מטתי, ואתה עושה״. אמר לו הקב״ה: „אני עושה״; שנאמר (מ״ב י״ט): ויהי בלילה ההוא, ויצא מלאך ה׳ ויך במחנה אשור. כמה נשתייר מהם? רב אמר: עשרה, שנאמר (ישעיה י׳): ונער יכתבם, שכן דרכו של נער, להיות כותב יו״ד. ר׳ אליעזר אומר: ששה, שכן דרכו של נער, להיות שורט שריטה. רבי יהושע בן לוי אומר: חמשה, שנאמר (שם י״ז): שנים שלשה גרגרים בראש אמיר. ר׳ יהודה ור׳ סימון אמרו: תשעה; הה״ד (שם): ארבעה חמשה בסעיפיה פוריה. ר׳ תנחום בן חנילאי אמר: ארבעה עשר; הה״ד: שנים שלשה גרגרים בראש אמיר, ארבעה חמשה בסעיפיה פוריה.

בין כדברי אלו ובין כדברי אלו, — הכל מודים, שנבוכדנצר היה אחד מהם. אלא כיון שאמר לו הקב״ה: „עלה והחריב בית המקדש״, אמר: „לא בעי, אלא מצמצמא יתי למעבד לי, כמא דעבד לסבי״. מה עשה? בא וישב בדפני של אנטוכיא, ושלח נבוזראדן רב טבחים להחריב את ירושלים. ועשה שם שלש שנים ומחצה. בכל יום מקיף את ירושלים, ולא היה יכול לכבשה; בקש לחזור. נתן הקב״ה בלבו, התחיל ממדד בחומה, והיתה שוקעת בכל יום טפחיים ומחצה, עד ששקעה כולה. וכיון ששקעה כולה, נכנסו השונאים לירושלים. על אותה שעה הוא אומר: לא האמינו מלכי ארץ וכל יושבי תבל, כי יבא צר ואויב בשערי ירושלים. — כיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם איכה.

## לא

רבי שמעון בן יוחאי פתח (משלי כ׳): רע, רע, — יאמר הקונה; ואוזל לו, אז יתהלל. את מוצא, עד שלא גלו ישראל, היה הקב״ה קורא אותם רעים; הה״ד (ירמיה י״ג): העם הרע הזה, המאנים

---

זיך. דו געפינסט, אַז איידער ישראל איז אין גלות געגאַנגען, פלעגט הקדוש-ברוך-הוא זיי רופן שלעכטע; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה יג, י): העם הרע הזה — דאָסדאָזיקע שלעכטע פאָלק, וואָס ווילן ניט הערן מיינע

---

מער ווי איין מאָרגן. [2] משנה ברכות ט, ב. [3] ווען חזקיה איז געשלאָפן אין זיין בעט. [4] יוד באַטרעפט צען, און אפילו אַ קינד קען אַזאַ אות אָנשרייבן. [5] אַ ווערטיקאַלן שטריך, אַ וו, וואָס באַטרעפט זעקס. [6] געדרשנט: צוויי און דריי, און אזוי אויך ווייטער ביי די צאָלן ניין און פערצן. [7] פון די געבליבענע. [8] סנחריב. [9] ד״ה: ניט דורך אַ מענטשנס האַנט איז ירושלים געפאַלן, נייערט דורך דער האַנט פון גאָט אַליין.

**ווערטער. און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אזוי האָט ער אָנגעהויבן זיי לויבן, ווי דער פסוק זאָגט:** און אַז ער גייט אַוועק, דענסמאָל באַרימט ער זיך [1]. — **און וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, אזוי גלייך זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה.**

[2] (צפניה ג, א) הוי, מוראה ונגאלה — ווייי די ווידערשפעניקע און אומ-ווערדיקע, די דריקערישע שטאָט, — **וואָס מיינט** הוי, מוראה? **ווייי פון דער** מורא, **דען איך האָב אָנגעוואָרפן מיין מורא אויף אַלע אומות; ווען?** ונגאלה, **ווען זי איז אויסגעלייזט געוואָרן [3]: דו געפינסט, אַז בעת ישראל איז אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, איז זייער אימה געפאַלן אויף אַלע אומות; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (שמות טו יד-טו): שמעו עמים — פעלקער האָבן געהערט, האָבן זיי געציטערט — — — דענסמאָל האָבן זיך דערשראָקן די האַרן פון אדום. — העיר היונה — **די אומה וואָס איך האָב זי אָפּגעצייכנט מיט מצוות און מעשים טובים ווי אַ טויב [4]. נאָך אַט דעם גאַנצן שבח** האָט זי זיך ניט צוגעהערט צום קול, זי האָט זיך ניט אָראָפּגע-נומען קיין מוסר; זי האָט זיך ניט פאַרלאָזט אויף גאָט, זי האָט זיך צו איר גאָט ניט דערנענטערט. **אַ יונגע פרוי וואָס הערט זיך ניט צו [צו איר מאַן], וואָס איז זי, — ניט קיין נאַר?**

**ר׳ ראובן האָט געזאָגט: דאָס איז אַ גריכיש וואָרט, — אַ נאַר רופן זיי** מורא [5]: הוי, מוראה, — **ווייי פון ווענן דער נאַרישער פרוי [6];** ונגאלה — און די אומווערדיקע, — **דורכדעם וואָס זיי האָבן זיך דערווייטערט פון צו הערן די ווערטער פון דער תורה איז זי** אומווערדיק געוואָרן פאַר דער כהונה [7]. העיר היונה — **האָט זי זיך ניט געזאָלט אָפּלערנען פון דער שטאָט פון** יונה, **פון נינוה? איין נביא האָב איך קיין נינוה געשיקט, און ער האָט זי מחזיר בתשובה געווען; אָבער ישראל און ירושלים — וויפיל נביאים האָב איך צו זיי געשיקט! דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (מלכים ב, יז, יג): ויעד ה׳ — און גאָט האָט געוואָרנט ישראל און יהודה דורך אַלע מיינע נביאים, דורך יעטוועדן זעער, אזוי צו זאָגן: קערט אייך אום פון אייערע שלעכטע וועגן און היט אָפּ מיינע מצוות, מיינע געזעצן; **און נאָך שטייט געשריבן** (ירמיה ז, כה—כו): ואשלח — און איך האָב געשיקט צו אייך אַלע מיינע קנעכט די נביאים, טאָגטעגלעך, זיך געפעדערט און געשיקט, — **זיך גע-פעדערט אין דער פרי און געשיקט, זיך געפעדערט אין אָוונט און געשיקט,** ולא שמעו — און זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט. **און וויבאַלד זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט, אזוי זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה** — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — —

לב

**ר׳ חנינא האָט אזוי אָנגעהויבן** (ירמיה ח, יח): מבליגיתי — איך וויל מיך גובר זיין איבערן קומער, אָבער מיין האַרץ איז מיר קראַנק. **וואָס מיינט**

לשמוע את דברי. **וכיון שגלו, התחיל משבחן, שנאמר:** ואוזל לו, אז יתהלל. — **כיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן** עליהם איכה.

(צפניה ג׳) הוי, מראה ונגאלה העיר היונה, — **מהו** הוי, מראה? **הוי מפני האימה, שנתתי אימתי על כל האומות; אימתי?** ונגאלה: **את מוצא, בשעה שנגאלו ישראל ממצרים, נפלה אימתן על כל האומות; ההד״ד** (שמות ט״ו): שמעו עמים, ירגזון, **וגו׳**, אז נבהלו אלופי אדום, **וגו׳**. העיר היונה, — **אומה שציינתי אותה במצות ומעשים טובים כיונה. אחר כל השבח הזה** לא שמעה בקול, לא לקחה מוסר; בה׳ לא בטחה, אל אלהיה לא קרבה. **כלה דלא שמעה, מה היא, — לאו שטותא היא?**

**אמר ר׳ ראובן: לשון יוני הוא, — צווחין לשטותא** מורא: הוי, מראה, — **הוי מקמי שטותא;** ונגאלה, — **על ידי שהיו מרחיקין עצמן מלשמוע דברי תורה,** — ונגאלה מן הכהונה. העיר היונה, — **לא היה לה ללמוד מעירו של יונה, מנינוה? נביא אחד שלחתי לנינוה, והחזירה בתשובה; ואילו ישראל בירושלים, כמה נביאים שלחתי אליהם! ההד״ד** (מ״ב י״ז): **ויעד** ה׳ בישראל וביהודה ביד כל נביאי, כל חוזה, לאמר: שובו מדרכיכם הרעים ושמרו מצותי חקותי, **וגו׳; וכתיב** (ירמיה ז׳): ואשלח אליכם את כל עבדי הנביאים, יום השכם ושלח, **וגו׳, — השכם ושלח בבקר, השכם ושלח בערב,** ולא שמעו. **כיון שלא שמעו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם** איכה ישבה בדד.

לב

**רבי חנינא פתח הכי** (שם ח׳): מבליגיתי עלי יגון, עלי לבי דוי. **מהו** מבליגיתי? מבלי הוגין **בתורה, לקיים מצות ומעשים**

---

[1] אין אַ צאָל פסוקים וואָס באַרופן זיך אויפן נאָכן חורבן ווערט ישראל באַצייכנט מיט פאַרשיידענע ליבלינג נעמען, ווי צום ביישפיל (ירמיה יב, ז): נתתי — איך האָב איבער־געגעבן די געליבטע פון מיין זעל אין דער האַנט פון אירע שונאים (מהרז״ו). [2] לויטן מהרז״ו און לויט בובער דאַרף זיך דאָ אָנהייבן אַ נייע פתיחתא. [3] ווען ישראל איז אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים. די ווערטער מוראה ונגאלה ווערן דאָ געדרשנט לויט זייער אויגנשיינלעכער נאָענטקייט צו די ווערטער מורא און גאולה. [4] היונה (די דריקע־רישע) ווערט דאָ געטייטשט די טויב. [5] מאראס אין גריכיש. [6] די טאָכטער ציון. [7] אַן אָנשפּיל אויפן פסוק (נחמיה ז, סד) ויגאלו — און זיי זיינען אומווערדיק געוואָרן פאַר דער כהונה.

מבליגיתי? מבלי הוגין — ווייל ס׳איז ניטאָ קיין תורה לערנער, כדי מקיים צו זיין די מצוות און מעשים טובים. [גיתי —] האָב איך געמאַכט מיין הויז פאַר אַ קעלטער[1]; און פונדעסטוועגן איז מיין האַרץ מיר קראַנק פון וועגן דעם בית המקדש. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (איכה ה, יז): על זה — איבער דעם איז קראַנק אונדזער האַרץ[2].

עס שטייט געשריבן (ירמיה ח, יט): הנה קול שועת בת עמי — אָט איז דאָס קול פון געשריי פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק פון ווייטן לאַנד — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דאָס וואָרט [שועה] האָט דריי טייטשן: געשריי, הילפ־רוף, קרעכץ. געשריי, ווי עס שטייט געשריבן (שמות ב, כג): ויאנחו — און עס האָבן געזיפצט די קינדער פון ישראל פון דער אַרבעט, און זיי האָבן געשריען, און זייער געשריי (שועתם) איז אויפגעגאַנגען; — הילפרוף, ווי עס שטייט געשריבן: דאָס קול פון געשריי (שועת) פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק; — קרעכץ, ווי עס שטייט געשריבן (שמות, דאָרט): און גאָט האָט געהערט זייער קרעכץ[3]. ר׳ הונא רבה פון ציפורין זאָגט: דאָס וואָרט מיינט צאַפּלען זיך [אין יסורים]; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל ל, כד): ונאק — און ער וועט קרעכצן מיט אַ קרעכצן פון אַ גוסס, און עס שטייט געשריבן (איוב כד, יב): ונפש — און די זעל פון גוססע שרייט[4].

(ירמיה ח, יט): הה׳ אין בציון — איז גאָט ניטאָ אין ציון? איז איר קיניג ניטאָ אין איר? וואָלט ער דאָרטן געווען, וואָלטן זיי אין גלות ניט געגאַנגען. אָבער וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, אַזוי זיינען זיי אין גלות געגאַנגען; און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אַזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — —

## לג

ר׳ זעירא האָט אָנגעהויבן (איוב ל, לא): ויהי לאבל — און געוואָרן איז צו טרויער מיין האַרף, און מיין פליט צו אַ קול פון געוויין. דאָרטן[1] האָבן מיר געלערנט: ר׳ שמעון בן גמליאל האָט געזאָגט: די יידן האָבן ניט געהאַט נאָך אַזעלכע ימים טובים ווי חמשה עשר באב און יום־כיפור, דען אין זיי פלעגן די יידישע טעכטער אַרויסגיין אין געליענע ווייסע קליידער, כדי ניט מבייש צו זיין די וואָס האָבן ניט, און אָט די אַלע קליידער פלעגט מען אַפריער דאַרפן טובל זיין[2]; און אין זיי פלעגן די יידישע טעכטער אַרויסגיין און טאַנצן אין די וויינגערטנער. מיר האָבן געלערנט: ווער עס האָט קיין פרוי ניט געהאַט פלעגט גיין אַהין. און וואָס פלעגן די מיידלעך

---

[1] אַז דאָס פאָלק אין איר זאָל געטראָטן ווערן ווי וויינטרויבן אין אַ קעלטער (גת).
[2] און גלייך אין צווייטן פסוק שטייט: איבער דעם באַרג ציון וואָס איז וויסט. [3] נאקתם, און אַזוי ווי דאָס וואָרט קומט אין פאַרבינדונג מיטן אויסדרוק שועתם פונעם פריערדיקן פסוק, קאָן מען אויך שועה טייטשן קרעכץ. [4] און אַזוי ווי דאָס לשון חלל, חללים (גוססע), בינדט זיך אין איין פסוק מיט נאק און אין אַ צווייטן מיט שוע, שרייען, מיינט עס, אַז ביידע ווערטער האָבן די באַדייטונג פון צאַפּלען זיך אין יסורים.

[1] משנה תענית, ד, ח. [2] טאָמער איז דער אייגנטימער פון דער קלייד געווען טמא.

**טובים, עשיתי ביתי גיתי: ואף על פי כן** עלי לבי דוי **על בית המקדש. הה״ד:** על זה היה דוה לבנו, **וגו׳.**

**כתיב** (שם): הנה קול שועת בת עמי מארץ מרחקים, **— א״ר יוחנן: דבור זה משמש שלשה לשונות:** זעקה, שועה, נאקה. זעקה, **דכתיב** (שמות ב׳): ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו, ותעל שועתם; שועה, **דכתיב:** קול שועת בת עמי; נאקה, **דכתיב** (שם): וישמע אלהים את נאקתם. **רבי הונא רבה דצפורין אומר: לשון פרפור הוא; הה״ד** (יחזקאל ל׳): ונאק נאקות חלל, **וכתיב** (איוב כ״ד): ונפש חללים תשוע.

(ירמיה ח׳) הה׳ אין בציון, אם מלכה אין בה? **אילו היה שם, לא היו גולים. וכיון שחטאו, גלו; וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם** איכה ישבה בדד.

לג

**רבי זעירא פתח** (איוב ל׳): ויהי לאבל כנורי ועוגבי לקול בוכים. **תמן תנינן: אמר ר׳ שמעון בן גמליאל: לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים, שבהן יוצאות בנות ישראל בכלי לבן שאולין, כדי שלא לבייש את מי שאין לו, וכל הכלים היו טעונין טבילה; ובהן בנות ישראל יוצאות וחולות בכרמים. תנא: מי שאין לו אשה נפנה לשם. ומה היו אומרות? „בחור, שא עיניך וראה, מה אתה בורר לך: אל תתן עיניך בנוי, תן עיניך במשפחה״. וכן הוא אומר** (שיר ג׳): צאינה וראינה, בנות ציון, במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו, ביום חתונתו וביום שמחת לבו, — ביום חתונתו, **זה מתן תורה,** וביום שמחת לבו, **זה בנין בית המקדש, שיבנה במהרה בימינו.**

**בשלמא יום כיפורים, יום סליחה וכפרה לישראל, יום שנתנו**

---

**זאָגן? „בחור, הויב אויף דיינע אויגן און זע, וואָס דו קלייבסט דיר אויס; לייג ניט דיין אויג אויף שיינקייט, לייג דיין אויג אויף משפחה״. און אזוי זאָגט דער פסוק** (שיר השירים ג, יא): צאינה וראינה — גייט ארויס, טעכטער פון ציון, און זעט דעם מלך שלמה, אין דער קרוין וואָס זיין מוטער האָט אים געקרוינט אין טאָג פון זיין חתונה און אין טאָג פון זיין האַרצפרייד, — אין טאָג פון זיין חתונה, **דאָס איז [דער טאָג פון] מתן תורה,** און אין טאָג פון זיין האַרצפרייד, **— דאָס איז דער [טאָג פונעם] אויפבוי פון בית המקדש, וואָס וועט געבויט ווערן במהרה בימינו.**

מילא יום-כיפור [איז אַ גרויסער יום-טוב, ווייל עס] **איז אַ טאָג פון**

מחילה און פאַרגעבונג פאַר ישראל, דער טאָג ווען די צווייטע לוחות זיינען געגעבן געוואָרן; אָבער וואָס איז חמשה עשר באב? ר׳ יעקב בר אחא אין נאָמען פון ר׳ אסין האָט געזאָגט: ווייל דער טאָג איז אַ גוטע צייט אָרונ־טערצוהאַקןביימער, ווארום אַלע ביימער וואָס ווערן אָרונטערגעהאַקט דעם טאָג האָדעוועז ניט קיין לאַרוועס[3]; און געלערנט האָבן מיר, אַז יעדער בוים וואָס עס געפינט זיך אין אים אַ וואָרעם אָדער אַ לאַרווע, איז פסול פאַרן מזבח. ר׳ אבא בר כהנא און ר׳ אסי האָבן געזאָגט אין נאָמען פון עולאַן [און עולא] אין נאָמען פון רבין: ווייל אין דעם טאָג האָט הושע בן אלה אָוועק־גענומען די וועכטער וואָס ירבעם בן נבט האָט אויסגעשטעלט אויף די וועגן[4].

רב כהנא האָט געפרעגט ביי רבן, אזוי צו זאָגן: איז עס מעגלעך, אַז ער האָט אַזויפיל גוטס געטאָן, און דאָך שטייט וועגן אים געשריבן (מלכים ב, יז, ג): עליו עלה — אויף אים איז אַרויף שלמנאסר דער מלך פון אשור? נייערט דערפאַר [האָט עס אים געטראָפן], ווייל ער האָט אַרונטערגענומען די קייט[5] פון זיין האַלדז און זי אַרויפגעטאָן אויפן האַלדז פונעם רבים; ער האָט ניט געזאָגט: „זאָל גאָר דאָס פאָלק ארויפגיין און מתפלל זיין", נייערט ער האָט געזאָגט: „ווער עס וויל אַרויפגיין זאָל ארויפגיין".

ר׳ שמואל בר נחמני [האָט געזאָגט], און אַנדערע זאָגן עס אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר יצחק: [חמישה עשר באב איז] דער טאָג וואָס די שבטים איז דערלויבט געוואָרן חתונה צו האָבן צווישן זיך[6], ווי דער פסוק זאָגט (במדבר לו, ח): וכל בת — און יעטוועדע טאָכטער, וואָס ירשנט אַ נחלה [פון די שבטים פון ישראל — — —], און ווייטער שטייט: ולא תסב — און עס זאָל ניט איבערגיין קיין נחלה פון איין שבט צו אַן אַנדער שבט. — [אויב אזוי] ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ טאָכטער זאָל ירשענען אין צוויי שבטים[7]? נייערט פון דעם דאַרפסטו זאָגן, אַז איר פאָטער איז געוועזן פון איין שבט און איר מוטער פון אַן אַנדערן[8].

די רבנן זאָגן: דאָס איז דער טאָג, ווען דעם שבט בנימין איז דערלויבט געוואָרן צוריקצוקומען אין דער עדה, דען עס שטייט געשריבן (שופטים כא, יח): ארור — פאַרשאָלטן זאָל זיין דער, וואָס גיט אַ ווייב צו [איינעם פון שבט] בנימין. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: איין פסוק האָבן זיי געלייענט, און אים דערנענטערט; אַ צווייטן פסוק האָבן זיי געלייענט, און אים דערווייטערט[9]. אַ פסוק האָבן זיי געלייענט און אים דערנענטערט (בראשית לה, יא): גוי וקהל גוים — אַ פאָלק און אַן עדה פון פעלקער זאָל ווערן פון דיר[10]; אַ פסוק האָבן זיי געלייענט און אים דערווייטערט (דאָרט מח, ה): אפרים ומנשה — אפרים און מנשה זאָלן מיר זיין אזוי ווי ראובן און שמעון, ווייל זיי רעכענען זיך ניט צווישן זייערע ברידער[11].

[3] לאַרווע, דאָס גולמל וואָס קומט ארויס פון די אייעלעך פון אינזעקטן. [4] כדי די יידן פון מלכות ישראל זאָלן ניט עולה לרגל זיין קיין ירושלים (זע מלכים א, יב, כו און ווייטער). [5] די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. [6] און דעריבער איז עס געוועזן אַ פאַסיקע צייט אויף צו שליסן שידוכים (מהרז״ו). [7] אָבער לויטן ערשטן פסוק קומט אויס, אַז יאָ,

בו לוחות אחרונות; אלא חמשה עשר באב מאי היא? ר׳ יעקב בר אחא בשם רבי אסי אמר: שבו זמן קציצה יפה לעצים, שכל עצים שנקצצים בו, אין עושין מאכולת; ותני: כל עץ שנמצא בו תולעת או מאכולת, פסול מעל גבי המזבח. ר׳ אבא בר כהנא ור׳ אסי משום דעולא בשם רבי אמרי: שבו בטל הושע בן אלה פרוזדאות, שהושיב ירבעם בן נבט על הדרכים. רב כהנא שאל מן קדם רב, אמר ליה: אפשר דכל דא טיבותא עבד, וכתיב ביה (מ״ב י״ז): עליו עלה שלמנאסר מלך אשור, וגו׳? אלא על שהעביר קולר מצוארו ונתנו בצואר הרבים, ולא אמר: „כל עמא יסקון ויצלון״, אלא אמר: „כל מאן דבעי למיסק יסק״.

ר׳ שמואל בר נחמני, ואמרי לה משמיה דר׳ שמואל בר יצחק: יום שהותרו שבטים לבא זה בזה, שנא׳ (במדבר ל״ו): וכל בת יורשת נחלה, וגו׳, וכתיב (שם): ולא תסב נחלה ממטה למטה אחר, וגו׳, — וכי אפשר לבת שתירש שתי מטות? אלא אמור מעתה, אביה משבט אחד ואמה משבט אחר.

רבנן אמרי: יום שהותר שבט בנימין לבא בקהל, דכתיב (שופטים כ״א): ארור נותן אשה לבנימין. א״ר יוחנן: מקרא קראו וקרבוהו, מקרא קראו ורחקוהו. מקרא קראו וקרבוהו (בראשית ל״ה): גוי וקהל גוים יהיה ממך; מקרא קראו ורחקוהו (שם מ״ח): אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי, שאינן נחשבין עם אחיהם.

אמר רב יהודה אמר שמואל: יום שהותרו שבטים. רב מתנה אמר: יום שנתנו הרוגי ביתר לקבורה. ר׳ אליעזר הגדול אמר:

---

ר׳ יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון שמואלן: דאָס איז דער טאָג, ווען די שבטים איז דערלויבט געוואָרן חתונה צו האָבן צווישן זיך [12]. ר׳ מתנה האָט געזאָגט: דאָס איז דער טאָג, ווען ס׳איז דערלויבט געוואָרן מקבר צו זיין די הרוגי ביתר [13]. ר׳ אליעזר הגדול האָט געזאָגט: מע האָט אָפּגערוט

---

ווייל דאָרט שטייט פון די שבטים, אין מערצאָל, — שטימען ניט די פסוקים. [8] מיינט עס, אַז דער פסוק ח שאַפט אָפּ דעם איסור פון געמישטע חתונות צווישן די שבטים. [9] לאָגיש וואָלט באַדאַרפט זיין פאַרקערט: „אַ פסוק האָבן זיי געלייענט און אים דערהויטערט, אַ צווייטן פסוק האָבן זיי געלייענט און אים דערנענטערט״, און אזוי אויך ווייטער; אַזאַ נוסח געפינט זיך טאַקע אין בראשית רבה (פב, יד) און אין ירושלמי תענית פרק ד.
[10] דער פסוק איז געזאָגט געוואָרן פאַר בנימינס געבורט, ווערט דעריבער דאָס וואָרט גוי, אַ פאָלק, געדרשנט אויף בנימינען (ווייל גלייך נאָכדעם ווערט דערציילט וועגן זיין געבוירן ווערן), און קהל גויים, אַן עדה פון פעלקער אויף מנשה און אפרים, יוספס זין, וואָס זיינען שפּעטער פאַררעכנט געוואָרן ווי צוויי באַזונדערע שבטים; קומט אויס, אַז בנימין דאַרף בלייבן אַ שבט גלייך מיט אַלע שבטים. [11] אפרים און מנשה רעכענען זיך ניט צווישן

[פון שניידןביימער] אום חמישה עשר [באב]: פון דאַן און ווייטער איז דער כוח פון דער זון אָפּגעשוואַכט, און מע פלעגט מער ניט שניידן קיין האָלץ פאַרן מזבח[14]. און ר׳ מנסיא האָט געזאָגט: און גערופן האָט מען אים „דער טאָג פון צעברעכן די האַק״. פון יענעם טאָג אָן און ווייטער — ווער עס גיט צו, וועט אים צוקומען, און ווער עס גיט ניט צו, וועט אים געמינערט ווערן[15].

ר׳ אבין און ר׳ יוחנן זאָגן: דאָס איז דער טאָג, ווען עס האָט אויפגעהערט דאָס גראָבן [קברים] ביי די מתי מדבר[16]. ר׳ לוי האָט געזאָגט: יעדן ערב תשעה באב פלעגט משה אַרויסלאָזן אַ רוף דורך דער גאַנצער מחנה און זאָגן: „גייט אַרויס גראָבן [קברים]!״ און זיי פלעגן אַרויסגיין און אויסגראָבן קברים, און פלעגן זיך לייגן שלאָפן אין זיי. אין דער פרי פלעגט ער אַרויסלאָזן אַ רוף און זאָגן: „שטייט אויף און טיילט אָפּ די טויטע פון די לעבעדיקע!״ פלעגן זיי אויפשטיין און זיך געפינען מיט פופצן טויזנט און עפּעס ווייניקער פון די זעקס מאָל הונדערט טויזנט[17]. אויך אינעם לעצטן, אין פערציקסטן יאָר, האָבן זיי אַזוי געטאָן, און זיי האָבן זיך געפונען גאַנץ. האָבן זיי געזאָגט: „אפשר האָבן מיר געמאַכט אַ טעות אין חשבון [פון די טעג]״. האָבן זיי אַזוי געטאָן דעם צענטן אין חודש און דעם עלפטן און דעם צוועלפטן און דעם דרייצנטן און דעם פערצנטן. וויבאַלד די לבנה איז פול געוואָרן, האָבן זיי געזאָגט: „עס זעט אויס, אַז הקדוש־ברוך־הוא האָט מבטל געווען דידאָזיקע גזרה פון אונדז״. האָבן זיי גענומען און געמאַכט דעם טאָג פאַר אַ יום־טוב. אָבער זייערע זינד האָבן גורם געווען, און ער איז געוואָרן אויף דער וועלט אַ טאָג פון טרויער פון וועגן דעם צווייטאָליקן חורבן פון בית המקדש. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (איוב ל, לא): ויהי — און געוואָרן איז צו טרויער מיין האַרף, און מיין פלייט צו אַ קול פון געוויין. [און נאָך שטייט געשריבן] (במדבר יד, א): ויבכו העם — און דאָס פאָלק האָט געוויינט אין יענער נאַכט[18]. — און ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען, אַזוי האָט ירמיה אָנגעהויבן קלאָגן אויף זיי איכה, — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם — — —

לד

על ההרים — איבער די בערג וועל איך אויפהייבן אַ געוויין און אַ ווייגעשריי (ירמיה ט, ט). ר׳ אחא האָט געזאָגט: דריי זאַכן האָט נבוכדנצר באַפוילן נבוזראדנען וועגן ירמיהון (ירמיה לט, יב): קחנו — נעם אים און גיב אַכטונג אויף אים, — אויף אים, אָבער ניט אויף זיין אומה; ואל תעש — און זאָלסט אים קיין שום בייז ניט טאָן, — אים זאָלסטו ניט טאָן, אָבער

זייערע ברידער, די איבעריקע זין פון יוספן, נייערט ווי צוויי באַזונדערע שבטים; און אַזוי ווי בנימין ווערט דאָרטן ניט דערמאָנט, קומט אויס, אַז דער שבט בנימין דאַרף פאַרשווינדן, ווייל ער איז איבער דער צאָל צוועלף. [12] דאָ קלינגט עס ווי אַ בלויזע איבערחזרונג פון דעם וואָס איז געזאָגט געוואָרן אויבן, אָבער אין תענית ל, ב, ווערט צוגעגעבן צו דעם דאָס פאָלגנדע: פון וואָס דרשנט ער עס אַרויס? זה הדבר — דאָס איז די

ניחא בחמשה עשר; מכאן ואילך תשש כחה של חמה, ולא היו כורתין עצים למערכה. ואמר רב מנסיא: וקרי ליה „יום תבר מגל". מכאן ואילך המוסיף — יוסיף, ודלא מוסיף — יסיף.

ר׳ אבין ור׳ יוחנן אמרי: יום שביטל החפר מן מתי מדבר. א"ר לוי: כל ערב תשעה באב היה משה מוציא כרוז בכל המחנה ואומר: „צאו לחפור!" והיו יוצאין וחופרין קברות וישנין בהן. לשחרית היה מוציא כרוז ואומר: „קומו והפרישו המתים מן החיים!" והיו עומדים ומוצאין עצמן חמשה עשר אלף בפרוטרוט חסרו שש מאות אלף. ובשנת הארבעים האחרון עשו כן, ומצאו עצמן שלמים. אמרו: „דומה, שטעינו בחשבון". וכן בעשור ובאחד עשר ובשנים עשר ושלשה עשר וארבעה עשר. כיון דאיתמלא סיהרא אמרו: „דומה, שהקב"ה ביטל אותה גזירה מעלינו". וחזרו ועשאוהו יום טוב. וגרמו עונותיהם, ונעשה אבל בעולם הזה בחורבן הבית פעמים. הה"ד (איוב ל׳): ויהי לאבל כנורי, ועוגבי לקול בוכים; (במדבר י"ד): ויבכו העם בלילה ההוא. וכיון שגלו, התחיל ירמיה מקונן עליהם איכה ישבה בדד.

לד

על ההרים אשא בכי ונהי, וגו׳ (ירמיה ט׳). א"ר אחא: שלשה דברים צוה נבוכדנצר לנבוזראדן על ירמיהו (ירמיה ל"ט): קחנו ועיניך שים עליו, — עליו ולא על אומתו; ואל תעש לו מאומה רע, — לו לא תעשה, אבל עם אומתו עשה כרצונך לרעה; כי

---

זאַך, וואָס גאָט האָט באַפוילן וועגן די טעכטער פון צלפחד (במדבר לו, ו) — דידאָזיקע זאַך זאָל ניט נוהג זיין, נייערט אין דעם דור (דער פאַרבאָט אויף געמישטע חתונות צווישן די שבטים איז, הייסט עס, געווען נאָר אויף דער צייט פון צלפחדס טעכטער). [13] כדי אָנצואוואַרפן אַ פחד אויף יידן, האָט אדריאַנוס אַ לאַנגע צייט נאָך בר־כוכבאס מפלה ניט דערלויבט צו ברענגען די טויטע צו קבורה. [14] ווייל דאַן איז דאָס האָלץ פייכט. [15] פון חמישה עשר באב הויבן אָן די טעג ווערן קלענער; איז ווער עס גיט צו שעהן פונעם אָוונט אויף תורה לערנען, וועט אים פאַרלענגערט ווערן זיין לעבן, און ווער עס גיט ניט צו, וועט זיין לעבן געמינערט ווערן. [16] די וואָס זיינען אויסגעשטאָרבן אין מדבר, ווי אַ שטראָף פאַר צוהערן זיך צו די רייד פון די מרגלים (במדבר יג—יד). [17] אַראָפּרעכענענדיק פון די פערציק מדבר יאָרן דאָס ערשטע יאָר (דער חטא פון די מרגלים איז פאָרגעקומען ערשט אויפן צווייטן יאָר נאָך יציאת מצרים) און דאָס לעצטע יאָר, קומט אויס, אַז די זעקס מאָל הונדערט טויזנט יידן וואָס זיינען ארויס פון מצרים זיינען אויסגעשטאָרבן אין משך פון אַכט און דרייסיק יאָר צו 15.789 יערלעך, און מיטן וואָרט פרוטרוט, עפּעס, ווערט דאָ געמיינט די צאָל וואָס איבער פופצן טויזנט, וואָס גרייכט ניט צו נאָך אַ פולן טויזנט. [18] לויט אַ מדרש (במדבר רבה טז, כ) פאַררופט זיך דער פסוק אויף דער נאַכט פון תשעה באב.

מיט זיין אומה קאָנסטו טאָן ווי שלעכט דו ווילסט; כי כאשר — נייערט אזוי ווי ער וועט רעדן צו דיר, אזוי טו מיט אים. — אָבער ניט מיט זיין אומה. און אַז ירמיה האָט געזען אַ גרופּע בחורים אין האַלדז-קייטן, האָט ער אַריינגעטאָן זיין קאָפּ מיט זיי; אָבער נבוזראדן איז געקומען און האָט אים אַוועקגענומען פון זיי. האָט ער ווידער געזען אַ גרופּע זקנים צונויפגעשמידט אין קייטן, און ער האָט אַריינגעטאָן זיין האַלדז מיט זיי; אָבער נבוזראדן איז געקומען און אים אַוועקגענומען פון זיי. האָט נבוזראדן געזאָגט צו ירמיהן: „זע, איינע פון די דריי זאַכן איז דאָ אין דיר: ענטוועדער דו ביסט אַ פאַלשער נביא, אָדער דו לאַכסט זיך אויס פון יסורים, אָדער דו ביסט אַ בלוט פאַרגיסער. ענטוועדער דו ביסט אַ פאַלשער נביא, דען די אַלע יאָרן האָסטו נביאות געזאָגט אויף דערדאָזיקער שטאָט, אַז זי וועט חרוב ווערן; און אַז זי איז חרוב געוואָרן, איז דיר שלעכט אויף דער נשמה. אָדער דו לאַכסט זיך אויס פון יסורים, דען איך וויל דיר קיין בייז ניט טאָן, און דו ווילסט זיך יאָ בייז טאָן, אזוי צו זאָגן: „יסורים מיינען גאָרניט פאַר מיר". אָדער דו ביסט אַ בלוט פאַרגיסער, דען דער מלך האָט מיך שטאַרק באַפוילן וועגן דיר, ניט צו טאָן דיר קיין בייז; און דו ווילסט זיך בייז טאָן, כדי דער מלך זאָל הערן און מיך הרגענען". און לסוף האָט ער געזאָגט צו אים (דאָרט מ, ד): אם טוב — אויב עס איז דיר וואוילגעפעלן [צו קומען מיט מיר קיין בבל], קום און איך וועל אַכטונג געבן אויף דיר. אָבער ער האָט [קיין זאַך] אויף זיך ניט גענומען, ווי עס זאָגט זיך צום סוף פון דער פרשה[1], ביז עס איז אים געזאָגט געוואָרן פונעם מויל פון אלמעכטיקן; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט, פסוק א): הדבר — דאָס וואָרט וואָס איז געווען צו ירמיהן פון גאָט. — וואָס פאַר אַ וואָרט איז עס געווען?[2] נייערט ער האָט געזאָגט צו אים: „ירמיה, אויב דו וועסט זיצן דאָ[3], וועל איך גיין מיט זיי[4]; און אויב דו וועסט גיין מיט זיי, וועל איך זיצן דאָ". האָט ער געזאָגט פאַר אים: „רבונו-של-עולם! אויב איך וועל גיין מיט זיי, וואָס קאָן איך זיי העלפן? נייערט זאָל גיין מיט זיי זייער מלך און באַשעפער, דען ער קען זיי העלפן אַ סך". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט): אחר שלח — נאָכדעם ווי נבוזראדן דער הויפּט פון די לייב-וועכטער האָט אים אַוועקגעלאָזט — — — און ער איז געבונדן אין קייטן, — האָט רב אחא געזאָגט: דעם כביכול [מיינט עס דער פסוק] און ער איז געווען געבונדן אין קייטן[5]. און דעסטגלייכן שטייט געשריבן (יחזקאל א, א): ואני — און איך בין געווען צווישן די פאַרטריבענע.

ביז וואַנען איז געווען ירמיהס נבואה[6]? [אויף דעם ענטפערן] ר' יעקב און ר' אבא, און אַנדערע זאָגן — ר' אלעזר און ר' יוחנן. איינער האָט געזאָגט: ביז מזרה ישראל — דער וואָס האָט צעשפּרייט ישראל, ער וועט אים צענויפזאַמלען (ירמיה לא, ט). און דער אַנדערער האָט געזאָגט: ביז ויש תקוה — און עס איז פאַראַן אַ האָפנונג פאַר דיין צוקונפט, זאָגט גאָט, און די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער תחום (דאָרט, פסוק טז).

כאשר ידבר אליך, כן עשה עמו, **ולא לאומתו. והיה ירמיה רואה כת של בחורים נתונים בקולרין ונותן את ראשו עמהם, ונבוזראדן בא ומעבירו מהן. וחוזר ורואה כת של זקנים שלולים בשלשלאות ונותן את צוארו עליהם, ובא נבוזראדן ומעבירו מהן. אמר** נבוזראדן לירמיה: „חזי, **חד מן תלת מילין אית בך: או נביא** שקר את, **או מבעט ביסורין את, או שופך דמים את. או נביא** שקר את, שכל הדין **שנייא את מתנבא על הדא קרתא דהיא** חרבה, **וכדו דחרבה, נפשך באישה עלך סגיא. או מבעט ביסורין את, דאנא לית אנא בעי למעבד בישא, ואת בעי למעבד לך בישא,** למימר: „**לית יסוריא חשיבין עלי מידי". או שופך דמים את, דמלכא פקיד לי עליך סגי, בדיל דלא למעבד לך בישא; ואת בעי למעבד בישא, בגין דישמע מלכא ויקטלוניה לההוא גברא".** **ובסוף א"ל:** „אם טוב בעיניך — — — בא ואשימה עיני עליך". **ולא** קבל עליו, כמו שנאמר בסוף הפרשה, **עד שנאמר לו מפי הגבורה; הדא הוא דכתיב** (ירמיה מ'): הדבר אשר היה אל ירמיהו מאת ה', — **מה היה אותו הדבר? אלא שאמר לו:** „**ירמיה, אין את יתיב הכא, אנא אזיל עמהון; ואין את אזיל עמהון, אנא יתיב הכא". אמר לפניו: „רבש"ע! אין אנא אזיל עמהון, מה** אנא יכיל מהני להון? **אלא ייזול מלכהון ברייהון עמהון, דהוא** יכול **מהני להון סגיא". הה"ד** (שם): אחר שלח אותו נבוזראדן רב טבחים את ירמיהו והוא אסור בזיקים, — **א"ר אחא: כביכול הוא** והוא אסור בזיקים. **ודכוותיה כתיב:** ואני בתוך הגולה.

**עד היכן היתה נבואתו של ירמיהו? ר' יעקב ור' אבא, ואית דאמר — ר' אלעזר ור' יוחנן. חד אמר: עד** (ירמיה ל"א) מזרה ישראל יקבצנו. **וחרינא אמר: עד** (שם) ויש תקוה לאחריתך, נאם ה', ושבו בנים לגבולם.

**ובחזירתו היה מוצא אצבעות מקוטעין מושלכין בהרים, והיה**

---

[1] דאָרט, פסוק ה, וואו עס ווערט איבערגעגעבן, ווי ירמיה קען זיך ניט אַנטשליסן וואָס צו טאָן. (פרשה — לויט דער איינטיילונג פון פתוחות און סתומות, און מיטן פסוק ו ענדיקט זיך דאָרט אַ פרשה סתומה.) [2] אין גאַנצן פרק מ ווערט ניט איבערגעגעבן, וואָס אזוינס גאָט האָט אים געזאָגט. [3] אין יהודה מיטן געבליבענעם רעשטל יידן. [4] אין גלות. [5] דאָ און אינעם ווייטערדיקן פסוק פון יחזקאל ווערן די ווערטער והוא און ואני געדרשנט אויפן כביכול, אַז אויך ער איז מיט ישראל אין קייטן און אין גלות, לויטן פסוק (תהלים צא, טו): עמו — מיט אים וועל איך זיין אין אַ צרה (יפה ענף). [6] ד"ה:

און אַז ער [7] איז צוריקגעגאַנגען, האָט ער געפונען אָפּגעהאַקטע פינגער צעוואָרפן איבער די בערג. האָט ער זיי צענויפגעקליבן און זיי געצערטלט און אַרומגענומען און געקושט און אַריינגעטאָן זיי צו זיך אין בגד אַריין און געזאָגט צו זיי: „קינדער מיינע! האָב איך אייך ניט אזוי געוואָרנט און געזאָגט (דאָרט יג, טז): תנו — גיט כבוד צו גאָט אייער האַר, איידער עס וועט פינצטער ווערן און איידער אייערע פיס וועלן זיך צעקלאַפּן אויף די נאַכטיקע בערג!" אויף יענער שעה איז עס געזאָגט געוואָרן (דאָרט ט, ט): על ההרים — איבער די בערג וועל איך אויפהויבן אַ געוויין און אַ ווייגעשריי, און איבער די פּיטערפּלעצער פון מדבר אַ קלאָג, — וועגן יענע שיינע און געפּרייזטע בערג [8] וועל איך אויפהייבן אַ געוויין און אַ ווייגעשריי; וועגן די פיינקייטן [9] פון יעקב, וואָס זיינען געוואָרן צו קלאָג; ולא שמעו — און זיי האָבן ניט געהערט (קיין קול פון פי), — זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט ניט צום קול פון דברי תורה און ניט צום קול פון דברי נבואה, נייערט מקנה [10], צום קול פונעם דערצערענער, דען זיי פלעגן אים דערצערענען מיט דער עבודה זרה. דאָס איז וואָס דער פּסוק זאָגט (דברים לב, טז): יקניאוהו — זיי האָבן אים דערצערנט מיט פרעמדע [געטער]; דעריבער, — מעוף השמים — פון אַ פויגל פון הימל ביז אַ בהמה האָבן אַוועקגעוואַנדערט, זיינען אַוועק. ר' יוסי בר חלפתא האָט געזאָגט: צוויי-און-פופציק יאָר [11] האָט זיך ניט געוויזן קיין פויגל פליענדיק אין ארץ ישראל. פון וואַנען איז עס געדרונגען? פון אַ פויגל פון הימל ביז אַ בהמה האָבן אַוועקגעוואַנדערט, זיינען אַוועק; בהמה — באַטרעפט צוויי-און-פופציק.

ר' חנינא האָט געזאָגט: מיט פערציק יאָר פריער [פאַרן חורבן] האָט מען געפלאַנצט טייטלביימער אין בבל [12], [דיר] צו זאָגן, אַז דורך [עסן] פאַרשידענע זיסקייטן ווערט די צונג צוגעוואוינט צו לערנען תורה. ר' חנינא דער זון פון ר' אבהו האָט געזאָגט: זיבן הונדערט מינים כשרע פיש און אַכט הונדערט מינים כשרע היישעריקן און פייגל אָן אַ צאָל [זיינען געווען אין ארץ ישראל]; און זיי אַלע זיינען פאַרטריבן געוואָרן מיט ישראל קיין בבל. און אַז ישראל האָט זיך אומגעקערט, האָבן זיי זיך אומגעקערט מיט זיי, חוץ איין פיש, וואָס מע רופט אים קאַרפּ. אָבער ווי אזוי זיינען די פיש פאַרטריבן געוואָרן? רב הונא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוסין: דורכן תהום [13] זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן און דורכן תהום זיינען זיי צוריקגעקומען.

ר' זירא האָט געזאָגט: קום און זע, ווי אומפאַרשעמט ארץ ישראל איז, וואָס עד היום גיט עס ארויס פרות [14]. און פאַרוואָס גיט עס אַרויס פרות? ר' חנינא און ר' יהושע בן לוי [האָבן געענטפערט אויף דעם]. איינער האָט געזאָגט: ווייל מע באַמיסטיקט עס. און דער אַנדערער האָט געזאָגט: ווייל מע צעגראָבט גוט די ערד [15].

---

מיט וואָס האָט ירמיה פאַרענדיקט זיינע רייד צו די פאַרטריבענע. [7] ירמיה. [8] געמיינט די גדולים פון ישראל. [9] די פיינע און חשובֿע לייט; נאוות, פּיטערפּלעצער, ווערט דאָ געדרשנט ווי נאה, שיין. [10] מיט אַ פּתח אונטער דער מם, ווי אין יחזקאל ח, ג. [11] פונעם

מלקטן ומגפפן ומחבקן ומנשקן, ונותנן לתוך טליתו ואומר להם: „בני! לא כך הזהרתי ואמרתי לכם (שם י״ג): תנו לה׳ אלהיכם כבוד, בטרם יחשיך ובטרם יתנגפו רגליכם על הרי נשף!״ על אותה שעה נאמר (שם ט׳): על ההרים אשא בכי ונהי, ועל נאות מדבר קינה, — על אותם הרים נאים ומשובחים אשא בכי ונהי, על נאותיו של יעקב, שנהפכו לקינה; ולא שמעו קול מקנה, — כי לא שמעו לקול דברי תורה ולא לקול דברי נבואה, אלא מקנה, — אלא לקול דבר המקנא, שהיו מקניאים אותו בעבודת כוכבים. הדא מה דאת אמר (דברים ל״ב): יקניאוהו בזרים, לפיכך (ירמיה ט׳): מעוף השמים עד בהמה נדדו הלכו. א״ר יוסי בר חלפתא: חמשים ושתים שנה לא נראה עוף טס בארץ ישראל. מה טעם? מעוף השמים עד בהמה נדדו הלכו, — בהמה בגימטריא חמשים ושתים.

א״ר חנינא: קודם לארבעים שנה היו נוטעים תמרים בבבל, לומר, שמיני מתיקה מרגלת לשון לתורה. א״ר חנינא בר׳ אבהו: שבע מאות מיני דגים טהורים ושמנה מאות מיני חגבים טהורים ועופות לאין מספר, וכולן גלו עם ישראל לבבל. וכשחזרו, חזרו עמהם, חוץ מדג אחד ששמו שיבוטא. ודגים היאך גלו? ר׳ הונא בשם ר׳ יוסי אמר: דרך תהום גלו ודרך תהום חזרו.

א״ר זירא: בא וראה, כמה היא חצופה ארץ ישראל, שעדיין עושה פירות. ולמה עושה פירות? ר׳ חנינא וריב״ל. חד אמר: על שם שמזבלין אותה; וחרינא אמר: על שם שהם מהפכים בעפרה.

א״ר יודן: שבע שנים נתקיים בהם גפרית ומלח. וכל כך למה? על שם והגביר ברית לרבים שבוע אחד. כותיים שבה כיצד עושין? זורעין אותה מטליות; זורעין כאן והיא

---

ר׳ יודן האָט געזאָגט: זיבן יאָר איז מקוים געוואָרן אויף זיי [דער פסוק] (דברים כט, כב): גפרית ומלח — שוועבל און זאַלץ [פאַרברענט איז איר גאַנצע ערד]. און פאַרוואָס איז עס אַזוי געשען? איבער דעם וואָס והגביר — און ער האָט געשטאַרקט דעם בונד מיט די פיל [שונאים] פאַר

---

ערשטן חורבן ביז יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן קיין ארץ ישראל. [12] גאָט האָט אַריינגעגעבן די בבלים אַ מחשבה אין האַרצן אַזוי צו טאָן, כדי די פאַרטריבענע יידן זאָלן דאָרט טרעפן זיסע פרות (מהרז״ו), — בבל איז שפּעטער געווען אַ וויכטיקער תורה צענטער. [13] דורך די אונטערערדישע וואַסערן. [14] ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז באַזעצט מיט געצנדינער (דער יפה ענף טייטשט חצופה ניט אומפאַרשעמט, נייערט

איין וואָך [16] (דניאל ט, כז). ווי אזוי איז עס געווען מיט די כותים וואָס זייגען געבליבן אין לאַנד? זיי האָבן געזייט דאָס לאַנד פּאַסנווייז; האָבן זיי געזייט דאָ, איז עס פאַרברענט געוואָרן; האָבן זיי געזייט דאָרט, איז עס פאַרברענט געוואָרן. עס איז געשען מיט איינעם וואָס איז געשטאַנען און געאַקערט אין טאָל פון בירת ערבא, און ער האָט אָנגעדריקט מיט דער האַנט אויפן אַקער-מעסער; איז אַרויפגעקומען פאַרברענטע ערד און האָט פאַרברענט זיין זריעה [17]; און עס איז מקוים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט: שוועבל און זאַלץ, פאַר־ברענט איז איר גאַנצע ערד.

רבה בר כהנא האָט געזאָגט: ניט צוליב די קראַנקייטן [18] פונעם לאַנד און ניט צוליב דער פאַרוויסטקייט פונעם לאַנד [זיינען די פיש און פייגל אַוועק], נייערט (פאַר דעם [19]) כדי עס זאָל מקוים ווערן וואָס דער פסוק זאָגט (בראשית ט, ב): ומוראכם — און אייער מורא און אייער פחד זאָל זיין אויף יעטוועדער חיה פון דער ערד [20]. און לעתיד לבוא [21] וועט אַלצדינג זיך אומ-קערן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יחזקאל לו, לד): והארץ הנשמה — און דאָס פאַרוויסטע לאַנד וועט באַאַרבעט ווערן, אנשטאט וואָס עס איז געווען אַ וויסטעניש פאַר די אויגן פון יעדן פאַרבייגייער.

---

שטאַרק, זייער פרוכטבאַר). [15] מע צעגראָבט די ערד זייער טיף, און מע ברענגט ארויף פון דער טיף די ערד וואָס דער שוועבל האָט ניט אָנגערירט. [16] זע יומא נד, א (איין וואָך מיינט דאָ אַ יאָר־וואָך, זיבן יאָר). לויט רש״י, דאָרט, דאַרף זיך די איבערזעצונג פונעם פסוק לייענען אזוי: און ער האָט געשטאַרקט דעם בונד מיט די [פרעמדע] הערשער אויף איין

געענדיקט די פתיחתאס פון די חכמים

**נשרפת, זורעין כאן והיא נשרפת. עובדא הוה בחד, דהוה קאים ורדי בבקעת בית ערבא, ותקף ידיה אסיכתיה, וסליק עפרא יקידא ואוקיד (דרעיה) [זרעיה]; לקיים מה שנאמר** (דברים כ״ט): גפרית ומלח, שרפה כל ארצה.

**רבה בר כהנא אמר: אינן לא (ממחילות) [ממחלות] הארץ ולא משממות הארץ, אלא (לפניו) לקיים מה שנאמר** (בראשית ט): ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ. **ולעתיד לבא הכל חוזר; הה״ד** (יחזקאל ל״ו): והארץ הנשמה תעבד, תחת אשר היתה שממה לעיני כל עובר.

---

וואָך (רבים — הערשער, האַרן, ווי אין ירמיה לט, יג: וכל רבי מלך בבל). [17] לויט בובערן, וועלכער ווייזט אָן, אַז אויך אין דער ערשטער אויסגאַבע פון איכה רבה (פיזארא, הרע״ט) איז דער נוסח זרעיה, זיין זריעה, און דורך אַ טעות איז עס שפּעטער פאַרביטן געוואָרן אויף דרעיה, זיין אָרעם. [18] געלייענט, לויטן יפה ענף און דעם רד״ל, גיט ממחילות, פון די היילן, נייערט ממחלות, פון די קראַנקייטן, לויטן אויבנדערמאָנטן פּסוק (דברים כט, כא—כב): ואת תחלואיה — און אירע קרענק מיט וואָס גאָט האָט עס קראַנק געמאַכט; שוועבל און זאַלץ — — — [19] לפניו, פאַר דעם, ווערט דאָ געשטעלט אין קלאַמערן לויטן רד״ל, וועלכער זעט אין דעם אַ צוגאָב באַמערקונג, אַז דער מאמר באַציט זיך אויפן פריערדיקן מדרש, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן די לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס זיינען אַוועק אין גלות צוזאַמען מיט די יידן. [20] די לעבעדיקע באַשעפענישן זיינען געצווונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד צוזאַמען מיט זייערע בעלי בתים. [2], אין משיחס צייטן.

סליקו להו פתיחתא דחכימי

# פרשה א

## א

(א) איכה ישבה — ווי איז געבליבן זיצן! דריי האָבן נביאות געזאָגט מיטן לשון איכה: משה, ישעיה און ירמיה. משה האָט געזאָגט (דברים א, יב): איכה — ווי קען איך איינער אַליין טראָגן [אייער שווערקייט]! ישעיה האָט געזאָגט (ישעיה א, כא): איכה — ווי איז געוואָרן אַ זונה [די געטרייע שטאָט]! ירמיה האָט געזאָגט: איכה — ווי איז געבליבן זיצן איינזאַם!

ר׳ לוי האָט געזאָגט: ס׳איז אַ משל מיט אַ מאַטראָנע, וואָס האָט געהאַט דריי אונטערפירערס; איינער האָט זי געזען אין איר שלוה, און איינער האָט זי געזען אין איר לייכטזיניקייט, און איינער האָט זי געזען אין איר געפאַלנקייט. אזוי האָט משה געזען די יידן אין זייער כבוד און שלוה און ער האָט געזאָגט: ווי קען איך איינער אַליין טראָגן אייער שווערקייט! ישעיה האָט זיי געזען אין זייער לייכטזיניקייט און ער האָט געזאָגט: ווי איז זי געוואָרן אַ זונה! ירמיה האָט זיי געזען אין זייער געפאַלנקייט און ער האָט געזאָגט: ווי איז געבליבן זיצן!

מע האָט געבעטן בן־עזאין, זאָגנדיק צו אים: רבי, זאָג אונדז עפּעס אַ דרש אויף מגילת איכה. האָט ער געזאָגט צו זיי: ישראל איז ניט פאַרטריבן געוואָרן, ביז זיי האָבן ניט געלייקנט אין דעם איינציקן פון דער וועלט און אין [דער מצווה פון] מילה, וואָס איז געגעבן געוואָרן צום צוואַנציקסטן דור [1], און אין די עשרת הדברות, און אין די פינף ספרים פון דער תורה; פון וואַנען איז עס געדרונגען? [פון די אותיות פון] איכה [2].

ר׳ לוי האָט געזאָגט: ישראל איז ניט פאַרטריבן געוואָרן, ביז זיי האָבן ניט געלייקנט אין די זעקס־און־דרייסיק כרת־פאַרבאָטן [3] פון דער תורה און אין די עשרת הדברות; פון וואַנען איז עס געדרונגען? פון [דעם באַטרעף פון] איכה ישבה בדד [4].

ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ אבדימי פון חיפה [האָט געזאָגט]: ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ זון. ווען ער פלעגט טאָן דעם פאָטערס ווילן, פלעגט ער אים קליידן אין קליידער פון זייד; אָבער ווען ער פלעגט זיין ווילן ניט טאָן, פלעגט ער אים קליידן אין קליידער פון איינזאַמקייט [5]. אזוי, כל זמן ישראל פלעגט טאָן דעם ווילן פון הקדוש־ברוך־הוא, שטייט געשריבן (יחזקאל טז, י): ואלבישך — און איך האָב דיך באַקליידט מיט געשטיקטע קליידער (ר׳ סימא האָט געזאָגט: [דאָס מיינט] פורפור; דער תרגום אונקלוס זאָגט: געשטיקטע קליידער [6]); אָבער ווען זיי טוען

# פרשה א

## א

(א) איכה ישבה. **שלשה נתנבאו בלשון** איכה: **משה, ישעיה וירמיה. משה אמר** (דברים א׳): איכה אשא לבדי, וגו׳. **ישעיה אמר** (ישעיה א׳): איכה היתה לזונה. **ירמיה אמר**: איכה ישבה בדד!

**א״ר** לוי: **משל למטרונה, שהיו לה שלשה שושבינין; אחד ראה אותה** בשלותה, **ואחד ראה אותה בפחזותה, ואחד ראה אותה** בניוולה. **כך משה ראה את ישראל בכבודם ושלותם ואמר**: איכה אשא לבדי טרחכם! **ישעיה ראה אותם בפחזותם ואמר**: איכה היתה לזונה! **ירמיה ראה אותם בניוולם ואמר**: איכה ישבה!

**שאלו את בן עזאי, אמרו לו: רבינו דרוש לנו דבר אחד** ממגילת קינות. **אמר להם: לא גלו ישראל, עד שכפרו ביחידו של עולם ובמילה, שנתנה לעשרים דורות, ובעשרת הדברות, ובחמשה ספרי תורה; מנין**? איכ״ה.

**א״ר** לוי: **לא גלו ישראל, עד שכפרו בשלשים ושש כריתות שבתורה ובעשרת הדברות; מנין**? איכ״ה ישבה בד״ד.

**ר׳ ברכיה בשם רבי אבדימי דמן חיפה: למלך שהיה לו בן. בזמן שעושה רצונו של אביו, היה מלבישו בגדי מילתין; ובזמן שאינו עושה רצונו, מלבישו בגדי בדד. כך ישראל, כל זמן שהיו עושין רצונו של הקב״ה, כתיב** (יחזקאל ט״ז): **ואלבישך** רקמה (ר׳ סימא **אמר**: **פורפירא; תרגם אונקלוס: אפקלטורין פליקטא**);

[1] אברהמס דור איז געווען דער צוואנציקסטער פון דער וועלט באַשאַפונג. [2] די אלף איז אַ רמז אויפן איינציקן בורא פון דער וועלט, די יוד — אויף די עשרת הדברות, די כף — אויף די צוואנציק דורות און די הא — אויף די פינף חומשים. [3] יענע געבאָטן, וואָס פאַר ניט אויספאָלגן זיי וועט די זעל פונעם זינדיקן פאַרשניטן ווערן פון דער געמיינדע פון ישראל (שמות יב, יט און אין פיל אַנדערע ערטער; זע משנה כריתות א, א). [4] איכה באַטרעפט 36 און בדד — 10 (מתנות כהונה). [5] פון איינעם וואָס איז מחוץ למתנה (מתנות כהונה). לויטן מהרז״ו — אין קליידער פון די וואָס אַרבעטן ביים פרעסן אייל, — שמוציק, אָפגעריסן (וואָרטשפיל: בית הבד, אייל פרעסעריי — בדד). [6] די לעצטע צוויי ווערטער ווערן אין טעקסט געגעבן אין גריכיש (און דאָס צווייטע, אגב, איז נאָר אַן איבערחזרונג פונעם ערשטן, — יאַסטראָוו), איז דערפאַר פאַראַן אַ

ניט דעם רצון פון הקדוש־ברוך־הוא, קליידט ער זיי אין קליידער פון איינזאַמקייט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: ווי איז זי געבליבן זיצן איינזאַם!

רב נחמן האָט געזאָגט אין נאָמען פון שמואלן [און שמואל] אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן לוי: הקדוש־ברוך־הוא האָט גערופן די מלאכי השרת און געזאָגט צו זיי: „אַ מלך בשר־ודם, אַז עס שטאַרבט אים אימיצער און ער איז אין טרויער, וואָס איז זיין שטייגער צו טאָן?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „ער הענגט אויף אַ זאַק איבער זיין טיר". האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך וועל אויך אזוי טאָן"; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה נ, ג): אלביש — איך באַקלייד די הימלען אין שוואַרצקייט, און זאַק מאַך איך זייער צודעק. „אַ מלך אַ בשר־ודם, וואָס איז זיין שטייגער צו טאָן [אין אבלות]?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „ער לעשט אויס די לאָמפּן". האָט ער געזאָגט צו זיי: „אזוי וועל איך טאָן"; ווי דער פסוק זאָגט (יואל ד, טו): שמש — די זון און די לבנה זיינען שוואַרץ געוואָרן און די שטערן האָבן אַריינגענומען זייער שיין. „אַ מלך אַ בשר־ודם, וואָס איז זיין שטייגער צו טאָן?" „ער קערט איבער די בעטן". „אזוי וועל איך טאָן"; ווי דער פסוק זאָגט (דניאל, ז, ט): עד דכרסון — ביז טראָנען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן און אַן אַלטבאַיאָר־טער האָט זיך געזעצט, — [משמעות, אַז פריער] זיינען זיי, כביכול, געווען איבערגעקערט. „אַ מלך אַ בשר־ודם, וואָס איז זיין שטייגער צו טאָן?" „ער גייט אום באָרוועס". „אזוי וועל איך טאָן"; ווי דער פסוק זאָגט (נחום א, ג): ה׳ בסופה — גאָט, אין ווירבלווינט און שטורעם איז זיין וועג, און אַ וואָלקן איז דער שטויב פון זיינע פיס. „אַ מלך אַ בשר־ודם, וואָס איז זיין שטייגער צו טאָן?" „ער צערייסט זיין פורפור מאַנטל". „אזוי וועל איך טאָן"; דען עס שטייט געשריבן (איכה ב, יז): עשה ה׳ — גאָט האָט געטאָן וואָס ער האָט פאַרטראַכט; בצע אמרתו, — ר׳ יעקב פון כפר חנן גיט אַ פירוש אויף דעם: וואָס מיינט בצע אמרתו? ער צערייסט זיין פורפור[7]. „אַ מלך אַ בשר־ודם, וואָס איז זיין שטייגער צו טאָן?" „ער זיצט און שווייגט שטיל". „אזוי וועל איך טאָן"; ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט ג, כח): ישב — ער זאָל זיצן איינזאַם און שווייגן. „אַ מלך אַ בשר־ודם אַן אָבל, וואָס איז זיין שטייגער צו טאָן?". „ער זיצט און וויינט". „אזוי וועל איך טאָן"; דען עס שטייט געשריבן (ישעיה כב, יב): ויקרא — און גערופן האָט גאָט דער האַר פון די חיילות אין יענעם טאָג צו געוויין און צו קלאָג און צו האָר רייסעניש.

אַן אַנדער פשט: איכה — ווי, — ירמיה האָט געזאָגט צו זיי: „וואָס אזוינס האָט איר דערזען אין דער עבודה זרה, וואָס איר זענט אזוי להוט נאָך איר? וואָלט זי געהאַט אַ מויל זיך מתווכח צו זיין, וואָלטן מיר געזאָגט אזוי און אזוי. אָבער [אַז קיין מויל האָט זי ניט], וועלן מיר זאָגן [וואָס

---

מיינונג (מהרז״ו, יאַסטראָוו), אַז אנשטאָט אונקלוס דאַרף דאָ זיין עקילס, וואָס האָט איבערזעצט דעם תנך אויף גריכיש. [7] בצע (מיט אַ קמץ אונטער דער בית) צעברעכן, דערפון — צעררייסן; אמרה — אַ בגד מיט פראַנדזן, אויך — דער זוים פון אַ בגד.

**ובזמן שאין עושין רצונו של הקב״ה, מלבישן בגדי בדדין. הה״ד:** איכה ישבה בדד!

**אמר רב נחמן אמר שמואל משום ריב״ל: קרא הקב״ה למלאכי השרת, אמר להם: „מלך בשר ודם, כשמת לו מת והוא מתאבל, מה דרכו לעשות?״ אמרו לו: „תולה שק על פתחו״. אמר להם: „אף אני כך אני עושה״; הדא הוא דכתיב** (ישעיה נ׳): אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם. **„מלך בשר ודם מה דרכו לעשות?״ אמרו לו: „מכבה את הפנסין״. אמר להם: „כך אני עושה״; שנאמר** (יואל ד׳): שמש וירח קדרו וכוכבים אספו נגהם. **„מלך בשר ודם מה דרכו לעשות?״ „כופה את המטות״. „כך אני עושה״; שנאמר** (דניאל ז): עד דכרסון רמיו, ועתיק יומין יתיב. — **כביכול שהיו הפוכין. „מלך בשר ודם מה דרכו לעשות?״ „הולך יחף״. „כך אני עושה״; שנא׳** (נחום א׳): ה׳ בסופה ובסערה דרכו, וענן אבק רגליו. **„מלך בשר ודם מה דרכו לעשות?״ „מבזע פורפירא שלו״. „כך אני עושה״; דכתיב:** עשה ה׳ אשר זמם, בצע אמרתו. **רבי יעקב דכפר חנן מפרש ליה: מהו** בצע אמרתו? **מבזע פורפירא שלו. „מלך בשר ודם מה דרכו לעשות?״ „יושב ודומם״. „כך אני עושה״; שנאמר** (איכה ג׳): ישב בדד וידום. **„מלך בשר ודם אבל מה דרכו לעשות?״ „יושב ובוכה״. „כך אני עושה״; דכתיב** (ישעיה כ״ב): ויקרא ה׳ אלהים צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד ולקרחה.

**ד״א:** איכה, — **אמר להם ירמיה: „מה ראיתם בעבודת כוכבים, שאתם להוטין אחריה? אילו היה לה פה למיסב ולמיתב, היינו אומרין כך; אלא נאמר דידה ונאמר דיליה. נאמר דידה** (ירמיה י׳): כה אמר ה׳: אל דרך הגוים אל תלמדו ומאותות השמים אל תחתו, כי יחתו הגוים מהמה. **ונאמר דיליה** (שם): כדנה תאמרון להום: אלהיא די שמיא וארקא,

---

**עס ווערט געזאָגט] וועגן איר, און מיר וועלן זאָגן [וואָס עס ווערט געזאָגט] וועגן אים. מיר וועלן זאָגן וועגן איר** (ירמיה י, ב): כה — אזוי האָט גאָט געזאָגט: דעם וועג פון די פעלקער זאָלט איר זיך ניט לערנען, און פאַר די צייכנס פון הימל זאָלט איר זיך ניט שרעקן, דען די פעלקער שרעקן זיך פאַר זיי. **און מיר וועלן זאָגן וועגן אים** (דאָרט, פסוק יא און טז): כדנה — אזוי זאָלט איר זאָגן צו זיי: די געטער וואָס האָבן די הימלען און

די ערד ניט געמאַכט, — — — ניט ווי דידאָזיקע איז דער חלק פון יעקב; דען דער באַשעפער פון אַלץ איז ער און ישראל איז דער שבט פון זיין נחלה; גאָט פון די חיילות איז זיין נאָמען״.

ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה [זאָגן]. ר׳ יהודה זאָגט: דער לשון איכה איז ניט אַנדערש, נייערט אַ לשון פון תוכחה, שטראָף רייד; דאָס איז ווי דו זאָגסט (דאָרט ח, ח): איכה — ווי קענט איר זאָגן: חכמים זיינען מיר, און גאָטס תורה איז ביי אונדז? און ר׳ נחמיה זאָגט: דער לשון איכה איז ניט אַנדערש נייערט אַ קלאָג; דאָס איז ווי דו זאָגסט (בראשית ג, ט): ויקרא — האָט גאָט דער האַר גערופן צו דעם מענטשן און האָט געזאָגט צו אים: איכה — אוי לך, וויי איז דיר![8]

און ווען איז די מגילת איכה געזאָגט געוואָרן? ר׳ יהודה זאָגט: אין די טעג פון יהויקים איז זי געזאָגט געוואָרן[9]. האָט ר׳ נחמיה געזאָגט צו אים: וויינט מען דען אויף אַ טויטן נאָך איידער ער איז געשטאָרבן? נייערט ווען איז זי געזאָגט געוואָרן? נאָכן חורבן פון בית המקדש; דאָס איז דער טייטש פונעם פסוק: ווי איז זי געבליבן זיצן איינזאַם![10]

ב

(א) העיר — די שטאָט פון אַ סך פאָלק. ר׳ שמואל האָט געלערנט: פיר און צוואַנציק דורכפאָרן זיינען געווען אין ירושלים, און יעדער דורכפאָר האָט געהאַט פיר און צוואַנציק זייטוועגן, און יעדער זייטוועג האָט געהאַט פיר און צוואַנציק גאַסן, און יעדע גאַס האָט געהאַט פיר און צוואַנציק געסלעך, און יעדעס געסל האָט געהאַט פיר און צוואַנציק הויפן, און יעדער הויף האָט געהאַט פיר און צוואַנציק הייזער; און יעדער הויף האָט אַרויסגעגעבן פון זיך צוויי מאָל אַזוי פיל פאָלק, ווי עס זיינען אַרויס פון מצרים. דו קענסט וויסן, אַז אַזוי איז עס געווען [פון דעם וואָס] ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: ס׳איז געווען אַ מעשה מיט אַ קאַראַוואַן, וואָס איז געגאַנגען קיין ירושלים מיט הונדערטער קעמלען אָנגעלאָדן מיט פעפער. איז ער פאַרבייגעגאַנגען די שטאָט צור און האָט באַגעגנט איינעם אַ שניידער, וואָס איז געזעסן ביים טויער פון שטאָט. האָט יענער געזאָגט צו אים: „וואָס פירסטו?״ האָט ער אים געזאָגט: „פעפער״. האָט ער געזאָגט צו אים: „וועסטו מיר ניט פאַרקויפן אויף לאחדים?״ האָט ער אים געזאָגט: „ניין״. האָט ער געזאָגט צו אים: „וועסטו עס ניט קענען פאַרקויפן, סיידן אין אַן אַנדער שטאָט״. אַז ער איז געקומען קיין ירושלים, האָט ער באַגעגנט אַ שניידער, וואָס איז געזעסן ביים איינגאַנג פון טויער. האָט יענער געזאָגט צו אים: „וואָס פירסטו?״ האָט ער אים געזאָגט: „שנייד דיין געוואַנט!״ האָט אים באַגעגנט אַן אַנדער שניידער. האָט יענער געזאָגט צו אים: „וואָס

[8] דער דרשן לייענט איכה מיט אַ צירה אונטער דער אלף, און ער דרשנט עס ווי אוי לך, וויי איז דיר. [9] נאָך פאַרן חורבן, ווי אַ וואָרנונג (זע ירמיה לו). [10] געבליבן זיצן — אַ לשון עבר.

**וגו׳;** (שם) לא כאלה חלק יעקב, כי יוצר הכל הוא וישראל שבט נחלתו, ה׳ צבאות שמו.

**רבי יהודה ור׳ נחמיה. ר׳ יהודה אומר: אין לשון** איכה, **אלא לשון** תוכחה; **הדא מה דאת אמר** (שם ח): איכה תאמרו: חכמים אנחנו ותורת ה׳ אתנו? **וגו׳. ור׳ נחמיה אומר: אין לשון איכה, אלא קינה; הדא מה דאת אמר** (בראשית ג׳): **ויקרא** ה׳ אלהים אל האדם ויאמר לו: איכה, — **אוי לכה!**

**ואימתי נאמרה מגילת קינות? רבי יהודה אומר: בימי יהויקים נאמרה. אמר לו ר׳ נחמיה: וכי בוכין על המת עד שלא ימות? אלא אימתי נאמרה? אחר חורבן הבית; הרי פתרונו:** איכה ישבה בדד.

ב

(א). העיר רבתי עם. **תני רבי שמואל: עשרים וארבע פלטיות היו בירושלים, וכל פלטיה ופלטיה עשרין וארבעה מבואות, וכל מבוי ומבוי עשרין וארבעה שווקים, ועל כל שוק ושוק עשרים וארבעה שקקים, ועל כל שקק ושקק עשרים וארבע חצרות, ועל כל חצר וחצר עשרים וארבעה בתים; וכל חצר וחצר היתה מוציאה עם כפלים כיוצאי מצרים. תדע לך, שכך הוא, — אמר רבי אלעזר: עובדא הוה בחד שיירא, דהוה סליק לירושלם וטען מאוון גמלין טעונין פלפלין. עבר להדי צור, אשכח חד חייט, דיתיב על פילי דמדינתא. אמר ליה: „מה את טעין?״ אמר ליה: „פלפלין״. א״ל: „לא יהבת לי לוקטא לוקטא?״ אמר ליה: „לא״. א״ל: „לית לך מזבן, אלא במדינתא אוחריי״. כיון דמטא בירושלים ,אשכח חד חייט דיתיב על תרע פילי. א״ל: „מה את טעין?״ א״ל: „קטע קטעך״. אשכחיה חייט אוחרן; אמר ליה: „מה את טעין?״ א״ל: „תפור תפירך״. א״ל: „אימא לי; אין יכילנא מזבין להון, מוטב; ואי לא, אנא מייתינא לך בר נש דזבין כלהון״. א״ל: „ומה את טעין?״ א״ל: „פלפלין״. נסביה**

---

פירסטו?״ האָט ער אים געזאָגט: „ניי דיך געניי!״ האָט ער געזאָגט צו אים: „זאָג מיר; וועל איך עס קענען קויפן, איז גוט; אלא ניט, וועל איך דיר ברענגען אַ מענטשן, וואָס וועט עס אָפּקויפן אינגאַנצן״. און ער האָט געזאָגט צו אים: „איז וואָס פירסטו?״ האָט ער אים געזאָגט: „פעפער״. האָט ער אים גענומען און אַריינגעפירט אין אַ וואוינונג, און אים אָנגעוויזן

אויף אַ הויפן מיט רענדלעך און האָט געזאָגט צו אים: „גיב אַ קוק אויף אָט דער מטבע, אויב זי איז גאַנגבאַר אין דיין לאַנד, און נעם פון דעם"[1].

אויף מאָרגן איז ער אַרויס שפּאַצירן אין גאַס. האָט אים באַגעגנט איינער פון זיינע פריינט. האָט אים יענער געפרעגט: „וואָס האָסטו געבראַכט צופירן?" האָט ער אים געזאָגט: „פעפער". האָט יענער געזאָגט צו אים: „קענסטו מיר ניט פאַרקויפן פאַר הונדערט רענדלעך? ווארום איך האָב היינט אַ סעודה". האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב עס שוין פאַרקויפט דעם־און־דעם". איז ער אַוועק צו יענעם און האָט אים געזאָגט: „האָסטו דעם פעפער וואָס דו האָסט געקויפט? גיב מיר אַ ביסל, ווייל איך האָב אַ סעודה". האָט ער אים געזאָגט: „וואָס זאָל איך דיר זאָגן? איך האָב עס שוין פאַרקויפט צו איינעם אַ שניידער. אָבער איך וועל אים זאָגן, און ער וועט דיר געבן". איז ער אַוועק און האָט געפונען יענע וואוינונג. איז די וואָס זיינען געווען אין ערשטן חדר האָבן געקויפט צו איין אונץ, די וואָס אין צווייטן חדר האָבן געקויפט צו האַלבן אונץ, און די וואָס אין דריטן חדר, — זיי האָט מען שוין אינגאַנצן ניט באַמערקט. דאָס באַשטעטיקט וואָס דער פסוק זאָגט: די שטאָט פון אַ סך פאָלק.

ווילסטו וויסן, וויפיל באַפעלקערונג ס'איז געווען אין ירושלים, קענסטו עס וויסן פון די כוהנים. ר' יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר' יהושע בן לוי [האָט געזאָגט]: [עס איז געגליכן] צו אַ הויפן תבואה, וואָס האָט זיך געפונען אין מאַרק; זיינען אַלע געקומען עס שאַצן, אָבער זיי האָבן ניט געקענט. איז דאָרט געווען איינער אַ פיקח. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איר ווילט עס אָפּשאַצן? פון דער תרומה וואָס מע נעמט פון דעם קענט איר עס דערגיין"[2]. אַזוי, ווילסטו וויסן, וויפיל באַפעלקערונג עס איז געווען אין ירושלים, קענסטו עס וויסן פון די כוהנים. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (מלכים א, ח, סג): ויזבח — און שלמה האָט געשלאַכט פאַרן קרבן שלמים וואָס ער האָט געשלאַכט צו גאָט, רינדער — צוויי און צוואַנציק טויזנט און שאָף — הונדערט און צוואַנציק טויזנט. און געלערנט האָבן מיר[3]: אַן אָקס פלעגט מען מקריב זיין דורך פיר און צוואַנציק [כוהנים] און אַ ווידער — דורך עלף. דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דעם ערשטן בית המקדש; אָבער ביים צווייטן בית המקדש? אַמאָל האָט דער מלך אגריפּס געוואָלט וויסן, וויפיל איז די באַפעלקערונג פון ירושלים. האָט ער געזאָגט צו די כוהנים: „לייגט מיר אָפּ איין ניר פון יעטוועדן קרבן פסח". האָבן זיי אים אָפּגעלייגט זעקס הונדערט טויזנט פּאָר נירן, צוויי מאָל אַזויפיל ווי די יוצאי מצרים. און ס'איז ניטאָ קיין איין קרבן פסח, וואָס עס זאָלן זיך ניט ציילן אויף אים איבער צען[4]. ר' חייא האָט געלערנט: אפילו פערציק, און אפילו פופציק. בר קפרא האָט געזאָגט: אפילו הונדערט[5]. און דאָס — אויסער יענע וואָס זיינען געווען טמא, אָדער אין אַ ווייטן וועג[6]. איין מאָל זיינען די יידן געקומען אויפן הר הבית, און דאָס פּלאַץ האָט זיי

ויהביה בחדא דרא, ואחמין ליה כוריתא דדינרין. א״ל: „חמי הדא מוניטא, אי נפיק בארעך, וסב מנהון״.

לצפרא נפק לטיילא בשוקא. אשכחיה חד מן רחמוי דיליה. אמר ליה: „מה את טעין?״ אמר ליה: „פלפלין״. א״ל: „לית לך דיהבת לי במאה דינרין? דאית לי אריסטוון יומא דין״. אמר: „כבר זבינית ליה לגבי פלן״. אזל איהו לגביה; א״ל: „אית לך פלפלין דזבנת? תיהב לי קליל, דאית לי אריסטוון״. אמר ליה: „מאי אימא לך? כבר זבינית יתהון לחד חייט. אלא אימא אנא ליה, והוא יהיב לך״. אזל ואשכחינון לההוא דיראתא. דאיטם קמייתא, נסבון מן אונקא; דאיטם תנייתאי, נסבון מן פלג אונקא; דאיטם תליתאי, לא ארגשון כלל. לקיים מה שנאמר: העיר רבתי עם.

מבקש את לידע, כמה אוכלוסין היו בירושלם, מן כהניא את ידע. ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ יהושע בן לוי: לכרי שהיה עומד בסדקי, והיו הכל באין לשערו, ולא יכלו. היה שם פקח אחד; אמר להם: „אתם מבקשין לשערו? מתרומתו אתם עומדים עליו״. כך, מבקש אתה לידע, כמה אוכלוסין היו בירושלים, — מכהניא את ידע. ההי״ד (מ״א ח׳): ויזבח שלמה את זבח השלמים אשר זבח לה׳, בקר עשרים ושנים אלף וצאן מאה ועשרים אלף. ותנינן: פר קרב בעשרים וארבעה, ואיל — באחד עשר. הדא דאת אמר בבנין הראשון; אבל בבנין השני? פעם אחת בקש אגריפס המלך לידע, כמה מנין אוכלוסין שבירושלים. אמר להם לכהנים: „הפרישו לי כוליא אחת מכל פסח ופסח״. הפרישו לו שש מאות אלף זוגות של כוליות, כפלים כיוצאי מצרים. ואין לך כל פסח ופסח, שלא היו עליו מנויין יותר מעשרה. תני ר׳ חייא: אפילו ארבעים, ואפילו חמשים. בר קפרא אמר: אפילו מאה, חוץ ממי שהיה טמא, או בדרך רחוקה. פעם אחת נכנסו להר הבית ולא היה מחזיקן. והיה שם זקן אחד, — רמסוהו. ואותו הפסח היו קורין „פסח מעוכן״, על שם שמעכו את הזקן.

---

[1] פאַרן פעפער. [2] דער מינימום פון תרומה נעמען איז געווען איינס פון פופציק. [3] משנה יומא ב, ו־ז. [4] זע שמות יב, ד. [5] פאַרגלייך ירושלמי פסחים, פרק ז, הלכה יב: פסחא כזיתא, והללה מתבר אגרייא — פון קרבן פסח קריגט מען ניט מער ווי אַ כזית, און דאָס געזאַנג פון הלל ברעכט די דעכער. [6] זע במדבר ט, ו און ווייטער.

ניט געקענט אַריינגעמען. איז דאָרט געווען איינער אַ זקן; האָט מען אים צעטראָטן. האָט מען יענעם פסח אַ נאָמען געגעבן „דער צעקוועטשטער פסח", ווייל מע האָט צעקוועטשט דעם זקן.

ווי פלעגן יידן זיך מערן? אַ מענטש פלעגט חתונה מאַכן זיין זון אין עלטער פון צוועלף יאָר מיט אַ פרוי וואָס איז ראוי צו געבוירן קינדער; און ווידער פלעגט ער חתונה מאַכן זיין אייניקל אין עלטער פון צוועלף יאָר. האָט ער[7] ניט געגרייכט קיין זעקס-און-צוואַנציק יאָר, איידער ער האָט געזען קינדער ביי זיינע קינדער. איז מקויים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט (תהילים קכח, ו): וראה — און זע קינדער ביי דיינע קינדער, שלום אויף ישראל.

ג

(א) היתה — זי איז געווען ווי אַן אלמנה. ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: זיי האָבן ניט פורץ גדר געווען קעגן דעם מידת הדין[1] דורך און דורך, האָט דער מידת הדין ניט איבערגעטראָטן דעם לעצטן גדר קעגן זיי. „זיי האָבן ניט פורץ גדר געווען קעגן דעם מידת הדין דורך און דורך", ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יא, א): ויהי — און דאָס פאָלק האָט זיך ווי באַקלאָגט, — עס שטייט דאָ ניט געשריבן „האָט זיך באַקלאָגט", נייערט האָט זיך ווי באַקלאָגט; (הושע ה, י) היו — די האַרן פון יהודה זיינען געווען ווי גרעניץ פאַרכאַפּערס, — עס שטייט דאָ ניט געשריבן „גרעניץ פאַרכאַפּערס", נייערט ווי גרעניץ פאַרכאַפּערס; (דאָרט ד, טז) כי כפרה — דען אזוי ווי צעווילדעטע קו האָט ווידערשפּעניקט ישראל, — עס שטייט דאָ ניט געשריבן „אַ צעווילדעטע קו", נייערט ווי אַ צעווילדעטע. „האָט דער מידת הדין ניט איבערגעטראָטן דעם לעצטן גדר קעגן זיי": עס שטייט דאָ ניט געשריבן „געוואָרן אַן אלמנה", נייערט ווי אַן אלמנה, ווי אַ פרוי, וואָס איר מאַן איז אַוועק מעבר לים, און ער האָט בדעה זיך אומצוקערן צו איר; (איכה ב, ד) דרך — ער האָט געשפּאַנט זיין בויגן ווי אַ שונא, — עס שטייט דאָ ניט געשריבן: „אַ שונא", נייערט ווי אַ שונא; (דאָרט, פסוק ה) היה ה' — גאָט איז געוואָרן ווי אַ שונא, — עס שטייט דאָ ניט געשריבן: „אַ שונא", נייערט ווי אַ שונא.

אַן אַנדער פשט [אויפן פסוק] געוואָרן ווי אַן אלמנה [זאָגן] ר' חמא בר עוקבא און די רבנן. ר' חמא בר עוקבא זאָגט: [ס'איז געגליכן] צו אַן אלמנה, וואָס האָט געמאָנט איר אויסקומעניש, אָבער זי האָט ניט געמאָנט איר כתובה[2]. און די רבנן זאָגן: [ס'איז געגליכן] צו אַ מלך, וואָס איז אין כעס געוואָרן אויף דער מאַטראָנע און האָט איר געשריבן אַ גט, אָבער נאָכדעם האָט ער אים אַרויסגעכאַפּט פון איר האַנט. איז ווען נאָר זי פלעגט וועלן חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן, פלעגט ער איר זאָגן: „וואו

---

[7] דער זון.

[1] דער אַטריבוט פון געזעץ, פון גערעכטיקייט און פון משפט. [2] כל־זמן אַן אלמנה בלייבט אין איר פאַרשטאָרבענעם מאַנס הויז, קומט איר פרנסה פון די יורשים, אָבער

**כיצד היו ישראל פרין ורבין? היה אדם משיא בנו בן שתים עשרה שנה אשה שהיא ראויה לילד; והיה חוזר ומשיא בן בנו בן שתים עשרה שנה. לא היה מגיע לעשרים ושש שנים, עד שהוא רואה בנים לבניו. לקיים מה שנא'** (תהלים קכ"ח): **וראה** בנים לבניך שלום על ישראל.

ג

(א) היתה כאלמנה. **א"ר אבא בר כהנא: הם לא פלשו אחר מדת הדין, והיא לא פלשה אחריהם. "הם לא פלשו אחר מדת הדין", שנאמר** (במדבר י"א): ויהי העם כמתאוננים, **"מתאוננים" אין כתיב כאן, אלא** כמתאוננים; (הושע ה') היו שרי יהודה כמסיגי גבול, — **"מסיגי" אין כתיב כאן, אלא** כמסיגי; (שם ד') כי כפרה סוררה, — **כי "פרה" אין כתיב כאן, אלא** כפרה סוררה. **"ומדת הדין לא פלשה אחריהם":** היתה כאלמנה, — **"היתה אלמנה" אין כתיב כאן, אלא** כאלמנה, **כאשה שהלך בעלה למדינת הים ודעתו לחזור אליה;** דרך קשתו כאויב, — **"אויב" אין כתיב כאן, אלא** כאויב; היה ה' כאויב, — **"אויב" אין כתיב כאן, אלא** כאויב.

**ד"א:** היתה כאלמנה, — **ר' חמא בר עוקבא ורבנן. ר' חמא בר עוקבא אמר: לאלמנה, שהיתה תובעת מזונותיה ולא היתה תובעת כתובתה. ורבנן אמרין: למלך שכעס על מטרונה וכתב לה גיטא, ועמד וחטפו ממנה. וכל זמן שהיתה מבקשת לינשא לאחר, היה אומר לה: "היכן גיטיך?" וכל זמן שהיתה תובעת מזונותיה היה אומר לה: "ולא כבר גרשתיך?" כך כל זמן שישראל מבקשים לעבוד עבודת כוכבים, היה אומר להם הקב"ה** (ישעיה נ'): אי זה ספר כריתות אמכם? **וכל זמן שמבקשים לעשות להם נסים כבתחלה, אומר להם הקב"ה:**

---

**איז דיין גט?" אָבער ווען זי פלעגט מאָנען איר אויסקומעניש, פלעגט ער איר זאָגן: "האָב איך דיך דען ניט אָפּגעגט?" אזוי, ווען נאָר ישראל פלעגט וועלן דינען דער עבודה זרה, פלעגט הקדוש־ברוך־הוא זאָגן צו זיי** (ישעיה נ, א): אי זה — וואו איז דער גט פון אייער מוטער? **אָבער ווען זיי פלעגן בעטן, ער זאָל זיי טאָן נסים ווי אַמאָל, פלעגט הקדוש־ברוך־הוא זאָגן צו זיי: "איך האָב אייך שוין אָפּגעגט!" דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה ג, ח): שלחתיה — איך האָב זי אַוועקגעשיקט און איר געגעבן איר גט.

אַן אַנדער פּשט [אויפן פּסוק] געוואָרן ווי אַן אלמנה [זאָגן] ר׳ עקיבא און די רבנן. ר׳ עקיבא זאָגט: [זי איז] אַן אלמנה, און דו זאָגסט ווי אַן אלמנה! נייערט זי איז אַן אלמנה פון די עשרת השבטים[3], אָבער ניט פון דעם שבט יהודה און בנימין[4]. און די רבנן זאָגן: זי איז אַן אלמנה פון די און פון יענע[5], אָבער ניט פון הקדוש־ברוך־הוא, ווי דער פּסוק זאָגט (ירמיה נא, ה): כי לא אלמן — ווארום ניט קיין אלמן איז ישראל און יהודה פון זיין גאָט.

ד

(א) רבתי — די גרויסע צווישן די פעלקער. אָבער עס שטייט דאָך שוין די שטאָט פון אַ סך פאָלק, טאָ וואָס לערנען אונדז די ווערטער די גרויסע צווישן די פעלקער? נייערט דאָס מיינט גרויס אין חכמה. רב הונא אין נאָמען פון ר׳ יוסין [האָט געזאָגט]: וואו נאָר איינער פון די איינוואוינער פון ירושלים פלעגט אָנקומען אין אַ שטאָט, פלעגט מען אים אויסבעטן אַ לענשטול צו זיצן, כדי צו הערן זיין חכמה.

איינער פון ירושלים איז אַוועק אין אַ [ווייטער] מדינה. איז געקומען זיין צייט צו שטאַרבן. האָט ער געבראַכט דעם בעל הבית פון הויז און האָט איבערגעגעבן אין זיינע הענט זיין פאַרמעגן און האָט אים געזאָגט: „אויב מיין זון קומט פון ירושלים און ער טוט פאַר דיר דריי קלוגע זאַכן, גיב אים מיין פאַרמעגן; און אויב ניט, זאָלסטו אים מיין פאַרמעגן ניט געבן״.

און אָפּגעמאַכט האָבן [די איינוואוינער פון יענער שטאָט] צווישן זיך, אַז קיינער פון זיי זאָל ניט ווייזן אַן אורח וואו עמיצער וואוינט[1].

איז ער געשטאָרבן און איז אַוועק צו זיין אייביקער היים. אין אַ צייט אַרום איז געקומען זיין זון. אַז ער איז אָנגעקומען אין דעם טויער איינגאַנג פון יענער שטאָט, האָט ער געזען, ווי איינער טראָגט אַ לאָד שפּענער. האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרקויפסטו דעם לאָד שפּענער?״ האָט ער אים געזאָגט: „יאָ״. „טאָ נעם דאָס באַצאָלט און טראָג עס אָפּ צו דעם־און־דעם״. האָט ער גענומען דאָס באַצאָלט און האָט עס אָפּגעטראָגן צו יענעם. איז ער געגאַנגען, און דער איז אים נאָכגעגאַנגען, ביז ער איז אָנגעקומען צו יענעמס וואוינונג. האָט ער געזאָגט צו אים: „העי, דער־און־דער! קום און נעם צו דעם לאָד שפּענער!״ האָט יענער אים געזאָגט: „האָב איך דיר דען געזאָגט, דו זאָלסט מיר ברענגען אַ לאָד שפּענער?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „ס׳איז וואָר, אַז ניט דו האָסט מיר געזאָגט, נייערט יענער מענטש

---

זי קען ניט מאָנען די סומע געלט וואָס איז איר פאַרשריבן אין דער כתובה; אַז זי גייט אַוועק פון איר מאַנס הויז, קען זי אויפמאָנען די כתובה, אָבער ניט קיין פּרנסה. [3] לויט ר׳ עקיבא זיינען די צען שבטים פאַרלאָרן פאַר יידן אויף אייביק (זע סנהדרין, חלק, משנה ג). [4] וועלכע וועלן זיך סוף־כל־סוף אומקערן. [5] לויט די רבנן וועלן זיך די עשרת השבטים אויך אומקערן, דערווייל אָבער זיינען זיי ביידע ניטאָ.

[1] זע די ווייטערדיקע מעשה, וואו עס ווערט אויפגעקלערט די סיבה דערפאַר.

„כבר גרשתי אתכם!” הה״ד (ירמיה ג׳): שלחתיה ואתן את ספר כריתותיה אליה.

ד״א: היתה כאלמנה, — ר׳ עקיבא ורבנן. ר׳ עקיבא אומר: אלמנה, ואתה אומר כאלמנה! אלא אלמנה מעשרת השבטים ולא משבט יהודה ובנימין. ורבנן אמרין: אלמנה מאלו ומאלו ולא מהקב״ה, שנאמר (ירמיה נ״א): כי לא אלמן ישראל ויהודה מאלהיו.

ד

(א) רבתי בגוים. והלא כבר נאמר רבתי עם, ומה תלמוד לומר רבתי בגוים? אלא רבתי בדעות. ר׳ הונא בשם ר׳ יוסי: בכל מקום שהיה אחד מבני ירושלם הולך למדינה, היו מציעין לו קתדרא לישב עליה בשביל לשמוע חכמתו.

חד מירושלים אזל למדינתא. ארע זימניה למימת. אייתי מרי דביתא ואפקיד בידיה מדיליה ואמר ליה: „אין הוא אתי ברי מן ירושלם ויעביד לך תלת מילין דחכמתא, הב ליה מה דלי; ואין לא, לא תהיב ליה מה דלי”.

ועבדין ביניהון, דלא להוי חד מנהון מחמי ביתא דחבריה לגבי אכסנאי.

נח נפשיה ואיתפטר לבית עלמין. לבתר יומין אתא בריה. כיון דמטא בתרע פילי דההיא מדינתא, חמא חד טעין מובלא דקיסין. אמר ליה: „מזבן את מובלא דקיסין?” אמר ליה: „אין”. „סב לי טימיתהון ואוביל יתהון גבי פלן”. נסב טימיסהון ואוביל יתהון גבי פלן. הוה אזל הוא, והוא אזיל בתריה, עד דמטא גבי דרתיה. א״ל: „אי, פלן! תא סב מובלא דקיסין”. א״ל: „ומי מובלא דקיסין אמרי לך דתיתי לי?” אמר ליה: „אין, דלא אמרת לי את, אלא הדין בר נש, דאתי בתראי; ליה הינון”. לאלתר אפתח ליה ביתיה ונכנס, ויהבו שלמא דין לדין.

הא מילא חדא.

אמר ליה: „מאן את?” א״ל: „אנא הוא בריה דההוא גברא

---

וואס גייט מיר נאך, — זיינס איז עס”. תיכף האט ער אים געעפנט זיין הויז, און ער איז אריין, און זיי האבן איינער דעם אנדערן אפגעגעבן שלום.

דאס איז די ערשטע [קלוגע] זאך.

האט ער געזאגט צו אים: „ווער ביסטו?” האט ער אים געזאגט: „איך

בין דער זון פון יענעם מענטשן, וואָס איז געשטאָרבן ביי דיר״. האָט ער אים אַריינגעבראַכט און געמאַכט פאַר אים אַ מאָלצייט. און יענער מענטש האָט געהאַט צווי זין און צווי טעכטער. אַז ס׳איז געקומען די צייט פון מיטאָג, האָט ער געבראַכט פאַר אים צו דער סעודה פינף יונגע עופות אינעם געקעכץ. אַז זיי האָבן אָנגעהויבן עסן, האָט ער געזאָגט צו אים: „נעם און צעטייל״. האָט ער אים געזאָגט: „ס׳איז ניט מיינס״. האָט ער געזאָגט צו אים: „איך וויל, אַז דו זאָלסט נעמען און צעטיילן״. האָט ער גענומען און צעטיילט: איין עוף האָט ער געלייגט צווישן דעם מאַן און זיין ווייב; אַ צווייטן עוף האָט ער גענומען און געלייגט צווישן די צוויי מענער, דאָס זיינען די צוויי זין זיינע; אַ דריטן עוף האָט ער געלייגט צווישן זיינע צוויי טעכטער; און צוויי עופות האָט ער גענומען און געלייגט פאַר זיך. האָבן זיי געגעסן און אים גאָרניט ניט געזאָגט.

דאָס איז די צווייטע זאַך.

אין אָוונטצייט האָט ער געבראַכט אַ געשטאָפּטע הון צו דער סעודה און האָט געזאָגט צו אים: „נעם צעטייל״. האָט ער אים געזאָגט: „ס׳איז ניט מיינס״. האָט ער געזאָגט צו אים: „נעם צעטייל, ס׳איז מיין רצון״. האָט ער גענומען און צעטיילט: דעם קאָפּ האָט ער געלייגט פאַרן מאַן; די אינגעווייד האָט ער גענומען און געלייגט פאַר זיין ווייב; די צוויי פיסלעך האָט ער גענומען און זיי געגעבן צו זיינע צוויי זין; די צוויי פליגעלעך האָט ער גענומען און זיי געגעבן צו זיינע צוויי טעכטער; און דעם גאַנצן גוף האָט ער גענומען און געלייגט פאַר זיך.

דאָס איז די דריטע זאַך.

האָט דער בעל הבית געזאָגט: „טיילט מען עס אַזוי אין אייער מקום? דאָס ערשטע מאָל, אַז דו האָסט געטיילט, האָב איך דיר גאָרניט ניט געזאָגט; און איצט טוסטו ווידער אַזוי!״ האָט ער געזאָגט צו אים: „האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז ס׳איז ניט מיינס? און פונדעסטוועגן, ווי איך האָב געטיילט, האָב איך ריכטיק געטיילט. דאָס ערשטע מאָל האָסטו פינף יונגע עופות געבראַכט צו דער סעודה. איז דו און דיין ווייב און איין עוף, זענט איר דריי; דיינע צוויי זין מיט אַן עוף זיינען דריי; דיינע צוויי טעכטער מיט אַן עוף זיינען דריי; און איך מיט צוויי עופות זיינען דריי. האָב איך עפּעס אָוועקגענומען פון אייער חלק? דאָס מאָל האָסטו געבראַכט אַ הון. האָב איך גענומען דעם קאָפּ און געגעבן צו דיר, ווייל דו ביסט דער קאָפּ פונעם הויז; איך האָב גענומען אירע אינגעווייד און געלייגט פאַר דיין ווייב, וואָרום פון אירע געדערים קומען די קינדער אַרויס; איך האָב גענומען די צוויי פיסלעך און געגעבן צו דיינע צוויי זין, וואָרום זיי זיינען די זיילן פונעם הויז; איך האָב גענומען די צוויי פליגעלעך און געלייגט פאַר דיינע טעכטער, וואָרום מאָרגן וועלן זיי אַרויסגיין און אָוועקפליען פון דיין הויז, און וועלן זיך אָוועקגיין צו זייערע מענער; און פאַר זיך האָב איך גענומען די שיף[2]: מיט אַ שיף

דמית גבך״. אעליה ועבד ליה מגיס. והוה לההוא גברא תרין בנין ותרתין בנאתן. כד מטא ענתיה דארסטוון, אייתי קומיה בסעודתא חמשה פריגין בתבשילא. כמה דשרו למיכל, א״ל: „סב ופלג״. א״ל: „לא היא דידי״. אמר ליה: „אנא צבי, דתיסב ותפלג״. נסב ופלג, ויהיב פריגא בין גברא ואיתתיה; ונסב פריגא תנייתא ויהיב בין תרי גברי, דהן תרין בנוי; נסב תליתאה ויהב בין תרתין בנתיה; נסב תרין פריגין ויהב קומיה דידיה. אכלון ולא אמרו ליה ולא מידי.

הא מילתא תניינא.

לעידן רמשא אייתי תרנגולא פטימתא בסעודתא. אמר ליה: „סב פלג״. אמר ליה: „לא היא דידי״. א״ל: „סב פלג ברעותי״. נסב ופלג, ויהב רישא קומיה גברא; נסב בני מעיה ויהב קדם אתתיה; נסב תרין אטמאתא ויהב לתרין בנוהי; נסב תרין גפוי ויהב לתרתין בנתיה; נסב גופא כולא ויהב קמיה דידיה.

הא מילא תליתאה.

אמר: „הכדין פלגין באתריכון? פלגות זימנא קמא, ולא אמרית לך ולא מידי; והאידנא את עביד כדין?״ אמר ליה: „לאו אמרית לך, דלאו דידי הוא? ואף על גב דפלגית, יאות פלגית. זימנא קמא חמשה פריגין אייתת בסעודתא: את ואיתתך ופריגא, הא תלתא; תרין בנך ופריגא, הא תלתא; תרתין בנתך ופריגא, הא תלתא; ואנא ותרתין פריגין, הא תלתא; נסבית מידי מן חולקכון? האידנא איתת תרנגולתא. נסבית רישא ויהבת לך, דאת רישא דביתא; נסבית בני מעיה ויהבית קדם איתתך, דמינה יפקון בניא מן מעיא; נסבית תרין אטמאתא ויהבית לתרין בנך, דאינון עמודייא דביתא; נסבית תרין גפייא ויהבית קדם בנתך, דלמחר יפקון ויפרחון מן בייתך, ויזלון לון לבעליהון; נסבית אנא הדין אילפא, — באילפא אתינא, באילפא אנא אזיל. וקום והב מדלי דאפקד אבא גבך, ואיזיל לאלתר״. יהב ליה מה דיליה ואזיל ליה לשלם. לקיים מה שנאמר: רבתי בגוים, רבתי בדעות.

---

בין איך געקומען און מיט אַ שיף וועל איך אַוועקגיין. איצט שטיי אויף און גיב מיר מיין פאַרמעגן, וואָס מיין פאָטער האָט באַהאַלטן ביי דיר, און איך וועל תיכף אַוועקגיין״. האָט ער אים געגעבן דאָס זייניקע, און ער איז אַוועק

[2] דעם קערפּער פון דער הון, וואָס קוקט אויס ווי אַ שיף.

בשלום. — מיט דעם ווערט מקוים, וואָס דער פּסוק זאָגט: די גרויסע צווישן די אומות, גרויס אין חכמה.

פיר מענטשן פון ירושלים זיינען געקומען קיין אַטען; זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן ביי איינעם אַ מענטשן. אין אָוונט האָט ער זיי געמאַכט אַ סעודה. אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָט ער זיי צוגעגרייט פיר בעטן; און איינס פון זיי איז געווען צעבראָכן און אָנגעשפּאַרט אָן אַ צווייטן. אַז זיי האָבן זיך אויפגעהויבן צו גיין שלאָפן, האָט ער געזאָגט [צו זיך]: „איך האָב געהערט, אַז די מענטשן פון ירושלים זיינען גרויסע חכמים; לאָמיך זיך אונטערהערן וואָס זיי רעדן". איז ער אַריין און האָט זיך געלייגט שלאָפן [אין אַ חדר] לעבן זייערן. האָט זיך אויפגעהויבן ביינאַכט יענער וואָס איז געשלאָפן אויפן צעבראָכענעם בעט און האָט געזאָגט צו זיי: „וואָס מיינט איר, — אויף אַ בעט שלאָף איך? איך שלאָף ניט אַנדערש, נייערט אויף דער ערד, און איך הענג אין דער לופטן". האָט געזאָגט צו זיי אַן אַנדערער: „אויך דאָס פליש וואָס מיר האָבן געגעסן אין אָוונט, — אַ טעם פון הונט האָט עס געהאַט". האָט געזאָגט צו זיי דער דריטער: „אויך דער וויין וואָס מיר האָבן געטרונקען אין אָוונט, — אַ טעם פון בית־הקברות האָט עס געהאַט". האָט דער לעצטער געזאָגט צו זיי: „און אויף דעם וואונדערט איר זיך? אויך דער מאַן, דער בעל־הבית פון הויז, — ניט זיין טאַטנס זון איז ער". אַז דער מאַן האָט געהערט די ווערטער, האָט ער געזאָגט: „איינס איז אמת, אָבער דריי זיינען ליגן".

אין דער פרי איז ער אויפגעשטאַנען, איז אַוועק צום קצב און האָט געזאָגט צו אים: „גיב מיר פון דעם פליש וואָס דו האָסט מיר געגעבן נעכטן אין אָוונט". האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב ניט". האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס פאַר אַ מין איז עס געווען?" האָט ער אים געזאָגט: „אַ זויגנדיק לעמעלע האָבן מיר געהאַט, און זיין מאַמע איז געשטאָרבן. האָבן מיר געהאַט אַ צויג, און דאָס לעמעלע האָט געזויגן פון איר. אין אָוונט האָבן מיר געהאַט אַ מאַנגל אין פליש, און דו ביסט געקומען און געוואָלט [קויפן]; האָבן מיר קיין אַנדערס ניט געהאַט, און מיר האָבן דיר געגעבן פון דעם". האָט ער געזאָגט: „צוויי זיינען אמת און צוויי — ליגן".

איז ער אַוועק צום שענקער און האָט געזאָגט צו אים: „גיב מיר פון יענעם וויין וואָס דו האָסט מיר געגעבן אין אָוונט". האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב ניט". האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס פאַר אַ מין וויין איז עס געווען?" האָט ער אים געזאָגט: „מיר האָבן געהאַט אַ וויינשטאָק, וואָס איז געשטאַנען איבערן טאַטנס קבר; האָב איך אויסגעפּרעסט דעם וויין און אים אַריינגעטאָן אין אַ פעסל. האָט אונדז אויסגעפעלט וויין; און דו ביסט געקומען און געוואָלט [קויפן], און מיר האָבן ניט געהאַט. האָבן מיר דיר געגעבן פון דעם". האָט ער געזאָגט: „דריי זיינען אמת און איינס — אַ ליגן".

איז ער אַוועק צו זיין מאַמען און געזאָגט צו איר: „וועמעס זון בין

ארבעה מירושלים אתו לאתינא; איתקבלון גבי חד בר נש. לרמשא עבד לון ארסטוון. מן דאכלון ושתון, אתקין להון ארבע ערסאתא, וחדא מנהון פחיתא וסמיכה אגב חברתא. מן דקמו להון למידמך, אמר: „שמעית, דבני ירושלם חכימין אינון סגין; אשמע מילא מנהון מה דיימרון". על ודמך לגוא מנהון. קם בלילה ההוא דהוה דמיך על ערסא פחיתא ואמר לון: „מה אתון סבירין, על ערסא אנא דמיך? לית אנא דמיך, אלא אארעא, ואנא תלי". אמר לון חורן: „אף בישרא דאכלינן ברמשא, טעם כלבא הוה ביה". אמר לון חורן: „אף חמרא דשתינן ברמשא, טעים קברא הוה ליה". אמר לון חורן: „ועל אילין אתון תמהין? אף גברא, דהוא מריה דבייתא, לית הוא בריה דאבוה". כיון דשמע גברא מיליא, אמר: „חד קושטא ותלת שיקרא".

קם ואזל מצפרא לגבי טבחא. א"ל: „הב לי מבשרא דיהבית לי ברמשא". א"ל: „לית לי". א"ל: „ומה הוא עסקיה?" א"ל: „חדא אימרא הוה לן והוה ינקא, ומיתה אימה. והוה לן חדא כלבתא, והוה אימרא יניק מינה. ברמשא אצטמטמינן לבישרא, ואתית בעי; ולא הות לן חורי, ויהבינן לך מינה". אמר: „תרין קושטא ותרין שקרא".

אזל גבי קפילא, א"ל: „הב לי מן ההוא חמרא דיהבת לי ברמשא". א"ל: „לית לי". א"ל: „ומה הוה עסקיה?" א"ל: „חד גופנא הוה לן, והוה נציבא על קבריה דאבונן; ועצריה ויהביניה בקופון. ואצטמטימתון לחמרא; ואתית בעי, ולא הוה לן. ויהבינן לך מיניה". אמר: „תלת קושטא וחד שקרא".

אזל לגבה דאימיה ואמר לה: „בריה דמאן אנא?" אמרה ליה: „בני, בריה דאבוך!" אמר לה: „אמרי לי קושטא, בריה דמאן אנא; ואין לא, אנא קטע ראשך". אמרה ליה: „ברי, אבוך לא הוה מוליד, ודחלית, דלא יסבון מדלי קריבוהי. בישי עבדית, דאזלית וזנית ואייתיתי יתך לכל עותרא ומדלא הדין?" אמר

---

איך?" האָט זי אים געזאָגט: „קינד מיינס, ביסט דיין טאַטנס זון". האָט ער געזאָגט צו איר: „זאָג מיר דעם אמת, וועמעס זון בין איך; אַז ניט, האַק איך דיר אָפּ דעם קאָפּ!" האָט זי אים געזאָגט: „זון מיינער! דיין טאַטע האָט קיין קינדער ניט געקענט האָבן, און איך האָב מורא געהאַט, זיינע קרובים זאָלן ניט צונעמען מיין פאַרמעגן[3]. האָב איך שלעכט געטאָן, וואָס

איך בין אַוועק און מזנה געווען און דיך געבראַכט צו אַט דער גאַנצער עשירות און צו דעם פאַרמעגן?" האָט ער געזאָגט צו איר: „וואָס זעען מיר דאָ? די מענטשן פון ירושלים וועלן קומען און אונדז מאַכן פאַר ממזרים! קומט, לאָמיר אָפּמאַכן צווישן זיך, אַז מיר זאָלן קיינעם פון זיי [אין קיין הויז] ניט אַריינלאָזן".

ה

איינער פון ירושלים איז אַוועק צו אַ סוחר אין אַטען. איז ער געקומען און איז אויפגענומען געוואָרן אין אַן אכסניא. האָט ער געפונען די מענטשן וואָס זיינען דאָרט איינגעשטאַנען, ווי זיי זיצן און טרינקען וויין. אַז ער האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָט ער געוואָלט דאָרטן שלאָפן. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז מיר זאָלן ניט אויפנעמען אַ מענטשן אַן אורח, ביז ער וועט ניט מאַכן דריי שפּרונג". האָט ער זיי געזאָגט: „ווייס איך דען, ווי איר שפּרינגט? נייערט שטיי דו אויף און טו עס פאַר מיר, און איך וועל עס דיר נאָכטאָן". איז אויפגעשטאַנען איינער פון זיי און האָט אַ שפּרונג געטאָן און האָט זיך געפונען אין מיטן דער אכסניא; ער האָט אַ צווייטן שפּרונג געטאָן, און האָט זיך געפונען ביי דער טיר־עפענונג פון דער אכסניא; ער האָט אַ דריטן שפּרונג געטאָן, און האָט זיך געפונען אין דרויסן. האָט ער זיך אויפגעהויבן, פאַרקלאַפּט די טיר זיי אין פנים אַריין און געזאָגט צו זיי: „ביי אייער לעבן! וואָס איר האָט געוואָלט טאָן צו מיר, האָב איך געטאָן צו אייך".[1]

ו

איינער פון אַטען איז געקומען קיין ירושלים. האָט ער באַגעגנט אַ קינד. האָט ער אים געגעבן קליינגעלט און געזאָגט צו אים: „גיי און ברענג אונדז פייגן און ווינטרויבן". האָט ער אים געזאָגט: „אַ יישר כוח דיר! דו מיט דיין קליינגעלט און איך מיט מיינע פיס"[1]. אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געזאָגט צו אים: „נעם און צעטייל". האָט דאָס קינד גענומען און געלייגט פאַר זיך די שלעכטע, און די גוטע האָט ער צוגעבראַכט און געלייגט פאַר יענעם מענטשן. האָט ער געזאָגט: „ריכטיק זאָגט מען, אַז די קינדער פון ירושלים זיינען זייער קלוג. ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט פון זיין געלט ניט געגעבן, האָט ער זיך גענומען די שלעכטע און די גוטע האָט ער מיר געגעבן. אָבער קום, און לאָמיר וואַרפן גורל: אויב איך וועל גיין און עס וועט מיר אַרויסקומען פון דיר, וועל איך נעמען דאָס וואָס געפינט זיך פאַר דיר; און אויב עס וועט דיר אַרויסקומען, וועסטו נעמען וואָס עס ליגט פאַר מיר".[2] האָבן זיי אַזוי אָפּגעמאַכט צווישן זיך, און [דאָס קינד] האָט גענומען וואָס יענער האָט געהאַט.

ז

איינער פון אַטען איז געקומען קיין ירושלים. האָט ער באַגעגנט אַ קינד. האָט ער אים געגעבן קליינגעלט און געזאָגט צו אים: „גיי און געפין און

לה: „מה אנן חמיין הכא? ייתון בני ירושלם ועבדון לן ממזרין! תו נעביד בינינן, דלא נקבל חד מנהון.

ה

חד מירושלם אזל גבי תגרא באתינס. אתא איתקבל בחנות. אשכח בני נשי שרון יתבין ושתיין חמרא. מדאכל ושתה, בעי מדמוך תמן. אמרין ליה: „עבדין בינן, דלא נקבל בר נש אכסנאי, אלא עד דקפץ תלת קפיצין״. אמר לון: „ומי אנא ידע, איך אתון קפיצין? אלא קום עביד קודמוי, ואעבד אנא בתרך כוותך״. קם חד מנהון וקפץ, ואשתכח במצעי דחנות; וקפץ אוחרן, אישתכח על תרעא פומא דחנותא; קפץ אוחרן, ואישתכח לברא. קם וטרד תרעא באפיהון, אמר לון: „חייכון, מה דבעיתו למיעבד לי עבדית לכון״.

ו

חד מאתינס אתא לירושלם; אשכח חד ינוקא. יהב ליה פריטין ואמר ליה: „זיל ואייתי לן תאינין ועינבין״. אמר ליה: „יישר חילך! את בפרוטך ואנא ברגלי״. מן דאתא, אמר ליה: „סב פלג״. נסב מינוקא ויהיב קומי דידיה בישין, וטבייא הוה מייתי ויהב קומי דההוא גברא. אמר: „טבאות אינון אמרין, דבני ירושלם חכימין אינון סגיא. מן בגין דהוה ידיע, דלא יהב פריטין מן דידיה, נסב ליה בישא וטבאתא יהב קומיה דההוא גברא. אלא תא נעביד גאוזין: אי אנא אזיל ואתי לי גבך, אנא נסיב מאן דאית קמך; ואין אתי לך, מה דאית קדמוי את נסיב״. ועבדין ביניהון, ונסב מה דהוה ליה.

ז

חד מאתינס אתא לירושלם. אשכח חד מינוקא ויהיב ליה פריטין; א״ל: „זיל ואשכח ואייתי לי מה דאכול ואשבע ויותר

---

ברענג מיר עפּעס, וואָס איך זאָל אָפּעסן און זאַט ווערן, און עס זאָל נאָך בלייבן, אַז איך זאָל מיטנעמען אין קרעטשמע אַריין״.[1] איז ער אַוועק און

---

[3] אויב דער מאַן וועט שטאַרבן אָן קינדער.

[1] משמעות, אַז אַלע זיינען נאָכגעגאַנגען זען, ווי ווייט ער שפּרינגט (מתנות כהונה).

[1] פונעם וואָרט „אונדז„ האָט דאָס קינד פאַרשטאַנען, אַז יענער מיינט די פרוכט פאַר ביידן. [2] אין יעדן פאַל וועט דאָס קינד געווינען; דאָס האָט אים דער מאַן אָפּגעצאָלט פאַר זיין פיינקייט.

[1] אין בובערס אויסגאַבע איז דער נוסח לאורחא — אין וועג אַריין.

האָט אים געבראַכט זאַלץ. האָט יענער געזאָגט צו אים: „זאַלץ האָב איך דיר געהייסן ברענגען?" האָט ער אים געזאָגט: „האָסטו מיר ניט אזוי געזאָגט: „גיי ברענג מיר עפּעס, וואָס איך זאָל אָפּעסן און זאַט ווערן און איבערלאָזן, אַז איך זאָל מיטנעמען אין קרעטשמע אַריין"? ביי דיין לעבן! ס'איז דאָ אין דעם געווּרג, אַז דו זאָלסט עסן און זאַט ווערן און איבערלאָזן און מיטנעמען אין קרעטשמע אַריין".

ח

איינער פון אַטען איז געקומען קיין ירושלים. האָט ער געפונען אַן אַרויסגעוואָרפענעם שטייסל. האָט ער אים גענומען און אַוועקגעטראָגן צו אַ שניידער און געזאָגט צו אים: „שניידער מיר צונויף דעמדאָזיקן צעבראָכענעם שטייסל". האָט יענער אים אַרויסגעטראָגן אַ פולן הויפן זאַמד און אים געזאָגט: „דריי מיר צעגויף דערפון פעדים, וועל איך עס דיר צונויפשניידערן".

ט

איינער פון אַטען איז געקומען קיין ירושלים. האָט ער באַגעגנט אַ קינד. האָט ער אים געגעבן קליינגעלט און געזאָגט צו אים: „גיי ברענג מיר אייער און קעזן". אַז ער איז געקומען, האָט ער געזאָגט צו אים: „ווייז מיר, וועלכער קעז איז פון אַ ווייסער ציג און וועלכער — פון אַ שוואַרצער ציג". האָט ער אים געזאָגט: „דו ביסט אַן אַלטער מאַן, טאָ ווייז מיר דו, וועלכעס איי איז פון אַ ווייסער הון און וועלכעס — פון אַ שוואַרצער!"

י

איינער פון אַטען איז געקומען קיין ירושלים. האָט ער באַגעגנט אַ כוהן און געזאָגט צו אים: „אַ לאַד שפּענער — וויפיל רויך מאַכן זיי אַן?" האָט ער אים געזאָגט: „אַז ס'איז נאַס, ווערט עס אינגאַנצן רויך; אַז ס'איז טרוקן, ווערט אַ דריטל רויך, אַ דריטל אַש און אַ דריטל ברענענדיק פייער". — פון וואַנען האָט ער עס אַרויסגעלערנט? פון דעם צוגעריכטן האָלץ [אויפן מזבח].

יא

איינער פון אַטען איז געקומען קיין ירושלים. איז ער אַריין אין אַ לערן הויז און האָט דאָרט געפונען קינדער זיצנדיק, און זייערע רביים זיינען דאָרט ניט געווען מיט זיי. האָט ער זיי געשטעלט פראַגעס, און זיי האָבן געענטפערט. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „קום, לאָמיר אָפּמאַכן צווישן זיך, אַז דער וואָס פרעגט אַ פראַגע און איז מנצח דעם צווייטן, זאָל מען אַוועקנעמען פון אים זיינע בגדים". האָט ער זיי געזאָגט: „יאָ". האָט ער געזאָגט: „איר, ווייל איר זענט היגע, דאַרפט זיין די ערשטע [צו ענטפערן]". האָבן זיי געזאָגט צו אים: „דו ענטפער צוערשט, ווייל דו ביסט אַן אַלטער מאַן".[1]

[1] אין אַנדערע אויסגאַבן איז דער נוסח פאַרקערט: האָבן זיי געזאָגט צו אים: „פרעג דו, ווייל דו ביסט אַן אַלטער מאַן". האָט ער געזאָגט: „ווייל איר זענט היגע, דאַרפט איר פריער פרעגן פון מיר".

ואיסב לאסטרטא״. אזל הוא ואייתי ליה מילחא. אמר ליה: „מלחא אמרי לך דתייתי לי?״ א״ל: „ולא כן אמרת לי: זיל אייתי לי מה דניכול ונשבע ונותיר ואיסב לאסטרטא? חייך, אית ביה דתיכול ותשבע ותותיר ותיסב לאסטרטא״.

ח

חד מאתינס אתא לירושלם. אשכח חד מדוכא מטלקא. נסביה ואובליה גבי חייטא; א״ל: „חייט לי הדין מדוכא תבירא״. אפיק ליה איהו מלא קומציה חלא; אמר ליה: „שזור לי חוטין, ואנא חייט ליה״.

ט

חד מאתינס אתא לירושלם. אשכח חד מינוקא. יהב ליה פריטין; אמר ליה: „זיל ואייתי בעין וחובצין״. מן דאתא אמר ליה: „אחמי לי, אידא היא חובצא דעיזא חיורתי, ואידא היא דעיזא אוכמתי״. א״ל איהו: „את גבר סב, ואחמי לי את, אידא היא ביעתא דתרנגולתא חיורתי, ואידא היא דאוכמתי״.

י

חד מאתינס אתא לירושלם. אשכח חד כהנא; א״ל: „מובלא דקיסין כמה עבדין תנן?״ א״ל: „כד רטיבה, הוה כולן תנן; כד יבישה היא, תלתא תנן ותלתא קטם ותלתא אשא אכלה״. מן הין יליף לה? מעצי המערכה.

יא

חד מאתינס אתא לירושלם. על לבי ספרא, אשכח מינוקיא דיתבון תמן, ורביהון לא הוה תמן גביהון. הוה שאול לון, והינון מגיבין. אמרין ליה: „תא נעביד בינינן, דכל דשאיל שאלתא ונצח לחבריה, דנסבין ליה מנוי״. אמר לון: „אין״. אמר: „אתון, דבני אתרא, מקדמין ליה״. אמרין ליה: „אמור את, דאת גבר סב״. אמרין ליה: „הדין מיליא, מה אינון? תשעה נפקין, ותמניא עללין; ותרין מזגין, וחד שתי; ועשרים וארבעה משמשין״. ולא יכיל מגיב לון, ונסבין מנוי. אתא לגבי ר׳ יוחנן רביהון; א״ל:

---

און זיי האָבן געזאָגט צו אים: „וואָס זיינען דידאָזיקע זאַכן: ניין גייען אַוועק, און אַכט קומען אָן; צוויי גיסן אָן, און איינער טרינקט; און פיר־און־צוואנציק באַדינען״. האָט ער זיי ניט געקענט ענטפערן, און זיי האָבן צוגענומען זיינע בגדים. איז ער געקומען צו זייער רבין, ר׳ יוחנן, און האָט געזאָגט צו אים: „ווי, רבי, וועגן דער דאָזיקער גרויסער שלעכטס וואָס

געפינט זיך ביי אייך! אַז עס קומט אַ מענטש אַן אורח צווישן אייך, נעמט איר צו זיינע בגדים!" האָט ער אים געזאָגט: „אפשר האָבן זיי דיך עפּעס געפּרעגט, און דו האָסט זיי ניט געקענט ענטפערן, האָבן זיי צוגענומען דיינע בגדים?" האָט ער געזאָגט צו אים: „יאָ". האָט ער געזאָגט: „און וואָס האָבן זיי דיך געפרעגט?" האָט ער געזאָגט צו אים: „אזוי און אזוי האָבן זיי מיך געפרעגט". האָט ער אים געזאָגט: „מיין זון!, די ניין וואָס גייען אַוועק זיינען די ניין חדשים פון טראָגן; אַכט קומען אָן, דאָס זיינען די אַכט טעג פון דער באַשניידונג; און צוויי גיסן אָן, דאָס זיינען די צוויי בריסט, וואָס זיי ביידע גיסן אָן; און איינער טרינקט, דאָס איז דאָס ביי געבוירענע קינד; און פיר־און־צוואַנציק באַדינען, דאָס זיינען די פיר־און־צוואַנציק זויג חדשים". גלייך איז ער אַוועק און האָט זיי געענטפערט, און האָט אָפּגענומען זיינע קליידער. האָבן זיי געלייענט אויף אים דעם פסוק (שופטים יד, יח): לולא חרשתם — ווען איר וואָלט ניט געאַקערט מיט מיין קאַלב, וואָלט איר ניט געטראָפן מיין רעטעניש.

יב

איינער פון אַטען איז געקומען קיין ירושלים. האָט ער זיך דאָרט געזאָמט דריי און אַ האַלב יאָר כדי זיך אויסצולערנען דאָס לשון פון חכמה, אָבער ער האָט זיך ניט אויסגעלערנט. אין דריי און אַ האַלב יאָר אַרום האָט ער געקויפט אַ קנעכט, — ערשט ער איז גאָר בלינד [אויף איין אויג]. האָט ער געזאָגט: „נאָך דריי און אַ האַלב יאָר [לערנען חכמה] האָב איך קוים איינגעקויפט אַ בלינדן קנעכט!" האָט אים [דער פאַרקויפער] געזאָגט: „ביי דיין לעבן! ער איז זייער שטאַרק קלוג, און ער זעט פון ווייטן".

אַז זיי זיינען אַרויס פון טויער, האָט דער קנעכט געזאָגט צו אים: „אייל צו, כדי מיר זאָלן גרייכן דעם קאַראַוואַן"[1]. האָט ער אים געזאָגט: „איז דען פאַראַן אַ קאַראַוואַן פאַר אונדז?" האָט ער געזאָגט צו אים: „יאָ; און ס'איז פאַראַן פאַר אונדז אַ זי־קעמל, בלינד אויף איין אויג[2] און זי איז טראָגעדיק מיט אַ צווילינג. און זי איז געלאָדן מיט צוויי לאָגלען, איינער מיט ווייַן און איינער מיט ווייַן־עסיק. און זי איז ווייט פון אונדז פיר מייל, און דער קעמל־טרייבער איז אַ גוי". האָט ער אים געזאָגט: „אָ, פאָלק מיטן צעבראָכענעם נאַקן[3]! מיט איין אויג, — פון וואַנען ווייסטו, אַז זי איז בלינד אויף איין אויג?" האָט ער געזאָגט צו אים: „איך זע, אַז אויף איין זייט וועג איז [דאָס גראָז] אָפּגעגעסן און אויף דער צווייטער זייט ניט". „און אַז זי איז טראָגעדיק מיט אַ צווילינג פון וואַנען ווייסטו?" האָט ער געזאָגט צו אים: „זי האָט זיך געהאַט אַוועקגעלייגט, און איך זע דאָס אָרט

[1] ווערטערלעך: באַגלייטונג. [2] לויטן רד"ל, וואָס הייסט לייענען אנשטאט פּרגא (אַ וואָרט וואָס אַלע מפרשים מאַטערן זיך איבער דעם) — עינא (דער מתנות כהונה האָט געהאַט פאַר זיך אַן אַלטן ספר, אין וועלכן דאָס וואָרט פּרגא איז אינגאַנצן ניט געווען). [3] אַ חוזק פאַראַפראַזע פון הארטנעקיק פאָלק (אין מאַנכע אויסגאַבן שטייט טאָקע קשי קדל).

„אהה, רבי, כל הדא בישתא רבתא אית גביכון! דכד אתא בר נש אכסניא לביניכון, אתון נסבין מנוי!" א"ל: „דלמא מילא אמרון לך ולא יכלת מגיב להון, ונסיבין מניך?" א"ל: „אין". אמר: „ומה אמרון לך?" א"ל: „כן וכן אמרון לי". א"ל: „בני, תשעה נפקין, אילין ירחי דביטנתא דילידתא; ותמניא עללין, תמניא יומין דגזירתא; ותרין מזגין, אילין תרין דדא, דתרויהון מזגין; וחד שתי, הוא מינוקא דאתיליד; ועשרין וארבעה משמשין, — עשרים וארבעה ירחי מינקותא". לאלתר אתא ומגיב לון ונסב מנוי. וקרון עליה (שופטים י"ד): לולא חרשתם בעגלתי לא מצאתם חידתי.

יב

חד מאתינס אתא לירושלם. עבד תלת שנין ופלג למילף לישן דחוכמתא, ולא יליף. בתר תלת שנין ופלג זבין חד עבד, והוא עויר. אמר: „בתר תלת שנין ופלג זבנית עבד עויר!" א"ל: „חייך, דהוא חכים טפי סגי וצפי מרחוק."

מן דנפקון מן פילי, א"ל: „גוד, דנמטי לוייתא". א"ל: „ואית לוייתא קומינן?" אמר ליה: „אין; ואית קומינן אנקא חדא עוירא בחדא (פרגא) [עינא], ובטנה תרין, וטעניה תרין זיקין, חד דחמר וחד דבסים. ורחוקה ארבע מילין, וגמלא עמם". א"ל: „עמא דתביר קדל! בחדא עינא, מנן את ידע, דהיא סמיא מחד עינא?" אמר ליה: „חמי, דחד גבה דאורחא ריע וחד לא ריע". „ודבטנה תרין, מנן את ידע?" א"ל: „רבעית לה, וחמיתא אתריהון דתרויהון". א"ל: „מנן את ידע, דטעינה תרין זיקין, חד דחמר וחד דבסים?" א"ל: „מן מטפייתא: דחמרא ספיג, ובסימא תסיס". „דגמלא עמם, מנן את ידע?" „דאישתון במיסוון דאורחא, ויהודאי לא מישתין במיסוון דאורחא, אלא בחד זוייא". „ורחקא ארבעה

---

פון זיי ביידן". האָט ער אים געזאָגט: „און פון וואַנען ווייסטו, אַז זי איז געלאדן מיט צוויי לאָגלען, איינער מיט ווין און איינער מיט ווין־עסיק?" האָט ער געזאָגט צו אים: „פון די טראָפּנס: די וואָס פון ווין זיינען איינגעזאַפּט און די וואָס פון ווין־עסיק יוירן". „אַז דער קעמל־טרייבער איז אַ גוי, פון וואַנען ווייסטו?" „ווייל ער האָט משתין געווען אין מיטן וועג, און יידן זיינען ניט משתין אין מיטן וועג, נייערט אין אַ ווינקל". „און אַז זי איז ווייט פיר מייל, פון וואַנען ווייסטו?" האָט ער געזאָגט צו אים: „ביז פיר מייל איז אַ קעמלס קלוי קענטיק; ווייטער פון דעם איז ער ניט קענטיק".

## יג

איינער פון אַטען איז געקומען קיין ירושלים, און ער האָט שטאַרק חוזק געמאַכט פון די ירושלימער איינוואוינער. האָבן זיי געזאָגט: „ווער וועט גיין און אים ברענגען צו אונדז?" האָט איינער געזאָגט צו זיי: „איך וועל גיין און אים ברענגען מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ". איז דער ירושלמי אַוועק קיין אַטען און איז אויפגענומען געוואָרן פון יענעם מענטשן. אין דער פרי זיינען זיי ביידע אַרויס שפּאַצירן אויפן מאַרק פּלאַץ. האָט זיך אים צעריסן איינער פון זיינע סאַנדאַלן. האָט ער געזאָגט צו אַ בעל־מלאכה: „נעם דיר דעם טרעמיס [1] און פאַרריכט מיר דעם סאַנדאַל". האָט ער אים פאַרריכט. אויף מאָרגן זיינען זיי ביידע אַרויס שפּאַצירן אויפן מאַרק פּלאַץ, און דער צווייטער סאַנדאַל האָט זיך צעריסן. האָט ער געזאָגט צו אים: „נעם דיר דעם טרעמיס און גיי זע, אַז דער בעל־מלאכה זאָל מיר פאַרריכטן דעם סאַנדאַל מיינעם". האָט ער אים געזאָגט: „זיינען סאַנדאַלן אזוי טייער ביי אייך?" האָט ער געזאָגט צו אים: „יאָ". האָט ער אים געזאָגט: „וויפל דינאַר?" האָט ער געזאָגט צו אים: „ניין, אָדער צען דינאַר; און אַז זיי זיינען ביליק, איז זיבן אָדער אַכט דינאַר". האָט ער אים געזאָגט: „אַז איך וועל קומען צו אייך מיט דער סחורה, וועסטו עס מיר פאַרקויפן?" האָט ער געזאָגט צו אים: „יאָ, אָבער דו זאָלסט ניט אַריינגיין אין שטאָט אָן מיין וויסן".

אַז ער האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, האָט ער געקויפט אַ פּאַרטיע סאַנדאַלן, איז אַוועק און איז אָנגעקומען קיין ירושלים און האָט זיך געזעצט אין דער טויער עפענונג פון דער שטאָט. ער האָט געשיקט נאָך יענעם, און ער איז געקומען. אַז ער איז געקומען האָט ער געזאָגט צו אים: „מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן אונדז, אַז קיין מענטש זאָל ניט אַריינקומען פאַרקויפן זיין סחורה, סיידן זיין קאָפּ איז אָפּגעגאָלט און זיין פּנים איז אָפּגעשוואַרצט". האָט ער אים געזאָגט: „וואָס פאַראַ שאָדן וועל איך האָבן, אַז איך וועל אָפּגאָלן מיין קאָפּ און פאַרקויפן מיין סחורה?" אַז ער האָט זיך אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ, האָט אים יענער גענומען און אַוועקגעזעצט אין מיטן מאַרק. און אַז אַ מענטש איז געקומען קויפן פון אים סאַנדאַלן און האָט אים געפרעגט, ווי טייער איז אַ פּאָר סאַנדאַלן, האָט ער אים געזאָגט: „[פאַראַן] פּאָר צען דינאַר און פּאָר ניין; אָבער איך וועל ניט אַרונטערלאָזן פון אַכט דינאַר". און אַז יענער האָט דאָס געהערט, האָט ער אים אַ קלאַפּ געטאָן מיטן סאַנדאַל אין קאָפּ און איז אַוועק און ניט געקויפט. האָט ער אים געזאָגט: „האָב איך דיך אזוי שלעכט באַהאַנדלט, ווען דו ביסט געווען אין מיין מקום?" האָט ער געזאָגט צו אים: „פון היינט און ווייטער זאָלסטו מער קיין חוזק ניט מאַכן [2] פון קיין ירושלימער איינוואוינער [3].

[1] אַ רוימישע מטבע — אַ צו הויכער פּרייז פאַר פאַרריכטן אַ סאַנדאַל. [2] לא תפלי, זאָלסט ניט איבערקליגערן, חוזק מאַכן, ווי צום אָנהייב פון דער מעשה: והוה מפלי.
[3] אין טעקסט געפינט זיך דאָ אַ צוגאָב דערקלערונג פון אַן איבערשרייבער, וואָס זאָגט, אַז דאָס וואָרט תפלי באַדייט נאָכזוכן, און ער שטיצט זיך אויפן פּסוק (דברים כד, כ): לא תפאר (זאָלט ניט נאָכזוכן), וואָס דער תרגום אונקלוס מאַכט אויף דעם לא תפלי.

מילין, מנן את ידע?" אמר ליה: „עד ארבעה מילין פרסתיה דגמלא מינכרא, מכאן ולהלן לית הוא מינכרא".

יג

חד מאתינס אזל לירושלים, והוה מפלי בבני ירושלם סגיא. אמרין: „מאן ייזיל ומייתי ליה גבן?" אמר לון חד: „אנא איזיל ואייתי ליה, ורישיה גריע". אזל ירושלמי לאתינס, איתקבל גבי ההוא גברא. לצפרא נפקין תרוייהון לטיילא בשוקא; אפסיק חד סנדליה. א"ל לאומנא: „סב לך טרימיסא הדין ועבדיה לי הדין סנדלא". עבדיה ליה. למחר נפקין תרויהון לטיילא בשוקא; איפסיק סנדלא חוריתא. א"ל: „סב לך הדין טרימיסא וזיל ועבדיה ליה באומנא להדין סנדלא דילי". א"ל: „וכל הדין יקירין סנדליא גביכון?" א"ל: „אין". א"ל: „מכמה דינרין?" א"ל: „מתשעה ומעשרה דינרין; וכד אינון זילין, משבעה ומשמנה דינרים". א"ל: „אי אתינא לגביכון בהדא סחורתא, מזבנת יתיה לי?" א"ל: „אין; אלא דלא תיעול למדינתא, בר מדעתי".

כמה דעביד עבידא וזבין סחורתא דסנדליא, אזל ליה, סלק לירושלם ויתיב על תרע פילי דמדינתא. שלח בתריה ואתא. כיון דאתא, א"ל: „עבדינן בינינן, דלא ייעול בר נש למזבנא זבינוהי, אלא אם כן רישיה גריע ושיחרור אפוי". א"ל: „ומה אנא מנזק, דאנא גרע ראשי ואזבין עבדתי?" מן דגרע רישיה, נסביה ואותביה במיסוון דשוקא. וכד הוה בר נש אתי למיזבן מיניה סנדלא, א"ל: „הדין סנדלא, זוגא בכמה הוה?" א"ל: „מן י' דינרין, או מן ט' דינרין; ברם לית אנא פחית מתמניא דינרין". וכד הוה שמע, הוה טפח ליה על רישיה בסנדלא, ואזיל ליה ולא זבין. א"ל: „כל הדא בישתא שלמית לך, כד הוית באתראי?" א"ל: „מכאן ולהבא לא תפלי בבני ירושלים". (תפלי לשון בדיקה הוא; לא תפאר אחריך תרגומו: לא תפלי בתרך.)

יד

חד כותאי עבד נפשיה מפשר חלמין. שמע רבי ישמעאל בר' יוסי ואמר: „לית אנא איזיל ואחמי הדין טפשא דליבא, כותאה

---

יד

איינער אַ כותי [1] האָט זיך געמאַכט פאַר אַ פותר חלומות. האָט עס געהערט ר' ישמעאל דער זון פון ר' יוסין און ער האָט געזאָגט: „זאָל איך

ניט גיין זען אָט דעם נאַרישן קאָפּ [2], דעם כותי, וואָס מאַכט חוזק פון מענטשן?״ איז ער אַוועק און האָט זיך געזעצט לעבן אים. איז געקומען איינער און אים געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, ווי אַן איילבערטבוים ווערט אָנגעטרונקען מיט בוימל״. האָט אים דער כותי געזאָגט: „אַן איילבערטבוים באַטייט ליכטיקייט, און בוימל באַטייט ליכטיקייט; דו וועסט זען ליכטיקייט אויף ליכטיקייט״. האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט צו אים: „זאָל דיר די נשמה אַרויס! זיין מאַמען האָט ער דערקענט [3]!״ איז געקומען אַן אַנדערער און אים געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, ווי איין אויג מיינס האָט איינגעשלונגען דאָס צווייטע״. האָט יענער געזאָגט צו אים: „דו וועסט זען ליכטיקייט אויף ליכטיקייט״. האָט ר׳ ישמעאל דער זון פון ר׳ יוסין געזאָגט צו אים: „זאָל דיר די נשמה אַרויס! צוויי קינדער האָט ער, און איינס פון זיי האָט דערקענט דאָס צווייטע״.

נאָך איינער איז געקומען און אים געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, ווי איך האָב איינגעשלונגען אַ שטערן״. האָט ער אים געזאָגט: „דו וועסט זען אַ סך ליכטיקייט: דער שטערן איז ליכטיקייט און דו ביסט ליכטיקייט [4], איז עס ליכט אויף ליכט״. האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט צו אים: „זאָל דיר די נשמה אַרויס! אַ יידן האָט ער געהרגעט״. און פון וואַנען האָט עס ר׳ ישמעאל אַרויסגעלערנט? פון אָט דעם פסוק (בראשית טו, ה): הבט נא — טו נאָר אַ קוק צום הימל און צייל די שטערן [5]. אַן אַנדערער איז געקומען און געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, אַז איך האָב דריי אויגן״. האָט ער אים געזאָגט: „דו וועסט זען אַ סך ליכטיקייט״. האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט צו אים: „זאָל דיר די נשמה אַרויס! אַ בעקער איז ער, — צוויי [אויגן] זיינען זיינע און דאָס דריטע איז דער אויוון״. נאָך איינער איז געקומען און אים געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום פיר אויערן, און גאָר דאָס פאָלק הערט זיך צו צו מיינע רייד״. האָט ער אים געזאָגט: „דו וועסט זיך שטאַרק לאָזן הערן״.[6] האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט צו אים: „זאָל דיר די נשמה אַרויס! ער איז אַ דערנער קלייבער, און ווען ער טראָגט זיי, אַנטלויפן אַלע פון פאַר אים״. אַן אַנדערער איז געקומען און אים געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, ווי איך האָב געטראָגן אַ רעכנבוך וואָס האָט געהאַט פיר־און־צוואַנציק בלעטער, און ס׳איז געווען דאָ געשריבן און דאָ געמעקט, דאָ געשריבן און דאָ געמעקט״. האָט ער אים געזאָגט: „דער מענטש וועט עולה לגדולה זיין, און זיינע געשעפטן וועלן זיין גרויס, און ער וועט דאָ שרייבן און דאָ מעקן, דאָ שרייבן און דאָ מעקן״. האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט צו אים: „זאָל דיר די נשמה אַרויס! אַ בגד האָט ער מיט פיר־און־צוואַנציק לאַטעס; פאַרנייט ער דאָ, און עס רייסט זיך דאָרטן״.

נאָך איינער איז געקומען און אים געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, ווי איך טראָג אַ קרוג [7] מיט אַ בינטל סאַלאַט אינעווייניק״. האָט ער אים געזאָגט: „דו וועסט עולה לגדולה זיין״. האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט צו

דמפליא בברייתא?״ אזל ויתיב ליה גביה. אתא חד, א״ל: „חמית בחלמי זיתא משקה מישחא״. אמר ליה כותאי: „זיתא נהור ומשחא נהור את חמי נהור בנהור סגיא״. א״ל ר׳ ישמעאל: „תיפח רוחיה דההוא גברא! אימיה הוא חכים״ (פירוש: הוא בא על אמו). אתא חורן ואמר ליה: „חמית בחלמי עיני חד בלעה חברתה״. אמר ליה ההוא גברא: „את חמי נהור בנהור סגיא״. אמר ליה ר׳ ישמעאל ברבי יוסי: „תיפח רוחיה דההוא גברא! תרין בנין אית ליה, וחד מנהון חכים לחבריה״.

אתא חורן ואמר ליה: „חמית בחלמי ובלעית חד כוכב״. אמר ליה: „ההוא גברא חמי נהור סגיא, — כוכבא נהור, ואתה נהור, הא נהורא על נהורא״. א״ל ר׳ ישמעאל: „תיפח רוחיה דההוא גברא! יהודאה קטל״. ומן הן יליף ר׳ ישמעאל? מן הדין קרייה (בראשית ט״ו): הבט נא השמימה וספור הכוכבים. אתא חורן ואמר ליה: „חמית בחלמי אית לי תלת עיינין״. אמר ליה: „ההוא גברא חמי נהור סגיא״. אמר ליה רבי ישמעאל: „תיפח רוחיה דההוא גברא! אפיי הוא, — תרתין דידיה וחדא דתנורא״. אתא חורן ואמר ליה: „חמית בחלמי ארבעה אודנין, וכל עמא מציתין למלוי״. אמר ליה: „את שמיע סגיא״. אמר ליה ר׳ ישמעאל: „תיפח רוחיה דההוא גברא! מגבב כובין הוא, וכד הוא טעין להון, כל עמא ערקין מן קדמוי״. אתא חורן ואמר ליה: „חמית בחלמי דהוינא טעין חד פנקס, ובה עשרים וארבעה לוחין, והוה כתיב מן הכא ומחיק מן הכא, כתיב מן הכא ומחיק מן הכא״. א״ל: „ההוא גברא סליק לרבו, ויהוי עסקיה סגין, והוא כתיב מן הכא ומחיק מן הכא, כתיב מן הכא ומחיק מן הכא״. אמר ליה רבי ישמעאל: „תיפח רוחיה דההוא גברא! מרדעא אית ליה, ובה עשרים וארבע מרקעין; חייט ליה מן הכא ומתבזע מן הכא״.

אתא חורן וא״ל: „חזינא בחלמי, דאנא טעין (קניא) [קנקניא] וביה מיסרא דחסין״. א״ל: „ההוא גברא סליק לרבו״. אמר רבי

---

[1] איינער פון די שומרונים. [2] אין טעקסט טפשא דלבא — דאָס נאַרישע האַרץ. [3] אין טעקסט איז דאָ פאַראַן אַ צוגאָב דערקלערונג פון אַן איבערשרייבער: דער טייטש איז — ער האָט באַשלאָפן זיין מאַמען. [4] זיין נאָמען האָט, משמעות, באַדייט ליכטיקייט, ווי נהוראי, אָדער מאיר (מתנות כהונה). [5] און אברהמס קינדער ווערן דאָרט פאַרגליכן צו שטערן. [6] ער וועט באַרימט ווערן. [7] לויטן רד״ל, וואָס הייסט לייענען אנשטאט קניא, אַ צווייגל — קנקניא, אַ קרוג, און ר׳ ישמעאלס דערקלערונג פּאַסט זיך זייער גוט

אים: „זאָל דיר די נשמה ארויס! ער האָט אַ קעלער מיט וויין, און עס וועט אינגאַנצן ווערן עסיק. וועט די גאַנצע וועלט קומען און נעמען עס אין כלים געמאַכט פון מעלאָנען אויף איינצוזייערן דעם סאַלאַט".

אַן אַנדערער איז געקומען צו אים און געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, ווי אַלע מענטשן טיטלען אויף מיר מיט די פינגער". האָט ער אים געזאָגט: „דו מענטש וועסט עולה לגדולה זיין, און דאָס גאַנצע פאָלק וועט אָנווייזן אויף דיר מיט די פינגער". האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט צו אים: „באַצאָל מיר, און איך וועל דיר פותר חלום זיין". האָט ער אים געזאָגט: „ער האָט שוין פותר חלום געווען". נאָך אַ מאָל איז ער געקומען און אים געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, ווי דאָס גאַנצע פאָלק בלאָזן אָן אויף מיר זייערע באַקן און גיבן מיר אַ לויב מיט זייערע פינגער". האָט ער אים געזאָגט: „דו וועסט עולה לגדולה זיין, און דאָס גאַנצע פאָלק וועלן דיך לויבן מיט זייערע מיילער". האָט געזאָגט צו אים ר׳ ישמעאל: „זאָל דיר די נשמה אַרויס! אַ שפייכלער מיט ווייץ האָט ער; איז דאָס וואָס מע האָט געטייטלט אויף אים מיט די פינגער מיינט, אַז אַ רעגן איז געפאַלן אויף דעם; און דאָס וואָס מע האָט אָנגעבלאָזן אויף אים די באַקן מיינט, אַז דער ווייץ ווערט געשוואָלן; און דאָס וואָס מע האָט אים געלויבט מיט די פינגער מיינט, אַז אויפן ווייץ איז גראָז אָנגעוואַקסן,[8] און דערדאָזיקער מענטש וועט דערפון גאָרניט ניט האָבן".

טו

איינער אַ כותי האָט געזאָגט: „לאָמיך גיין זען דעם אַלטן יידן[1], וואָס מאַכט חוזק פון מענטשן". איז ער געקומען, זיך געזעצט לעבן אים און אים געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום פיר צעדערן און פיר סיקאָמאָרן, און אַ זאַק שטרוי, און אַן אָקס רייט אויף זיי". האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט צו אים: „זאָל דיר די נשמה אַרויס: די פיר צעדערן זיינען די פיר זייטנ־ברעטער פונעם בעט; די פיר סיקאָמאָרן זיינען די פיר פיס פונעם בעט; דער זאַק שטרוי, דאָס זיינען די שטריק פונעם בעט; און דער אָקס וואָס רייט אויף זיי איז די פעל [וואָס איז פאַרשפרייט אויפן] בעט אויף וועלכן דו שלאָפסט. און דו, מענטש, וועסט אַרויפגיין אויף דעם און ניט אַראָפּגיין מער".[2] און אזוי איז אים געשען.

אַן אַנדערער איז געקומען און אים געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום אַן איילבערטבוים בשעתן פלאַנצן". האָט ער געזאָגט צו אים: „דו, מענטש, וועסט זען אַ סך ליכטיקייט". אַן אַנדערער איז געקומען און געזאָגט: איך האָב געזען אין מיין חלום אַן איילבערטבוים בשעתן אַראָפּ־קלאַפּן [די איילבירטן]". האָט ער צו אים געזאָגט: „דו, מענטש, גרייט צו דיינע לענדן אויף קלעפּ"[3]. האָט ער אים געזאָגט: „רבי, יענעם האָסטו געזאָגט אזוי און מיר האָסטו געזאָגט אַנדערש". האָט ער געזאָגט צו אים: „זאָל דיר די נשמה אַרויס! יענער האָט געזען בשעתן פלאַנצן, און דו בשעתן אַראָפּקלאַפּן".

ישמעאל: „תיפח רוחיה דההוא גברא! אוצרא דחמרא אית ליה, ונפיק כוליה בסים; ואזיל כולי עלמא וייתוניה בגרביה לפום קרא למיכבשא ביה חסין".

אתא חורן ואמר ליה: „חמית בחלמי, דכל עלמא מחמין לי באצבעותיהן". אמר ליה: „ההוא גברא סליק לרבו, וכל עמא מחמין לך באצבעותיהון". אמר לו רבי ישמעאל: „הב לי אגרי, ואנא פתר לך". אמר ליה: „כבר פתיר הוא". אתא זימנא חורן, אמר ליה: „חמית בחלמי, דכל עמא מנפחין לי בלועיהון ומקלסין לי באצבעותיהן". אמר ליה: „ההוא גברא סליק לרבו, וכל עמא מקלסין לך בלועיהון". אמר ליה ר׳ ישמעאל: „תיפח רוחיה דההוא גברא! אוצר דחיטין אית ליה; וכד מחמיין ליה באצבעותיהון, דהוה דילפא נחית עליהון, וכד הוו מנפחין ליה בלועיהון, דאינון מנפחין; וכדו דמקלסין לך באצבעותיהון, דאינון מצמחין עשבין, ולית לההוא גברא מנהון כלום".

טו

חד כותאי אמר: „אנא אזיל וחמי חד סבא דיהודאי, דמפלין בברייתא". אתא, יתיב ליה גביה; אמר ליה: „חמית בחלמי ארבעה ארזין וארבעה שקמין ודור דתבן, ותורא רכיב עליהון". אמר ליה רבי ישמעאל: „תיפח רוחיה דההוא גברא! ארבעה ארזין — ארבעתי שולטתא דערסא; ארבעה שיקמין — ארבעת שיטותא דערסא; דור דתבן, הדא הוא חבלין דידיה; ותורא רכיב עליהון, הוא משכא דערסא דדמיך עלויה. וההוא גברא סליק עלה ולא נחית". וכן הוה ליה.

אתא חורן ואמר ליה: „חמית בחלמי זיתא בשעת נצבא". אמר ליה: „ההוא גברא חמי נהור סגין". אתא חורן ואמר ליה: „חמית בחלמי זיתא בשעת חבטא". ואמר ליה: „ההוא גברא תקן חרציה למחאתה" (פירוש: מכות). אמר ליה: „רבי, לדין אמרת כדין, ולי אמרת כדין". אמר ליה: „תיפח רוחיה דההוא גברא! דין חמא בשעת נצבא, ודין בשעת חבטה".

---

צו דעם נוסח. [8] דער ווייץ האָט אַרויסגעגעבן גרעזלעך פון זיך צוליב דער פייכטקייט.

[1] ר׳ ישמעאלן. [2] ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם חלום האָט ער אויסגעטראַכט, כדי זיך צו רייצן מיט אים, דעריבער האָט ער אים געשאָלטן. [3] אין טעקסט געפינט זיך דאָ אַ צוגאָב באַמערקונג פון אַן איבערשרייבער: מחאתה מיינט קלעפּ.

## טז

איינער פון ר׳ יוחננס [1] תלמידים איז געזעסן פאַר אים; האָט ער אים מסביר געווען אַן ענין, אָבער ער האָט עס ניט פאַרשטאַנען. האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס פאַרשטייסטו עס ניט?״ האָט ער אים געזאָגט: „דריי שלעכטע זאַכן האָב איך געזען די נאַכט [אין חלום], און איך ווייס ניט, וואָס זיי מיינען״. האָט ער געזאָגט צו אים: „זאָג מיר, וואָס איז עס״. האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, אַז מע האָט מיר געזאָגט: אין אדר וועסטו שטאַרבן און ניסן וועסטו ניט זען; און דו וועסט זייען, אָבער ניט שניידן״. האָט ער געזאָגט צו אים: „אַלע דריי זיינען צום גוטן: „אין אדר וועטו שטאַרבן״ — אין פראַכט פון דער תורה וועסטו שטאַרבן [2]; „און ניסן וועסטו ניט זען״ — קיין נסיונות וועסטו ניט זען; „און דו וועסט זייען אָבער ניט שניידן״ — וואָס עס וועט דיר געבוירן ווערן, וועסטו ניט באַגראָבן״.

אַן אַנדערער האָט אים געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, אַז איך האָב אויף מיין פוס קיין הויזן ניט געהאַט״. האָט ער געזאָגט צו אים: „ביי דיין לעבן! דאָס איז ניט צום שלעכטן, נאָר צום גוטן: עס וועט אָנ־קומען יום־טוב, און דו וועסט גאָרניט ניט האָבן״ [3]. פון וואַנען האָט עס ר׳ יוחנן אַרויסגעלערנט? — [פון די צוויי באַדייטונגען] פון רגל, [אַ פוס און אַ יום־טוב].

## יז

איינער אַ מענטש איז געקומען צו ר׳ יוסי בר חלפתא [1] און געזאָגט צו אים: „איך האָב געזען אין חלום, ווי מע האָט מיר געזאָגט: „שטיי אויף, גיי קיין קאַפּאַדאָקיע און נעם אָפּ דיין פאָטערס פאַרמעגן״. האָט ער געזאָגט צו אים: „איז דיין פאָטער אין זיין לעבן געווען אַמאָל אין קאַפּאַדאָקיע?״ האָט ער אים געזאָגט: „ניין״. האָט ער געזאָגט צו אים: „גיי און צייל אָפּ צוואַנציק באַלקנס אין [וואַנט פון] דיין הויז״. האָט ער אים געזאָגט: „ס׳איז ניטאָ קיין צוואַנציק״. האָט ער געזאָגט צו אים: „גיי און צייל זיי פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן ארויף, און וואו עס וועט זיך ענדיקן די צאָל פון צוואַנציק באַלקנס, דאָרטן וועסטו עס געפינען״. איז ער אַוועק און האָט אזוי געטאָן; און ער האָט געפונען זיין פאַרמעגן און איז רייך געוואָרן. — און פון וואַנען האָט עס ר׳ יוסי אַרויסגעלערנט? [פון

---

[1] לויט בובערס נוסח — ר׳ עקיבאס. [2] אדר — הידור. לויטן מהרז״ו (אין איינ־קלאַנג מיט אַ ראַנדבאַמערקונג אין טעקסט גופא) איז דער טייטש פון את מיית דו וועסט ווערן אַ מאַן, לויט דער באַדייטונג פונעם וואָרט מתים, מענער (דברים לג, ו; ישעיה ג, כה).

[3] און דאָס גוטע איז געווען אין דער הבטחה, אַז ער וועט דערלעבן דעם יום־טוב (מתנות כהונה). לויט בובערס אויסגאַבע דאַרף מען דאָ לייענען: ווען ס׳וועט קומען יום־טוב, וועסטו האָבן פעט פלייש צו עסן — דער אַנטבלויזטער פוס זאָל זיין אַ רמז אויף דעם, — סיי אויפן פלייש, סיי אויפן יום־טוב.

[1] לויט בובערס נוסח — צו ר׳ עקיבאן.

טז

חד מתלמידוי דרבי יוחנן הוה יתיב קומיה, מיסבר ליה ולא סבר. אמר ליה: „למה לית את סבר?" אמר ליה: „תלת מילין קשין חמית בהדין ליליא, ולית אנא ידע מה אינון". אמר ליה: „אימא לי, מה אינון". אמר ליה: „חמית בחלמי דאמרין לי: באדר את מיית, וניסן לית את חמי; וזרע ולא חצד". אמר ליה: „תלתיהון הן טבין: באדר את מיית, — בהידורה של תורה את מיית (פירוש: מתגבר); וניסן לית את חמי, — נסיונין לית את חמי; וזרע ולא חצד, — מה דילידית לית את קביר".

אמר לו חורן: „חמית בחלמי, דלא הוה ברגלי פטיש". אמר ליה: „חייך! לית הא בישא, אלא טבא, דמטי חגא, ולא הוה ליה לההוא גברא כלום". מן הן יליף רבי יוחנן? רגל ברגל.

יז

חד בר נש אתא לגבי רבי יוסי בר חלפתא, אמר ליה: „חמית בחלמי, דאמרין לי: קום סוק לקפודקייא, ואת נסיב פעלא דאבוך". אמר ליה: „ומי סליק ליה אבוך מן יומוי לקפודקייא?" אמר ליה: „לא". אמר ליה: „זיל מד לך עשרים שוריא בביתך". אמר ליה: „לית הינון עשרים". אמר ליה: „זיל מנינן מלעילא לתתא ומתתא לעילא, ובאתרא דישלם מנין עשרין שריין, תמן את משכח ליה". אזל ועבד כן, ואשכחיה לפעליה ואיעתר. ומן הן יליף ליה ר׳ יוסי? קפודקייא: כפא בלשון יון עשרים, דוקייא הן בלשון יון קורות.

יח

חדא אתתא אתת לגבי ר׳ אלעזר, אמרה ליה: „חמיית, דשריתא דביתא פקעה". אמר לה: „ההיא איתתא ילדה בר דכר". אזלת, וכן הוה לה. אזלת זמן חורן למשאליניה, אמרה ליה:

---

וואָרט] קאַפּאַדאָקיע: קאַפּאַ איז אויף גריכיש צוואַנציק און דאָקיאַ איז אויף גריכיש באַלקנס.

יח

איינע אַ פרוי איז געקומען צו ר׳ אלעזרן און אים געזאָגט: „איך האָב געזען [אין חלום], אַז דער באַלקן פון הויז האָט זיך צעשפּאָלטן". האָט ער געזאָגט צו איר: „דו, אישה, וועסט געבוירן אַ יינגל". איז זי אַוועק, און אַזוי איז עס איר געשען. אַ צווייט מאָל איז זי געקומען אים פרעגן און האָט אים געזאָגט: „דער באַלקן פון הויז האָט זיך צעשפּאָלטן". האָט ער

געזאָגט צו איר: „דו וועסט געבוירן אַ ייִנגל". איז זי אַוועק, און אַזוי איז עס איר געשען. ווידער איז זי געקומען, צום דריטן מאָל, האָט זי געטראָפן זיינע תלמידים זיצנדיק אין לערן־הויז, און זייער רבי איז דאָרט ניט געווען. האָט זי זיי געזאָגט: „וואו איז אייער רבי?" האָבן זיי געזאָגט צו איר: „וואָס ווילסטו פון אים?" האָט זי זיי געזאָגט: „אפשר זענט איר אַזוי קלוג ווי אייער רבי, מיר פּותר צו זיין דעם חלום וואָס איך האָב געזען?" האָבן זיי געזאָגט צו איר: „זאָג אונדז וואָס דו ווילסט, און מיר וועלן דיר פּותר זיין". האָט זי זיי געזאָגט: „איך האָב געזען אין מיין חלום, אַז דער באַלקן פון הויז האָט זיך צעשפּאָלטן". האָבן זיי געזאָגט צו איר: „דיין אַזיקע אישה וועט באַגראָבן איר מאַן". אַז זי איז אַרויס פון זיי, האָט זי אָנגעהויבן יאָמערן. האָט עס דערהערט ר׳ אלעזר[1]; האָט ער געזאָגט צו זיי: „פאַרוואָס יאָמערט דיין אַזיקע פרוי?" האָבן זיי אים געזאָגט: „דיין אַזיקע פרוי איז געקומען דיך פרעגן, און זי האָט דיך ניט געטראָפן". האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים: „וואָס איז דיין אַזיקע פרוי געקומען פרעגן?" האָבן זיי אים געזאָגט: „איר פּותר חלום צו זיין". האָט ער געזאָגט צו זיי: „און וואָס האָט איר איר געזאָגט?" האָבן זיי אים געזאָגט: „אַזוי און אַזוי". האָט ער געזאָגט צו זיי: „איר האָט אומגעבראַכט אַ מענטשן! שטייט דען ניט אַזוי געשריבן (בראשית מא, יג): ויהי — און עס איז געווען, אַזוי ווי ער האָט אונדז באַשיידט, אַזוי איז געשען? און האָט ניט אַזוי ר׳ יוחנן געזאָגט: דער חלום גייט נאָך נאָכן באַשייד זיינעם, אויסער [ווען עס איז] וועגן ווייַן, וואָס אַמאָל טרעפט, אַז מע טרינקט אים [אין חלום], און ס׳איז צום גוטן, און אַמאָל טרינקט מען אים, און ס׳איז צום שלעכטן"?

ר׳ אבהו האָט געזאָגט: חלומות — ניט זיי דערהויבן, ניט זיי דערנידעריקן[2].

## יט

ס׳איז געשען אַמאָל מיט ר׳ יהושען, אַז ער איז געגאַנגען אין וועג; האָט אים באַגעגנט איינער אַ מאַן, וואָס איז געגאַנגען אין וועג. האָט אים יענער געזאָגט: „וואָס טוסטו?" האָט ער געזאָגט צו אים: „איך גיי אין וועג". האָט יענער אים געזאָגט: „גוט האָסטו געזאָגט, אַז דו גייסט אין וועג, — אַזעלכע רויבער ווי דו האָבן עס אויסגעטראָטן[1]!" פון דאָרט איז ער אַוועק ווייטער און האָט געטראָפן אַ ייִנגל זיצנדיק אויפן שיידוועג. האָט ער געזאָגט צו אים: „וועלכער וועג איז דער נעענטסטער צו דער שטאָט?" האָט ער אים געזאָגט: „דער איז נאָענט און ווייט, און דער איז ווייט און נאָענט". איז ר׳ יהושע אַוועק מיט דעם וועג וואָס איז נאָענט און ווייט. אַז ער איז

---

[1] וועלכער איז דערווייל אָנגעקומען. [2] זיי האָבן קיין שום ווירקונג ניט.

[1] אין דער מסיכתא עירובין, נג, ב, איז דער נוסח אַן אַנדערער, אַ פיל קלאָרערער. ר׳ יהושע דערציילט: איך בין אַ מאָל געגאַנגען אין וועג, און דער וועג איז דורכגעגאַנגען דורך אַ פעלד. האָט מיר אַ מיידעלע געזאָגט: „איז עס ניט אַ פעלד דאָ?" האָב איך איר געזאָגט: „ניין, ס׳איז אַן אויסגעטראָטענער וועג". האָט זי מיר געזאָגט: „אַזעלכע רויבער

„שריתא דביתא פקעא". אמר לה: „את ילידת בר דכר". אזלת, וכן הוה לה. אזלת זמן חורן, זמנא תליתיתא; אשכחת תלמידוי יתבין בבי ספרא, ורבהון לא הוה תמן. אמרה לון: „אן הוא רבכון?" אמרין לה: „מה את בעא מיניה?" אמרה לון: „דלמא דאתון חכימין למיפשר חילמא דחמית כרבכון?" אמרין לה: „אמרי לן, מה את בעייא, ואנן פתרין ליך". אמרה לון: „חמית בחלמי, דשרייתא דביתא פקעה". אמרין לה: „ההיא אתתא קברא בעלה". וכד נפקת מן קומיהון, שריית מיללא. שמע רבי אלעזר, אמר להו: „למה ההיא איתתא מיללא?" אמרו ליה: „ההיא איתתא אתת למישאלינך ולא אשכחת יתך". אמר לתלמידויי: „ההיא איתתא מאי אתת למישאל?" אמרין ליה: „למיפתרינה לחלמא". אמר להן: „ומה אמריתו לה?" אמרין ליה: „כן וכן". אמר להו: „איבדתון גברא! לא כן כתיב (בראשית מ"א): ויהי כאשר פתר לנו כן היה? ולא כן אמר ר' יוחנן: החלום הולך אחר פתרונו, חוץ מן היין, — יש שותהו וטוב לו, יש שותהו ורע לו?"

אמר ר' אבהו: דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין.

יט

מעשה ברבי יהושע, שהיה מהלך בדרך; מצאו אדם אחד, שהיה מהלך בדרך. אמר לו: „מה אתה עושה?" אמר לו: „אני מהלך בדרך". אמר לו: „יפה אמרת, שאתה מהלך בדרך, שכבשוה ליסטים שכמותך". הלך משם יותר ומצא תינוק אחד יושב על פרשת דרכים; אמר לו: „איזו דרך קרובה לעיר?" אמר לו: „זו קרובה ורחוקה, וזו רחוקה וקרובה". הלך רבי יהושע בזו שקרובה ורחוקה. כיון שהגיע לעיר, מצא גנות ופרדסים מוקפים לחומה; וחזר אצל אותו תינוק ואמר לו: „בני, וכי זו דרך קרובה לעיר?" אמר לו: „אתה הוא חכם של ישראל! לא כך אמרתי לך, שזו קרובה ורחוקה וזו רחוקה וקרובה?" באותה שעה אמר ר' יהושע: „אשריכם, ישראל, שכולכם חכמים מגדולכם ועד קטנכם."

---

געקומען צו דער שטאָט, האָט ער געפונען די מויער אַרומגערינגלט מיט גערטנער און סעדער. האָט ער זיך אומגעקערט צו יענעם יינגל און האָט געזאָגט צו אים: „מיין זון! איז דאָס אַ נאָענטער וועג צו דער שטאָט?" האָט ער אים געזאָגט: „דו ביסט דאָך אַ חכם ביי יידן! האָב איך דיר ניט אזוי געזאָגט, אַז דער איז נאָענט און וויט, און יענער איז וויט און נאָענט?"

דעמאָלט האָט ר׳ יהושע געזאָגט: „אַז וואויל איז אייך, ישראל, וואָס איר זענט אַלע חכמים, פון גרויס ביז קליין!"

איז ער אַוועק פון דאָרטן און האָט באַגעגנט אַ ייִנגל מיט אַן איבערגעדעקטער כלי אין האַנט. האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס האָסטו אין דער איבערגעדעקטער כלי?" האָט ער אים געזאָגט: „ווען די מאַמע וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט וויסן וואָס איך האָב, וואָלט זי מיר ניט געזאָגט: פאַרדעקעס". פון דאָרטן איז ער אַוועק ווייטער און האָט געטראָפן נאָך אַ ייִנגל. האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס פאַר אַ מין וואַסער איז דאָ אין שטאָט?" האָט ער אים געזאָגט: „וואָס אַרט דיך? קנאָבל און ציבעלעס זיינען דאָ אַ סך![2]" אַז ער איז אַריינגעקומען אין שטאָט, האָט ער געטראָפן אַ מיידל ווי זי שטייט און פילט אָן [איר קרוג מיט וואַסער] פון קוואַל. האָט ער געזאָגט צו איר: „גיב מיר אַ טרונק וואַסער". האָט זי אים געזאָגט: „פאַר דיר און פאַר דיין אייזל". אַז ער האָט אָפּגעטרונקען און גענומען אַוועקגיין, האָט ער געזאָגט צו איר: „טאָכטער מיינע, דו האָסט געטאָן ווי רבקה". האָט זי אים געזאָגט: „איך האָב געטאָן ווי רבקה, אָבער דו האָסט ניט געטאָן ווי אליעזר[3]".

מיר האָבן געלערנט: מע דאַרף איבערלאָזן פאה[4] פון דעם וואָס ווערט צוגעגרייט אין אַ טאָפּ, אָבער מע לאָזט ניט איבער קיין פאה פון דעם וואָס ווערט צוגעגרייט אין אַ פאַרעוויניק[5]. האָט פאַסירט אַ מעשה מיט ר׳ יהושען, אַז ער איז איינגעשטאַנען ביי אַ פרוי אַן אלמנה. האָט זי אים דעם ערשטן טאָג אַריינגעבראַכט אַ געקעכץ, און ער האָט עס אויפגעגעסן און איר קיין פאה ניט איבערגעלאָזט. דעם צווייטן טאָג האָט זי אים אַריינגעבראַכט אַ געקעכץ, און ער האָט עס אויפגעגעסן און איר קיין פאה ניט געלאָזט. דעם דריטן טאָג האָט זי אים איבערגעזאַלצן אַ געקעכץ פון גריץ. ווי נאָר ר׳ יהושע האָט פאַרזוכט, אַזוי האָט ער אַוועקגענומען זיין האַנט פון דעם. האָט זי אים געזאָגט: „רבי, פאַרוואָס האָסטו אַוועקגענומען דיין האַנט פון דעמדאָזיקן גריץ?" האָט ער געזאָגט צו איר: „איך האָב שוין געגעסן ביי טאָג". האָט זי אים געזאָגט: „אויב דו האָסט געגעסן ביי טאָג, פאַרוואָס האָסטו ניט געמינערט ביים ברויט, ווי דו האָסט געמינערט ביים גריץ? אפשר האָסטו עס איבערגעלאָזט ווי פאה — פאַרוואָס־זשע האָסטו ניט איבערגעלאָזט פון די [פריערדיקע] צוויי געקעכצן וואָס דו האָסט געגעסן, ווי דו האָסט איבערגעלאָזט פון דעמדאָזיקן גריץ?" דעמאָלט האָט ר׳ יהושע גע־

---

ווי דו האָבן עס אויסגעטראָטן". [2] אויף גוט צו מאַכן שלעכט וואַסער (רד"ל). אָדער: דאָס נאָכפרעגן אויפן וואַסער איז אַן ענין פאַר גבירים איבערקלייבערס; דו זעסט אָבער אויס צו זיין אַן אָרימאַן, און פאַר דיר איז דער עיקר, וואָס ס'איז דאָ גענוג קנאָבל און ציבעלעס (מהרז"ו). [3] וואָס האָט באַלוינט רבקהן מיט טייערע מתנות (בראשית כד, יט־כב).

[4] זע ויקרא יט, ט־י. דאָ מיינט עס איבערלאָזן אַ טייל פונעם עסן פאַרן משרת. [5] אילפּס — אַ שטייף פאַרמאַכטער טאָפּ. דאָ איז ניט קלאָר, פאַרוואָס דאַרף מען אין איין פאַל יאָ איבערלאָזן און אין צווייטן ניט. דער נוסח אין עירובין נג, ב, איז אַזאַ: מע דאַרף ניט איבערלאָזן קיין פאה אין אילפּס, אָבער מע דאַרף איבערלאָזן אין שיסל.

הלך משם ומצא תינוק אחד, ובידו כלי מכוסה. אמר לו: „מה בידך מכוסה בכלי זה?״ אמר: „אילו בעית אימא, דתדע מה דאית עמי, לא הות אמרה לי: כסיתיה״. הלך משם יותר ומצא תינוק אחד. אמר לו: „מימיה של עיר מה הן?״ אמר לו: „מה איכפת לך? השום והבצלים מרובין״. כיון שנכנס לעיר, מצא תינוקת עומדת ממלאה מן העין. אמר לה: „השקיני מים״. אמרה ליה: „לך ולחמורך״. כיון ששתה ופנה לילך, אמר לה: „בתי, עשית כמעשה רבקה״. אמרה ליה: „אני עשיתי כמעשה רבקה, ואתה לא עשית כמעשה אליעזר״.

תני: מניחין פאה על מעשה קדרה ואין מניחין פאה על מעשה אלפס. ומעשה ברבי יהושע, שנתארח אצל אשה אלמנה. יום ראשון הכניסה לו תבשיל, ואכלו ולא הניח לה פאה. יום שני הכניסה לו תבשיל, ואכלו ולא הניח לה פאה. יום שלישי הקדיחתו במלח תבשיל של גריסין. כיון שטעם רבי יהושע, משך ידו מהם. אמרה לו: „רבי, מפני מה משכת ידך מן הגריסין הללו?״ אמר לה: „כבר סעדתי מבעוד יום״. אמרה ליה: „אם סעדת מבעוד יום, מפני מה לא מיעטת בפת, כדרך שמיעטת בגריסין הללו? שמא פאה הנחת, — על שני תבשילין שאכלת למה לא הנחת, כמו שהנחת בגריסין הללו?״ באותה שעה א״ר יהושע: „מימי לא נצחני אדם, אלא אלמנה זו ותינוקת אחת ואותם תינוקות.״ לקיים מה שנאמר: רבתי בגוים, — רבתי בדעות.

כ

(א) שרתי במדינות היתה למס. א״ר יוחנן: לפי שעברו ישראל על תנאי שקבלו מסיני, לפיכך היתה למס: הוא סיני, הוא למס; חושבניה דדין כחושבניה דדין. אמר רבי ישמעאל בר נחמן: לפי

---

זאָגט: „אויף מיין לעבן האָט מיך קיינער ניט מנצח געווען, חוץ דידאָזיקע אלמנה און אַ מיידעלע און יענע יינגלעך״. מיט דעם ווערט מקוים וואָס דער פסוק זאָגט: די גרויסע צווישן די אומות, — גרויס אין חכמה.

כ

(א) שרתי במדינות היתה למס — די האַרינטע צווישן די מדינות איז געוואָרן צו צינז. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ווייל ישראל האָט עובר געווען אויפן תנאי וואָס זיי האָבן אָנגענומען ביים באַרג סיני, דעריבער איז זי געוואָרן צו צינז: סיני איז דאָס זעלבע ווי למס, דער באַטרעף פון דעם

איז דערזעלבער ווי דער באַטרעף פון דעם[1]. ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: ווייל ישראל האָט געדינט דער עבודה זרה, דעריבער איז זי געוואָרן צו צינז: למס איז דאָסזעלבע וואָס סמל, אַפבילד, די אותיות פון דעם זיינען דיזעלבע ווי די אותיות פון דעם. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: דריי עס איבער: למס — סמל. און די רבנן זאָגן: למס מיינט דאָס צעגיין פונעם האַרצן[2].

רב עוקבא האָט געזאָגט: אין דער נאַכט פון תשעה באב איז אברהם אבינו אַריין אין קדשי־קדשים. האָט אים הקדוש־ברוך־הוא אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַרומגעשפּאַצירט מיט אים אין דער לענג און אין דער ברייט. האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו אים (ירמיה יא, טו): מה לידידי — וואָס טוט מיין פריינט אין מיין הויז? האָט ער געזאָגט צו אים: „מיין האַר! וואו זיינען מיינע קינדער?" האָט ער אים געזאָגט: „זיי האָבן געזינדיקט, און איך האָב זיי פאַרטריבן צווישן די אומות". האָט ער געזאָגט צו אים: „זיינען צווישן זיי קיין צדיקים ניט געווען?" האָט ער אים געזאָגט: „זי באַגייט שענדלעכקייט". האָט ער געזאָגט צו אים: „האָסטו געדאַרפט קוקן אויף די גוטע צווישן זיי". האָט ער אים געזאָגט: „די מערסטע פון זיי זיינען שלעכט", ווי אין פסוק שטייט: זי באַגייט שענדלעכקייט — די גרויסע צאָלן אירע. האָט ער געזאָגט צו אים: „האָסטו באַדאַרפט קוקן אויפן בונד פון מילה, וואָס זיי טראָגן אויף זייער לייב". האָט ער אים געזאָגט: „ביי היין לעבן! זיי האָבן עס פאַרלייקנט[3]", ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט): ובשר קודש — און דאָס הייליקע לייב האָט מען אַוועקגענומען פון דיר. און ניט נאָר דאָס, נייערט זיי האָבן זיך געפרייט איינער אויפן צווייטנס מפלה, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט): כי רעתכי — אַז מיט דיין שלעכטיקייט, דעמאָלסט פרייסטו זיך, און עס שטייט געשריבן (משלי יז, ה): שמח — דעם וואָס פרייט זיך מיט [יענעמס] בראָך וועט ניט געשאָנקען ווערן.

כא

און פאַרוואָס איז די מגילה פון קינות געזאָגט געוואָרן לויטן אלף־בית? [זאָגן וועגן דעם] ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה און די רבנן. ר׳ יהודה זאָגט: ווייל אין פסוק שטייט (דניאל ט, יא): וכל ישראל — און גאַנץ ישראל האָבן עובר געווען אויף דיין תורה, וואָס איז געשריבן [מיט די אותיות] פון אלף ביז תו, דעריבער איז די דאָזיקע מגילה געשריבן געוואָרן לויטן אלף־בית, איינס קעגן צווייטן. ר׳ נחמיה זאָגט: כאָטש ירמיה האָט זיי געשאָלטן מיט די אלף־ביתן פון איכה, האָט זיך אָבער ישעיה געפעדערט און זיי געבראַכט אַ רפואה, אויף איטלעכן פסוק, ביזן פסוק תבוא — זאָל קומען גאָר זייער בייז פאַר דיר[4].

---

[1] לויט די אותיות באַטרעפט סיני 130, און אזוי אויך למס. [2] איבערן חורבן.
[3] ניט מקיים געווען. [4] לויטן אינהאַלט און לויטן הסכם פון מערסטע מפרשים געהער אַהער דער טייל פון סימן כג וואָס הייבט זיך דאָרט אָן אין צווייטן זאַץ מיט די ווערטער ורבנן אמרי — און די רבנן זאָגן, און ענדיקט זיך מיט די ווערטער והביאותים — און איך וועל זיי ברענגען צו מיין הייליקן באַרג. און אזוי איז עס אין בובערס אויסגאַבע.

שעבדו ישראל עבודת כוכבים, לפיכך היתה למס: **היא למס, היא** סמל, **אתוי דדין הינון אתוי דדין. ר' ברכיה אמר: הפכה:** למס — סמל. **ורבנן אמרי:** למס — **למסא דליבא.**

**אמר רב עוקבא: בליל תשעה באב נכנס אברהם אבינו לבית קדשי הקדשים. אחזו הקב"ה בידו, והוה מטייל בו ארוכות וקצרות. אמר לו הקב"ה** (ירמיה י"א): מה לידידי בביתי? **אמר לו: "רבוני! בני היכן הם?" אמר לו: "חטאו, והגליתים לבין האומות". אמר לו: "לא היו בהן צדיקים?" אמר לו: "**עשותה המזמתה**". אמר לו: "היה לך להסתכל בטובים שבהם". אמר לו: "סוגיהון בישין", דכתיב:** עשותה המזמתה הרבים. **אמר לו: "היה לך להביט לברית מילה שבבשרם". אמר לו: "חייך, כפרו בה", שנאמר** (שם): ובשר קדש יעברו מעליך. **ולא עוד, אלא שהיו שמחין במפלתם אלו על אלו, דכתיב** (שם): כי רעתכי אז תעלוזי, **וכתיב** (משלי י"ז): **שמח לאיד לא ינקה.**

כא

**ומפני מה נאמרה מגלת קינות אלפא ביתא? ר' יהודה ור' נחמיה ורבנן. ר' יהודה אומר: לפי שכתוב** (דניאל ט'): וכל ישראל עברו את תורתך, וגו', **שהיא כתובה מאל"ף ועד תי"ו, לפיכך נכתבה המגלה הזאת אלפא ביתין, זו כנגד זו.**

**ר' נחמיה אומר: אף על פי שקללן ירמיה באלפא ביתין** איכה, **הקדים ישעיה ורפאן על כל פסוק ופסוק עד** תבא כל רעתם לפניך.

כב

(ב) **בכה תבכה. כתיב** (תהלים מ"ב): היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה, **וגו'. רבי אחא ורבנן. רבי אחא אומר: כשם שהלחם תדיר, כך דמעתי תדירה. רבנן אמרין: כל מי שבוכה אינו אוכל, שנאמר** (ש"א א'): **ותבכה ולא תאכל. וכך אמר לו הקב"ה ליחזקאל** (יחזקאל י"ב): **ואתה,** בן אדם, עשה לך כלי גולה, **וגו'. מהו** כלי גולה?

---

כב

(**ב**) בכה — **וויינען טוט זי וויינען. עס שטייט געשריבן** (תהלים מב, ד): היתה לי דמעתי — **מיין טרער איז מיר געוואָרן מיין ברויט טאָג און נאַכט. [זאָגן וועגן דעם] ר' אחא און די רבנן. ר' אחא זאָגט: "אזוי ווי מיין ברויט איז באַשטענדיק, אזוי איז מיין טרער באַשטענדיק". די רבנן זאָגן: דער וואָס וויינט עסט ניט, ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל א, א, ז): ותבכה — **און**

זי פלעגט ווײנען און פלעגט ניט עסן. און אזוי [1] **האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו יחזקאלן** (יחזקאל יב, ג): ואתה — און דו, מענטשנזון, מאַך דיר וואַנדער־כלים. — וואָס מײנט וואַנדער־כלים? [זאָגן וועגן דעם] **ר׳ חייא בר אבא און ר׳ שמעון דער זון פון ר׳ חלפתא. ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט:** אַ לאָגל, אַ ראָגאָזשע און אַ שיסל, און יעדע פון זײ האָט געדינט פאַר צוויי זאַכן: **אינעם לאָגל טוט מען אַרײן מעל [2], און מע לייגט אים צוקאָפּנס; און פונעם שיסל עסט מען און מע טרינקט; און די ראָגאָזשע — אויף צו זיצן און שלאָפן אויף איר. און ר׳ שמעון דער זון פון ר׳ חלפתא האָט געזאָגט:** עס מײנט אַ קאָרב מיט פיר אויערן, וואָס נעמט אַלץ אַרײן אין זיך. **דעריבער האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו ישראל** (דאָרט כד, כד): והיה — און יחזקאל וועט אײַך זײַן פאַר אַ בײַשפּיל, אזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, וועט איר טאָן. **אָבער זיי האָבן ניט אזוי געטאָן. נײַערט אַז זיי זײַנען פאַרטריבן געוואָרן, און אײנער האָט געוואָלט פאַרקנעטן זײַן טײג, האָט ער ניט געוואוסט אין וואָס. האָט ער אויסגעגראָבן אַ גריבל אין דער ערד און פאַרקנאָטן אין דעם. האָבן זיך ברעקלעך שטײן אײַנגעקלעפּט אינעם טײג; און אַז ער האָט עס געגעסן אין מויל אַרײַן, זײַנען אים די צײנער קאַליע געוואָרן. איז מקוים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט** (איכה ג, טז): ויגרס — און ער האָט צעבראָכן מײנע צײנער מיט שטײנדלעך. **און דאָס אַלץ האָב איך זיך ניט גענומען צום האַרצן. אָבער ווען האָב איך זיך יאָ גענומען צום האַרצן?** (תהלים מב, ד) באמר אלי — ווען מע זאָגט מיר אַ גאַנצן טאָג: וואו איז דײַן גאָט? [3]

כג

((תהלים עז, ז) אזכרה — איך דערמאָן זיך מײַן געזאַנג בײַנאַכט, איך רעד מיט מײַן האַרצן און עס זוכט מײַן גײַסט. **ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון און ר׳ איבו** — — — [1])

**און די רבנן זאָגן: ווײַל זיי האָבן געזינדיקט פון אלף ביז תו** [און זיי זײַנען באַשטראָפט געוואָרן פון אלף ביז תו] [2], **ווערן זיי געטרייסט פון אלף ביז תו. און אזוי געפינסטו, אין אַלע שווערע נבואות וואָס ירמיה האָט נביאות געזאָגט אויף ישראל, האָט זיך ישעיה געפעדערט און געבראַכט צו זיי אַ רפואה.**

**ירמיה האָט געזאָגט:** איכה — ווי איז געבליבן זיצן אײנזאַם [3]; **ישעיה האָט געזאָגט** (ישעיה מט, כא): ואמרת און דו וועסט זאָגן אין דײַן האַרצן: ווער האָט מיר געבאָרן דיזאָזיקע?

**ירמיה האָט געזאָגט:** בכה — ווײנען טוט זי ווײנען בײַנאַכט. **ישעיה האָט געזאָגט** (ל, יט): בכה — ווײנען וועסטו מער ניט ווײנען; לײַטזעליקן וועט ער דיך לײַטזעליקן.

**ירמיה האָט געזאָגט:** גלתה — יהודה איז אין גלות געגאַנגען פון וועגן פּײַן. **ישעיה האָט געזאָגט** (יא, יב): ונפוצות — און די צעשפּרייטע פון יהודה וועט ער אויפזאַמלען.

ר׳ חייא בר אבא ור׳ שמעון בר׳ חלפתא. ר׳ חייא בר אבא אמר: חמת ושטיח וקערה, וכל אחד ואחד יש לו לשמש שני דברים: חמת נותן בה קמח ונותנה תחת ראשו; וקערה אוכל בה ושותה בה; שטיח לישיבה וישן עליה. ור׳ שמעון בר׳ חלפתא אמר: קופה של ארבעת אזנים, והיא מחזקת את הכל. לכך אמר הקב״ה לישראל (שם כ״ד): והיה יחזקאל לכם למופת, ככל אשר עשה תעשו, וגו׳. והם לא עשו כן, אלא כיון שגלו, היה אחד בא ללוש את עיסתו, ולא היה יודע במה. והיה חופר בארץ ועושה גומא ולש בתוכה, והיו הצרורות מדבקות בעיסתן; וכיון שנותנה בתוך פיו, היו שניו קהות עליו. לקיים מה שנאמר: ויגרס בחצץ שיני, וכל אילין לא יהבית בלבי. ואימת אעילת ללבי? (תהלים מ״ב) באמור אלי כל היום: איה אלהיך?

כג

(אזכרה נגינתי בלילה, עם לבבי אשיחה ויחפש רוחי (שם ע״ז). רבי יהודה ברבי סימון ור׳ איבו — — —)

ורבנן אמרי: לפי שחטאו מאל״ף ועד תי״ו [ולקו מאל״ף ועד תי״ו,] מתנחמין מאל״ף ועד תי״ו. וכן את מוצא, שכל נבואות קשות שנתנבא ירמיה על ישראל, הקדים ישעיה ורפאן.

ירמיה אמר: איכה ישבה בדד; ישעיה אמר (ישעיה מ״ט): ואמרת בלבבך: מי ילד לי את אלה, וגו׳.

ירמיה אמר: בכה תבכה בלילה; ישעיה אמר (שם ל׳): בכו לא תבכה, חנון יחנך, וגו׳.

ירמיה אמר: גלתה יהודה מעוני; ישעיה אמר (שם י״א ונפוצות יהודה יקבץ, וגו׳.

---

[1] אין אַ צאָל אַלטע ספרים איז דער און אזוי ניטאָ, און אזוי איז אויך לויט בובערס אויסגאַבע. לויטן רד״ל דאַרף זיך דער טעקסט אזוי לייענען: און אזוי זאָגט דער פסוק (איכה ג, טו־טז): השביעני — ער האָט מיך זאַט געמאַכט מיט ביטערנישן, ער האָט מיך אָנגעטרונקען מיט ווערמוט. ויגרס — און ער האָט צעבראָכן מיינע ציינער מיט שטיינד־לעך. און אזוי האָט הקדוש־ברוך־הוא — — — [2] בעסער — וואַסער, און אזוי איז עס אין בובערס אויסגאַבע. [3] ד״ה: חילול השם איז דער גרעסטער חייטיק.

[1] דערדאָזיקער מאמר געהער ווייטער אין דעמזעלבן סימן, נאָכדעם ווי עס ענדיקן זיך די אלף־בית פּאַראַגראַפן. דאָס ווייטערדיקע פון „און די רבנן זאָגן״, ביז און איך וועל זיי ברענגען צו מיין הייליקן באַרג, געהער אויבן צום סימן כא (זע דאָרט, באַמערקונג [4]). [2] צוגעגעבן לויטן מהרז״ו. [3] ביי די פסוקים וואָס גיבן איבער ירמיהס ווערטער ווערט דער מראה מקום ניט געגעבן, ווייל זיי זיינען אַלע, פסוק נאָך פסוק, גענומען פון איכה א

**ירמיה האָט געזאָגט:** דרכי — די וועגן פון ציון טרויערן. **ישעיה האָט געזאָגט** (מ, ג): קול קורא — אַ קול רופט: ראַמט אָפּ אין מדבר דעם וועג פון גאָט.

**ירמיה האָט געזאָגט:** היו — אירע פיינט זיינען געוואָרן דער קאָפּ. **ישעיה האָט געזאָגט** (ס, יד): והלכו — און עס וועלן גיין צו דיר געבויגן די זין פון דיינע פייניקער.

**ירמיה האָט געזאָגט:** ויצא — און אַרויס איז פון דער טאָכטער ציון [די גאַנצע פּראַכט אירע]. **ישעיה האָט געזאָגט** (נט, ב): ובא — און קומען וועט צו ציון אַן אויסלייזער.

**ירמיה האָט געזאָגט:** זכרה — דערמאָנט האָט זיך ירושלים [אין די טעג פון איר פּיין]. **ישעיה האָט געזאָגט** (סה, יז): כי הנני — וואָרום אָט באַשאַף איך הימלען נייע און אַן ערד אַ נייע; און דאָס פריערדיקע וועט ניט דערמאָנט ווערן און וועט אויפן געדאַנק ניט אַרויפקומען.

**ירמיה האָט געזאָגט:** חטא — אַ זינד האָט געזינדיקט ירושלים. **ישעיה האָט געזאָגט** (מד, כב): מחיתי — איך האָב אָפּגעמעקט ווי אַ וואָלקן דיינע פאַרברעכנס.

**ירמיה האָט געזאָגט:** טומאתה — איר אומריינקייט איז אין אירע פאָלעס. **ישעיה האָט געזאָגט** (ד, ד): אם רחץ — אַז גאָט וועט האָבן אָפּגעוואַשן די אומריינקייט פון די טעכטער פון ציון.

**ירמיה האָט געזאָגט:** ידו — זיין האַנט האָט אויסגעשפּרייט דער פיינט. **ישעיה האָט געזאָגט** (יא, יא): יוסיף ה׳ — גאָט וועט ווידער, צום צווייטן מאָל, [אויסשטרעקן] זיין האַנט.

**ירמיה האָט געזאָגט):** כל עמה — דאָס גאַנצע פאָלק אירס טוט זיפצן, [זיי זוכן ברויט]. **ישעיה האָט געזאָגט** (מט, י): לא ירעבו — זיי וועלן ניט הונגערן און ניט דאַרשטן.

**ירמיה האָט געזאָגט:** לא אליכם — ניט אויף אייך געזאָגט, אַלע וועג־גייער[4]. **ישעיה האָט געזאָגט** (לב, טו): עד יערה — ביז עס וועט אויסגע־גאָסן ווערן אויף אונדז אַ גייסט פון דער הייך.

**ירמיה האָט געזאָגט:** ממרום — פון דער הייך האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ פייער אין מיינע ביינער. **ישעיה האָט געזאָגט** (נז, טו): מרום — הויך און הייליק טו איך רוען, אָבער אויך מיטן דערשלאָגענעם און געפאַלענעם.

**ירמיה האָט געזאָגט:** נשקד — פאַרקניפּט איז דער יאָך פון מיינע זינד [אין זיין האַנט]. **ישעיה האָט געזאָגט** (נב, ב): התפתחי — עפן דיר פאַנאַנדער

---

**אין דער א״ב אָרדנונג פונעם פרק.** [4] **און ווייטער לייענט זיך אין פּסוק:** קוקט און זעט, צי איז פאַראַן אַ ווייטיק ווי מיין ווייטיק, וואָס מיר איז געטאָן געוואָרן, ווען גאָט האָט מיך פאַראומערט אין טאָג פון זיין גרימצאָרן, **און אַזוי ווי גרימצאָרן בינדט זיך געוויינ־לעך** מיט אויסגיסן, **פּאַסט זיך אַהער דער** ווייטערדיקער **פּסוק פון ישעיה. לויט בובערס נוסח דאַרף דאָ געבראַכט ווערן דער פּסוק: והיה שם מסלול ודרך** — און עס וועט דאָרטן זיין אַ שטעג און אַ וועג (ישעיה לה, ח), **וואָס פּאַסט זיך בעסער צום פּסוק פון איכה.**

**ירמיה אמר**: דרכי ציון אבלות; **ישעיה אמר**: (שם מ׳): קול קורא במדבר: פנו דרך ה׳.

**ירמיה אמר**: היו צריה לראש; **ישעיה אמר** (שם ס׳): והלכו אליך שחוח בני מעניך.

**ירמיה אמר**: ויצא מן בת ציון, **וגו׳**; **ישעיה אמר** (שם נ״ט): ובא לציון גואל.

**ירמיה אמר**: זכרה ירושלם; **ישעיה אמר** (שם ס״ה): כי הנני בורא שמים חדשים וארץ חדשה, ולא תזכרנה הראשונות ולא תעלינה על לב.

**ירמיה אמר**: חטא חטאה ירושלם; **ישעיה אמר** (שם מ״ד): מחיתי כעב פשעיך.

**ירמיה אמר**: טמאתה בשוליה; **ישעיה אמר** (שם ד׳): אם רחץ ה׳ את צואת בנות ציון.

**ירמיה אמר**: ידו פרש צר; **ישעיה אמר** (שם י״א): יוסף ה׳ שנית ידו.

**ירמיה אמר**: כל עמה נאנחים, **וגו׳**; **ישעיה אמר** (שם מ״ט): לא ירעבו ולא יצמאו.

**ירמיה אמר**: לא אליכם כל עוברי דרך; **ישעיה אמר** (שם ל״ב): עד יערה עלינו רוח ממרום.

**ירמיה אמר**: ממרום שלח אש בעצמותי; **ישעיה אמר** (שם נ״ז): מרום וקדוש אשכון, ואת דכא, **וגו׳**.

**ירמיה אמר**: נשקד עול פשעי; **ישעיה אמר** (שם נ״ב): התפתחי מוסרי צוארך.

**ירמיה אמר**: סלה כל אבירי; **ישעיה אמר** (שם ס״ב): סלו סלו המסלה, סקלו מאבן.

**ירמיה אמר**: על אלה אני בוכיה, [עיני, עיני, וגו׳]; **ישעיה אמר** (שם נ״ב): כי עין בעין יראו, **וגו׳**.

---

די בינדשטריק פון דיין האלדז.

**ירמיה האט געזאגט**: סלה — צעטראטן האט גאט אלע מיינע גבורים. **ישעיה האט געזאגט** (סב, י): סלו — טרעט אויס, טרעט אויס דעם שטעג, ראמט אפ פון שטיינער.

**ירמיה האט געזאגט**: על אלה — אויף דעם טו איך וויינען; [מיין אויג, מיין אויג טוט רינען וואסער]. **ישעיה האט געזאגט** (נב, ח): כי עין בעין —

דען אויג אין אויג וועלן זיי זען, [ווי גאָט קערט זיך אום קיין ציון].

**ירמיה האָט געזאָגט:** פרשה — אויסגעשפרייט האָט ציון אירע הענט, [ניטאָ פאַר איר קיין טרייסטער]. **ישעיה האָט געזאָגט** (נא, יב): אנכי — איך, איך בין אייער טרייסטער.

**ירמיה האָט געזאָגט:** צדיק ה׳ — רעכטפאַרטיק איז גאָט, [דען זיין מויל האָב איך ווידערשפעניקט]. **ישעיה האָט געזאָגט** (ס, כא): ועמך — און דיין פאָלק וועלן אַלע זיין רעכטפאַרטיקע.

**ירמיה האָט געזאָגט:** קראתי — איך האָב גערופן מיינע ליבהאָבער, [אָבער זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט]. **ישעיה האָט געזאָגט** (ס, יח): וקראת — און דו וועסט רופן דיינע מויערן „ישועה״.

**ירמיה האָט געזאָגט:** ראה —זע, גאָט, ווי מיר איז ענג. **ישעיה האָט געזאָגט** (סו, יד): וראיתם — און איר וועט זען, און אייער האַרץ וועט זיך פרייען.

**ירמיה האָט געזאָגט:** שמעו — זיי האָבן געהערט, ווי איך זיפץ, [אָבער עס איז ניטאָ פאַר מיר קיין טרייסטער]. **ישעיה האָט געזאָגט** (מ, א): נחמו — טרייסט, טרייסט מיין פאָלק.

**ירמיה האָט געזאָגט:** תבא — זאָל קומען גאָר זייער שלעכטס פאַר דיר. **ישעיה האָט געזאָגט** (נו, ז): והביאותים — און איך וועל זיי ברענגען צו מיין הייליקן באַרג.

**אַן אַנדער פשט** [5] (תהלים עז, ז): אזכרה נגינתי — איך דערמאָן זיך מיין בראָך [6] ביינאַכט, [איך רעד מיט מיין האַרצן און עס זוכט מיין גייסט. **זאָגן אויף דעם] ר׳ איבו און ר׳ יהודה בר סימון. ר׳ איבו זאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: „איך דערמאָן זיך דעם בראָך וואָס איך בין צעבראָכן געוואָרן** [7] **פאַר דיר אין דער נאַכט פון די מלכותן״** [8], **ווי אין פסוק ווערט געזאָגט** (בראשית יד, כ): וברוך אל עליון, אשר מגן — און געבענטשט זאָל זיין גאָט דער אייבערשטער, וואָס האָט צעבראָכן [9] דיינע פיינט אין דיין האַנט. **ר׳ יהודה זאָגט:** [**די כנסת ישראל האָט געזאָגט]: „איך דערמאָן זיך די שירים** [10] **וואָס איך האָב געזונגען פאַר דיר אין די נעכט״, ווי אין פסוק ווערט געזאָגט** (ישעיה לח, כ): ונגינותי — און מיינע געזאַנגען וועלן מיר זינגען אַלע טעג פון אונדזער לעבן. — בלילה — ביינאַכט, **דאָס איז די נאַכט פון פרעהן, ווי אין פסוק שטייט** (שמות יב, כט): ויהי — און עס איז געווען אין האַלבער נאַכט; **און די נאַכט פון גדעונען, וואָס האָט צעשלאָגן די מחנה פון מדין און עמלק, ווי עס שטייט געשריבן** (שופטים ז, ט): ויהי — און עס איז געווען אין יענער נאַכט; **און די נאַכט פון סנחריבן, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (מלכים ב, יט, לה): ויהי — און עס איז געווען אין יענער נאַכט; איז אַרויסגעגאַנגען אַ מלאך פון גאָט [און האָט געשלאָגן אין לאַגער פון אשור].[11]

עם לבבי — איך רעד מיט מיין האַרצן, **איך שמועס זיך דורך מיט מיין**

**ירמיה אמר**: פרשה ציון בידיה, [אין לה מנחם]; **ישעיה אמר** (שם נ״א): אנכי, אנכי הוא מנחמכם.

**ירמיה אמר**: צדיק הוא ה׳; **ישעיה אמר** (שם ס׳): ועמך כלם צדיקים.

**ירמיה אמר**: קראתי למאהבי, [המה רמוני]; **ישעיה אמר** (שם): וקראת „ישועה״ חומותיך.

**ירמיה אמר**: ראה, ה׳, כי צר לי; **ישעיה אמר** (שם ס״ו): וראיתם ושש לבכם.

**ירמיה אמר**: שמעו, כי נאנחה אני, [אין מנחם לי]; **ישעיה אמר** (שם מ׳): נחמו נחמו עמי.

**ירמיה אמר**: תבא כל רעתם לפניך; **ישעיה אמר** (שם נ״ו): והביאותים אל הר קדשי.

**ד״א**: אזכרה נגינתי בלילה, — **ר׳ איבו ור׳ יהודה בר סימון. ר׳ איבו אומר: אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „נזכרת אני שבר שהשברתי לפניך בלילן של מלכיות״, — כמה דאת אמר** (בראשית י״ד): וברוך אל עליון, אשר מגן צריך בידך. **ר׳ יהודה אומר: „נזכרת אני שירין ששרתי לפניך בלילות״; כמד״א** (ישעיה ל״ח): ונגינותי ננגן כל ימי חיינו. בלילה, **זה לילו של פרעה, דכתיב** (שמות י״ב): ויהי בחצי הלילה; **ולילו של גדעון, שהכה את מחנה מדין ועמלק, דכתיב** (שופטים ז): ויהי בלילה ההוא; **ולילו של סנחריב, שכתוב בו** (מ״ב י״ט): ויהי בלילה ההוא, ויצא מלאך ה׳.

עם לבבי אשיחה, **משתעי אנא עם לבי**, ויחפש רוחי, **ומפשפש בעובדי ואומר** (תהלים ע״ז): הלעולמים יזנח ה׳ ולא יוסיף לרצות

---

**האַרצן, ויחפש — און עס זוכט מיין גייסט, — און איך זוך נאָך מיינע מעשים און איך זאָג:** הלעולמים — וועט גאָט אויף אייביק פאַרלאָזן און זיך מער

[5] **אויף דעם פסוק** בכה תבכה, **און דאָס בינדט זיך מיטן סימן כב. (אַלע ווייטערדיקע ציטירונגען אין דעם סימן, וואָס קומען אָן אַ מראה מקום, זיינען גענומען פון דעמזעלבן קאַפּיטל תהילים).** [6] **לויט דער ווייטערדיקער דרשה; זע באַמערקונג 9.** [7] **אין שמות רבה יח, ה, וואו עס רעדט זיך וועגן דער מפּלה פון פרעהן, איז דער נוסח פאַרקערט:** איך געדענק דעם בראָך וואָס דו פלעגסט צעברעכן די שונאים פון וועגן מיר ביינאַכט. [8] **אין דער פינצטערניש פון גלות.** [9] מגן (ער האָט איבערגעענטפערט) **ווערט דאָ געטייטשט** ער האָט צעבראָכן (ווי מגנת לב, האַרצבראַכעניש — איכה ג, סה), **און לויט דעם ווערט דאָ געטייטשט דער פסוק** אזכרה נגינתי בלילה — איך דערמאָן זיך מיין בראָך ביינאַכט. [10] **לויטן פשט:** אזכרה נגינתי — איך דערמאָן זיך מיין געזאַנג. [11] **די**

ניט איבערבעטן? **חס ושלום! ניט ער האָט פאַרלאָזן, ניט ער וועט פאַרלאָזן, ווי עס שטייט געשריבן** (איכה ג, לא): כי לא יזנח — דען ניט אויף אייביק וועט גאָט פאַרלאָזן. — ולא יוסיף — און ער וועט מער ניט איבערבעטן **און זיך ניט לאָזן איבערבעטן? פאַרצייטן פלעגט ער איבערבעטן אַנדערע: משה ווערט אין כעס, און דו זאָגסט** (שמות לג, יא): ושב — און ער פלעגט זיך אומקערן אין לאַגער, — **לייען:** ושוב — און קער זיך אום[12]; **אליהו ווערט אין כעס, און דו זאָגסט** (מלכים א, יט, טו): לך שוב — גיי, קער זיך אום אויף דיין וועג צום מדבר פון דמשק[13]; **און איצט — ניט איבערבעטן יענעם און ניט לאָזן זיך איבערבעטן?** האפס — האָט זיך אויסגעלאָזט אויף אייביק זיין חסד? **וואָס מיינט** האפס? **ר׳ ראובן האָט געזאָגט: ס׳איז אַ גריכיש וואָרט**[14], **ווי עס ווערט געזאָגט** (עמוס ו, י): ואמר: אפס — און ער וועט זאָגן: נישטאָ! [**וועגן דעם זאָגן**] **ר׳ חנינא בר פפא און ר׳ סימון. ר׳ חנינא האָט געזאָגט: עס האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס וואָרט וואָס הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט צו משהן** (שמות לד, יט): וחנותי — און איך וועל לייטזעליקן וועמען איך וועל לייטזעליקן. **ר׳ סימון זאָגט: עס איז שוין אָפּגעענדיקט און מוסכם געוואָרן דורך ירמיהן, וואָס האָט געזאָגט** (ירמיה טז, ה): כי אספתי — ווארום איך האָב אָוועקגענומען מיין שלום [פון דעם־דאָזיקן פאָלק].

השכח — האָט גאָט פאַרגעסן צו לייטזעליקן? **האָט גאָט פאַרגעסן זיין לאַגערן**[15]? [**ווי אין פסוק שטייט**] (במדבר ט, ב): על פי ה׳ יחנו — לויט דעם מויל פון גאָט פלעגן זיי לאַגערן. **צי האָט ער פאַרגעסן,** [**אַז ער איז**] (שמות לד, ו): אל — אַ גאָט אַ דערבאַרימדיקער און אַ לייטזעליקער? — אם קפץ — צי האָט ער פאַרשלאָסן אין צאָרן זיין רחמנות אויף אייביק? **כאָטש ער איז אין כעס, איז אָבער זיין רחמנות נאָענט, און דאָך האָט ציון געזאָגט: „פאַרלאָזן האָט מיך גאָט און גאָט האָט מיך פאַרגעסן", ווי אין פסוק שטייט** (ישעיה מט, יד): ותאמר — און ציון האָט געזאָגט: פאַרלאָזן האָט מיך גאָט [און גאָט האָט מיך פאַרגעסן].

ואמר — און איך האָב געזאָגט: דאָס איז מיין קראַנקייט, [וואָס גע־ביטן האָט זיך די רעכטע האַנט פון אויבערשטן]. **ר׳ אלכסנדראי האָט גע־זאָגט: איבער דעם וואָס מיר האָבן ניט געבעטן**[16] **פאַר דיר מיט תשובה טאָן האָט זיך געביטן די רעכטע האַנט. ר׳ שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: דער בונד וואָס דו האָסט געשלאָסן מיט אונדז ביים באַרג חורב איז פאַר־שוועכט געוואָרן**[17] **און די רעכטע האַנט האָט זיך געביטן. ר׳ סימון האָט גע־זאָגט: האָסטו אויף דיין לעבן געהערט, אַז דער זון־באַלעם זאָל ווערן קראַנק און ניט קענען אויפגיין און טאָן זיין דינסט? פאַר זיינע באַדינער זיינען קיין קראַנקייטן ניטאָ, און פאַר אים זיינען יאָ פאַראַן קראַנקייטן**[18]? **ר׳ יצחק האָט געזאָגט: ס׳איז געגליכן צו אַ גיבור, וואָס איז געווען ערגעץ אין אַ מדינה, און די איינוואוינער פון דער מדינה פלעגן זיך פאַרלאָזן אויף**

עוד? **חס ושלום! לא שבק ולא שביק, דכתיב**: כי לא יזנח לעולם ה׳. — ולא יוסיף לרצות עוד, **ולא לירצות? לשעבר היה מרצה לאחרים: משה כועס, ואת אומר** (שמות ל״ג): ושב אל המחנה, — **קרי ביה** ושוב; **אליהו כועס, ואת אומר** (מ״א י״ט): לך שוב לדרכך מדברה דמשק; **ועכשו — לא לרצות ולא לירצות?** האפס לנצח חסדו? מהו האפס? **אמר ר׳ ראובן: לשון יוני הוא, כמד״א** (עמוס ו): ואמר: אפס. **ר׳ חנינא בר פפא ור׳ סימון. רבי חנינא אמר: נגמר אותו דבר שאמר הקב״ה למשה** (שמות ל״ד): וחנותי את אשר אחון. **ר׳סימון אומר: הא חסילה והא מסכמא על ידי ירמיה, שאמר** (ירמיה ט״ז): כי אספתי את שלומי.

השכח חנות אל, — **השכח חנותו אל** (במדבר ט׳): על פי ה׳ יחנו? **השכח** (שמות ל״ד): אל רחום וחנון? אם קפץ באף רחמיו סלה? **אף על גב דהוא כעיס, רחמיו קרובין, וציון אמרה: „עזבני ה׳ ואדני שכחני״, דכתיב** (ישעיה מ״ט): ותאמר ציון: עזבני ה׳, **וגו׳.**

(תהלים ע״ז) ואמר: חלותי היא, וגו׳. **א״ר אלכסנדראי: על ידי שלא חלינו פניך בתשובה, נשתנית הימין. א״ר שמואל בר נחמני: נתחללה אותה שבועה שכרת עמנו בחורב, ונשתנית הימין. א״ר סימון: השמעת מימיך גלגל חמה חולה, ואינו יכול לעלות ולשמש? לשמשיו אין חליין, ולפניו יש חליין? א״ר יצחק: לגבור, שהיה שם במדינה, והיו בני המדינה בוטחים בו ואומרים: „לא יבואו גייסות לכאן״. באו הגייסות לעירו; כיון שהוא יוצא ומראה להם פנים, מיד הן בורחין. פעם אחת באו הגייסות; [אמרו לו: „מפני מה אין אתה מראה להם את פניך?״] אמר להם:**

---

**אים און פלעגן זאָגן: „אַהער וועלן קיין חיילות ניט קומען!״ אַז חיילות פלעגן קומען אויף זיין שטאָט, איז ווי נאָר ער פלעגט אַרויסגיין און באַוויזן זיין פּנים, אזוי פלעגן זיי גלייך אַנטלויפן. איין מאָל זיינען אָנגעקומען חיילות; [האָט מען אים געזאָגט: פאַרוואָס באַווייזטו זיי ניט דיין פּנים?״]** [19] **האָט**

---

אַלע נעכט האָבן אין זייער צייט ארויסגערופן געזאַנג צוליב די נסים וואָס זיינען דאַן געשען. [12] גאָט, כביכול, בעט אים, ער זאָל זיך אומקערן. [13] און אנשטאט מקטרג צו זיין אויף אידן, זיי מקטרג אויף די געצנדינער (מהרז״ו). [14] אַפּעס — לאָז גיין, גענוצט דאָ אין זין פון אַלץ איז פאַרביי. [15] וואָרטשפּיל: חנות, לייטזעליקן — חנות, לאַגערן, — צי האָט כביכול פאַרגעסן די צייט, ווען ער פלעגט זיין מיט זיין פאָלק וואו נאָר זיי פלעגן לאַגערן? [16] לא חלינו — חלותי. [17] נתחללה — חלותי. [18] נייערט מע מוז זאָגן:

ער געזאָגט צו זיי: „מיין רעכטע האַנט טוט מיר וויי". אָבער הקדוש־ברוך־הוא איז ניט אַזוי, ניייערט (ישעיה נט, א): הן — איז דאָך די האַנט פון גאָט ניט קורץ צו העלפן.

שנות — געביטן האָט זיך די רעכטע האַנט פון אויבערשטן. — ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: אויב דאָס איז צוליב קראַנקייטן, איז פאַראַן אַ האָפנונג, ווייל איטלעכער וואָס איז קראַנק, וועט לסוף געזונט ווערן; אָבער אויב דאָס איז אַן איבערבייט אין דער רעכטער האַנט, איז ניטאָ קיין האָפנונג. און דאָס איז די מיינונג פון ר' יהושע בן לוי, וואָס האָט געזאָגט (איכה ה, כב): כי אם מאס — ווארום אויב פאַרמיאוסן האָסטו אונדז פאַרמיאוסט, [האָסטו שוין אָבער געצאָרנט אויף אונדז ביז גאָר], — אויב דאָס איז פאַרמיאוסונג, איז ניטאָ קיין האָפנונג; אָבער אויב דאָס איז צאָרנונג, איז דאָ אַ האָפנונג, ווארום איטלעכער וואָס צאָרנט, בעט זיך לסוף איבער[20].

ר' שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט: הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „איר האָט געוויינט אַן אומזיניק געוויין, וועט דער סוף זיין, אַז איר וועט וויינען אַן אמתדיק געוויין". און וואו האָט ישראל געוויינט אַן אומזיניק געוויין? (במדבר יא, י): וישמע — און משה האָט געהערט ווי דאָס פאָלק וויינט משפחותוויז; (דאָרט יד, א) ותשא — און די גאַנצע עדה האָט אויפגעהויבן און אַרויסגעלאָזט זייער קול [און דאָס פאָלק האָט געוויינט]. און וואו האָט ישראל געוויינט אַן אמתדיק געוויין? [וועגן דעם זאָגן] ר' איבו און ר' יהודה בר' סימון. ר' איבו האָט געזאָגט: איין מאָל אין רמה און איין מאָל אין בבל. אין רמה, ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה לא, טו): קול ברמה נשמע — אַ קול ווערט אין רמה געהערט, [אַ וויי געשריי, אַ ביטער געוויין]; אין בבל, ווי עס שטייט געשריבן (תהלים קלז, א): על נהרות בבל — ביי די טייכן פון בבל, [דאָרט זיינען מיר געזעסן און געוויינט]. ר' יהודה דער זון פון ר' סימון האָט געזאָגט: איין מאָל אין מדינת יהודה און איין מאָל אין בבל. אין מדינת יהודה — בכה תבכה — וויינען טוט זי וויינען ביינאַכט; אין בבל — אויף די טייכן פון בבל. ר' איבו האָט געזאָגט: הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „אין זכות פון אָט דעם געוויין וועל איך צענויפזאַמלען אייערע גלותן". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה לא, טו־טז): כה אמר — אַזוי האָט גאָט געזאָגט: האַלט אָפּ דיין קול פון געוויין — — — און פאַראַן אַ האָפנונג פאַר דיין צוקונפט, זאָגט גאָט.

(ב) בכה תבכה — וויינען טוט זי וויינען: וויינען אויף איין גאָלדענעם קאַלב[21]; טוט זי וויינען אויף צוויי גאָלדענע קעלבער[22]. אַן אַנדער פשט: אויף יהודה און אויף ציון און ירושלים. אַן אַנדער פשט: וויינען אויפן גלות פון די עשרת השבטים; טוט זי וויינען אויפן גלות פון יהודה און בנימין. נאָך אַ פשט: זי וויינט און מאַכט אַנדערע צו וויינען[23] מיט איר. זי וויינט און מאַכט דעם רבונו־של־עולם צו וויינען מיט איר, ווי אין פסוק שטייט (ישעיה כב, יב): ויקרא — און גערופן האָט [אין] דער האַר פון

„ימיני חששה לי". אבל הקב"ה אינו כן, אלא (ישעיה נ"ט): הן לא קצרה יד ה' מהושיע, וגו'.

שנות ימין עליון, — אמר ר' שמעון בן לקיש: אם חליין הן, אית סבר, דכל דחשש סופיה מבריא; ואם שינוי ימין, לית סבר. והיא דעתיה דר' יהושע בן לוי, דאמר: כי אם מאוס מאסתנו,— אם מאיסה היא, לית סבר; ואם קציפה היא, אית סבר, דכל מאן דכעיס, סופיה מתרצה.

אמר ר' שמעון בן יוחאי: אמר הקב"ה לישראל: „אתם בכיתם בכיה של תפלות, סופכם להיות בוכים בכיה של ממש". והיכן בכו ישראל בכיה של תפלות? (במדבר י"א) וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו; (שם י"ד) ותשא כל העדה ויתנו את קולם. והיכן בכו ישראל בכיה של ממש? ר' איבו ור' יהודה בר' סימון. ר' איבו אמר: אחד ברמה ואחד בבבל. ברמה, דכתיב (ירמיה ל"א): קול ברמה נשמע, וגו'; בבבל, דכתיב (תהלים קל"ז): על נהרות בבל, וגו'. רבי יהודה ברבי סימון אמר: אחד ביהוד מדינתא ואחד בבבל. ביהוד מדינתא, — בכה תבכה בלילה; בבבל, — על נהרות בבל. א"ר איבו: אמר הקב"ה לישראל: „בשכר אותה הבכיה אני מכניס גלויותיכם". הלא הוא דכתיב (ירמיה ל"א): כה אמר ה': מנעי קולך מבכי, וגו', ויש תקוה לאחריתך, נאם ה'.

(ב) בכה תבכה. בכה על עגל אחד, תבכה על שני עגלים. ד"א: על יהודה ועל ציון וירושלים. ד"א: בכה על גלות עשרת השבטים, תבכה על גלות שבט יהודה ובנימין. ד"א: בכה ומבכה אחרים עמה. בוכה ומבכה הקב"ה עמה, דכתיב (ישעיה כ"ב): ויקרא ה' אלהים צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד; בוכה ומבכה מלאכי השרת עמה, דכתיב (שם ל"ג): הן אראלם צעקו חוצה. (א"ר זעירא:

---

די חיילות אין יענעם טאָג צו געוויין און צו קלאָג; זי וויינט און מאַכט די מלאכי השרת צו וויינען מיט איר, ווי אין פסוק שטייט (דאָרט לג, ז): הן

---

חלותי — דאָס איז מיין קראַנקייט, מיין שוואַכקייט. [19] צוגעגעבן לויט בובערס נוסח. [20] און דער זין פון פסוק וועט זיין אזוי: אויב פאַרמיאוסן האָסטו אונדז פאַרמיאוסט, דאַן האָבן מיר מער קיין האָפנונג ניט; אויב אָבער דו האָסט נאָר געצערנט אויף אונדז, האָסטו שוין געצערנט אויף אונדז ביז גאָר, און איצט דערוואַרטן מיר דיין הילף. [21] וואָס יידן האָבן געמאַכט ביים באַרג סיני (שמות לד). [22] וואָס ירבעם בן נבט האָט געמאַכט (מלכים א, יב, כח). [23] דער בעל המדרש לייענט דאָ תבכה מיט אַ שוא אונטער דער

אראלם צעקו חוצה — זע, זייערע העלדן [24] קלאָגן אין דרויסן. (ר׳ זעירא האָט געזאָגט: חיצה [25] שטייט, — ס׳איז איבער דער נאַטור פאַר אים [26] ער זאָל אים שעכטן [27]. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: ס׳איז ווי דער פסוק זאָגט (בראשית טו, ה): ויוצא אותו החוצה — און ער האָט אים אַרויסגעפירט אין דרויסן [28]). וויינען — זי וויינט און מאַכט וויינען הימל און ערד מיט איר; דאָס איז דאָך ווי עס שטייט געשריבן (יואל ב, י): שמש — די זון און די לבנה ווערן שוואַרץ. וויינען, — זי וויינט און מאַכט צו וויינען בערג און היגלען מיט איר; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ירמיה ד, כד): ראיתי — איך האָב געזען די בערג, [ערשט זיי ציטערן]. וויינען, — זי וויינט און מאַכט צו וויינען די זיבעציק אומות מיט איר. ר׳ פנחס האָט געזאָגט: יענע זיבעציק אָקסן וואָס אידן פלעגן מקריב זיין אום סוכות, זיינען געווען קעגן די זיבעציק אומות, אַז די וועלט זאָל ניט חרוב ווערן פון וועגן זיי [29]. — וויינען, — זי וויינט און מאַכט צו וויינען די כנסת ישראל מיט זיך; דאָס איז דאָך ווי עס שטייט געשריבן (במדבר יד, א): ותשא — און די גאַנצע עדה האָט אויפגעהויבן און אַרויסגעלאָזט זייער קול. ר׳ חוניא האָט געלערנט אין נאָמען פון ר׳ נחמיהן: ותשא שטייט געשריבן [30]: אַ שלעכטע הלוואה האָט איר אַנטליען די קומענדיקע דורות [31], ווי דער פסוק זאָגט (דברים כד, י): כי תשה — אַז דו וועסט אַנטלייען דיין חבר.

כד

(ב) בלילה — ביי נאַכט. פאַרוואָס ביי נאַכט? ווייל קיינמאָל טראָגט זיך ניט אזוי אַ קול ווי ביי נאַכט, דעריבער זאָגט דער פסוק ביי נאַכט. ר׳ איבו האָט געזאָגט: די נאַכט טראָגט אַן קלאָג מיט זיך. ס׳איז געשען מיט אַ פרוי, וואָס האָט געוואוינט אין שכנות מיט רבן גמליאלן, אַז זי האָט געהאַט אַ דערוואַקסענעם זון, און ער איז געשטאָרבן; פלעגט זי וויינען נאָך אים ביי נאַכט. און אַז רבן גמליאל פלעגט הערן איר קול, פלעגט ער זיך דערמאָנען דעם חורבן פון בית המקדש און פלעגט מיטוויינען מיט איר, ביז זיינע וויעס זיינען אים אויסגעפאַלן. אַז זיינע תלמידים האָבן דאָס באַמערקט, האָבן זיי גענומען און זי אַרויסגעפירט פון זיין שכנישאַפט.

כה

(ב) ודמעתה — און איר טרער איז אויף איר באַק, — פון וועגן אירע כוהנים [1], ווי דער פסוק זאָגט (דברים יח, ג): ונתן לכהן — מע זאָל געבן דעם כוהן דעם אָרעם און די קינבאַקן און דעם מאָגן. אַן אַנדער פשט: פון וועגן אירע גבורים, ווי דער פסוק זאָגט (שופטים טו, טו): וימצא — און ער האָט געפונען אַ פרישע אייזלשע קינבאַק [2]. נאָך אַ פשט: פון וועגן אירע

תו און אַ פתח אונטער דער בית, אין פיעל. [24] געדרשנט אויף די מלאכים. [25] אין פסוק שרייבט זיך דאָס וואָרט אָן אַ וו (חצה) און מע קען עס לייענען חיצה (כאָטש אויך דאָס וואָרט קומט פונעם זעלבן שורש, חוץ, אויסער, — איבער דער מענטשלעכער נאַטור). [26] פאַר אברהמען. [27] יצחקן. — דערדאָזיקער מאמר ווערט געבראַכט אין בראשית רבה נו, ה, אין נאָמען פון ר׳ עזריה, און דאָרט רעדט זיך וועגן עקדת יצחק. דאָ מיינט ר׳ זעירא

חיצה כתיב, — חיצה היא גביה דנכסיניה. א״ר ברכיה: כמה דאת אמר (בראשית ט״ו): ויוצא אותו החוצה). בכה, — בוכה ומבכה שמים וארץ עמה; הלא הוא דכתיב (יואל ב׳): שמש וירח קדרו. בכה, — בוכה ומבכה הרים וגבעות עמה; הדא הוא דכתיב (ירמיה ד׳): ראיתי את ההרים, וגו׳. בכה, — בוכה ומבכה שבעים אומות עמה. א״ר פנחס: אותם שבעים פרים שהיו ישראל מקריבין בחג כנגד שבעים אומות הם, כדי שלא יצדה העולם מהם. בכה, — בוכה ומבכה כנסת ישראל עמה; הלא הוא דכתיב (במדבר י״ד): ותשא כל העדה, וגו׳. ר׳ חוניא מתני ליה בשם ר׳ נחמיה: ותשא כתיב: חובי בישא אוזפיתון לדריא. כמד״א (דברים כ״ד): כי תשה ברעך.

כד

(ב) בלילה. למה בלילה? לפי שאין קול הולך, אלא בלילה, לכך נאמר: בלילה. א״ר איבו: לילה מושך עמה קינה. מעשה באשה אחת שהיתה בשכונתו של רבן גמליאל, והיה לה בן תשחורת ומת; והיתה בוכה עליו בלילה. והיה רבן גמליאל שומע את קולה, והיה נזכר חורבן בית המקדש; והיה בוכה עמה, עד שנשרו ריסי עיניו. וכיון שהרגישו בו תלמידיו, עמדו ופנו אותה משכונתו.

כה

(ב) ודמעתה על לחיה, על כהניה, כמה דאת אמר (דברים י״ח): ונתן לכהן הזרוע והלחיים והקיבה. ד״א: על גבוריה, כמה דאת אמר (שופטים ט״ו): וימצא לחי חמור טריה. ד״א: על שופטיה, כמד״א (מיכה ד׳): בשבט יכו על הלחי. ד״א: על בחוריה. את

---

משמעות אַנצואווענדן דעמזעלבן מאמר אויפן חורבן און אויפן פֿאָלק ישראל, גאָטס קינדער, וואָס דער כביכול האָט געלאָזט אויסשעכטן, און די מלאכים האָבן געוויינט אויף אָט דער אומנאַטירלעכער האַנדלונג. [28] ר׳ ברכיה פֿאַררופֿט זיך אויף אַ דרשה אין בראַשית רבה (מד, יב), אַז גאָט האָט ארויפגענומען אברהמען אויפן הימל (החוצה) אים צו ווייזן די שטערן, און אזוי זאָל אויך דאָ דאָס וואָרט חוצה מיינען הימל — די מלאכים וויינען אין הימל. [29] אָדער: די וועלט זאָל ניט בלייבן אויסגעליידיקט פון זיי: די זיבעציק אומות דאַרפֿן וויינען, ווייל צוליבן חורבן איז ניטאָ ווער עס זאָל מכפּר זיין אויף זיי. [30] מיטן פֿינטל אויף דער רעכטער זייט פון דער שין, פון שורש נשה — מאָנען אַ חוב, (ר׳ חוניא האָט אוודאי געמיינט צו זאָגן: „לייען, ווי דאָס פֿינטל וואָלט געשטאַנען אויף דער רעכטער זייט", ווייל אין אַלע אונדזערע ספרים איז דאָס פֿינטל אויף דער לינקער זייט). [31] ווייל צוליב דעם וואָס זיי האָבן געוויינט ביי דער מעשה מיט די מרגלים, איז נגזר געוואָרן אַ געוויין אויף דורות (זע אויבן ר׳ שמעון בן יוחאיס ווערטער).

[1] וואָס האָבן דורכן חורבן פֿאַרלאָרן זייערע מתנות כהונה. [2] און שמשון הגבור

**שופטים, ווי דער פסוק זאָגט** (מיכה ד, יד): בשבט — מיט אַ רוט שלאָגט מען אויף דער באַק [דעם ריכטער פון ישראל]. **אַן אַנדער פשט: פון וועגן אירע בחורים. דו געפינסט, אַז בשעת די שונאים זיינען אַריין אין בית המקדש, האָבן זיי געכאַפּט די בחורים און געבונדן זייערע הענט אַהינטער. פלעגן זיי וויינען, און די טרערן פלעגן זיי אַראָפּרינען אויף זייערע באַקן, און זיי האָבן זיי ניט געקענט אָפּווישן. פלעגן זיי פאַלן** [3] **אויף זייערע באַקן ווי די ברענונג פון קרעץ.**

כו

(**ב**) אין לה מנחם — זי האָט ניט קיין טרייסטער. **ר׳ לוי האָט געזאָגט: אומעטום וואו דער פסוק זאָגט** זי האָט ניט, וועט זי עס **לסוף האָבן** [1]. [**למשל**] (בראשית יא, ל): ותהי — און שרי איז געווען אַן עקרה, זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער, **און לסוף האָט זי יאָ געהאַט, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כא, א): וה׳ — און גאָט האָט זיך דערמאָנט אַן שרהן. **און דעסגלייכן** (שמואל א, א, ב): ולחנה — און חנה האָט קיין קינדער ניט געהאַט, **און לסוף האָט זי יאָ געהאַט, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ב, כא): כי פקד ה׳ — ווייל גאָט האָט זיך דערמאָנט אַן חנהן. **און דעסגלייכן** (ירמיה ל, יז): ציון היא — ציון איז זי, זי האָט ניט ווער עס זאָל זיך נאָכפרעגן אויף איר, **אָבער לסוף וועט זי יאָ האָבן, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה נט, כ): ובא לציון גואל — און קומען וועט צו ציון אַן אויסלייזער. **דעסגלייכן זאָגסטו**: זי האָט ניט קיין טרייסטער, **אָבער לסוף וועט זי יאָ האָבן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט נא, יב): אנכי — איך, איך בין אייער טרייסטער.

כז

(**ב**) כל רעיה — אַלע אירע פריינט האָבן געפעלשט אין איר, זיי זיינען איר געוואָרן שונאים. **ר׳ יעקב פון כפר חנן האָט געזאָגט: דאָס זיינען מיכאל און גבריאל** [1].

כח

(**ג**) גלתה —יהודה איז אין גלות אַוועק. **גייען דען ניט אויך די אומות העולם אין גלות? נייערט כאָטש אויך זיי גייען אין גלות, איז זייער גלות קיין גלות ניט. די אומות העולם, וואָס עסן פון זייער ברויט און טרינקען פון זייער וויין** [1]**, זייער גלות איז קיין גלות ניט; אָבער די יידן, וואָס עסן ניט פון זייער ברויט און טרינקען ניט פון זייער וויין, זייער גלות איז אַ גלות. די אומות העולם, וואָס פאָרן אום אין זייערע איבערגעדעקטע וואָגנס** [2]**, זייער גלות איז קיין גלות ניט; אָבער די יידן וואָס גייען אום באָרוויס, זייער גלות איז אַ גלות. דעריבער זאָגט דער פסוק:** יהודה איז אין גלות אַוועק.

**דאָ זאָגט ער** גלתה — זי (יהודה) איז אין גלות אַוועק, **און דאָרטן** (ירמיה נב, כז) **זאָגט ער:** ויגל [3] — און ער (יהודה) איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד? **נייערט וויבאַלד זיי זיינען אין גלות געגאַנגען איז זייער כוח אָפּגעשוואַכט געוואָרן ווי ביי אַ פרוי; דעריבער זאָגט דער פסוק:** גלתה — זי איז פאַרטריבן געוואָרן.

**מוצא. בשעה שנכנסו שונאים לבית המקדש, תפשו את הבחורים וכפתו ידיהן לאחוריהן. והיו בוכין, והיו הדמעות יורדות על לחייהן, ולא היו יכולין לקנחן; ונושרות על לחייהם כצרבת השחין.**

כו

(ב) אין לה מנחם. **א״ר לוי: כל מקום שנא׳ אין, הוה לה.** (בראשית י״א) ותהי שרי עקרה, אין לה ולד, **והוה לה, שנאמר** (שם כ״א): וה׳ פקד את שרה. **ודכוותיה** (ש״א, א׳): ולחנה אין ילדים, **והוה לה, שנאמר** (שם ב׳): כי פקד ה׳ את חנה. **ודכוותיה** (ירמיה ל׳): ציון היא, דורש אין לה, **והוה לה, שנאמר** (ישעיה נ״ט): ובא לציון גואל. **אף כן את אומר**: אין לה מנחם, **והוה לה, שנאמר** (שם נ״א): אנכי, אנכי הוא מנחמכם:

כז

(ב) כל רעיה בגדו בה, היו לה לאויבים. **א״ר יעקב דכפר חנן: זה מיכאל וגבריאל.**

כח

(ג) גלתה יהודה. **אומות העולם אינן גולים? אלא אף על פי שגולים, אין גלותם גלות. אומות העולם, שאוכלים מפתם ושותים מיינם, אין גלותם גלות; אבל ישראל, שאין אוכלין מפתם ואין שותין מיינם, גלותם גלות. אומות העולם, שהן מהלכין באסקפטיות שלהם, אין גלותם גלות; אבל ישראל, שהן מהלכין יחפין, גלותם גלות. לכך נאמר**: גלתה יהודה.

**כאן הוא אומר**: גלתה יהודה, **ולהלן הוא אומר** (ירמיה נ״ב): ויגל יהודה מעל אדמתו? **אלא כיון שגלו, תשש כחן כנקבה; לכך נאמר**: גלתה יהודה.

---

האָט מיט דעם געשלאָגן די פּלשתים, — איז דאָס וואָרט באַק מרמז אויף די גבורים פון ישראל וואָס זיינען אומגעקומען. [3] אנשטאט ונושרות, און זיי פלעגן פאַלן, הייסט דער רד״ל לייענען ונשארות, און זיי פלעגן בלייבן. לויט דער ענגלישער איבערזעצונג פון א. כהן (סאנצינא אויסגאַבע) דאַרף מען לייענען ונושכות, און זיי פלעגן זיך איינבייסן.

[1] דאָ ווערן געבראַכט פּסוקים, וואו עס ווערט גענוצט דאָס וואָרט אין, ניטאָ, און דער בעל המדרש באַציט זיך דאָ, משמעות, אויף דער צווייטער, קעגנגעזעצטער באַדיי־טונג, וואָס דאָס וואָרט האָט: אין (אַנדערע לייענען עס מיט אַ חירק אונטער דער אלף) — יאַ, זיכער.

[1] לויטן ילקוט האָבן דידאָזיקע צוויי מלאכים צוערשט מלמד זכות געווען אויף די יידן, אָבער לסוף האָבן זיי אַליין, אויף כביכולס באַפעל, אונטערגעצונדן דעם בית המקדש. זע אויך ווייטער, ז׳ 178.

[1] פון די אַרומיקע פעלקער. [2] לויט רש״י, תהילים מב, ה; אזוי אויך לויט יאסטראָוו. לויט אַנדערע מפרשים מיינט אספּקטיות ווייסע שיך. [3] גלתה איז לשון נקבה,

(ג) מעוני — פון וועגן נויט, **ווייל זיי האָבן געגעסן חמץ אום פסח, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים טז, ג): לא תאכל — דו זאָלסט ניט עסן דערביי קיין חמץ; זיבן טעג זאָלסטו עסן דערביי מצות, אָרים ברויט[4]. **אַן אַנדער פשט**: מעוני — **איבער דעם וואָס זיי האָבן פאַרהאַלטן דעם אָרימאַנס משכון אין זייערע הייזער, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כד, יב): ואם — און אויב ער איז אַ מענטש אַן אָרימאַן, זאָלסטו זיך ניט לייגן מיט זיין משכון. **אַן אַנדער פשט**: מעוני — **ווייל זיי האָבן אָרונטערגעדריקט דעם לוין פון דעם געדונגענעם, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, פסוק יד): לא תעשק — דו זאָלסט ניט דריקן אַן אָרימען און ניטבאַדערפטיקן לוינאַרבעטער. **אַן אַנדער פשט**: מעוני — **ווייל זיי האָבן באַרויבט דעם אָרימאַן פון דעם וואָס אים קומט, ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא יט, י): לעני — פאַרן אָרימאַן און פאַרן פרעמדן זאָלסטו זיי איבערלאָזן. **אַן אַנדער פשט**: מעוני — **איבער דעם וואָס זיי האָבן אויפגעגעסן דעם מעשר עני**[5]. **ר' ביבי און ר' הונא זאָגן אין רבס נאָמען: ווער עס עסט טבל**[6] **פון מעשר עני איז ווערט דעם טויט. אַן אַנדער פשט**: מעוני — **ווייל זיי האָבן געדינט דער עבודה זרה, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות לב, יח): קול ענות[7] — אַ קול פון געזאַנג הער איך. **ר' אחא האָט געזאָגט: „אַ קול פון לויב צו דער עבודה זרה הער איך". ר' יהודה זאָגט אין נאָמען פון ר' יוסין: ס'איז ניטאָ דער דור, וואָס נעמט ניט אָפּ [זיין חלק שטראָף] פאַרן חטא פונעם גאָלדענעם קאַלב**[8].

## כט

(ג) ומרוב עבודה — און פון וועגן פיל קנעכטשאַפט. **ר' אחא האָט געזאָגט: ווייל זיי פלעגן פאַרשקלאַפן דעם עבד עברי**[1], **ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה לד, יד): מקץ — צום סוף פון זיבן יאָר זאָלט איר איטלעכער אַרויסלאָזן זיין אידישן ברודער.

(ג) היא ישבה בגוים — זי זיצט צווישן די פעלקער, זי געפינט ניט קיין רו. **ר' יודן דער זון פון ר' נחמיה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' שמעון בן לקיש: ווען זי וואָלט געפונען רו, וואָלט זי זיך ניט אומגעקערט**[2]. **און דעסגלייכן** (בראשית ח, ט): ולא מצאה — און די טויב[3] האָט ניט געפונען קיין אָפּרו [פאַר איר פוסטריט און זי האָט זיך אומגעקערט צו אים אין דער תבה]. **און דעסגלייכן** (דברים כח, סה): ובגויים ההם — און צווישן די דאָזיקע פעלקער וועסטו קיין רו ניט האָבן, און עס וועט קיין מנוחה ניט זיין פאַר דיין פוסטריט.

(ג) כל רודפיה — אַלע אירע נאָכיאָגערס האָבן זי דערגרייכט צווישן די ענגענישן, **ווי מיר האָבן געלערנט [אין דער משנה]**[4]: **דאָס זיינען די ווערטער פון בן ננס — לויט זיינע אָפּצייכנונגען און לויט זיינע גרעניצן**[5].

**אַן אַנדער פשט**: אַלע אירע נאָכיאָגערס האָבן זי דערגרייכט צווישן די ענגענישן, — **אין די טעג פון צרה, צווישן שבעה עשר בתמוז און תשעה באב**[6], **ווען דער קטב מרירי**[7] **איז פאַראַן**[8], **ווי דער פסוק זאָגט** (תהילים צא, ו): מדבר — פאַר אַ מגפה וואָס גייט אום אין דער פינצטער, פאַר אַ

(ג) **מעוני, על שאכלו חמץ בפסח, כמד״א** (דברים ט״ז): לא תאכל עליו חמץ, שבעת ימים תאכל עליו מצות, לחם עוני. **ד״א:** מעוני, **על שחבלו משכון עני בתוך בתיהם, כמד״א** (שם כ״ד): ואם איש עני הוא, לא תשכב בעבוטו. **ד״א:** מעוני, **על שעשקו שכר שכיר, כמד״א** (שם): לא תעשוק שכיר עני ואביון. **ד״א:** מעוני, **על שגזלו מתנות עני, כמד״א** (שם): לעני ולגר תעזוב אותם. **ד״א:** מעוני, **על שאכלו מעשר עני. ר׳ ביבי ור׳ הונא בשם רב: האוכל טבל של מעשר עני חייב מיתה. ד״א:** מעוני, **על שעבדו עבודת כוכבים, כמד״א** (שמות ל״ב): קול ענות אנכי שומע. **א״ר אחא: „קול קילוס עבודת כוכבים אנכי שומע״. רבי יהודה בשם רבי יוסי אומר: אין לך דור ודור, שאינו נוטל מחטאו של עגל.**

כט

(ג) ומרוב עבודה. **א״ר אחא: על שהיו משתעבדים בעבד עברי, כמד״א** (ירמיה ל״ד): מקץ שבע שנים תשלחו.

(ג) היא ישבה בגוים, לא מצאה מנוח. **ר׳ יודן בר׳ נחמיה בשם רשב״ל אמר: אילו מצאה מנוח, לא היתה חוזרת. ודכוותיה** (בראשית ח): ולא מצאה היונה מנוח. **ודכוותה** (דברים כ״ח): ובגוים ההם לא תרגיע ולא יהיה מנוח לכף רגלך.

(ג) כל רודפיה השיגוה בין המצרים, **כההיא דתנן — דברי בן ננס: בסימניו ובמצרניו.**

**ד״א:** כל רודפיה השיגוה בין המצרים, — **ביומין דעקא, משבעה עשר בתמוז עד תשעה באב, שבהם קטב מרירי מצוי, כמד״א** (תהלים צ״א): מדבר באופל יהלוך, מקטב ישוד צהרים.

---

ויגל — לשון זכר. [4] און זיי האָבן ניט אזוי געטאָן (און אזוי אויך אין די ווייטערדיקע פאַלן). [5] אַ צענטל פון דער תבואה, וואָס מע האָט געדאַרפט געבן אָרימעלייט יעדן דריטן און זעקסטן יאָר פון שמיטה. [6] ניט קיין געמעשרטע תבואה. [7] וואָרטשפּיל אויף מעוני — דאָרט רעדט זיך וועגן דעם גאָלדענעם קאַלב וואָס יידן האָבן געמאַכט ביים באַרג סיני [8] און אויך דער חורבן איז צום טייל געווען אַ שטראָף פאַר דער מעשה פונעם עגל הזהב.

[1] אַ יידישער שקלאַף, וואָס מע האָט געדאַרפט פריילאָזן נאָך זעקס יאָר דינסט.
[2] קיין ארץ ישראל. [3] אָפּט אַ משל אויף דער כנסת ישראל. [4] בבא בתרא ז, ג.
[5] במצרניו (דער נוסח אין דער משנה איז במצריו); לויט דעם ווערט בין המצרים גע־טייטשט: ביי די גרעניצן. [6] שבעה עשר בתמוז האָט נבוכדנצר געמאַכט דעם ערשטן איינבראָך אין דער מויער פון ירושלים, און תשעה באב איז פאַרברענט געוואָרן דער בית המקדש, הייסן אָט די דריי וואָכן בין המצרים. [7] בוכשטאַבלעך: ביטערער פּעסט, דאָ — דער נאָמען פון אַ שד וואָס ברענגט פּעסט. [8] ווייל דאָס איז די הייסטע צייט

פעסט [9] וואָס באַרויבט אין מיטן טאָג. ר׳ אבא בר כהנא און ר׳ לוי [האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן דעם]. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: ער שפּאַנט אום אין דער גרויסער ליכטיקייט, פון אָנהייב פון דער זעקסטער שעה [10] ביזן סוף פון דער ניינטער שעה. און ר׳ לוי האָט געזאָגט: ער שפּאַנט אום דורך דעם גרעסטן טייל פון טאָג, פון סוף פון דער פערטער שעה ביזן אָנהייב פון דער ניינטער; און ער גייט ניט אום ניט אין זון און ניט אין שאָטן, נייערט אין שאָטן נאָענט צו דער זון. ר׳ יוחנן און ר׳ שמעון בן לקיש [האָבן געזאָגט וועגן דעם]. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ער איז דורך און דורך פול מיט אויגן און [איז אײַנגעוואַקסן באַוואַקסן] מיט שופּן און האָר. און ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: איין אויג האָט ער אויפן האַרצן, און ווער עס זעט אים, פאַלט און שטאַרבט. און געשען איז מיט איינעם אַ חסיד, וואָס האָט אים געזען; איז ער געפאַלן אויפן פּנים און איז געשטאָרבן. און מע זאָגט, אַז דאָס איז געווען יהודה דער זון פון ר׳ — — —[11]. שמואל האָט אים געזען, און ער איז ניט געפאַלן. ער האָט געזאָגט: דאָס איז אַ הויז שלאַנג [12].

ר׳ אבהו איז געזעסן און געלערנט אין אַ שול אין אַן אָרט אין קסריה. האָט ער געזען, ווי איינער אַ מענטש טראָגט אַ שטעקן און גייט שלאָגן זיין חבר. און ער האָט געזען ווי אַ ניט גוטער שטייט הינטער יענעם און האַלט אַן אייזערנעם שטעקן. האָט ער זיך אויפגעהויבן און אויסגעשריען, און געזאָגט צו אים: „וואָס ווילסטו, — הרגענען דיין חבר?" האָט יענער אים געזאָגט: „מיט דעם קען אַ מענטש הרגענען זיין חבר?" האָט ער געזאָגט צו אים: „אָט שטייט הינטער אים אַ ניט גוטער וואָס האַלט אַן אייזערנעם שטעקן: דו וועסט אים שלאָגן מיט דעם און ער וועט אים שלאָגן מיט יענעם, און ער וועט שטאַרבן".

ר׳ יוחנן פלעגט אָנזאָגן די דרדקי מלמדים און די משנה מלמדים, זיי זאָלן ניט האַלטן קיין רימען איבער די קינדער אין דידאָזיקע טעג. ר׳ שמואל בר נחמני פלעגט אָנזאָגן די דרדקי מלמדים און די משנה מלמדים, זיי זאָלן פריילאָזן די גאָר יונגע קינדער אויף יענע פיר שעה.

ל

(ד) דרכי ציון — די וועגן פון ציון טרויערן. ר׳ הונא האָט געזאָגט: אַלץ זוכט זיין באַהעפטונג. מע דערציילט וועגן אַ דאָרפס צויג, וואָס איז אַרויף אויף אַ שפּיץ פעלז און זיך דאָרט באַהעפט מיט אַ הונט. ר׳ אמי האָט געזאָגט: אפילו צעדערביימער זוכן זייער באַהעפטונג. אַ ראיה האָסטו: אין בבל זיינען קיין צעדערביימער ניט געווען; און אַז נבוכדנצר איז געקומען אַהער [1], האָט ער אַרויסגעריסן פון דאָנען צעדערביימער און זיי פאַרפלאַנצט אין בבל; און אַז ער איז געשטאָרבן, האָבן זיי זיך געפרייט אויף זיין מפּלה. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה יד, ח): גם ברושים — אפילו די ציפּרעסן פרייען זיך איבער דיר, די צעדערן פון לבנון [2]. ר׳ אבדימי פון חיפה האָט געזאָגט: אפילו וועגן זוכן זייער באַהעפטונג. דאָס איז

ר׳ אבא בר כהנא ור׳ לוי. ר׳ אבא בר כהנא אמר: דהוא גזיז סוגיא דטיהרה, מרישהון דשית עד סופיהון דתשע. ור׳ לוי אמר: דהוא גזיז סוגיא דיומא, מסופיהון דארבע עד רישיהון דתשע. ואינו מהלך לא בחמה ולא בצל, אלא בצל הסמוך לחמה. ר׳ יוחנן ור׳ שמעון בן לקיש. ר׳ יוחנן אמר: כולו מלא עינים, קליפות קליפות ושערות שערות. ור׳ שמעון בן לקיש אמר: עין אחת נתונה על לבו, וכל מי שרואה אותו נופל ומת. ומעשה בחסיד אחד, שראה אותו ונפל על פניו ומת. ויש אומרים: יהודה בר׳ — — — היה. שמואל חמתיה ולא נפל; אמר: עכן בית.

ר׳ אבהו הוה יתיב ומתנא בהדא כנישתא מדוכתא דקסרי. חמא חד בר נש, דטעין חדא קטיתא ואזל למימחי חבריה. חמא מזיקא קאי בתריה דטעין קטיתא דפרזלא. קם וצריח; אמר ליה: „מה את בעי, — קטיל חבריך?״ אמר ליה: „בהדא בר נש קטיל חבריה?״ אמר ליה: „הא מזיקא קאים בתריה, דטעין קטיתא דפרזלא; את מחי ליה בהדא, והוא מחי ליה בההיא, ומת״.

ר׳ יוחנן הוה מפקד לספרייא ומתנניא, דלא ליהוון טעונין ערקתא [על] מינוקיא באילין יומי. רבי שמואל בר נחמני הוה מפקד לספרייא ומתנניא, דייהוון מפטרין רב טלאי בארבע שעין.

ל

(ד) דרכי ציון אבלות. א״ר הונא: הכל מבקשין תפקידן. מעשה בכלבא אחת כופרית, שעלתה לראש הסלע ושימשה עם זכר. רבי אמי אמר: אפילו ארזים מבקשין תפקידן. תדע לך, שלא היו ארזים בבבל; וכשעלה נבוכדנצר לכאן, תלש ארזים מכאן ושתלן בבבל. וכשמת, היו שמחים על מפלתו. הה״ד (ישעיה י״ד): גם ברושים שמחו לך, ארזי לבנון. א״ר אבדימי דמן חיפה: אפילו דרכים מבקשין תפקידן; הה״ד: דרכי ציון אבלות מבלי באי מועד, — „מבלי בורגנין, מבלי בוליטין״ אין כתיב כאן, אלא מבלי באי מועד.

---

פון יאָר. [9] מקטב. [10] רעכענענדיק דעם אָנהייב פון טאָג זעקס אַ זייגער אויף אונדזער צייט, איז די זעקסטע שעה פּונקט אין מיטן טאָג, ווען די זון איז אַמשטאַרקסטן. [11] אין טעקסט איז משמעות אַרויסגעפאַלן דער נאָמען פון דעם יהודהס פאָטער. [12] וואָס טוט קיין בייז ניט. לויט במדבר רבה יב, ג, איז דאָס לעצטע געשען מיט יהודה בר שמואל.

[1] אַ באַווייז, אַז דער מדרש איז געשאַפן געוואָרן אין ארץ ישראל (זע ווייטער, סימן לד, באַמערקונג 2). [2] ווייל זיי האָבן געבענקט נאָך דער באַפרוכטונג פון די צעדער־

ווי אין פסוק שטייט: די וועגן פון ציון טרויערן, דען עס זיינען ניטאָ די וואָס קומען אויף יום־טוב[3], — עס שטייט ניט „דען עס זיינען ניטאָ די באַוואוינער פון די פעלדהייזער און די ראַטגעבער פון די שטעט"[4], נייערט דען עס זיינען ניטאָ די וואָס קומען אויף יום־טוב.

(ד) כל שעריה — אַלע אירע טויערן זיינען וויסט, ווייל עס איז ניט געוועזן ווער עס זאָל אַריין און אַרויס דורך זיי. כהניה — אירע כוהנים זיפצן, ווייל עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי געבן די מתנות כהונה, ווי דער פסוק זאָגט (דברים יח, ג): ונתן — און מע זאָל געבן דעם כוהן דעם אָרעם און די קינבאַקן און דעם מאָגן. בתולותיה נוגות — אירע יונגפרויען זיינען פאַראומערט, — ר' יצחק דער זון פון ר' סימון האָט געזאָגט: דאָס מיינט מען די תלמידי חכמים, וואָס זיינען געווען שיין ווי יונגפרויען, און זיינען געוואָרן ווי וואַקס[5]. ר' שמואל האָט אין נאָמען פון ר' יצחקן געזאָגט: דאָס מיינט מען די ראַטגעבער, וואָס זיינען געווען שיין ווי יונגפרויען, און זיינען געוואָרן ווי פאַראומערטע. אַן אַנדער פשט: אירע יונגפרויען זיינען פאַר־אומערט, — איינער פלעגט קומען און באַמאַנען [אַ יונגפרוי] און אַ צווייטער פלעגט קומען און זי באַמאַנען, ביז זיי האָבן אויפגעריסן[6] איר וואונד. והיא — און זי, ביטער איז איר, — עס איז איר ביטער פון וועגן איר נאַקעטקייט.

לא

(ה) היו צריה — אירע פיינט זיינען געוואָרן דער קאָפּ. ר' הלל דער זון פון ר' ברכיה האָט געזאָגט: יעדערער וואָס קומט דריקן די יידן ווערט אַ ראש. פון וואַנען איז עס געדרונגען? — אירע פיינט זיינען געוואָרן דער קאָפּ. דו געפינסט, אַז כל־זמן ירושלים איז ניט חרוב געוואָרן, האָט קיין שטאָט קיין חשיבות ניט געהאַט; ווי נאָר ירושלים איז חרוב געוואָרן, איז קיסריה געוואָרן אַ מעטראָפּאָליע און אַ פילפּאָכע הערשערין[1]. אַן אַנדער פשט: אירע פיינט זיינען געוואָרן דער קאָפּ, דאָס איז נבוכדנצר; אירע שונ־אים זיצן אין שלווה, דאָס איז נבוזראדן. נאָך אַ פשט: אירע פיינט זיינען געוואָרן דער קאָפּ, דאָס איז אספּאַסיאַנוס; אירע שונאים זיצן אין שלווה, דאָס איז טיטוס[2].

דריי און אַ האַלב יאָר האָט אספּאַסיאַנוס באַלאַגערט ירושלים, און פיר דוכסים האָט ער געהאַט מיט זיך: דעם דוכס פון אַראַביע, דעם דוכס פון אַפריקע, דעם דוכס פון אַלעקסאַנדריע און דעם דוכס פון פּאַלעסטינע. וועגן דעם דוכס פון אַראַביע [זיינען מחולק] צוויי אמוראים. איינער זאָגט, אַז זיין נאָמען איז געווען קילוס, און איינער זאָגט, אַז זיין נאָמען איז געווען פאַנגאַר. און אין ירושלים זיינען געווען פיר ראַטגעבער: בן ציצית און בן גוריון, און בן נקדימון און בן כלבא שבוע[3]. און יעדער איינער האָט געקענט אויסהאַלטן די שטאָט מיט שפּייז צען יאָר צייט. און דאָרט איז געווען בן בטיח, ר' יוחנן בן זכאיס שוועסטערס אַ זון, וואָס איז געווען דער ממונה אויף די שפּייכלערס; האָט ער פאַרברענט אַלע שפּייכלערס. אַז ר'

(ד) כל שעריה שוממין, שלא היו נכנסין ויוצאין בהן. כהניה נאנחים, שאין מי יתן להם מתנות כהונה, כמה דאת אומר (דברים י״ח): ונתן לכהן הזרוע והלחיים והקבה. בתולותיה נוגות, — א״ר יצחק בר׳ סימון: אלו תלמידי חכמים, שהיו נאים כבתולות, ונעשו כדונג. ר׳ שמואל אמר ר׳ יצחק: אלו הבוליוטין, שהן נאים כבתולות, ונעשו כנוגות. ד״א: בתולותיה נוגות, — שהיה זה בא ובועל והיה זה בא ובועל, עד שהגו את מכתה. והיא מר לה, מר לה לערותה.

לא

(ה) היו צריה לראש. א״ר הילל בר׳ ברכיה: כל מי שבא להצר לישראל, נעשה ראש. מה טעם? היו צריה לראש. את מוצא, עד שלא חרבה ירושלם, לא היתה מדינה חשובה כלום; משחרבה ירושלם, נעשה קיסרין מטריפולין ותנופילין. ד״א: היו צריה, זה נבוכדנצר; אויביה שלו, זה נבוזראדן. ד״א: היו צריה לראש, זה אספסיאנוס; אויביה שלו, זה טיטוס.

שלש שנים ומחצה הקיף אספסיאנוס את ירושלם, והיו עמו ארבעה דוכסין: דוכס דערבייא, דוכס דאפריקא, דוכס דאלכסנדריא, דוכס דפלסטיני. דוכס דערבייא, — תרין אמורין; חד אמר: קילוס שמיה, וחד אמר: פנגר שמיה. והוון בירושלם ארבעה בוליטין: בן ציצית ובן גוריון, ובן נקדימון, ובן כלבא שבוע. וכל אחד ואחד יכול לספק מזונות של מדינה י׳ שנים. והיה שם בן בטיח, בן אחותו של רבן יוחנן בן זכאי, שהיה ממונה על האוצרות; ואוקיד כל אוצרייא. שמע רבן יוחנן בן זכאי, אמר: „ווי״. אזלין אמרון לבן בטיח: „אמר חביבך ווי״. שלח ואתייה. אמר לו: „למה אמרת ווי? אמר לו: „לא אמרתי ווי, אלא וה אמרי״. אמר לו: „וה אמרת? ולמה

---

יוחנן בן זכאי האָט עס געהערט, האָט ער געזאָגט: „וויי!״ איז מען אַוועק און מע האָט געזאָגט בן בטיחן: „דייַן פעטער האָט געזאָגט: וויי!״ האָט ער געשיקט און אים געבראַכט צו זיך און געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס האָסטו געזאָגט וויי?״ האָט ער אים געזאָגט: איך האָב ניט געזאָגט וויי, נייערט ווא[4] האָב איך געזאָגט״. האָט ער געזאָגט צו אים: „ווא האָסטו

---

ביימער אויפן לבנון. [3] די וועגן בענקען נאָך די עולי רגל. [4] לויט יאַסטראָוו — טורעם הייזער און וואַרף מאַשינען. [5] וואָרטשפּיל: נוגות — דונג. [6] אָדער אויפגעדעקט; וואָרטשפּיל: נוגות — הגו.

[1] לויט בובערס נוסח דאַרף זיך דאָ לייענען: קיסריה איז געוואָרן אַ מעטראָפּאָליע,

געזאָגט? און ווארום האָסטו געזאָגט וואָ?" האָט ער אים געזאָגט: „ווייל דו האָסט פאַרברענט אַלע שפּייכלערס, און איך האָב געטראַכט, אַז כל־זמן די שפּייכלערס שטייען נאָך, וועלן זיי ניט איינשטעלן זייערע לעבנס צו פירן מלחמה". צווישן ווי און וואָ האָט זיך ר' יוחנן בן זכאי געראַטעוועט דאָס לעבן, און מע האָט געלייענט אויף אים דעם פּסוק (קוהלת ז, יב): ויתרון דעת — אָבער די מעלה פון וויסן איז, וואָס חכמה גיט לעבן דעם וואָס האָט זי.

אין דריי טעג אַרום איז ר' יוחנן בן זכאי אַרויס שפּאַצירן אין מאַרק, און ער האָט געזען, ווי מע קאָכט שטרוי און מע טרינקט דאָס וואַסער. האָט ער געזאָגט: „מענטשן וואָס קאָכן שטרוי און טרינקען דאָס וואַסער, — וועלן זיי קענען ביישטיין אספּאַסיאַנוסעס חיילות?" און ער האָט געזאָגט: „די איינציקע רפואה פאַר דער זאַך איז, איך זאָל ארויסגיין פון דאַנען". האָט ער געשיקט און געזאָגט צו בן בטיחן: „נעם מיך אַרויס פון דאַנען". האָט ער געזאָגט צו אים: „מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז קיין מענטש זאָל ניט אַרויס פון דאַנען, סיידן אַ טויטער"[5]. האָט ער געזאָגט: „פירט מיך אַרויס ווי אַ טויטן". האָט ר' אליעזר אים געטראָגן ביים קאָפּ און ר' יהושע ביי די פיס, און בן בטיח איז אים געגאַנגען פאַראויס. אַז זיי האָבן דערגרייכט [דעם טויער פון שטאָט], האָט מען געוואָלט אים שטעכן[6]. האָט בן בטיח זיי געזאָגט: „אַזוי ווילט איר, — מע זאָל זאָגן: זייער רבי איז געשטאָרבן און זיי האָבן אים געשטאָכן?" וויבאַלד ער האָט זיי אַזוי געזאָגט, האָבן זיי אים אָפּגעלאָזט. אַז זיי זיינען אַרויס פון די טויערן, האָבן זיי אים געטראָגן און אים איבערגעלאָזט אויף אַ בית עולם און זיך אומגעקערט אין שטאָט.

איז ר' יוחנן בן זכאי אַרויס און האָט אַרומגעשפּאַצירט צווישן אספּאַסיאַנוסעס חיילות. ער האָט זיי געפרעגט: „וואו איז דאָ דער מלך?" איז מען אַוועק און מע האָט געזאָגט אספּאַסיאַנוסען: „איינער אַ ייד וויל דיך באַגריסן". האָט ער געזאָגט צו זיי: „זאָל ער קומען". אַז ער איז געקומען, האָט ער געזאָגט צו אים: „זאָל לעבן דער האַר קיסר!"[7] האָט ער אים געזאָגט: „מיט דער באַגריסונג פון אַ מלך האָסטו מיך באַגריסט, און איך בין ניט קיין מלך; און אַז דער מלך וועט דערהערן, וועט ער מיך הרגענען". האָט ער געזאָגט צו אים: „אויב דו ביסט ניט קיין מלך, וועסטו אָבער לסוף ווערן אַ מלך; ווייל דאָסדאָזיקע הויז וועט ניט חרוב ווערן, סיידן דורך אַ מלך, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה י, לד): והלבנון — און דער לבנון[8] וועט דורך אַ מאַכטיקן פאַלן". האָט מען אים גענומען און אַריינגעבראַכט אינעם אינווייניקסטן פון זיבן צימערן[9], און מע האָט אים געפרעגט, די וויפלטע שעה ס'איז אין דער נאַכט, און ער האָט זיי געזאָגט; די וויפלטע שעה ס'איז אינעם טאָג, און ער האָט זיי געזאָגט. פון וואַנען האָט עס ר' יוחנן בן זכאי געוואוסט? פון זיין לערנען[10].

אמרת וה? אמר ליה: „דאוקדת כל אוצרייא; ואמרתי, דכל זמן דאוצרייא קיימין, לא יהיבין גשמיהון למיעבד קרבא״. בין ווי לוה נמלט רבן יוחנן בן זכאי, וקרא עליו (קהלת ז׳): ויתרון דעת החכמה תחיה בעליה.

לאחר ג׳ ימים יצא רבן יוחנן בן זכאי לטייל בשוק וראה אותם, ששולקין תבן ושותין מימיו. אמר: „בני אדם ששולקין תבן ושותין מימיו יכולין לעמוד בחיילותיו של אספסיאנוס?״ אמר: „כל סמא דמילתא ניפוק לי מהכא״. שלח ואמר לבן בטיח: „אפקוני מהכא״. אמר ליה: „עבדינן בינינן, דלא יפוק בר נש מהכא, אלא דמית״. אמר: „אפקוני בדמות דמית״. טען רבי אליעזר ברישיה ורבי יהושע ברגליה, ובן בטיח מהלך קומוי. מן דמטון, בעון מודקריניה. אמר להו בן בטיח: „כך אתם רוצים, שיהיו אומרין: מת רבן ודקרוהו?״ כיון דאמר להו כך, שבקוניה. מן דנפקין מן פילי, טענוניה ויהבוניה בחד בית עולם, וחזרו למדינה.

נפק רבן יוחנן בן זכאי לטייל בחיילותיו של אספסיאנוס. אמר לון: „אן הוא מלכא?״ אזלון ואמרו לאספסיאנוס: „חד יהודי בעי למישאל בשלמך״. אמר להון: „ייתי״. מן דאתא, אמר ליה: „וביבא מארי אפלטור!״ אמר ליה: „שאילא דמלך שאילת בי, ואנא לית אנא מליך; וכדו שמע מלכא, וקטיל לההוא גברא״. אמר ליה: „אם לית את מלך, סוף את מליך; דלית הדין ביתא חריב, אלא על ידי מלך, שנא׳ (ישעיה י׳): והלבנון באדיר יפול״. נסבוניה ויהבוניה לגיו מן שבעה קנקלין. והוון שאילין ליה, כמה שעין בליליא, ואמר להון; כמה שעין בימטא, ואמר להון. מנן הוה ידע רבן יוחנן בן זכאי? מפשוטיה.

---

אנטיפאטריס אַ פּראָווינץ און געאַפּאַל אַ רוימישע קאָלאָניע. [2] לויטן ערשטן פּשט באַציט זיך דער פּסוק אויפן ערשטן חורבן, לויטן צווייטן פּשט — אויפן צווייטן. [3] זע גיטין, נו, א, וואו דער נוסח האָט אַנדערע וואַריאַציעס. [4] אַ פרייד אויסרוף. [5] ווייל מע האָט ניט געטאָרט מקבר זיין קיין מתים אינערהאַלב ירושלים. [6] די וועכטער האָבן געוואָלט זיין זיכער, צי נאַרט מען זיי ניט אָפּ. [7] לויטן ערוך דאַרף זיך אין טעקסט לייענען ביבי (וויווי) דומיני אימפּרטור — אַלע דריי ווערטער אין רוימישן לשון. [8] אַ באַצייכנונג פאַרן בית המקדש, צוליב זיינע צעדערזיילן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון לבנון. [9] וואו ס׳איז געווען שטאָק פינצטער. [10] זיצענדיק אַליין אין דער פינצטער, האָט ער איבערגעלערנט פאַרשיידענע סוגיות אויסנווייניק, און וויסנדיק פון געוואוינהייט, ווי לאַנג יעדע סוגיא דויערט, האָט ער געוואוסט, וויפיל שעה עס זיינען

אין דריי טעג אַרום איז אספּאסיאַנוס געגאַנגען זיך באָדן אין גאָפנאַ[11].
אַז ער האָט זיך אָפּגעבאָדן און אָנגעטאָן איין שוך זיינעם, איז אָנגעקומען אַ בשורה, און מע האָט אים געזאָגט, — נירון איז געשטאָרבן, און די רוימער האָבן אים געמאַכט פאַרן מלך. האָט ער געוואָלט אָנטאָן דעם צווייטן שוך, און ער איז ניט אַרויף. האָט ער געשיקט, און מע האָט געבראַכט ר׳ יוחנן בן זכאי, און ער האָט געזאָגט צו אים: „קענסטו מיר ניט זאָגן, — אַלעמאָל פלעג איך טראָגן צוויי שיך, און זיי פלעגן אַרויף אויף מיר, און איצט איז איינער אַרויף און איינער איז ניט אַרויף?" האָט ער אים געזאָגט: אַ גוטע בשורה איז דיר אָנגעזאָגט געוואָרן, ווי אין פּסוק שטייט (משלי טו, ל): שמועה טובה — אַ גוטע בשורה מאַכט פעט דעםביין". האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס זאָל איך טאָן, אַז סע זאָל אַרויפגיין?" האָט ער אים געזאָגט: „האָסטו אַ מענטשן וואָס דו האָסט אים פיינט, אָדער איינעם וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט פאַר דיר? זאָל מען אים פאַרבייפירן פאַר דיר, און דיין לייב וועט איינשרומפּן, ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט יז, כב): ורוח נכאה — און אַ דערשלאָגן געמיט טריקנט איין דעם ביין".

האָט מען אָנגעהויבן רעדן צו אים מיט משלים. „אויב אַ שלאַנג האָט זיך איינגעוואַדיעט אין אַ פאַס, וואָס זאָל מען טאָן מיט איר?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „מע ברענגט אַ צויבערשפּרעכער און מע שפּרעכט אָפּ די שלאַנג, און מע לאָזט צורו די פאַס". האָט פּאַנגאַר געזאָגט: „מע הרגעט די שלאַנג און מע צעברעכט די פאַס". „אויב אַ שלאַנג האָט זיך איינגעוואַדיעט אין אַ טורעם, וואָס זאָל מען טאָן מיט איר?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „מע ברענגט אַ צויבערשפּרעכער און מע שפּרעכט אָפּ די שלאַנג, און מע לאָזט צורו דעם טורעם". האָט פּאַנגאַר געזאָגט: „מע הרגעט די שלאַנג און מע פאַרברענט דעם טורעם". האָט ר׳ יוחנן בן זכאי געזאָגט צו פּאַנגאַרן: „אַלע שכנים וואָס טוען שלעכטס, — צו זייערע שכנים טוען זיי עס[12]. ניט גענוג, וואָס דו ביסט ניט קיין מלמד זכות, ביסטו נאָך מלמד חוב אויף אונדז!" האָט ער אים געזאָגט: „פון אייער טובה וועגן וויל איך עס. ווייל כל־זמן דאָסדאָזיקע הויז שטייט, וועלן זיך מלוכות קריגן מיט אייך; אַז דאָסדאָזיקע הויז וועט חרוב ווערן, וועלן זיך די מלוכות מער ניט קריגן מיט אייך". האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צו אים: „דאָס האַרץ [דיינס] ווייסט, — צי אין פרומקייט, צי אין קרומקייט[13]".

האָט אספּאסיאַנוס געזאָגט צו ר׳ יוחנן בן זכאי: „בעט מיר עפּעס, און איך וועל טאָן". האָט ער אים געזאָגט: „איך בעט, אַז דו זאָלסט אָפּלאָזן דידאָזיקע שטאָט און זיך אַוועקגיין". האָט ער געזאָגט צו אים: „האָבן דען די רוימער מיך געמאַכט פאַר מלך, כדי איך זאָל אָפּלאָזן דידאָזיקע שטאָט? בעט מיך עפּעס אַנדערש, און איך וועל עס טאָן". האָט ער אים געזאָגט: „בעט איך, דו זאָלסט אָפּן לאָזן דעם מערבדיקן טויער וואָס פירט קיין לוד, אַז יעדער וואָס וועט אַרויסגיין ביז דער פערטער שעה, זאָל ניצול ווערן".

לבתר תלתא יומין אזל אספסיאנוס מסחי בהדא גפנא. מן דסחא ולבש חד מסן דידיה, אתת בשורה ובשרוהו: מית נירון, ואמליכוניה בני רומי. בעי למילבש חד מסן חורן, ולא עליל. שלח ואתיוה לרבן יוחנן בן זכאי וא״ל: „לית את אמר לי, — כל אילין יומיא הוינא לביש תרין מסאני, והוון עללין בי; וכדו חד עליל וחד לא עליל?״ א״ל: „בשורתא טבתא איתבשרת, דכתיב (משלי ט״ו): שמועה טובה תדשן עצם״. אמר לו: „מה נעביד דאיעיל?״ אמר לו: „מי אית לך בר נש דסנאית ליה, או דחב לך? יעברוניה קמך, ובשרך שחי, דכתיב (שם י״ז): ורוח נכאה תיבש גרם״.

התחילו מושלין לפניו משלות. „חבית, שקינן נחש בתוכה, כיצד עושין לו?״ אמר להם: „מביאין חובר וחוברין את הנחש, ומניחין את החבית״. אמר פנגר: „הורגין את הנחש ושוברין את החבית״. „מגדל, שקינן בו נחש, כיצד עושין?״ אמר להם: „מביאין חובר וחוברין את הנחש, ומניחין את המגדל״. אמר פנגר: „הורגין את הנחש ושורפין את המגדל״. אמר לו רבן יוחנן בן זכאי לפנגר: „כל מגירייא דעבדין בישא, למגיריהון עבדין. עד דלית את מליף סניגוריא, את מליף עלן קטיגוריא!״ אמר ליה: „לטיבותכון אנא בעי, דכל זמן דהדין ביתא קיים, מלכוותא מתגרין בכון; אין איחרוב הדין ביתא, לית מלכוותא מתגרין בכון״. אמר לו רבן יוחנן: „הלב יודע, אם לעקל אם לעקלקלות״.

אמר ליה אספסיאנוס לרבן יוחנן בן זכאי: „שאל לי שאלה, ואנא עביד״. א״ל: „אנא בעי, דתירפי הדא מדינתא ותיזיל לך״. א״ל: „כלום אמליכוני בני רומי, דנרפי להדא מדינתא? שאל לי שאלתא, ואנא עביד״. אמר לו: „בעי אנא דתירפי לפילי מערבאה, דהיא אזלא ללוד, דכל בר דנפיק עד ארבעה שעין, יהא לשיזבא״.

מן דכבשא, אמר לו: „אי אית לך דרחים לך, או בר נש דאת קריב ליה, שלח ואיתיה, עד דלא ייעלון אוכלוסיא״. שלח

---

אַריבער. [11] בית גופנין, צפון מערב פון ירושלים, היינט דזשיפנא. [12] מענטשן און פעלקער ליידן פון זייערע שלעכטע שכנים. [13] לעקל — לעקלקלות, — נאָר פאנגאר אַליין ווייסט וואָס זיין כוונה איז, צום גוטן אָדער צום שלעכטן (זע סנהדרין, כו, א).

אַז ער האָט באַצוואונגען די שטאָט, האָט ער געזאָגט צו אים: „האָסטו עמיצן וואָס דו האָסט ליב, אָדער אַ מענטשן וואָס דו ביסט אים נאָענט, — שיק און ברענג אים, כל־זמן די חיילות זיינען נאָך ניט אַריין". האָט ער געשיקט ר׳ אליעזרן און ר׳ יהושען, אַז זיי זאָלן אַרויסברענגען ר׳ צדוקן[14]. זיינען זיי געגאַנגען און האָבן אים געפונען אין טויער פון שטאָט. אַז ער איז געקומען, האָט זיך ר׳ יוחנן אויפגעשטעלט פאַר אים. האָט אספּאַסיאַנוס געזאָגט צו אים: „אָט פאַר דעמדאָזיקן איינגעשרומפּענעם זקן שטעלסטו זיך אויף?" האָט ער אים געזאָגט: „ביי דיין לעבן! ווען עס וואָלט געווען נאָך איינער אַזאַ ווי ער, און דו וואָלסט געהאַט צוויי מאָל אַזוי פיל חיילות, וואָלסטו [די שטאָט] ניט געקענט באַצווינגען". האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס איז זיין כוח?" האָט ער אים געזאָגט: „ער עסט אויף איין פייג, און מיט דעם לערנט ער אָפּ הונדערט סוגיות". האָט ער אים געזאָגט: „פאַרוואָס איז ער אַזוי פאַרחושכט?" האָט ער אים געזאָגט: „מחמת זיינע תעניתים און זיין פּייניקן זיך". האָט ער געשיקט, און מע האָט געבראַכט רופאים, און זיי האָבן אים געגעבן עסן ביסל ביי ביסל און געגעבן טרינקען ביסל ביי ביסל, ביז זיין לייב איז אים צוריקגעקומען. האָט געזאָגט צו אים אלעזר זיין זון: „פאָטער, גיב זיי[15] זייער שכר אויף דער וועלט, כדי זיי זאָלן ניט האָבן דורך דיר קיין זכות אויף יענער וועלט". האָט ער זיי געמאַכט דעם חשבון אויף די פינגער און [דעם באַטרעף זיי אָפּגעוואויגן] אויף אַ וואָגשאָל[16].

אַז ער האָט איינגענומען די שטאָט, האָט ער צוגעטיילט די פיר שוץ־טורעמס צו די פיר דוכסים, און דער מערבדיקער טויער איז אָנגעקומען פאַנגאַרן. און פון הימל האָט מען גוזר געווען, אַז [די מערבדיקע וואַנט] זאָל קיינמאָל ניט חרוב ווערן; פאַרוואָס? ווייל די שכינה איז אין מערב זייט. האָבן זיי חרוב געמאַכט זייערס, אָבער ער האָט זיינס ניט חרוב געמאַכט. האָט ער[17] געשיקט, און מע האָט אים געבראַכט. האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס האָסטו ניט צעשטערט דיינס?" האָט ער אים געזאָגט: „ביי דיין לעבן! פאַרן כבוד פון מלכות האָב איך עס געטאָן. וואָרום ווען איך וואָלט עס צעשטערט, וואָלט קיין מענטש ניט געוואוסט, וואָס דו האָסט חרוב געמאַכט; אָבער אַז מענטשן וועלן זען [די געבליבענע מערב וואַנט], וועלן זיי זאָגן: זעט דעם כוח פון אספּאַסיאַנוסן — וואָס ער האָט חרוב געמאַכט!" האָט ער געזאָגט צו אים: „גענוג דיר, ווייל גוט האָסטו געזאָגט. אָבער ווייל דו האָסט עובר געווען אויף מיין געבאָט, זאָלסטו אַרויפגיין אויפן שפּיץ דאַך און זיך אַרונטערוואַרפן: וועסטו לעבן בלייבן, וועסטו לעבן; און אויב דו וועסט שטאַרבן, וועסטו שטאַרבן". איז ער אַרויף און האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן און איז געשטאָרבן. און עס האָט אים געטראָפן די קללה פון ר׳ יוחנן בן זכאי[18].

לב

(ה) כי ה׳ הוגה — ווייל גאָט האָט זי פאַראומערט פון וועגן אירע פיל פאַרברעכנס. וואָלט מען געקענט מיינען, אַז אומזיסט; לערנט אונדז דער פּסוק: פון וועגן אירע פיל פאַרברעכנס.

לר׳ אליעזר ולר׳ יהושע לאפוקי לר׳ צדוק. אזלין ואשכחוניה בבבא דמדינה. מן דאתא, קם מן קומוי רבן יוחנן. אמר ליה אספסיאנוס: „מן קדם הדין סבא צותרא את קאים?״ אמר לו: „חייך, אי הוה חד דכוותיה, והוה עמך אוכלוסין בכיפלא, לא הוית יכיל כביש״. אמר לו: „מה חייליה?״ א״ל: „דאכיל חד גמזוז ופשיט עלוהי מאה פרקין״. אמר ליה: „למה חשיך כן?״ א״ל: „מן חייליהון דצומייא ותענייתא״. שלח ואייתי אסוותא, והוו מוכלין ליה ציבחר ציבחר ומשקין ליה ציבחר ציבחר, עד דהדר גופיה עלוי. אמר ליה אלעזר בריה: „אבא, הב להו אגרייהו בעלמא הדין, דלא תיהוי להו זכותא עמך בעלמא דאתי״. ויהב להו הדין חושבנא דאצבע והדין קרצטיונא.

מן דכבשה, פליג ארבע טכסייא לארבעה דוכסייא וסליק פילי מערבאה לפנגר. וגזרו מן שמיא, דלא יחרב לעולם; למה? ששכינה במערב. אינון אחרובו דידהון, הוא לא אחריב דידיה. שלח ואתייה. אמר לו: „למה לא אחרבת דידך?״ אמר ליה: „חייך, לשבחא דמלכותא עבדית. דאילו חרבתיה, לא הות ידעת ברייה, מה חרבת; וכדו יחזיין בריאתא, אמרין: חזו חייליה דאספסיאנוס מה אחרב!״ אמר לו: „דייך, דטבאות אמרת. אלא מן בגין דעברת על קלוונין דידי, יסק ההוא גברא לרישיה דאיגרה ויטרוף גרמיה: אי חיי חיי, ואי מות ימות״. סליק וטרף גרמיה ומית. ופגעה בו קללה של רבן יוחנן בן זכאי.

לב

(ה) כי ה׳ הוגה על רוב פשעיה. יכול, על מגן; תלמוד לומר: על רוב פשעיה.

(ה) עולליה הלכו שבי לפני צר. א״ר יהודה: באו ראו, כמה חביבין תינוקות לפני הקב״ה: גלתה סנהדרין, ולא גלתה שכינה

---

עולליה — אירע קליינע קינדער זיינען געגאַנגען אין געפאַנגענשאַפט פאַרן שונא. ר׳ יהודה האָט געזאָגט: קומט און זעט, ווי ליב זיינען קינדער

---

[14] באַוואוסט פאַר זיין צידקות. פערציק יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געפאַסט, כדי אָפּצושרייען די גזרה פון חורבן. [15] די רופאים. [16] לויט יאַסטראָוו, וועלכער ווייזט אָן, אַז דאָס איז אַ גריכיש וואָרט, כאַריסטיאָן, אַ וואָגשאָל צו וועגן קליינע קוואַנטיטעטן. דער מתנות כהונה און אַנדערע מפרשים ווילן האָבן, לויטן ערוך, אַז ער האָט זיי, אַלס באַלוינונג, אויסגעלערנט די חכמה פון רעכענען אויף די פינגער. [17] אספּאַסיאַנוס. [18] זיין טויט האָט באַוויזן, אַז זיינע כוונות זיינען געווען צום שלעכטן.

**פאַר הקדוש־ברוך־הוא: דער סנהדרין איז פאַרטריבן געוואָרן, און די שכינה איז מיט זיי אין גלות ניט געגאַנגען; די** [כהונה] **וואָכן זיינען פאַרטריבן געוואָרן, און די שכינה איז מיט זיי אין גלות ניט געגאַנגען; אָבער ווי נאָר די קינדער זיינען פאַרטריבן געוואָרן, אַזוי איז די שכינה מיט זיי אין גלות געגאַנגען. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** אירע קליינע קינדער זיינען געגאַנגען אין געפאַנגענשאַפט פאַרן שונא, **און גלייך נאָכדעם —**

## לג

(ו) ויצא מבת ציון — און אַרויס איז פון דער טאָכטער פון ציון [די גאַנצע פראַכט אירע] [1]. **דער כתיב** [2] **איז** מן בת, **האָט ר׳ אחא** [**וועגן דעם**] **געזאָגט: איין גוטן חלק פאַרמאָגן מיר, און דאָס איז הקדוש־ברוך־הוא, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (תהילים טז, ה): ה׳ מנת חלקי — גאָט איז מיין צוגעטיילטער חלק און מיין בעכער. — די גאַנצע פראַכט אירע, **דאָס מיינט מען הקדוש־ברוך־הוא, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט קד, א): הוד והדר — אין גלאַנץ און פראַכט ביסטו געקליידט. **אַן אַנדער פשט:** די גאַנצע פראַכט אירע, **דאָס מיינט מען דעם סנהדרין, ווי עס שטייט געשריבן** (משלי לא, כה): עוז והדר — שטאַרקייט און פראַכט איז איר מלבוש [3]. **אַן אַנדער פשט:** די גאַנצע פראַכט אירע, **דאָס מיינט מען די תלמידי חכמים, ווי עס שטייט געשריבן** (ויקרא יט, לב): מפני שיבה — פאַר אַ גרייז זאָלסטו אויפשטיין און ערן זאָלסטו [4] דעם פנים פון אַ זקן [5]. **אַן אַנדער פשט:** די גאַנצע פראַכט אירע, **דאָס מיינט מען די כהונה וואָכן** [6], **ווי עס שטייט געשריבן** (דברי הימים ב, כ, כא): ומהללים — און לויבן אין פראַכט פון הייליקייט. **נאָך אַ פשט:** די גאַנצע פראַכט אירע, **דאָס מיינט מען די קליינע קינדער. ר׳ יהודה האָט געזאָגט: קום און זע, ווי ליב זיינען קינדער פאַר הקדוש־ברוך־הוא: דער סנהדרין איז פאַרטריבן געוואָרן, און די שכינה איז מיט זיי אין גלות ניט געגאַנגען; די כהונה וואָכן זיינען פאַרטריבן געוואָרן, און די שכינה איז מיט זיי אין גלות ניט געגאַנגען; אָבער ווי נאָר די קינדער זיינען פאַרטריבן געוואָרן, אַזוי איז די שכינה מיט זיי אין גלות געגאַנגען. דאָס איז דאָך וואָס עס שטייט געשריבן:** אירע קליינע קינדער זיינען געגאַנגען אין געפאַנגענשאַפט פאַרן שונא, **און גלייך נאָכדעם** — און אַרויס איז פון דער טאָכטער פון ציון די גאַנצע פראַכט אירע.

(ו) היו — עס זיינען געוואָרן אירע האַרן ווי די אינדן. **ר׳ יהודה האָט געזאָגט: ווען זיי זיינען ווייכהאַרציק, ווערן זיי פאַרגליכן צו שאָף, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה ה, יז): ורעו — און די שאָף וועלן זיך פיטערן ווי אויף זייער פיטערפּלאַץ; **און ווען זיי זיינען האַרטהאַרציק, ווערן זיי פאַרגליכן צו אינדן, ווי דער פסוק זאָגט:** עס זיינען געוואָרן אירע האַרן ווי די אינדן. **ר׳ סימון** [**האָט געזאָגט**] **אין נאָמען פון ר׳ שמעון בר אבא, און ר׳ שמעון בן לקיש — אין נאָמען פון ר׳ יהושע: אַזוי ווי דידאָזיקע אינדן פאַרדרייען זייערע פנימער איינער אונטערן צווייטן בשעת אַ שטאַרקער היץ, אַזוי**

עמהם;גלו משמרות, ולא גלתה שכינה עמהם; וכיון שגלו תינוקות גלתה שכינה עמהם. הה״ד: עולליה הלכו שבי לפני צר, מיד —

לג

(ו) ויצא מבת ציון. מן בת כתיב, — א״ר אחא: יש לנו מנה אחת יפה, זה הקב״ה, שכתוב בו (תהלים ט״ז): ה׳ מנת חלקי וכוסי. כל הדרה, זה הקב״ה, שנאמר (שם ק״ד): הוד והדר לבשת. ד״א: כל הדרה, זו סנהדרין, דכתיב (משלי ל״א): עוז והדר לבושה. דבר אחר: כל הדרה, אלו תלמידי חכמים, דכתיב (ויקרא י״ט): מפני שיבה תקום והדרת פני זקן. ד״א: כל הדרה, אלו המשמרות, דכתיב (דה״ב כ׳): ומהללים להדרת קדש. ד״א: כל הדרה, אלו התינוקות.א״ר יהודה: בא וראה, כמה חביבין תינוקות לפני הקב״ה: גלתה סנהדרין, ולא גלתה שכינה עמהם; גלו משמרות, ולא גלתה שכינה עמהם; וכיון שגלו תינוקות, גלתה שכינה עמהם; הלא הוא דכתיב: עולליה הלכו שבי לפני צר, מיד — ויצא מבת ציון כל הדרה.

(ו) היו שריה כאילים. א״ר יהודה: כשהן רכים, משולים ככבשים, שנא׳ (ישעיה ה׳): ורעו כבשים כדברם; וכשהן קשים, משולין כאילים, שנאמר: היו שריה כאילים. ר׳ סימון בשם ר׳ שמעון בר אבא ור׳ שמעון בן לקיש בשם ר׳ יהושע: מה אילים הללו, בשעת שרב הופכין פניהם אלו תחת אלו, כך היו גדולי ישראל רואין דבר עבירה והופכין פניהם ממנו. אמר להם הקב״ה: „תבא שעה, ואני עושה לכם כן״.

---

ווען די גרויסע לייט פון ישראל פלעגן זען אַ דבר עברה, פלעגן זיי אַוועקדרייען זייערע פּנימער פון אים [7]. האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו זיי: „עס וועט קומען אַ צייט, און איך וועל אזוי טאָן צו אייך״ [8].

---

[1] געדרשנט אויף דער שכינה, אין פאַרבינדונג מיטן סוף פון סימן לב. [2] כתיב — דער נוסח אינעם טעקסט, אונטערצושיידן פונעם קרי — דער מסורהדיקער אופן פון לייענען דעם טעקסט. לויטן קרי דאַרף מען לייענען מבת (פון דער טאָכטער) ווי איין וואָרט; אָבער דער כתיב איז מן בת, און כאָטש די באַדייטונג איז דיזעלבע, ווערט אָבער די באַזונדערקייט פון דעם וואָרט מן (פון) געדרשנט ווי מנת, אַ חלק. [3] און עוז, שטאַרקייט, ווערט געדרשנט אויפן סנהדרין, לויטן פסוק (תהלים צט, ד): ועוז מלך משפט אהב — און די שטאַרקייט פונעם מלך איז ליב האָבן גערעכטיקייט, ווייל דער סנהדרין איז געווען דער קוואַל פון משפט ביי יידן (יפה ענף). [4] והדרת — והדרה. [5] זקן ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי אַ תלמיד חכם. [6] לויטן רד״ל דאַרף מען דאָ בייטן המשמרות, די וואַכן, אויף המשוררים, די זינגער, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דעם ווייטער געבראַכטן פסוק. [7] פונעם אייבערשטן. [8] פאַרגלייך דברים לא, יז:

(ו) וילכו — און זיי זיינען געגאַנגען אָן כוח פאַר דעם נאָכיאָגער. ר׳ עזריה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהודה דעם זון פון ר׳ סימון: בשעת דאָס פאָלק ישראל טוט דעם רצון פונעם אייבערשטן, גיבן זיי צו כוח צו דער גבורה פון אויבן, ווי דער פסוק זאָגט (תהילים ס, יד): באלהים — [ווען מיר זיינען] מיט גאָט, טוען מיר [איך גיבן] כוח; אָבער ווען ישראל טוט ניט דעם רצון פונעם אייבערשטן, שוואַכן זיי, כביכול, אָפּ דעם גרויסן כוח פון אויבן, ווי עס שטייט געשריבן (דברים לב, יח): צור — דעם פעלז וואָס האָט דיך געבוירן טוסטו אָפּשוואַכן [9]. ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון זאָגט אין נאָמען פון ר׳ לוי דעם זון פון ר׳ טרפון: בשעת ישראל טוט דעם רצון פון הקדוש־ברוך־הוא, גיבן זיי צו כוח צו דער גבורה פון אויבן, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יד, יז): ועתה — און אַצינד זאָל גרויס זיין, איך בעט דיך, דער כוח פון גאָט; אָבער אין דער צייט ווען זיי טוען ניט דעם רצון פון הקדוש־ברוך־הוא, שוואַכן זיי, כביכול, אָפּ דעם גרויסן כוח פון אויבן, און אויך זיי גייען אָן כוח פאַר דעם נאָכיאָגער.

ר׳ הונא און ר׳ אחא און ר׳ סימון [האָבן געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן לקיש, און די רבנן — אין נאָמען פון ר׳ חנינאן: אַז איינער אין ירושלים פלעגט זאָגן צום צווייטן: „לערן מיך אַ בלאַט מקרא [10]", פלעגט אים יענער זאָגן: „איך האָב קיין כוח ניט [11]"; „לערן מיך אַ פּרק משניות", פלעגט ער אים זאָגן: „איך האָב קיין כוח ניט". האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו זיי: „עס וועט קומען אויף אייך אַ צייט, און איך וועל אַזוי טאָן צו אייך [12]", — וילכו — און זיי זיינען געגאַנגען אָן כוח פאַר דעם נאָכיאָגער.

ר׳ אחא האָט געזאָגט: אַזוי ווי ישראל איז ניט געגאַנגען אין גלות, נייערט דורך אַ רודף, אַ נאָכיאָגער, וואָס איז געשריבן מלא [13], אַזוי וועלן זיי ניט אויסגעלייזט ווערן, נייערט דורך אַ גואל, אַן אויסלייזער, וואָס איז געשריבן מלא, ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה נט, כ): ובא — און קומען וועט צו ציון אַ גואל, — דער כתיב איז מלא [14].

לד

(ז) זכרה — דערמאָנט האָט זיך ירושלים אין די טעג פון איר פּיין און ווידערשפּעניקייט [1], — אין די טעג פון איר פּיין האָט זי זיך דערמאָנט אָן דער ווידערשפּעניקייט, וואָס זי האָט ווידערשפּעניקט קעגן הקדוש־ברוך־הוא. כל מחמדיה — אַלע אירע גלוסטיקייטן [וואָס זי האָט געהאַט אין די אַמאָליקע טעג], — דאָס מיינט מען די ווערטער פון דער תורה, ווי דער פסוק זאָגט (תהילים יט, יא): הנחמדים — זיי זיינען גלוסטיקער פון גאָלד און פון גינגאָלד. בנפול — ווען איר פאָלק איז געפאַלן דורך דער האַנט פונעם שונא, — די רבנן פון דאַנען [2] זאָגן: פאַלט אַן אָקס, האָט ער אַ סך קצבים; און די רבנן פון דאָרטן [2] זאָגן: פאַלט אַן אָקס, שאַרפט מען די מעסערס. ואין — און זי האָט ניט קיין העלפער, — די רבנן פון דאָרטן זאָגן: ווען מען פייניקט [3] די שנור, דערמאָנט זי זיך אָן די שבעת ימי המשתה; און די

(ו) וילכו בלא כח לפני רודף. ר׳ עזריה בשם ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, מוסיפין כח בגבורה של מעלה, כמד״א (תהלים ס׳): באלהים נעשה חיל; ובזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום, כביכול מתישין כח גדול של מעלן, דכתיב (דברים ל״ב): צור ילדך תשי. ר׳ יהודה בר׳ סימון בשם ר׳ לוי בר׳ טרפון: בזמן שישראל עושין רצונו של הקדוש ברוך הוא, מוסיפין כח בגבורה של מעלה, כמד״א (במדבר י״ד): ועתה יגדל נא כח ה׳; ובזמן שאין עושין רצונו של הקב״ה, כביכול מתישין כח גדול של מעלן, והולכין גם הם בלא כח לפני רודף. ר׳ הונא ור׳ אחא ור׳ סימון בשם ר׳ שמעון בן לקיש, ורבנן בשם ר׳ חנינא: היה אדם אומר לחבירו בירושלם: „הקריני דף אחד״, ואומר לו: „אין בי כח״; „השניני פרק אחד״, אומר לו: „אין בי כח״. אמר להם הקב״ה: „תבא לכם שעה, ואני עושה לכם כך״, — וילכו בלא כח לפני רודף. א״ר אחא: כשם שלא גלו ישראל אלא ברודף מלא, כך אינן נגאלין אלא בגואל מלא, דכתיב (ישעיה נ״ט): ובא לציון גואל, — מלא כתיב.

לד

(ז) זכרה ירושלים ימי עניה ומרודיה, — בימי עניותה זכרה מרדין שמרדה בהקב״ה. כל מחמדיה, אלו דברי תורה, כמד״א (תהלים י״ט): הנחמדים מזהב ומפז. בנפול עמה ביד צר, — רבנן (דהתם) [דהכא] אמרין: „נפיל תורא, סגין טבחוי״; ורבנן (דהכא) [דהתם] אמרין: „נפל תורא, תחדדן סכינוהי״. ואין עוזר לה, — רבנן דהתם אמרין: „כד תספון כלה, מדכרא שבעה

---

והסתרתי — און איך וועל פאַרבאָרגן מיין פנים פון זיי. [9] געדרשנט לויטן שורש תשש, שוואַך ווערן. [10] תנ״ך. [11] אַ תירוץ זיך אָרויסצודרייען פון דער פליכט צו פאַרשפרייטן תורה. [12] אויף די יידישע געבעטן וועט כביכול ענטפערן: „איך האָב קיין כוח ניט״ (אָן כוח ווערט דאָ געדרשנט אויפן כוח פון כביכול). [13] פול, מיט אַ וו נאָך דער ריש (בעת זייער אָפט ווערן אַזעלכע ווערטער אין תנ״ך געשריבן חסר, פעליק, אָן אַ וו), און עס זאָל מיינען אַ רודף אַ פולשטענדיקער, אָן רחמנות. [14] אַן אמתער גואל, וואָס וועט ברענגען די גאולה שלמה.

[1] געדרשנט לויטן שורש מרד, ווידערשפעניקן. [2] קאָרעגירט לוויטן ערוך און לויטן נוסח פון בובערס אויסגאַבע (און אזוי איז אויך די מיינונג פונעם רש״ש אין בראשית רבה יג, טו): פון דאַנען מיינט ארץ ישראל, וואו דער מדרש איז געשאַפן געוואָרן (זע אויבן א, ל: און אַז נבוכדנצר איז געקומען אַהער, האָט ער אויסגעריסן פון דאַנען צעדערביימער און זיי פאַרפלאַנצט אין בבל), און פון דאָרטן מיינט בבל; און דאָס שטימט אויך מיטן פאַקט, וואָס דאָס ווערטל פאַלט אַן אָקס, שאַרפט מען די מעסערס געפינט זיך דווקא אין תלמוד בבלי (שבת לב, א). [3] לויט בובערס נוסח דאַרף זיך אין טעקסט

רבנן פון דאַנען זאָגן: ווען דער זון [וואַנדערט אום] אַ באַרוועסער, דער־מאָנט ער זיך אָן דער שלווה פון זיין פאָטערס הויז.

(ז) ראוה — די שונאים האָבן זי געזען, האָבן זיי געלאַכט אויף אירע פאַרשטערטקייטן, — אויף אירע [פאַרשטערטע] שבתים[4], ווי דער פסוק זאָגט (שמות כ, ח): זכור — געדענק דעם טאָג פון שבת אים הייליק צו האַלטן. אַן אַנדער פשט: אויף אירע פאַרשטערטקייטן, — אויף אירע [פאַרשטערטע] שמיטות, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא כה, ד): ובשנה השביעית — און אויפן זיבעטן יאָר [זאָל זיין אַ שבת פון רו פאַרן לאַנד]. נאָך אַ פשט: אויף אירע פאַרשטערטקייטן, — דאָס איז רבן יוחנן בן זכאי, וואָס עס איז פאַרשטערט געוואָרן [ירושלים] צו האָבן אים אין איר מיט.

לה

(ח) חטא — אַ זינד האָט געזינדיקט ירושלים, — די אומות העולם זינ־דיקן דען ניט? נייערט, כאָטש זיי זינדיקן, איז עס גאָרניט[1]; אָבער ישראל האָט געזינדיקט און איז באַשטראָפט געוואָרן, על כן — דעריבער איז זי אַ נידה געוואָרן, — צו וואַנדלונג[2] איז זי געוואָרן. כל מכבדיה — אַלע וואָס האָבן זי געאַכט, פאַראַכטן זי, ווייל זיי האָבן געזען איר נאַקעטקייט; אויך זי טוט זיפצן און קערט זיך אַהינטער, — אַהינטער פון כהונה, אַהינטער פון מלכות.

לו

(ט) טומאתה — איר אומריינקייט איז אין אירע פאָלעס. ר' ברכיה אין נאָמען פון ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: יענע אַלע כוהנים וואָס האָבן געדינט אין די טעג פון צדקיהו, זיינען געווען ניט קיין געמלטע; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל מד, ז): בהביאכם — מיט אייער ברענגען פרעמד געבאָרענע, אומגעמלטע אין האַרצן און אומגעמלטע אין פליש [צו זיין אין מיין הייליקטום][1]. אַן אַנדער פשט: איר אומריינקייט איז אין אירע פאָלעס, — אין אירע אונטערשטקייטן, ווי דער פסוק זאָגט (שמות כח, לד): על שולי — אויף די פאָלעס פון דעם מאַנטל.

נאָך אַ פשט: איר אומריינקייט איז אין אירע פאָלעס, — ווי דאָס וואָס מיר האָבן געלערנט: אַן אָרט איז געווען אונטער ירושלים, וואָס האָט געהייסן תופת[2] (ר' יהודה זאָגט: ווייל דאָרט איז געווען דאָס פייעראָרט[3]; ר' יוסי זאָגט: דאָס איז דער טאָל פון בן־הינום). אַן אויסגעהוילט געשטאַלט איז דאָרט געשטאַנען אין דעם אינווייניקסטן פון זיבן צימערן, מיט אַ קו־פערנער טאַץ אויף דער האַנט, און אויף דעם איז געשטאַנען אַן אייוועלע. אַז איינער האָט מקריב געווען זעמלמעל, האָט מען געעפנט פאַר אים איין צימער; [האָט ער מקריב געווען] טורטלטויבן אָדער יונגע טויבן, האָט מען אים געעפנט צוויי צימערן; אַ שעפּס, האָט מען אים געעפנט דריי; אַ ווידער, האָט מען אים געעפנט פיר; אַ קאַלב, האָט מען אים געעפנט פינף; אַן אָקס, האָט מען אים געעפנט זעקס; אָבער אַז עמיצער האָט מקריב געווען זיין זון, האָט מען אים געעפנט דעם זיבעטן צימער. און זיי פלעגן אים אַרויפלייגן

**יומין דמשתותא", ורבנן דהכא אמרין: "כד יחופה ברא, מדכר שלותא דביתיה דאבוי".**

(ז) ראוה צרים, שחקו על משבתיה, — **על שבתותיה, כמד"א** (שמות כ): זכור את יום השבת לקדשו. **ד"א:** על משבתיה, — **על שמטותיה, כמד"א** (ויקרא כ"ה): ובשנה השביעית, וגו׳. **ד"א:** על משבתיה, **זה רבן יוחנן בן זכאי, ששבת מתוכה.**

לה

(ח) חטא חטאה ירושלם. **אומות העולם אינן חוטאים? אלא אף על פי שחוטאין, אינן כלום; אבל ישראל חטאו ולקו,** על כן לנידה היתה, — **לטלטול היתה.** כל מכבדיה הזילוה, כי ראו ערותה; גם היא נאנחה ותשב אחור, — **אחור מן הכהונה, אחור מן המלכות.**

לו

(ט) טומאתה בשוליה. **אמר ר׳ ברכיה בשם ר׳ אבא בר כהנא: כל אותם הכהנים ששימשו בימי צדקיה ערלים היו; הה״ד** (יחזקאל מ"ד): בהביאכם בני נכר ערלי לב וערלי בשר. **דבר אחר:** טומאתה בשוליה, — **בשיפוליה, כמה דאת אמר** (שמות כ"ח): על שולי המעיל.

**דבר אחר:** טומאתה בשוליה, **כההוא דתנן: מקום היה למטה מירושלים, תופת שמו. (ר׳ יהודה אומר: על שום תפתה דהוה ביה; רבי יוסי אומר: חליתא דבר הינום.) צלם חלול היה שם, נתון לפנים משבעה קנקלים, וטס של נחשת בידו, וכירה היתה נתונה על גבוי. וכל מי שהיה מקריב סלת, פותחין לו אחד; תורין ובני יונה, פותחין לו שנים; כבש, פותחין לו שלשה; איל, פותחין לו ארבעה; עגל, פותחין לו חמשה; שור, פותחין לו ששה; וכל מי שהיה מקריב בנו, פותחין לו שבעה. ונותנין אותו לתוך טס של נחשת ומסיקין את הכירה תחתיו, והיו מקלסין לפניו ואומרין**

---

**אויף דער קופערנער טאַץ און אײנהײצן דאָס אײװעלע אונטער אים, און זײ פלעגן זינגען לויבגעזאַנגען פאַר אים און פלעגן זאָגן צו אים: "זאָל דיר**

---

אנשטאט תספון לײענען תכפון — אַז זײ הונגערט. [4] משבתיה — שבתותיה.

[1] **זײער זינדיקן װערט ניט אזױ שװער באַשטראָפט, װײל זײ האָבן די תורה ניט מקבל געװען. פאַרגלײך עמוס ג, ב:** רק אתכם — נאָר אײַך האָב איך דערקענט פון אַלע משפחות פון דער ערד, דרום װעל איך זיך רעכענען מיט אײַך פאַר אַלע אײַערע זינד (יפה ענף). [2] **געדרשנט** נידה **פון שורש** נדד, **װאַנדערן.**

[1] שוליה, **אירע ברעגן, פאָלעס, װערט דאָ געדרשנט אויף די בגדים פון די כוהנים**

[דער קרבן] זיס זיין און זאָל דיר וואויל באַקומען". און צוליב וואָס האָבן זיי דאָס געטאָן? כדי די עלטערן זאָלן ניט הערן דאָס קרעכצן פון זייערע קינדער און חרטה האָבן.

אַ כומר פלעגט קומען צו אַ מענטשן און פלעגט זאָגן צו אים: „[איך בין געקומען צו דיר], ווייל דאָס געשטאַלט האָט מיר געזאָגט, אַז פון אַלע זין וואָס דו האָסט ווילסטו ניט מקריב זיין קיין איינעם פון זיי". האָט ער אים געזאָגט: „זיינען זיי דען אין מיין רשות? איינער [אַרבעט] ביי גאָלד, איינער ביי זילבער, איינער איז ביי די שעפסן און איינער ביי די רינדער". דאַן האָט ער אים געזאָגט: „וואַרט צו, ווייל איך האָב אַ יונג קינד אין לערן הויז; אַז ער וועט קומען, וועל איך אים דיר אָפּגעבן". האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו אים: „דו רשע! פון אַלע דיינע זין וואָס דו האָסט, האָסטו ניט געהאַט קיינעם צו וואַרפן פאַר דער עבודה זרה, נאָר דעם וואָס איז געהייליקט צו מיין נאָמען!" ר' יהודה דער זון פון ר' סימון אין נאָמען פון ר' לוי בן פרטא [האָט געזאָגט: ס'איז געגליכן] צו איינער אַ מאַטראָנע, וואָס איר ליבהאָבער האָט געזאָגט צו איר: „מאַך מיר עפּעס וואַרעמס". האָט זי גענומען דעם מלכס בילד און אים געמאַכט אויף דעם עפּעס וואַרעמס[4]. האָט דער מלך געזאָגט צו איר: „פונעם גאַנצן האַלץ וואָס דו האָסט אין דעם הויז האָסטו ניט געקענט מאַכן קיין וואַרעמס פאַר דיין ליבהאָבער, נאָר אויף מיין בילד?" אזוי האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו יענעם רשע: „פון אַלע זין וואָס דו האָסט האָסטו ניט געהאַט קיינעם צו וואַרפן פאַר דער עבודה זרה, נאָר דעם וואָס איז געהייליקט צו מיין נאָמען?" דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל טז, כ): ותקחי — און דו האָסט גענומען דיינע זין [און טעכטער וואָס דו האָסט מיר געבאָרן, און האָסט זיי געשלאַכט פאַר זיי]. און פונדעסטוועגן ותרד — און זי האָט גענידערט ביז צו פאַרוואונדערונג, — איר נידערונג איז אַ נסיון[5].

לז

ווען ר' יוסי פון מילחיא[1] איז נפטר געוואָרן, זיינען ר' יוחנן און ריש לקיש ארויף אַהין אים צו טאָן [דעם לעצטן] גמילות חסד[2], און מיט זיי איז ארויף ר' יצחק פסקא. און דאָרט איז געווען איינער אַ זקן, וואָס האָט געוואָלט אַריינגיין און אָנהייבן [אַ הספד] איבער אים, אָבער מע האָט אים ניט געלאָזט. האָט ר' יצחק פסקא געזאָגט צו אים: „אָט פאַר די תורה־לייבן וועסטו דייך מויל עפענען?" האָט געזאָגט צו זיי ר' יוחנן: „לאָזט אים, ווארום ער איז אַן אַלטער מאַן; זאָל ער אַריינקומען און זיך אויספּיינען אין זיין מקום". איז ער אַריין און האָט אָנגעהויבן און געזאָגט: „מיר געפינען, אַז די פּטירה פון צדיקים איז פאַר הקדוש־ברוך־הוא שווערער פון די הונדערט־און־צוויי תוכחות וואָס אין משנה תורה[3] און פון דעם חורבן בית המקדש. אין דער תוכחה שטייט געשריבן (דברים כח, נט): והפלא ה' — און ביז צו פאַרוואונדערונג וועט גאָט מאַכן דיינע פּלאָגן; און ביים חורבן פון בית המקדש שטייט: און זי האָט גענידערט ביז צו פאַרוואונ־

לו: „יערב לך ויבסם לך!" וכל כך למה? כדי שלא ישמעו נהמת בניהם ויחזרו בהן.

הוה כומרא אתי לגבי בר נש, אמר ליה: „מן בגין דאמר לי צלם פלן: מכל בניא דאית לך לית את בעי לקרבא חד מנייהו". אמר ליה: „וכי ברשותי אינון? חד בדהב, חד בכסף, חד בענא, חד בבקרותא". אמר לו: „המתן לי, דאית לי חד זעיר בבית ספרא; כד אתי, אנא יהיב ליה לך". אמר לו הקב"ה: „רעיע! מכל בנין דאית לך, לא הוה לך להפילו לעבודת כוכבים, אלא זה שמקודש לשמי!" ר' יודן בר' סימון בשם ר' לוי בן פרטא: למטרונה, שאמר לה אוהבה: „עשי לי חמין". ונטלה לורטיא של מלך ועשתה לו חמין. אמר לה המלך: „מכל עצים שיש ליך בבית זה לא היה ליך לעשות חמין לאוהבך, אלא בלורטיא שלי?" כך אמר הקב"ה לאותו רשע: „מכל בנים שיש לך לא היה לך להפילו לעבודת כוכבים, אלא זה שמקודש לשמי?" הה"ד (יחזקאל ט"ז): ותקחי את בניך, וגו'. אף על פי כן ותרד פלאים, — נחתה לה לנסיונין.

לז

כד דמך ר' יוסי ממלחיא, סליק ר' יוחנן וריש לקיש לגמילות חסדא, וסליק עמהון ר' יצחק פסאקא. והוה תמן חד סב; בעי למיעל ומיפתח עלוי, ולא שבקוניה. א"ל ר' יצחק פסאקא: „קדם אילין אריותא דאוריתא את פתח פומך?" אמר להו ר' יוחנן: „שבקוניה, דהוא גבר סב; ייעול וישתבח באתריה". עאל ופתח ואמר: „מצינו, שסילוקן של צדיקים קשה לפני הקב"ה יותר ממאה תוכחות חסר שתים שבמשנה תורה ומחורבן בית המקדש. בתוכחות כתיב (דברים כ"ח): והפלא ה' את מכותך; ובחורבן בית המקדש כתיב: ותרד פלאים. אבל בסילוקן של צדיקים כתיב (ישעיה כ"ט): לכן כה אמר ה': הנני יוסיף להפליא את העם הזה הפלא ופלא; וכל כך למה? (שם) ואבדה חכמת חכמיו, ובינת

(לויטן צווייטן פשט), און איר אומריינקייט באַציט זיך לויט דעם אויף זייער ניט געמלטקייט. [2] זע ירמיה ז, לא. [3] תפתה — תופת. [4] זי האָט געניצט דעם מלכס בילד ווי ברען מאַטעריאַל. לויט מאַנכע מפרשים מיינט לורטיא אַ הילצערנע וואַנע, אָדער אַן אַנדער כלי. [5] דאָס וואָרט פלאים, פאַרוואונדערונג, ווערט דאָ פאַרשטאַנען אַזוי: כאָטש די יידן האָבן זיך אַזוי פאַרזינדיקט, איז די שטראָף ניט קיין נקמה, נייערט אַ נסיון, אַ מיטל, אַז זיי זאָלן חוזר בתשובה זיין (מתנות כהונה).

[1] אַ שטאָט אין גליל העליון. [2] טאָן מיט אים אַ חסד של אמת, גיין צו זיין לויה.

דערונג. **אָבער ביי דער פטירה פון צדיקים שטייט** (ישעיה כט, יד): לכן — דעריבער, אָט טו איך נאָך מער פאַרוואונדערן דאָסדאָזיקע פאָלק, פלאימדיק פאַרוואונדערן; **און פאַרוואָס אזוי פיל?** [ווייל] ואבדה — און עס וועט פאַרלאָרן ווערן די חכמה פון זיינע חכמים, און די פאַרשטאַנדיקייט פון זיינע פאַרשטאַנדיקע וועט פאַרבאָרגן ווערן[4]". **האָט ר' יצחק פסקא געזאָגט: „געבענטשט זאָל זיין דאָס מויל פון דעמדאָזיקן מענטשן!" האָט ר' יוחנן געזאָגט צו אים: „ווען דו וואָלסט אים ניט געלאָזט, פון וואַנען וואָלטן מיר געהערט דאָסדאָזיקע פערל?"**

**און[5] דער רוח הקודש שרייט און זאָגט:** (ט) ראה, ה' — זע, גאָט, מיין פיין, ווארום דער פיינט האָט זיך געגרויסט.

(תהלים קיט, פה): כרו לי — זיי האָבן מיר געגראָבן גריבער, די מוט־וויליקע, וואָס איז ניט לויט דיין תורה. **ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט צוויי זאַכן: עס שטייט געשריבן** (דברים כב, ו): לא תקח — דו זאָלסט ניט נע־מען די מוטער צוזאַמען מיט די קינדער; **און דאָ** [**שטייט געשריבן**] (הושע י, יד): אם — די מוטער איז צעהאַקט געוואָרן צוזאַמען מיט די קינדער, — **איז עס דאָך** ניט לויט דיין תורה. **און נאָך האָט ר' אבא בר כהנא געזאָגט: עס שטייט געשריבן** (ירמיה ט, כ): להכרית — צו פאַרשניידן אַ קינד פון דרויסן, **אָבער ניט פון די שולן**, בחורים פון די גאַסן, **אָבער ניט פון די בתי מדרשים; און דאָ** [**שטייט געשריבן**] (תהילים עח, לא): ואף אלהים — און דער צאָרן פון גאָט איז ארויף אויף זיי, [און ער האָט געהרגעט פון זייערע געזונטסטע, און די יונגע לייט פון ישראל האָט ער אַנידערגעלייגט], **איז עס דאָך** ניט לויט דיין תורה[6]. **ר' יהודה דער זון פון ר' סימון האָט געזאָגט צוויי זאַכן: עס שטייט געשריבן** (ויקרא כב, כח): ושור — און אַן אָקס צי אַ שעפּס זאָלט איר ניט שעכטן אין איין טאָג מיט זיין קינד, **און דאָ זיינען געהרגעט געוואָרן קינד און מוטער אין איין טאָג, ווי דער פסוק זאָגט** (הושע י, יד): אם — די מוטער איז צעהאַקט געוואָרן צוזאַמען מיט די קינדער, **איז עס דאָך** ניט לויט דיין תורה. **און נאָך האָט ר' יהודה דער זון פון ר' סימון געזאָגט: עס שטייט געשריבן** (ויקרא יז, יג): אשר יצוד — יעדערער וואָס וועט פאַנגען אַ געפאַנג פון אַ חיה אָדער אַ פויגל [וואָס מען מעג עסן זאָל אויסגיסן זיין בלוט און עס פאַרדעקן מיט ערד]; **און דאָ שטייט גע־**

---

[3] **חומש דברים.** [4] **ביי דער תוכחה און ביים חורבן בית המקדש ווערט דאָס וואָרט** וואונדער געניצט נאָר איין מאָל, בעת ביים פאַרלוסט פון די חכמים ווערט עס געניצט גאַנצע דריי מאָל, מיינט עס אַז דער פאַרלוסט פון די לעצטע איז שווערער ווי פון די ערשטע. [5] **דערדאָזיקער מאמר קערט זיך אום, נאָכן איבערדרייס מיטן זקנס הספד, צום סוף פון סימן לו.** [6] **דערדאָזיקער פסוק איז דאָ ניט אין פלאַץ, ווייל דאָרט רעדט זיך נאָר וועגן דער שטראָף וואָס יידן האָבן געקראָגן אין מדבר פאַר זייער תאווה צו פלייש** (זע במדבר יא, לג); **דער רד"ל שלאָגט דאָ פאָר, לויטן ילקוט תהילים, דעם פסוק פון דברי הימים ב לו, יז:** ויהרג — און ער האָט געהרגעט זייערע יונגע לייט מיטן שווערד אין זייער בית המקדש, און האָט זיך ניט דערבאַרימט. **אזוי איז אויך בובערס נוסח.**

נבוניו תסתתר״. א״ר יצחק פסאקא: „יהוי דין גברא בריך פומיה!״ אמר ליה רבי יוחנן: „אלו לא שבקתוניה, מנן הוינן שמעין דא מרגליתא?״

ורוח הקדש צווחת ואומרת: (ט) ראה ה׳ את עניי כי הגדיל אויב. (תהלים קי״ט) כרו לי זדים שיחות [אשר לא כתורתך]. ר׳ אבא בר כהנא אמר תרתי: כתיב (דברים כ״ב): לא תקח האם על הבנים, וכאן (הושע י׳): אם על בנים רטשה, — הוי אשר לא כתורתך. ר׳אבא בר כהנא אמר אחורי: כתיב (ירמיה ט׳): להכרית עולל מחוץ, ולא מבתי כנסיות, בחורים מרחובות, ולא מבתי מדרשות; וכאן (תהלים ע״ח): ואף אלהים עלה בהם, וגו׳, — הוי אשר לא כתורתך. ר׳ יהודה בר סימון אמר תרתי: כתיב (ויקרא כ״ב): ושור או שה, אותו ואת בנו, וגו׳; וכאן נהרגו בן ואם ביום אחד, שנא׳ (הושע י׳): אם על בנים רטשה, — הוי אשר לא כתורתך. רבי יהודה בר׳ סימון אמר אזורי: כתיב (ויקרא י״ז): אשר יצוד ציד חיה או עוף, וגו׳, וכאן (תהלים ע״ט): שפכו דמים כמים סביבות ירושלם, ואין קובר, — הוי אשר לא כתורתך.

אמר ר׳ ברכיה: אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „רבש״ע! לחמורים נתת קבורה ולבניך לא נתת קבורה!״ „לחמורים נתת קבורה״, אלו המצריים, הלא הוא דכתיב (יחזקאל כ״ג): אשר בשר חמורים בשרם. ואמר ר׳ ברכיה: לפי שהיה הים זורקן ליבשה, ויבשה זורקן לים; ים אומר ליבשה: „קבלי אוכלוסיך״, ויבשה אומרת לים: „קבלי אוכלוסיך״. אמרה יבשה: „ומה אם בשעה

---

שריבן (תהלים עט, ג): שפכו — זיי האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אזוי ווי וואַסער אַרום ירושלים, און ס׳איז ניט געווען קיין באַגראָבער, איז עס דאָך ניט לויט דיין תורה.

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: „רבונו של עולם! די אייזלען האָסטו צוגעלאָזט צו קבורה, אָבער דיינע קינדער האָסטו צו קבורה ניט צוגעלאָזט״. „די אייזלען האָסטו צוגעלאָזט צו קבורה״, דאָס מיינט מען די מצרים; דאָס איז דאָך ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל כג, כ): אשר — וואָס פלייש פון אייזלען איז זייער פלייש. און געזאָגט האָט ר׳ ברכיה: ווארום דער ים האָט זיי ארויסגעוואָרפן אויף דער יבשה, און די יבשה האָט זיי צוריקגעוואָרפן אין ים אַריין; דער ים האָט געזאָגט צו דער יבשה: „נעם צו דיינע מחנות״, און די יבשה האָט געזאָגט צום ים: „נעם צו דיינע מחנות״. די יבשה האָט געזאָגט:

„מה־דאָך ווען איך האָב צוגענומען ניט מער ווי דאָס בלוט פון הבלן, איז געזאָגט געוואָרן אויף מיר (בראשית ג, יז): ארורה — פאַרשאָלטן זאָל זיין די ערד [8], היינט ווי קען איך צונעמען דאָס בלוט פון אָט דער גאַנצער מאַסע?" ביז הקדוש־ברוך־הוא האָט איר צוגעשווארן, אַז ער וועט זי ניט שטעלן צו קיין משפט; דאָס איז דאָך ווי עס שטייט געשריבן (שמות טו, יב) נטית — דו האָסט אויסגעשטרעקט דיין רעכטע האַנט, האָט די ערד זיי איינגעשלונגען, און רעכטע האַנט איז ניט עפּעס אַנדערש, נייערט אַ לשון שבועה, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה סב, ח): נשבע — גאָט האָט געשוואָרן מיט זיין רעכטער האַנט [9]. — „און דיין פאָלק האָסטו ניט צוגעלאָזט צו קבורה", איז עס דאָך ניט לויט דיין תורה.

לח

(י) ידו — זיין האַנט האָט אויסגעשפּרייט דער שונא. דו געפינסט, אַז בעת די שונאים זיינען אַריין אין בית המקדש, זיינען אַריין מיט זיי עמונים און מואבים. זיינען אַלע געלאָפן צו רויבן גאָלד און זילבער, אָבער די עמונים און מואבים זיינען געלאָפן אַוועקצורויבן די תורה, כדי אַרויסצורייסן [דעם פסוק] (דברים כג, ד): לא יבא — עס זאָל ניט קומען קיין עמוני און מואבי אין גאָטס עדה. ר' יהודה דער זון פון ר' סימון אין נאָמען פון ר' לוי בר פרטא [האָט געזאָגט: ס'איז געגליכן] צו אַ שרפה וואָס איז אויסגעבראָכן אין קיניגס פּאַלאַץ; זיינען אַלע געלאָפן צו רויבן גאָלד און זילבער, אָבער איינער אַ קנעכט איז געלאָפן אַוועקצורויבן זיין שטר מכירה. אַזוי, בעת די שונאים זיינען אַריין אין בית המקדש, זיינען עמונים און מואבים אַריין מיט זיי; זיינען אַלע געלאָפן צו רויבן גאָלד און זילבער, אָבער די עמונים און מואבים זיינען געלאָפן אַוועקצורויבן די תורה, כדי אויסצורייסן [דעם פסוק]: עס זאָל ניט קומען קיין עמוני און מואבי אין גאָטס עדה [1].

פיר גוטע זאַכן האָט אברהם געטאָן מיט לוטן [2]. דאָס איז דאָך ווי עס שטייט געשריבן (בראשית יב, ד): וילך אברם — און אברם איז געגאַנגען, אַזוי ווי גאָט האָט צו אים גערעדט, און לוט איז געגאַנגען מיט אים; און ווייטער זאָגט דער פסוק (דאָרט יג, ה): וגם ללוט — און אויך לוט, וואָס איז געגאַנגען מיט אברמען [האָט געהאַט שאָף און רינדער און געצעלטן]; און נאָך זאָגט דער פסוק (דאָרט יד, טז): וישב — און ער האָט צוריקגעבראַכט דעם גאַנצן פאַרמעגן [און אויך לוט זיין ברודער און זיין פאַרמעגן האָט ער צוריקגעבראַכט]; און נאָך זאָגט דער פסוק (דאָרט יט, כט): און עס איז געווען, ווען גאָט האָט צעשטערט די שטעט פון דער געגענט, [האָט גאָט זיך דערמאָנט אָן אברהמען און האָט אַרויסגעשיקט לוטן פון מיטן פון דער איבערקערעניש]. און אַזוי וואָלטן זיי געדאַרפט זיי אָפּצאָלן מיט טובות [3], אָבער זיי האָבן געטאָן צו זיי שלעכטס. דאָס איז דאָך וואָס עס שטייט געשריבן (במדבר כב, ה—ז): וישלח — האָט ער געשיקט שליחים צו בלעמען — — — און אַצינד קום, איך בעט דיך, שילט מיר דאָסדאָזיקע

שלא קבלתי אלא דמו של הבל, נאמר בי (בראשית ג׳): ארורה האדמה, — היאך אני יכולה לקבל דם כל ההמון הזה?״ עד שנשבע לה הקב״ה, שאינו מעמידה בדין; הלא הוא דכתיב (שמות ט״ו): נטית ימינך תבלעמו ארץ, ואין ימין אלא שבועה, שנאמר (ישעיה ס״ב): נשבע ה׳ בימינו. „ולעמך לא נתת קבורה״, — הוי אשר לא כתורתך.

לח

(י) ידו פרש צר. את מוצא, בשעה שנכנסו שונאים לבית המקדש נכנסו עמונים ומואבים עמהם. והיו הכל רצין לבוז כסף וזהב, ועמונים ומואבים רצין לבוז את התורה, כדי לעקור (דברים כ״ג): לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה׳. ר׳ יהודה בר׳ סימון בשם ר׳ לוי בר פרטא: לדליקה, שנפלה לתוך פלטין של מלך, והיו הכל רצין לבוז כסף וזהב, ועבד רץ לבוז את אוניתו. כך בשעה שנכנסו שונאים לבית המקדש, נכנסו עמונים ומואבים עמהם. והיו הכל רצין לבוז כסף וזהב, ועמונים ומואבים רצין לבוז את התורה, כדי לעקור לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה׳.

ארבעה דברים טובים היטיב אברהם ללוט. הלא הוא דכתיב (בראשית י״ב): וילך אברם, כאשר דבר אליו ה׳, וילך אתו לוט; ואומר (שם י״ג): וגם ללוט ההולך את אברם, וגו׳; ואומר (שם י״ד): וישב את כל הרכוש, וגו׳; ואומר (שם י״ט): ויהי בשחת אלהים את ערי הככר, וגו׳. וכך היו צריכין לפרוע להם טובות, אלא שעשו להם רעות. הלא הוא דכתיב (במדבר כ״ב): וישלח מלאכים אל בלעם, וגו׳; (שם) ועתה לכה נא ארה לי, וגו׳; וילכו זקני מואב וזקני מדין, וגו׳; (שופטים ג׳) ויאסף אליו את בני עמון,

---

פאָלק — — — און די עלטסטע פון מואב און די עלטסטע פון מדין זיינען געגאַנגען — — — [און נאָך שטייט געשריבן] (שופטים ג, יג): ויאסף — און ער [4] האָט צענויפגעזאַמלט צו זיך די קינדער פון עמון [און עמלק און איז געגאַנגען און האָט געשלאָגן ישראל]; [און ווידער שטייט געשריבן] (דברי

---

[7] די מצרים וואָס זיינען דערטרונקען געוואָרן אין ים־סוף. [8] דערדאָזיקער פסוק איז גענומען פון דער מעשה מיטן עץ הדעת; דער נוסח אין דער מעשה פון קין און הבל איז אַנדערש (זע דאָרט ד, יא—יב). [9] לויט דעם מיינט דער פסוק דו האָסט אויסגע־שטרעקט דיין רעכטע האַנט — האָסט צוגעשוואָרן דער ערד, אַז דו וועסט זי ניט משפטן, און ערשט דאַן האָט די ערד זיי איינגעשלונגען.

[1] די דרשה ווערט געבויט אויפן סוף פון אונדזער פסוק: די וואָס דו האָסט באַפוילן, זיי זאָלן אין דיין עדה ניט קומען. [2] דעם שטאַם פאָטער פון עמון און מואב. [3] לוטס

הימים ב, כ, א): ויהי — און עס איז געווען נאָך דעם, זיינען געקומען די קינדער פון מואב און די קינדער פון עמון און מיט זיי פון די עמונים אַקעגן יהושפטן; **און אַט דערדאַזיקער פסוק**: ידו — זיין האַנט האָט אויסגעשפרייט דער שונא.

**און קעגן דעם איז זייער זינד פאַרשריבן געוואָרן אין פיר ערטער. [איין פסוק זאָגט]** (דברים כג, ד—ה): לא יבא — עס זאָל ניט קומען קיין עמוני און מואבי אין גאָטס עדה — — — דערפאַר וואָס זיי האָבן אייך ניט אויפ־גענומען מיט ברויט און מיט וואַסער — — —; [**אַ צווייטער פסוק זאָגט**] (מיכה ו, ה): עמי — מיין פאָלק, דערמאָן זיך נאָר, וואָס בלק דער מלך פון מואב האָט געעצהט — — — [**אַ דריטער פסוק זאָגט**] (נחמיה יג, ב): כי לא קדמו — ווייל זיי האָבן ניט אויפגענומען די קינדער פון ישראל מיט ברויט און מיט וואַסער, און האָבן אָנגעדונגען אויף אים בלעמען אים צו שילטן; [**און אַ פערטער פסוק זאָגט**] (יהושע כד, ט): וישלח — און ער האָט געשיקט און גערופן בלעם דעם זון פון בעורן אייך צו שילטן. **און קעגן דעם זיינען אויפגעשטאַנען פיר נביאים און האָבן פאַרחתמעט זייער גזר־דין, און דאָ זיינען זיי: ישעיה, ירמיה, יחזקאל און צפניה. ישעיה האָט געזאָגט** (טו, א): משא — די נבואה אויף מואב. פאַרוואָר, איבער נאַכט איז אויס־געראַבעט געוואָרן ער־מואב, פאַרשניטן געוואָרן; פאַרוואָר, איבער נאַכט איז אויסגעראַבעט געוואָרן קיר־מואב, פאַרשניטן געוואָרן. **ירמיה האָט געזאָגט** (מט, ב): הנה — אָט קומען טעג, זאָגט גאָט, און איך וועל לאָזן הערן אויף רבת־בני־עמון אַ שאַלונג פון מלחמה, און זי וועט ווערן אַ וויסטער הויפן, און אירע טעכטערשטעט וועלן אין פייער אָנגעצונדן ווערן; און ישראל וועט ירשענען די וואָס האָבן אים גערירשנט, זאָגט גאָט. **יחזקאל האָט געזאָגט** (כה, י): לבני קדם — די קינדער פון מזרח [וועל איך רופן צו מלחמה] אויף די קינדער פון עמון, און איך וועל עס געבן פאַר אַ ירושה, כדי די קינדער פון עמון זאָלן מער ניט דערמאָנט ווערן צווישן די פעלקער. **און ווייטער שטייט** (פסוק יא): ובמואב — און אויף מואב וועל איך מאַכן אַ משפט, און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין גאָט. **צפניה האָט געזאָגט** (ב, ט): לכן — דאָרום אַזוי ווי איך לעב, זאָגט דער גאָט פון חיילות, דער גאָט פון ישראל, אַז מואב וועט ווי סדום ווערן און די קינדער פון עמון ווי עמורה, אַ ווירטשאַפט פון דערנער און אַן אויסגראָבונג פון זאַלץ, און אַ וויסטעניש אויף אייביק; דער איבערבלייב פון מיין אומה וועט זיי אויסרויבן, און דאָס רעשטל פון מיין פאָלק וועט זיי ירשענען.

לט

**(יא)** כל עמה — דאָס גאַנצע פאָלק אירס טוט זיפצן. **עס שטייט גע־שריבן** (ירמיה נב, ו): בתשעה — אין ניינטן טאָג פון חודש האָט זיך גע־שטאַרקט דער הונגער אין שטאָט. [און דאָס פאָלק פון לאַנד האָט קיין ברויט ניט געהאַט], — **דאָס פאָלק פון לאַנד האָט קיין ברויט ניט געהאַט, אָבער**

**וגו׳**; (ד״ה ב׳ כ׳) ויהי אחרי כן באו בני מואב ובני עמון, ועמהם מהעמונים, על יהושפט; **והדין**: ידו פרש צר, **וגו׳**.

**וכנגדן נכתבה חטייא שלהם בד׳ מקומות** (דברים כ״ג): לא יבא עמוני ומואבי **וגו׳**, על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים, **וגו׳**; (מיכה ו׳) עמי, זכר נא, מה יעץ בלק, **וגו׳**; (נחמיה י״ג) כי לא קדמו את בני ישראל בלחם ובמים, וישכור עליו את בלעם לקללו; (יהושע כ״ד) וישלח ויקרא לבלעם בן בעור לקלל אתכם. **וכנגדן עמדו ארבעה נביאים וחתמו עליהם גזר דינם, ואלו הן: ישעיה, ירמיה, יחזקאל, וצפניה. ישעיה אמר** (ישעיה ט״ו): משא מואב. כי בליל שדד ער מואב, נדמה; כי בליל שדד קיר מואב, נדמה. **ירמיה אמר** (ירמיה מ״ט): הנה ימים באים, נאם ה׳, והשמעתי אל רבת בני עמון תרועת מלחמה, והיתה לתל שממה ובנותיה באש תצתנה, וירש ישראל את יורשיו, אמר ה׳. **יחזקאל אמר** (יחזקאל כ״ה): לבני קדם על בני עמון, ונתתיה למורשה, למען לא תזכר בני עמון בגוים, **וכתיב** (שם): ובמואב אעשה שפטים, וידעו כי אני ה׳. **צפניה אמר** (צפניה ב׳): לכן, חי אני, נאם ה׳ צבאות אלהי ישראל, כי מואב כסדום תהיה ובני עמון כעמורה, ממשק חרול ומכרה מלח ושממה עד עולם, שארית עמי יבזום ויתר גוי ינחלום.

לט

(יא) כל עמה נאנחים. **כתיב** (ירמיה נ״ב): בתשעה לחדש, ויחזק הרעב בעיר, **וגו׳** — לעם הארץ **לא היה לחם, לבני יהודה היה לחם; אלו בחורבן ראשון. אבל בחורבן שני**, — כל עמה נאנחים, מבקשים לחם, **וגו׳**.

[(יא) נתנו מחמדיהם באכל.] **בתחלה היו משלשלין להם קופה של זהב, ונותנין להם קופה של חטין; חוזרין ומשלשלין להם**

---

די קינדער פון יהודה [1] האָבן יאָ געהאַט ברויט; דאָס איז געווען ביים ערשטן חורבן. אָבער ביים צווייטן חורבן, — דאָס גאַנצע פאָלק אירס טוט זיפצן, זיי זוכן ברויט [2].

[(יא) נתנו — זיי האָבן אַוועקגעגעבן זייערע גלוסטיקייטן פאַר שפייז]. צוערשט פלעגן זיי אַראָפּלאָזן צו זיי [3] אַ קערבל מיט גאָלד, און זיי פלעגן

---

קינדער, עמון און מואב, וואָלטן געדאַרפט אָפּצאָלן אברהמס קינדער מיט גוטס. [4] עגלון, דער מלך פון מואב.

[1] דער הערשנדיקער שבט. [2] צוליב דער אויגנשיינלעכער סתירה צווישן אונדזער פסוק און דעם פסוק פון ירמיה, ווערט אונדזער פסוק געדרשנט אויפן צווייטן חורבן.

זיי צוריקגעבן אַ קערבל מיט ווייץ. אַז זיי פלעגן זיי ווידער אַראָפּלאָזן אַ קערבל מיט גאָלד, פלעגן זיי זיי צוריקגעבן אַ קערבל מיט גערשטן; אַז זיי פלעגן זיי ווידעראַמאָל אַראָפּלאָזן אַ קערבל מיט גאָלד, פלעגן זיי זיי צוריק־געבן אַ קערבל מיט שטרוי. וואָס פלעגן זיי טאָן? זיי פלעגן עס קאָכן און טרינקען דאָס וואַסער. אַז זיי האָבן ווידעראַמאָל אַראָפּגעלאָזט אַ קערבל מיט גאָלד, האָבן זיי שוין מער גאָרניט ניט צוריקגעגעבן. ר׳ יהודה בן סיגנא אין נאָמען פון ר׳ אחאן האָט געזאָגט: מה־דאָך איינער וואָס דאַרף געבן, כאָטש ער האָט [ביי יענעם] גאָרניט ניט גענומען, זאָגט זוועגן אים דער פסוק (דברים טו, י): נתן — געבן זאָלסטו אים געבן[4], דער וואָס נעמט און גיט ניט, — אוודאי און אוודאי [פאַרזינדיקט ער זיך]!

(יא) להשיב — צו דערכאַפּן די נשמה. און מיט וויפיל קען מען דער־כאַפּן די נשמה? רבי זאָגט: ווי די גרייס פון אַ טייטל. ר׳ חנניה האָט געזאָגט: ווי אַ געטריקנטע פייג.

(יא) ראה ה׳ — זע, גאָט, און קוק, [ווי שפל איך בין געוואָרן]. ר׳ פינחס האָט געזאָגט: עס איז געווען אַ מעשה מיט צוויי פרויען זונות אין אשקלון, וואָס האָבן זיך געקריגט איינע מיט דער אַנדערער. ווי זיי האָבן זיך אַזוי געקריגט איינע מיט דער אַנדערער, האָט איינע געזאָגט צו דער צווייטער: „דו גייסט ניט אַוועק פון דאַנען? דו זעסט דאָך אויס אויפן פנים ווי אַ יידישקע!” אין טעג אַרום האָבן זיי זיך איבערגעבעטן איינע מיט דער אַנדערער. האָט יענע געזאָגט צו איר: „אויף אַלץ בין איך דיר מוחל און איך פאַרגיב דיר; אָבער אויף דעם וואָס דו האָסט מיר געזאָגט: „דו זעסט אויס אויפן פנים ווי אַ יידישקע”, וועל איך דיר ניט מוחל זיין און ניט פאַרגעבן”. דעריבער זאָגט דער פסוק: זע, גאָט, און קוק, ווי שפל איך בין געוואָרן.

מ

(יב) לא אליכם — ניט אויף אייך געזאָגט! די כנסת ישראל זאָגט צו די אומות העולם: „ניט קומען זאָל אויף אייך וואָס אויף מיר איז געקומען; ניט גרייכן זאָל אייך וואָס מיך האָט געגרייכט”. כל עוברי דרך, — אַלע וואָס זיינען עובר אויפן דרך פון דער תורה. הביטו — טוט אַ קוק און זעט. — דאָרטן[1] האָבן מיר געלערנט: דער משפט פונעם דור המבול [האָט געדויערט] צוועלף חדשים; דער משפט פון די מצרים — צוועלף חדשים; דער משפט פון איובן — צוועלף חדשים; דער משפט פון גוג און מגוג [וועט דויערן] צוועלף חדשים; דער משפט פון די רשעים אין גיהנום — צוועלף חדשים. [אָבער דער משפט] פון נבוכדנצרן [אויף ירושלים[2] האָט גע־דויערט] דריי און אַ האַלב יאָר, פון אספּאַסיאַנוסן — דריי און אַ האַלב יאָר! הביטו — טוט אַ קוק און זעט, צי איז דאָ אַ ווייטאַק ווי מיין ווייטאָק; אשר עולל לי — וואָס ער האָט אַזוי מדקדק געווען מיט מיר און אָפּגעפּליקט מיין נאָכקלייב, ווי דער פסוק זאָגט (דברים כד, כא): כי תבצר — אַז דו וועסט אָרומקלייבן דיין וויינגאָרטן, [זאָלסטו ניט נאָכזוכן הינטער דיר][3]. אשר

קופה של זהב, ונותנין להם קופה של שעורים; חוזרין ומשלשלים להם קופה של זהב, ונותנין להם קופה של תבן. מה היו עושין? היו שולקין אותו ושותין מימיו. חוזרין ומשלשלין להם קופה של זהב, ואין נותנין להם כלום. ר׳ יהודה בן סיגנא בשם רבי אחא אמר: אם מי שיתן ולא לקח, הרי הוא אומר (דברים ט״ו): נתן תתן לו; מי שלוקח ואינו נותן, — על אחת כמה וכמה!

להשיב נפש. עד כמה מתיישבת נפש? רבי אומר: ככותבת; ר׳ חנניה אמר: כגרוגרת.

(יא) ראה, ה׳, והביטה, — א״ר פנחס: עובדא הוה בתרתין נשין זניין באשקלון, דהויין מתכתשן דא עם דא. אמרה חדא לחברתה, כד הויין מתכתשן דא עם דא: „לית את אזלא מהכא? דחזיין אפיך כיהודיאתא״. לבתר יומין אתרצית דא לדא. אמרה לה: „על כולא שרי ושביק ליך; אלא על דאמרת לי: חזיין אפיך כיהודיאתא, לא שרי ולא שביק ליך״.לכך נאמר: ראה, ה׳, והביטה, כי הייתי זוללה.

מ

(יב) לא אליכם. כנסת ישראל אומרת לאומות העולם: „לא ייתי עליכון דאתא עלי, לא ימטי עליכון דמטא עלי״. כל עוברי דרך, — כל עוברי דרכה של תורה. הביטו וראו, — תמן תנינן: משפט דור המבול שנים עשר חדש, משפט מצריים שנים עשר חדש, משפט איוב י״ב חדש, משפט גוג ומגוג י״ב חדש, משפט רשעים בגיהנם שנים עשר חדש; נבוכדנצר — שלש שנים ומחצה, אספסיאנוס — ג׳ שנים ומחצה! הביטו וראו, אם יש מכאוב כמכאובי, אשר עולל לי, שדקדק עמי וקטף עוללתי, כמד״א (דברים כ״ד): כי תבצור כרמך, וגו׳. אשרהוגה ה׳ ביום חרון אפו, — א״ר אחא: יום אחד היה חרון אפו של הקדוש ברוך הוא; אילו עשו ישראל תשובה, פשרו.

---

הוגה — ווען גאָט האָט פאַראומערט אין טאָג פון זיין גרימצאָרן, — ר׳ אחא האָט געזאָגט: איין טאָג האָט געברענט דער גרימצאָרן פון הקדוש־ברוך־הוא [4]; ווען ישראל וואָלט דאַן תשובה געטאָן, וואָלט ער אים אָפּגעקילט.

---

[3] די באַלאַגערטע יידן פלעגן אַראָפּלאָזן צו די שונאים. [4] און אויב ניט וועט זיין אויף דיר אַ זינד, ווי אין פריערדיקן פסוק שטייט.

[1] משנה עדויות, ב, י. [2] זיין באַלאַגערן ירושלים. [3] אשר עולל לי (וואָס איז געטאָן געוואָרן צו מיר) ווערט דאָ געדרשנט לויטן וואָרט עוללות, נאָכקלייב, די לעצטע

## מא

(יג) ממרום — פון אויבן האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ פייער אין מיינע ביינער. ר׳ אמי האָט געפרעגט ר׳ שמואל בר נחמנין, — ער האָט אים געזאָגט: „ווייל איך האָב געהערט וועגן דיר, אַז דו ביסט אַ בעל אגדה, [זאָג זשע מיר], וואָס מיינט דער פסוק (תהילים עא, יט): וצדקתך — און דיין גערעכטיקייט, גאָט איז ביזן הימל?״ האָט ער אים געזאָגט: אזוי ווי די אונטערשטע[1] דאַרפן טאָן טובות[2] איינע די אַנדערע, אזוי אויך דאַרפן די אייבערשטע טאָן טובות איינע די אַנדערע. ר׳ יוחנן האָט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי געזאָגט: אומעטום וואו עס ווערט געזאָגט צוויי מאָל ויאמר, ווערט עס ניט געזאָגט, נייערט אויף צו דרשענען. דאָס איז וואָס עס שטייט געשריבן (יחזקאל י, ב): ויאמר אל האיש לבוש הבדים ויאמר — און ער האָט געזאָגט צו דעם מאַן וואָס איז געווען געקליידט אין ליינען, און ער האָט געזאָגט: גיי אַריין צווישן די רעדער, [אונטער דעם כרוב און פיל אָן דיינע הויפנס מיט פייערקוילן], — פאַרוואָס שטייט דאָרט צוויי מאָל ויאמר? נייערט הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט דעם מלאך, און דער מלאך האָט געזאָגט דעם כרוב: „כאָטש הקדוש־ברוך־הוא האָט אויף מיר גוזר געווען צו נעמען די קוילן, קען איך אָבער ניט אַריינגיין אין דיין מחיצה; נייערט טו מיר אַ טובה און גיב מיר צוויי פון דיינע קוילן, כדי איך זאָל זיך ניט אָפּברענען״. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן ווייטער (פסוק ז): וישא ויתן — און ער האָט אויפגעהויבן און געגעבן [די קוילן] אין די הויפנס פון דעם וואָס איז געווען געקליידט אין ליינען; צו וואָס שטייט אי וישא, אי ויתן[3]? האָט ר׳ יצחק געזאָגט: ער האָט זיי אָפּגעקילט און געגעבן אים אין האַנט אַריין[4].

ר׳ יהושע פון סכנין האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ לוין: זעקס יאָר האָבן די קוילן געגליעט אין גבריאלס האַנט, — ער האָט געמיינט, אַז ישראל וועט תשובה טאָן. און וויבאַלד זיי האָבן קיין תשובה ניט געטאָן, האָט ער זיי געוואָלט אַרונטערוואַרפן אויף זיי מיט צאָרן. האָט הקדוש־ברוך־הוא אים גערופן און געזאָגט צו אים: „גבריאל, גבריאל, — פּאַוואָליע, פּאַוואָליע! דען עס זיינען דאָ צווישן זיי אַזעלכע וואָס טוען צדקה איינע מיט די אַנדערע״, — ווי עס שטייט דאָרט ווייטער (פסוק ח): וירא — און עס האָט זיך געזען ביי די כרובים די געשטאַלט פון אַ מענטשנס האַנט[5] אונטער זייערע פליגלען. ר׳ אבא בר כהנא האָט אין נאָמען פון ר׳ לוין געזאָגט: וואָס[6] האַלט אויף אי די אייבערשטע, אי די אונטערשטע? די צדקה וואָס ישראל טוט מיט דער האַנט; דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט: וצדקתך — און דיין גערעכטיקייט, גאָט, איז ביזן הימל[7].

און דעסגלייכן[8] (מלכים א, כ, כח): ויגש איש האלהים, ויאמר — — — — ויאמר — איז דער געטלעכער מאַן צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט צום מלך פון ישראל און געזאָגט: אזוי האָט גאָט געזאָגט, — פאַרוואָס שטייט דאָרט צוויי מאָל ויאמר? נייערט מיטן ערשטן זאָג האָט ער אים געזאָגט: „אויב

מא

(יג) ממרום שלח אש בעצמותי. **ר׳ אמי שאל את ר׳ שמואל בר נחמני, אמר לו: בשביל ששמעתי עליך, שאתה בעל אגדה, מהו זה שכתוב** (תהלים ע״א): וצדקתך, אלהים, עד מרום? **אמר לו: כשם שהתחתונים צריכין לעשות צדקה אלו עם אלו, כך עליונים צריכין לעשות צדקה אלו אם אלו. א״ר יוחנן בשם ר׳ שמעון בן יוחאי: כל מקום שנאמר:** ויאמר — ויאמר, **לא נאמר, אלא להדרש; הה״ד** (יחזקאל י׳): ויאמר אל האיש לבוש הבדים, ויאמר: בא אל בינות לגלגל, וגו׳, — **מהו** ויאמר — ויאמר **שתי פעמים? אלא הקב״ה אמר למלאך, ומלאך אמר לכרוב: „אף על פי שגזר עלי הקב״ה ליקח הגחלים, איני יכול ליכנס לפנים ממחיצתך; אלא עשה עמי צדקה ותן לי שתי גחלים משלך, שלא אכוה״. הה״ד** (שם) וישא ויתן אל חפני לבוש הבדים, — **מהו** וישא ויתן? **אמר ר׳ יצחק: הפשירן ונתנן בכפו.**

**ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי: שש שנים היו הגחלים עמומות בידו של גבריאל; סבור, שישראל עושין תשובה. וכיון שלא עשו תשובה, בקש לזורקן עליהם בחימה. קרא לו הקב״ה ואמר לו: „גבריאל, גבריאל, — להונך, להונך! שיש בהם בעלי צדקות אלו עם אלו״. הה״ד** (שם): ויראה לכרובים תבנית יד אדם תחת כנפיהם. **ר׳ אבא בר כהנא אמר בשם ר׳ לוי: (מי) [מה] מעמיד העליונים והתחתונים? צדקה שישראל עושין ביד; הה״ד:** וצדקתך אלהים עד מרום.

**ודכוותה** (מלכים א׳ כ׳): ויגש איש האלהים ויאמר אל מלך ישראל ויאמר: כה אמר ה׳ — **מהו** ויאמר — ויאמר **שתי פעמים? אלא באמירה הראשונה אמר לו: „אם יבא בן הדד תחת ידך, אל תחוס עליו״. ובאמירה השניה אמר לו: „כמה מצודות עשיתי,**

---

פרוכט וואָס בלייבט אויף דיביימער, און וואָס דער בעל הבית טאָר זיי ניט נעמען פאַר זיך, — אָבער מיט ישראל איז אויך דער דין פון דער תורה ניט אָפּגעהיט געוואָרן, און אַלע זיינען אומגעקומען, גרויס און קליין. [4] גאָט האָט לכתחילה זיי געוואָלט מצער זיין נאָר איין טאָג, דעם טאָג פון זיין גרימצאָרן, כדי זיי זאָלן תשובה טאָן (יפה ענף און מתנות כהונה).

[1] די מענטשן אויף דער ערד. [2] צדקה (וצדקתך) מיינט אי גערעכטיקייט, אי פריי־ וויליק אַ טובה טאָן דעם צווייטן. [3] דער פסוק האָט זיך געקענט באַגיין נאָר מיט ויתן, און ער האָט געגעבן. [4] און אזוי האָט דער כרוב געטאָן אַ טובה מיטן מלאך, און עס ווערט באַשטעטיקט ר׳ שמואל בר נחמניס דרש. [5] דער סימבאָל פון צדקה טאָן, ווי

בן־הדד וועט אַריינפאַלן אין דיין האַנט, זאָלסטו אים ניט שוינען״; און מיטן צווייטן זאָג האָט ער אים געזאָגט: „וויפיל נעצן האָב איך אויסגעלייגט, וויפיל וואונקען האָב איך געגעבן, וויפיל מפּלות האָב איך אָנגעברייט, ביז איך האָב אים געוואָרפן אין דיין האַנט, און איצט האָסטו אים אַרויסגעלאָזט בשלום, דעריבער והיתה — וועט זיין דיין נפש אָנשטאָט זיין נפש, און דיין פאָלק אָנשטאָט זיין פאָלק״ (פסוק מב).

און דעסטגלייכן (אסתר ז, ה): ויאמר המלך אחשורוש, ויאמר — האָט געזאָגט דער מלך אחשורוש און ער האָט געזאָגט צו אסתר המלכה, — פאַר־וואָס שטייט דאָרט צוויי מאָל ויאמר? האָט רב געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אלעזרן: כל־זמן ער האָט זיך ניט געכאַפּט, אַז זי איז אַ יידישע טאָכטער, פלעגט ער רעדן מיט איר בפרהסיא; וויבאַלד ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז זי איז אַ יידישע טאָכטער, אזוי האָט געזאָגט דער מלך אחשורוש צום טאָלמעטשער, און דער טאָלמעטשער האָט געזאָגט צו אסתר המלכה.

און דעסגלייכן (ויקרא כא, א): ויאמר — און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זאָג צו די כוהנים, די זין פון אהרנען, און זאָלסט זאָגן צו זיי, — צו וואָס דאַרף איך דאָסדאָזיקע צוויי מאָל זאָגן? נייערט מיטן ערשטן זאָג האָט ער אים געזאָגט: לנפש — צו אַ [טויטן] נפש זאָל ער זיך ניט מטמא זיין אין זיין פאָלק; און מיטן צווייטן האָט ער אים געזאָגט: „אויב עס קומט דיר צו דער האַנט אַ מת־מצוה, זיי זיך מטמא צו אים, ווייל אויב איר וועט זיך אויף דער וועלט מטמא זיין צו אַ מת־מצוה, וועט איר לעתיד לבוא צו קיין מת זיך אינגאַנצן ניט מטמא זיין, ווייל לעתיד לבוא וועט קיין טויט ניט זיין, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה כה, ח): בלע המות — ער וועט פאַר־טיליקן דעם טויט אויף אייביק.

אַן אַנדער פשט: און דיין גערעכטיקייט, גאָט, איז ביזן הימל, — דאָס זיינען די צוויי ליכטער[9]; גאָט, ווער איז גלייך צו דיר! — וואָס דו באַ־צווינגסט דעם מידת הדין.

אין יענער שעה[10] איז אויפגעשפרונגען דער מידת הדין פאַרן כסא הכבוד און האָט געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! אָט אזוי וועט זיך עס דערדאָזיקער רשע באַרימען און זאָגן: איך האָב חרוב געמאַכט גאָטס הויז און פאַרברענט זיין בית המקדש? אויב אזוי, זאָל [ליבערשט] אַראָפּקומען אַ פייער פון אויבן און עס פאַרברענען״. גלייך — ווי שטייט געשריבן: ממרום — פון אויבן האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ פייער אין מיינע ביינער.

ר׳ יהושע האָט געזאָגט: דאָס איז וואָס דער נביא רייצט זיך מיט איר[11] און זאָגט איר (ישעיה מז, ב): קחי — נעם אַ זשאָרנע און מאָל מעל, — אַלע מענטשן מאָלן ווייץ, און דו זאָגסט און מאָל מעל! נייערט ירושלים האָט געזאָגט צו דער טאָכטער פון בבל: ווען מע וואָלט פון הימל ניט גע־פירט מיט מיר קיין מלחמה, וואָלסטו דען געקענט מלחמה האַלטן מיט מיר?

**כמה רמיזות עשיתי, כמה רפשים עשיתי, עד שרפשתיו בידיך; ועכשיו הוצאתו בשלום! לכן** והיתה נפשך תחת נפשו ועמך תחת עמו״.

**ודכוותה** (אסתר ז׳): ויאמר המלך אחשורוש ויאמר לאסתר המלכה, — **מהו** ויאמר — ויאמר **שתי פעמים? אמר רב בשם ר׳ אלעזר: עד שלא הרגיש בה שהיא יהודית, היה מדבר עמה בפרהסיא; וכיון שהרגיש בה, שהיא יהודית** — ויאמר המלך אחשורוש **למתורגמן, ויאמר המתורגמן** לאסתר המלכה.

**ודכוותה** (ויקרא כ״א): ויאמר ה׳ אל משה: אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת, — **שתי אמירות הללו למה לי? אלא באמירה הראשונה אמר לו:** לנפש לא יטמא בעמיו, **ובשניה אמר לו: „אם בא מת מצוה על ידך הטמא לו; לפי שבעולם הזה אתם מיטמאין למת מצוה, לעתיד לבא אין אתם מיטמאין למת כל עיקר, שאין מיתה לעתיד לבא, שנא׳** (ישעיה כה): בלע המות לנצח.

**ד״א:** וצדקתך אלהים עד מרום, **אלו שני המאורות;** אלהים, מי כמוך, **שאתה כובש על מדת הדין.**

**באותה שעה קפצה קטיגוריא לפני כסא הכבוד, אמרה לפניו: „רבש״ע! כך יהא רשע זה מתגאה ואומר: אני חרבתי ביתו של אלהים ושרפתי מקדשו? אם כן הוא, תרד אש מלמעלה ותשרף״. מיד — מה כתיב?** ממרום שלח אש בעצמותי.

**א״ר יהושע: הוא שהנביא מקנתרה ואמר לה** (ישעיה מ״ז): קחי רחים וטחני קמח, — **הא כל עמא טחנין חטין, ואת אומר:** וטחני קמח! **אלא אמרה ירושלם לבת בבל: „אילו ממרום לא עשו בי מלחמה, את היית יכולה להלחם בי? אילו ממרום לא שלחו בי אש, את היית יכולה לי? אלא אריא קטילא קטלת, קימחא טחינא טחנת, קרתא יקידתא אוקידתא״. לכך אמר:** ממרום שלח אש בעצמותי וירדנה, — **מהו** וירדנה? **נסחא, כמד״א** (שופטים י״ד):

---

**ווען מע וואָלט פון הימל ניט אַראָפּגעשיקט אַ פייער אויף מיר, וואָלסטו מיך דען בייגעקומען? בייערט אַ געהרגעטן לייב האָסטו געהרגעט, צעמאָלן מעל האָסטו געמאָלן, אַ פאַרברענטע שטאָט האָסטו פאַרברענט״. דעריבער**

---

ווייטער. [6] געביטן אין טעקסט, לויט בובערס נוסח, מי, ווער, אויף מה, וואָס, וואָס פאַסט זיך בעסער צום אינהאַלט. [7] אויך די הימלישע וועלטן האַלטן זיך אין זכות פון ישראלס צדקה. [8] נאָך אַ ביישפּיל פון צוויי מאָל ויאמר. [9] די זון און די לבנה, וואָס כביכול האָט מיט זיין מידת הרחמים אויפגעהאָנגען צו באַלייכטן די וועלט. [10] ווען

זאָגט דער פּסוק: ממרום — פון אויבן האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ פייער אין מיינע ביינער, וירדנה, — וואָס מיינט וירדנה? — ער האָט זי אַרויסגעריסן, ווי דער פּסוק זאָגט (שופטים יד, ט): וירדהו — און ער האָט עס אַרויסגעשאַרט אין זיינע הענט. אַן אַנדער פּשט: וירדנה — ער האָט זי באַצוואונגען, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים עב, ח): וירד — און ער זאָל באַצווינגען פון ים ביז ים. נאָך אַ פּשט וירדנה — ער האָט זי באַהערשט, ווי דער פּסוק זאָגט (מלכים א, ה, ד): כי הוא רודה — ווארום ער הערשט איבער גאַנץ יענער זייט טייך. נאָך אַ פּשט: וירדנה — ער האָט זי צעאַקערט[12], ווי מיר האָבן געלערנט: רופוס[13] האָט צעאַקערט דעם [אָרט פון] בית המקדש. ר׳ ביבא פון רנגיא[14] האָט געזאָגט: וירדנה — ער האָט געזען, ווי דער מידת הדין איז זי באַפאַלן[15].

(יג) פּרש — ער האָט אויסגעשפּרייט אַ נעץ פאַר מיינע פיס. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: אויב דו זעסט אין ארץ ישראל בענק אויסגעשטעלט און באַזעצט מיט בבלים, קאָנסטו דערוואַרטן די פיס פון משיחן; פון וואַנעט איז דאָס געדרונגען? פּרש[16] — ער האָט אויסגעשפּרייט אַ נעץ פאַר מיינע פיס. ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: אויב דו זעסט אַ פּערסיש פערד צוגעבונדן אין ארץ ישראל, קאָנסטו דערוואַרטן די פיס פון משיחן; פון וואַנען איז עס געדרונגען? (מיכה ה, ד) והיה — און דאָס וועט זיין דער שלום: אַז אשור וועט קומען אין אונדזער לאַנד.

(יג) השיבני — ער האָט מיך אומגעקערט אַהינטער, אַהינטער פון דער כהונה און פון דער מלוכה; נתנני — ער האָט מיך געמאַכט וויסט, תוהו ובוהו; כל היום — אַ גאַנצן טאָג קראַנק, [פאַרמשפּט] צו דער תליה.

מב

(יד) נשקד — פאַרקניפּט איז דער יאָך פון מיינע זינד אין זיין האַנט. באַרואיקט[1] בין איך געווען פון מיינע זינד; געמיינט האָב איך, אַז ער וועט מיר מוחל זיין אַלע מיינע זינד, בשעת איך האָב געהערט, אַז אויבן איז מיין פּסק דין צעריסן געוואָרן[2]. אַן אַנדער פּשט: נשקד — [ווי עס וואָלט געווען] געשריבן מיט אַ [רעכטער] שין — הקדוש־ברוך־הוא האָט אויפגעפּאַסט, ווי אַזוי צו ברענגען אויף מיר דאָס שלעכטס. ער האָט געזאָגט: „אויב איך וועל זיי פאַרטרייבן אין תקופת טבת, וועלן זיי ליידן פון קעלט און וועלן

---

דער שונא האָט זיך אַריינגעריסן אין ירושלים. [11] מיט בבל. [12] אויפן פּסוק לא תחרש, דו זאָלסט ניט אַקערן (דברים כב, י), מאַכט דער תרגום לא תרדי. [13] טורנוס רופוס, רוימישער הערשער אין ארץ ישראל אין דער צייט פון בר־כוכבאס אויפשטאַנד (אין טעקסט דאַרף מען לייענען רופוס מיט אַ לינקער שין). דער מאמר געפינט זיך אין ירושלמי תענית, פּרק ד, הלכה ה. [14] לויט אַן אַנדער נוסח דאַרף זיך דאָ לייענען סרונגייא, אַן אָרט ניט ווייט פון טבריה. [15] געדרשנט ווי אַ ראשי תבות: וירא דין — ער האָט געזען דעם מידת הדין (מתנות כהונה). [16] פּרש ווערט דאָ געדרשנט ווי פרס, וואָס איז דאָ אידענטיש מיט בבל און מיט אשור (זע ווייטער), און מיינע פיס מיינט דאָ משיחס פיס: ווען די פּערסער וועלן פאַרשפּרייטן זייער נעץ איבער ארץ ישראל, וועט משיח קומען.

וירדהו אל כפיו. **ד"א**: וירדנה — נצחה, **כמד"א** (תהלים ע"ב): וירד מים עד ים. **ד"א**: וירדנה — **שלטה, כמד"א** (מלכים א, ה, ד): כי הוא רודה בכל עבר הנהר. **ד"א**: וירדנה — **רדיא, כדתניא: חרש רופש את ההיכל. ר' ביבא מרנגיא אמר**: וירדנה — **ראה, שמדת הדין פוגעת בה.**

(יג) פרש רשת לרגלי. **א"ר אבא בר כהנא: אם ראית ספסלין מלאים בבליים מונחי בארץ ישראל, צפה לרגליו של משיח; מה טעם?** פרש רשת לרגלי. **תני רבי שמעון בן יוחאי: אם ראית סוס פרסי קשור בארץ ישראל, צפה לרגליו של משיח; מה טעם?** (מיכה ה') והיה זה שלום אשור, **וגו'.**

(יג) השיבני אחור, **אחור מן הכהונה ומן המלכות;** נתנני שוממה, **לצדו;** כל היום דוה, **לגרדום.**

מב

(יד) נשקד עול פשעי בידו. **שקודה הייתי מעונותי; סבורה הייתי, שימחול לי על כל עונותי, בשעה ששמעתי (שאנולוגין) [שאילוגין] שלי נקרע מלמעלה. ד"א**: נשקד — **שי"ן כתיב: שקד הקב"ה, איך להביא עלי את הרעה. אמר: "אם אני מגלה אותן בתקופת טבת, הרי הן לוקין בצנה ומתין; אלא הריני מגלה אותן בתקופת תמוז, שאפילו הן ישינין בדרכים וברחובות, אין אחד מהם ניזוק". ד"א**: נשקד — **שקד, איך להביא עלי את הרעה. אמר: "אם אני מגלה אותם בתקופת טבת,** אין ענבים בגפן ואין תאנים בתאנה (ירמיה ח'); **אלא הריני מגלה אותם בתקופת תמוז, שיש ענבים בגפן ויש תאנים בתאנה, ואפילו** אין העלה נבל". **ד"א**: נשקד — **שקד איך להביא עלי את הרעה. אמר: "אם אני מגלה**

---

**אויסשטאַרבן; נייערט איך וועל זיי פאַרטרייבן אין תקופת תמוז, אַז אפילו זיי וועלן שלאָפן אויף די וועגן און אין די גאַסן, וועט קיינער פון זיי ניט געניזוקט ווערן". נאָך אַ פשט**: נשקד — **ער האָט אויפגעפאַסט, ווי אזוי צו ברענגען אויף מיר דאָס שלעכטס. ער האָט געזאָגט: "אויב איך פאַר־טרייב זיי אין תקופת טבת, איז** נישטאָ קיין טרויבן אויפן וויינשטאָק און קיין פייגן אויפן פייגנבוים (ירמיה ח, יג); **נייערט איך וועל זיי פאַרטרייבן אין תקופת תמוז, ווען עס זיינען דאָ טרויבן אויפן וויינשטאָק און עס זיינען דאָ פייגן אויפן פייגנבוים, און אפילו די בלעטער זיינען ניט פאַרוועלקט". נאָך אַ פשט**: נשקד — **ער האָט אויפגעפאַסט, ווי צו ברענגען אויף מיר**

[1] נשקד ווערט דאָ געדרשנט מיט אַ רעכטער שין, ווי שקודה — שקוטה, אַ באַרו־איקטע (מתנות כהונה). [2] איך האָב געמיינט, אַז דער חורבן וועט שוין זיין אַן אָפּקו־

דאָס שלעכטס. ער האָט געזאָגט: „אויב איך וועל זיי פאַרטרייבן דורכן מדבר, וועלן זיי אויסשטאַרבן פון הונגער; נייערט איך וועל זיי פאַרטרייבן דורך אַרמעניע, וואו עס זיינען דאָ שטעט און ישובים, און זיי וועלן באַקומען עסן און טרינקען".

אַן אַנדער פּשט: נשקד — באַרואיקט בין איך געווען פון מיינע זינד[3], און געמיינט האָב איך, אַז ער וועט מיר מוחל זיין אַלע מיינע זינד; אָבער ישתרגו — זיי האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן, — ער האָט זיי מיר געמאַכט אין איבערפלעכטן, — ער האָט זיי געבראַכט אויף מיר געטאָפּלט: בבל און כשדים, מדי און פּרס, גריכנלאַנד און מאַקעדאָניע, אדום[4] און ישמעאל. „ער האָט זיי מיר געמאַכט אין איבערפלעכטן"[5] בבל איז גרויזאַם, אָבער מדי איז מילד; גריכנלאַנד איז גרויזאַם, אָבער אדום איז מילד; די כשדים זיינען גרויזאַם, אָבער פּרס איז מילד; מאַקעדאָניע איז גרויזאַם, אָבער ישמעאל איז מילד[6]. און אַזוי [שטייט געשריבן] (דניאל ב, מב): מן קצת — אַ טייל פון דער מלוכה וועט זיין שטאַרק, און אַ טייל פון איר וועט זיין צעבראָכן[7]. — נאָך דעם אַלעם האָב איך ניט געלייקנט אין מיין גאָט, נייערט עלו — זיין יאָך[8] איז אויף מיין האַלדז, און איך איינציק זיין נאָמען צוויי מאָל יעדן טאָג און איך זאָג (דברים ו, ד): שמע, ישראל — הער, ישראל, גאָט אונדזער גאָט, גאָט איז איינער!

מג

(יד) הכשיל — ער האָט געמאַכט שטרויכלען מיין כוח. ר' תנחום דער זון פון ר' ירמיה האָט געזאָגט: פיר זאַכן שוואַכן אָפּ אַ מענטשנס כוח, און דאָ זיינען זיי: דאָס פאַסטן, און דער וועג, זינד און מלכות (בבל)[1]. „דאָס פאַסטן", ווי עס שטייט געשריבן (תהילים קט, כד): ברכי — מיינע קני האָבן געשטרויכלט פון פאַסטן; „דער וועג", ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט קב, כד): ענה — ער האָט אָפּגעשוואַכט אין וועג מיין כוח; „זינד", ווי עס

---

מעניש פאַר מיינע זינד, און מיט אים איז שוין דער גזר־דין צעריסן געוואָרן; אָבער ס'איז ניט אַזוי געשען, נייערט נייע צרות זיינען אָנגעקומען. [3] זע באַמערקונג 2. [4] געמיינט רוים [5] איבערגעקרייצט, ווי אין אַ געוועב, וואו דער ערב (דערברייטפאָדים) איז דיקער און שטאַרקער פון דעם שתי (דעם לענגפאָדים). [6] לויטן רד"ל דאַרף דער נוסח זיין אַזוי: די כשדים זיינען גרויזאַם, אָבער בבל איז מילד; גריכנלאַנד איז גרויזאַם, אָבער מאַקעדאָניע איז מילד; אדום (רוים) איז גרויזאַם, אָבער ישמעאל איז מילד. דער דאָזיקער נוסח שטימט בעסער מיט דער געשיכטע. אין בובערס אויסגאַבע שטייט דאָ אַנשטאָט ישמעאל — שעיר, אַ סינאָנים צו אדום, און ס'איז מעגלעך, אַז מיט דעם ווערט געמיינט ביזאַנטיע, די מזרח רוימישע מלוכה (אַלבעק, באַמערקונג 86 פּרק י פון צונצעס „הדרשות בישראל"), ווייל מיט אדום ווערט געוויינטלעך געמיינט רוים. און מיט דעם פאַלט אַוועק צונצעס באַווייז, אַז דער מדרש איז צונויפגעשטעלט געוואָרן ניט פריער פון דער צווייטער העלפט פונעם 7טן יאָרהונדערט, אַנגעמענדיק אַז מיט ישמעאל מיינט מען דאָ די הערשאַפט פון די מאַכמעדאַנער. לויט א. ה. ווייס (דור דור ודורשיו, ג' זייט 263, באַמערקונג 17), קען אויך אונטער ישמעאל פאַרשטאַנען ווערן די אַראַבער פון די צייטן פון די אמוראים, ווייל שוין דאַן האָבן געלעבט אַ סך יידן צווישן זיי. [7] ווייך, מילד. [8] עלו ווערט דאָ געלייענט מיט אַ קובוץ אונטער דער עין און אַ חולם אויף דער וו,

אותם דרך מדבר, הם מתים ברעב; אלא הריני מגלה אותם דרך ארמנייא, שהם כרכין ומחוזות, ומאכל ומשתה מצוי להם".

ד"א: נשקד — שקודה הייתי מעונותי וסבורה הייתי, שימחול לי על כל עונותי; אלא ישתרגו, — עשאן עלי סריגות, הביא אותן עלי מכופלות: בבל וכשדים, מדי ופרס, יון ומקדון, אדום וישמעאל. „עשאן עלי סריגות": בבל קשה ומדי מתונה; יון קשה ואדום מתונה; כשדים קשה ופרס מתונה; מקדון קשה וישמעאל מתונה. וכן (דניאל ב׳): מן קצת מלכותא תהוה תקיפא, ומנה תהוה תבירה. ובכל אילין לא כפרית באלהי, אלא עלו על צוארי, ומיחדת שמו בכל יום פעמים ואומרת (דברים ו׳): שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד! מג

(יד) הכשיל כחי. א"ר תנחום ברבי ירמיה: ארבעה דברים מתישין כחו של אדם, ואלו הן: התענית, והדרך, עון, ומלכות (בבל). תענית, דכתיב (תהלים ק"ט): ברכי כשלו מצום; הדרך, דכתיב (שם ק"ב): ענה בדרך כחי; עון, דכתיב (שם ל"א): כשל בעוני כחי; מלכות, דכתיב (נחמיה ד׳): ויאמר יהודה: כשל כח הסבל והעפר הרבה, ואנחנו לא נוכל לבנות בחומה.

(יד) נתנני ה׳ בידי לא אוכל קום. רבנן אמרי: זו אשה רעה וכתובתה מרובה. ר׳ הונא אמר (בראשית ג׳): ויהי האדם לנפש חיה, — עשאו עבד מכודן בפני עצמו, דאי לא לעי לא אכיל. היא

---

שטייט געשריבן (דאָרט לא, יא): כשל — אָפּגעשוואַכט פון וועגן מיין זינד איז מיין כוח; „מלכות", ווי עס שטייט געשריבן (נחמיה ד, ד): ויאמר — און יהודה האָט געזאָגט: דער כוח פון די משא טרעגער איז אָפּגעשוואַכט [2] און די ערד [אָפּצוראַמען] איז אַ סך, און מיר וועלן ניט קענען בויען די מויער.

(יד) נתנני ה׳ — גאָט האָט מיך איבערגעגעבן אין [אַזעלכע] הענט, אַז איך קען ניט אויפשטיין. די רבנן זאָגן: דאָס מיינט מען אַ שלעכט ווייב מיט אַ גרויסער כתובה [3]. רב הונא האָט געזאָגט: [דער פסוק זאָגט] (בראשית ב, ז): ויהי האדם — און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיק באַשעפע־

---

לויטן וואָרט עול, אַ יאָך, — טראָץ אַלעמען איז ישראל מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים דורך לייענען שמע ישראל.

[1] דאָס וואָרט בבל איז דאָ וואַרשיינלעך אַריינגעפאַלן מיט אַ טעות, און עס דאַרף זיין נאָר מלכות; און אפשר ווערט דאָ מיט בבל סימבאָליזירט יעדע רשעותדיקע מלכות. אין בובערס נוסח איז דאָס וואָרט בבל ניטאָ. אין דער אויסגאַבע פון יהודה ליב מ"ץ (ווילנא, תרל"ו) איז דער נוסח ניט מלכות, נאָר עבדות, אָן דעם וואָרט בבל (און דאָס פּאַסט זיך בעסער צום ווייטערדיקן פסוק פון נחמיה). [2] צוליב די שווערע שטייערן פון

ניש, — **ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ קנעכט וואָס איז פאַרשקלאַפט צו זיך אַליין, ווייל אויב ער אַרבעט ניט, עסט ער ניט. דאָס איז די מיינונג פון ר׳ חנינאן, ווייל ר׳ חנינא האָט געזאָגט:** גאָט האָט מיך איבערגעגעבן אין [אַזעלכע] הענט, אַז איך קען ניט אויפשטיין, — אין מיינע הענט[4], אַז איך קען ניט אויפשטיין: **אויב איך אַרבעט ניט בייטאָג, קען איך קיין קיום ניט האָבן ביינאַכט.**

מד

(טו) סלה — צעטראָטן האָט גאָט אַלע מיינע גבורים, — **ער האָט זיי געמאַכט ווי מיסט**[1] **פאַר זיי. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: אין בר־גמזא זאָגט מען אויף** מיסט סארקי[2]. **ר׳ לוי האָט געזאָגט: אין אַראַביע זאָגט מען אויף אַ קאָם** מעסאלסעלא[3].

(טו) קרא — ער האָט גערופן קעגן מיר אַן איינזאַמלונג, צו צעברעכן מיינע יונגעלייט. **מיר געפינען, אַז דער טויט פון יונגעלייט איז אַזוי שווער ווי דער חורבן פון בית המקדש, ווי עס שטייט ווייטער:** גת — ווי אַ קעלטער האָט גאָט געטרעטן די יונגפרוי, טאָכטער פון יהודה, **און אַזוי** — ער האָט גערופן קעגן מיר אַן איינזאַמלונג, צו צעברעכן מיינע יונגעלייט[4].

מה

(טז) על אלה — אויף דעם טו איך וויינען. **אספאסיאנוס האָט אָנגעפילט דריי שיפן מיט חשובע לייט פון ירושלים אויף צו באַזעצן זיי אין רוימישע שאַנדהייזער**[1]. **האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „ניט גענוג וואָס מיר האָבן אים דערצאָרנט אין זיין הייליקטום, זאָלן מיר אים אויך דערצע־רענען אין חוץ לארץ?" האָבן זיי געזאָגט צו די פרויען: „ווילט איר עס?" האָבן זיי געזאָגט צו זיי:** „ניין". **האָבן זיי געזאָגט: „מה־דאָך זיי, וואָס דאָס איז זייער שטייגער**[2], **ווילן ניט, אַ פשיטא שוין מיר**[3]! **מיינט איר, אַז אויב מיר וועלן זיך אַריינוואַרפן אין ים, וועלן מיר האָבן אַ חלק לעולם הבא?" באַלד האָט הקדוש־ברוך־הוא אויפגעלויכטן זייערע אויגן מיט דעמדאָזיקן פסוק** (תהלים סח, כג): אמר ה׳ — גאָט האָט געזאָגט: פון בשן וועל איך אומקערן, איך וועל אומקערן פון די טיפענישן פון ים, — פון בשן וועל איך אומקערן: **פון צווישן די ציינער פון לייבן וועל איך אומקערן**[4]; פון די טיפע־נישן פון ים, — **לויטן פשט. האָט זיך אויפגעשטעלט די ערשטע גרופּע און האָט געזאָגט** (דאָרט מד, כא): אם שכחנו — צי האָבן מיר פאַרגעסן אָן דעם נאָמען פון אונדזער גאָט און אויסגעשפּרייט אונדזערע הענט צו אַ פרעמדן גאָט? **און האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. האָט זיך אויפגעשטעלט אַ צווייטע גרופּע און האָט געזאָגט** (דאָרט, פסוק כג): כי עליך — וואָרום איבער דיר ווערן מיר געהרגעט אַ גאַנצן טאָג! **און האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. האָט זיך אויפגעשטעלט אַ דריטע גרופּע און געזאָגט** (דאָרט פסוק כב): הלא אלהים — וועט דען גאָט עס ניט נאָכפאָרשן? וואָרום ער ווייס די פאַרבאָרגענישן פון הארצן. **און האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. און דער רוח הקודש שרייט און זאָגט:** אויף דעם טו איך וויינען!

**דעתיה דר׳ חנינא, דאמר ר׳ חנינא:** נתנני ה׳ בידי לא אוכל קום, — בידי לא אוכל קום: **אי לא לעי בימְמא, בליליא לא אוכל קום.**

מד

(טו) סלה כל אבירי ה׳, — **עבדי סאתי** קומיהון. **א״ר אבא בר כהנא: בבר גמזא צויחין לסאתא** סרקי. **א״ר** לוי: **בערביא צווחין למסרוקה** מסלסלה.

(טו) קרא עלי מועד לשבור בחורי. **מצינו, שסילוקן של בחורים קשה כחורבן בית המקדש, דכתיב:** גת דרך ה׳ לבתולת בת יהודה, **כך** קרא עלי מועד לשבור בחורי.

מה

(טז) על אלה אני בוכיה. **אספסיאנוס מלא שלש ספינות מגדולי ירושלים להושיבן בקלון של רומי. עמדו ואמרו: „לא דיינו שהכעסנוהו במקדשו, אלא אף בחוצה לארץ?״ אמרו לנשים: „מבקשות אתון לכך?״ אמרו להם: „לאו״. אמרו: „מה [אלו], שדרכן לכך, אינן רוצות, אנו על אחת כמה וכמה! תאמרו, אם משליכים אנו עצמנו לים, אנו באים לחיי העולם הבא?״ מיד האיר הקב״ה את עיניהם בפסוק הזה** (תהלים ס״ח): אמר ה׳: מבשן אשיב, אשיב ממצולות ים, — מבשן אשיב, **מבין שיני אריות אשיב;** ממצולות ים — **כמשמעו. עמדה כת ראשונה ואמרה** (שם מ״ד): אם שכחנו שם אלהינו ונפרוש כפינו לאל זר? **והשליכו עצמן לים. עמדה כת שנייה ואמרה** (שם): כי עליך הורגנו כל היום, **והשליכו עצמן לים. עמדה כת שלישית ואמרה** (שם): הלא אלהים יחקר זאת, כי הוא יודע תעלומות לב, **והשליכו עצמן לים. ורוח הקדש צווחת ואומרת:** על אלה אני בוכיה.

---

מלכות פרס (מהרז״ו). [3] און דער מאַן קען זי קיינמאָל ניט אָפּגטן. [4] בידי ווערט דאָ געלייענט מיט אַ שוא אונטער דער בית, אַ קמץ אונטער דער ערשטער יוד און אַ פּתח אונטער דער דלת.

[1] אויף וואָס אַלע טרעטן. [2] לויט יאַסטראָוו, און אַזוי אויך לויט בובער, דאַרף מען דאָ לייענען סלותא (מיסט, אין אַראַביש), וואָרטשפּיל אויף סלה. [3] וואָרטשפּיל אויף סלה, אַן אָנדייט אויף דער שטראָף פון קאַמען דאָס לייב פון די יידישע קדושים און גבורים מיט אייזערנע קאַמען, וואָס פלעגט פּראַקטיצירט ווערן פון די רוימער. [4] מיט גת, קעלטער, ווערט געמיינט דער בית המקדש (זע פתיחתא לב), און אַזוי ווי דער טויט פון יונגעלייט ווערט דערמאָנט אינעם זעלבן פסוק, זיינען די צוויי אומגליקן גלייך.

[1] אויף די מענער — אויף משכב זכור, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין רוים. [2] וואָס אפילו אין שאַנד ווערן זיי באַמאַנט כדרך הטבע. [3] וואָס מיר זיינען באַשטימט

אדריאַנוס, זאָלן אים די ביינער צעריבן ווערן, האָט באַזעצט דריי וואַכן: איינע אין חמתא און איינע אין כפר לקיטיא און איינע אין בית־אל פון יהודה. ער האָט געזאָגט: „דער וואָס וועט אַנטלויפן פון דאַנען, וועט גע־כאַפּט ווערן דאָרטן; און ווער עס וועט אַנטלויפן פון דאָרטן, וועט געכאַפּט ווערן דאָ". און ער האָט אַרויסגעשיקט אויסשרייער, און זיי פלעגן אויסרופן און זאָגן: „וואו ס'איז נאָר פאַראַן אַ ייד, זאָל ער קומען, ווייל דער מלך וויל אים געבן אַ וואָרט[5]". און די אויסשרייער פלעגן צעטראָגן דאָס וואָרט, און פלעגן פאַנגען יידן. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (הושע ז, יא): ויהי — און געוועזן איז אפרים ווי אַ נאַרישע טויב, אָן שכל. און אַז [אַ ייד] האָט געפרעגט, [צו וואָס מע רופט זיי], פלעגט יענער ענטפערן: „קומט און בעט, אַז איר זאָלט ניט אַוועקגענומען ווערן[6]". די וואָס האָבן זיך אַריינגעטראַכט און פאַרשטאַנען, זיינען ניט אַרויס; אָבער די וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען, זיינען זיך אַלע צונויפגעקומען אין טאָל פון בית רימון. האָט ער געזאָגט צו זיין חיל־פירער: „ביז איך וועל אויפעסן אַ שפּיץ פון דעם קוכן און אַ פּיסל פון דעם האָן, זאָל איך זוכן איינעם [אַ לעבעדיקן] פון זיי און ניט געפינען". תיכף האָט ער זיי אַרומגערינגלט מיט זיינע לע־גיאָנען, און זיי האָבן זיי אויסגעהרגעט, און זייער בלוט האָט געשטראָמט, ביז עס האָט געגרייכט (דעם טייך) קיפּרוס[7]. און דער רוח הקודש שרייט און זאָגט: אויף דעם טו איך וויינען!

יענע [יידן] וואָס זיינען געוועזן אויסבאַהאַלטן פון זיי, פלעגן עסן דאָס פלייש פון זייערע געהרגעטע. יעדן טאָג פלעגט אַרויסגיין איינער פון זיי און זיי ברענגען, און זיי פלעגן עסן. איין טאָג האָט מען געזאָגט: „זאָל איינער פון אונדז אַרויסגיין; אויב ער וועט עפּעס געפינען, וועט ער ברענ־גען און מיר וועלן עסן". איז איינער אַרויסגעגאַנגען און האָט געפונען זיין געהרגעטן טאַטן. האָט ער אים גענומען און אים באַהאַלטן, און געמאַכט אַ סימן אויף אים. אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך האָב גאָרניט געפונען". האָבן זיי געזאָגט: „זאָל גיין אַן אַנדערער; אויב ער וועט עפּעס געפינען, וועט ער ברענגען און מיר וועלן עסן". אַז דערדאָזיקער מענטש איז אַרויסגעגאַנגען, איז ער געגאַנגען נאָכן ריח, האָט געזוכט און געפונען יענעם געהרגעטן. האָט ער אים געבראַכט, און זיי האָבן אים אויפגעגעסן. אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָט יענער געזאָגט צו אים: „פון וואַנען האָסטו געבראַכט דעם הרוג?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „פון יענעם און יענעם ווינקל". האָט יענער געזאָגט צו אים: „און וואָס פאַר אַ סימן איז געווען אויף אים?" האָט ער אים געזאָגט: „אַזאַ און אַזאַ סימן". האָט זיך אָפּגערופן יענער, דער זון, און געזאָגט: „ווי איז דעם מענטשן, וואָס האָט געגעסן פון זיין טאַטנס פלייש!" איז מקוים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט (יחזקאל ה, י): לכן — דעריבער וועלן עלטערן עסן זייערע קינדער אין דיר, [און קינדער וועלן עסן זייערע עלטערן].

דאָס ווייב פון טראַכינוס[8], זאָלן אים די ביינער צעריבן ווערן, האָט

אדריאנוס שחיק עצמות הושיב שלש משמרות: חדא בחמתא וחדא בכפר לקיטיא וחדא בבית אל דיהוד. אמר: „דערוק מן הכא יתצד מן הכא, ודערוק מן הכא יתצד מן הכא". והוה מפיק כרוזין ומכריזין ואומרים: „אן דאית יהודאי, ייתי, דמלכא בעו למיתן ליה מילא". והוון כרוזין משמיעין יתהון, וצדין יהודאין. הה"ד (הושע ז׳): ויהי אפרים כיונה פותה אין לב, וגו׳. שאיל — מחזרה: „אייתין צלו, שלא תינסבין". אילין דבחיין, דאיתבוננו, לא נפקו; ואילין דלא איתבוננו, נכנסו כולהון לבקעת בית רמון. אמר לשר צבא שלו: „עד שאני אוכל קרן גלוסקאן זו וירך דתרנגול זה, אבקש אחד מהן ולא אמצא". מיד הקיפם לגיונותיו והרגום, והיה הדם בוקע והולך עד שהגיע לקיפרוס (נהר). ורוח הקודש צווחת ואומרת: על אלה אני בוכיה.

אילין דהוי חבושין מנהון, אכלין בשר קטילהון. בכל יום הוה מנפיק חד מינייהו ומייתי להון, ואינון אכלין. יומא חד אמרי: „ייזיל בר נש מינן; אי משכח כלום, מייתי ואנן אכלין". מן דנפק, אשכחיה לאבוה דקטיל. נסביה וטמריה, ויהב סימן עלוי. עאל ואתא, אמר להו: „לא אשכחיה כלום". אמרי: „ייזיל בר נש חורן; אי משכח כלום, מייתי ואנן אכלין". מן דנפק ההוא בר נש, הלך לריחיה, חפש ואשכחיה לההוא דקטיל. אייתיה ואכלוניה. מן דאכלון, אמר לו: „מנן אייתית דין קטלא?" אמר להו: „מן זוית פלנית". א"ל „ומה סימן יהיב עלוי?" א"ל „סימן פלן". עני הוא, בריה, ואמר: „ווי ליה לההוא גברא, דמן בשרא דאבוי אכיל!" לקיים מה שנאמר (יחזקאל ה׳): לכן אבות יאכלו בנים בתוכך, וגו׳.

טרכינוס שחיק עצמות ילדה אשתו בליל ט׳ באב, והיו כל ישראל אבלים. נשתתק הולד בחנוכה. אמרו ישראל: „נדליק,

---

געבוירן אַ קינד אין דער נאַכט פון תשעה באב, און אַלע יידן זיינען געווען אין טרויער. אום חנוכה איז דאָס קינד אַנטשטילט געוואָרן. האָבן יידן גע־

---

געוואָרן אויף שאַנד שלא כדרך הטבע. [4] געדרשנט מבשן ווי אַ ראשי תבות: מבין שיני אריות, פון צווישן די ציינער פון לייבן. [5] אַ פאַרזיכערונג, אַז ס׳וועט אים קיין בייז ניט געשען. [6] ניט פאַרטריבן ווערן. [7] לויטן רד"ל איז דאָס וואָרט נהר, טייך, איבעריק, און עס זאָל מיינען, אַז זייער בלוט האָט באַפאַרבט דאָס וואַסער פון ים הגדול אַזש ביזן אינדזל קיפּראָס (ציפּערן). און אזוי איז עס אויך אין בוּבערס אויסגאַבע.
[8] אידענטיש מיט טראיאנוס.

זאָגט: „זאָלן מיר צינדן [חנוכה ליכט], צי זאָלן מיר ניט צינדן?" [לסוף] האָבן זיי געזאָגט: „מיר וועלן צינדן, און וואָס עס וועט אויף אונדז קומען זאָל קומען". האָבן זיי געצונדן. איז מען אַוועק און מע האָט אָנגערעדט לשון הרע פאַר טראַכינוסעס ווייב: „דידאַזיקע יידן, ווען דו האָסט געבוירן, האָבן זיי געטרויערט; און אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן, האָבן זיי ליכט געצונדן". האָט זי געשיקט און געשריבן צו איר מאַן: „איידער דו באַצווינגסט די באַרבאַרן, קום און באַצווינג דידאַזיקע יידן, ווייל זיי האָבן ווידערשפּעניקט אין דיר". איז ער ארויף אויף אַ שיף און האָט אויסגערעכנט צו קומען אין צען טעג; אָבער די ווינטן האָבן אים געבראַכט אין פינף טעג. איז ער געקומען און האָט זיי געפונען לערנענדיק דעמדאָזיקן פסוק (דברים כח, מט): ישא ה׳ — גאָט וועט אָנטראָגן אויף דיר אַ פאָלק פון דערווייטן, פון עק ערד, אזוי ווי אַן אָדלער קומט צו שוועבן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך בין דער אָדלער, ווייל אויסגערעכנט האָב איך צו קומען אין צען טעג, אָבער דער ווינט האָט מיך געבראַכט אין פינף טעג". האָט ער זיי אַרומגע־רינגלט מיט זיינע לעגיאָנען און זיי אויסגעהרגעט. האָט ער געזאָגט צו די פרויען: „הערט זיך צו צו מיינע לעגיאָנערן[9], און אויב ניט, וועל איך טאָן מיט אייך אזוי ווי איך האָב געטאָן מיט די מאַנסלייט". האָבן זיי געזאָגט צו אים: „טו מיט די אונטערשטע, וואָס דו האָסט געטאָן מיט די אייבערשטע". גלייך האָט ער זיי אַרומגערינגלט מיט זיינע לעגיאָנען און זיי אויסגעהרגעט. און דאָס בלוט פון די האָט זיך אויסגעמישט מיטן בלוט פון יענע, און דאָס בלוט האָט געשטראָמט, ביז עס האָט געגרייכט (דעם טייך) קיפּרוס. און דער רוח הקודש שרייט און זאָגט: אויף דעם טו איך וויינען!

## מו

געשען איז אַ מעשה מיט צדוק הכוהנס צוויי קינדער, וואָס זיינען גע־פאַנגען געוואָרן, אַ יינגל און אַ מיידל. איז ער אַריינגעפאַלן צו אַן עלטסטן און זי — צו אַן עלטסטן. איז דער אַוועק צו אַ זונה און האָט איר אַוועקגע־שאָנקען דעם יינגל; און יענער איז אַוועק צו אַ קרעמער און האָט אים אַוועקגעגעבן דאָס מיידל פאַר וויין. איז מקוים געוואָרן דער פסוק וואָס שטייט געשריבן (יואל ד, ג): ויתנו — און זיי האָבן געגעבן דאָס יינגל פאַר אַ זונה, און דאָס מיידל האָבן זיי פאַרקויפט פאַר וויין און האָבן געטרונקען. אין טעג אַרום האָט יענע זונה געבראַכט דעם יינגל צום קרעמער און גע־זאָגט צו אים: „וויבאַלד איך האָב אַ יינגל, וואָס איז ענלעך צו יענער מיידל, — וואָלסטו ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך נעמען איינע די אַנדערע, און וואָס פון זיי וועט אַרויסקומען זאָל זיין אויף האַלב?" האָט ער איר גע־זאָגט: „יאָ". תיכף האָט מען זיי גענומען און אַריינגעגעבן אין אַ הויז. האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן וויינען. האָט געזאָגט צו איר דאָס יינגל: „פאַר־וואָס וויינסטו?" האָט זי געזאָגט צו אים: „ווי זאָל איך ניט וויינען, אַז די

[9] גיט זיך זיי איבער.

או לא נדליק?" אמרו: „נדליק, וכל מה דבעי לימטי עלן, ימטי". אדליקו. אזלון ואמרון לישן ביש לאשתו של טרכינוס: „אילין יהודאין, כד ילידת, הוון מתאבלין, וכד מייתי ולדא, אדליקו בוצינייא". שלחה וכתבה לבעלה: „עד דאת מכבש ברבריין, בא וכבוש אילין יהודאי, דמרדו בך". סליק לאילפא וחשיב למיתי בעשרה יומין, ואייתיתיה רוחיא בחמשה יומין. אתא ואשכחינון, דהוו עסיקין בהדין פסוקא (דברים כ״ח): ישא ה׳ עליך גוי מרחוק, מקצה הארץ, כאשר ידאה הנשר. אמר להו: „אנא הוא נשרא, דחשיבית למיתי בעשרה יומין, ואייתיתני רוחא בחמשה יומין". הקיפן לגיונותיו והרגם. אמר לנשים: „השמעו ללגיונותי; ואם לאו, אני עושה לכם כדרך שעשיתי לאנשים". אמרו לו: „עביד בארעאי מה דעבדת בעילאי". מיד הקיפן לגיונותיו והרגן. ונתערבו דמים של אלו בדמים של אלו, והיה הדם בוקע והולך עד שהגיע לקיפרוס (נהר). ורוח הקדש צווחת ואומרת: על אלה אני בוכיה.

מו

מעשה בשני בני צדוק הכהן שנשבו, אחד זכר ואחת נקבה. נפל זה לסרדיוט אחד וזו לסרדיוט אחד. הלך זה אצל הזונה ונתן לה הזכר; והלך זה אצל חנוני ונתן לו הנקבה בעד יין. לקיים קרא, דכתיב (יואל ד׳): ויתנו הילד בזונה, והילדה מכרו ביין וישתו. לבתר יומין אייתית ההיא זוניתא ההוא טליא לחנוני; אמרה ליה: „מן בגין דאית לי טליא דדמי לההיא טליותא, לית את בעי, דנסיב חד לחד, ומה דאייתי מנייהו יהיו לאמצע?" אמר לה: „אין". מיד נסבונון ויהבונון בחד ביתא. שרייה ובכייה ההיא טליותא. אמר לה טליא: „למה את בכית?" אמרה לו: „ולא אבכה, דברתיה דכהנא רבה אזלה לאיתנסבא לעבדא?" אמר לה: „ברתיה דמאן את?" אמרה ליה: „ברתיה דצדוק כהנא". אמר לה: „והיכן אתון שריין?" אמרה ליה: „בשוקא עילאה". אמר לה: „ומה סימן הוה בדרתכון?" אמרה לו: „סימן פלן".

---

טאָכטער פון אַ כוהן גדול גייט החתונה האָבן מיט אַ קנעכט". האָט ער איר געזאָגט: „וועמעס טאָכטער ביסטו?" האָט זי אים געזאָגט: „די טאָכטער פון צדוק הכוהן". האָט ער איר געזאָגט: „און וואו האָט איר געוואוינט?" האָט זי אים געזאָגט: „אין אייבערשטן מאַרק". האָט ער איר געזאָגט: „און וואָס פאַר אַ סימן איז געווען אויף אייער דירה?" האָט זי אים געזאָגט: „אַזאַ און אַזאַ סימן". האָט ער איר געזאָגט: „האָסטו געהאַט אַ ברודער,

צי אַ שוועסטער?" האָט זי געזאָגט: „איך האָב געהאַט איין ברודער, און ער האָט געהאַט אַ בראָדעווקע אויף זיין אַקסל. און אַז ער פלעגט קומען פון לערן הויז, פלעג איך עס אָפּדעקן און אַ קוש טאָן". האָט ער איר געזאָגט: „ווען דו וואָלסט עס געזען, וואָלסטו אים דערקענט?" האָט זי אים געזאָגט: „יאָ". האָט ער זיך אָפּגעדעקט, און זיי האָבן זיך איינע די אַנדערע דערקענט. האָבן זיי זיך אַרומגענומען און געקושט איינע די אַנדערע, ביז די נשמות זיינען זיי אויסגעגאַנגען. און דער רוח הקודש שרייט און זאָגט: אויף דעם טו איך וויינען!

מז

געשען איז אַ מעשה מיט מרים די טאָכטער פון בייתוס, וואָס יהושע בן גמלא האָט זי מקדש געווען, און דער מלך האָט אים באַשטימט צו זיין כוהן גדול. איז זי איינמאָל אַריין [אין בית המקדש אים] צו זען, דען זי האָט געזאָגט: „לאָמיך גיין און אים זען, ווי ער לייענט די תורה אום יום־כיפור אין בית המקדש". האָט מען איר אַרויסגעטראָגן [און אויסגעשפּרייט] טעפּיכער פון דער טיר פון איר הויז ביז דער טיר פון בית המקדש, כדי זי זאָל ניט דערפילן די באָרוויסקייט פון אירע פיס [1]; און פונדעסטוועגן האָט זי דערפילט די באָרוויסקייט פון אירע פיס [2]. און אַז איר מאַן, יהושע, איז געשטאָרבן, האָבן איר די חכמים באַשטימט [פאַר איר אויסהאַלטונג] צוויי סאה וויין יעדן טאָג [3].

אָבער מיר האָבן דאָך געלערנט [4]: מע באַשטימט ניט קיין וויין פאַר אַ פרוי, — ר' חייא בר אבא האָט געזאָגט: צוליב מורא פאַר זנות, ווי דער פסוק זאָגט (הושע ד, יא): זנות ויין — זנות און וויין און טרויבנזאַפט פאַרכאַפּט דאָס האַרץ. — ר' יחיזקיה און ר' אבהו האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן: [מע האָט איר געגעבן דעם וויין] אויף אירע געקעכצן. און נאָך האָבן מיר געלערנט: אויב זי זויגט אַ קינד, גיט מען איר ווייניקער אַרבעט און מען איז מוסיף אויף איר שפּייז. און ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: וואָס גיט מען צו? וויין, ווייל וויין פאַרמערט די מילך.

ר' אלעזר דער זון פון ר' צדוק האָט געזאָגט: זאָל איך אַזוי זען אַ נחמה [אויף ציון], ווי איך האָב געזען, ווי מע האָט צוגעבונדן אירע האָר צו די עקן פון אַראַבישע פערד און מע האָט זיי געיאָגט מיט איר פון ירושלים ביז לוד; און איך האָב געלייענט אויף איר דעמדאָזיקן פסוק (דברים כח, נו): הרכה — די איידעלע צווישן דיר און די צאַרטע — — —

מח

געשען איז אַ מעשה מיט מרים די טאָכטער פון נקדימון [1], אַז די חכמים האָבן איר באַשטימט פינף הונדערט גאָלדענע דינאַרס [2] טעגלעך אויף איר בשמים אויסשטייער. און זי האָט זיך אויפגעשטעלט און זיי געשאָלטן און געזאָגט: „פאַר אייערע טעכטער זאָלט איר אַזוי באַשטימען!" (ר' אחא האָט

אמר לה: „הוה ליך אח או אחות?" אמרה: „הוה לי חד אח, והוה ליה חד שומא בכתפיה; וכד הוה אתי מבי ספרא, אנא גלייא ליה ומנשקה ליה". אמר לה: „אין חמיתיה, חכמת יתיה?" אמרה ליה: „אין". גלי גרמיה,וחכים דין לדין. והוו מגפפין דין לדין ומנשקין דין לדין, עד דנפקא נשמתהון. ורוח הקדש צווחת ואומרת: על אלה אני בוכיה.

מז

מעשה במרים בת בייתוס, שקידשה יהושע בן גמלא, ומינהו המלך להיות כהן גדול. ונכנסה פעם אחת לראות, ואמרה: „אלך ואראה אותו, כשהוא קורא ביום הכפורים בבית המקדש". והוציאו לה טפטיות מפתח ביתה עד פתח בית המקדש, כדי שלא יתיחפו רגליה; ואף על פי כן נתיחפו רגליה. וכשמת יהושע בעלה, פסקו לה חכמים סאתים יין בכל יום.

והא תניא: אין פוסקין יין לאשה? רבי חייא בר אבא אמר: לשום זנות, כמא דאת אמר (הושע ד׳): זנות ויין ותירוש יקח לב. רבי יחזקיה ור׳ אבהו בשם ר׳ יוחנן אמרו: לתבשיליה. ועוד תנן: אם היתה מיניקה פוחתין לה ממעשה ידיה ומוסיפים לה על מזונותיה. ואמר ר׳ יהושע בן לוי: מאי מוסיף? יין, שהיין מרבה את החלב.

אמר רבי אלעזר בר׳ צדוק: אראה בנחמה, אם לא ראיתיה, שקשרו שערותיה בזנבי סוסיהם של ערביים, והיו מריצין לה מירושלים ועד לוד. וקראתי עליה הפסוק הזה (דברים כ"ח): הרכה בך והענוגה, וגו׳.

מח

מעשה במרים בתו של נקדימון, שפסקו לה חכמים חמש מאות דינרי זהב לקופת בשמים בכל יום. אף היא עמדה וקללה אותם ואמרה להם: „כך תפסקו לבנותיכם!" (א"ר אחא: אף אנו ענינו אחריה: אמן!) אמר ר׳ אלעזר: אראה בנחמה, אם לא ראיתיה, שהיתה מלקטת שעורים מתחת טלפי סוסים בעכו.

---

[1] אין הסכם מיטן דין, אַז מע טאָר ניט טראָגן קיין שיך אום יום־כיפור. [2] אירע פּיס האָבן דערפילט די פייכטקייט, אָדער האַרטקייט פון דער ערד, אזוי צאַרט איז זי געווען. [3] פון דער ירושה וואָס איז געבליבן פון איר מאַן — אזוי רייך זיינען זיי געווען. [4] כתובות סה, א.

[1] פון די רייכסטע לייט אין ירושלים (זע אויבן, א, לא). [2] אַ רוימישע מטבע.

געזאָגט: מיר וואָלטן איר נאָכגעזאָגט „אמן"). האָט ר' אלעזר געזאָגט: זאָל איך אזוי זען אַ נחמה [אויף ציון], ווי איך האָב זי געזען אין עכו קלייבנדיק גערשטן פון אונטער די קלאָען פון פערד; און איך האָב געלייענט אויף איר דעם פסוק (שיר השירים א, ח): אם — אויב דו ווייסט עס דיר ניט, דו שענסטע פון די פרויען, גיי דיר אַרויס אין די טריט פון די שאָף און פיטער דיינע ציגעלעך, — לייען ניט גדיותיך — דיינע ציגעלעך, נייערט גויותיך — דיינע גופים[3].

מט

געשען איז אַ מעשה מיט מרים די טאָכטער פון בייתוס נחתום[1], אַז זי איז געפאַנגען געוואָרן, און מע האָט זי אויסגעלייזט אין עכו. האָט מען איר געקויפט אַ קלייד. איז זי געגאַנגען עס אויסשווענקען אין ים; איז געקומען אַ כוואַליע און עס אַוועקגעטראָגן. האָט מען איר געקויפט אַן אַנדערס. איז זי געגאַנגען עס אויסשווענקען אין ים; איז געקומען אַ כוואַליע און עס אַוועקגעטראָגן. האָט מען איר געוואָלט קויפן נאָך איינס. האָט זי געזאָגט צו זיי: „לאָזט דעם מאַנער אויפמאָנען זיין חוב". וויבאַלד זי האָט אויף זיך מצדיק הדין געווען, אזוי האָט הקדוש־ברוך־הוא אַ וואונק געטאָן צום ים, און ער האָט איר אַרויסגעגעבן אירע קליידער.

נ

געשען איז אַ מעשה מיט מרים די טאָכטער פון נחתום[1], אַז זי איז געפאַנגען געוואָרן, זי און אירע זיבן זין. האָט זיי דער קיסר גענומען און זיי אַריינגעבראַכט אין דעם אינעווייניקסטן פון זיבן חדרים. האָט ער געבראַכט דעם ערשטן און געזאָגט צו אים: „בוק זיך צו דער געשטאַלט". האָט ער אים געזאָגט: „חס ושלום! איך בוק זיך ניט צו קיין געשטאַלט". האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס?" [האָט ער אים געזאָגט]: „וואָרום אזוי שטייט געשריבן אין אונדזער תורה (שמות כ, ב): אנכי — איך בין גאָט דיין גאָט". גלייך האָט ער אים אַרויסגעהייסן און געהרגעט. האָט ער אַריינגעבראַכט דעם צווייטן און געזאָגט צו אים: „בוק זיך צו דער געשטאַלט". האָט ער אים געזאָגט: „חס ושלום! מיין ברודער האָט זיך ניט געבוקט און איך בוק זיך ניט". האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס?" האָט ער אים געזאָגט: „וואָרום אזוי שטייט געשריבן אין דער תורה (דאָרט, פסוק ג): לא יהיה — דו זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער פאַר מיין פנים". גלייך האָט ער גוזר געווען אויף אים, און מע האָט אים געהרגעט. האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם דריטן און געזאָגט צו אים: „בוק זיך צו דער געשטאַלט". האָט ער אים געזאָגט: „איך בוק זיך ניט". האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס?" האָט ער אים געזאָגט: „וואָרום עס שטייט געשריבן אין דער תורה (דאָרט לד, יד): כי לא תשתחוה — וואָרום דו זאָלסט זיך ניט בוקן צו קיין אַנדער גאָט. גלייך האָט ער גוזר געווען אויף אים, און מע האָט אים געהרגעט. האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם פערטן, און יענער האָט געזאָגט זיין פסוק (דאָרט כב, יט): זובח — דער וואָס שלאַכט צו [אַנדער'ע]

וקראתי עליה הפסוק הזה (שיר א׳): אם לא תדעי לך היפה בנשים, צאי לך בעקבי הצאן ורעי את גדיותיך, — אל תקרי גדיותיך, אלא גויותיך.

מט

מעשה במרים בת בייתוס נחתום שנשבית, ופדאוה בעכו. זבין לה חלוק אחד; אזלת למישטפיה בימא; אתא גלא ונסביה. זבנין לה אוחרן; אזלת למישטפיה בימא, ואתא גלא ונסביה. בעון עוד למיזבן לה אוחרין. אמרה להון: „הניחו לו לגבאי, שיגבה את חובו". כיון שצידקה עליה את הדין, רמז הקב"ה לים, והוציא לה כליה.

נ

מעשה במרים בת נחתום, שנשבית היא ושבעה בניה. נטלן קיסר ונתנן לגיו מן שבעה קנקלין. הביא את הראשון ואמר לו: „השתחוה לצלם". אמר לו: „חס ושלום! איני משתחוה לצלם". אמר לו: „למה?" „מפני שכך כתיב בתורתנו (שמות כ׳): „אנכי ה׳ אלהיך". מיד הוציאו והרגו. הוציא השני ואמר לו: „השתחוה לצלם". א"ל: „חס ושלום! אחי לא השתחוה, ואני איני משתחוה". אמר לו: „למה?" אמר לו: „שכך כתיב בתורה (שם): לא יהיה לך אלהים אחרים על פני". מיד גזר עליו והרגוהו. הוציא השלישי ואמר לו: „השתחוה לצלם". אמר לו: „איני משתחוה". אמר לו: „למה?" אמר לו: „שכתוב בתורה (שם ל"ד): כי לא תשתחוה לאל אחר". מיד גזר עליו והרגוהו. הוציא הרביעי, ואמר פסוקיה (שם כ"ב): זובח לאלהים יחרם. גזר עליו והרגוהו. הוציא החמישי, ואמר גם הוא פסוקיה (דברים ו׳): שמע, ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד! מיד גזר עליו והרגוהו. הוציא הששי ואמר גם הוא פסוקיה (שם ז׳): כי ה׳ אלהיך בקרבך אל גדול ונורא. גזר עליו והרגוהו.

---

געטער זאָל פאַרוויסט ווערן. האָט ער גוזר געווען אויף אים און מע האָט אים געהרגעט. האָט ער ארויסגעבראַכט דעם פינפטן, און אויך ער האָט געזאָגט זיין פסוק (דברים ו, ד): שמע, ישראל — הער, ישראל, גאָט אונ־זער גאָט, גאָט איז איינער! גלייך האָט ער גוזר געווען אויף אים, און מע האָט אים געהרגעט. האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם זעקסטן, און אויך ער האָט געזאָגט זיין פסוק (דאָרט ז, כא): כי ה׳ אלהיך — וואָרום גאָט דיין

---

[3] זיך אַליין: „אויב דו האָסט ניט געוואוסט אָפּצוהיטן די תורה, מוזסטו איצט זיך שפּייזן מיטן אָפּפאַל פון די פערד" (מהרז"ו).

[1] דער רד"ל הייסט, לויט אַ פסיקתא, אַרויסלאָזן דעם נאָמען בייתוס. אין בובערס נוסח: לייענט זיך מרים בת תנחום. אַנדערע טייטשן נחתום, דער בעקער.

גאָט איז צווישן דיר, אַ גרויסער און פּאָרכטיקער גאָט. האָט ער גוזר געווען אויף אים, און מע האָט אים געהרגעט.

האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם זיבעטן, און ער איז געווען דער קלענסטער פון זיי אַלעמען, און ער האָט געזאָגט: „מיין זון! בוק זיך צו דער געשטאַלט". האָט ער אים געזאָגט: „חס ושלום!" האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס?" האָט ער אים געזאָגט: „ווארום אזוי שטייט געשריבן אין אונדזער תורה (דאָרט ד, לט): וידעת — און וויסן זאָלסטו היינט, און אַרייננעמען זיך אין האַרצן, אַז גאָט איז דער גאָט אין הימל פון אויבן און אויף דער ערד פון אונטן, ניטאָ מער. און ניט נאָר דאָס, נייערט געשווארן האָבן מיר צו אונדזער גאָט, אַז מיר ווען אים ניט אויסבייטן אויף קיין אַנדער גאָט, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט כו, יז): את ה׳ — גאָט האָסטו אויסדערווילט היינט. און אזוי ווי מיר האָבן זיך געשווארן צו אים, אזוי האָט ער זיך געשווארן צו אונדז, אַז ער וועט אונדז ניט אויסבייטן אויף קיין אַנדער אומה, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט, פּסוק יח): וה׳ — און גאָט האָט דיך היינט אויסדערווילט". האָט געזאָגט צו אים דער קיסר: „דיינע ברידער זיינען געווען זאַט מיט טעג און זאַט מיט לעבן, און האָבן געזען גוטס [אויף דער וועלט]; אָבער דו ביסט קליין, ביסט ניט זאַט מיט טעג און ניט זאַט מיט לעבן, און האָסט נאָך קיין גוטס אויף דער וועלט ניט געזען, — בוק זיך צו דער געשטאַלט, און איך וועל דיר גוטס טאָן". האָט ער אים געזאָגט: „עס שטייט געשריבן אין אונדזער תורה (שמות טו, יח): ה׳ ימלך—גאָט וועט קיניגן אויף אייביק און אייביק. און נאָך זאָגט דער פּסוק (תהלים י, טז): ה׳ מלך — גאָט איז אַ מלך אייביק און אייביק, די פעלקער וועלן אונטערגיין פון זיין לאַנד, אָבער איר וועט צונישט ווערן און זיינע שונאים וועלן צונישט ווערן. אַ בשר־ודם — היינט לעבט ער און מאָרגן שטאַרבט ער; היינט איז ער רייך און מאָרגן — אָרים. אָבער גאָט לעבט און באַשטייט אויף אייביק און אויף אייביקע אייביקייטן".

האָט געזאָגט צו אים דער קיסר: „זע, דיינע ברידער ליגן געהרגעטע פאַר דיר; אָט וועל איך אַרונטערוואַרפן מיין רינג אויף דער ערד פאַרן געץ, און דו וועסט אים אויפהייבן, כדי אַלע זאָלן וויסן, אַז דו האָסט מיך געפאָלגט". האָט ער אים געזאָגט: „ווײ צו דיר, קיסר! מה־דאָך דו האָסט מורא פאַר מענטשן דיינסגלייכן, היינט ווי זאָל איך ניט מורא האָבן פאַר דעם מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש־ברוך־הוא, דער גאָט פון דער וועלט!" האָט ער געזאָגט צו אים: „איז דען פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט?" האָט ער אים געזאָגט: „ווינד איז דיר, קיסר! האָסטו געזען, אַ וועלט זאָל זיין הפקר?" האָט ער געזאָגט צו אים: „האָט דען אייער גאָט אַ מויל?" האָט ער אים געזאָגט: „וועגן אייערע געטער שטייט געשריבן (תהלים קטו, ה): פה — אַ מויל האָבן זיי און רעדן ניט. אָבער וועגן אונדזער גאָט שטייט געשריבן (דאָרט לג, ו): בדבר ה׳ — מיט גאָטס וואָרט זיינען הימלען גע־

הוציא השביעי, והוא היה קטן שבכולן. אמר: „בני, השתחוה לצלם". אמר לו: „חס ושלום!" א"ל: „למה?" א"ל: „שכן כתיב בתורתנו (שם ד'): וידעת היום והשבות אל לבבך, כי ה' הוא האלהים בשמים ממעל, ועל הארץ מתחת, אין עוד. ולא עוד, אלא שנשבענו לאלהינו, שאין אנו ממירין אותו באל אחר, שנאמר (שם כ"ו): את ה' האמרת היום. וכשם שנשבענו לו, כך נשבע לנו, שאין ממירנו באומה אחרת, שנא' (דברים כ"ו): וה' האמירך היום". א"ל קיסר: „אחיך שבעו ימים ושבעו חיים וראו טובה, ואתה קטן, לא שבעת ימים ולא שבעת חיים ולא ראית טוב בעולם; השתחוה לצלם, ואעשה בך טובות". א"ל: „כתיב בתורתנו (שמות ט"ו): ה' ימלך לעולם ועד. ואומר (תהלים י'): ה' מלך עולם ועד, אבדו גוים מארצו. ואתם בטלים ואויביו בטלים. בשר ודם היום חי ולמחר מת; היום עשיר ולמחר עני; אבל הקב"ה חי וקיים לעולם ולעולמי עולמים". א"ל קיסר: „ראה אחיך הרוגים לפניך; והריני משליך טבעתי לארץ לפני הצלם והגביהה, כדי שידעו הכל ששמעת לקולי". א"ל: „חבל עליך קיסר! מה אם אתה מתירא מבני אדם שכמותך, אני לא אתירא ממלך מלכי המלכים הקב"ה, אלהי עולם?" א"ל: „וכי יש אלוה לעולם?" א"ל: „אללי עליך, קיסר! וכי עולם של הפקר ראית?" א"ל: „וכי יש פה לאלהיכם?" א"ל: „באלהיכם כתיב (תהלים קט"ו): פה להם ולא ידברו; ובאלהינו כתיב (שם ל"ג): בדבר ה' שמים נעשו". א"ל: „וכי יש עינים לאלהיכם?" א"ל: „באלהיכם כתיב: עינים להם ולא יראו; ובאלהינו כתיב (זכריה ד'): עיני ה' המה, משוטטים בכל הארץ". א"ל: „וכי יש אזנים לאלהיכם?" א"ל: „באלהיכם כתיב: אזנים להם ולא ישמעו; ובאלהינו כתיב (מלאכי ג'): ויקשב

---

מאַכט געוואָרן". האָט ער געזאָגט צו אים: „האָט דען אייער גאָט אויגן?" האָט ער אים געזאָגט: „וועגן אייערע געטער שטייט געשריבן: עינים — אויגן האָבן זיי און זעען ניט [2]. אָבער וועגן אונדזער גאָט שטייט געשריבן (זכריה ד, י): עיני ה' — די אויגן פון גאָט זיינען דאָס, וואָס טראָגן זיך אום איבער דער גאַנצער ערד". האָט ער געזאָגט צו אים: „האָט דען אייער גאָט אויערן?" האָט ער אים געזאָגט: „וועגן אייערע געטער שטייט געשריבן: אזנים — אויערן האָבן זיי און הערן ניט. אָבער וועגן אונדזער גאָט

---

[1] לויט בובערס נוסח — תנחום, און אזוי אויך אין אַנדערע נוסחאות. [2] דער פסוק און אַלע ווייטערדיקע פסוקים, אָן אַ מראה מקום, וואָס רעדן וועגן די געצן, זיינען גע־

שטייט געשריבן (מלאכי ג, טז): ויקשב ה׳ — און פאַרנומען האָט גאָט און זיך צוגעהערט״. האָט ער געזאָגט צו אים: „האָט דען אייער גאָט אַ נאָז?״ האָט ער אים געזאָגט: „וועגן אייערע געטער שטייט געשריבן: אף — אַ נאָז האָבן זיי און שמעקן ניט. אָבער וועגן אונדזער גאָט שטייט געשריבן (בראשית ח, כא): וירח ה׳ — און גאָט האָט געשמעקט דעם געשמאַקן ריח״. האָט ער געזאָגט צו אים: „האָט דען אייער גאָט הענט?״ האָט ער אים געזאָגט: „וועגן אייערע געטער שטייט געשריבן: ידיהם — זייערע הענט קענען ניט אָנטאַפּן. אָבער וועגן אונדזער גאָט שטייט געשריבן (ישעיה מח, יג): אף ידי — אויך האָט מיין האַנט געגרונטפעסט די ערד״. האָט ער געזאָגט צו אים: „האָט דען אייער גאָט פיס?״ האָט ער אים געזאָגט: „וועגן אייערע געטער שטייט געשריבן: רגליהם — זייערע פיס גייען ניט. אָבער וועגן אונדזער גאָט שטייט געשריבן (זכריה יד, ד): ועמדו — און שטיין וועלן זיינע פיס יענעם טאָג אויפן הר הזיתים״. האָט ער געזאָגט צו אים: „האָט דען אייער גאָט אַ האַלדז?״ האָט ער אים געזאָגט: „וועג אייערע געטער שטייט געשריבן: ולא יהגו — און זיי לאָזן קיין קלאַנג ניט מיט זייער האַלדז. אָבער וועגן אונדזער גאָט שטייט געשריבן (איוב לז, ב): והגה — און קלאַנג גייט אַרויס פון זיין מויל״.

האָט ער געזאָגט צו אים: „אויב אייער גאָט האָט די אַלע מעלות, פאַרוואָס איז ער אייך ניט מציל פון מיין האַנט, אַזוי ווי ער האָט מציל געווען חנניה, מישאל און עזריה פון נבוכדנצרס האַנט?״ האָט ער אים געזאָגט: „חנניה, מישאל און עזריה זיינען געווען צדיקים, און דער מלך נבוכדנצר איז ראוי געווען, אַז דורך אים זאָל אַ נס געשען. אָבער דו ביסט ניט ראוי, און מיר האָבן זיך צום טויט פאַרזינדיקט פאַר גאָט. ווּעסטו אונדז ניט הרגענען, האָט דער אייבערשטער אַ סך אומברענגערס: אַ סך בערן, אַ סך וועלף, און לייבן און שלאַנגען און טיגערן און עקדישן, וואָס וועלן אונדז באַפאַלן און אונדז הרגענען. אָבער לסוף וועט הקדוש־ברוך־הוא נעמען געצאָלט פון דיר פאַר אונדזער בלוט״. גלייך האָט ער גוזר געווען אויף אים אים צו הרגענען.

האָט די מוטער געזאָגט צו אים: „ביים לעבן פון דיין קאָפּ, קיסר, — גיב מיר מיין קינד, און איך וועל אים אַרומנעמען און אים אַ קוש טאָן״. האָט מען איר אים געגעבן, און זי האָט אַרויסגענומען אירע בריסט און אים אָנגעזויגן מיט מילך. זי האָט געזאָגט צו אים: „ביים לעבן פון דיין קאָפּ, קיסר, — הרגע מיך פריער, און נאָכדעם ווּעסטו אים הרגענען״. האָט דער קיסר געזאָגט צו איר: „איך וועל דיך ניט פאָלגן, ווייל אין אייער תורה שטייט געשריבן (ויקרא כב, כח): ושור — און אַן אָקס צי אַ שעפּס, זאָלט איר אים ניט שעכטן אין איין טאָג מיט זיין קינד״. האָט זי געזאָגט צו אים: „דו שוטה איינער! האָסט שוין מקיים געווען אַלע מצוות, און ס׳איז דיר מער ניט געבליבן ווי די איינע?״ גלייך האָט ער באַפוילן אים צו הרגענען.

ה׳ וישמע״. **א״ל: „וכי יש אף לאלהיכם?״ א״ל: „באלהיכם כתיב:** אף להם ולא יריזון; **ובאלהינו כתיב** (בראשית ח): וירח ה׳ את ריח הניחוח״. **א״ל: „וכי יש ידים לאלהיכם? א״ל: „באלהיכם כתיב:** ידיהם ולא ימישון; **ובאלהינו כתיב** (ישעיה מ״ח): אף ידי יסדה ארץ״. **א״ל: „וכי יש רגלים לאלהיכם?״ א״ל: „באלהיכם כתיב:** רגליהם ולא יהלכו; **ובאלהינו כתיב** (זכריה י״ד): ועמדו רגליו ביום ההוא על הר הזיתים״. **אמר לו: „וכי יש גרון לאלהיכם?״ א״ל: „באלהיכם כתיב:** ולא יהגו בגרונם; **ובאלהינו כתיב** (איוב ל״ז): והגה מפיו יצא״.

**א״ל: „אם יש בו כל המדות הללו באלהיכם, מפני מה אינו מציל אתכם מידי, כמו שהציל לחנניה מישאל ועזריה מיד נבוכדנצר?״ א״ל: „חנניה מישאל ועזריה כשרים היו, ונבוכדנצר מלך הגון היה ליעשות נס על ידו; אבל אתה אינך הגון, ואנו נתחייבנו מיתה לשמים. אם אין אתה הורגנו הרבה הורגים יש למקום: הרבה דובים, הרבה זאבים ואריות ונחשים ונמרים ועקרבים, שיפגעו בנו ויהרגונו. אלא לסוף הקב״ה עתיד ליפרע ממך את דמינו״. מיד גזר עליו להורגו.**

**אמרה לו אמו: „בחיי ראשך, קיסר, — תנה את בני, ואחבקהו ואנשקהו״. נתנוהו לה, והוציאה לו דדיה והיניקתו חלב. אמרה לו: „בחיי ראשך, קיסר, — הרגני תחלה ואחר כך הרגהו״. אמר לה קיסר: „איני שומע ליך, מפני שכתוב בתורתכם** (ויקרא כ״ב): ושור או שה, אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד״. **אמרה לו: „שוטה שבעולם! כבר קיימת כל המצות, ולא נשאר לך אלא זו בלבד?״ מיד צוה עליו להרגו. נפלה אמו עליו, והיתה מחבקתו ומנשקתו ואמרה לו: „בני! לך אצל אברהם אביכם ואמור לו: כך אמרה אמי: אל תזוח דעתך עליך ותאמר, — בניתי מזבח והעליתי את יצחק בני. הרי אמנו בנתה שבעה מזבחות והעלתה שבעה בנים ביום אחד. אתה נסיון, ואני מעשה!״ עד שהיתה מנשקתו ומחבקתו, גזר עליו והרגוהו עליה.**

---

איז זיין מאַמע אַרויפגעפאַלן אויף אים און האָט אים אַרומגענומען און געקושט און געזאָגט צו אים: „זון מיינער! גיי צו אברהם אייער פאָטער און זאָג צו אים, — אזוי האָט מיין מאַמע געזאָגט: זיי ניט גרויס ביי זיך און זאָג ניט, — איך האָב געבויט אַ מזבח און אַרויפגעבראַכט יצחק מיין זון. אָט האָט אונדזער מוטער געבויט זיבן מזבחות און מקריב געווען זיבן זין

אין איין טאָג! ביי דיר איז עס נאָר געווען אַ ניסיון אָבער ביי מיר — אַ טואונג!" ווי זי האָט אים אזוי געקושט און אַרומגענומען, האָט ער גוזר געווען אויף אים, און מע האָט אים געהרגעט אויף איר.

אַז ער איז געהרגעט געוואָרן, האָבן די חכמים געשאַצט די עלטער פונעם קינד און האָבן געפונען, אַז ער איז אַלט געווען צוויי יאָר מיט זעקס חדשים און זעקס און אַ האַלבע שעה.

אין יענער צייט האָבן אַלע אומות העולם געשריען און געזאָגט: „וואָס אזוינס טוט זייער גאָט פאַר זיי, וואָס זיי לאָזן זיך כסדר אזוי הרגענען איבער אים?" און וועגן זיי שטייט געשריבן (תהלים מד, כג): כי עליך — וואָרום איבער דיר ווערן מיר געהרגעט דעם גאַנצן טאָג.

אין טעג אַרום איז די פרוי אַראָפּ פון זינען, און זי איז אַראָפּגעפאַלן פון דאַך און געשטאָרבן. און ס'איז מקוים געוואָרן וואָס דער פּסוק זאָגט (ירמיה טו, ט): אומללה — פאַראומגליקט איז די געווינערין פון זיבן. און אַ בת־קול איז אַרויס און האָט געזאָגט (תהלים קיג, ט): אם — די מוטער פון די קינדער איז פריילעך [3]. אָבער דער רוח הקודש שרייט און זאָגט: אויף דעם טו איך וויינען!

## נא

געשען איז אַ מעשה, אַז דואג בן יוסף איז געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזן אַ יונג קינד מיט דער מאַמען. פלעגט זי אים מעסטן מיטן טפח און געבן יאָר־יערלעך זיין וואָג אין גאָלד פאַר גאָט. אָבער ווען די באַלאַגערונג האָט אַרומגערינגלט ירושלים, האָט אים זיין מוטער געשאָכטן מיט אירע אייגענע הענט און אים אויפגעגעסן. און ירמיה האָט געקלאָגט פאַרן אייבערשטן און געזאָגט (איכה ב, כ): למי — וועמען האָסטו אזוי געטאָן! דאַרפן ווייבער עסן זייער פרוכט, קינדער געצערטלטע? [1] און דער רוח הקודש ענטפערט אים (דאָרט): אם יהרג — דאַרף געהרגעט ווערן אין הייל'יקטום פון גאָט אַ כוהן אַ נביא? דאָס איז זכריה בן יהוידע.

אַן אַנדער פּשט [אויפן] פּסוק אויף דעם טו איך וויינען [זאָגן] ר' יהודה און ר' נחמיה. ר' יהודה זאָגט: [דאָס וויינען איז] אויפן אָפּטאָן זיך פונעם פאַרשטאַנד און אויפן אָפּטאָן זיך פון דער שכינה, — איז עס מעגלעך, אַז צדקיהו זאָל צוזען, ווי אַנדערע שטעכן אים אויס די אויגן, און ער זאָל ניט האָבן קיין פאַרשטאַנד צו קלאַפּן זיך קאָפּ אין דער וואַנט, ביז די נשמה זאָל אים אַרויס, נייערט ער זאָל נאָך דערלאָזן, אַז זיינע זין זאָלן געהרגעט ווערן פאַר זיין פּנים? נייערט אויף יענער שעה זאָגט דער פּסוק (ירמיה ד, ט): יאבד — עס וועט פאַרלאָרן גיין דאָס האַרץ [2] פון דעם מלך און דאָס האַרץ פון די האַרן. און ר' נחמיה זאָגט: [דאָס וויינען איז] אויף דעם אונטערגאַנג פון כהונה און פון מלכות. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (זכריה ד, יד): אלה — דאָס זיינען די צוויי געזאַלבטע, וואָס שטייען לעבן דעם האַר פון גאָר דער וועלט, — דאָס זיינען אהרן און דוד: אהרן מאָנט זיין כהונה און דוד מאָנט זיין מלכות.

וכיון שנהרג, שיערו חכמים שנותיו של אותו תינוק, ונמצא בן שתי שנים וששה חדשים ושש שעות ומחצה.

באותה שעה צעקו כל אומות העולם ואמרו: „מה אלהיהם של אלו עושה להם, שכך נהרגין עליו בכל שעה!" ועליהם כתיב (תהלים מ"ד): כי עליך הורגנו כל היום. לאחר ימים נשתטית אותה האשה ונפלה מן הגג ומתה, לקיים מה שנא' (ירמיה ט"ו): אומללה יולדת השבעה. ובת קול יוצאת ואומרת (תהלים קי"ג): אם הבנים שמחה. ורוח הקדש צווחת ואומרת: על אלה אני בוכיה.

נא

מעשה בדואג בן יוסף שמת והניח בן קטן לאמו. והיתה ממדדת אותו בטפחים ונותנת משקלו זהב לשמים בכל שנה ושנה. וכיון שהקיפה מצודה בירושלם, טבחתו אמו בידיה ואכלתו. והיה ירמיה מקונן לפני המקום ואומר: למי עוללת כה? אם תאכלנה נשים פרים, עוללי טפוחים? ורוח הקודש משיבתו: אם יהרג במקדש ה' כהן ונביא? זה זכריה בן יהוידע.

ד"א: על אלה אני בוכיה, — רבי יהודה ור' נחמיה. ר' יהודה אומר: על סילוק דעת ועל סילוק שכינה, — אפשר שהיה צדקיה רואה אחרים שהיו מנקרין את עיניו, ולא היה לו דעת להטיח את ראשו בכותל עד שיצאת נשמתו, אלא גרם לבניו, שיהרגו לפניו? אלא על אותה שעה נאמר (ירמיה ד'): יאבד לב המלך ולב השרים, וגו'. ור' נחמיה אמר: על ביטול כהונה ומלכות. ההה"ד (זכריה ד'): אלה שני בני היצהר, העומדים על אדון כל הארץ, — אלו אהרן ודוד: אהרן תובע על כהונתו ודוד תובע על מלכותו.

ר' יהושע בן לוי אמר: על ביטול תורה; הה"ד (דברים י"ב): אלה החוקים והמשפטים. ר' שמואל בר נחמני אמר: על עבודת

---

ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: [דאָס וויינען איז] אויף ביטול תורה, ווי עס שטייט געשריבן (דברים יב, א): אלה — דאָס זיינען די חוקים און די געזעצן[3]. ר' שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: אויף דער [זינד פון] עבודה זרה, ווי עס שטייט געשריבן (שמות לב, ד): אלה — דאָס איז דיין

---

נומען פון תהילים קטו. [3] ווייל אירע קינדער זיינען בייגעשטאַנען דעם ניסיון און אומ־געקומען אויף קידוש השם.

[1] טיפוחים, געצערטלטע — טפוחים, געמאָסטענע מיטן טפח. [2] דער פאַרשטאַנד.

[3] געדרשנט אלה — אלה: דאָ שטייט על אלה אני בוכיה, און דאָרטן שטייט אלה החוקים,

גאָט, ישראל. זבדי בן לוי האָט געזאָגט: אויפן אונטערגאַנג פון די קרבנות, ווי עס שטייט געשריבן (במדבר כט, לט): אלה — דידאָזיקע [קרבנות] זאָלט איר מאַכן צו גאָט אין אייערע ימים טובים.

די רבנן זאָגן: [דאָס וויינען איז] אויפן אונטערגאַנג פון די בית המקדש וואַכן[4]. וואָס פאַר אַ גוטס האָט די וועלט געהאַט פון די וואַכן? נייערט מאָנטיק פלעגן זיי פאַסטן פאַר די וואָס לאָזן זיך אַרויס אויף די ימען; דינסטיק פלעגן זיי פאַסטן פאַר די וועגגייער; מיטוואָך פלעגן זיי פאַסטן פאַר די קינדער, אַז זיי זאָלן קיין דיפטעריע ניט קריגן און שטאַרבן; דאָנערשטיק פלעגן זיי פאַסטן פאַר די טראָגנדיקע פרויען, זיי זאָלן ניט מפיל זיין, און פאַר די זויג פרויען, אַז זייערע קינדער זאָלן ניט שטאַרבן.

אָבער מע פאַסט דאָך ניט אויף קיין צווייי זאַכן פאַר אַ מאָל, ווי עס שטייט געשריבן (עזרא ח, כג): ונצומה — און מיר האָבן געפאַסט און געבעטן אונדזער גאָט וועגן דעם? און אַ פסוק זאָגט אין דניאל (ב, יח): ורחמין — און רחמים זאָלן זיי בעטן פאַר גאָט אין הימל וועגן דעמדאָזיקן סוד, אָבער ניט וועגן צוויי [סודות]! נייערט ווי דאָס וואָס ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: וועגן דער פאַרהאַלטונג פון רעגן און וועגן גלות פאַסט מען אויף ביידע פאַר אַ מאָל[5]. — אָבער מע פאַסט ניט ניט ערב שבת און ניט זונטיק צוליבן כבוד פון שבת.

(טז) עיני — מיין אויג, מיין אויג טוט רינען וואַסער. ר׳ לוי האָט געזאָגט: „ס׳איז אַ משל מיט אַ דאָקטאָר, וואָס איין אויג האָט אים ווי געטאָן; האָט ער געזאָגט: „איין אויג מיינס וויינט אויפן צווייטן״. אזוי, ישראל ווערט אָנגערופן דאָס אויג פון הקדוש־ברוך־הוא, ווי עס שטייט געשריבן (זכריה ט, א): כי לה׳ — ווארום צו גאָט איז דאָס אויג פון מענטשן און אַלע שבטים פון ישראל. הקדוש־ברוך־הוא כביכול האָט געזאָגט: „מיין אויג וויינט אויף מיין אויג״[6].

(טז) כי רחק — ווארום ווייט איז פון מיר אַ טרייסטער, וואָס זאָל דערקוויקן מיין נפש. וואָס איז דער נאָמען פונעם מלך המשיח? ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: גאָט איז זיין נאָמען, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה כג, ו): וזה שמו — און דאָס איז זיין נאָמען וואָס מע וועט אים רופן: גאָט איז אונדזער רעכטפאַרטיקייט. דען ר׳ לוי האָט געזאָגט: וואויל איז דער שטאָט, וואָס איר נאָמען איז ווי דער נאָמען פון איר מלך און דער נאָמען פון איר מלך איז ווי דער נאָמען פון איר גאָט. „וואויל איז דער שטאָט, וואָס איר נאָמען איז ווי דער נאָמען פון איר מלך״, ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל מח, לה): ושם — און דער נאָמען פון דער שטאָט זאָל פון יענעם טאָג זיין: גאָט איז איר נאָמען[7], „און דער נאָמען פון איר מלך איז ווי דער נאָמען פון איר גאָט״, ווי דער פסוק זאָגט: וזה שמו — און דאָס איז זיין נאָמען וואָס מע וועט אים רופן: גאָט איז אונדזער רעכטפאַרטיקייט. ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: צמח איז זיין נאָמען, ווי דער פסוק זאָגט (זכריה ו, יב): הנה

כוכבים; הה״ד (שמות ל״ב): אלה אלהיך, ישראל. זבדי בן לוי אמר: על ביטול קרבנות; הה״ד (במדבר כ״ט): אלה תעשו לה׳ במועדיכם.

רבנן אמרי: על ביטול משמרות. ומה הנאה יש לעולם מן המשמרות? אלא בשני היו מתענין על פורשי ימים; בשלישי היו מתענין על הולכי דרכים; ברביעי היו מתענין על התינוקות, שלא יעלה אסכרה בפיהם וימותו; בחמישי היו מתענין על המעוברות, שלא יפילו ועל המיניקות שלא ימותו בניהם. והלא אין מתענין על שני דברים כאחד, כדכתיב (עזרא ח׳): ונצומה ונבקשה מאלהינו על זאת? וכתוב אחד אומר בדניאל (דניאל ב׳): ורחמין למיבעי מן קדם אלה שמיא על רזא דנא, ולא על תרין! אלא כההיא דאמר ר׳ חייא בר אבא: על עצירת גשמים וגלות מתענין עליהן בבת אחת. — אבל אין מתענין לא בערב שבת ולא במוצאי שבת מפני כבוד השבת.

(טז) עיני עיני יורדה מים. א״ר לוי: משל לרופא, שחשש עינו אחת; אמר: „עיני תבכה על עיני״. כך ישראל נקראו עינו של הקב״ה; הה״ד: (זכריה ט, א): כי לה׳ עין אדם וכל שבטי ישראל. כביכול אמר הקב״ה: „עיני תבכה על עיני״.

(טז) כי רחק ממני מנחם, משיב נפשי. מה שמו של מלך המשיח? ר׳ אבא בר כהנא אמר: ה׳ שמו, שנאמר (ירמיה כ״ג): וזה שמו אשר יקראו: ה׳ צדקנו. דאמר ר׳ לוי: טבא למדינתא דשמה כשם מלכה ושם מלכה כשם אלהיה. „טבא למדינתא דשמה כשם מלכה״, דכתיב (יחזקאל מ״ח): ושם העיר מיום: ה׳ שמה. „ושם מלכה כשם אלהיה״, שנאמר: וזה שמו אשר יקראו: ה׳ צדקנו. ר׳ יהושע בן לוי אמר: צמח שמו. שנא׳ (זכריה ו׳): הנה איש צמח שמו ומתחתיו יצמח. ר׳ יודן בשם ר׳ איבו אמר:

---

איש צמח — אָט איז אַ מאַן און זיין נאָמען איז צמח, שפּראָץ, און פון זיין אָרט וועט ער אַרויסשפּראָצן [און ער וועט בויען דעם טעמפּל פון גאָט].

---

און אזוי אויך די ווייטערדיקע דרשה. [4] יעדער געגנט אין לאַנד נאָך דער ריי פלעגן שיקן פאָרשטייער אָנוועזנד צו זיין בעת די כוהנים פלעגן מקריב זיין די קרבנות (זיי הייסן אויך מעמדות, אָדער אנשי מעמד). [5] ווייל איינס איז געבונדן מיטן צווייטן (זע דברים יא, יז — נאָך רעגן פאַרהאַלטונג קומט גלות) און אזוי אויך טראָגעדיקע פרויען און זויג מוטערס, ווייל דער ציל איז דערזעלבער — דאָס אויפשטעלן אַ נייעם דור (מתנות כהונה). [6] געבויט אויף דעם, וואָס אין פסוק שטייט צוויי מאָל מיין אויג. [7] אין בבא בתרא עה, ב, ווערט עס אזוי געדרשנט: לייען ניט ה׳ שמה, מיט אַ קמץ אונטער דער שין, — גאָט איז דאָרטן, נייערט מיט אַ שווא, — גאָט איז איר נאָמען.

ר׳ יודן האָט אין נאָמען פון ר׳ איבו געזאָגט: מנחם איז זיין נאָמען, ווי דער פסוק זאָגט: כי רחק ממני מנחם — ווארום ווייט איז פון מיר אַ טרייסטער. ר׳ חנינא האָט געזאָגט: און זיי קריגן זיך ניט, — דער באַטרעף פון דעם איז ווי דער באַטרעף פון יענעם, מנחם באַטרעפט דאָסזעלבע וואָס צמח [8].

און דאָ איז אַ ראיה צו די רייד פון ר׳ יודן אין נאָמען פון ר׳ איבו.

געשען איז אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס האָט געאַקערט זיין פעלד. האָט זיך צעמרוקעט איינער פון זיינע אָקסן. איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אים אַן אַראַבער און האָט געזאָגט צו אים: „וואָס ביסטו?” האָט ער אים געזאָגט: „איך בין אַ ייד”. האָט ער געזאָגט צו אים: „שפּאַן אויס דיין אָקס און בינד אָפּ דיין אַקעראייזן”. האָט ער אים געזאָגט: „פאַרוואָס?” האָט ער געזאָגט צו אים: „ווייל דער יידישער בית המקדש איז חרוב געוואָרן”. האָט ער אים געזאָגט: „פון וואַנען ווייסטו?” האָט ער געזאָגט צו אים: „איך ווייס עס פון דעם מרוקען פון דיין אָקס”. ווי ער האָט אַזוי געשמועסט מיט אים, האָט זיך דער אָקס נאָך אַ מאָל צעמרוקעט. האָט ער געזאָגט צו אים: „שפּאַן איין דיין אָקס און בינד צו דיין אַקעראייזן, ווייל עס איז געבוירן געוואָרן דער אויסלייזער פון די יידן”. האָט ער אים געזאָגט: „און וואָס איז זיין נאָמען?” האָט ער געזאָגט צו אים: „מנחם איז זיין נאָמען”. „און זיין פאָטער ווי הייסט?” האָט ער געזאָגט צו אים: „חזקיה”. האָט ער אים געזאָגט: „און וואו וואוינען זיי?” האָט ער געזאָגט צו אים: „אין בירת ערבא פון בית־לחם יהודה”.

האָט דער מאַן פאַרקויפט זיינע אָקסן, פאַרקויפט זיין אַקער, און ער האָט זיך גענומען פאַרקויפן פילצטוכן פאַר קינדער. איז ער געגאַנגען שטאָט איין־שטאָט אויס, לאַנד איין־לאַנד אויס, ביז ער איז אָנגעקומען אַהין. זיינען אַלע דאָרפסלייט געקומען קויפן ביי אים, אָבער יענע פרוי, די מוטער פון יענעם קינד, האָט ניט געקויפט ביי אים. האָט ער געזאָגט צו איר: „פאַרוואָס קויפסטו ניט קיין קינדערישע פילצטוכן?” האָט זי אים געזאָגט: „ווייל מיין קינד האָט אַ שווער מזל”. האָט ער געזאָגט צו איר: „פאַרוואָס?” האָט זי אים געזאָגט: „ווייל מיט זיין קומען איז דער בית המקדש חרוב געוואָרן”. האָט ער געזאָגט צו איר: „מיר האָבן ביטחון אין האַר פון דער וועלט, אַז מיט זיין קומען איז ער חרוב געוואָרן און מיט זיין קומען וועט ער אויפגעבויט ווערן”. און ער האָט געזאָגט: „דו נעם דיר פון דידאָזיקע פילצטוכן פאַר דיין קינד, און אין טעג אַרום וועל איך קומען אין דיין הויז און נעמען דיין באַצאָלט”. האָט זי גענומען און איז אַוועק.

אין טעג אַרום האָט דער מאַן געזאָגט: „לאָמיך גיין זען, וואָס מאַכט דאָס קינד”. איז ער געקומען צו איר און האָט איר געזאָגט: „וואָס מאַכט דאָס קינד?” האָט זי אים געזאָגט: „האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז ער האָט אַ שווער מזל? גלייך ביי זיין קומען איז עס אים געווען באַשערט! ווארום פון יענער שעה [וואָס דו ביסט אַוועק], זיינען געקומען ווינטן און שטורעמס, האָבן אים פאַרטראָגן און זיינען אַוועק”. האָט ער געזאָגט צו איר:

מנחם שמו, שנאמר: כי רחק ממני מנחם. א״ר חנינא: ולא פליגי, — חושבנא כחושבנא דדין, הוא מנחם הוא צמח.

והדא מסייע להדא דר׳ יודן בשם ר׳ איבו.

עובדא הוה בחד בר נש, דהוה קא רדי. געת חדא תורתיה. עבר עלוי חד ערבי; א״ל: „מה את?״ א״ל: „יהודאי אנא״. א״ל: „שרי תורך ושרי פדנך״. א״ל: „למה?״ א״ל: „דבית מקדשון דיהודאי חרב״. א״ל: „מנא ידעת?״ א״ל: „ידעית מן געייתא דתורך״. עד דהוה עסיק עמיה, געת זימנא אחריתי. אמר לו: „אסר תורך, אסר פדנך, דאתייליד פריקהון דיהודאי״. אמר ליה: „ומה שמיה?״ אמר לו: „מנחם שמיה״. „ואבוי מה שמיה?״ אמר ליה: „חזקיה״. אמר ליה: „והיכן שריין?״ אמר ליה: „בבירת ערבא בדבית לחם יהודא״.

זבין ההוא גברא תורוי, זבין פדניה, והוה מזבין לבידין דינוקין. עלל לקרתא ונפק לקרתא, עלל למדינה ונפק למדינה, עד דמטא לתמן. אתיין כל כפריא למיזבן מיניה, וההיא איתתא אימיה דההוא ינוקא לא זבנת מיניה. אמר לה: „למה לית את זבנת לבידין דינוקין?״ אמרה ליה: „דחשייה קשיי לינוקי״. אמר לה: „למה?״ אמרה ליה: „דעל ריגלוי חרב בית מקדשא״. אמר לה: „רחיצין אנן במריה עלמא, דעל ריגלוי חרב ועל ריגלוי מיתבני״. אמר לה: „את הוי נסיבא ליך מן אילין לבידין דינוקיך, ולבתר יומין אנא אתי לביתך ונסב פריעיך״. נסבה ואזלה.

לבתר יומין אמר האי גברא: „איזיל ואיחמי, ההוא ינוקא מאי קא עביד״. אתא לגבה, א״ל: „ההוא ינוקא מאי קא עביד?״ אמרה ליה: „לא אמרית לך, דחשייה קשיי?״ אפילו על רגליה נחשיה! דמן ההיא שעתא אתיין רוחין ועלעולין, טענוניה ואזלין להון״. אמר לה: „ולא כך אמרית לך, דעל ריגלוי חרב ועל רגלוי מתבני?״

---

„האָב איך דיר דען ניט אזוי געזאָגט, אַז מיט זיין קומען איז ער חרוב גע־וואָרן און מיט זיין קומען וועט ער אויפגעבויט ווערן?״ [9]

---

[8] יעדערער פון די צוויי נעמען באַטרעפט לויט זיינע אותיות 138. [9] דאָס וואָס ער איז אומנאַטירלעך אַוועקגענומען געוואָרן איז אַ סימן, אַז אים איז באַשערט אַן אומגעוויינ־לעכע שליחות. דידאָזיקע מעשה האָט, ווייזט אויס, אַ שייכות מיט דעם וואָס עס ווערט דערציילט וועגן איינעם אַ מנחם, וואָס יידישע קעמפער האָבן אין דער צייט פון אספסיא־נוסעס מלחמה מיט יהודה געקרוינט אַלס קיניג פון די יידן, און קירצלעך נאָכדעם איז

**האָט ר׳ אבין געזאָגט: צו וואָס דאַרף איך לערנען פון אַראַבער, — איז עס ניט אַ בפירושער פסוק? דען עס שטייט געשריבן** (ישעיה י, לד): והלבנון, — און דער לבנון[10] וועט דורך אַ מאַכטיקן פאַלן, **און גלייך נאָכ־ דעם שטייט געשריבן** (דאָרט יא, א): ויצא — און אַרויסקומען וועט אַ ריטל פון דעם שטאַם פון ישי, און אַ צווייג פון זיינע וואָרצלען וועט אַרויסוואַקסן[11].

**אין ר׳שילאס בית־מדרש האָט מען געזאָגט: משיחס נאָמען איז** שילה, **ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית מט, י): עד — ביז שילה וועט קומען, — שילה **שטייט געשריבן**[12]. **אין ר׳ חנינאס בית־מדרש האָט מען געזאָגט:** חנינה **איז זיין נאָמען, ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה טז, יג): אשר — ווארום איך וועל אייך ניט געבן קיין חנינה[13]. **אין ר׳ ינאיס בית־מדרש האָט מען געזאָגט:** ינון **איז זיין נאָמען, ווי עס שטייט געשריבן** (תהלים עב, יז): לפני שמש — פאַר דער זון איז ינון[14] זיין נאָמען.

**ר׳ ביבא סנגוריא האָט געזאָגט: נהירא איז זיין נאָמען, ווי דער פסוק זאָגט** (דניאל ב, כב): ונהורא — און ליכטיקייט רוט מיט אים, — נהירא **שטייט געשריבן**[15].

**ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמואל דעם זון פון ר׳ יצחקן: דער מלך המשיח, סיי ער איז צווישן די לעבעדיקע הייסט ער** דוד, **סיי ער איז צווישן די געשטאָרבענע**[16] **הייסט ער** דוד. **ר׳ ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: איך וועל זאָגן דעם טעם דערפון** (תהלים יח, נא): מגדיל — ער מאַכט גרויס די ישועות פון זיין מלך און ער טוט חסד מיט זיין משיח, **און עס שטייט דאָרטן ניט** ולדוד — און מיט דודן[17], **נייערט** לדוד ולזרעו — מיט דודן און מיט זיינע קינדער[18].

(טז) היו — געוואָרן זיינען מיינע קינדער פאַרוויסט, ווארום דער שונא האָט גובר געווען. **ר׳ איבו האָט געזאָגט: אָט ווי דער קאַטשאַן פון אַ קרויט — וואָס גרעסער דער קרויט ווערט, אַלץ קלענער ווערט ער**[19]. **ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: ווי די חזירטע — וואָס גרעסער אירע קינדער וואַקסן, אַלץ קלענער ווערט זי**[20].

נב

(יז) פרשה — אויסגעשפרייט האָט ציון אירע הענט[1]. **עס שטייט גע־ שריבן** (ירמיה ח, כג): מי יתן — ווער קען מאַכן מיין קאָפּ וואַסער און מיין אויג אַ קוואַל טרערן, [און איך וואָלט באַוויינט טאָג און נאַכט די דער־ שלאָגענע פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק]. **ווער האָט געזאָגט דעמדאָזיקן פסוק? וועסטו זאָגן, אַז ירמיה האָט אים געזאָגט, — איז דען מעגלעך פאַר**

---

ער געהרגעט געוואָרן אין מלחמה. דערדאָזיקער מנחם איז געווען אַ זון פון יהודה הגלילי, פירער פון די קנאים, און אַן אייניקל פון חזקיה הגלילי, וועמען הורדוס האָט געלאָזט הרגענען פאַר זיינע טעטיקייטן קעגן רוים. דאָ ווערט ער גערופן דער זון פון חזקיה, ווי עס פאַסירט, אַז איינער ווערט אַמאָל גערופן אויפן זיידנס נאָמען (זע רש״י, שמות, יח, א); און אפשר ווערט ער דערפאַר גערופן אויפן זיידנס נאָמען, ווייל חזקיהס נאָמען איז געווען זייער פּאָפּולער, ווייל זיין טויט האָט אויפגערודערט דאָס לאַנד. [10] דער בית

א״ר אבון: למה לי ללמוד מן ערביי? ולא מקרא מלא הוא? דכתיב (ישעיה י׳): והלבנון באדיר יפול, וכתיב בתריה (שם י״א): ויצא חטר מגזע ישי, ונצר משרשיו יפרה.

דבי ר׳ שילא אמרי: שילה שמו של משיח, שנא׳ (בראשית מ״ט): עד כי יבא שילה, — שילה כתיב. דבי ר׳ חנינא אמרי: חנינה שמו, שנא׳ (ירמיה ט״ז): אשר לא אתן לכם חנינה. דבי ר׳ ינאי אמרי: ינון שמו, דכתיב (תהלים ע״ב): לפני שמש ינון שמו. ר׳ ביבא סנגוריא אמר: נהירא שמו, שנא׳ (דניאל ב׳): ונהורא עמה שרא, — נהירא כתיב.

ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר בשם רבי שמואל בר׳ יצחק: הדין מלכא משיחא, אי מחייא הוא, דוד שמיה, אי ממיתיא הוא, דוד שמיה. א״ר תנחומא: אנא אומר טעמיה (תהלים י״ח): מגדיל ישועות מלכו ועושה חסד למשיחו, — „ולדוד״ אין כתיב כאן, אלא לדוד ולזרעו.

(טז) היו בני שוממים כי גבר אויב. ר׳ איבו אמר: כהדא אפתא דקרא, דכמה דההיא רבייא, היא קטנא. ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: כהדא חזירתא, דכמה דבניה רביין, היא קטנא.

נב

(יז) פרשה ציון בידיה. כתיב (ירמיה ח׳): מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה. מי אמר הפסוק הזה? אם תאמר, ירמיה,—

---

המקדש. [11] אַ סימן, אַז אין טאָג פון חורבן וועט געבוירן ווערן דער גואל. [12] מיט אַ הא צום סוף וואָרט, אנשטאט אַ וו, ווי עס ווערט געוויינלעך געשריבן דער נאָמען פון דער שטאָט שילו אין תנ״ך, — איז עס אַ סימן, אַז דאָ מיינט מען ניט די שטאָט, נייערט דעם מלך המשיח. גלייכצייטיק איז עס אַן אָנוואונק אויפן נאָמען פון ר׳ שילא. און אזוי איז עס אויך ווייטער, וואו די לערנערס אין יעדן בית מדרש געפינען אַן ענלעכקייט צווישן משיחס נאָמען און דעם נאָמען פון זייער רבין. [13] לייטזעליקייט. [14] ווערטערלעך: וועט בליען זיין נאָמען. [15] מיט אַ יוד אנשטאט אַ וו, אַ סימן, אַז דאָ מיינט מען ניט זתם ליכטיקייט, נייערט משיחן, וואָס זיין נאָמען איז נהירא. — לויטן רש״ש דאַרף זיך דאָ לייענען ר׳ ביבי פון סרונגיא. לויטן מהרז״ו דאַרף מען דאָ לייענען סגינוריא, פון סגי־נהור (פיל ליכט), אַ נאָמען פאַר אַ בלינדן, און די השערה איז, אַז ר׳ ביבי איז געווען אַ סגי נהור, און אזוי איז דאָ דער נאָמען פון משיחן געבונדן מיטן נאָמען פונעם דרשן. [16] לויט דער דעה, אַז משיח וועט קומען ערשט נאָך תחית המתים, און ער וועט צוערשט דאַרפן אויפשטיין צוזאַמען מיט אַלע טויטע; צווישן די לעבעדיקע איז לויט דער דעה, אַז משיח וועט קומען פאַר תחית המתים (יפה ענף). [17] וואָס וואָלט געמיינט, אַז משיח און דוד זיינען צוויי באַזונדערע פערזאָנען. [18] און דאָס מיינט, אַז משיח און דוד זיינען אידענטיש. [19] וואָס שטארקער דער שונא ווערט, אַלץ שוואַכער ווערט ישראל. [20] מתנות כהונה: עס רעדט זיך וועגן אַ זויגנדיקער חזירטע.

[1] לויטן רד״ל דאַרף דער פסוק דאָ ניט זיין, און דער גרעסטער טייל פון דעם סימן

אים ניט צו עסן? איז דען מעגלעך פאַר אים ניט צו שלאָפן? נייערט ווער האָט אים געזאָגט? דער, וואָס פאַר אים איז ניטאָ ניט קיין עסן און ניט קיין שלאָפן, ווי עס שטייט געשריבן (תהלים קכא, ד): הנה — זע, עס דרימלט ניט און שלאָפט ניט דער שומר ישראל. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ לוין: עס שטייט געשריבן (בראשית א, ט): ויאמר אלהים — און גאָט האָט געזאָגט: זאָלן זיך צונויפזאַמלען די וואַסערן, — הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט: זאָלן זיך מיר [2] צונויפזאַמלען די וואַסערן — אויף דעם וואָס איך בין אָנגעברייט צו טאָן מיט זיי״ [3].

ר׳ חגי האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יצחקן: ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך, וואָס האָט זיך אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ און האָט אים באַזעצט מיט שטומע באַוואוינער. איז יעדן טאָג פלעגן זיי זיך פעדערן און גריסן דעם מלך און לויבן אים אויפן וואונק און אויף די פינגער. האָט דער מלך געזאָגט: מה־דאַך די, וואָס זיינען שטום, לויבן מיך אַזוי; אַ פּשיטא שוין, ווען זיי וואָלטן געווען רעדעוודיק!״ וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט אים באַזעצט מיט רעדעוודיקע באַוואוינער. האָבן זיי גענומען און פאַרכאַפּט דעם מלכס פּאַלאַץ און געזאָגט: „דערדאָזיקער פּאַלאַץ איז ניט אַנדערש נאָר אונדזערער!״ דעמאָלט האָט דער מלך געזאָגט: „זאָל דער פּאַלאַץ צוריק ווערן וואָס ער איז געווען פריער״. אַזוי אויך איז פון אָנהייב פון דער וועלט באַשאַפונג גאָטס לויב געזאַנג ניט געקומען פון ערגעץ אַנדערש, נייערט פון וואַסער; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (תהלים צג, ד): מקולות — פון די קולות פון גרויסע וואַסערן, פון מאַכטיקע כוואַליעס פון ים. און וואָס פלעגן זיי זאָגן? אדיר — מאַכטיק איז גאָט אין דער הייך. דעמאָלט האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט: „מה־דאַך די, וואָס האָבן ניט קיין מויל און קיין לשון, קיין זאָג און קיין רייד, לויבן מיך אַזוי; היינט אַז איך וועל באַשאַפן דעם מענטשן — אוודאי און אוודאי!״ אָבער ווי נאָר ער האָט באַשאַפן דעם מענטשן, אַזוי איז אויפגעשטאַנען דער דור פון אנושן און דער דור המבול און האָבן ווידערשפּעניקט אין אים. דעמאָלט האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט: „זאָל די וועלט ווידער ווערן וואָס זי איז געווען!״ ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ז, יב): ויהי — און דער רעגן איז געווען אויף דער ערד.

ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: [ס׳איז אַ משל] מיט איינעם, וואָס האָט פאַרמאָגט [ניט מער ווי] אַ שטעקן און אַ קוישל. האָט ער גענומען און אָפּגעשפּאַרט [אַ ביסל געלט] און זיך איינגעקויפט שאָף. זיינען אַריין וועלף און האָבן זיי צעריסן. האָט דערדאָזיקער פּאַסטוך געזאָגט: „איך וועל מיך אומקערן צו יענעם שטעקן מיטן קוישל״. אַזוי: דער פּאַסטוך, דאָס איז הקדוש־ברוך־הוא, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים פ, ב): רועה — דו פּאַסטוך פון ישראל, פאַרנעם; דו וואָס דו פירסט יוסף אַזוי ווי שאָף, דו וואָס רוסט צווישן די כרובים, שיין אַרויס. די שאָף, דאָס איז ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל לד, לא): ואתן — און איר זענט מיינע שאָף, די

אפשר לו שלא לאכול? אפשר לו שלא לישן? אלא מי אמרו? מי שאין לפניו לא אכילה ולא שינה, דכתיב (תהלים קכ״א): הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל. ר׳ אבא בר כהנא בשם ר׳ לוי אמר: כתיב (בראשית א): ויאמר אלהים: יקוו המים — אמר הקב״ה: „יקוו לי המים מה שאני עתיד לעשות בהן״.

ר׳ חגי בשם ר׳ יצחק אמר: משל למלך, שבנה לו פלטירין והושיב בהן דיורין אלמים. ובכל יום ויום היו משכימין ושואלין בשלום המלך ומקלסין אותו ברמיזה ובאצבע. אמר המלך: „ומה אלו, שהן אלמים, כך מקלסין אותי, — אם היו פקחין — עאכ״ו!״ מה עשה? הושיב בהן דיורין פקחין. עמדו והחזיקו בפלטין של מלך ואמרו: „אין זו פלטין אלא שלנו״. באותה שעה אמר המלך: „תחזור פלטין לכמות שהיתה״. כך מתחלתברייתו של עולם לא היה קילוסו עולה אלא מן המים; הה״ד (תהלים צ״ג): מקולות מים רבים, אדירים משברי ים. ומה היו אומרים? אדיר במרום ה׳. באותה שעה אמר הקב״ה: „ומה אם אלו, שאין להם לא פה ולא לשון, לא אמירה ולא דיבור, כך מקלסין אותי; לכשאברא בני אדם — עאכ״ו!״ וכיון שברא בני אדם, עמדו דור אנוש ודור המבול ומרדו בו. באותה שעה אמר הקב״ה: „יחזור העולם לכמות שהיה״, שנאמר (בראשית ז): ויהי הגשם על הארץ. רבי יהודה בר׳ סימון אמר: לאחד שהיה לו מקל וצנית. עמד וסיגל וקנה לו צאן. ונכנסו זאבין ובקעום. אמר אותו הרועה: „אחזור לאותו מקל ולאותה צנית״. כך „רועה״ זה הקב״ה, שנא׳ (תהלים פ׳): רועה ישראל האזינה, נוהג כצאן יוסף, יושב הכרובים, הופיעה. „צאן״ אלו ישראל, שנא׳ (יחזקאל ל״ד): ואתן צאני, צאן מרעיתי. „נכנסו זאבין לתוך עדרו ובקעום״, אלו השונאים שנכנסו לבית המקדש. באותה שעה אמר הקב״ה: מי יתן ראשי מים.

---

שאָף פון מיין פיטערונג. „זייגען אַריינגעקומען וועלף אין זיין טשערעדע און זיי צעריסן״, דאָס זייגען די שונאים, וואָס זייגען אַריין אין בית המקדש. דעמאָלט האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט: מי יתן — ווער קען מאַכן מיין קאָפּ וואַסער.

---

געהערט צום פסוק עיני עיני און אזוי איז עס אויך אין בובערס אויסגאַבע. [2] ווי עס וואָלט געשטאַנען יקוו לי המים. [3] צו וויינען מיט זיי אויפן חורבן, לויטן פסוק פון ירמיה (אזוי דאַרף עס דאָ פאַרשטאַנען ווערן; אָבער אין בראשית רבה ווערט עס געדרשנט

עס שטייט געשריבן (תהלים מב, ה): אלה אזכרה — דאָס טו איך זיך דערמאָנען, און גיס אויס מיין זעל אין מיר. [ווי איך פלעג דורכגיין מיט אַן עולם, זיי פירן צו גאָטס הויז]. די כנסת ישראל זאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „אַמאָל פלעג איך עולה זיין קיין ירושלים, און די וועגן פלעגן זיין אָנגעבערייט; אָבער איצט [זיינען זיי] אין דערנער" [4], ווי דער פסוק זאָגט (הושע ב, ח): לכן — דעריבער, אָט פאַרצוים איך דיין וועג מיט דערנער. אַן אַנדער פשט: דאָס טו איך זיך דערמאָנען, — „אַמאָל פלעג איך עולה זיין, און די ביימער פלעגן זיין אַ סכך [5] איבער מיין קאָפּ; אָבער איצט בין איך אָפּגעדעקט [6] פאַר דער זון". דאָס טו איך זיך דערמאָנען, — „אַמאָל פלעג איך עולה זיין אין שאָטן פון הקדוש-ברוך-הוא, אָבער איצט — אין שאָטן פון די [פרעמדע] מלכותן": אספסיאנוס קיסר האָט באַזעצט שומרים אַכצן מייל ווייט פון פומעים [7], און זיי פלעגן פרעגן די עולי רגל, אַזוי צו זאָגן: „וועמעס זענט איר?" און זיי פלעגן זאָגן צו זיי: „אספסיאנוסעס, טראַכינוסעס, אדריאַנוסעס" [8].

ר' ברכיה האָט געזאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש-ברוך-הוא: „אַמאָל פלעג איך עולה זיין מיט קערב פרוכט אויף מיין קאָפּ. באַגינען פלעגט מען זאָגן (ירמיה לא, ו): קומו — שטייט אויף, און לאָמיר אַרויפגיין קיין ציון. און אויף די וועגן פלעגט מען זאָגן (תהלים קכב, ב): עומדות — אונדזערע פיס שטייען אין דיינע טויערן, ירושלים. אויפן הר-הבית וואָס פלעגט מען זאָגן? (דאָרט קנ, א): הללויה, לויבט גאָט אין זיין הייליקטום. אין דער עזרה פלעגט מען זאָגן (דאָרט, פסוק ו): כל הנשמה — יעדער נפש זאָל לויבן גאָט. אָבער איצט — אדדם, שווייגנדיק [9] טו איך אַרופגיין, שווייגנדיק טו איך אַראָפּגיין".

דאָס טו איך זיך דערמאָנען: אַמאָל פלעג איך עולה זיין מיט שירים און געזאַנגען פאַר הקדוש-ברוך-הוא, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, מב, ה): בקול — מיט אַ קול פון געזאַנג און דאַנק; אָבער איצט — מיט געוויין טו איך אַרויפגיין, מיט געוויין טו איך אַראָפּגיין. — דאָס טו איך זיך דערמאָנען: אַמאָל פלעג איך עולה זיין מיט מחנות און מחנות עולי רגל, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט): המון חוגג — אַ יום-טובדיק געטומל. (ר' לוי האָט געזאָגט: ווי דערדאָזיקער וואַסערשטראָם, וואָס הערט ניט אויף, ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט). אָבער איצט — אין דער פינצטער [10] טוען מיר אַרויפגיין און אין דער פינצטער טוען מיר אַראָפּגיין. דאָס טו איך זיך דערמאָנען און גיס אויס מיין זעל אין מיר — — —

(אַן אַנדער פשט:) [11] (יז) פרשה — אויסגעשפּרייט האָט ציון אירע הענט.

ר' יהושע פון סיכנין האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' לוין: [ס'איז געגליכן צו אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ זון; האָט ער אים געשלאָגן, און דער זון האָט געזאָגט: „איך האָב געזינדיקט"; ער האָט אים געשלאָגן, און יענער האָט געזאָגט: „איך האָב געזינדיקט און זיך באַנאַרישט"; און ווידער האָט ער אים געשלאָגן, ביז ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע צען פינגער פאַר אים

כתיב (תהלים מ״ב): אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי, [כי אעבר בסך, אדדם עד בית אלהים]. כנסת ישראל אומרת לפני הקב״ה: „לשעבר הייתי עולה לירושלם ודרכים מתוקנים, ועכשיו בשך״, שנא׳ (הושע ב): לכן הנני שך את דרכך בסירים. ד״א: אלה אזכרה, — „לשעבר הייתי עולה, ואילנות מסככות על ראשי, ועכשיו (תלויה) [גלויה] לשמש״. אלה אזכרה: „לשעבר הייתי עולה בצלו של הקב״ה ועכשו בצלן של מלכיות״: אספסיאנוס קיסר הושיב שומרים רחוק מפומעים י״ח מיל, והיו שואלים לעולי רגלים ואומרים להם: „למי אתם?״ והיו אומרים להם: „אספסיאני, טרכיני, אדרייני״.

א״ר ברכיה: אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „לשעבר הייתי עולה וסלי בכורים על ראשי. בהשכמה היו אומרים (ירמיה ל״א): קומו ונעלה ציון. ובדרכים היו אומרים (תהלים קכ״ב): עומדות היו רגלינו בשעריך, ירושלים. בהר הבית מה היו אומרים? (שם ק״נ): הללויה, הללו אל בקדשו. בעזרה היו אומרים (שם): כל הנשמה תהלל יה. ועכשיו אדדם, דמומה סלקא, דמומה נחתא״.

אלה אזכרה: לשעבר הייתי עולה בשירות ובזמירות לפני הקב״ה, כמד״א (תהלים מ״ב): בקול רנה ותודה; ועכשיו בכיה סלקא, בכיה נחתא. אלה אזכרה: לשעבר הייתי עולה המוניות המוניות של חגיגה, כמד״א: המון חוגג (א״ר לוי: כהדין געגעא, דלא פסיק, לא בימּמא ולא בליליא); ועכשיו (טמשא) [רומשא] סלקין (וטמשא) [ורומשא] נחתין. אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי, וגו׳.

(ד״א:) (יז) פרשה ציון בידיה. ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי אמר: למלך שהיה לו בן. הוי מחי ליה, ואמר: „חטית״. הוה מחי ליה, ואמר: „חטית וסיכלת״. ועוד הוה מחי ליה, עד דפשט

---

אויפן דור המבול). [4] בשך, וואָרטשפּיל אויף בסך, מיט אַן עולם. [5] סכך — בסך. [6] געביטן, לויטן רד״ל און לויט בובערס אויסגאַבע, פון תלויה, אויפגעהאָנגען, אויף גלויה, אָפּגעדעקט, און די פאַרשיידענע דערקלערונגען פון די מפרשים זיינען מער ניט נויטיק. [7] פּמיים, ביי די קוואַלן פון ירדן, אין צפון פון לאַנד. [8] ד״ה: געזוכט שוץ אין שאָטן פון פרעמדע הערשער. [9] אדדם — דמומה. [10] לויטן רד״ל, וואָס הייסט לייענען רומשא, אָוונט, אנשטאט טמשא, און אזוי איז עס אויך אין בובערס אויסגאַבע. [11] לויטן רד״ל (זע אויבן אין דעם סימן, באַמ. 1) און לויט בובערס נוסח הויבט זיך דאָ

**[און האָט אים געזאָגט: „איך בין אינגאַנצן פאַר דיר, שלאָג וויפיל דיין ווילן איז"** [12]**]. אזוי האָט הקדוש־ברוך־הוא געשראָפט ירושלים, און זי האָט געזאָגט: „איך האָב געזינדיקט", ביז** אויסגעשפּרייט האָט ציון אירע הענט.

(יז) אין מנחם לה — זי האָט ניט קיין טרייסטער. **ר׳ לוי האָט געזאָגט: אומעטום וואו דער פּסוק זאָגט** זי האָט ניט, **ווערט זי עס לסוף האָבן.** [13] [**למשל**] (בראשית יא, ל): ותהי — און שרי איז געווען אַן עקרה, זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער. **און לסוף האָט זי יאָ געהאַט, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט כא, א): וה׳ — און גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן שרהן. **און דעסגלייכן** (שמואל א, א, ב): ולחנה — און חנה האָט קיין קינדער ניט געהאַט, **און לסוף האָט זי יאָ גע־האַט, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט ב, כא): כי פקד ה׳ — ווייל גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן חנהן. **און דעסגלייכן** (ירמיה ל, יז): ציון היא — ציון איז זי, זי האָט ניט ווער עס זאָל זיך נאָכפרעגן אויף איר; **אָבער לסוף וועט זי יאָ האָבן, ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה נט, כ): ובא לציון גואל — און קומען וועט צו ציון אַן אויסלייזער. **אויך דאָ:** זי האָט ניט קיין טרייס־טער, **אָבער זי וועט האָבן, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט נא, יב): אנכי — איך, איך בין אייער טרייסטער.

(יז) צוה ה׳ — באַפוילן האָט גאָט אַקעגן יעקבן זיינע שונאים אַרום אים, — **אַט ווי חלמיש צו נוה, קסטרא צו חיפה, סוסיתא צו טבריה, יריחו צו נועדן, לוד צו אונו** [14]. היתה — געוואָרן איז ירושלים אַן אומריינע צווישן זיי — **אָפּשטויסנדיק איז זי געוואָרן.**

נג

(יח) צדיק ה׳ — רעכטפאַרטיק איז גאָט, דען זיין מויל האָב איך ווי־דערשפּעניקט. **ווער האָט דעם דאָזיקן פּסוק געזאָגט? יאשיהו האָט אים גע־זאָגט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דברי הימים ב, לה, כ און ווייטער): אחרי כל זאת — נאָך דעם אַלעם, אַז יאשיהו האָט געהאַט אָנגעברייט דאָס הויז, איז אַרויפגעקומען נכו דער מלך פון מצרים מלחמה צו האַלטן אויף כרכמיש ביים פרת, — **דאָס איז קירקעיסיאָן וואָס ביים פּרת;** [און יאשיהו איז אַרויס־געגאַנגען אַנטקעגן אים.] האָט ער געשיקט צו אים שליחים אזוי צו זאָגן: וואָס האָב איך מיט דיר, מלך פון יהודה? ניט קעגן דיר איז עס היינט, נייערט קעגן דעם הויז מיט וועמען איך האָב מלחמה; און גאָט האָט מיר אָנגעזאָגט זיך צו איילן, — **פון וועגן דעם וואָרט פון הקדוש־ברוך־הוא גיי איך אַרויף;** האַלט זיך אָפּ פון דעם גאָט וואָס איז מיט מיר! (**דאָס איז אַ לשון פון געצנדינסט** [1]). ולא הסב — אָבער יאשיהו האָט ניט אָפּגעקערט זיין פנים — — — און ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו די ווערטער פון נכון, [וואָס זיינען] פון גאָטס מויל אַרויס. **דאָס איז ירמיה, וואָס האָט געזאָגט צו יאשיהון: „אזוי האָב איך בקבלה פון מיין רבין ישעיה** (יט, ב): וסכסכתי — און איך וועל אָנרייצן מצרים אויף מצרים" [2]. **אָבער ער האָט זיך ניט צוגע־הערט צו אים, נייערט ער האָט אים געזאָגט: „האָט ניט משה, דיין רבינס רבי, אזוי געזאָגט** (ויקרא כו, ו): וחרב — און קיין שווערד וועט ניט דורכ־

**עשר אצבעוי קודמוי** [**ואמר לו: „כוליה קדמך, מחי כל דהני לך״**]. **כך הקב״ה הוה מייסר לירושלם, והות אמרה: „חטית״, עד** פרשה ציון בידיה.

(יז) אין מנחם לה. **א״ר לוי: כל מקום שנאמר אין, הוה לה.** (בראשית י״א): ותהי שרי עקרה, אין לה ולד, **והוה לה, דכתיב** (שם כ״א): וה׳ פקד את שרה. **ודכוותה** (שמואל א, א׳): ולחנה אין ילדים, **והוה לה, דכתיב:** כי פקד ה׳ את חנה. **ודכוותה** (ירמיה ל׳): ציון היא, דורש אין לה, **והוה לה, דכתיב** (ישעיה נ״ט): ובא לציון גואל. **אף כאן:** אין מנחם לה, **והוה לה, דכתיב** (שם נ״א): אנכי אנכי הוא מנחמכם.

(יז) צוה ה׳ ליעקב סביביו צריו. **כגון חלמיש לנוה, קסטרא לחיפה, סוסיתא לטבריה, יריחו לנועדן, לוד לאונו.** היתה ירושלים לנדה ביניהם, **לריחוק היתה.** נג

(יח) צדיק הוא ה׳ כי פיהו מריתי. **מי אמרו לפסוק זה? יאשיהו אמרו; הה״ד** (ד״ה ב׳ לה): אחרי כל זאת אשר הכין יאשיהו את הבית, עלה נכו מלך מצרים להלחם בכרכמיש על פרת, — **בקרקסיון דעל פרת.** וישלח אליו מלאכים לאמר: מה לי ולך, מלך יהודה? לא עליך אתה היום, כי אל בית מלחמתי; ואלהים אמר לבהלני, — **מפי הקב״ה אני עולה;** (שם) חדל לך מאלהים אשר עמי **(זה לשון עבודת כוכבים).** ולא הסב יאשיהו פניו — — — ולא שמע אל דברי נכו מפי אלהים, **זה ירמיה שאמר ליאשיהו: „כך מקובלני מישעיה רבי** (ישעיה י״ט): וסכסכתי מצרים במצרים״. **ולא שמע לו, אלא א״ל: „משה, רבה דרבך, לא כך אמר** (ויקרא כ״ו): וחרב

---

אָן די דרשה אויף פסוק יז, און די ווערטער אַן אַנדער פשט זיינען איבעריק. [12] צוגע־געבן לויט בובערס נוסח און לויטן רד״ל, וואָס שטיצט זיך אויפן ספר „אות אמת״, וועל־כער האָט אויך אַזאַ גירסא. [13] זע אויבן, א, כו, באַמ. 1. [14] אין יעדער ערשטער פון די אויסגערעכנטע שטעט־פּאָרן זיינען געזעסן שונאי ישראל און אין דער צווייטער — יידן. אין ויקרא רבה כג, ה, און אין שיר השירים רבה ב, ב, ה, זיינען פאַראַן קליינע ענדערונגען אין די נעמען פון די שטעט: אנשטאט נועדן — נערן, אנשטאט קסטרא — גסטרא, אנשטאט נוה — גווה און אנשטאט סוסיתא — סוסיתן.

[1] ד״ה: דאָ האָט פרעה נכו ניט געמיינט דעם אייבערשטן, נייערט זיין אָפּגאָט.

[2] ס׳הייסט — מצרים וועט אומקומען דורך זיך אַליין, דורך אינעווייניקסטע רייסערייען, און יאשיהו דאַרף מיט איר קיין מלחמה ניט האַלטן. לויטן מהרז״ו האָט דאָ דער דרשן געהאַט אין זינען דעם ווייטערדיקן פסוק ד: און איך וועל איבערענטפערן מצרים אין דער האַנט פון אַ האַרטן האַר (נבוכדנצר), אָבער ניט אין דער האַנט פון יאשיהו.

גייען אין אייער לאַנד? און די שווערד פון אַט דעם רשע גייט דורך אין מיין לאַנד און אין מיין תחום!" אָבער ער האָט ניט געוואוסט, אַז דער גאַנצער דור זיינער איז געווען געצנדינעריש [3]. ער האָט אַרויסגעשיקט צוויי תלמידי חכמים אויסצוראָטן די עבודה זרה פון זייערע הייזער. פלעגן זיי אַריינגיין און גאָרניט ניט געפינען. אַז זיי פלעגן אַרויסגיין פלעגט מען זיי זאָגן: „פאַרמאַכט די טירן". און אַז זיי פלעגן פאַרמאַכן די טירן, פלעגט מען עס ווידער זען. האָט מען געזאָגט אויף זיי: „דער וואָס איז געקומען צורעכט מאַכן, דערזעלבער איז געקומען און קאַליע געמאַכט" [4]. דעריבער (דברי הימים דאָרט): ויורו — האָבן די שיסערס געשאָסן אויף דעם מלך יאשיהו. ר' מני האָט געזאָגט: דריי הונדערט פיילן האָט מען אַריינגעשאָסן אין אים, ביז זיין קערפּער איז געוואָרן ווי אַ זיפּ. און ירמיה האָט זיך אונטערגעהערט הינטער אים, כדי צו וויסן, וואָס ער זאָגט. און וואָס האָט ער געזאָגט? צדיק ה' — רעכטפאַרטיק איז גאָט, דען זיין מויל האָב איך ווידערשפּעניקט, זיין מויל און דאָס מויל פון זיין פירשפּרעכער.

נד

(יט) קראתי — איך האָב גערופן מיינע ליבהאָבער, אָבער זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט. די רבנן טייטשן דעם פסוק אויף די פאַלשע נביאים, וואָס פלעגן מיך מאַכן ליב צו האָבן זייער עבודה זרה; זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט, — אויך זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט: זיי האָבן ניט אויפגעהערט מיר פאַלשע נביאות צו זאָגן, ביז זיי האָבן מיך געבראַכט פאַרטריבן צו ווערן פון מיין אָרט, ווי דער פסוק זאָגט (איכה ב, יד): ויחזו לך — און זיי האָבן דיר געזען נבואות פון פאַלשקייט, ומדוחים — און פאַרפירענישן, — דער כתיב איז מדחים — פאַרפירערס [1].

ר' שמעון בן יוחאי האָט געטייטשט דעם פסוק אויף די אמתע נביאים, וואָס פלעגן מיך באַליבט מאַכן פאַר הקדוש־ברוך־הוא; זיי האָבן מיך אָפּגע־נאַרט, זיי פלעגן מיך אַריינגנאַרן און זאָגן: „שיידט אָפּ תרומה און מעשר". איז דען פאַראַן [דער דין פון] תרומה און מעשר אין בבל? [2] נייערט כדי מיך באַליבט צו מאַכן פאַר הקדוש־ברוך־הוא. דאָס איז וואָס ירמיה זאָגט (לא, כ): הציבי — שטעל דיר אויף ציייכנס, באַצייכן זיך מיט די מצוות וואָס ישראל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיי; שימי — מאַך דיר וועגזייכלן, דאָס פאַררופט זיך אויפן חורבן פון בית המקדש [3]. און אַזוי זאָגט אויך דער פסוק (תהלים קלז, ה): אם אשכחך — אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל מיין רעכטע האַנט פאַרגעסן [זיך צו באַוועגן]. שיתי — גיב אַכטונג אויף דעם שטעג, דעם וועג וואָס דו ביסט געגאַנגען, — ר' חייא האָט געזאָגט: דער כתיב איז הלכתי, איך בין געגאַנגען [4]. דו געפינסט, בשעת ישראל איז פאַר־טריבן געוואָרן קיין בבל, וואָס שטייט געשריבן? (ישעיה מג, יד): למענכם — פון אייערטוועגן בין איך געשיקט געוואָרן קיין בבל [5]. זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן קיין עילם, איז די שכינה געגאַנגען מיט זיי, ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה מט, לח): ושמתי — און איך וועל שטעלן מיין שטול אין עילם.

לא תעבור בארצכם? **וחרבו של אותו רשע עוברת בארצי ובתחומי!" והוא לא היה יודע, שכל דורו עובדי עבודת כוכבים היו. הוה משלח זוג תלמידים למיבערא עבודת כוכבים מבתיהון. והוון עללין ולא משכחין כלום. עד דנפקון, אמרון: "טרודו תרעין". מן דהוון טרדין לתרעיה, הוון חמן יתיה. אמרו עליהון: "מן דאתא ותיקן, הוא דאתא וקלקל". לפיכך** (דה"ב, ל"ה): ויורו היורים למלך יאשיהו. **א"ר מני: שלש מאות חצים הורו בו, עד שנעשה גופו ככברה. והיה ירמיהו מצית אחריו לידע, מהו אומר. ומה היה אומר:** צדיק הוא ה' כי פיהו מריתי, **פיהו ופוס סרסורו.**

נד

(יט) קראתי למאהבי המה רמוני. **רבנן פתרין קריא בנביאי השקר, שהיו מאהבין אותי לעבודת כוכבים שלהן;** המה רמוני, — **גם המה רמוני: לא זזו מתנבאין עלי שקר, עד שהגלו אותי ממקומי, שנא'** (איכה ב, יד): ויחזו לך משאות שוא ומדוחים, — מדחים **כתיב.**

**ר' שמעון בן יוחאי** פתר קרייה **בנביאי האמת, שהיו מאהבין אותי להקב"ה;** המה רמוני, **שהיו מרמין בי ואומרים לי: "הפרישו תרומה ומעשרות". וכי יש תרומה ומעשרות בבבל? אלא בשביל לאהבני להקב"ה. הוא שירמיה אומר** (ירמיה ל"א): הציבי לך ציונים, **הצייני במצות שהיו ישראל מצויינין בהם;** (שם) שימי לך תמרורים, **זה חרבן בית המקדש. וכן הוא אומר** (תהלים קל"ז): אם אשכחך, ירושלם, תשכח ימיני. שיתי לבך למסלה, דרך הלכת, — **א"ר חייא:** הלכתי **כתיב. את מוצא, בשעה שגלו ישראל לבבל, מה כתיב** (ישעיה מ"ג): למענכם שלחתי בבלה. **גלו לעילם, שכינה עמהם, דכתיב** (ירמיה מ"ט): ושמתי כסאי בעילם. **גלו ליון,**

---

[3] און דעריבער איז גאָטס הבטחה דורך משהן ניט בייגעשטאַנען. [4] דאָס געצנבילד איז געווען אויסגעמאָלט אויף דער אינעווייניקסטער זייט פון די צוויי העלפטן פון דער טיר, און ווען מע האָט די טיר געעפנט, האָט מען עס ניט געזען; אָבער ווען די תלמידי חכמים האָבן צוגעמאַכט די טירן האָבן זיי אַליין צוריק גאַנץ געמאַכט די עבודה זרה.

[1] די פאַלשע נביאים האָבן מיט זייערע נבואות מיך פאַרפירט אין גלות. — אין אונדזערע טעקסטן איז אַזאַ כתיב ניטאָ; מעגלעך, אַז דער בעל המדרש האָט פאַר זיך געהאַט אַזאַ נוסח. און אפשר מיינט ער: לייען ווי עס וואָלט געווען אַזאַ כתיב. [2] תרומה און מעשר זיינען פון די מצוות התלויות בארץ, וואָס זיינען ניט נוהג אין חוץ לארץ. [3] ד"ה: פיר איין באַשטימטע מנהגים, וואָס זאָלן דערמאָנען אָן חורבן. [4] כביכול איז מיטגעגאַנגען מיט ישראל אין גלות. [5] דער בעל המדרש לייענט אין טעקסט שולחתי,

**זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן קיין יון, איז די שכינה געגאַנגען מיט זיי, ווי עס שטייט געשריבן** (זכריה ט, יג): ועוררתי — און איך וועל אויפוועקן דיינע קינדער, ציון, אויף דיינע קינדער, יון, **און גלייך נאָכדעם שטייט:** וה׳ — און גאָט וועט איבער זיי זיך באַווייזן [6]. **דעריבער שטייט געשריבן:** דרך הלכתי — דעם וועג וואָס איך בין געגאַנגען.

**אַן אַנדער פּשט:** גיב אַכטונג אויף דעם שטעג, דעם וועג וואָס דו ביסט געגאַנגען, — **ירמיה האָט געזאָגט צו זיי: זעט אויף וועלכע וועגן איר זענט געגאַנגען און טוט תשובה, ווי עס שטייט דאָרט:** שובי — קער זיך אום, יונגפרוי פון ישראל; „**און גלייך נאָך דעם וועט איר זיך אומקערן צו אייערע שטעט**", **ווי עס שטייט דאָרט ווייטער:** שובי — קער זיך אום צו דידאָזיקע שטעט דיינע.

נה

(כ) ראה, ה׳ — זע, גאָט, ווי מיר איז ענג, מיינע אינגעווייד ברענען. **ר׳ חייא בר חנינא האָט געזאָגט: ער האָט געמאַכט פון זיי קנוילן און קנוילן [1].** **ר׳ שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: ער האָט געמאַכט פון זיי פאַרהאַרטע־ווערע שטיקער.**

נהפך — מיין האַרץ איז געוואָרן איבערגעקערט אין מיר, — **פאַרוואָס?** ווייל ווידערשפּעניקן האָב איך ווידערשפּעניקט. אין דרויסן פאַרלענדט די שווערד, אין הויז איז ווי דער טויט, **דאָס איז וואָס משה האָט געזאָגט** (דברים לב, כה): מחוץ — אין דרויסן וועט פאַרלענדן די שווערד, און אין די קאַמערן די אימה.

נו

(כא) שמעו — זיי האָבן געהערט ווי איך זיפץ. **ר׳ יהושע האָט געטייטשט דעם פּסוק אויף אהרנען: דו געפינסט, אַז בעת אהרן איז געשטאָרבן, זיינען אָפּגענומען געוואָרן די וואָלקנס פון [גאָטס] כבוד [1], און גאַנץ ישראל האָט זיך צונויפגעקליבן אים צו באַקלאָגן. זיי האָבן געזאָגט: „משה טרויערט און אלעזר טרויערט, טאָ ווער קען ניט טרויערן?" וואָס שטייט דאָרט גע־שריבן גלייך נאָכדעם?** (במדבר כא, א) וישמע — און געהערט האָט דער כנעני, דער מלך פון ערד [2], **און ווייטער שטייט:** וילחם — און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישראל און געפאַנגען פון זיי געפאַנגענע. **און די רבנן טייטשן דעם פּסוק אויפן חורבן פון בית המקדש: דו געפינסט, אַז וואו נאָר ישראל האָט געוואָלט אַנטלויפן, פלעגט מען זיי איבערענטפערן [צו זייערע שונאים]. האָבן זיי געוואָלט אַנטלויפן קעגן צפון, האָט מען זיי ניט געלאָזט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (עמוס א, ו): על שלשה — פאַר דריי פאַר־ברעכנס פון עזה, — פאַר פיר וועל איך עס ניט צוריקהאַלטן: פאַר זייער פאַרטרייבן אַ גאַנצע געפאַנגענשאַפט, כדי איבערצוענטפערן צו אדום. **האָבן זיי געוואָלט אַנטלויפן קעגן מזרח, האָט מען זיי ניט געלאָזט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט, פּסוק ט): על שלשה — פאַר דריי פאַרברעכנס פון צור, — פאַר פיר וועל איך עס ניט צוריקהאַלטן: פאַר זייער איבער־

**שכינה עמהם, דכתיב** (זכריה ט׳): ועוררתי בניך, ציון, על בניך, יון, **וכתיב בתריה**: וה׳ עליהם יראה, **וגו׳. לכך כתיב**: דרך הלכתי. **ד״א**: שיתי לבך למסלה, דרך הלכת. — **אמר להם ירמיה**: **„ראו באלו דרכים הלכתם ועשו תשובה", דכתיב** (ירמיה ל״א): שובי, בתולת ישראל, **„ומיד אתם חוזרין לעריכם", דכתיב** (שם): שובי אל עריך אלה.

נה

(כ) ראה, ה׳, כי צר לי, מעי חמרמרו. **ר׳ חייא בר חנינא אמר: עשאן מורות מורות. רבי שמואל בר נחמני אמר: עשאן גושין גושין.**

(כ) נהפך לבי בקרבי, — **למה?** כי מרו מריתי. מחוץ שכלה חרב, בבית כמות, **זה שאמר משה** (דברים ל״ב): מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה.

נו

(כא) שמעו כי נאנחה אני. **ר׳ יהושע פתר קרייה באהרן: את מוצא, בשעה שמת אהרן, הוברחו ענני כבוד, ונתקבצו כל ישראל לספדו. אמרו: „משה אבל ואלעזר אבל, ומי לא יתאבל?" מיד מה כתיב תמן?** (במדבר כ״א): וישמע הכנעני מלך ערד, **וכתיב**: וילחם בישראל וישב ממנו שבי. **ורבנן פתרין קרייה בחורבן בית המקדש. את מוצא, שכל מקום שבקשו ישראל לברוח, היו מסגירין אותן: בקשו לברוח כלפי צפון, ולא הניחום; הה״ד** (עמוס א׳): על שלשה פשעי עזה ועל ארבעה לא אשיבנו: על הגלותם גלות שלמה להסגיר לאדום. **בקשו לברוח כלפי מזרח, ולא הניחום; הה״ד** (שם): על שלשה פשעי צור ועל ארבעה לא אשיבנו: על הסגירם גלות שלמה לאדום, ולא זכרו ברית אחים.

---

ענטפערן אַ גאַנצע געפאַנגענשאַפט צו אדום, און ניט געדענקט דעם בונד פון ברידער. **האָבן זיי געוואָלט אַנטלויפן קעגן מערב, האָט מען זיי ניט געלאָזט, ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה כא, יג): משא בערב — אַ נבואה

---

איך בין געשיקט געוואָרן, **אנשטאט** שילחתי, איך האָב געשיקט. [6] **דער רד״ל הייסט דאָ צוגעבן, לויט אַנדערע ספרים, דעם פאָלגנדן טעקסט: זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן קיין אדום, — די שכינה מיט זיי, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה סג, א): מי זה — ווער איז דער וואָס קומט פון אדום?.

[1] חמורות — חמרמרו. **לויטן רד״ל און לויט בובער דאַרף מען דאָ אנשטאט** מורות **לייענען** חמורות, **הויפנס, הורבעס.**

[1] **זע** שמות מ, לה. [2] **אַז ישראל איז אין טרויער, און ער האָט עס אויסגענוצט.**

אויף אַראַביע: אין אַ וואַלד וועט איר נעכטיקן אין אַראַביע, איר קאַראַ־
וואַנען — — —[3].

(כא) כי אתה — ווייל דו האָסט עס געטאָן. ס'איז אַ משל מיט אַ מלך
וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ מאַטראָנע. האָט ער איר אָנגעזאָגט: „רעד
ניט מיט דיינע חברטעס; ליי ניט פון זיי און אַנטליי זיי גאָרניט". אין
אַ צייט אַרום איז דער מלך בייז געוואָרן אויף איר און האָט זי אַרויסגעטריבן
פון פּאַלאַץ. איז זי אַרומגעגאַנגען צווישן אַלע אירע שכנות, אָבער זיי האָבן
זי ניט אויפגענומען. און זי האָט זיך אומגעקערט צום פּאַלאַץ. האָט דער מלך
געזאָגט צו איר: „ביסט אָן בושה!"[4] האָט די מאַטראָנע געזאָגט צום
מלך: „מיין האַר! ווען איך וואָלט זיי אַנטליען זאַכן און פון זיי געליען,
און איך וואָלט געהאַט מיין אַרבעט ביי זיי און זיי וואָלטן געהאַט זייער אַר־
בעט ביי מיר, וואָלטן זיי מיך ניט אויפגענומען?" אזוי האָט הקדוש־ברוך־
הוא געזאָגט צו ישראל: „איר זענט אָן בושה!"[5] האָבן זיי געזאָגט פאַר
אים: „האַר פון דער וועלט! האָסטו ניט אַריינגעשריבן אין דיין תורה
(דברים ז, ג): ולא תתחתן — און דו זאָלסט זיך ניט מתחתן זיין מיט זיי;
דיין טאָכטער זאָלסטו ניט געבן צו זיין זון, און זיין טאָכטער זאָלסטו ניט
נעמען פאַר דיין זון? ווען מיר וואָלטן זיי געליען און פון זיי גענומען, און
זיי פון אונדז, און זיין טאָכטער וואָלט געוועזן ביי מיר, אָדער מיין טאָכטער
ביי אים, וואָלטן זיי מיך ניט אויפגענומען? הייסט עס, אַז דו האָסט עס געטאָן".

(כא) הבאת — הלוואי וואָלסטו געבראַכט דעם טאָג וואָס דו האָסט אָנ־
געזאָגט, און זאָלן זיי זיין ווי איך אין דער צרה, אָבער ניט ווי איך אין
דער הרחבה.

נז

(כב) תבא — זאָל קומען גאָר זייער בייז פאַר דיר! און טו צו זיי אזוי
ווי דו האָסט געטאָן צו מיר: ברענג אויף זיי וואָס דו האָסט געבראַכט אויף
מיר; רעכן זיך מיט זיי אזוי ווי דו האָסט זיך גערעכנט מיט מיר; ועולל
למו — און פּליק אַרום זייערע רעשטלעך[1], ווי דו האָסט אַרומגעפּליקט
מיינע רעשטלעך.

כי רבות — ווייל אַסך זיינען מיינע זיפצן, און מיין האַרץ איז צעווייטאָקט.
דו געפינסט, אַז מיט דעם וואָס יידן האָבן געזינדיקט, מיט דעם זיינען זיי
געשטראָפט געוואָרן און מיט דעם ווערן זיי געטרייסט.

זיי האָבן געזינדיקט מיט ראש, קאָפּ, זיינען זיי געשטראָפט געוואָרן מיט
ראש, און זיי ווערן געטרייסט מיט ראש. זיי האָבן געזינדיקט מיט ראש, ווי
עס שטייט געשריבן (במדבר יד, ד): נתנה ראש — לאָמיר מאַכן אַ ראש
און זיך אומקערן קיין מצרים; זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט ראש, ווי
עס שטייט געשריבן (ישעיה א, ה): כל ראש — יעדער קאָפּ איז קראַנק;

[3] די באַצייכענונגען פון ישראלס אַנטלויף ערטער שטימען ניט מיט דער געאָגראַפישער
לאַגע פון ארץ ישראל און די שכנותדיקע לענדער. עזה געפינט זיך אין דרום־מערב פון
ארץ ישראל, צור — אין צפון־מערב, און ערב (אַראַביע) אין דרום־מזרח. דער רד"ל

בקשו לברוח כלפי מערב ולא הניחום, דכתיב (ישעיה כ״א): משא בערב, ביער בערב תלינו ארחות, וגו׳.

(כא) כי אתה עשית. משל למלך שנשא למטרונה. אמר לה: „אל תשיחי עם חברותיך ואל תשאלי מהן ואל תשאילי להן״. לימים כעס עליה המלך וטרדה חוץ לפלטין. וחזרה על כל שכינותיה, ולא קבלו אותה, וחזרת לפלטין. אמר לה המלך: „אקשית אפיך״. אמרה המטרונה למלך: „אדוני! אילולי הייתי משאילה להן ושואלת מהן מנא, והוה עבידתי גבה או עבידתה גבי, לא הוון מקבלין לי?״ כך אמר הקב״ה לישראל: „אקשיתון אפיכון״. אמרו לפניו: „רבון העולמים! לא כתבת בתורתך (דברים ז׳): ולא תתחתן בם, בתך לא תתן לבנו ובתו לא תקח לבנך? אילולי הוינן משאילין להון ונסבון מינהון ואינון מינן, והוית ברתיה גבי, או ברתי גביה, לא הוו מקבלים לי? הוי כי אתה עשית.

(כא) הבאת יום קראה, ויהיו כמוני בצרה, ולא כמוני ברוחה.

נז

(כב) תבא כל רעתם לפניך ועולל למו: אייתי עליהון מן דאייתית עלי; דקדק עליהן מה דדקדקת עלי; ועולל למו, — קטיף עוללתיהון כמה דקטפת עוללתי.

(כב) כי רבות אנחותי, ולבי דוי. את מוצא, שבדבר שחטאו ישראל, בו לקו ובו מתנחמים.

חטאו בראש ולקו בראש ומתנחמים בראש. חטאו בראש, דכתיב (במדבר י״ד): נתנה ראש ונשובה מצרימה; ולקו בראש,

---

פאַרריכט דעריבער דעם טעקסט אויפן פאָלגנדן אופן: האָבן זיי געוואָלט אַנטלויפן קעגן מזרח, האָט מען זיי ניט געלאָזט, ווי עס שטייט געשריבן: אַ נבואה אויף ערב — — —; האָבן זיי געוואָלט אַנטלויפן קעגן מערב, האָט מען זיי ניט געלאָזט, ווי עס שטייט געשריבן: פאַר דריי פאַרברעכנס פון צור — — —; האָבן זיי געוואָלט אַנטלויפן קעגן דרום, האָט מען זיי ניט געלאָזט, ווי עס שטייט געשריבן: אויף דריי פאַרברעכנס פון עזה — — —. דערביי גיט נאָך דער רד״ל צו אַ פערטן פסוק: האָבן זיי געוואָלט אַנטלויפן קעגן צפון, האָט מען זיי ניט געלאָזט, ווי עס שטייט געשריבן: אויף דריי פאַרברעכנס פון דמשק — — — (עמוס, דאָרט). לויט בובערס נוסח לייענט זיך דער טעקסט אויפן פאָלגנדן אופן: זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן קיין מזרח — אויף דריי זינד פון דמשק; קעגן מערב — אויף דריי זינד פון עזה; קעגן צפון — אויף דריי זינד פון צור; קעגן דרום — אויף דריי זינד פון אדום. [4] מיט איר אומקערן זיך צוריק אין פּאַלאַץ, נאָכדעם ווי זי איז פאַרטריבן געוואָרן. [5] מיט דעם וואָס זיי קומען צו גאָט נאָך הילף, נאָכדעם ווי ער האָט זיי פאַרטריבן פון זיך.

[1] געדרשנט עולל לויטן וואָרט עוללות, רעשטלעך פרוכט אין ווייַנגאָרטן, נאָכקלייב,

**און זיי ווערן געטרייסט מיט ראש, ווי עס שטייט געשריבן** (מיכה ב, יג): ויעבר — און זייער מלך גייט זיי פאַרויס, און גאָט איז זייער ראש.

**זיי האָבן געזינדיקט מיט אזן, אויער, ווי עס שטייט געשריבן** (זכריה ז, יא): ואזניהם — און זייערע אויערן האָבן זיי געמאַכט שווער צו הערן; **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט אזן, ווי עס שטייט געשריבן** (שמואל א, ג, יא): אשר כל שומעו תצלינה שתי אזניו — אַז איטלעכער וואָס הערט עס וועלן אים קלינגעןביידע אויערן; **און זיי ווערן געטרייסט מיט אזן, ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה ל, כא): ואזניך — און דיינע אויערן וועלן הערן אַ וואָרט פון הינטער דיר, אזוי צו זאָגן: [דאָס איז דער וועג, גייט אויף אים].

**זיי האָבן געזינדיקט מיט עין, אויג, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט ג, טז): כי גבהו — ווייל די טעכטער פון ציון זיינען האָפערדיק און זיי גייען אום מיט אַ פאַרריסן האַלדז און ווינקען מיט די אויגן; **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט עין, ווי עס שטייט געשריבן** (איכה א, טז): עיני — מיין אויג, מיין אויג טוט רינען וואַסער; **און זיי ווערן געטרייסט מיט עין, ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה נב, ח): כי עין בעין — דען אויג אין אויג וועלן זיי זען, ווי גאָט קערט זיך אום קיין ציון.

**זיי האָבן געזינדיקט מיט אף, נאָז, ווי עס שטייט געשריבן** (יחזקאל ח, יז): והנם — און אָט שטרעקן זיי אויס דעם צווייג צו זייער נאָז[2]; **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט אף, ווי עס שטייט געשריבן** (ויקרא כו, מא): אף[3] אני — אויך איך וועל גיין מיט זיי דערווידער; **און זיי ווערן געטרייסט מיט אף, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט, פסוק מד): ואף גם זאת — אָבער אויך מיט דעם אַלעם, ווען זיי וועלן זיין אין דעם לאַנד פון זייערע שונאים, וועל איך זיי ניט פאַראַכטן.

**זיי האָבן געזינדיקט מיט פה, מויל, ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה ט, טז): וכל פה — און יעדעס מויל רעדט שענדלעכקייט; **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט פה, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט פסוק יא): ויאכלו את ישראל בכל פה — און זיי עסן ישראל מיטן גאַנצן מויל; **און זיי ווערן געטרייסט מיט פה, ווי עס שטייט געשריבן** (תהלים קכו, ב): אז ימלא שחוק פינו — דענסמאָל וועט אונדזער מויל פול ווערן מיט געלעכטער.

**זיי האָבן געזינדיקט מיט לשון, צונג, ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה ט, ב): וידרכו את לשונם — און זיי האָבן געשפּאַנט זייער צונג, זייער בויגן פון ליגן; **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט לשון, ווי עס שטייט געשריבן** (איכה ד, ד): דבק לשון יונק — צוגעקלעפּט איז די צונג פון דעם זויגנדיקן צו זיין גומען; **און זיי ווערן געטרייסט מיט לשון, ווי עס שטייט געשריבן** (תהלים קכ״ו,ב): ולשוננו — און אונדזער צונג מיט געזאַנג.

**זיי האָבן געזינדיקט מיט לב, האַרץ, ווי עס שטייט געשריבן** (זכריה ז, יב): ולבם — און זייער האַרץ האָבן זיי געמאַכט [האַרט] ווי קיזלשטיין, פון צו הערן; **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט לב, ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה

**דכתיב** (ישעיה א׳): כל ראש לחלי; **ומתנחמין בראש דכתיב** (מיכה ב׳): ויעבר מלכם לפניהם, וה׳ בראשם.

**חטאו באזן, דכתיב** (זכריה ז׳): ואזניהם הכבידו משמוע; **ולקו באזן, דכתיב** (ש״א, ג׳): אשר כל שמעו תצלינה שתי אזניו; **ומתנחמין באזן, דכתיב** (ישעיה ל׳): ואזניך תשמענה דבר מאחריך לאמר.

**חטאו בעין,** דכתיב (שם ג׳): כי גבהו בנות ציון ותלכנה נטויות גרון ומשקרות עינים; **ולקו בעין, דכתיב:** עיני עיני יורדה מים; **ומתנחמין בעין, דכתיב** (שם נ״ב): כי עין בעין יראו בשוב ה׳ ציון.

**חטאו באף, דכתיב** (יחזקאל ח׳): והנם שולחים את הזמורה אל אפם; **ולקו באף, דכתיב** (ויקרא כ״ו): אף אני אלך עמם בקרי; **ומתנחמין באף, דכתיב** (שם): ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם, **וגו׳.**

**חטאו בפה, דכתיב** (ישעיה ט׳): וכל פה דובר נבלה; **ולקו בפה, דכתיב** (שם): ויאכלו את ישראל בכל פה; **ומתנחמין בפה, דכתיב** (תהלים קכ״ו): אז ימלא שחוק פינו.

**חטאו בלשון, דכתיב** (ירמיה ט׳): וידרכו את לשונם קשתם שקר; **ולקו בלשון, דכתיב:** דבק לשון יונק; **ומתנחמין בלשון, דכתיב** (תהלים, קכ״ו): ולשוננו רנה.

**חטאו בלב, דכתיב** (זכריה ז׳): ולבם שמו שמיר משמוע; **ולקו בלב, דכתיב** (ישעיה א׳): וכל לבב דוי; **ומתנחמין בלב, דכתיב** (שם מ׳): דברו על לב ירושלם.

**חטאו ביד, דכתיב** (שם א׳): ידיכם דמים מלאו; **ולקו ביד, דכתיב:** ידי נשים רחמניות; **ומתנחמים ביד, דכתיב** (שם י״א): יוסיף ה׳ שנית ידו.

---

א, ה): וכל לבב און יעדעס האַרץ איז צעווייטאָקט; **און זיי ווערן געטרייסט מיט לב, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט מ, ב): דברו על לב ירושלים — רעדט צום האַרצן פון ירושלים.

**זיי האָבן געזינדיקט מיט יד, האַנט, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט א, טו): ידיכם — אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט; **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט יד, ווי עס שטייט געשריבן** (איכה ד, י): ידי — די הענט

---

דאָ: קינדער, אַלטע און שוואַכע. [2] אַ פאָרם פון געצנדינסט. [3] אף, אַ נאָז — אף,

פון באַרמהאַרציקע פרויען [האָבן געקאָכט זייערע קינדער]; **און זיי ווערן געטרייסט מיט** יד, **ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה יא, א): יוסיף אדני שנית ידו — ווידער וועט גאָט אויסשטרעקן זיין האַנט [אויסצוקויפן דעם איבערבלייב פון זיין פאָלק].

**זיי האָבן געזינדיקט מיט** רגל, פוס, **ווי עס שטייט געשריבן** (משלי א, טז): רגליהם — זייערע פיס לויפן צו בייז; **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט** רגל, **ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה יג, טז): ובטרם יתנגפו רגליכם — און איידער אייערע פיס וועלן זיך צעקלאַפּן אויף די נאַכטיקע בערג; **און זיי ווערן געטרייסט מיט** רגל, **ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה נב, ז): מה נאוו על ההרים רגלי מבשר — ווי שיין זיינען אויף די בערג די פיס פון דעם בשורה ברענגער.

**זיי האָבן געזינדיקט מיט** הוא, ער, **ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה ה, יב): כחשו בה׳ ויאמרו: לא הוא — זיי האָבן געלייקנט אין גאָט און געזאָגט: ניט ער איז עס; **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט** הוא, **ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה סג, י): ויהפך להם לאויב, הוא נלחם בם — און ער איז זיי געוואָרן אַ פיינט, ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט זיי; **און זיי ווערן געטרייסט מיט** הוא, **ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט נא, יב): אנכי, אנכי הוא מנחמכם — איך, איך בין אייער טרייסטער.

**זיי האָבן געזינדיקט מיט** זה, דער, **ווי עס שטייט געשריבן** (שמות לב, א): כי זה — ווארום דערדאָזיקער מאַן משה[4]; **זיי זיינען באַשטראָפט געוואָרן מיט** זה, **ווי עס שטייט געשריבן** (איכה ה, יז): על זה — איבער דעם איז צעוויטאָקט [אונדזער האַרץ]; **און זיי ווערן געטרייסט מיט** זה, **ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה כה, ט): הנה אלהינו זה — זע, דאָס איז אונדזער גאָט, וואָס מיר האָבן געהאָפט צו אים.

**זיי האָבן געזינדיקט מיט** אש, פייער, **ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה ז, יח): הבנים מלקטים את עצים והאבות מבערים את האש — די קינדער קלייבן האָלץ און די פאָטערס צינדן אָן דאָס פייער[5]; **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט** אש, **ווי עס שטייט געשריבן** (איכה א, יג): ממרום שלח אש — פון דער הייך האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ פייער; **און זיי ווערן געטרייסט מיט** אש, **ווי עס שטייט געשריבן** (זכריה ב, ט): ואני אהיה לה, נאם ה׳, חומת אש — און איך וועל איר זיין, זאָגט גאָט, אַ מויער פון פייער אַרום און אַרום.

**זיי האָבן געזינדיקט מיט** יש, פאַראַן, **ווי עס שטייט געשריבן** (שמות יז, ז): היש ה׳ — איז פאַראַן גאָט צווישן אונדז? **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט** יש, **ווי עס שטייט געשריבן** (איכה א, יב): אם יש — צי איז פאַראַן אַ ווייטאָק ווי מיין ווייטאָק? **און זיי ווערן געטרייסט מיט** יש, **ווי עס שטייט געשריבן** (משלי ח, כא): להנחיל אוהבי יש — איינצוטיילן מיינע ליבהאָבער איז פאַראַן, און זייערע שאַצקאַמערן וועל איך אָנפילן.

**חטאו** ברגל, **דכתיב** (משלי א׳): כי רגליהם לרע ירוצו; **ולקו** ברגל, **דכתיב** (ירמיה י״ג): ובטרם יתנגפו רגליכם על הרי נשף; **ומתנחמין** ברגל, **דכתיב** (ישעיה נ״ב): מה נאוו על ההרים רגלי מבשר.

**חטאו** בהוא, **דכתיב** (ירמיה ה׳): כחשו בה׳ ויאמרו: לא הוא; **ולקו** בהוא, **דכתיב** (ישעיה ס״ג): ויהפך להם לאויב, והוא נלחם בם; **ומתנחמין** בהוא, **דכתיב** (שם נ״א): אנכי אנכי הוא מנחמכם.

**חטאו** בזה, **דכתיב** (שמות ל״ב): כי זה משה האיש; **ולקו** בזה, **דכתיב**: על זה היה דוה; **ומתנחמין** בזה, **דכתיב** (ישעיה כ״ה): הנה אלהינו זה קוינו לו.

**חטאו** באש, **דכתיב** (ירמיה ז׳): הבנים מלקטים עצים והאבות מבערים את האש; **ולקו** באש, **דכתיב**: ממרום שלח אש; **ומתנחמין** באש, **דכתיב** (זכריה ב): ואני אהיה לה, נאם ה׳ חומת אש סביב.

**חטאו** ביש, **דכתיב** (שמות י״ז): היש ה׳ בקרבנו; **ולקו** ביש, **דכתיב**: אם יש מכאוב כמכאובי; **ומתנחמין** ביש, **דכתיב** (משלי ח׳): להנחיל אוהבי יש, ואוצרותיהם אמלא.

**חטאו** בכפלים, **דכתיב**: חטא חטאה ירושלם; **ולקו** בכפלים, **דכתיב** (ישעיה מ׳): כי לקחה מיד ה׳ כפלים בכל חטאתיה; **ומתנחמים** בכפלים, **דכתיב** (שם): נחמו נחמו עמי, יאמר אלהיכם.

סליק אלפא ביתא קדמאה

---

**זיי האָבן געזינדיקט** מיט כפלים, טאָפּל, **ווי עס שטייט געשריבן** (איכה א, ח): חטא חטאה [6] — זינד האָט געזינדיקט ירושלים; **זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט** כפלים, **ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה מ, ב): כי לקחה מיד ה׳ כפלים — דען זי האָט געקראָגן פון גאָטס האַנט טאָפּל פאַר אַלע אירע זינד; **און זיי ווערן געטרייסט** מיט כפלים, **ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט פסוק א): נחמו, נחמו — טרייסט, טרייסט מיין פאָלק, זאָגט אייער גאָט.

---

אויך. [4] דאָרט רעדט זיך וועגן דעם גאָלדענעם קאַלב וואָס זיי האָבן געמאַכט, ווען משה האָט זיך פאַרזאמט אויפן באַרג סיני. [5] מקריב צו זיין קרבנות צו דער עבודה זרה.

[6] חטא חטאה — טאָפּל, און אזוי אויך ווייטער — נחמו, נחמו.

גענדיקט דער ערשטער אלף בית

# פרשה ב

## א

[עס שטייט געשריבן] (איוב ל, טו): ההפך — עס קערן זיך אויף מיר שרעקענישן. ר׳ חנינא האָט געזאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „פאַרצייטן פלעג איך אָנוואַרפן אַ בהלה [1] אויף אַנדערע, ווי דער פסוק זאָגט (אסתר ו, יד): ויבהילו — און זיי האָבן אין איילעניש געבראַכט המנען; און נאָך אַ פסוק זאָגט (יחזקאל כו, כא): בלהות — צו בהלה וועל איך דיך איבערגעבן, און דו וועסט מער ניט זיין [2]; און ווידער זאָגט אַ פסוק (שמות טו, טו): אז נבהלו — דענסמאָל זיינען צעשראָקן געוואָרן די פירשטן פון אדום. אָבער איצט קערט זיך עס אויף מיר". ר׳ אחא האָט געזאָגט: [עס איז געגליכן] צו אַ שטיק פון אַ זייל, וואָס האָט זיך געקייקלט אויף אַן אָפן פלאַץ, ביז עס האָט זיך אָנגעשטויסן [3] אָן אַ שטיינדל און זיך פאַרהאַלטן; אזוי [שטייט געשריבן] (תהלים פח, ח): עלי — אויף מיר האָט זיך אָנגעלייגט דיין צאָרן.

(איוב, דאָרט) תרדף — דו יאָגסט ווי אַ ווינט מיין הערלעכקייט, — מענטשן וואָס זיינען אײדלהאַרציק [4] און זיינען ראוי, אַז דורך זיי זאָל מיין גאולה קומען, זיי יאָגסטו ווי אַ ווינט; וכעב — און ווי אַ וואָלקן איז אַריבער מיין הילף, — מענטשן וואָס זיינען אײדלהאַרציק און זיינען ראוי, אַז דורך זיי זאָל מיין ישועה קומען, זיי פאַרשטויסטו און לאָזסט זיי פאַרבייגיין ווי די וואָלקנס, ווי דער פסוק זאָגט: (א) איכה יעיב — ווי האָט גאָט פאַרוואָלקנט אין זיין צאָרן די טאָכטער פון ציון!

און ווידער שטייט אין פסוק (דברים ח, כ): כגויים — אזוי ווי די פעלקער וואָס גאָט ברענגט אום פון פאַר אייך, [אזוי וועט איר אונטערגיין], דאָס מיינט צו זאָגן: אזוי ווי יענע זיינען אונטערגעגאַנגען דורך אַ כוהן און אַ נביא [5], אזוי אויך די — דורך אַ כוהן און אַ נביא [6]; און אזוי ווי יענע [זיינען אונטערגעגאַנגען] דורך שופר און שאַלונג, אזוי אויך די — דורך שופר און שאַלונג [7]; און אזוי ווי יענע [זיינען געבליבן נאָר] מיט פערצן [פעלקער], ווי דער פסוק זאָגט (עזרא ד, ט־י): דיניא — דינאָער, און אפאַרסאתכאָער, טאַרפעלאָער, אפאַרסאָער, ארכעוואָער, בבלער, שושאַנכאָער, דעהאָיער, עילמאָער, און די איבעריקע אומות, וואָס דער גרויסער און ווערדיקער אָסנאַפּאַר האָט פאַרטריבן [8], מיינט עס צו זאָגן, אַז אויך די [וועלן בלייבן] מיט פערצן [שטעט], ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה יז, ט): ביום ההוא — אין יענעם טאָג וועלן זיינע באַפעסטיקטע שטעט זיין ווי די

# פרשה ב

## א

ההפך עלי בלהות (איוב ל׳). א״ר חנינא: אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „לשעבר הייתי אני מבהלת לאחרים, כמד״א (אסתר ו׳): ויבהילו להביא את המן; וכתוב אחד אומר (יחזקאל כ״ו): בלהות אתנך ואינך; ואומר (שמות ט״ו): אז נבהלו אלופי אדום. ועכשיו הפוכה עלי״. א״ר אחא: לחוליא של עמוד, שהיתה מתהפכת בתוך הפלטייא והטיסה בצרור ונסמכה, כך (תהלים פ״ח): עלי סמכה חמתך.

(איוב שם) תרדף כרוח נדיבתי, — בני אדם, שהם נדיבים וראויין לבא לי גאולה על ידיהם, את מרדפן כרוח; וכעב עברה ישועתי, — בני אדם, שהם נדיבים וראויים לבא לי ישועה על ידיהם, את מסיטן ומעבירן כעבים, שנאמר: (א) איכה יעיב באפו ה׳ את בת ציון.

וכתיב (דברים ח׳): כגוים אשר ה׳ מאביד מפניכם, תאמר: מה אלו בכהן ונביא, אף אלו בכהן ונביא; ומה אלו בשופר ובתרועה, כך אלו בשופר ובתרועה; ומה אלו בארבעה עשר, שנא׳ (עזרא ד׳): דיניא ואפרסתכיא, טרפליא, אפרסיא, ארכויא, בבליא, שושנכיא, דהיא, עלמיא, ושאר אומיא די הגלי אסנפר רבא ויקירא, תאמר: אף אלו בארבעה עשר, דכתיב (ישעיה י״ז): ביום ההוא יהיו ערי מעוזו כעזובת החורש והאמיר. מהו האמיר?

---

[1] בהלה — בלהות. [2] דאָרט רעדט זיך וועגן חורבן צור. [3] ווערטערלעך — אַריינגעפּלויגן; בובער הייסט לייענען אַנשטאָט והטיסה — והטיחה, און עס האָט זיך אָנגעקלאַפּט. [4] נדיבים, וואָרטשפּיל אויף נדיבתי, מיין הערלעכקייט. [5] אַ רמז אויף יריחו, וואָס איז געפאַלן דורך דעם, וואָס יהושע, אַ נביא, האָט געהייסן די כוהנים בלאָזן שופר (מהרז״ו). [6] דורך די רייד פון ירמיה, וואָס איז געווען אי נביא, אי כוהן. [7] ירמיה ד, יט: ווארום אַ קול פון שופר האָסטו געהערט, מיין זעל, אַ שאַלונג פון מלחמה. [8] פאַקטיש ווערן דאָ אויסגערעכנט נאָר ניין פעלקער. צו זיי רעכנט אָבער דער בעל המדרש צו פון אָנהייב פונעם זעלבן פסוק ושאר כנותהוון — און זייערע איבעריקע חברים, איז איינס, און פון פסוק י ושאר אומיא — און די איבעריקע אומות, — צוויי (ווייל אין מערצאָל), איז צוזאַמען דריי, ושאר עברי נהרא — און די איבעריקע פון יענער זייט

פאַרלאָזענע ערטער אין די וועלדער און אויף די באַרגשפּיצן (והאמיר). וואָס מיינט והאמיר? ר׳ פּינחס האָט געזאָגט: „ווי איך האָב געזאָגט״ [9]. ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: [והאמיר מיינט] „ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה״, דען עס שטייט געשריבן: כגויים — אַזוי ווי די פעלקער וואָס גאָט ברענגט אום פון פאַר אייך, מיינט עס צו זאָגן: אַזוי ווי יענע [זיינען אונטערגעגאַנגען] דורכן איינפאַלן פון דער מויער, ווי עס שטייט געשריבן (יהושע ו, כ): ותפל החומה — און די מויער איז איינגעפאַלן אונטער זיך, אַזוי אויך די — דורכן איינפאַלן פון דער מויער [10]; אַזוי ווי יענע [האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן] אין די וואָלקנס, ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה ד, כט): באו בעבים — זיי זיינען אַריין אין די וואָלקנס [11] און צווישן פעלזן, אַזוי אויך די — אין וואָלקנס: איכה — ווי האָט גאָט פאַרוואָלקנט אין זיין צאָרן די טאָכטער פון ציון [12].

ב

(א) איכה — ווי האָט גאָט פאַרוואָלקנט אין זיין צאָרן די טאָכטער פון ציון. ר׳ חמא דער זון פון ר׳ חנינא האָט געזאָגט: „ווי האָט גאָט אין זיין כעס פאַרמשפּט די טאָכטער פון ציון!״ — פאַראַן אַן אָרט, וואו אנשטאט חייבא, אַ פאַרמשפּטער, זאָגט מען עייבא [1]. ר׳ שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: „ווי האָט גאָט אין זיין כעס צעוויטאָקט״: פאַראַן אַן אָרט, וואו אנשטאט כיבא, וויטאָק, זאָגט מען עייבא [2]. און די רבנן זאָגן: „ווי האָט גאָט אין זיין כעס פאַרוויסט [3] די טאָכטער פון ציון״.

(א) השליך — ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון הימל צו דער ערד די הערלעכקייט פון ישראל. ר׳ הונא און ר׳ אחא האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ חנינא דעם זון פון ר׳ אבהו: ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ זון. אַז ער האָט געוויינט, האָט ער אים גענומען אויף זיינע קני; האָט ער ווידער געוויינט, האָט ער אים גענומען אויף זיינע אָרעמס; האָט ער אַלץ געוויינט, האָט ער אים גענומען רייטן אויף זיינע אַקסלען. אַז ער האָט אָנגעמאַכט אויף אים, האָט ער אים גלייך אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד. און זיין דערנידערונג איז ניט געווען ווי זיין דערהייבונג: זיין דערהייבונג איז געווען צוביסלעך, אָבער זיין דערנידערונג איז געווען אינגאַנצן מיטאַמאָל. אַזוי [איז געשען מיט ישראל] (הושע יא, ג): ואנכי — און איך האָב געלערנט גיין אפרים, גענומען אים אויף זיינע [4] אָרעמס; און נאָכדעם (דאָרט י, יא): ארכיב — איך וועל מאַכן רייטן אפרים, זאָל יהודה אַקערן, זאָל זיך יעקב בראָנעווען; און נאָכדעם: השליך — ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון הימל צו דער ערד די הערלעכקייט פון ישראל.

אַן אַנדער פּשט: השליך — ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון הימל צו דער ערד די הערלעכקייט פון ישראל, — ר׳ יהושע דער זון פון ר׳ נחמן האָט געזאָגט: ס׳איז אַ משל מיט די איינוואוינער פון אַ מדינה, וואָס האָבן גע־

טייך — איינס, איז פיר, וכענת — און כענת (פאַרשטאַנען ווי אַ נאָמען פון אַ פאָלק, — זע אבן עזרא און רש״י אויפן פסוק) — איינער איז פינף, און צוזאַמען מיט די ניין —

ר׳ פנחס אמר: „כדאימרי״. ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: כאמור בתורה, דכתיב: כגוים אשר ה׳ מאביד מפניכם, תאמר: מה אלו בנפילת החומה, דכתיב (יהושע ו׳): ותפל החומה תחתיה, אף אלו בנפילת חומה; מה אלו בעבים, דכתיב (ירמיה ד): באו בעבים ובכפים, אף אלו בעבים: איכה יעיב באפו.

ב

(א) איכה יעיב באפו ה׳ את בת ציון. א״ר חמא בר ר׳ חנינא: „איך חייב ה׳ ברוגזיה ית בת ציון!״ — אית אתרא, דצווחין לחייבא עייבא. ר׳ שמואל בר נחמני אמר: „איך כייב ה׳ ברוגזיה!״ — אית אתרא דצווחין לכיבא עייבא. ורבנן אמרין: „איך שיים ה׳ ברוגזיה ית בת ציון!״.

(א) השליך, משמים ארץ תפארת ישראל. ר׳ הונא ור׳ אחא בשם ר׳ חנינא בריה דר׳ אבהו: משל למלך שהיה לו בן. בכה, ונתנו על ארכובותיו; בכה, ונתנו על זרועותיו; בכה, והרכיבו על כתפו. טינף עליו, ומיד השליכו לארץ. ולא הות מחותיתיה כמסוקיתיה: מסוקיתיה ציבחר ציבחר, ומחותיתיה כולא חדא. כך (הושע י״א): ואנכי תרגלתי לאפרים, קחם על זרועותיו; ואחר כך (שם י׳): ארכיב אפרים, יחרוש יהודה, ישדד לו יעקב; ואחר כך השליך משמים ארץ תפארת ישראל.

ד״א: השליך משמים ארץ תפארת ישראל. — א״ר יהושע בר׳ נחמן: משל לבני מדינה, שעשו עטרה למלך. הקניטוהו, וסבלן; הקניטוהו וסבלן. אחר כך אמר להם המלך: „כלום

---

פערצן (מתנות כהונה). [9] ווי ישעיה, הייסט עס, האָט געזאָגט אויבן אין פסוק ו: ונשאר בו — און עס וועט בלייבן אויף אים — — — צוויי־דריי קערלעך ביים שפּיץ צווייג, פיר־פינף אויף אירע צווייגן, צוזאַמען פערצן (זע אויבן, פתיחתא ל). [10] איכה ב, ט: איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד זיינען אירע טויערן. [11] אויף די הויכע באַרגשפּיצן, צו אַנטלויפן פאַרן שונא. [12] דער לעצטער דרש איז אַ ביסל קשה, ווייל אין פסוק באו בעבים, ירמיה, רעדט זיך גראַד וועגן דער שטראָף וואָס קומט אָן אויף ישראל, ניט אויף אַנדערע פעלקער. דער רד״ל איז דערפאַר מגיה דעם מאמר אויף אַזאַ אופן: אזוי ווי יענע זיינען געשטראָפט געוואָרן דורך וואָלקנס, ווי אין פסוק שטייט (שופטים ה, ד): ה׳ — גאָט, אַז דו ביסט אַרויס פון שעיר — — — האָבן אויך די וואָלקנס געטריפט וואַסער; אזוי אויך די — דורך וואָלקנס, ווי אין פסוק שטייט: זיי זיינען אַריין אין די וואָלקנס; דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט: איכה — ווי האָט גאָט אין זיין כעס פאַרוואָלקנט. אין בובערס אויסגאַבע איז דערדאָזיקער מאמר אינגאַנצן ניטאָ.

[1] פאַרבייטנדיק אַ חית אויף אַן עין; וואָרטשפּיל אויף יעיב. [2] פאַרבייטנדיק אַ כף אויף אַ חית און אַ חית אויף אַן עין (זע רמב״ן, דברים ב, כג). [3] לויטן יפה ענף — בלינד געמאַכט, פון סומא, אַ בלינדער, און דאָס איז אַ דירעקטע דערקלערונג אויף פאַר־וואָלקנט. [4] זע רש״י און רד״ק אויף דעם פסוק, וואָס טייטשן עס: אויף משהס אָרעמס.

מאַכט אַ קרוין פאַרן מלך. האָבן זיי אים דערצערנט, און ער האָט זיי גע־דולדעט; זיי האָבן אים דערצערנט, און ער האָט זיי געדולדעט. נאָכדעם האָט דער מלך געזאָגט צו זיי: „איר דערצערנט מיך דאָך נאָר איבער דער קרוין וואָס איר האָט מיר אָנגעטאָן, — נאַט אייך, איך וואַרף זי אייך אין פּנים אַריין!" אזוי האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו ישראל: „איר דערצערנט מיך דאָך נאָר איבער דעם געשטאַלט פון יעקבן, וואָס איז אויסגעקריצט אויף מיין כסא הכבוד, — נאַט אייך, איך וואַרף עס אייך אין פּנים אַריין!" דאָס איז — ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון הימל צו דער ערד [די הערלעכ־קייט פון ישראל].

ג

(א) ולא זכר הדום רגליו — און ער האָט ניט געדענקט זיין פוסבענקל. ר' חנינא בר יצחק האָט געזאָגט: הקדוש־ברוך־הוא געדענקט ניט יענס בלוט[1] פון צווישן דעם זקנס פיס, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יז, כד): ואברהם — און אברהם איז אַלט געווען ניין און ניינציק יאָר, ווען ער איז געמלט געוואָרן אין דעם לייב פון זיין פאָרהויט. ר' יודן האָט געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו אַ מלך, וואָס האָט געכאַפּט זיינע שונאים און זיי געהרגעט, און די מענטשן פון דער מדינה האָבן זיך געפּאַרבט מיט זייער בלוט[2]. איינמאָל האָבן זיי אים דערצערנט, האָט ער זיי אַרויסגעשטויסן פון פּאַלאַץ. האָבן זיי געזאָגט: „דער מלך געדענקט אונדז ניט יענס בלוט, ווי מיר האָבן זיך געפּאַרבט מיטן בלוט פון זיינע שונאים". אזוי האָט יש־ראל געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: „דו געדענקסט אונדז ניט יענס בלוט פון מצרים", ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, ז): ולקחו — און זיי זאָלן נעמען פון דעם בלוט און אַרויפטאָן אויף ביידע ביישטידלעך און אויף דעם אויבערשטן. אַן אַנדער פּשט: און ער האָט ניט געדענקט זיין פוסבענקל, — דאָסדאָזיקע פוסבענקל איז ניט אַנדערש, נייערט דער בית המקדש; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (תהלים צט, ה): רוממו — דערהויבט גאָט אונדזער האַר און בוקט זיך צו זיין פוסבענקל — הייליק איז ער.

(א) ביום אפו — אין טאָג פון זיין צאָרן, — ר' אחא האָט געזאָגט: אויף איין טאָג האָט געברענט דער גרימצאָרן פון הקדוש־ברוך־הוא; ווען ישראל וואָלט תשובה געטאָן, וואָלטן זיי אים אָפּגעקילט[3].

(יחזקאל ט, א): ויקרא — און גערופן האָט אין מיינע אויערן אַ הויך קול אזוי צו זאָגן: מאַכט גענענען די רעכענונג[4] פון דער שטאָט, און יעדערן מיט זיין צעשטערגעצייג אין זיין האַנט. ביז ווען האָט די [רעכענונג פאַר דער] זינד פונעם עגל הזהב אָנגעהאַלטן? ר' ברכיה — און אַנדערע זאָגן: ר' נחמיה בן אלעזר [האָט געזאָגט]: ביז די קעלבער פון ירבעם בן נבט[5]; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (הושע ז, א): כרפאי — ווען איך וויל היילן ישראל, ווערט אַנטפּלעקט די זינד פון אפרים און די שלעכטס־קייטן פון שומרון, — הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט: „איך בין געקומען אויסהיילן ישראל פונעם חטא פון עגל, זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן די שלעכטס־

אתם מקניטין אותי, אלא בעבור עטרה שעטרתם לי; הא לכון, טרון באפיכון!" כך אמר הקב"ה לישראל: „כלום אתם מקניטין אותי, אלא בשביל איקונין של יעקב שחקוקה על כסאי; הא לכון, טרון באפיכון!" הוי — השליך משמים ארץ, וגו'.

ג

(א) ולא זכר הדום רגליו. א"ר חנינא בר יצחק: אין הקב"ה זוכר אותו הדם של בין רגליו של זקן, שנא' (בראשית י"ז): ואברהם בן תשעים ותשע שנה בהמולו בשר ערלתו. א"ר יודן: למלך שתפש את שונאיו, והרגן; והיו בני המדינה מפרכסין בדם שונאיו. פעם אחת הקניטוהו, ודחפן והוציאן חוץ לפלטין. אמרו: „אין המלך נזכר לנו אותו הדם, שהיינו מפרכסין בדם שונאיו". כך אמרו ישראל לפני הקדוש-ברוך-הוא: „אין את נזכר לנו אותו הדם שבמצרים", שנא' (שמות י"ב): ולקחו מן הדם ונתנו על שתי המזוזות ועל המשקוף. ד"א: ולא זכר הדום רגליו, אין הדום זה, אלא בית המקדש; הה"ד (תהלים צ"ט): רוממו ה' אלהינו והשתחוו להדום רגליו, קדוש הוא.

ביום אפו. — א"ר אחא: יום אחד היה חרון אפו של הקב"ה; ואלו עשו ישראל תשובה, פשרו.

(יחזקאל ט') ויקרא באזני קול גדול לאמור: קרבו פקדות העיר, ואיש כלי משחתו בידו. עד היכן חטאו של עגל קיים? ר' ברכיה, ואמרי לה ר' נחמיה בן אלעזר: עד עגליו של ירבעם בן נבט; הה"ד (הושע ז'): כרפאי לישראל, ונגלה עון אפרים ורעות שומרון. אמר הקב"ה: „באתי לרפאות לישראל מחטאו של עגל, ונגלה רעות שומרון". ר' ישמעאל בר נחמני בשם ר' יוחנן אמר: עד חורבן בית המקדש, דכתיב: קרבו פקדות העיר, ואיש כלי משחתו בידו, וכתיב (שמות ל"ב): וביום פקדי ופקדתי עליהם חטאתם.

---

קייטן פון שומרון". ר' ישמעאל בר נחמני האָט אין נאָמען פון ר' יוחנן געזאָגט: ביזן חורבן פון בית המקדש, ווי עס שטייט געשריבן: קרבו — מאַכט גענענען די רעכענונג פון דער שטאָט, און יעדערן מיט זיין צעשטער־געצייג אין זיין האַנט. און עס שטייט געשריבן (שמות לב, לד): וביום

---

[1] געלייענט אנשטאָט הדום, פוסבענקל — הדם (מיט אַ קמץ אונטער דער דלת), דאָס בלוט. [2] צו ווייזן דעם מלך, אַז זיין ניצחון איז זיי טייער. [3] זע פרשה א, סימן מ.
[4] ניט ווי דער אָנגענומענער פשט, נייערט לויט שמות לב, לד: וביום פקדי — און אין

פקדי — און אין דעם טאָג פון מיין רעכענען זיך, וועל איך זיך רעכענען מיט זיי פאַר זייער זינד [6].

**עס שטייט געשריבן** (יחזקאל ט, ב): והנה — און אָט, זעקס מענער קומען פון דעם וועג פון דעם אויבערשטן טויער וואָס איז געקערט צו צפון, און יעדערער מיט זיין ברעכגעצייג אין זיין האַנט, און איין מאַן צווישן זיי אָנגעטאָן אין ליינען מיט אַ שרייבערס טינטער אויף זיינע לענדן, און זיי זיינען געקומען און האָבן זיך געשטעלט לעבן דעם קופּערנעם מזבח. **עס שטייט דאָ** און אָט, זעקס, **אָבער נאָר פינף גזירות זיינען דאָך געווען, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט פסוק ה): ולאלה — און צו יענע האָט ער געזאָגט אין מיינע אויערן: גייט דורך אין שטאָט נאָך אים און שלאָגט; זאָל אייער אויג ניט שוינען, און איר זאָלט זיך ניט דערבאַרימען; **און ווייטער שטייט:** זקן — אַ זקן, אַ בחור און אַ מיידל, און קליינע קינדער און ווייבער זאָלט איר הרגענען צו פאַרטיליקונג? [7] **[אויף דעם] האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: ער האָט עס געזאָגט דעם האַרטסטן פון די מלאכים, גבריאלן** [8], **ווי דער פסוק זאָגט:** ואיש אחד — און איין מאַן צווישן זיי אָנגעטאָן אין ליינען מיט אַ שרייבערס טינטער אויף זיינע לענדן. **אויף דריי זאַכן האָט דערדאָזיקער מלאך געדינט: אַ שרייבער, אַ שטראָף אויספירער און אַ כוהן גדול. אַ שרייבער, ווי אין פסוק שטייט:** מיט אַ שרייבערס טינטער אויף זיינע לענדן; **אַ שטראָף אויספירער, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה לד, ב): החרימם — ער האָט זיי פאַרוויסט, זיי איבערגעגעבן צו דער שחיטה; **און אַ כוהן גדול, ווי דער פסוק זאָגט:** און איין מאַן צווישן זיי אָנגעטאָן אין ליינען, **און ביים כוהן גדול שטייט געשריבן** (ויקרא טז, ד): כתונת בד קדש — אַ הייליק ליינען העמד זאָל ער אָנטאָן.

ואיש — און יעדערער מיט זיין ברעכגעצייג אין זיין האַנט: **זיין כלי־זיין, זיין צעשטערגעצייג און זיין פאַרטרייבגעווער. „זיין כלי־זיין״:** און יעדערער מיט זיין ברעכגעצייג אין זיין האַנט; **„זיין צעשטערגעצייג״, [ווי עס שטייט געשריבן]** (ישעיה כז, ט): בשומו — ווען ער וועט מאַכן אַלע שטיינער פונעם מזבח ווי צעהאַקטע קאַלכשטיינער; **„און זיין פאַרטרייב־געווער״, ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה נא, ב): מפץ — אַ צעשפּרייטער [9] ביסטו מיר, אַ געווער פון מלחמה [10]. **און עס שטייט געשריבן** (יחזקאל, דאָרט): ויבואו — און זיי זיינען געקומען און האָבן זיך געשטעלט לעבן דעם קופּערנעם מזבח, — **ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: ביז צום אָרט פון זיין מחיצה** [11]. **און די רבנן זאָגן: ער איז דאָרט געשטאַנען און דערמאָנט די חטאים פון אחזן, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (מלכים ב, טז, טו): ומזבח הנחשת — און וועגן דעם קופּערנעם מזבח וועל איך נאָכקוקן, — **וואָס מיינט נאָכקוקן? ר׳ פינחס האָט געזאָגט: ער האָט אים געפּסלט און אים געמאַכט פאַר אַ בעל־מום, ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא יג, לו): לא יבקר — דער כוהן דאַרף ניט נאָכקוקן [12].

**[ווייטער שטייט]** (יחזקאל דאָרט, ד): ויאמר ה׳ אליו — און גאָט האָט

**כתיב** (יחזקאל ט׳): והנה ששה אנשים באים מדרך שער העליון אשר מפנה צפונה, ואיש כלי מפצו בידו, ואיש אחד בתוכם לבוש בדים וקסת הסופר במתניו. ויבאו ויעמדו אצל מזבח הנחושת. **כתיב הכא**: והנה ששה, **והלא חמש גזירות הן, דכתיב** (שם): ולאלה אמר באזני: עברו בעיר אחריו והכו, אל תחוס עיניכם ואל תחמולו, **וכתיב** (שם): זקן, בחור ובתולה, וטף ונשים תהרגו למשחית? **א״ר יוחנן: למלאך קשה שביניהם אמר, זה גבריאל, שנאמר** (שם): ואיש אחד בתוכם לבוש בדים וקסת הסופר במתניו. **ג׳ דברים היה אותו מלאך משמש: קסנטור, ספקלטור, וכוהן גדול. קסנטור, דכתיב**: וקסת הסופר במתניו; **ספקלטור, שנא׳** (ישעיה ל״ד): החרימם נתנם לטבח; **וכהן גדול, שנאמר**: ואיש אחד בתוכם לבוש בדים, **וכתיב בכהן** (ויקרא ט״ז): כתונת בד קודש ילבש.

ואיש כלי מפצו בידו: **מאני זייניה, מאני סותורייתה, ומאני גלותיה. מאני זייניה**: ואיש כלי מפצו בידו; **ומאני סיתורייתה** (ישעיה כ״ז): בשומו כל אבני מזבח כאבני גיר מנופצות; **ומאני גלותיה, דכתיב** (ירמיה נ״א): מפץ אתה לי, כלי מלחמה. **וכתיב**: ויבואו ויעמדו אצל מזבח הנחושת, — **ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: עד מקום מחיצתו. ורבנן אמרי: עומד ומזכיר חטאין של אחז, דכתיב ביה** (מ״ב ט״ז): ומזבח הנחושת יהיה לי לבקר, — **מהו** לבקר? **א״ר פינחס: פסלו ועשאו בעלי מומין, כמד״א** (ויקרא י״ג): לא יבקר הכהן.

ויאמר ה׳ אליו: עבור בתוך העיר, בתוך ירושלים, — אלו **כתיב, אמר ר׳ שמעון בן לקיש: למלאך הקשה שבהן אמר, זה**

---

טאָג פון מיין רעכענען זיך, ווי ווייטער. [5] זע מלכים א, יב, כח. [6] און פקודות ווערט דאָ געטייטשט ווי פקדי. [7] יעדער מלאך איז געשיקט געוואָרן צו הרגענען איין עלעמענט פון דער באַפעלקערונג, און דאָ ווערן נאָר אויסגערעכנט פינף אַזעלכע עלעמענטן, טאָ אויף וואָס האָט מען געדאַרפט דעם זעקסטן מלאך? [8] און גבריאל האָט געדאַרפט אויפ־פאַסן, אַז די אַנדערע פינף זאָלן טאָן די פאַרניכטונגס אַרבעט. וועגן גבריאלס האַרטקייט זע אויבן פרשה א, סימן מא. [9] געטייטשט ווי עס וואָלט געשטאַנען מפיץ. [10] דער בעל המדרש פאַרבינדט דעם פסוק מיט פאַרטרייבונג, ווייל עס רעדט זיך דאָרט וועגן נבוכדנצרן, וואָס האָט פאַרטריבן יידן. — אין די אַלע דריי פסוקים געפינט זיך אַ וואָרט פון שורש נפץ (מפצו, מנופצות, מפץ), און דאָס באַדייט, אַז איטלעכער פון די מלאכים האָט געהאַט אין דער האַנט אַלע דריי מינים געווער. [11] דער מזבח איז געווען פאַר זיי אַ מחיצה, — ווייטער האָבן זיי ניט געקענט גיין. (זיין אנשטאט זייער — האָבנדיק אין זינען דעם פירער, גבריאלן; אזוי אויך ווייטער: „ער איז דאָרט געשטאַנען״). [12] דאָרט

צו אים געזאָגט: גיי דורך אין מיטן שטאָט, אין מיטן ירושלים, — דער כתיב איז אלו[13], האָט ר׳ שמעון בן לקיש געזאָגט: דעם האַרטסטן פון די מלאכים האָט ער עס געזאָגט, דאָס איז גבריאלן. והתוית תו — און דו זאָלסט אָנצייכענען אַ תו [אויף די שטערנס פון די מענטשן וואָס זיפצן און קרעכצן אויף די אַלע אומווערדיקייטן], — ר׳ נחמן האָט געזאָגט: דאָס זיינען די מענטשן, וואָס האָבן מקיים געווען די תורה פון אלף ביז תו. און די רבנן זאָגן: דאָס מיינט — גזר־דין און פסק[14]. און רב האָט געזאָגט: [ער האָט אויסגעקליבן די תו], ווייל זי לאָזט זיך [לייענען] אויףביידע זייטן: תיהי, תיהי — וויסט און וויסטעניש, און תחי, תחי — לעבן און לעבעדיקייט[15]. ר׳ חנינא בר יצחק האָט געזאָגט: [די תו מיינט] תמה, עס האָט זיך אויסגעלאָזט זייער זכות אבות.

ר׳ הושעיא האָט געשיקט צו ר׳ סימונען אזוי צו זאָגן: וויבאַלד אַז דו וואוינסט אין הויז פונעם האַר[16], פאַרוואָס זאָגסטו זיי ניט קיין מוסר? האָט ער געזאָגט צו אים: הלוואי זאָלן מיר זיין צווישן די, וואָס וועגן זיי שטייט געשריבן: וואָס זיפצן און קרעכצן[17]. האָט ער אים געזאָגט: פון זיי האָט זיך דאָך אָנגעהויבן די שטראָף, ווי עס שטייט געשריבן: ולאלה — און וועגן יענע[18] האָט ער געזאָגט אין מיינע אויערן; און ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: הקדוש־ברוך־הוא דערמאָנט קיינמאָל ניט זיין נאָמען אויף שלעכטס, נייערט אויף גוטס; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: און וועגן יענע, — און עס שטייט ניט: „האָט גאָט געזאָגט אין מיינע אויערן”, נייערט — און וועגן יענע האָט ער געזאָגט אין מיינע אויערן: גייט דורך אין שטאָט נאָך אים און שלאָגט, זאָל אייער אויג ניט שוינען, און איר זאָלט זיך ניט דערבאַרימען; אַ זקן, אַ בחור און אַ מיידל, קליינע קינדער און ווייבער זאָלט איר הרגענען צו פאַרטיליקונג, נאָר צו קיין מענטשן וואָס אויף אים איז די תו זאָלט איר ניט גענענען; און פון מיין הייליקטום זאָלט איר אָנהייבן. טאָ ווי־זשע קען עס זיין?[19] נייערט אין דער רגע איז אויפגעשפרונגען דער מידת הדין פאַרן כסא הכבוד, און האָט געזאָגט פאַר אים: „האַר פון דער וועלט! ווער פון זיי איז געהרגעט געוואָרן פון דיין נאָמענס וועגן? ווועמען פון זיי איז דער מוח געשפּאָלטן געוואָרן פון דיין נאָמענס וועגן? ווער פון זיי האָט אָפּגעגעבן זיין נשמה פון דיין נאָמענס וועגן?” האָט ער געזאָגט: „זיי האָבן נאָך ניט פאַרדינט דאָס [בייזע] צעטל”. ר׳ איבו האָט געזאָגט: הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט: „זאָל דער בית המקדש חרוב ווערן, אָבער לייג ניט קיין האַנט אויף די צדיקים”[20]. ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: ער און זיי[21] האָבן יאָ פאַרדינט דאָס בייזע צעטל[22]. ר׳ תנחומא דער זון פון ר׳ אבא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אבא: קיין מאָל האָט הקדוש־ברוך־הוא ניט געזאָגט אַ גוט וואָרט, און ער זאָל נאָכדעם חרטה האָבן, אָבער דאָ האָט ער חרטה געהאַט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: וממקדשי, — לייען ניט וממקדשי — און פון מיין הייליקטום, נייערט וממקודשי — און פון מיינע געהייליקטע[23] זאָלט איר אָנהייבן, און

גבריאל. והתוית תיו. — רב נחמן אמר: אלו בני אדם, שקיימו את התורה מאל״ף ועד תי״ו. ורבנן אמרי: חתוכין ופספס. ורב אמר: על שנתנה בכל צד. — תי״ו: תיהי תיהי, ותחי תחי. א״ר חנינא בר יצחק: תמה זכות אבותיהן.

ר׳ הושעיא שלח ואמר לרבי סימון: בשביל שאת שרוי בביתו של קצין, מפני מה אין אתה מוכיחן? א״ל: הלואי נהוי מאותן שכתוב בהן: הנאנחים והנאנקים. אמר לו: והלא מהן התחילה הפורענות, דכתיב (יחזקאל ט׳): ולאלה אמר באזני. א״ר אלעזר: לעולם אין הקב״ה מייחד שמו על הרעה, אלא על הטובה; הה״ד: ולאלה — „אמר אלהים באזני" אין כתיב כאן, אלא ולאלה אמר באזני: עברו בעיר אחריו והכו, אל תחוס עיניכם ואל תחמולו; זקן, בחור ובתולה, וטף ונשים תהרגו למשחית, ועל כל איש אשר עליו התיו אל תגשו, וממקדשי תחלו. והאיך זה? אלא באותה שעה קפצה קטיגוריא לפני כסא הכבוד; אמרה לפניו: „רבון העולם! איזה מהן נהרג על שמך? איזה מהן נפצע מוחו על שמך? איזה מהן נתן נפשו על שמך?" אמר: „אין בהם כדי שטר". ר׳ איבו אמר: אמר הקב״ה: „יחרב בית המקדש, ואל תגע יד בצדיקים". ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: הוא והם יש בהם כדי שטר. ר׳ תנחומא (ורבי) [בר׳] אבא בשם ר׳ אבא: מעולם לא אמר הקב״ה דבר טוב וחוזר בו, וכאן חזר בו; הה״ד (יחזקאל ט׳): וממקדשי תחלו, אל תקרי וממקדשי אלא וממקודשי תחלו; מיד מה כתיב? ויחלו באנשים הזקנים

---

רעדט זיך וועגן אַ מצורע: דער כוהן דאַרף ניט נאָכזוכן קיין געלע האָר, דער חולה איז זיכער טמא; און אזוי ווי דאָ ווערט אויך באַנוצט דאָס וואָרט לבקר, ווערט עס פאַר־שטאַנען אין זין פון טמא מאַכן. [13] אנשטאט אליו, ווערט דעריבער דאָס וואָרט געדרשנט ווי אל, כוח, האַרטקייט. [14] דער צייכן איז, הייסט עס, געווען אַ סימן אויף פאַרניכ־טונג. — דער רד״ל איז גורס לויט אַנדערע ספרים תיטא בפספסין, — דער אות תו איז דאָסזעלבע וואָס טעטא אין גריכיש — דער ערשטער אות פון גריכישן וואָרט טאַנאַטאָס — טויט, און פספסין מיינט גורל־שטיינער; די תו, הייסט עס, איז געווען דער טויט אורטייל. [15] ד״ה: ווער עס איז געצייכנט געוואָרן צום טויט און ווער צום לעבן [16] דער ריש גלותא פון בבל. [17] ער מוז זיך באַנוגענען מיט זיפצן און קרעכצן, ווייל מוסרן וועט ניט העלפן. [18] אנשטאט און צו יענע, און דאָס מיינט: וועגן די צדיקים וואָס האָבן ניט געמוסרט די רשעים. [19] אין פסוק איז דאָך פאַראַן אַ סתירה: צוערשט שטייט צו קיין מענטשן וואָס אויף אים איז די תו זאָלט איר ניט גענענען; און ווייטער שטייט און פון מיין הייליקטום זאָלט איר אָנהייבן. און זיי האָבן אָנגעהויבן פון די זקנים וואָס פאַרן הויז, וואָס מסתמא זיינען זיי דאָך געווען צדיקים, אויב זיי זיינען געזעסן לעבן הייליקטום. [20] דאָס מיינט דער פסוק: און פון מיין הייליקטום זאָלט איר אָנ־

**גלייך נאָכדעם וואָס שטייט?** ויחלו — און זיי האָבן אָנגעהויבן פון די אַלטע לייט וואָס פאַרן הויז; **און ווייטער שטייט:** ויאמר — און ער האָט געזאָגט צו זיי: זייט מטמא דאָס הויז און פילט אָן די הויפן מיט דערשלאָגענע; גייט אַרויס! און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען און האָבן געשלאָגן אין שטאָט. **און ווייטער שטייט:** ויהי כהכותם — און עס איז געווען, ווי זיי האָבן גע־שלאָגן, און איך בין געבליבן, בין איך געפאַלן אויף מיין פנים און איך האָב געשריען און געזאָגט: ווי, גאָט דו האַר! ווילסטו פאַרטיליקן דעם גאַנצן איבערבלייב פון ישראל? **און** שארית, איבערבלייב, **מיינט ניט אַנדערש, נייערט די צדיקים**[24]. **דעריבער קומט דער פסוק און זאָגט:** בלע ה׳ — גאָט האָט פאַרטיליקט אָן רחמנות.

ד

(א) בלע ה׳ — גאָט האָט פאַרטיליקט אָן רחמנות אַלע וואוינונגען פון יעקב. **ר׳ פינחס האָט אין נאָמען פון ר׳ הושעיא געזאָגט: פיר הונדערט און אַכציק שולן זיינען געווען אין ירושלים. פון וואַנען איז עס געדרונגען?** (ישעיה א, כא): מלאתי — פול מיט גערעכטיקייט, — מלתי **איז דער כתיב**[1]. **און יעדע שול האָט געהאַט אַ בית־ספר און אַ בית־תלמוד, — אַ בית־ספר צו לערנען פסוק און אַ בית־תלמוד צו לערנען משנה**[2].

**אַן אַנדער פשט:** גאָט האָט פאַרטיליקט אָן רחמנות אַלע וואוינונגען פון יעקב, — **אַלע שיינקייטן**[3] **פון יעקב, ווי ר׳ ישמעאל און רבן [שמעון בן**[4]**] גמליאל, און ר׳ ישבב, און ר׳ יהודה בן בבא, און ר׳ חוצפית דער מתורגמן**[5]**, און ר׳ יהודה דער בעקער**[6] **און ר׳ חנניה**[7] **בן תרדיון, און ר׳ עקיבא, און בן עזאי**[8]**, און ר׳ טרפון; און אַנדערע נעמען אַרויס ר׳ טרפונען און שטעלן אַריין ר׳ אלעזר דעם חרסנער**[9].

**ר׳ יוחנן פלעגט דרשענען אויף זעכציק אופנים דעם פסוק** גאָט האָט פאַרטיליקט אָן רחמנות[10]**, און רבי פלעגט אים דרשענען אויף פיר און צוואַנציק אופנים. און ניט ווייל ר׳ יוחנן האָט געוואוסט מער פון רבין; נייערט רבי, ווייל ער איז געווען נענטער צום חורבן פון בית המקדש, פלעגט ער זיך דערמאָנען און דרשענען, און וויינען, און זוכן אַ טרייסט**[11].

**ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: רבי פלעגט דרשענען** (במדבר כד, יז): דרך כוכב — עס טרעט אַרויס אַ שטערן פון יעקב, — **לייען ניט** כוכב, אַ שטערן,

---

הייבן, — ניט פון די מענטשן וואָס ביים בית המקדש, נייערט פונעם בית המקדש אַליין. [21] דער בית המקדש און די צדיקים. [22] די וו פון וממקדשי (און פון מיין הייליקטום) איז אַן אָנדייט, אַז מע מיינט דאָ ביידע. [23] די צדיקים. דאָ הויבט זיך אָן דער עיקר באַווייז צו ר׳ הושעיאס רייד, אַז די צדיקים ווערן געשטראָפט די ערשטע פאַר ניט מוסרן די רשעים. [24] לויט צפניה ג, יג: שארית ישראל — דער איבערבלייב פון ישראל וועט ניט טאָן קיין אומרעכט (מהרז״ו).

[1] אָן אַן אלף, און עס באַטרעפט 480. אין אונדזערע תנ״ך ספרים איז דער כתיב מיט אַן אלף, און אזוי איז אויך די גירסא אויבן אין פתיחתא יב, און די אלף באַצייכנט דאָרט דעם בית המקדש. [2] דאָס זיינען „די וואוינונגען פון יעקב", וואָס זיינען אומגע־בראַכט געוואָרן אָן רחמנות. [3] נאות ווערט דאָ געדרשנט לויט דעם וואָרט נאה, שיין,—

אשר לפני הבית; וכתיב: ויאמר אליהם: טמאו את הבית ומלאו את החצרות חללים; צאו! ויצאו והכו בעיר. וכתיב (שם): ויהי כהכותם ונאשאר אני. ואפלה על פני ואזעק ואמר: אהה, אדני אלהים! המשחית אתה את כל שארית ישראל? ואין שארית אלא צדיקים. לכך בא ואמר: בלע ה׳ ולא חמל, וגו׳.

ד

(ב) בלע ה׳ ולא חמל את כל נאות יעקב. ר׳ פנחס בשם ר׳ הושעיא אמר: ארבע מאות ושמונים בתי כנסיות היו בירושלים. מנין? מלאתי משפט, — מלתי כתיב. וכל אחד ואחד היה לו בית ספר ובית תלמוד, בית ספר למקרא ובית תלמוד למשנה.

ד״א: בלע ה׳ ולא חמל את כל נאות יעקב, — את כל נאותיו של יעקב, כגון ר׳ ישמעאל ורבן [שמעון בן] גמליאל, ור׳ ישבב, ור׳ יהודה בן בבא, ור׳ חוצפית המתורגמן, ורבי יהודה הנחתום, ור׳ חנניה בן תרדיון, ור׳ עקיבא, ובן עזאי, ור׳ טרפון; ואית דמפקין ר׳ טרפון ומעיילין ר׳ אלעזר חרסנה.

ר׳ יוחנן הוה דרש שיתין אפין בבלע ה׳ ולא חמל, ורבי הוה דריש עשרים וארבעה אפין. ולא דר׳ יוחנן יתיר על רבי, אלא רבי על ידי שהיה סמוך לחורבן הבית היה נזכר, והיה דורש ובוכה ומתנחם.

אמר ר׳ יוחנן: רבי היה דורש (במדבר כ״ד): דרך כוכב מיעקב, — אל תקרי כוכב, אלא כוזב: ר׳ עקיבא כד הוה חמי

---

דאָ ווערן אויסגערעכנט די נעמען פון די צען תנאים, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם פאַר לערנען תורה, די עשרה הרוגי מלכות. [4] צוגעגעבן אין טעקסט לויט אַנדערע נוסחאות, און דאָס איז דער ר׳ שמעון הנהרג, וועלכער איז אומגעקומען אין דער צייט פון חורבן ירושלים [5] איבערזעצער, דערקלערער, וואָס יעדער תנא האָט געהאַט אויף צו דערקלערן זיינע רייד. [6] ר׳ יהודה בן דמה אין מדרש „אלה אזכרה“. [7] לויט אַנדערע נוסחאות חנינא. [8] לויט אַנדערע נוסחאות ר׳ חנינא בן חכינאי. בן עזאין ווערט אין אַנדערע מקורות צוגעשריבן אַן אַנדער טויט (זע חגיגה יד, ב). [9] לויטן מדרש „אלה אזכרה“ — ר׳ אלעזר בן שמוע. [10] ער פלעגט אויף דעם פסוק דערציילן זעכציק מעשיות פון חורבן. ווייס (דור דור ודורשיו, ג, 262) ווייזט אָן, אַז אין איכה רבה געפינען זיך טאַקע די זעכציק מעשיות וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָ. [11] דער ווייטיק איז פאַר רבין געווען צו פריש, האָט ער ניט געקענט צופיל אַריינגיין אין פּרטים. — דר׳ ש. פעדערבוש, אין זיין אַרבעט „תנאים לוחמים“ („הדואר“ תשי״ד, אין פאַרזעצונ־גען), שטיצנדיק זיך אויף די פאָרשונגען פון ש. י. ראַפּאַפּאָרט (שי״ר), וויל האָבן, אַז אנשטאָט לחורבן הבית, אָדער ווי דער טעקסט איז אין ירושלמי לחורבן בית מקדשא, דאַרף דאָ זיין לחורבן ביתר, ווייל רבי האָט דאָך געלעבט גלייך נאָכן חורבן ביתר; דערצו רעדט זיך דאָך טאַקע ווייטער וועגן בר כוכבאן און וועגן חורבן ביתר. (מעגלעך, אַז אין טעקסט איז געווען געשריבן פאַרקירצט חורבן בית׳ (חורבן ביתר), און אַ שפּע־

נייערט כוזב, פאַלש: אַז ר׳ עקיבא פלעגט זען דעמדאָזיקן בר כוזיבא[12], פלעגט ער זאָגן: „דאָס איז דער מלך המשיח!" האָט אים ר׳ יוחנן בן תורתא געזאָגט: „עקיבא, גראָז וועט דיר אָנוואַקסן אויף דיינע באַקן, און ער וועט נאָך אַלץ ניט האָבן געקומען".

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט (בראשית כז, כב): הקול — דאָס קול איז יעקבס, — אַ קול [פון געשריי][13]: אדריאַנוס קיסר האָט אויסגעהרגעט אין ביתר אַכציק טויזנט ריבוא[14] מענטשן. און אַכציק טויזנט טרומייטער בלאָזערס האָבן באַלאַגערט ביתר. און געווען איז דאָרט בן כוזיבא, און געהאַט האָט ער צוויי מאָל הונדערט טויזנט מיט אָפּגעהאַקטע פינגער[15]. האָבן די חכמים אים געשיקט [זאָגן]: „ווי לאַנג נאָך וועסטו מאַכן יידן פאַר בעלי מומים?" האָט ער זיי געזאָגט: „טאָ ווי קען מען זיי אויספּרואוון?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „דער וואָס קען ניט אויסרייסן אַ צעדער פון לבנון, זאָל ניט פאַרשריבן ווערן אין דיין חיל". האָט ער געהאַט צוויי מאָל הונדערט טויזנט פון יענע און [צוויי מאָל הונדערט טויזנט] פון די. און אַז זיי פלעגן אַרויסגיין אין מלחמה, פלעגן זיי זאָגן: „דו העלף ניט און שטער ניט!" דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (תהילים ס, יב): הלא — פאַרוואָר, גאָט, דו האָסט אונדז פאַרלאָזן, און גייסט ניט אַרויס, גאָט, מיט אונדזערע חיילות[16], און וואָס פלעגט בן כוזיבא טאָן? ער פלעגט אויפכאַפּן די שליידער שטיינער [פון דעם שונא] מיט אַ קני זיינער און פלעגט זיי צוריקוואַרפן און הרגענען ביי זיי אַ סך נפשות. און דעריבער האָט ר׳ עקיבא אַזוי געזאָגט.

דריי און אַ האַלב יאָר האָט אדריאַנוס קיסר אַרומגערינגלט ביתר. און דאָרט איז געווען ר׳ אלעזר המודעי, געהילט אין זאַק און געפאַסט תעניתים, און יעטוועדן טאָג פלעגט ער מתפלל זיין און זאָגן: „ריבונו של עולם! זעץ דיך היינט ניט צום משפט!" און לסוף האָט ער שוין געהאַט בדעה זיך אומצוקערן[17]. איז געקומען איינער אַ כותי[18] און האָט אים באַגעגנט און געזאָגט צו אים: „מיין האַר! כל־זמן דידאָזיקע הון קאַטשעט זיך אין אַש, וועסטו זי ניט איינגעמען. נייערט וואַרט מיר צו, און איך וועל דיר מאַכן, אַז דו זאָלסט זי קענען איינגעמען דעם היינטיקן טאָג". גלייך איז ער אַריין

---

[12] באַוואוסט ווי טערדיקער איבערשרייבער האָט איבערגעשריבן חורבן בית מקדשא). בר כוכבא, פון דעם וואָס ר׳ עקיבא האָט געלייענט אויף אים דעם פסוק דרך כוכב מיעקב, דער פירער פונעם אויפשטאַנד קעגן רוים (62—65 נאָכן חורבן בית שני). לויטן מדרש הייסט ער בר כוזיבא, ווייל ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פאַלשער משיח (פאַרגלייך רביס דרשה אויף דרך כוכב); מאַנכע דענקען, אַז דער נאָמען בר כוזיבא נעמט זיך לכתחילה פון דער שטאָט כזיב (זע בראשית לח, ה), פון וואַנען ער האָט אָפּגעשטאַמט, און נאָך זיין דורכפאַל איז עס געדרשנט געוואָרן אין זין פון פאַלש. [13] צוגעגעבן לויטן מתנות כהונה; זע אויך רש״י, גיטין נז, ב. [14] ריבוא — צען טויזנט. [15] איידער ער האָט זיי אַריינגענומען אין זיין חיל, האָט ער איטלעכן געהייסן אָפּהאַקן זיך אַליין אַ פינגער, אויסצופּרואוון זייער מוט. [16] געדרשנט אינעם זין פונעם אויבנגעזאָגטן: מיר דאַרפן ניט, כביכול, דיין הילף. [17] אדריאַנוס האָט זיך שוין געוואָלט אומקערן קיין רוים, ניט קענענדיק באַזיגן ביתר איבער ר׳ אלעזרס תפילות. [18] אַ שומ־

ליה להדין בר כוזיבא, הוה אמר: „היינו מלכא משיחא!" א"ל ר' יוחנן בן תורתא: „עקיבא! יעלו עשבים בלחייך, ועדיין אינו בא".

א"ר יוחנן (בראשית כ"ז): הקול קול יעקב — קול [צעקה]: אדריאנוס קיסר הרג בביתר שמונים אלף רבוא בני אדם. ושמונים אלף תוקעי קרנות היו צרין על ביתר. והיה שם בן כוזיבא, והיו לו מאתים אלף מקוטעי אצבע. שלחו לו חכמים: „עד מתי אתה עושה לישראל בעלי מומין?" אמר להם: „והיאך יבדקו?" אמרו לו: „כל מי שאינו עוקר ארז מלבנון, אל יכתב באסטרטיא שלך". והיו לו מאתים אלף מכאן ומכאן. ובשעה שהיו יוצאין למלחמה, היו אומרים: „לא תסעוד ולא תסכיף". הדא הוא דכתיב (תהלים ס'): הלא אתה, אלהים, זנחתנו ולא תצא, אלהים, בצבאותינו. ומה היה עושה בן כוזיבא? היה מקבל אבני בליסטרא באחד מארכובותיו וזורקן, והורג מהן כמה נפשות. ועל זה א"ר עקיבא כך.

שלש שנים ומחצה הקיף אדריאנוס קיסר לביתר, והיה שם רבי אלעזר המודעי עסוק בשקו ובתעניתו, ובכל יום ויום מתפלל ואומר: „רבש"ע! אל תשב בדין היום". ולבסוף נתן דעתו לחזור. אתא חד כותאי ומצאו ואמר לו: „אדוני! כל יומין דהדא תרנגולתא מתגעגע בקיטמא, לית את כביש לה. אלא המתן לי, דאנא עביד לך, דתכבישנה יומא דין". מיד עליל ביה (בבוביה) [בביביא] דמדינתא ואשכחיה לר' אלעזר, דהוה קאים ומצלי. עבד גרמיה לחיש באודניה דר' אלעזר המודעי. אזלון ואמרון לבר כוזיבא: „חביבך ר' אלעזר בעי לאשלמא מדינתא עם אדריאנוס". שלח ואתייה לההוא כותאי, א"ל: „מאי אמרת ליה?" א"ל: „אין אנא אמר לך, מלכא קטיל ליה לההוא גברא, ואין לית אנא אמר לך, את קטיל ליה לההוא גברא; אבל מוטב

---

אַהין דורך אַן אונטערערדישן גראָבן פון דער שטאָט און האָט געטראָפן ר' אלעזרן, ווי ער שטייט און איז מתפלל. האָט ער זיך געמאַכט, ווי ער סודעט עפּעס ר' אלעזר המודעי אין אויער אַריין. איז מען אַוועק און מע האָט געזאָגט בר כוזיבאן: „דיין פעטער ר' אלעזר וויל איבערגעבן אדריאנוסן די שטאָט". האָט ער געשיקט און געלאָזט ברענגען יענעם כותי און אים געזאָגט: „וואָס האָסטו אים געזאָגט?" האָט ער געזאָגט צו אים: „וועל איך דיר זאָגן, וועט דער מלך מיך הרגענען; וועל איך דיר ניט זאָגן, וועסטו מיך הרגענען; איז שוין בעסער, איך זאָל מיך אַליין הרגענען, און דעם מלכס סודות זאָלן ניט

באַוואוסט ווערן״. איז בן כוזיבא געווען מיט דער דעה, אַז ער וויל איבער־געבן די שטאָט. ווי ר׳ אלעזר האָט געענדיקט זיין תפילה, אזוי האָט ער געשיקט און אים געלאָזט ברענגען, און געזאָגט צו אים: „וואָס האָט דיר דערדאָזיקער כותי געזאָגט?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „איך ווייס ניט, וואָס ער האָט מיר געסודעט אויפן אויער, און איך האָב פון אים גאָרניט ניט געהערט; ווארום איך בין געשטאַנען אין מיין תפילה, און איך ווייס ניט, וואָס ער האָט געזאָגט״. איז בן כוזיבא פול געוואָרן מיט צאָרן, האָט אים געגעבן איין בריק מיט זיין פוס און אים דערהרגעט. איז אַרויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט (זכריה יא, יז): הוי, רועי האליל — וויי צו דעם נישטיקן שעפער, וואָס פאַרלאָזט די שאָף! אַ שווערד אויף זיין אָרעם און אויף זיין רעכט אויג! דער בת־קול האָט אים געזאָגט: „דו האָסט געליימט[19] דעם אָרעם פון ישראל און געבלענדט זייער רעכט אויג, דעריי־בער וועט דיין אָרעם איינגעטריקנט ווערן און דיין רעכט אויג וועט פאַר־טונקלט ווערן!״ גלייך האָבן די זינד גורם געווען, און ביתר איז באַצוואונגען געוואָרן און בן כוזיבא איז געהרגעט געוואָרן, און מע האָט געבראַכט זיין קאָפּ צו אדריאנוסן. האָט ער געזאָגט: „ווער האָט דעמדאָזיקן געהרגעט?״ האָט אים איינער אַ זעלנער געזאָגט: „איך האָב געהרגעט דעמדאָזיקן״. האָט ער אים געזאָגט: „גיי ברענג מיר אים״. איז ער אַוועק און אים גע־בראַכט; און ער האָט געפונען אַ שלאַנג אַרומגעוויקלט אַרום זיין האַלדז. האָט ער צו אים געזאָגט: „ווען ניט וואָס זיין גאָט האָט געהרגעט דעמדאָ־זיקן, ווער וואָלט אים בייגעקומען?״ און מע האָט געלייענט אויף אים (דברים לב, ל): אם לא — ווען ניט דאָס, וואָס זייער פעלז האָט זיי איבערגעגעבן.

מע האָט אזויפיל געהרגעט פון זיי, אַז אַ פערד פלעגט בראָדזשען אין בלוט ביז צו דער נאָז, און דאָס בלוט האָט געקייקלט שטיינער פון פערציק סאה[20] און איז אַריין פיר מייל אין ים[21]. און טאָמער וועסטו זאָגן, אַז ביתר איז נאָענט צום ים, — איז זי דאָך אָבער וויית פון ים פיר מייל. און אַ גרויסן וויינגאָרטן האָט אדריאנוס געהאַט, אַכצן מייל אויף אַכצן מייל, אזוי ווי פון טבריה ביז צפורי; האָט מען אים אַרומגעצוימט מיט אַ פלויט פון די געהרגעטע פון ביתר, און ער האָט ניט באַפוילן, מע זאָל זיי מקבר זיין, ביז ס׳איז אויפגעשטאַנען איינער אַ מלך און ער האָט באַפוילן וועגן זיי, און מע האָט זיי מקבר געווען. ר׳ הונא האָט געזאָגט: דעם טאָג וואָס מע האָט געלאָזט ברענגען די געהרגעטע פון ביתר צו קבורה, האָט מען מתקן געווען די ברכה הטוב והמטיב — דער וואָס איז גוט און טוט גוטס[22]: הטוב פאַר דעם וואָס זיי זיינען ניט פאַרעיפושט געוואָרן, און המטיב פאַר דעם וואָס מע האָט זיי געלאָזט ברענגען צו קבורה.

צוויי און פופציק יאָר האָט זיך ביתר געהאַלטן נאָכן חורבן פון בית המקדש[23]. און פאַרוואָס איז זי חרוב געוואָרן? ווייל זיי האָבן געצונדן ליכט [אויס פרייד] איבערן חורבן פון בית המקדש. און פאַרוואָס האָבן זיי ליכט געצונדן? מע האָט דערציילט: די ראַטגעבער פון ירושלים פלעגן זיצן אין

ליקטליה ההוא גברא לגרמיה, ולא תתפרסין מיסטירין דמלכותא״. בן כוזיבא סבר בדעתיה, דבעי לאשלמא מדינתא. כיון דחסל ר׳ אלעזר צלותיה, שלח ואייתיה. א״ל: „מה אמר לך הדין כותאי?״ א״ל: „לית אנא ידע, מה לחיש לי באודנאי, ולא שמעת ליה כלום; דאנא בצלותי קאימנא, ולית אנא ידע, מה הוה אמר״. נתמלא רוגזיה לבן כוזיבא, יהב ליה חד בעיטא ברגליה וקטליה. יצאתה בת קול ואמרה (זכריה י״א): הוי רועי האליל עוזבי הצאן, חרב על זרועו ועל עין ימינו. אמרה לו: „אתה סימית זרועו של ישראל וסימית עין ימינן, לפיכך זרועו של אותו האיש יבש תיבש ועין ימִינו כהה תכהה״. מיד גרמו עונות ונלכדה ביתר ונהרג בן כוזיבא, ואיתיאו רישיה לגבי אדריאנוס. אמר: „מאן קטליה לדין?״ אמר ליה חד גונתאי: „אנא קטלתיה לדין״. א״ל: „זיל ואייתיה לי״. אזל ואייתיה, ואשכח עכנא כריכא על צואריה. א״ל: „אילו לא אלהיה קטליה לדין, מאן הוה יכיל ליה?״ וקרא עלוי (דברים ל״ב): אם לא כי צורם מכרם.

היו הורגים בהם, עד ששקע הסוס בדם עד חוטמו, והיה הדם מגלגל אבנים של ארבעים סאה והולך בים ארבעה מילין. ואם תאמר, שקרובה לים, והלא רחוקה מן הים ארבעה מילין. וכרם גדול היה לו לאדריאנוס, שמונה עשר מיל על שמונה עשר מיל, כמן טבריא לציפורי; והקיפו גדר מהרוגי ביתר. ולא גזר עליהם שיקברו, עד שעמד מלך אחד וגזר עליהם, וקברום. ר׳ הונא אמר: יום שניתנו הרוגי ביתר לקבורה נקבעה הטוב והמטיב. הטוב שלא הסריחו, והמטיב שנתנו לקבורה.

חמשים ושתים שנה עשתה ביתר אחר חורבן הבית. ולמה נחרבה? על שהדליקו נרות לחורבן בית המקדש. ולמה הדליקו? אמרו: הבוליוטין שבירושלים היו יושבין באמצע המדינה, וכד הוה סליק חד מנהון לצלאה, אמר ליה: „בעית לעיבדא בוליוטין?״ א״ל: „לא״. „בעית לאיעבדא ארכונטיס?״ אמר להו:

---

מיטן שטאָט, און אַז איינער פון זיי [24] פלעגט עולה זיין תפילה צו טאָן, פלעגט מען אים זאָגן: „ווילסטו ווערן אַ ראַטגעבער?״ פלעגט ער זיי זאָגן: „ניין״.

---

רוני. [19] ווערטערלעך — געבלענדט. [20] יעדער שטיין האָט געהאַט די וואָג פון אַ סאה (אַ מאָס אַזאַ) תבואה. [21] דאָס בלוט האָט באַפאַרבט דעם ים פיר מייל ווייט. [22] אין דער פערטער ברכה פון „בענטשן״. [23] נאָכן חשבון איז ביתר חרוב געוואָרן ערשט

„ווילסטו ווערן אַן עלטסטער?״ פלעגט ער זיי זאָגן: „ניין״. האָט מען אים געזאָגט: „אזוי ווי איך האָב געהערט, אַז דו האָסט אַ נחלה, איז ווילסטו עס מיר פאַרקויפן?״ האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב ניט בדעה״. פלעגט [דער ירושלימער] אָנשרייבן און שיקן אַ [פאַלשן] שטר מכירה צו יענעמס הויז־אויפזעער [מיט די ווערטער]: „אויב דער־און־דער מענטש[25] וועט קומען, זאָלסטו אים ניט אַרויפלאָזן אויף דער נחלה, דען ער האָט עס מיר פאַרקויפט״. פלעגט יענער מענטש זאָגן: „הלוואי וואָלט זיך מיר אַ פוס געהאַט צעבראָכן, און איך וואָלט ניט אַרויף אין יענעם ווינקל!״ דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (איכה ד, יח): צדו — מע יאָגט אונדז די טריט, — חרוב זאָל ווערן[26] דער וועג, אַז מע זאָל מער ניט גיין אויף יענע גאַסן; קרב — געגענט האָט אונדזער סוף, — דער סוף פון דעמדאָזיקן הויז[27]; מלאו — פול געוואָרן זיינען אונדזערע טעג, — דער טאָג פון דעמדאָזיקן הויז. — אויך זיי האָבן מער קיין גוטס ניט געזען, ווי עס שטייט געשריבן (משלי יז, ה): שמח — דער וואָס פרייט זיך אויף אַן אומגליק וועט ריין ניט אַרויס.

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דער מאַרך פון דריי הונדערט קינדער איז געפונען געוואָרן אויף איין שטיין, און דריי הונדערט הויפנס מיט בתים פון תפילין זיינען געפונען געוואָרן אין ביתר, און איטלעכער הויפן האָט אַנט־האַלטן דריי סאה, און אַז דו קומסט מאַכן אַ חשבון געפינסטו, [אַז דאָרט זיינען געווען] ניין הונדערט סאה[28]. רבן [שמעון בן][29] גמליאל האָט געזאָגט: פינף הונדערט לערן־הייזער זיינען געווען אין ביתר, און דאָס קלענסטע פון זיי האָט געהאַט ניט ווייניקער פון דריי הונדערט קינדער. און זיי פלעגן זאָגן: „אויב די שונאים וועלן קומען אויף אונדז, וועלן מיר מיט אָט די שרייבפענדלעך אַרויסגיין און זיי דערשטעכן״. אָבער אַז די זינד האָבן גורם געווען און די שונאים זיינען געקומען, האָבן זיי איינגעוויקלט איטלעכן אין זיין ספר און האָבן זיי פאַרברענט; און ס׳איז קיינער פון זיי ניט געבליבן, נייערט איך. און ער האָט געלייענט אויף זיך דעם פסוק (איכה ג, נא): עיני — מיין אויג טוט ווייטיק מיין זעל [פון וועגן אַלע טעכטער פון מיין שטאָט].

צוויי ברידער זיינען געווען אין כפר חרובא[30], און זיי פלעגן ניט לאָזן קיין רוימער דאָרט פאַרבייגיין, אַז זיי זאָלן אים ניט הרגענען. זיי האָבן געזאָגט: „דער גאַנצער עיקר פון דער זאַך, — לאָמיר ברענגען אדריאַנוסעס קרוין און זי אַנטאָן אויף שמעונס קאָפּ, וואָרום אָט קומען די רוימער אָן״[31]. אַז זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, האָט זיי באַגעגנט איינער אַן אַלטער. האָט ער געזאָגט צו זיי: „זאָל דער באַשעפער זיין אייך צו הילף קעגן דידאָזיקע״. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „זאָל ער ניט העלפן און ניט שטערן״. גלייך האָבן די זינד גורם געווען, און זיי זיינען געהרגעט געוואָרן, און מע האָט געבראַכט זייערע קעפּ צו אדריאַנוסן. האָט ער געזאָגט: „ווער האָט געהרגעט דידאָזיקע?״ האָט אים געזאָגט איינער אַ זעלנער: „איך האָב

„לא״. אמרי ליה: „מן בגין דשמענא, דאית לך חדא איסיא, את בעי מזבנא יתיה לי?״ א״ל: „לית בדעתי״. והוה כותב ומשלח אונותיה לבר ביתיה: „אין אתי גבר פלוני, לא תשבקיניה מיעל לאיסיא, דהוא מזבנא לי״. והוה אמר ההוא גברא: „הלואי איתברת רגליה דההוא גברא, ולא סליק להדא זויתא״. הדא הוא דכתיב (איכה ד׳): צדו צעדינו, צדיאה אורחא מלהלכא באילין פלטייאתא; קרב קיצנו, קיצא דההוא ביתא; מלאו ימינו, יומא דההוא ביתא. אף אינון לא פשת להון טב, דכתיב (משלי י״ז): שמח לאיד לא ינקה.

א״ר יוחנן: שלש מאות מוחי תנוקות נמצאו על אבן אחת, ושלש מאות קופות של קצוצי תפילין נמצאו בביתר, וכל אחת ואחת מחזקת שלש סאין; וכשאתה בא לחשבון, אתה מוצא (שלש) [תשע] מאות סאין. אמר רבן [שמעון בן] גמליאל: חמש מאות בתי סופרים היו בביתר, וקטן שבהם לא היה פחות משלש מאות תינוקות. והיו אומרים: „אם יבואו השונאים עלינו, במכתבין הללו אנו יוצאין ודוקרין אותם״. וכיון שגרמו העונות ובאו השונאים, כרכו כל אחד ואחד בספרו ושרפו אותם; ולא נשתייר מהם אלא אני. וקרא על עצמו (איכה ג): עיני עוללה לנפשי, וגו׳.

שני אחין היו בכפר חרוכא, ולא הוון שבקין רומאי עבר תמן, דלא הוו קטלי יתיה. אמרי: „כל סמא דמילה, — ניתי כלילא דאדריאנוס וניתיב בראשו של (אלו) שמעון, דהא רומאי אתון״. מן דנפקין פגע בהון חד סבא, אמר להון: „ברייא בסעדיכון מן אלין?״ אמרו ליה: „לא נסעוד ולא נסכיף!״ מיד גרמו עונות ונהרגו, ואייתיאו רישיהון לגבי אדריאנוס. אמר: „מאן קטיל אילין?״ א״ל חד גונתאי: „אנא קטילת להון״. א״ל:

65 יאָר נאָכן חורבן. ס׳קען אָבער מיינען, אַז ביז 52 יאָר נאָכן חורבן האָט זי פון קיין מלחמות ניט געוואוסט. [24] פון די איינוואוינער פון ביתר. [25] דער „בעל־הבית. [26] צדיאה, וואָרטשפּיל אויף צדו. [27] דעם בית המקדש. [28] געביטן לויט בובערס נוסח. דער מתנות־כהונה הייסט לייענען צום אָנהויב פונעם מאמר הונדערט הויפנס מיט בתים, עס זאָל שטימען מיטן אויסלאָז: דריי הונדערט סאה. [29] אזוי איז עס ווייטער, פרשה ג, ע, און אין גיטין, נח, א (וואו דער נוסח פון דער מעשה איז אַן אַנדערער), און אזוי איז עס אויך אין בובערס אויסגאַבע, און דאָס שטימט מיט די היסטאָרישע פאַקטן. [30] לויט אַן אַנדער נוסח — כפר חרובא, ביים ים כינרת (יאַסטראָוו). [31] אזוי לויטן מתנות כהונה. לויטן יפה ענף דאַרף זיך דער טעקסט אזוי לייענען: ניתי כלילא דאד־

זיי געהרגעט". האָט ער געזאָגט צו אים: „גיי ברענג מיר זייערע קערפּערס". איז ער געגאַנגען און האָט געפונען אַ שלאַנג אַרומגעוויקלט אויף זייערע העלדזער. האָט ער געזאָגט: „ווען דער גאָט פון דידאָזיקע וואָלט זיי ניט געהרגעט, ווער וואָלט זיי געקענט הרגענען?" און מע האָט געלייענט אויף זיי דעם פּסוק (דברים לב, ל): אם לא — ווען ניט דאָס, וואָס זייער פעלז האָט זיי איבערגעגעבן.

צוויי צעדערביימער זיינען געווען אויפן הר המשחה [32], און אונטער איינעם פון זיי זיינען געווען פיר קראָמען פון טהרות פאַרקויפער [33], און פון [אונטער] דעם צווייטן פלעגט מען יעדן חודש אַרויסנעמען פערציק סאה יונגע פייגעלעך און יידן פלעגן זיי נוצן אויף פייגל קרבנות [34]. טור שמעון פלעגט אַרויסגעבן דריי הונדערט גרבין [35] [ברייטלעך פאַר אָרימע לייט יעדן ערב שבת [36]]. טאָ פאַרוואָס זיינען זיי חרוב געוואָרן? ווערסטו זאָגן צוליב די זונות, — איז דאָך דאָרט געווען ניט מער ווי איין מיידל [אַ זונה], און מע האָט זי אַרויסגעפּירט פון דאָרט! ר' הונא האָט געזאָגט: איבער דעם וואָס זיי פלעגן שפּילן באַלעם אום שבת.

צען טויזנט שטעט זיינען געווען אויפן הר המלך; טויזנט פון זיי האָבן געהערט צו ר' אלעזר בן חרסום, און קעגן זיי האָט ער פאַרמאָגט טויזנט שיפן אויפן ים. דריי פון יענע שטעט פלעגן שיקן זייער אָפּצאָל קיין ירושלים [אויף אַ וואָגן] [37]: כבול, שיחין און מגדלא [38]. און פאַרוואָס זיינען זיי חרוב געוואָרן? כבול — צוליב מחלוקת; שיחין — צוליב כישוף; מגדלא — צוליב זנות.

דריי שטעט זיינען געווען אין דרום, און זיי האָבן אַרויסגעגעבן [אַ באַפעלקערונג] צוויי מאָל אַזוי פיל וויפל עס זיינען אַרויס פון מצרים, און דאָ זיינען זיי: כפר ביש, כפר שחליים, כפר דיכרין [39]. כפר ביש — פאַר וואָס האָט מען עס גערופן כפר ביש? ווייל זיי פלעגן ניט אויפנעמען קיין אורחים; כפר שחליים — פאַרוואָס האָט מען זי גערופן כפר שחליים? ווייל זיי פלעגן האָדעווען זייערע קינדער מיט קרעס; כפר דיכרין — פאַרוואָס האָט מען זי גערופן כפר דיכרין? ווייל יעדע פרוי וואָס איז דאָרט געווען האָט געבוירן יינגלעך; און אַז אַ פרוי פלעגט וועלן האָבן אַ מיידל, פלעגט זי אַרויסגיין פון שטאָט און געבוירן אַ מיידל; און אַז אַ פרוי פון אַן אַנדער שטאָט פלעגט וועלן האָבן אַ יינגל, פלעגט זי קומען אַהין און געבוירן אַ יינגל. און איצט, אַז דו זאָלסט וועלן דאָרט אַריינשטעקן זעכציק ריבוא ראר־

ריאנוס וניתיב בראשון של אלו. שמעון, דהא רומאי אתון, — לאָמיר ברענגען אדריאנו־סעס קרוין און זי אָנטאָן אויף אונדזער קאָפּ. האָבן זיי געהערט, אַז די רוימער קומען אָן — — —. [32] הר הזיתים, ביי ירושלים. [33] די וואָס פלעגן פאַרקויפן טורטלטויבן אָדער טויבן אויף אַ רייניקונג קרבן (זע ויקרא יב, ח, און יד, ל). [34] ווערטערלעך: אויף נעסטן (אַ נעסט — צוויי פייגל); זע ויקרא יד, ד—ז. [35] אַ מאָס אַזאַ. [36] צוגע־געבן פונעם מתנות כהונה לויטן ירושלמי און דעם ערוך. [37] אזוי גרויס איז זי געווען.— צוגעגעבן פונעם מתנות כהונה און רד"ל לויטן ירושלמי און דעם ערוך. [38] כבול — דרום מזרח פון עכו, שיחין — לעבן צפורי, און מגדלא — לעבן טבריה. [39] ביש

„זיל אייתי לי פיטומייהו". אזל אשכח עכנא כריכא על צואריהון. אמר: „אילו אלההון דאילין לא קטיל להון, מאן הוה יכיל למיקטלינון?" וקרא עליהון: אם לא כי צורם מכרם.

שני ארזים היו בהר המשחה, ותחת אחד מהן היו ארבע חנויות של מוכרי טהרות, ומן האחד היו מוציאין מ׳ סאה גוזלות לכל חדש, ומהן היו ישראל מספיקין לקנים. טור שמעון הוה מפיק תלת מאה גרבין [דמרקוע ללקיטיא בכל ערובא דשבתא]. ולמה חרבו? אי תימא, מן הזונות, — והלא לא היתה אלא ריבה אחת, והוציאוה משם. א״ר הונא: משום שהיו משחקין בכדור בשבת.

עשרת אלפים עיירות היו בהר המלך; לרבי אלעזר בן חרסום היה האלף אחד מהם, וכנגדן היו לו אלף ספינות בים. שלש עיירות היה טימס שלהם עולה לירושלים [בעגלה]: כבול, שיחין, ומגדלא. ולמה חרוב? כבול — מפני המחלוקת, שיחין — מפני כשפים, מגדלא — מפני הזנות.

שלש עיירות היו בדרום, והיו מוציאות כפלים כיוצאי מצרים, ואלו הן: כפר ביש, כפר שחליים, כפר דיכרין. כפר ביש — למה נקרא שמה כפר ביש? דלא הות מקבלא אכסניא; כפר שחליים — למה נקרא שמה כפר שחליים? דהוו מרבין בניהון (כאילין) [באילין] תחלוסייא; כפר דיכרין — למה נקרא שמה כפר דיכרין? דכל איתתא דהות תמן, הות ילדה בנין דיכרין; וכל איתתא דהות בעיא למילד נקבה, הוה נפקא לבר מן קרתא, והות ילדה נקבה; וכל איתתא אחריתא, דהות בעיא למילד בר דכר, הוה אתיא תמן והות ילדה זכר. וכדו, כד את נצעהון בשתין רבוון דקניי, לא נסיין להון. א״ר יוחנן: קפצה לה ארץ ישראל.

רב הונא אמר: ג׳ מאות חנויות של מוכרי טהרות היו במגדלא דצבעייא, ושלש מאות חנויות של אורגי פרוכות היו

---

שטעקלעך, איז דאָס אָרט [ניט גרויס גענוג] זיי צו טראָגן. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ארץ ישראל איז איינגעשרומפּן געוואָרן.

ר׳ הונא האָט געזאָגט: דריי הונדערט קראָמען פון טהרות פאַרקויפער זיינען געווען אין מגדלא־פון־די־פאַרבער, און דריי הונדערט קראָמען פון פּרוכת וועבער זיינען געווען אין כפר נמרה. און ר׳ ירמיה אין נאָמען פון ר׳

חייא בר אבא האָט געזאָגט: אַכציק ברידער כוהנים זיינען געווען פאַרהייראַט צו אַכציק שוועסטער פון כוהנים משפחה, — אין איין נאַכט האָט מען זיי חתונה געמאַכט [40] אין דער דאָזיקער גפנא, — אויסער ברידער אָן שוועסטער, אויסער שוועסטער אָן ברידער, אויסער לוויים און אויסער ישראלים.

אַכציק טויזנט כהונה בליטן [41] זיינען געהרגעט געוואָרן איבער זכריהס בלוט [42]. ר׳ יודן האָט געפרעגט ר׳ אחאן: וואו האָט מען געהרגעט זכריהן, — אין עזרת ישראל, צי אין עזרת נשים? האָט ער אים געזאָגט: ניט אין עזרת ישראל און ניט אין עזרת נשים, נייערט אין עזרת כוהנים, און מע האָט זיך צומאָל ניט נוהג געווען מיט זיין בלוט ווי מיטן בלוט פון אַ הירש און ניט ווי מיטן בלוט פון אַן אינד; דאָרטן שטייט געשריבן (ויקרא יז, יג): ואיש איש — און איטלעכער מאַן פון די קינדער פון ישראל — — — וואָס וועט פאַנגען אַ געפאַנג פון אַ חיה — — — [זאָל אויסגיסן זיין בלוט] און עס פאַרדעקן מיט ערד; אָבער דאָ שטייט געשריבן (יחזקאל כד, ז־ח): כי דמה — דען איר בלוט איז געווען אין איר מיט, אויף אַ טרוקענעם פעלז האָט זי עס אַרויפגעטאָן; זי האָט עס ניט אויסגעגאָסן אויף דער ערד, צו פאַרדעקן עס מיט שטויב. און פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אזוי געשען? להעלות חמה — כדי אויפצובורענען דעם גרימצאָרן, כדי נקמה צו נעמען, האָב איך געגעבן איר בלוט אויף אַ טרוקענעם פעלז, עס זאָל ניט פאַרדעקט ווערן.

זיבן עבירות האָבן יידן עובר געווען יענעם טאָג: זיי האָבן געהרגעט אַ כוהן, און אַ נביא, און אַ דיין, און האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט, און האָבן געבראַכט צו חילול השם, און האָבן מטמא געווען די עזרה; און געווען איז עס שבת און יום כיפור.

און אַז נבוזראדן איז אַרויפגעקומען, האָט ער געזען דאָס בלוט פון זכריהן ווי עס זידט. האָט ער געזאָגט צו זיי: „וואָס איז דאָס?" האָבן זיי אים געזאָגט: „בלוט פון אָקסן און שעפּסן". האָט ער געלאָזט ברענגען [בלוט פון] אָקסן און שעפּסן, אָבער ס׳איז ניט געווען דאָסזעלבע. האָט ער געלאָזט ברענגען פאַרשיידענע מינים בלוט, אָבער ס׳איז ניט געווען דאָסזעלבע. האָט ער געזאָגט צו זיי: „וועט איר מיר אויסזאָגן, איז גוט; און אויב ניט, וועל איך קאַמען אייערע לייבער מיט אייזערנע קאַמען". [צוערשט] האָבן זיי אים ניט געזאָגט; אָבער אַצינד, אַז ער האָט זיי אזוי געזאָגט, האָבן זיי געזאָגט צו אים: „וואָס קאָנען מיר באַהאַלטן פון דיר? אַ נביא אַ כוהן האָבן מיר געהאַט, און ער פלעגט אונדז שטראָפן פון דעם אייבערשטנס וועגן: נעמט אויף [גאָטס וואָרט]! אָבער מיר האָבן עס ניט אויפגענומען פון אים, נייערט מיר זיינען אויפגעשטאַנען אויף אים און אים געהרגעט". האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך וועל אים מפייס זיין". האָט ער געלאָזט ברענגען די [חברים פון דעם] גרויסן סנהדרין און זיי אויסגעשאָכטן אי־

מיינט שלעכט, שחליים — קדעס (אַזאַ מין סאַלאַט פלאַנץ), דכרין — זכרים. [40] געביטן, לויטן יפה ענף און לויט בובערס נוסח, פון תלונהו, מע האָט זיי אויפגעהאָנגען, אויף כללינהו, מע האָט זיי חתונה געמאַכט. [41] יונגטלעכע כוהנים. [42] זע אויבן, פתיחתא

בכפר נמרה. ור׳ ירמיה בשם ר׳ חייא בר אבא אמר: שמונים אחים כהנים היו נשואים לשמונים כהנות אחיות. — בלילה אחד (תלונהו) [כללינהו] בהדא גפנא. — חוץ מאחים בלא אחיות, חוץ מאחיות בלא אחים, חוץ מלויים וחוץ מישראל.

שמונים אלף פרחי כהונה נהרגו על דמו של זכריה. ר׳ יודן שאל לרבי אחא: היכן הרגו את זכריה, בעזרת ישראל או בעזרת נשים? א״ל: לא בעזרת ישראל ולא בעזרת נשים, אלא בעזרת כהנים, ולא נהגו בדמו לא כדם צבי ולא כדם איל; תמן כתיב (ויקרא י״ז): ואיש איש מבית ישראל, אשר יצוד ציד חיה וגו׳, וכסהו בעפר; ברם הכא כתיב (יחזקאל כ״ד): כי דמה בתוכה היה, על צחיח סלע שמתהו; לא שפכתהו על הארץ לכסות עליו עפר. וכל כך למה? (שם) להעלות חמה, לנקום נקם, נתתי את דמה על צחיח סלע לבלתי הכסות.

שבע עבירות עברו ישראל באותו היום. הרגו כהן ונביא ודיין, ושפכו דם נקי, וחללו את השם, וטמאו את העזרה, ושבת ויום הכפורים היה.

וכיון שעלה נבוזראדן, חזייה לדמיה דזכריה, דהוה קא רתיח. אמר להון: „מאי היא?״ אמרו ליה: „דם פרים וכבשים״. אייתי פרים וכבשים, ולא אידום. אייתי כל מיני דמים, ולא אידום. אמר להון: „אי אמריתו לי, מוטב; ואי לא, אנא מסריקנא לבישרא דהנך אינשי במסריקין דפרזלא״. ולא אמרו ליה; והשתא דאמר להו הכי, אמרו ליה: „מה נכסי מינך? נבייא כהנא הוה לן, והוה מוכיח לן לשום שמיא: קבילו! ולא קבלינן מיניה, אלא קאימנא עילויה וקטלינן ליה״. אמר להון: „אנא מפייסנא ליה״. אייתי סנהדרי גדולה, שחט עילויה, ולא נח. שחט סנהדרי קטנה עילויה, ולא נח. אייתי פרחי כהונה, שחט עילויה, ולא נח. שחט תינוקות של בית רבן עילויה, ולא נח. אמר לו: „זכריה! טובים

---

בער אים, אָבער ער האָט זיך ניט באַרואיקט. האָט ער געלאָזט אויסשעכטן די [חברים פון דעם] קליינעם סנהדרין איבער אים, און ער האָט זיך ניט באַרואיקט. האָט ער געלאָזט ברענגען די בליטן פון דער כהונה און זיי אויסגעשאָכטן איבער אים, און ער האָט זיך ניט באַרואיקט. האָט ער אויס־געשאָכטן די קינדער פון די לערן־הייזער איבער אים, און ער האָט זיך ניט באַ־רואיקט. האָט ער געזאָגט צו אים: „זכריה! די בעסטע פון דיין פאָלק האָב איך

אומגעבראַכט; ווילסטו, זיי זאָלן אַלע אומקומען?" תיכּף האָט ער זיך באַרואיקט. איז דעם רשע נבוזראַדן אויפגעקומען אַ געדאַנק פון תשובה, און ער האָט געזאָגט: „מה־דאָך אַז איינער ברענגט אום איין נפש פון ישראל, שטייט וועגן אים אַזוי געשריבן (בראשית ט, ו): שופך — דער וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פונעם מענטשן, זאָל דורך אַ מענטשן זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן, איך, וואָס האָב אומגעבראַכט אַ סך נפשות, — אוודאי און אוודאי!" תיכּף איז הקדוש־ברוך־הוא פול געוואָרן מיט רחמים און ער האָט אַ וואונק געטאָן צום בלוט, און ס'איז אויפן אָרט איינגעזאַפּט געוואָרן.

אַכציק טויזנט כּהונה יוגנטלעכע האָבן זיך דורכגעריסן דורך נבוכדנצרס חיילות מיט גאָלדענע פאַנצערס אין זייערע הענט. זיי זיינען אַוועק צו די ישמעאלים, און יענע האָבן זיי אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע מינים געזאַלצנס און אָנגעבלאָזענע לאָגלען. האָבן זיי געזאָגט צו זיי: „מיר וועלן צוערשט טרינקען". האָבן זיי געזאָגט צו זיי: „עסט צוערשט, און נאָכדעם וועט איר טרינקען". אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָט איטלעכער פון זיי גענומען אַ לאָגל און צוגעטאָן צום מויל. איז דער ווינט אַריין אין בויך און אים אויפגעשפּאָלטן. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה כא, יג און ווייטער): משא בערב — אַ נבואה אויף ערב. אינעם וואַלד אין ערב וועט איר נעכטיקן, איר קאַראַוואַנען פון דדנים. אַנטקעגן דעם דורשטיקן ברענגט וואַסער; די באַוואוינער פון לאַנד תימא האָבן באַגעגנט מיט ברויט דעם וואַנדערער: — איר, וואָס איר האָט זיך ביז אַהער געפונען אינעם וואַלד לבנון [43], וועט נעכטיקן אין ערב; אָבער ארחות דדנים — איז עס דער שטייגער [44] פון שוועסטערקינדער [45] אַזוי צו טאָן? צי האָט זייער פאָטער אַזוי געטאָן צו אייער פאָטער? [46] וואָס שטייט געשריבן ביי אייער פאָטער (בראשית כא, יט): ויפקח — און גאָט האָט געעפנט אירע אויגן, און זי האָט דערזען אַ ברונעם וואַסער; איז זי געגאַנגען און האָט אָנגעפילט דעם לאָגל מיט וואַסער און האָט אָנגעטרונקען דעם יינגל. אָבער איר האָט ניט מקיים געווען דעם פּסוק אַנטקעגן דעם דורשטיקן ברענגט וואַסער. זיינען זיי דען אויס וואוילטאָג געקומען צו אייך? כּי מפּני — וואָרום פון וועגן שווערדן זיינען זיי אַנטלאָפן, — פון וועגן נבוכדנצרס שווערד זיינען זיי אַנטלאָפן; מפּני — פון וועגן דער אַנטבלויזטער שווערד, — דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט אָפּגעהיט זייערע שמיטות ווי עס געהער צו זיין, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות כג, יא): והשביעית — און דאָס זיבעטע יאָר זאָלסטו עס אָפּלאָזן און פאַרלאָזן [47]; ומפני — און פון וועגן דעם אָנגעטראָטענעם בויגן, — איבער דעם וואָס זיי פלעגן ניט אָפּהיטן שבת ווי געהעריק, ווי דער פּסוק זאָגט (נחמיה יג, טו): בימים ההמה — אין יענע טעג האָב איך געזען אין יהודה, ווי מע טרעט קעלטערן אום שבת [48]; ומפני — און פון וועגן דער שווערקייט פון מלחמה, — פון וועגן דעם, וואָס זיי האָבן זיך ניט פאַרנומען מיטן משא־מתן אין דער מלחמה פון דער תורה [49], וואָס וועגן איר שטייט געשריבן (במדבר כא, יד): על כן — דעריבער ווערט געזאָגט אין דעם בוך פון די מלחמות פון גאָט.

שבעמך איבדתי, רצונך שיאבדו כולם?" לאלתר נח. והרהר נבוזראדן הרשע תשובה ואמר: "ומה מי שמאבד נפש אחת מישראל, כך כתיב בו (בראשית ט): שופך דם האדם באדם דמו ישפך; אותו האיש, שאיבד נפשות הרבה, על אחת כמה וכמה!" מיד נתמלא הקב"ה רחמים ורמז לדם, ונבלע במקומו.

שמונים אלפים פרחי כהונה בקעו בחיילותיו של נבוכדנאצר ובידן מגיני זהב. הלכו להם אצל ישמעאלים, והוציאו להם מיני מלוחים ונודות מנופחות. אמרו להם: "נשתה קדמיי". אמרו להן: "אכלו קדמיי, ולבתר כן אתון שתיין". מן דאכלון, הוה נסיב כל חד וחד מינייהו זיקא ויהב ליה בפומיה. והוה רוחא עליל בכריסה, ובקעה ליה. ההוא דכתיב (ישעיה כ"א): משא בערב, ביער בערב תלינו ארחות דודנים. לקראת צמא התיו מים; יושבי ארץ תימא, בלחמו קדמו נודד: מי נתון ביער הלבנון, בערב תלינו; אלא ארחות דדנים, — ארחהון דבני דדנייא עבדין כן? וכי כן עבד אבוהון לאבוכון? מה כתיב באבוכון (בראשית כ"א): ויפקח אלהים את עיניה, ותרא באר מים, ותלך ותמלא את החמת מים, ותשק את הנער. ואתם לא קיימתם לקראת צמא התיו מים. וכי מטיבותהון אייתן לגביכון? (ישעיה כ"א) כי מפני חרבות נדדו, מפני חרבו של נבוכדנצר נדדו; מפני חרב נטושה, מפני שלא היו שומרים שמיטותיהן כראוי, כד"א (שמות כ"ג): והשביעית תשמטנה ונטשתה; ומפני קשת דרוכה, על ידי שלא היו שומרים שבת כראוי, כד"א (נחמיה י"ג): בימים ההמה ראיתי ביהודה דורכים גיתות בשבת. ומפני כובד מלחמה, מפני שלא היו נושאין ונותנין במלחמה של תורה, דכתיב בה (במדבר כ"א): על כן יאמר בספר מלחמות ה'.

א"ר יוחנן: מגיבתון ועד אנטיפרס ששים ריבוא עיירות היו, וקטנה שבהן זו בית שמש; ההוא דכתיב (שמואל א, ו): ויך באנשי

---

ר' יוחנן האָט געזאָגט: פון גיבתון ביז אנטיפרס זיינען געווען זעכציק ריבוא שטעט, און די קלענסטע פון זיי איז געווען בית שמש, וואָס וועגן איר

---

ה און כג, און די באַמערקונגען. [43] די יידן וואָס האָבן ביזן חורבן געלעבט אַרום דעם בית המקדש, וואָס ווערט אָנגערופן "וואַלד לבנון". [44] אורחות — אורח. [45] דדנים, אַן אַראַבישער שבט — בני דדנייא, שוועסטערקינדער (פון דוד, פעטער). [46] דער פאָטער פון ישראל (דער אייבערשטער) צום פאָטער פון די אַראַבער — ישמעאל. [47] ונטשתה, וואָרטשפּיל אויף נטושה. [48] דער געשפּאַנטער, מיטן פוס געטראָטענער בויגן, איז די

שטייט געשריבן (שמואל א, יט): ויך — און ער האָט געשלאָגן צווישן די מענטשן פון בית שמש [— — — זיבעציק מאַן און פופציק טויזנט מאַן]; און איצט — אפילו [פאַר] הונדערט ראַר־שטעקלעך איז דאָרט [קיין פּלאַץ] ניטאָ. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: איר משמר[50] איז געווען דער קלענס־טער פון אַלע משמרות, און אַרויסגעבן פלעגט זי אַכציק טויזנט [כהונה] בליטן.

וויפיל מלחמות האָט אדריאַנוס דורכגעפירט? [אויף דעם האָבן גע־ענטפערט] צוויי אמוראים. איינער האָט געזאָגט: צוויי און פופציק, און איינער האָט געזאָגט: פיר און פופציק.

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: וואויל איז דעם, וואָס וועט זען[51] די מפלה פון תרמוד[52]; פאַרוואָס? ווייל זי האָט געהאַט אַ האַנט איןביידע חורבנות. ר׳ יודן האָט געזאָגט: ביים ערשטן חורבן האָט זי צוגעשטעלט אַכציק טויזנט בויגן שיסערס, און ביים צווייטן האָט זי צוגעשטעלט פערציק טויזנט בויגן שיסערס. ר׳ הונא האָט געזאָגט: ביים צווייטן חורבן [האָט זי צוגעשטעלט] דאָסזעלבע ווי ביים ערשטן.

ה

(ב) הרס — ער האָט צעוואָרפן אין זיין צאָרן די פעסטונגען פון דער טאָכטער פון יהודה. ר׳ יודן האָט געזאָגט: יעדע איינציקע פעסטונג וואָס איז געווען אין ירושלים איז אוממעגלעך געווען איינצונעמען אין ווייניקער ווי פערציק טעג. ר׳ פינחס האָט געזאָגט: [ניט] ווייניקער ווי אין פופציק טעג. אָבער אַז די זינד האָבן גורם געווען, האָט ער צעוואָרפן אין זיין צאָרן די פעסטונגען פון דער טאָכטער פון יהודה, זיי אַרונטערגעבראַכט צו דער ערד[1].

(ב) חלל — ער האָט פאַרשוועכט די מלוכה און אירע האַרן, — ער האָט פאַרשוועכט די מלוכה, דאָס איז ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יט, ו): ואתם — און איר וועט מיר זיין אַ מלוכה פון כוהנים און אַ הייליק פאָלק; און אירע האַרן, דאָס זיינען די האַרן פון אויבן. דו געפינסט, אַז איידער די שונאים זיינען געקומען, פלעגט ירמיה זיי זאָגן: „טוט תשובה, כדי איר זאָלט אין גלות ניט גיין". האָבן זיי געזאָגט צו אים: „אַז די שונאים וועלן קומען, וואָס קענען זיי אונדז טאָן?" איינער האָט געזאָגט: „איך וועל זי[2] אַרומרינגלען מיט אַ מויער פון וואַסער[3]". און אַן אַנדערער האָט געזאָגט: „איך וועל זי אַרומרינגלען מיט אַ מויער פון פייער". און אַן אַנדערער האָט געזאָגט: „איך וועל זי אַרומרינגלען מיט אַ מויער פון אייזן". האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו זיי: „מיט מיינע [מלאכים] באַדינט איר זיך?" האָט הקדוש־ברוך־הוא גענומען און געביטן די נעמען פון די מלאכים: דעם וואָס איבער וואַסער האָט ער באַשטימט איבער פייער, און דעם וואָס איבער פייער האָט ער באַשטימט איבער אייזן; פלעגן זיי דערמאָנען אונטן זייערע נעמען, אָבער זיי פלעגן זיי ניט ענטפערן. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה מג, כח): ואחלל — און איך האָב פאַרביטן[4] די האַרן פון הייליק־

בית שמש, וגו׳; וכדון אפילו מאה קני לית בה. א״ר יוחנן: משמרתה היתה קטנה במשמרות, והיתה מוציאה שמונים אלף פרחים.

כמה פולמסאות עשה אדריאנוס? תרין אמוראין. חד אמר: חמשים ושנים, וחד אמר: חמשים וארבעה.

א״ר יוחנן: אשרי מי (שראה) [שרואה] במפלתה של תרמוד; למה? שהיתה שותפת בשתי חורבנות. ר׳ יודן אמר: בחורבן ראשון העמידה שמונים אלף קשתין, ובשני העמידה ארבעים אלף קשתין. רבי הונא אמר: בחורבן אחרון הם כראשון.

ה

(ב) הרס בעברתו מבצרי בת יהודה. ר׳ יודן אמר: כל בירה ובירה שהיתה בירושלים, לא היתה ראויה להכבש פחות מארבעים יום. ר׳ פנחס אמר: פחות מחמשים יום. וכיון שגרמו עונות, הרס בעברתו מבצרי בת יהודה, הגיע לארץ.

(ב) חלל ממלכה ושריה. חלל ממלכה, אלו ישראל, כד״א (שמות י״ט): ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש; ושריה, אלו שרים של מעלן. את מוצא, עד שלא באו השונאים היה ירמיה אומר להם: „עשו תשובה, שלא תלכו בגלות״. אמרו לו: „אם יבאו השונאים, מה יכולין לעשות לנו?״ חד אמר: „אנא מקיף לה חומת מיא״. וחרינא אמר: „אנא מקיף לה חומת נורא״. וחרינא אמר: „אנא מקיף לה חומת פרזלא״. אמר להו הקב״ה: „בדידי אתון משתמשין?״ עמד הקב״ה ושינה את שמותם של מלאכים: דעל מיא עבד על נורא, ודעל נורא עבד על פרזלא; והיו מזכירין שמותם מלמטה, ולא היו עונין להם. הדא הוא דכתיב (ישעיה מ״ג): ואחלל שרי קדש. וכיון שגרמו העונות ובאו השונאים, התחילו מזכירין: „שר פלן! איתא עביד

---

שטראָף פאַר טרעטן ווײנטרויבן אום שבת. [49] מיט תורה ויכוחים. [50] די פאַרשטייער וואָס זי פלעגט שיקן צו שטיין ביי דער עבודה אין בית המקדש. [51] געביטן לויט בובערס נוסח, און אזוי איז אויך דער נוסח אין בראשית רבה נו, א. [52] די תדמור פון תנ״ך (מלכים א, ט, יח, און דברי הימים ב, ח, ד), פּאַלמיראַ, — אַן אָאַזיס שטאָט אין סי־רישן מדבר.

[1] דער אייבערשטער אַליין האָט זיי צעשטערט, ניט דער שונא. [2] ירושלים. [3] דורך באַשווערן דעם מלאך וואָס איז ממונה איבערן וואַסער, און אזוי אויך ווייטער ביים פייער און ביים אייזן. [4] ניט לויטן פּשט, נייערט לויטן טייטש פונעם פּסוק (דברים כ, ו): ומי האיש אשר נטע כרם ולא חללו — אָדער איז עמיצער דאָ, וואָס האָט געפלאַנצט אַ

**טום. און אַז די זינד האָבן גורם געווען און די שונאים זיינען געקומען, האָבן זיי אָנגעהויבן מזכיר זיין**[5]: „דו, האַר פון דעם־און־דעם, קום און טו מיר די־און־די זאַך". **האָט ער אים געזאָגט: „עס איז ניט אין מיין כוח, ווארום איך בין אָפּגעשיידט פון דעם".**

**אַן אַנדער פּשט:** חלל — ער האָט פאַרשוועכט די מלוכה און אירע האָרן, — ער האָט פאַרשוועכט די מלוכה, **דאָס איז צדקיה דער מלך פון יהודה;** און אירע האָרן, — **דאָס זיינען די האָרן פון הימל**[6].

ו

(ג) גדע — ער האָט פאַרשניטן מיט גרימצאָרן דעם גאַנצן האָרן[1] פון ישראל. **צען האָרנס זיינען זיי: דער האָרן פון אברהמען, דער האָרן פון יצחקן, דער האָרן פון יוספן, דער האָרן פון משהן, דער האָרן פון תורה, דער האָרן פון כהונה, דער האָרן פון לוויה**[2]**, דער האָרן פון נבואה, דער האָרן פון בית המקדש, דער האָרן פון ישראל; און אַנדערע זאָגן: דער האָרן פון משיחן. „דער האָרן פון אברהמען", ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה ה, א): כרם — אַ ווייִנגאָרטן האָט מיין פריינט[3] געהאַט, בקרן — אויף אַ שפּיץ בערגל אַ פעטן. **„דער האָרן פון יצחקן", ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית כב, יג): נאחז — פאַרטשעפּעט אין אַ געצוויג מיט זיינע הערנער[4]. **„דער האָרן פון יוספן", ווי דער פסוק זאָגט** (דברים לג, יז): וקרני — און הער־נער פון אַ ווילדטיר זיינען זיינע הערנער. **„דער האָרן פון משהן, ווי עס שטייט געשריבן** (שמות לד, כט): כי קרן — אַז עס האָט געשטראַלט די הויט פון זיין פּנים. **„דער האָרן פון תורה", ווי עס שטייט געשריבן** (חבקוק ג, ד): קרנים — שטראַלן האָט ער פון זיין האַנט[5]. **„דער האָרן פון כהונה", ווי עס שטייט געשריבן** (תהלים קיב, ט): קרנו — זיין האָרן וועט דערהויבן ווערן מיט כבוד[6]. **„דער האָרן פון לוויה", ווי דער פסוק זאָגט** (דברי הימים א, כה, ה): כל אלה — די אַלע זיינען זין פון הימן דעם זעער פונעם מלך אין זאַכן פון גאָט, צו דערהייבן דעם האָרן[7]. **„דער האָרן פון נבואה", ווי עס שטייט געשריבן** (שמואל א, ב, א): רמה — דערהויבן איז מיין האָרן דורך גאָט[8]. **„דער האָרן פון בית המקדש", ווי עס שטייט געשריבן** (תהלים כב, כב): ומקרני — און פון די הערנער פון ווילדטירן האָסטו מיר געענט־פערט[9]. **„דער האָרן פון ישראל", ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט קמח, יד): וירם — און ער האָט דערהויבן דעם האָרן פון זיין פאָלק. **„און אַנדערע זאָגן: דער האָרן פון משיחן", ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל א, ב, י): ויתן — און ער וועט געבן מאַכט צו זיין מלך און וועט דערהויבן דעם האָרן פון זיין משיח.

**און די אַלע זיינען געווען אַרויפגעטאָן אויפן קאָפּ פון ישראל, און ווי זיי האָבן געזינדיקט, אזוי באַלד זיינען זיי אַוועקגענומען געוואָרן פון זיי, — דאָס איז ווי אין פסוק שטייט:** גדע — ער האָט פאַרשניטן מיט גרימצאָרן דעם גאַנצן האָרן פון ישראל, — **און זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן צו די אומות העולם. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דניאל ז, כ): ועל קרניא — און

**לי מיליא פלן״. אמר ליה: ״לית בחילי, דאנא מירים מינה״.**

**ד״א**: חלל ממלכה ושריה: חלל ממלכה, **זה צדקיה מלך יהודה**; ושריה **אלו שרים של מעלה.**

ו

(ג) גדע בחרי אף כל קרן ישראל. **עשר קרנות הן: קרנו של אברהם, קרנו של יצחק, קרנו של יוסף, קרנו של משה, קרנה של תורה, קרנה של כהונה, קרנה של לויה, קרנה של נבואה, קרנו של בית המקדש, קרנו של ישראל; ויש אומרים: קרנו של משיח. ״קרנו של אברהם״, שנא׳** (שם ה׳): כרם היה לידידי בקרן בן שמן. **״קרנו של יצחק״, שנא׳** (בראשית כ״ב): נאחז בסבך בקרניו. **״קרנו של יוסף״, שנאמר** (דברים ל״ג): וקרני ראם קרניו. **״קרנו של משה״, דכתיב** (שמות ל״ד): כי קרן עור פניו. **״קרנה של תורה״, דכתיב** (חבקוק ג׳): קרנים מידו לו. **״קרנה של כהונה״, דכתיב** (תהלים קי״ב): קרנו תרום בכבוד. **״קרנה של לויה״, שנאמר** (ד״ה א׳ כ״ה): כל אלה בנים להימן חוזה המלך בדברי האלהים להרים קרן. **״קרנה של נבואה״, דכתיב** (ש״א ב׳): רמה קרני בה׳. **״קרנו של בית המקדש״, דכתיב** (תהלים כ״ב): ומקרני רמים עניתני. **״קרנו של ישראל״ שנאמר** (שם קמ״ח): וירם קרן לעמו. **״ויש אומרים: קרנו של משיח״, שנאמר** (ש״א ב׳): ויתן עוז למלכו וירם קרן משיחו.

**וכולן היו נתונות בראשן של ישראל. וכיון שחטאו, ניטלו מהן, — הה״ד**: גדע בחרי אף כל קרן ישראל, — **וניתנו לאומות העולם. הה״ד** (דניאל ז׳): ועל קרניא עשר די בראשה, **ואחרי**

ווינגאַרטן און אים ניט אויסגעביטן (אויף געלט; זע ויקרא יט, כג—כד). [5] דערמאָנען דעם מלאכס נאָמען און אים באַשווערן. [6] דער מתנות כהונה הייסט דאָ לייענען: אלו שרים של צדקיהו — דאָס זיינען די האַרן פון צדקיהו.

[1] קרן, — דאָס וואָרט האָט אין העברעאיש פאַרשיידענע באַדייטונגען: אַ האָרן, אַ שטראַל, שטאָלץ, אַ שפּיץ פון עפּעס, און אויף דעם איז געבויט די ווייטערדיקע דרשה. [2] מיט אַ חיריק אונטער דער ו, — די לוויים. [3] אברהם ווערט אָנגערופן גאָטס פריינט (זע ישעיה מא, ח; זע אויך אויבן, פּתיחתא כד, ז׳ 67, און פּרשה א, כ) [4] דער ווידער, וואָס אברהם האָט מקריב געווען אנשטאט יצחקן. [5] פון גאָטס האַנט, — דאָרט רעדט זיך וועגן דער אַנטפּלעקונג פון גאָט, און עס ווערט געדרשנט אויפן מאָמענט פון מתן תורה. [6] דאָס וואָרט כבוד ווערט גענוצט ביי די קליידער פונעם כוהן גדול (זע שמות כח, ב), ווערט דעריבער דאָ געדרשנט דער פּסוק אויף דער כהונה; אָדער דאָס וואָרט תרום, וועט דערהויבן ווערן, ווערט דאָ פאַרבונדן מיט תרומה, וואָס די כוהנים פלעגן קריגן (מהרז״ו). [7] אין דעם קאַפּיטל, ווי אין די פריערדיקע, רעדט זיך וועגן די לוויים, און הימן איז געווען איינער פון זיי. [8] פון חנהס תפילה נאָכן געבורט פון שמואלן, וואָס איז אויסגעוואקסן צו זיין אַ נביא. [9] די שייכות צווישן די הערנער פון ווילטירן און

וועגן די צען הערנער וואָס אויף איר קאָפּ, און דעם אַנדערן וואָס איז אויפֿגעקומען, און עס זיינען אַרויסגעפאַלן דריי פון פאַר אים, און נאָכדעם שטייט געשריבן (פסוק כד): וקרניא — און די צען הערנער — צען מלכים וועלן פון דערדאָזיקער מלוכה אויפשטיין, און נאָך איינער וועט אויפשטיין נאָך זיי, און ער וועט זיין אַנדערש פון די פריערדיקע, און דריי מלכים וועט ער דערנידעריקן. און אַז ישראל וועט תשובה טאָן, וועט הקדוש־ברוך־הוא זיי אומקערן צו זייער אָרט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים עה, יא): וכל קרני — און אַלע הערנער פון די רשעים וועל איך פאַרשניידן; דערהויבן ווערן וועלן די הערנער פון דעם צדיק, — די הערנער וואָס דער דער צדיק פון דער וועלט האָט אָפּגעהאַקט [10]. ווען וועט ער זיי אומקערן צו זייער אָרט? ווען הקדוש־ברוך־הוא וועט דערהויבן דעם האָרן פון זיין משיח, ווי עס שטייט געשריבן (שמואל א, ב, י): ויתן — און ער וועט געבן מאַכט צו זיין מלך און וועט דערהויבן דעם האָרן פון זיין משיח.

(ג) השיב — ער האָט אומגעקערט אַהינטער זיין רעכטע האַנט פון פאַרן שונא. ר׳ עזריה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהודה דעם זון פון ר׳ סימון: וויבאַלד די זינד האָבן גורם געווען און די שונאים זיינען אַריין אין ירושלים, אזוי האָבן זיי גענומען די גבורים פון ישראל און געבונדן זייערע הענט אַהינטער. האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט (תהלים צא, טו): „עמו — מיט אים בין איך אין אַ צרה האָב איך אַריינגעשריבן אין דער תורה, און איצט לעבן מיינע קינדער אין צער, און איך בין רואיק!" — האָט כביכול אומגעקערט אַהינטער זיין האַנט [11]. שפּעטער האָט ער עס אַנטפּלעקט דניאלן. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דניאל יב, יג): ואתה — און דו גייסט ביז צום קץ. האָט ער געזאָגט צו אים: „אָפּצוגעבן דין וחשבון?" האָט אים הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט: „ותנוח — און דו וועסט רוען". האָט ער געזאָגט צו אים: „און די רו איז אויף אייביק?" האָט ער אים געזאָגט: „ותעמד — און דו וועסט אויפשטיין" [12]. האָט ער געזאָגט צו אים: „מיט וועמען, מיט די צדיקים, צי מיט די רשעים?" [13] האָט ער אים געזאָגט: „לגורלך — צו דיין גורל, מיט די צדיקים". האָט ער געזאָגט צו אים: „וועט עס זיין צום סוף פון די טעג, אָדער צום סוף פון דער רעכטער האַנט?" [14] האָט ער אים געזאָגט: „לקץ הימין — צום סוף פון דער רעכטער האַנט. די רעכטע האַנט וואָס איז באַצוואונגען, — אַ סוף האָב איך באַשטימט פאַר מיין רעכטער האַנט: ווען איך וועל האָבן אויסגעלייזט מיינע קינדער, וועל איך האָבן אויסגעלייזט מיין רעכטע האַנט". און דאָס איז וואָס דוד האָט געזאָגט (תהלים ס, ז): למען — כדי דיינע באַליבטע זאָלן אויסגעלייזט ווערן, העלף דיין רעכטע האַנט [15] און ענטפער מיר.

ז

(ג) ויבער — און עס האָט געברענט אין יעקב ווי אַ פלאַמפייער, וואָס פאַרצערט אַרום און אַרום. ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: אַז אַ שטראָף קומט אָן, פילט עס קיינער ניט אזוי ווי יעקב [1]. פון וואַנען איז עס געדרונ־

די סלקת ונפלה מן קדמה תלת, **וכתיב בתריה:** וקרניא עשר — מינה מלכותה עשרה מלכין יקמון, ואחרן יקום אחריהון, והוא ישנא מן קדמיא, ותלתא מלכין יהשפל. **וכשישראל עושין תשובה, הקב״ה מחזירן למקומם; הה״ד** (תהלים ע״ה): וכל קרני רשעים אגדע, תרוממנה קרנות צדיק, — **הקרנות שגידע צדיקו של עולם. אימתי הוא מחזירן למקומם? לכשירומם הקב״ה קרן משיחו, דכתיב** (ש״א ב׳): ויתן עוז למלכו וירם קרן משיחו.

(ג) השיב אחור ימינו מפני אויב. **ר׳ עזריה בשם ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: כיון שגרמו עונות ונכנסו שונאים בירושלם, נטלו גבוריהם של ישראל וכפתו ידיהון לאחוריהון. אמר הקב״ה** (תהלים צ״א): „עמו אנכי בצרה, **כתבתי בתורה, ועכשיו בני שרויין בצער, ואני ברווחה**"? כביכול השיב אחור ימינו. **ולבסוף גלה אותה לדניאל. הה״ד** (דניאל י״ב): ואתה לך לקץ. **אמר לו: „ליתן דין וחשבון?" אמר לו הקב״ה:** „ותנוח". **אמר לו: „והנחה לעולם?" אמר לו:** „ותעמוד". **אמר לו: „עם מי, עם הצדיקים, או עם הרשעים?" אמר לו:** „לגורלך, **עם הצדיקים". אמר לו: „באחרית הימים, או באחרית הימין?" אמר לו: „לקץ הימין, אותה ימין שהיא משועבדת, — קץ נתתי לימיני: גאלתי את בני, גאלתי את ימיני". והוא שאמר דוד** (תהלים ס׳): למען יחלצון ידידיך, הושיעה ימינך ועננו.

ז

(ג) ויבער ביעקב כאש להבה, אכלה סביב. **אמר ר׳ שמעון בן לקיש: כשהפורענות באה, אין מרגיש בה, אלא יעקב. מאי**

---

דעם בית המקדש ווערט קלאָר דורך אַ מעשה אין מדרש תהילים, געבראַכט פונעם מהרז״ו אין זיין פירוש: פאַשענדיק די שעפסן אין מדבר, האָט דוד אַמאָל אַרויפגעקלעטערט אויף אַ שלאָפנדיקן ווילדער ווילטיר, מייגענדיק, אַז ס׳איז אַ באַרג; און אַז די חיה האָט זיך לסוף אויפגעכאַפּט און זיך אויפגעשטעלט אין איר גאַנצער הייך, האָט ער ניט געקענט אַראָפּגיין, און איז געווען אין גרויס סכנה. האָט אים דער אייבערשטער געטאָן אַ נס און אים צוגעשיקט אַ לייב, און אַז דער ווילטיר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַרן מלך פון די חיות, איז דוד אַראָפּ פון אים. אָבער דאָ האָט דוד זיך דערשראָקן פאַרן לייב און ער האָט מתפלל געווען מיט די ווערטער פון אונדזער פסוק: הושיעני — העלף מיך פון דעם לייבס מויל, [אַזוי ווי] דו האָסט מיר פון די הערנער פון ווילטירן גע־ענטפערט. און ער האָט דערביי אַ נדר געטאָן, אַז אויב ער וועט געראַטעוועט ווערן, וועט ער אויפבויען אַ בית המקדש הונדערט איילן די הייך, ווי די הייך פון די הערנער פון אַ ווילטיר. (דער פסוק אין טעקסט איז איבערגעזעצט געוואָרן אינעם גייסט פון אָט דער מעשה). [10] ווייל אין פסוק שטייט ניט צדיקים, נייערט צדיק, מיינט עס דער צדיק פון דער וועלט, הקדוש־ברוך־הוא. [11] כדי מיטצולײַדן, כביכול, מיט ישראל. [12] תחית המתים. [13] זע דניאל יב, ב. [14] ווען עס וועט זיך ענדיקן די אָפּהענטיקייט פון דער רעכטער האַנט. — טעג אויף העברעאיש איז ימים; אָבער אין יענעם פסוק אין דניאל

גען? — און עס האָט געברענט אין יעקב ווי אַ פלאַמפייער. **און אַז גוטס קומט אָן, פילט עס קיינער ניט אזוי ווי יעקב, ווי עס שטייט געשריבן** (תהי־לים יד, ז): יגל יעקב — לוסטיק וועט זיין יעקב, פרייען וועט זיך ישראל.

ח

(ד) דרך — ער האָט געשפּאַנט זיין בויגן ווי אַ שונא. **ר' איבו** [1] **האָט געזאָגט: זיי האָבן ניט פורץ גדר געווען קעגן דעם מידת הדין דורך און דורך, האָט דער מידת הדין ניט איבערגעטראָטן דעם לעצטן גדר קעגן זיי. „זיי האָבן ניט פורץ גדר געווען קעגן דעם מידת הדין דורך און דורך", ווי דער פסוק זאָגט** (במדבר יא, א): ויהי — און דאָס פאָלק האָט זיך ווי באַ־קלאָגט, — **עס שטייט דאָ ניט געשריבן „האָט זיך באַקלאָגט", נייערט** האָט זיך ווי באַקלאָגט; (הושע ה, י) היו — די האַרן פון יהודה זיינען געווען ווי גרעניץ פאַרכאַפּערס, — **עס שטייט דאָ ניט געשריבן: „גרעניץ פאַר־כאַפּערס", נייערט** ווי גרעניץ פאַרכאַפּערס; (דאָרט ד, טז). כי כפרה — דען ווי אַ צעווילדעטע קו האָט ווידערשפּעניקט ישראל, — **עס שטייט דאָ ניט געשריבן „אַ צעווילדעטע קו", נייערט** ווי אַ צעווילדעטע קו. **„האָט דער מידת הדין ניט איבערגעטראָטן דעם לעצטן גדר קעגן זיי": עס שטייט דאָ ניט געשריבן „ער האָט געשפּאַנט זיין בויגן, דער שונא", נייערט** ווי אַ שונא.

**אַן אַנדער פּשט:** ער האָט געשפּאַנט זיין בויגן ווי אַ שונא, **דאָס איז פרעה, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות טו, ט): אמר אויב — דער שונא האָט געזאָגט; נצב — ער האָט זיך געשטעלט מיט זיין רעכטער האַנט ווי אַ צורר, **דאָס איז המן, ווי דער פסוק זאָגט** (אסתר ז, ו): איש צר — אַ מאַן אַ צורר און אַ שונא. **אַן אַנדער פּשט:** ער האָט געשפּאַנט זיין בויגן ווי אַ שונא, **דאָס איז עשו, ווי עס שטייט געשריבן** (יחזקאל לו, ב): יען — ווייל דער שונא האָט געזאָגט [2].

(ד) ויהרג — און ער האָט געהרגעט אַלע וואָס זיינען גלוסטיק פאַרן אויג. **ר' תנחום בר ירמיה האָט געזאָגט: דאָס מיינט מען די קינדער, וואָס זיינען ליב זייערע עלטערן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון זייער אויג. די רבנן זאָגן: דאָס מיינט מען די [חברים פון] סנהדרין, וואָס זיינען ליב ישראל ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג.**

(ד) באהל — אין געצעלט פון דער טאָכטער פון ציון האָט ער אויסגע־גאָסן ווי אַ פייער זיין גרימצאָרן. **פיר אויסגיסונגען זיינען פאַראַן צום גוטן און פיר אויסגיסונגען צום שלעכטן. „ פיר אויסגיסונגען צום גוטן", ווי דער פסוק זאָגט** (זכריה יב, י): ושפכתי — און איך וועל אויסגיסן אויף דודס הויז און אויף די איינוואוינער פון ירושלים אַ גייסט פון לייטזעליקייט און געבעט; [**אַ צווייטער פסוק**] (יואל ג, א): והיה — און עס וועט זיין, אַז נאָכדעם וועל איך אויסגיסן מיין גייסט אויף יעטוועדן לייב; [**אַ דריטער פסוק**] (דאָרט פסוק ב): וגם — און אויך אויף די קנעכט און אויף די דינסטן וועל איך אין יענע טעג אויסגיסן מיין גייסט; [**און אַ פערטער פסוק**] (יחזקאל לט, כט): ולא אסתיר — און איך וועל מער ניט פאַרבאָרגן מיין

**טעמא?** ויבער ביעקב כאש להבה. **וכשהטובה באה, אין מרגיש בה, אלא יעקב; הה״ד** (שם י״ד): יגל יעקב, ישמח ישראל.

**ח**

(ד) דרך קשתו כאויב. **ר׳ איבו אמר: הן לא פלשו אחר מדת הדין, אף מדת הדין לא פלשה אחריהם. „הם לא פלשו אחר מדת הדין״, שנא׳** (במדבר י״א): ויהי העם כמתאוננים, — „**מתאוננים**״ **אין כתיב כאן, אלא** כמתאוננים; (הושע ה) היו שרי יהודה כמסיגי גבול, — „מסיגי״ **אין כתיב כאן, אלא** כמסיגי; (שם ד׳) כי כפרה סוררה — „**כי פרה סוררה**״ **אין כתיב כאן, אלא** כפרה סוררה. „**ומדת הדין לא פלשה אחריהם**״: „**דרך קשתו אויב**״ **אין כתיב כאן, אלא** כאויב.

**ד״א:** דרך קשתו כאויב, **זה פרעה, שנאמר** (שמות ט״ו): אמר אויב; נצב ימינו כצר, **זה המן, שנא׳** (אסתר ז): איש צר ואויב. **ד״א:** דרך קשתו כאויב, **זה עשו, דכתיב** (יחזקאל ל״ו): יען אמר האויב.

(ד) ויהרג כל מחמדי עין. **ר׳ תנחום בר ירמיה אמר: אלו בנים, שהן חביבים על אבותם כגלגל העין שלהם. רבנן אמרי: אלו סנהדרין, שהן חביבין על ישראל כגלגל העין.**

(ד) באהל בת ציון שפך כאש חמתו. **ד׳ שפיכות הן לטובה, וארבע שפיכות הן לרעה. „ארבע שפיכות לטובה״, שנא׳** (זכריה י״ב): ושפכתי על בית דוד ועל יושב ירושלם רוח חן ותחנונים; (יואל ג׳): והיה אחרי כן אשפוך את רוחי על כל בשר, **וגו׳; וגם** על העבדים ועל השפחות בימים ההמה אשפוך את רוחי; (יחזקאל ל״ט): ולא אסתיר עוד פני מהם, אשר שפכתי את רוחי על בית

---

פנים פון זיי, דען איך וועל האָבן אויסגעגאָסן מיין גייסט אויף דעם הויז פון ישראל, זאָגט גאָט דער האַר. „**און פיר אויסגיסונגען צום שלעכטן**״,

---

**שטייט ימין, לויט דער פאָרם פון רבים אין אַראַמיש, און דאָס וואָרט אין אָט דער פאָרם מיינט אויך די** רעכטע האַנט. [15] **באַפריי דיין רעכטע האַנט, כדי דו זאָלסט מיך העלפן.**

[1] **אַז עס קומען אָן צרות אויף דער וועלט, דערפילן עס יידן די ערשטע. לויטן יפה ענף מיינט עס, אַז פון אַלע אבות פילט יעקב אַמשטאַרקסטן די יידישע צרות, צי ווייל פון די אַנדערע אבות זייגען אַרויסגעקומען נאָך פעלקער, און זיי לעבן אין שלווה, צי ווייל יעקב האָט געהאַט פון זיינע קינדער אַ סך צער גידול בנים.**

[1] **אויבן, א, ג, ווערט דערזעלבער מאמר געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ אבא בר כהנא.**

[2] **דער דרשן פאַרבינדט דעמדאָזיקן פסוק מיטן פריערדיקן קאַפּיטל, און וועלכן עס רעדט זיך וועגן עשו.**

ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה מב, כה): וישפך — און ער האָט אויסגעגאָסן אויף אים דעם ברען פון זיין צאָרן; און אין יחזקאל שטייט געשריבן (ט, ח): בשפכך — אין דיין אויסגיסן דיין צאָרן אויף ירושלים; און עס שטייט געשריבן (איכה ד, יא): כלה — אויסגעלאָזט האָט גאָט זיין כעס, אויסגעגאָסן זיין גרימצאָרן; און דערדאָזיקער פסוק: ער האָט אויסגעגאָסן ווי אַ פייער זיין גרימצאָרן.

ט

(ד) היה ה׳ — גאָט איז געווען ווי אַ שונא. ר׳ איבו האָט געזאָגט: זיי האָבן ניט פורץ גדר געווען קעגן דעם מידת הדין דורך און דורך, האָט אויך דער מידת הדין ניט איבערגעטראָטן דעם לעצטן גדר קעגן זיי. „זיי האָבן ניט פורץ גדר געווען קעגן דעם מידת הדין דורך און דורך״, ווי דער פסוק זאָגט: ויהי — און דאָס פאָלק האָט זיך ווי באַקלאָגט, — עס שטייט דאָ ניט געשריבן „האָט זיך באַקלאָגט״, נייערט האָט זיך ווי באַקלאָגט; היו — די האָרן פון יהודה זיינען געווען ווי גרעניץ פאַרכאַפּערס, — עס שטייט דאָ ניט געשריבן „פאַרכאַפּערס״, נייערט ווי פאַרכאַפּערס; כי כפרה — דען ווי אַ צעווילדעטע קו, — עס שטייט דאָ ניט געשריבן „אַ צעווילדעטע קו״, נייערט ווי אַ צעווילדעטע קו. „האָט אויך דער מידת הדין ניט איבערגעטראָטן דעם לעצטן גדר קעגן זיי״, ווי עס שטייט געשריבן: גאָט איז געווען ווי אַ שונא, — עס שטייט דאָ ניט געשריבן „גאָט איז געווען אַ שונא״, נייערט ווי אַ שונא.

(ה) בלע — ער האָט פאַרטיליקט ישראל, פאַרטיליקט אַלע אירע פּאַלאַצן. ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ חלבו [און ר׳ חלבו] אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן [האָט געזאָגט]: אין דריי ערטער איז ישראל פאַרטריבן געוואָרן: איינער אויף יענער זייט טייך סמבטיון, ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה מ״ט, ט): לאמר — צו זאָגן צו די געפאַנגענע: גייט אַרויס! איינער — וואָס דער וואָלקן איז אויף זיי אַראָפּ און זיי אַרומגערינגלט, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט): לאשר בחשך — צו די וואָס אין דער פינצטער: אַנטפּלעקט אייך! (דאָרט) על דרכים — ביי וועגן וועלן זיי זיך פיטערן און אויף אַלע הייכן וועט זיין זייער פיטערפּלאַץ, — דאָס זיינען די וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין דאַפנע וואָס ביי אנטיוכיה[1].

וירב — און ער האָט געמערט ביי דער טאָכטער פון יהודה קלאָגעניש און יאָמער, — אומגליק אויף אומגליק.

י

(ו) ויחמס — און ער האָט צעפּלינדערט ווי אַ גאָרטן זיין ביידל. ר׳ חמא דער זון פון ר׳ חנינא האָט געזאָגט: ווי אַ גאָרטן וואָס זיינע קוואַלן זיינען

[1] אין די פאַרשיידענע געדרוקטע אויסגאַבעס איז דער נוסח אזוי: „אחד לפנים מן נהר סמבטיון, דכתיב: לאמר לאסורים: צאו! לאשר בחשך: הגלו! אחד חוץ מן נהר סמבטיון; — על דרכים ירעו, אלו שירד עליהם ענן והקיפן; ובכל שפיים מרעיתם, אלו שגלו לדפני אנטיוכיא״. דערדאָזיקער נוסח איז זייער ניט קלאָר, און מיר האָבן

ישראל, נאם אדני אלהים. „וארבע שפיכות לרעה״, שנא׳ (ישעיה מ״ב): וישפך עליו חמה אפו; וביחזקאל כתיב (יחזקאל ט׳): בשפכך את חמתך על ירושלם; וכתיב (איכה ד): כלה ה׳ את חמתו, שפך חרון אפו; והדין: שפך כאש חמתו.

ט

(ה) היה ה׳ כאויב. א״ר איבו: הן לא פלשו אחר מדת הדין, אף מדת הדין לא פלשה אחריהם. „הם לא פלשו אחר מדת הדין״, דכתיב: ויהי העם כמתאוננים, — „מתאוננים״ אין כתיב כאן, אלא כמתאוננים; היו שרי יהודה כמסיגי גבול, — „מסיגי״ אין כתיב כאן, אלא כמסיג; כי כפרה סוררה, — „פרה סוררה״ אין כתיב כאן, אלא כפרה סוררה. „אף מדת הדין לא פלשה אחריהם״, דכתיב: היה ה׳ כאויב, — „היה ה׳ אויב״ אין כתיב כאן, אלא כאויב.

(ה) בלע ישראל, בלע כל ארמנותיה. ר׳ ברכיה בשם ר׳ חלבו בשם ר׳ שמואל בר נחמן: לשלשה מקומות גלו ישראל: אחד לפנים מן נהר סמבטיון, דכתיב (ישעיה מ״ט): לאמר לאסורים: צאו! אחד שירד עליהם הענן והקיפן, דכתיב (שם): לאשר בחשך: הגלו! (שם) על דרכים ירעו ובכל שפיים מרעיתם. אלו שגלו לדפני של אנטיוכיא.

(ה) וירב בבת יהודה תאניה ואניה, סכופי סכופים.

י

(ו) ויחמוס כגן שכו. ר׳ חמא בר׳ חנינא אמר: כגנה, שנחמס מעיינה והלבין ירקה. ור׳ שמעון בר נחמני אמר: כאדם הראשון, כמד״א (בראשית ג׳): ויגרש את האדם, וגו׳. א״ר אבהו: שכו כתיב, — כיון שגלו ישראל, שככה חמתו של הקב״ה.

---

חרוב געוואָרן און זיין גרינס איז ווייס געוואָרן. און ר׳ שמעון בר נחמני האָט געזאָגט: ווי אדם הראשון, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ג, כד): ויגרש — און ער האָט אַרויסגעטריבן דעם מענטשן[1] — — — ר׳ אבהו האָט געזאָגט: שכו שטייט געשריבן[2], — ווי באַלד ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן, אזוי איז איינגעשטילט געוואָרן דער צאָרן פון הקדוש־ברוך־הוא.

---

אים קאָרעגירט לויטן ירושלמי (סנהדרין, פרק יא, הלכה ה׳), און לויט בובערס אויס־גאַבע. אזוי הייסן אויך לייענען דער רד״ל און דער יפה ענף.

[1] אזוי האָט ער אַרויסגעטריבן ישראל פון זייער גן־עדן. [2] מיט אַ „לינקער״ שין, אנשטאָט אַ סמך, וואָס קען זיך אויך לייענען ווי מיט אַ „רעכטער״ שין, פון שורש שכך,

(ו) שכח ה׳ — גאָט האָט געמאַכט פאַרגעסן אין ציון יום־טוב און שבת, — איז עס מעגלעך, אַז גאָט זאָל מאַכן פאַרגעסן די ימים טובים און שבתים פון ישראל? נײַערט די ימים טובים און שבתים פון ירבעם בן נבט, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט פאַר זיך; שטייט דען ניט געשריבן (מלכים א, יב, לג): בחדש — אין דעם חודש וואָס ער האָט אויסגעטראַכט פון זיין האַרצן? [אנשטאַט מלבו, פון זיין האַרצן], שטייט דאָרט מלבד, אויסער, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא כג, לח): מלבד — אויסער די שבתים פון גאָט[3].

(ו) ויִנאץ — און ער האָט פאַראַכט אין זיין ברענענדיקן צאָרן דעם מלך און דעם כוהן, — דעם מלך, דאָס איז צדקיהו, און דעם כוהן, דאָס איז שריה דער זון פון מחסיה[4].

יא

(ז) זנח ה׳ — פאַרלאָזן האָט גאָט זיין מזבח. ר׳ חגי האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יצחקן: [ס׳איז געגליכן] צו די איינוואוינער פון אַ מדינה, וואָס האָבן אָנגעברייט טישן פאַרן מלך. האָבן זיי אים דערצערנט, און ער האָט זיי סובל געווען; [זיי האָבן אים דערצערנט ,און ער האָט זיי סובל געווען. דאַן] [1] האָט דער מלך געזאָגט צו זיי: „איר דערצערנט דאָך מיך נאָר איבערן טיש וואָס איר האָט מיר אָנגעברייט; נאָט אייך, איך וואַרף עס אייך אין פנים אַריין!“ אַזוי האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו ישראל: „איר דערצערנט דאָך מיך נאָר איבער די קרבנות וואָס איר האָט מיר געבראַכט; נאָט אייך, איך וואַרף זיי אייך אין פנים אַריין!“ דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: פאַרלאָזן האָט גאָט זיין מזבח, פאַרוואָרפן זיין הייליקטום.

ר׳ ברכיה און ר׳ חלבו און ר׳ איבו האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמני: דו געפינסט, אַז בשעת די גוים זיינען אַריין אין בית המקדש, האָבן זיי פאַרלייגט זייערע הענט הינטער זייערע נאַקנס און פאַרריסן זייערע פּנימער אַרויפצו, און האָבן געלעסטערט און געשענדט, און מיט די טשוועקעס פון זייערע שיך האָבן זיי צעקריצט דעם פּוסבאָדן[2]; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: הסגיר — ער האָט איבערגעענטפערט אין דער האַנט פון דעם פיינט די מויערן פון אירע פּאַלאַצן; זיי האָבן געמאַכט קולות אין גאָטס הויז אַזוי ווי אין אַ יום־טוב. ר׳ חנינא און ר׳ אחא און ר׳ מיאשה האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ ינאי: פונעם כוח פון דעמדאָזיקן קול[3] איז בבל געפאַלן, ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה כא, ט): נפלה — געפאַלן, געפאַלן איז בבל, און אַלע אירע בילדגעטער האָט מען צעבראָכן צו דער ערד[4]. ר׳ ברכיה און ר׳ חלבו און ר׳ איבו האָבן געזאָגט אין נאָמען

---

אײַנגעשטילט ווערן. [3] עס שטייט מלבד סיי ביי ירבעמען, סיי ביי שבת, באַווייזט עס, אַז ניט נאָר די ימים טובים האָט ירבעם ווילקירלעך געביטן, ווי אין מלכים שטייט, נײַערט אויך די שבתים [4] לויט מערסטע מפרשים איז דער נמען מחסיה אַריינגעפאַלן אַהער דורך אַ טעות. אויך אין בובערס אויסגאַבע איז דער נאָמען ניטאָ.

[1] צוגעגעבן לויטן רד״ל; און אַזוי איז עס אויבן, ב, סימן ב. [2] קאָרעגירט לויטן ערוך השלם און לויט יאסטראָוו. [3] צוליב דעם חטא פון דעמדאָזיקן קול. [4] די דרשה

(ו) שכח ה׳ בציון מועד ושבת, — **איפשר שהקב״ה משכח** מועדותיהם ושבתותיהם של ישראל? **אלא מועדותיו ושבתותיו של ירבעם בן נבט שבדא להם; הלא הוא דכתיב** (מלכים א׳ י״ב): בחדש אשר בדא מלבו, — מלבד **כתיב, כמד״א** (ויקרא כ״ג): מלבד שבתות ה׳.

(ו) וינאץ בזעם אפו מלך וכהן, — מלך **זה צדקיהו**, וכהן **זה שריה בן מחסיה.**

יא

(ז) זנח ה׳ מזבחו. **ר׳ חגי בשם ר׳ יצחק אמר: לבני מדינה שערכו שלחנות למלך. הקניטוהו וסבלן; [הקניטוהו וסבלן]. אמר להם המלך: „כלום אתם מקניטין אותי, אלא בשביל שלחן שערכתם לי, — הא לכון, טרון באפיכון!" כך אמר הקב״ה לישראל: „כלום אתם מכעיסין אותי, אלא בשביל קרבנות שהקרבתם לי, — הא לכון, טרון באפיכון!" הה״ד:** זנח ה׳ מזבחו, נאר מקדשו.

**ר׳ ברכיה ור׳ חלבו ור׳ איבו בשם ר׳ שמואל בר נחמני אמר: את מוצא, בשעה שנכנסו גוים לבית המקדש, נתנו ידיהם תחת ערפיהם והפכו פניהם כלפי מעלה וחרפו וגדפו. (ועשו מסגר של גליאסין שלהן וראשם בארץ) [ועשו במסמרות של גליגסין שלהן רושם בארץ]; הה״ד:** הסגיר ביד אויב חומות ארמנותיה, קול נתנו בבית ה׳ כיום מועד. **ר׳ חנינא ור׳ אחא ור׳ מיאשה בשם ר׳ ינאי אמרי: מכח אותו הקול נפלה בבל, דכתיב** (ישעיה כ״א): נפלה נפלה בבל, וכל פסילי אלהיה שבר לארץ. **ר׳ ברכיה ור׳ חלבו ור׳ איבו בשם ר׳ שמואל בר נחמני אמרי: אף מלכות הזו כן עשתה; הה״ד:** קול נתנו בבית ה׳ כיום מועד. **ר׳ הונא**

---

**פון ר׳ שמואל בר נחמני: אויך דידאָזיקע מלוכה** [5] **האָט אזוי געטאָן; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** זיי האָבן קולות געמאַכט אין גאָטס הויז ווי אין דעם באַשטימטן טאָג [6]. **ר׳ הונא** [7] **און ר׳ אחא און ר׳ מיאשה [האָבן**

---

שטיצט זיך אויפן ווייטער ציטירטן פסוק פון ירמיה: מקול נתפשה בבל. [5] רוים, וואָס האָט געבראַכט דעם צווייטן חורבן. (דער נאָמען ווערט ניט אָנגעגעבן צוליב מורא פאַר מלכות). [6] אזוי ווערט דאָ פאַרשטאַנען כיום מועד (אנשטאט ווי אין אַ יום־טוב), — אין הסכם מיטן מדרש, אַז דער טאָג פון תשעה באב איז באַשטימט געוואָרן אויף חורבן און אויף אייביק געוויין, ווייל אין יענער נאַכט האָט ישראל געוויינט איבער די שלעכטע רייד פון די מרגלים (במדבר יד, א). [7] מאַנכע מפרשים הייסן אויך דאָ לייענען ר׳

**געזאָגט]** **אין נאָמען פון ר׳ ינאי: אויך זי דאַרף ניט פאַלן, בייערט פון דעם כוח פון יענעם קול; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה נ, מו): מקול — צוליבן קול איז בבל באַצוואונגען געוואָרן[8]. **ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: אַ קול פון אָנשטורעמענדיקע צרות און פינצטערניש טראָגט זיך אויפן גרויסן כרך צור. און פאַרוואָס? ווייל דאָס קול פון עשון באַשולדיקט**[9]**; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה סו, ו): קול שאון — אַ קול פון געפילדער פון דער שטאָט, אַ קול פון דעם טעמפל! אַ קול פון גאָט, וואָס נעמט געצאָלט פון זיינע שונאים!

יב

(ח) חשב ה׳ — גאָט האָט פאַרטראַכט צו צעשטערן די מויער פון דער טאָכטער פון ציון. **ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ניט פון איצט, [נייערט פון לאַנג אָן]**[1]**; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה לב, לא): כי על אפי — וואָרום צו מיין כעס [און צו מיין גרימצאָרן איז מיר געווען די דאָזיקע שטאָט זינט דעם טאָג וואָס מע האָט זי געבויט]. **ר׳ אילם**[2] **האָט געזאָגט: ווי אַ מענטש וואָס גייט פאַרביי אַ שמוציק אָרט און פאַרקרימט זיין נאָז**[3].

(ח) נטה — ער האָט אָנגעצויגן אַ מעסטשנור, — **פאַראַן אַ מעסטשנור צום גוטן און פאַראַן אַ מעסטשנור צום בייזן. צום גוטן** (זכריה א, טז): וקו — און אַ מעסטשנור וועט אָנגעצויגן ווערן אויף ירושלים; **און אַ מעסטשנור צום בייזן — דערדאָזיקער:** נטה — ער האָט אָנגעצויגן אַ מעסטשנור; ער האָט ניט צוריקגעהאַלטן זיין האַנט פון פאַרטיליקן, און געמאַכט טרויערן די פעסטונג און די מויער; צוזאַמען זיינען זיי פאַרשניטן געוואָרן. **[דער טייטש איז]** **ווי ר׳ הונא דער זון פון ר׳ אחא האָט געזאָגט: די גרויסע מויער און די קליינע מויער.**

יג

(ט) טבעו — איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד זיינען אירע טויערן. **ר׳ הונא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוסין: די טויערן האָבן אָפּגעגעבן כבוד דעם ארון קודש**[1]**, דערפאַר האָט אויף זיי דער שונא קיין שליטה ניט געהאַט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (תהילים כד, ז): שאו — הייבט אויף, טויערן, אייערע קעפּ, **דערפאַר** — איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד זיינען אירע טויערן, ער האָט צעשטערט און צעבראָכן אירע ריגלען[2].

---

חנינא, ווי אויבן. [8] מיט בבל ווערט דאָ געמיינט רוים; אזוי אויך ווייטער מיט צור. (לויט בובערס נוסח שטייט טאַקע רומי, אנשטאט צור). [9] דאָס קול פון לעסטערונג וואָס עשו (אדום, רוים) האָט אויפגעהויבן אין בית המקדש. לויט מאַנכע מפרשים דאַרף דאָ זיין אנשטאט של עשו — של היכל — דאָס קול פון געלעסטערטן בית המקדש באַשולדיקט. אין בובערס אויסגאַבע שטייט קולו של שטן.

[1] קאָרעגירט דעם טעקסט לויטן מתנות כהונה און בובער, וואָס שטיצן זיך אויף אַ גירסא אינעם ספר „אות אמת" (זע מתנות כהונה און מהרז"ו). [2] אין ויקרא רבה יב, ה, ווערט דערזעלבער מאמר געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ הילל בר הילני. [3] על אפי ווערט דאָ געטייטשט ווערטערלעך: איבער מיין נאָז, — כביכולס נאָז האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דעם שלעכטן ריח פון זייערע זינד.

**ור׳ אחא ור׳ מיאשה בשם ר׳ ינאי: אף היא אינה צריכה ליפול, אלא מכח אותו הקול; הה״ד** (ירמיה נ׳): מקול נתפשה בבל. **ר׳ יהושע בן לוי אמר**: קול צרות מרגשות ואפלה עולה לכרך גדול של צור. **ולמה? שקולו של עשו מקטרג; הדא הוא דכתיב** (ישעיה ס״ו): קול שאון מעיר, קול מהיכל, קול ה׳ משלם גמול לאויביו.

יב

(ח) חשב ה׳ להשחית חומת בת ציון. **א״ר יוחנן לא מן (הכרוז) [כדון], [אלא מעלמא]; הה״ד** (ירמיה ל״ב): כי על אפי, וגו׳. **א״ר אילם: כאדם שהוא עובר במקום מטונף ועוקם את חוטמו.**

(ח) נטה קו, — **יש קו לטובה, ויש קו לרעה. לטובה** (זכריה א׳): וקו ינטה על ירושלם; **וקו לרעה — דין**: נטה קו; לא השיב ידו מבלע, ויאבל חיל וחומה, יחדו אומללו, **כההוא דא״ר הונא בריה דר׳ אחא: שורא ובר שורא.**

יג

(ט) טבעו בארץ שעריה. **ר׳ הונא בשם ר׳ יוסי אמר: שערים חלקו כבוד לארון, לפיכך לא שלט בהם אויב; הה״ד** (תהלים כ״ד): שאו שערים ראשיכם, **לפיכך**: טבעו בארץ שעריה, אבד ושבר בריחיה.

(ט) מלכה ושריה בגוים אין תורה. **אם יאמר לך אדם: „יש חכמה בגוים״, תאמן; הדא הוא דכתיב** (עובדיה א׳): והאבדתי חכמים מאדום ותבונה מהר עשו. **„יש תורה בגוים, אל תאמן״, דכתיב**: מלכה ושריה בגוים, אין תורה.

---

(ט) מלכה — איר מלך און אירע האַרן זיינען צווישן די פעלקער, ניטאָ מער קיין תורה. **אַז אַ מענטש וועט דיר זאָגן: „עס איז פאַראַן חכמה ביי די גויים״, זאָלסטו גלויבן; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (עובדיה א, ח): והאבדתי — און איך וועל פאַרלענדן די חכמים פון אדום און די פאַרשטאַנ־דיקייט פון באַרג עשו. **„ס׳איז פאַראַן תורה ביי די גויים״, זאָלסטו ניט גלויבן; ווארום עס שטייט געשריבן**: איר מלך און אירע האַרן זיינען צווישן די פעלקער, ניטאָ קיין תורה.

---

[1] אין במדבר רבה יד, ג, ווערט דערציילט, אַז בעת שלמה האָט געוואָלט אַריינטראָגן אין בית המקדש דעם ארון קודש, האָבן זיך די טויערן צוגויפגעשלאָסן און ניט געלאָזט אַריינגיין; ערשט נאָכדעם ווי שלמה האָט זיי לאַנג געבעטן, האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע קעפּ און אים אַריינגעלאָזט [2] אירע ריגלען האָט דער שונא צעשטערט און צעבראָכן,

(ט) נביאיה — אירע נביאים, דאָס זיינען די פאַלשע נביאים; גם נביאיה — אויך אירע נביאים, דאָס זיינען די אמתע נביאים[3], — סיי די, סיי יענע האָבן ניט געפונען קיין זעאונג פון גאָט.

יד

(י) ישבו — זיי זיצן אויף דער ערד און שווייגן, די זקנים פון דער טאָכטער פון ציון. ר' אלעזר האָט געזאָגט: זאָל דיר די פרשה פון נדרים[1] ניט זיין גרינג אין דיינע אויגן, ווארום דורך דער פרשה פון נדרים זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן [די חברים פון] צדקיהוס גרויסן סנהדרין. ווארום ווען יכניה איז פאַרטריבן געוואָרן, האָט אים[2] נבוכדנצר באַשטימט איבער פינף מלכים; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה כז, ג): ושלחתם — און דו זאָלסט זיי שיקן צום מלך פון אדום און צום מלך פון מואב, און צום מלך פון די בני עמון, און צום מלך פון צור, און צום מלך פון צידון, דורך דער האַנט פון די שליחים וואָס קומען קיין ירושלים צו צדקיהו דעם מלך פון יהודה. און ער פלעגט אַריין און אַרויס [אין נבוכדנצרס פּאַלאַץ] אָן דערלויבעניש. איין טאָג איז ער אַריין צו אים און האָט אים געפונען, ווי ער רייסט פלייש פון אַ לעבעדיקן האָז און עסט עס. האָט ער געזאָגט צו אים: „שווער מיר, אַז דו וועסט עס מיר ניט צעטראָגן". און ער האָט אים צוגעשוואָרן. און ביי וואָס האָט ער אים באַשוואָרן? ר' יוסי דער זון פון ר' חנינא האָט געזאָגט: ביים אינעווייניקסטן מזבח[3]. זיינען איינמאָל געזעסן די פינף מלכים פאַר צדקיהון און חוזק געמאַכט פון נבוכדנצרן, און האָבן געזאָגט צו אים: „ניט נבוכדנצרן פּאַסט דאָס מלכות, נייערט דיר פּאַסט דאָס מלכות, דען דו ביסט פון די קינדער פון דודן". האָט ער אויך געחוזקט פון נבוכדנצרן און ער האָט געזאָגט: „איך האָב אים געזען, ווי ער האָט געריסן דאָס פלייש פון אַ האָז און געגעסן". האָבן זיי גלייך געשיקט און געזאָגט דעם מלך: „דערדאָזיקער ייד, וואָס גייט אַריין און אַרויס פאַר דיר אָן דערלויבעניש, האָט אונדז געזאָגט: „איך האָב געזען נבוכדנצרן, ווי ער האָט געריסן פלייש פון אַ האָז און געגעסן". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (מלכים ב, כד, כ): וימרד — און צדקיהו האָט ווידערשפעניקט אין דעם מלך פון בבל[4].

גלייך איז ער געקומען און האָט זיך באַזעצט אין דאַפנע וואָס ביי אנטיוכיה, און עס זיינען אַרויס די [חברים פון דעם] גרויסן סנהדרין אים אַנטקעגן. וויבאַלד ער האָט זיי דערזען, אַז זיי זיינען אַלע מענטשן מיט אַ הדרת פנים, אַזוי האָט ער באַפוילן, און מע האָט זיי אַרויסגעטראָגן לענשטולן און ער האָט זיי געהייסן זיצן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „לערנט מיט

אָבער אירע טויערן זיינען אַליין פון זיך איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד. [3] דאָס וואָרט גם, אויך, איז מרבה, גיט צו, אויך די אמתע נביאים.

[1] במדבר ל, ג, וואו עס רעדט זיך וועגן די דינים פון אָפּהיטן אַ נדר. [2] צדקיהון.

[3] וואָס זיין קדושה איז געווען העכער איידער די קדושה פון דעם דרויסנדיקן מזבח.

[4] ער האָט געבראָכן זיין שבועה.

(ט) נביאיה, **אלו נביאי שקר**; גם נביאיה, **אלו נביאי אמת. אלו ואלו** לא מצאו חזון מה׳.

יד

(י) ישבו לארץ, ידמו זקני בת ציון. **א״ר אלעזר: אל תהי פרשת נדרים קלה בעיניך, שע״י פרשת נדרים נהרגו סנהדרי גדולה של צדקיהו. לפי כשגלה יכניה, מינהו המלך נבוכדנצר על חמשה מלכים; הה״ד** (ירמיה כ״ז): ושלחתם אל מלך אדום ואל מלך מואב ואל מלך בני עמון ואל מלך צר ואל מלך צידון ביד מלאכים הבאים ירושלם אל צדקיהו מלך יהודה. **והוה עליל ונפיק בלי רשו. יומא חד עליל לגביה ואשכחיה, דתליש בשר ארנבא ואכיל כשהוא חי. א״ל: „אישתבע לי, דלית את מפרסם לי״. ואישתבע ליה. ובמה השביעו? ר׳ יוסי בר׳ חנינא אמר: במזבח הפנימי. והוון חמשה מלכין יתבין ומפרתין ליה בנבוכדנצר קדם צדקיהו, ואמרי ליה: „לא יאיא ליה מלכותא לנבוכדנצר, אלא לך יאיא מלכותא, דאת מזרעו של דוד״. אף הוא מפרתיה לנבוכדנצר ואמר: „אנא חמיתיה, דהוה תליש בשר ארנבא ואכיל״. שלחון מיד ואמרון ליה למלכא: „ההוא יהודאה דהוה עליל ונפיק בלי רשו קדמך אמר לן: אנא חמיתיה לנבוכדנצר, דהוה תליש בשר ארנבא ואכיל״. הה״ד** (מלכים ב, כ״ד): וימרוד צדקיהו במלך בבל.

**מיד בא וישב בדפני של אנטוכיא, ויצאו סנהדרי גדולה לקראתו. כיון שראה אותם, שהם כולם בני אדם של צורה, גזר, והוציאו להם קתדראות והושיבן. אמר להם: „דרשו לי את התורה״. מיד היו קורין פרשה ופרשה ומתרגמין אותה לפניו. וכיון שהגיעו לפרשת נדרים** (במדבר ל׳): איש כי ידור נדר, **אמר להון: „אי בעי למהדר ביה, יכיל, או לאו?״ אמרו לו: „ילך אצל חכם ומתיר לו את נדרו״. אמר להם: „דומה אני,**

---

מיר די תורה״. גלייך האָבן זיי גענומען לייענען און איבערזעצן פּאַר אים פּרשה נאָך פּרשה. און ווי זיי זיינען צוגעקומען צו דער פּרשה פון נדרים (במדבר ל, ג): איש — אַז אַ מאַן וועט טאָן אַ נדר, האָט ער געזאָגט צו זיי: „אויב איינער וויל חרטה האָבן, קען ער, צי ניין?״ האָבן זיי אים געזאָגט: „זאָל ער גיין צו אַ חכם, און ער וועט אים מתיר זיין זיין נדר״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך מיין, אַז איר האָט מתיר געווען צדקיהון די שבועה,

**וואָס ער האָט מיר געשוואָרן". גלייך האָט ער באַפּוילן, און מע האָט זיי אַרונטערגעזעצט אויף דער ערד. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** זיי זיצן אויף דער ערד און שווייגן, די זקנים פון דער טאָכטער פון ציון; זיי האָבן אַרויפגעטאָן שטויב [אויף זייער קאָפּ], — **זיי האָבן אָנגעהויבן דערמאָנען דעם זכות פון אברהם אבינו, ווי עס שטייט געשריבן** (בראשית יח, כז): ואנכי — און איך בין שטויב און אַש; זיי האָבן זיך אָנגעגורט זעק, — **זיי האָבן אָנגעהויבן דערמאָנען דעם זכות פון יעקב אבינו, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט לז, לד): וישם — און ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ זאַק אויף זיינע לענדן. **וואָס האָט מען געטאָן מיט זיי? מע האָט זיי צוגעבונדן די האָר צו די עקן פון זייערע פערד און מע האָט זיי געיאָגט פון ירושלים ביז לוד. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** הורידו — אַראָפּגעלאָזט זייער קאָפּ צו דער ערד האָבן די יונגפרויען פון ירושלים.

טו

(יא) כלו — עס גייען אויס פון טרערן מיינע אויגן. **ר' אלעזר האָט געזאָגט: גרעניצן זיינען געגעבן געוואָרן דעם אויג**[1]. [**דריי מינים טרערן זיינען גוט פאַרן אויג**][2]: **די טרער** [וואָס קומט] **פון אַ זאַלב, די טרער פון זענעפט און די טרער פון קאלירים**[3]; **און די טרער פון געלעכטער איז בעסער פון זיי אַלע. דריי מינים טרערן זיינען שלעכט: די טרער פון רויך, די טרער פון געוויין און די טרער פון בית הכסא; און די טרער** [אויפן טויט] **פון אַ דערוואַקסן קינד איז ערגער פון זיי אַלע. און געשען איז אַ מעשה מיט אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אַן אונטערגעוואַקסענעם זון, און ער איז געשטאָרבן; פלעגט זי וויינען אויף אים דורך די נעכט, ביז אירע אויגן וויעס זיינען איר אויסגעפאַלן. איז זי אַוועק צו אַ רופא; האָט ער איר געזאָגט: „שמיר דיינע אויגן מיט דעם בלאַשטיין, און דו וועסט געזונט ווערן".**

(יא) נשפך — אויסגעגאָסן געוואָרן אויף דער ערד איז מיין לעבער. **געוועזן איז אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט אַן אונטערגעוואַקסענעם זון, און ער איז געשטאָרבן. פלעגט ער וויינען אויף אים דורך די נעכט, ביז זיין לעבער האָט זיך אים אַראָפּגעלאָזט. האָט ער געזאָגט: „מיין לעבער האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט פון וויינען אויף אים, און עס האָט גאָרניט געהאָלפן".**

טז

(יב) לאמותם — צו זייערע מוטערס זאָגן זיי: וואו איז קאָרן און וויין? **ר' חנינא האָט געזאָגט:** [**זיי האָבן געבעטן**] **ווייסע בולקע און געווירצטן וויין**[1]. **און ר' סימון האָט געזאָגט: ווייסע בולקע און אַלטן וויין.**

(יב) בהתעטפם — ווען זיי פאַרגייען זיך ווי דערשלאָגענע אין די גאַסן פון דער שטאָט. **איינע אַ פרוי האָט געזאָגט צו איר מאַן: „נעם דיר אַ בראַסלעט אָדער אַן אוירינג, און גיי אין מאַרק אַריין; אפשר וועסטו דאָרט עפּעס קריגן, און מיר וועלן עסן". איז ער אַוועק אין מאַרק, האָט זיך אַרומגעקוקט און גאָרניט ניט געפונען; האָט ער צוזאַמענגעבראָכן און איז גע־**

שאתם התרתם לצדקיה השבועה שנשבע לי". מיד גזר והורידן לארץ. הדא הוא דכתיב: ישבו לארץ ידמו זקני בת ציון; העלו עפר, — התחילו מזכירין זכותו של אברהם, דכתיב (בראשית י"ח): ואנכי עפר ואפר; חגרו שקים, — התחילו מזכירין זכותו של יעקב, דכתיב (שם ל"ז): וישם שק במתניו. מה עשו להם? קשרו שערן בזנבי סוסיהם והיו מריצין אותם מירושלם ועד לוד. הדא הוא דכתיב: הורידו לארץ ראשן בתולת ירושלם.

טו

(יא) כלו בדמעות עיני. אמר ר' אלעזר: סיקוסים ניתן לעין. [שלש דמעות טובות]: דמעת הסם ודמעת החרדל ודמעת קילורית; ודמעת השחוק יפה מכולן. שלש דמעות רעות: דמעת העשן ודמעת הבכיה ודמעת בית הכסא; ושל תשחורת קשה מכולם. ומעשה באשה אחת, שהיה לה בן תשחורת ומת; והיתה בוכה עליו בלילות, עד שנשרו ריסי עיניה. אזלת לגבי אסייא; אמר לה: „כחולי מן כחלי, ואת מנשמה".

(יא) נשפך לארץ כבדי. מעשה באיש אחד, שהיה לו בן תשחורת ומת. והיה בוכה עליו בלילות, עד דנחת כבדיה. אמר: „כבר כבדיה דההוא גברא נחת מאן בכי עלוי, ולא אהנית כלום".

טז

(יב) לאמותם יאמרו: איה דגן ויין? ר' חנינא אמר: גלוסקין וקונטיטון; ור' סימון אמר: גלוסקין וחמר עתיק.

(יב) בהתעטפם כחלל ברחובות עיר. — הות איתתא, אמרה לבעלה: „סב לך חד שירא או חד קדש, וסק לשוקא; אי משכחת כלום ואנן אכלין". הוה סליק לשוקא וחמי, ולא אשכח כלום. והוה מפרפר ומית. והיא אמרה לברה: „חמי, מה עביד אבוך". סליק לשוקא וחמא אבוהי מית. והוה מפרפר ומית עלוהי. [ואימא, כד חמית דלא אתו, מייתא בביתא. והוי ברא זעירא

שטאַרבן. האָט זי געזאָגט צו איר זון: „גיי זע, וואָס דיין טאַטע טוט". איז ער אַוועק אין מאַרק און האָט געזען זיין טאַטן טויט. איז ער זיך פאַרגאַנגען און איז געשטאָרבן איבער אים. [און די מאַמע, אַז זי האָט געזען, אַז זיי קומען ניט, איז זי געשטאָרבן אין הויז. און דער יינגסטער זון האָט געוואָלט

[1] ווייגען מוז האָבן אַ שיעור, אַנדערש ווערט עס געפערלעך פאַר די אויגן. [2] צו־געגעבן לויטן ווייטערדיקן אינהאַלט און לויט אַ גמרא אין שבת קנא, ב; אזוי איז אויך בובערס נוסח. [3] אַזאַ אויגן זאַלב.

[1] ווייל זיי זיינען נאָר געוואוינט געווען צום בעסטן.

זויגן, אָבער ער האָט אין איר ברוסט גאָרניט ניט געפונען; איז ער זיך פאַרגאַנגען און איז געשטאָרבן][2]. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: ווען זיי פאַרגייען זיך ווי דערשלאָגענע אין די גאַסן פון דער שטאָט, דאָס איז איר מאַן און איר עלטערער זון; בהשתפך — ווען עס גיסט זיך אויס זייער זעל אין שויס פון זייערע מוטערס, דאָס איז דער ייִנגסטער זון.

## יז

(יג) מה אעידך — וואָס פאַר אַן עדות זאָל איך דיר נעמען? וואָס זאָל איך צו דיר פאַרגלייכן, דו טאָכטער פון ירושלים? דורך וויפיל נביאים האָב איך אייך געוואָרנט?[1] רבי און ר׳ נתן [האָבן געדרשנט דעם פסוק]. רבי האָט געזאָגט: איין נביא אין דער פרי און איין נביא פאַרנאַכט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (מלכים ב, יז, יג): ויעד ה׳ — און גאָט האָט געוואָרנט ישראל און יהודה דורך יעטוועדן נביא, יעטוועדן זעער[2]. ר׳ נתן האָט געזאָגט: צוויי נביאים אין דער פרי און צוויי נביאים אין אָוונט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה ז, כה): ואשלח — און איך האָב געשיקט צו אייך אַלע מיינע קנעכט די נביאים, טאָגטעגלעך, געפעדערט און געשיקט, — געפעדערט — אין דער פרי, געשיקט — אין אָוונט[3].

אַן אַנדער פשט: מה אעידך, — ר׳ יונתן האָט געזאָגט: וויפיל רויב האָב איך אייך געגעבן: רויב פון מצרים און רויב ביים ים, און רויב פון סיחון און עוג, און רויב פון די איין און דרייסיק מלכים[4]! ר׳ לוי האָט געזאָגט: אין אַראַביע זאָגט מען אויף רויב עדיתא[5].

אַן אַנדער פשט: מה אעידך, — וויפיל זאַמלערטער[6] האָב איך באַשטימט ביי אייך: דעם אוהל מועד און גלגל, און שילה, און נוב, און גבעון, און צוויי הייזער פון אייביקייט![7].

אַן אַנדער פשט: מה אעידך — רבי האָט געזאָגט: מיט וויפיל ציירונגען[8] האָב איך אייך באַצירט! ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: זעכציק ריבוא מלאכים זיינען אַראָפּ מיט הקדוש־ברוך־הוא אויפן באַרג סיני, און איטלעכער מיט אַ קרוין אין דער האַנט צו באַקרוינען יעדן איינעם פון ישראל. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: הונדערט און צוואַנ־

---

[2] צוגעגעבן און געענדערט דעם טעקסט לויטן רד״ל וואָס שטיצט זיך אויף אַ פסיקתא דדברי ירמיה און לויט בובערס נוסח.

[1] דער שורש פון אעידך, האָט צוויי טייטשן: עדות זאָגן און וואָרענען. [2] חוזה, אַ זעער, איז איינער וואָס זעט זעאונגען ביינאַכט אין חלום און אַ נביא איז דער וואָס זעט זעאונגען ביי טאָג (רד״ל). פאַרגלייך איוב ד, יג: מחזיונות לילה — פון זעאונגען פון דער נאַכט. [3] ווייל דאָס וואָרט שיקן שטייט דאָ צוויי מאָל, ווערט דאָס צווייטע מאָל געדרשנט אויפן אָוונט, און דאָס וואָס דאָס וואָרט נביאים קומט אין מערצאָל ווייזט, אַז ניט ווייניקער פון צוויי פלעגן קומען יעדעס מאָל. [4] און פונדעסטוועגן האָבן זיי געזינדיקט. [5] ר׳ לוי דערקלערט די דרשה פון ר׳ יונתן: אעידך ווערט דאָ געטייטשט לויטן אַראַבישן עדיתא (פאַרגלייך בראשית מט, כז: בבקר יאכל עד — אין דער פרי עסט ער רויב). [6] ויעודים — אעידך. [7] צוויי בתי מקדשים, אין קעגנזאַץ צו די פריערדיקע הייליקע ערטער וואָס זיינען געווען צייטווייליק. [8] עדיים — אעידך.

**בעי למינק, ולא אשכח בביזא כלום; פרפר ומית]. הדא הוא דכתיב:** בהתעטפם כחלל ברחובות עיר, **היינו בעלה ובנה** הגדול. בהשתפך נפשם אל חיק אמותם **הוא ברא זעירא (בעי למינק ולא משכח חלב ומפרפר ומית).**

**יז**

(יג) מה אעידך? מה אדמה לך? **כמה נביאים העדתי בכם? רבי ור' נתן. רבי אמר: נביא אחד בבקר ונביא אחד בין הערבים; הה"ד** (מ"ב, י"ז): ויעד ה' בישראל וביהודה ביד כל נביאי, כל חוזה. **ר' נתן אמר: שני נביאים בשחרית ושני נביאים בערבית; הה"ד** (ירמיה ז'): ואשלח לכם את כל עבדי הנביאים, יום השכם ושלוח: השכם **בבקר** ושלוח **בערב.**

**ד"א:** מה אעידך, — **ר' יונתן אמר: כמה ביזות נתתי לכם: ביזת מצרים וביזת הים וביזת סיחון ועוג, ביזת שלשים ואחד מלכים. א"ר לוי: בערבייא צווחין לביזתא** עדיתא.

**ד"א:** מה אעידך, — **כמה ויעודין ויעדתי בכם: אהל מועד וגלגל, ושילה, ונוב, וגבעון, ובית עולמים שנים.**

**ד"א:** מה אעידך, — **רבי אומר: כמה קישוטין קשטתי אתכם! א"ר יוחנן: ששים רבוא מלאכי השרת ירדו עם הקב"ה בסיני ועטרה ביד כל אחד ואחד לעטר כל אחד ואחד מישראל. ר' אבא בר כהנא בשם ר' יוחנן אמר: מאה ועשרין רבוא ירדו, אחד מקשטו ואחד מלבישו עטרה. ר' הונא דצפורי אמר: זוני, כמד"א** (איוב י"ב): מוסר מלכים פתח ויאסור אזור במתניהם.

(יג) מה אדמה לך? **לאיזו אומה דמיתי אתכם? לאיזה אומה גאלתי ביד חזקה והבאתי על אויביה עשר מכות? לאיזו אומה קרעתי הים והורדתי את המן והגזתי את השלו והעליתי להם**

---

**ציק ריבוא זיינען אראפגעקומען, איינער האט אים באצירט און איינער האט אים אנגעטאן די קרוין. ר' הונא פון ציפורי האט געזאגט: גארטלען [האבן זיי אנגעטאן איטלעכן], ווי דער פסוק זאגט** (איוב יב, יח): מוסר — די בינד פון די מלכים מאכט ער לויז[9], און אויף זייערע לענדן בינדט ער אן א גארטל.

(יג) מה אדמה לך — וואס זאל איך צו דיר פארגלייכן? **צו וועלכער אומה האב איך אייך געגליכן? וועלכע אומה האב איך אויסגעלייזט מיט א שטארקער האנט און געבראכט אויף אירע שונאים צען מכות? פאר וועל־**

**כער אומה האָב איך געשפּאָלטן דעם ים און אַראָפּגעגעבן דעם מן, און גע־בראַכט צופליען דעם וואַכטלפויגל און אַרויפגעבראַכט זיי דעם ברונעם?**[10] **וועלכע אומה האָב איך אַרומגערינגלט מיט הערלעכע וואָלקנס און דער־נענטערט פאַרן באַרג סיני און געגעבן זיי מיין תורה?** הבת ירושלים — די טאָכטער פון ירושלים — די טאָכטער וואָס האָט **[דעמאָלט] מורא גע־האָט פאַר מיר און געלעבט בשלום מיט מיר**[11].

(יג) מה אשוה — וואָס זאָל איך גלייכן צו דיר, און דיך טרייסטן? **ר׳ יעקב פון כפר חנן האָט געזאָגט: ווען איך וועל זיין גלייך מיט דיר, וועל איך דיך טרייסטן; ווען עס וועט קומען יענער טאָג, וואָס וועגן אים שטייט** געשריבן (ישעיה ב, יא): ונשגב — און גאָט אַליין[12] וועט זיין דערהויבן, **דעמאָלט וועל איך דיך טרייסטן.** בתולת — יונגפרוי, טאָכטער פון ציון, — **די זין וואָס זיינען געצייכנט**[13] **מיט [דער מצוה] פון מילה, מיט ניט גאָלן [די באָרד] און מיט ציצית.**

(יג) כי גדול — דען גרויס ווי דער ים איז דיין בראָך. **ר׳ חולפאי האָט געזאָגט: ווער עס וועט אַמאָל היילן דעם בראָך פון ים**[14]**, דער וועט דיך היילן. ר׳ אבין האָט געזאָגט: דער וואָס איר האָט אים אַמאָל שירה געזאָגט ביים ים** (שמות טו, ב): זה אלי — דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען, — **ער וועט דיך היילן**[15]**. ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: ווער** וועט דיך אויסהיילן? דיינע נביאים[16].

יח

(יד) נביאיך — דיינע נביאים האָבן דיר געזען פאַלשקייט און לעסטערונג. **ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: ביי די נביאים פון שומרון שטייט** תפלה — לעס־טערונג, **ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה כג, יג): ובנביאי — און ביי די נביאים פון שומרון האָב איך געזען לעסטערונג; **און ביי די נביאים פון ירושלים**

---

[9] **געדרשנט אויף יציאת מצרים.** [10] **מרימס ברונעם, וואָס איז לויט אַ מדרש נאָכגעגאַנגען די יידן אין מדבר.** [11] **מהרז״ו: אזוי ווי דער פסוק ווערט דאָ געדרשנט אויף די נסים וואָס האָבן געטראָפן, איידער ישראל איז אַריין קיין ירושלים, ווערט דאָ דערפאַר ירושלים געדרשנט ווי אַ מין ראשי תבות:** יראה ומשלמת **(אין תנ״ך שרייבט זיך ירושלים אָן אַ יוד,** ירושלם). [12] **ווען גאָט וועט זיין אַליין, ווי דו ביסט** אַליין **(לויטן מתנות כהונה** — ווי עס איז געבליבן זיצן אַליין; לויטן מהרז״ו — זע, אַ פאָלק וואָס רוט אַליין, **במדבר כג, ט). לויט דעם לייענט ר׳ יעקב דאָס וואָרט** אשוה **מיט אַ סגל אונטער דער אלף: איך וועל זיין גלייך.** [13] מצויינין — ציון. [14] **פאַרגלייך שמות רבה טו, כב: ביי בראת העולם האָט דער ים ניט געוואָלט אָפּטרעטן קיין פּלאַץ פאַר דער יבשה; האָט גאָט אַ בריק געגעבן דעם** [שר פונעם] **ים און אים געהרגעט. און לעתיד לבוא וועט ער אים אויסהיילן.** [15] **דער מתנות כהונה וויל דאָ לייענען לויט אַן אַלטן טעקסט דעם פסוק** מי כמוכה באלים, ה׳ — ווער איז ווי דו גאָט צווישן די מאַכטיקע **(דאָרט פסוק יא), און דאָס זאָל מיינען, אַז אויף דער פראַגע:** מי — ווער וועט דיך היילן? **איז דער ענטפער** מי — **דער וואָס איר האָט אים געזונגען** מי כמוכה. **און אזוי איז דער נוסח אין בובערס טעקסט.** [16] **צוגעגעבן דאָס וואָרט** מי **לויטן מתנות כהונה, וועלכער האָט געהאַט פאַר זיך אַזאַ טעקסט. ר׳ יהושע בן לוי בינדט אזוי אַרום דעם סוף פון פסוק יג מיטן אָנהייב פון פסוק יד.**

**את הבאר? לאיזו אומה הקפתי ענני כבוד וקרבתי לפני הר סיני ונתתי להם תורתי?** הבת ירושלם, — **הבת שיראה ומשלמת לי.**

(יג) מה אשוה לך ואנחמך? **רבי יעקב דכפר חנן אמר: לכשאשוה לך, אנחמך; לכשיגיע אותו היום, שכתוב בו** (ישעיה ב׳): ונשגב ה׳ לבדו, **באותה שעה אנחמך.** בתולת בת ציון, — **בנים המצויינין במילה ובתגלחת ובציצית.**

(יג) כי גדול כים שברך. **א״ר חולפאי: מי שהוא עתיד לרפאות שברו של ים, הוא ירפא לך. א״ר אבין: מי שאמרתם לו שירה על הים** (שמות ט״ו): זה אלי ואנוהו, **הוא** ירפא לך. **ר׳ יהושע בן לוי אמר:** [מי] ירפא לך? נביאיך.

יח

(יד) נביאיך חזו לך שוא ותפל. **רבי אלעזר אמר: נאמר בנביאי** שומרון תפלה, **שנא׳** (ירמיה כ״ג): ובנביאי שומרון ראיתי תפלה. **ונאמר בנביאי ירושלם** תפלה; **הה״ד:** שוא ותפל. **ר׳ שמואל בר נחמני אמר: נאמר בנביאי ירושלם** שערוריה, **שנאמר** (שם): ובנביאי ירושלם ראיתי שערורה; **ונאמר בבית ישראל** שערוריה, **דכתיב** (שם י״ח): שערורית עשתה מאד בתולת ישראל.

(יד) ולא גלו על עונך להשיב שבותך, **דהוו מאסיין מחתין לך על אפוי.** ויחזו לך משאות שוא ומדוחים, — ומדוחם **כתיב.**

---

שטייט תפלה, — **דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** שוא ותפל — פאַלשקייט און לעסטערונג. **ר׳** שמואל בר נחמני האָט **געזאָגט: ביי די נביאים פון ירושלים שטייט** שערוריה — שוידערלעכס, **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט פסוק יד): ובנביאי — אָבער ביי די נביאים פון ירושלים האָב איך געזען שוידערלעכס; **און ביי די נביאים פון ישראל שטייט** שערוריה, **ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט יח, יג): שערורית — שוידערלעכס ביז גאָר איז באַגאַנגען די יונגפרוי פון ישראל.

(יד) ולא גלו — און זיי האָבן ניט אויפגעדעקט דיין זינד, אומצוקערן דיין געפאַנגענשאַפט, — **צוליב דיר האָבן זיי זיך אָנגעטאָן מאַסקעס אויף די פנימער**[1]. ויחזו — און זיי האָבן דיר געזען זעאונגען פון פאַלשקייט און פאַרפירעניש, — **דער כתיב איז** מדוחם — זייער פאַרפירעניש[2].

---

[1] ניט צו זען דיין שלעכטס. [2] דאָס וואָס יידן זיינען פאַרפירט געוואָרן איז די שולד פון די פאַלשע נביאים (מדוחם ווערט דאָ געלייענט מיט אַ קמץ אונטער דער חית).

יט

(טו) ספקו — עס האָבן געפּאַטשט אויף דיר מיט די הענט [אַלע וועג גייערס]. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי: אַ חשבון שטיבל איז געווען אויסער ירושלים, און איטלעכער וואָס האָט געוואָלט האָבן זיין חשבון, פלעגט גיין אַהין און דאָרט רעכענען, כדי ער זאָל ניט דאַרפן רעכענען אין ירושלים און זיך מצער זיין[1], כדי עס זאָל מקוים ווערן וואָס דער פסוק זאָגט: משוש — די פרייד פון דער גאַנצער ערד. אָבער איצט, — עס האָבן געפּאַטשט אויף דיר מיט די הענט — — — זיי האָבן געשמוצערט און געשאָקלט זייער קאָפּ אויף דער טאָכטער פון ירושלים. די כרכן פון די אומות זאָגן זייער שבח מיט זייער אייגן מויל; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל כז, ג): את — דו[2] האָסט געזאָגט: איך בין די קרוין פון שיינקייט. אָבער ירושלים, איר שבח זאָגן אַנדערע מיט זייערע מיילער; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: הזאת — איז דאָס די שטאָט וואָס מע פלעגט זאָגן: די קרוין פון שיינקייט?

ר׳ נתן האָט געזאָגט: אַ סוחר איז אַרויף [קיין ירושלים] צו פאַרקויפן וואָל. האָט ער זיך געלייגט שלאָפן, און האָט נאָך ניט געהאַט פאַרקויפט. האָט ער געזאָגט: „איז דאָס וואָס איר רופט די פרייד פון דער גאַנצער ערד?" אַז עס האָט אויפגעשיינט [דער פרימאָרגן], האָט ער עס פאַרקויפט; האָט ער געזאָגט: „גוט זאָגט איר — די פרייד פון דער גאַנצער ערד".

כ

(טז) פצו — עס האָבן געעפנט אויף דיר זייער מויל [אַלע דיינע שונאים]. פאַרוואָס האָט מען געשטעלט די פא פאַר דער ע׳ין? ווייל זיי פלעגן זאָגן מיט זייער מויל וואָס זיי האָבן ניט געזען מיט זייערע אויגן[1].

כא

(יז) עשה ה׳ — גאָט האָט געטאָן וואָס ער האָט פאַרטראַכט. ר׳ אהבה דער זון פון ר׳ זעירא האָט געזאָגט: זינט הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט (ויקרא כו, יח—כד): ואם — און אויב איר וועט נאָך דעם אַלעמען זיך ניט צוהערן צו מיר, — — — וועל איך אויך גיין מיט אייך דערווידער, — האָט ער אפשר, חלילה, אזוי טאַקע געטאָן?[1] נייערט עשה — גאָט האָט געטאָן [וואָס ער האָט פאַרטראַכט; בצע — ער האָט אויסגעפירט זיין וואָרט], — ער האָט די שטראָף מילד געמאַכט[2]. ר׳ יעקב פון כפר חנן האָט געזאָגט: [בצע אמרתו מיינט]: ער האָט צעריסן זיין פורפור[3].

---

[1] געביטן דעם טעקסט לויט אַ גירסא אין שמות רבה, סוף פקודי. דער געוויינלעכער נוסח איז: כדי ער זאָל ניט אַרויסגיין פון ירושלים און זיך מצער זיין. אָבער דאָס לאָזט זיך ניט דערקלערן. [2] די שטאָט צור.

[1] פה, אַ מויל; ע׳ין, אַן אויג.

[1] געבראַכט אַלע שטראָפן וואָס זיינען דאָרט אויסגערעכנט. [2] בצע מיינט אויך אָפּברעכן אַ טייל: ער האָט די שטראָף נאָר טיילווייז דורכגעפירט, און אויף גמרא לשון מיינט ביצוע מאַכן אַ פשרה, ניט דורכפירן אַ פסק־דין אין זיין גאַנצער שטרענגקייט (זע סנהדרין ו). [3] בזע (בצע), צערייסן: גאָט האָט געלאָזט די שונאים צערייסן דעם פרוכת פון ארון קודש.

יט

(טו) ספקו עליך כפים. ר׳ יוחנן בשם ר׳ **שמעון בן יוחאי אמר: כיפה של חשבונות היתה חוץ לירושלם, וכל מי שהיה רוצה לחשב היה רץ ומחשב שם, שלא (יצא חוץ לירושלם מצטער) [יחשב בירושלים ויצטער]. לקיים מה שנאמר:** משוש לכל הארץ. **ועכשיו** ספקו עליך כפים — — — שרקו ויניעו ראשם על בת ירושלם. **כרכי האומות הן אומרים שבחן בפיהם; הה״ד** (יחזקאל כ״ז): את אמרת: אני כלילת יופי. **אבל ירושלם, אחרים אומרים שבחה בפיהם; הה״ד:** הזאת העיר שיאמרו: כלילת יופי?

**ר׳ נתן אמר: פרקמטוטא סליק לזבנא עמריא; דמך ולא זבן. אמר: „דין דאתון אמרין:** משוש לכל הארץ?״ **קרן וזבין. אמר: „טבאות אמריתו:** משוש לכל הארץ״.

כ

(טז) פצו עליך פיהם. **למה הקדים** פ״ה **לעי״ן? לפי שהיו אומרים בפיהם מה שלא ראו בעיניהם.**

כא

(יז) עשה ה׳ אשר זמם. **ר׳ אהבה בריה דר׳ זעירא אמר: משעה שאמר הקב״ה** (ויקרא כ״ו): ואם עד אלה לא תשמעו לי, **וגו׳,** והלכתי אף אני עמכם בקרי, — **שמא כך עשה, ח״ו? אלא** עשה ה׳, **וגו׳, — פשורי מפשר. ר׳ יעקב דכפר חנן אמר: בזע פרפורין שלו.**

(יז) וישמח עליך אויב. **א״ר אחא: בטובה** הוא **שמח עמהם, דכתיב** (דברים ל׳): כי ישוב ה׳ לשוש עליך לטוב כאשר שש על אבותיך; **אבל ברעה משמח הוא אחרים; הה״ד:** וישמח עליך אויב, הרים קרן צריך. **ועל זה נאמר:** (יח) צעק לבם אל ה׳: חומת בת ציון הורידי כנחל דמעה.

---

(יז) וישמח — און ער האָט דערפרייט איבער דיר דעם שונא. **ר׳ אחא האָט געזאָגט: אין גוטן פרייט ער זיך מיט זיי, ווי עס שטייט געשריבן** (דברים ל, ט): כי ישוב דען גאָט וועט זיך ווידער פרייען מיט דיר צום גוטן, אזוי ווי ער האָט זיך געפרייט מיט דיינע עלטערן. **אָבער אין שלעכטן דערפרייט ער אַנדערע; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** און ער האָט דערפרייט איבער דיר דעם שונא, דערהויבן דעם האָרן פון דיינע פיינט. **און אויף דעם זוערט געזאָגט:** (יח) צעק — געשריען האָט זייער האַרץ צו גאָט: מויער פון דער טאָכטער פון ציון, לאָז גיסן טרערן ווי אַ טייך.

## כב

קומי — שטיי אויף, ביינאַכט, ביים אָנהויב פון די נאַכטוואַכן. רבי זאָגט: פיר וואַכן זיינען פאַראַן ביינאַכט און פיר וואַכן בייטאָג [1]. אַן עונה [2] איז אַ פיר־און־צוואַנציקסטל פון אַ שעה [3], און אַן עת איז אַ פיר־און־צוואַנציקסטל פון אַן עונה; אַ רגע איז אַ פיר־און־צוואַנציקסטל פון אַן עת. און ווי לאַנג איז אַ רגע? ר׳ ברכיה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ חלבו: ווי מע רעדט עס אַרויס; און די רבנן זאָגן: ווי אַ פינטל מיטן אויג; און שמואל האָט געזאָגט: איינס פון פינף ריבוא און זעקס טויזנט פינף הונדערט און אַכט און פערציק חלקים פון אַ שעה, דאָס איז אַ רגע.

ר׳ נתן האָט געזאָגט: דריי וואַכן זיינען פאַראַן ביינאַכט. ר׳ זריקא און ר׳ אמי [האָבן געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן לקיש: איין פסוק זאָגט (תהלים קיט, סב): חצות לילה — האַלבע נאַכט שטיי איך אויף דיר צו דאַנקען, און אַן אַנדער פסוק זאָגט (דאָרט פסוק קמח): קדמו —מיינע אויגן האָבן זיך געפעדערט פאַר די נאַכטוואַכן, — ווי קען מען דערקלערן די צוויי פסוקים? [4] ר׳ חזקיה [און ר׳ אבא] [5], און אַנדערע זאָגן — ר׳ זריקא און ר׳ אמי [גיבן אַן ענטפער]. איינער האָט מיט דעם דערקלערט די ווערטער פון ר׳ נתנען, און איינער האָט מיט דעם דערקלערט די ווערטער פון רבין. איז דער וואָס האָט דערקלערט לויט דעם רביס ווערטער איז רעכט [6]; דער ווידער וואָס דערקלערט ר׳ נתנס ווערטער [לערנט עס פונעם פסוק] (שופטים ז, יט): ראש — ביים אָנהייב פון דער מיטלסטער נאַכטוואַך [7]. אָבער ווי קען ר׳ נתן דערקלערן דעם פסוק האַלבע נאַכט? נייערט אַמאָל [פלעגט ער אויפשטיין] האַלבע נאַכט און אַמאָל — מיינע אויגן האָבן זיך געפעדערט פאַר די נאַכטוואַכן [8].

און ווי אַזוי פלעגט עס פאַסירן? [9] ווען דוד פלעגט עסן זיין מאָלצייט אַליין, פלעגט ער עסן ביז דער נייַנטער שעה און שלאָפן ביזן אָנהייב פון דער מיטלסטער נאַכטוואַך, און פלעגט אויפשטיין און לערנען תורה. אָבער ווען דוד פלעגט עסן אַ קיניגלעכע סעודה [10], פלעגט ער עסן ביזן אָוונט און שלאָפן ביז האַלבע נאַכט, און פלעגט אויפשטיין און לערנען תורה פון האַלבער נאַכט און ווייטער. אַזוי צי אַזוי, איז דער מאָרגנשטערן קיינמאָל ניט אויפגעגאַנגען, אַז דוד זאָל נאָך שלאָפן. און דאָס איז וואָס דוד האָט געזאָגט

---

[1] סיי די נאַכט סיי דער טאָג זיינען געטיילט אין פיר גלייכע טיילן. [2] עונה, שעה, עת, רגע, — נעמען פון צייטמאָסן (ווערטערלעך מיינען זיי אַלע צייט). [3] קאָרעגירט לויטן ירושלמי, ברכות פרק א, הלכה א. [4] וואָס שטימען ניט צווישן זיך. [5] צוגעגעבן לויט בובערס נוסח. [6] לויט רבין וואָס זאָגט, אַז עס זיינען פאַראַן פיר וואַכן אין דער נאַכט, שטימען ביידע פסוקים: האַלבע נאַכט איז פונקט אינמיטן פון די פיר נאַכטוואַכן, און דוד האָט געקענט, אויפשטייענדיק האַלבע נאַכט, זאָגן: מיינע אויגן האָבן זיך געפעדערט פאַר די נאַכט וואַכן אין לשון רבים, ווייל עס זיינען נאָך געבליבן צוויי וואַכן. [7] אַ באַווייז, אַז מער ווי דריי נאַכטוואַכן זיינען ניטאָ, אַנדערש קען דאָך ניט געמאָלט זיין קיין מיטלסטע נאַכטוואַך. [8] ער איז אויפגעשטאַנען פאַר דער צווייטער נאַכטוואַך. [9] אַז דוד זאָל בייטן די צייט פון זיין אויפשטיין. [10] אַן אָפיציעלע סעודה מיט קיניג־

## כב

(יט) קומי רני בלילה לראש אשמורות. ר׳ אומר: ד׳ אשמורות בלילה וד׳ משמרות ביום. העונה אחד מכ״ד (לעת) [לשעה] והעת אחד מעשרים וארבעה לעונה, הרגע אחד מעשרים וארבעה לעת. וכמה הוא רגע? ר׳ ברכיה בשם ר׳ חלבו אמר: כדי לאמרו; ורבנן אמרי: כהרף עין; ושמואל אמר: אחד מחמשת רבוא וששת אלפים וה׳ מאות וארבעים ושמונה לשעה, זה הוא רגע.

ר׳ נתן אמר שלש אשמורות בלילה. ר׳ זריקא ור׳ אמי בשם ר׳ שמעון בן לקיש אמר: כתוב אחד אומר (תהלים קי״ט): חצות לילה אקום להודות לך, וכתוב אחד אומר (שם): קדמו עיני אשמורות, — כיצד יתקיימו שני כתובים? ר׳ חזקיה [ור׳ אבא], ואמרי לה ר׳ זריקא ור׳ אמי. חד אמר טעמיה דרבי, וחד אמר טעמיה דר׳ נתן. מאן דאמר טעמא דרבי, הא ניחא; מאן דאמר טעמא דר׳ נתן, — ראש אשמורות התיכונה. ור׳ נתן מה מקיים חצות לילה? אלא פעמים חצות לילה, ופעמים קדמו עיני אשמורות.

ואיך עבידא? בשעה שדוד אוכל סעודת עצמו, אוכל עד תשע שעות וישן עד ראש אשמורת התיכונה, ועומד ועוסק בתורה. ובשעה שדוד אוכל סעודת מלכים, אוכל עד הערב וישן עד חצות, ועומד ועוסק בתורה מחצות לילה ולמטה. בין כך ובין כך לא היה השחר בא, ודוד ישן. והוא שאמר דוד (תהלים נ״ז): עורה כבודי, עורה הנבל וכנור, אעירה שחר, — איתער יקרי מן קדם יקריה דבוראי; יקרי לית כלום קדם יקריה דבוראי; אעירה שחר — אנא מעורר שחרא, ולית שחרא מעורר לי.

ר׳ פנחס בשם ר׳ אלעזר בר מנחם אמר: כנור היה נתון תחת מראשותיו והיה עומד ומנגן בו בלילה. א״ר לוי: כנור

---

(תהילים נז, ט): עורה — דערוועק דיך, מיין כבוד, דערוועק דיך, גיטאַר און האַרף; לאָמיך אויפוועקן דעם מאָרגנשטערן, — דערוועק דיך, מיין כבוד, פון פאַרן כבוד פון מיין באַשעפער: מיין כבוד איז גאָרניט קעגן דעם כבוד פון מיין באַשעפער; לאָמיך אויפוועקן דעם מאָרגנשטערן, — איך וועל אויפוועקן דעם מאָרגנשטערן, אָבער דער מאָרגנשטערן זאָל מיך ניט אויפוועקן.

ר׳ פינחס האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אלעזר בר מנחם: אַ האַרף איז געלעגן אונטער זיין צוקאָפּנס, און ער פלעגט אויפשטיין און שפּילן אויף

איר בייַנאַכט. ר׳ לוי האָט געזאָגט: אַ האַרף איז געהאַנגען איבער דודס בעט, און ווי ס׳איז אָנגעקומען האַלבע נאַכט, אַזוי האָט אַ צפון ווינט גע־בלאָזן אויף איר, און זי פלעגט שפּילן פון זיך אַליין. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (מלכים ב, ג, טו): והיה — און עס איז געווען, ווי דער שפּילער האָט געשפּילט, — עס שטייט דאָ ניט „און עס איז געווען ווי ער האָט געשפּילט אויפן שפּילער", נייערט און עס איז געווען ווי דער שפּילער האָט געשפּילט, — די האַרף פלעגט פון זיך אַליין שפּילן. און אַז דוד פלעגט דערהערן איר קול, אַזוי גלייך פלעגט ער אויפשטיין און לערנען תורה. און אַז די יידן פלעגן דערהערן דודס קול ווי ער לערנט תורה, פלעגן זיי זאָגן: „מה־דאָך דוד המלך לערנט תורה, מיר — אוודאי און אוודאי!" גלייך פלעגן זיי זיך נעמען לערנען תורה.

און ווי אַזוי דערקלערט רבי דעם פּסוק פון ר׳ נתן? [11] ר׳ הונא האָט געזאָגט: [דאָס מיינט]: דער סוף פון דער צווייטער נאַכטוואַך און דער אָנהייב פון דער דריטער, וואָס זיי צעטיילן די נאַכט אינמיטן. האָט אים ר׳ מני געזאָגט: וואָלט געשטאַנען „די מיטלסטע נאַכטוואַכן", וואָלט געווען רעכט; אָבער עס שטייט דאָך ניט אַנדערש, נייערט די מיטלסטע [נאַכטוואַך]! [דער ענטפער איז, אַז] די ערשטע וואַך האָט זיך ניט גערעכנט, ווייל ביז דאַן איז נאָך ניט געקומען די צייט[12].

## כג

(כ) ראה ה׳ — זע, גאָט, און קוק. געשען איז אַ מעשה, אַז דואג בן יוסף איז געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט אַ קליינעם זון מיט דער מאַמען. פלעגט זי אים מעסטן מיטן טפח און יאָר־יערלעך געבן זיין וואָג אין גאָלד פאַר גאָט. אָבער ווי די באַלאַגערונג האָט אַרומגערינגלט ירושלים, אַזוי האָט אים זיין מוטער געשאָכטן מיט די אייגענע הענט און אים אויפגעגעסן. האָט ירמיה געקלאָגט פאַרן אייבערשטן און געזאָגט: למי — וועמען האָסטו אַזוי געטאָן? דאַרפן ווייבער עסן זייער פּרוכט, געצערטלטע[1] קינדער? און דער רוח הקודש ענטפערט אים: דאַרף געהרגעט ווערן אין הייליקטום פון גאָט אַ כוהן אַ נביא? דאָס איז זכריה בן יהוידע.

## כד

(כא) שכבו — עס זיינען געלעגן אויף דער ערד אין די גאַסן [יונג און אַלט]. עס שטייט געשריבן (ירמיה ו, יא): ואת חמת ה׳ — און מיטן צאָרן פון גאָט בין איך פול, איך קען מער ניט איינהאַלטן; גיס אויס אויף די קינ־דער אין גאַס, און אויף דעם געזעמל פון יונגע לייט אינאיינעם; וואָרום סיי מאַן סיי ווייב וועלן באַצוואונגען ווערן, דער זקן מיטן פולטאָגיקן. דעריבער

לעבע געסט, וואָס פאַרנעמט מער צייט. [11] די מיטלסטע נאַכטוואַך, וואָס מיינט, אַז די נאַכט האָט דריי וואַכן, ניט קיין פיר. [12] אָנצופאַלן אויפן שונא, ווייל ער האָט נאָך ניט געהאַט איינגעשלאָפן (זע שופטים, דאָרט), דעריבער רעדט זיך דאָרט וועגן דער מיטלסטער פון די איבעריקע דריי נאַכטוואַכן. — אין בובערס אויסגאַבע לייענט זיך דאָ צום סוף: ועד כדון ברייתא עירין — ביז אַהער זיינען נאָך מענטשן וואַך.

[1] טפוחים — טפח.

**היה תלוי למעלה ממטתו של דוד, וכיון שהגיע חצות לילה, רוח צפונית מנשבת בו, והיה מנגן מאליו. הה״ד** (מ״ב, ג): והיה כנגן המנגן, — **„והיה כנגן במנגן״ אין כתיב כאן, אלא** והיה כנגן המנגן, — **הכנור מאליו היה מנגן. וכשהיה דוד שומע קולו, היה עומד ועוסק בתורה. וכיון שהיו ישראל שומעים קולו של דוד עוסק בתורה, היו אומרים: „ומה דוד מלך ישראל עוסק בתורה, אנו על אחת כמה וכמה!״ מיד היו עוסקין בתורה.**

**ומה מקיים רבי קרייה דר׳ נתן? אמר רב הונא: סופה של שנייה וראשה של שלישית, שמתווכות הלילה. אמר לו רבי מני: אלו נאמר** תיכונות, **יאות הות; הא לא נאמר אלא** תיכונה! **— קדמייתא לא מיתחשבה, דעד כדו לא אתא עידן.**

כג

(כ) ראה ה׳ והביטה. **מעשה בדואג בן יוסף שמת, והניח בן קטן לאמו. והיתה ממדדת אותו בטפחים ונותנת משקלו זהב לשמים בכל שנה ושנה. וכיון שהקיפה מצודה לירושלים, טבחתו אמו בידיה ואכלתו. והיה ירמיה מקונן לפני המקום ואומר:** למי עוללת כה? אם תאכלנה נשים פרים,עוללי טפוחים? **ורוח הקדש משיבתו:** אם יהרג במקדש ה׳ כהן ונביא? **זה זכריה בן יהוידע.**

כד

(כא) שכבו לארץ חוצות, **וגו׳. כתיב** (ירמיה ו׳): ואת חמת ה׳ מלאתי, נלאיתי הכיל; שפוך על עולל בחוץ ועל סוד בחורים יחדיו, כי גם איש עם אשה ילכדו, זקן עם מלא ימים. **לפיכך** שכבו לארץ חוצות.

כה

(כב) תקרא כיום מועד מגורי מסביב. **מהו** מגורי? **(מגו) [מגורי] ביתאי. א״ר אלעזר בר׳ מרינוס: בני אדם (שעשו קוסי פרפיראן) [שהיו קוסי טרפיזין] שלי דאתי עלי.**

---

דיינען געלעגן אין די גאַסן [יונג און אַלט, מיינע מיידלעך און מיינע בחורים].

כה

(כב) תקרא — האָסט געדופן ווי אויף אַ יום־טוב מיינע מיטוואוינער [1] אַרום.
**וואָס מיינט** מגורי? **די וואָס וואוינען אין מיין הויז. ר׳ אלעזר דער זון פון**

**ר' מרינוס האָט געזאָגט: מענטשן וואָס פלעגן אויף מיין טיש עסן,**[2] **זיי זיינען אָנגעקומען אויף מיר.**

(כב) ולא היה — און ס'איז ניט געבליבן אין טאָג פון גאָטס צאָרן קיין שריד ופליט. **ר' חייא האָט געלערנט: [דאָס איז געזאָגט] קעגן דיינע זין און טעכטער וואָס דאַרפן ערשט קומען, — די זינד וועט זיי אומברענגען.** אשר — די וואָס איך האָב געצערטלט און אויפגעהאָדעוועט **שטייט דאָ ניט, נייערט** די וואָס איך האָב געצערטלט און אויפגעהאָדעוועט, זיי האָט מיין שונא פאַרטיליקט[3].

---

[1] זע רש"י און אבן עזרא אויפן פסוק. [2] געביטן לויטן ערוך און לויט בובערס נוסח. [3] דער לעצטער מאמר איז ניט קלאָר און אין בובערס נוסח איז ער אינגאַנצן ניטאָ. דער רד"ל שלאָגט פאָר צו לייענען אין טעקסט אזוי: „אשר פריתי ורביתי" אין כתיב כאן — „וואָס איך האָב געפרוכפּערט און געמערט" שטייט דאָ ניט (וואָס עס וואָלט געמיינט, אַז די קינדער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן קליינערהייט), נייערט די וואָס איך האָב געצערטלט און אויפגעהאָדעוועט, זיי האָט דער שונא פאַרלענדט, — דערוואַקסענע קינדער האָט דער שונא פאַרלענדט, און דער ווייטאָק איז פיל גרעסער.

געענדיקט דער צווייטער אלף בית

(כב) ולא היה ביום אף ה׳ פליט ושריד. **תני ר׳ חייא: כנגד בנים ובנות שיהיו לך, יהיה החטא מאבדן.** אשר טפחתי ורביתי **אין כתיב כאן, אלא** אשר טפחתי ורביתי אויבי כלם.

סליק אלפא ביתא תניינא

# פרשה ג

## א

**(א)** אני הגבר — איך בין דער מענטש. **ר׳ חמא בר חנינא האָט אָנגעהויבן [זיין דרשה מיטן פסוק]** [1] (ירמיה לו, לב): ויִרמיהו לקח — און ירמיהו האָט גענומען אַן אַנדער מגילה און האָט זי געגעבן צו ברוך דעם זון פון נריהו, דעם שרייבער, און ער האָט אָנגעשריבן אויף איר פון ירמיהוס מויל אַלע ווערטער פון דעם בוך וואָס יהויקים דער מלך פון יהודה האָט פאַרברענט אין פייער; און צו זיי זיינען צוגעגעבן געוואָרן נאָך פיל ווערטער אזוי ווי זיי. [דאָס וואָרט] כהמה, אזוי ווי זיי, **לערנט אונדז גאָרניט ניט; טאָ צו וואָס שטייט געשריבן** כהמה? **ר׳ כהנא האָט געזאָגט:** און צו זיי זיינען צוגעגעבן געוואָרן נאָך פיל ווערטער אזוי ווי זיי, — ווערטער **[זיינען די פרקים]** איכה ישבה, איכה יעיב, איכה יועם; פיל **[איז דער פרק]** זכור ה׳; אזוי ווי זיי **[איז דער פרק]** אני הגבר, **וואָס זיינע פסוקים באַשטייען פון אַ דריי־פאַכן אלף־בית. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (משלי כב, כ): הלא כתבתי לך שלישים — פאַרוואָר איך האָב דיר אויפגעשריבן דרייפאַכיקע, — **דרייפאַכיקע ווערטער** [2]; **ר׳ שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: וואָס מיינט** שלישים? **גיבורים, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות יד, ז): ושלישים על כלו, **און דער תרגום** [3] **מאַכט:** וגברין — און גיבורים באַשטימט איבער זיי אַלע [4]; **[אָבער] אַן אַנדער פשט איז:** שלישים — **[דאָס איז דער פרק]** אני הגבר, **וואָס זיינע פסוקים באַשטייען פון אַ דרייפאַכן אלף־בית.**

**ר׳ יהושע פון סיכנין האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ לוין:** איך בין דער מענטש, — **„איך בין דער וואָס האָט זיך אויסגעלערנט [מקבל צו זיין] יסורים; וואָס דיר איז ווואילגעפעלך, איז מיר וואוילגעפעלן"** [5]. **ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס איז בייז געוואָרן אויף דער מאַטראָנע, און ער האָט זי פאַרשטויסן און אַרויסגעטריבן פון פאַלאַץ. איז זי געגאַנגען און האָט באַהאַלטן** [6] **איר פּנים הינטער אַ זייל. האָט געטראָפן, אַז דער מלך איז פאַר־ בייגעגאַנגען און האָט זי דערזען. האָט ער געזאָגט צו איר: „ביסט אַן בושה!"** [7] **האָט זי געזאָגט צו אים: „מיין האַר דער מלך! אזוי איז גוט אויף מיר און אזוי פּאַסט עס מיר און אזוי בין איך, עס ווערט, דען קיין אַנדער פרוי האָט דיך ניט אויפגענומען, נייערט איך". האָט ער געזאָגט צו איר: „איך האָב דאָך עס אויסבראַקירט אַלע פרויען צוליב דיר". האָט זי געזאָגט צו אים: „אויב אזוי, טאָ צו וואָס ביסטו אַריין אין יענעם־און־ יענעם געסל, אין יענעם־און־יענעם הויף און אין יענעם־און־יענעם אָרט, — ניט צוליב**

# פרשה ג

## א

(א) אני הגבר. **ר׳ חמא בר חנינא פתח** (שם ל״ו): וירמיהו לקח מגלה אחרת ויתנה אל ברוך בן נריהו הסופר, ויכתוב עליה מפי ירמיהו את כל דברי הספר אשר שרף יהויקים מלך יהודה באש; ועוד נוסף עליהם דברים רבים כהמה. **שאין תלמוד לומר** כהמה, — **מה תלמוד לומר** כהמה? **רב כהנא אמר**: ועוד נוסף עליהם דברים רבים כהמה, — דברים: איכה ישבה, איכה יעיב, איכה יועם; רבים — זכור ה׳; כהמה — אני הגבר, **דהוא תלתא תלתא פסוקים. הה״ד** (משלי כ״ב): הלא כתבתי לך שלישים, — **דברים משולשים. רבי שמואל בר נחמני אמר: מהו** שלישים? **גבורים, כד״א** (שמות י״ד): ושלישים על כלו, **ומתרגמינן**: וגיברין ממנן על כולהון. **ד״א** שלישים — אני הגבר, **דהוא מתלתא תלתא פסוקים.**

**ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי אמר**: אני הגבר, — **אנא הוא דיליפנא ייסורין; אהני עלי מה דאהני לך. משל למלך שכעס על מטרונה, ודחפה והוציאה חוץ לפלטין. הלכה וצמצמה פניה אחר העמוד. נמצא המלך עובר ורואה אותה. אמר לה: „אקשית אפיך". אמרה לו: „אדוני המלך! כך יפה לי וכך נאה וכך ראוי לי, שלא קבלה אותך אשה אחרת, אלא אני". אמר לה: „אני הוא שפסלתי כל הנשים בעבורך". אמרה לו: „אם כן, למה נכנסת למבוי פלוני ולחצר פלוני ולמקום פלוני, — לא בשביל**

---

[1] זע פתיחתא כח, וואו דער מאמר געפינט זיך אין אַן אַנדער נוסח. [2] תורה, נביאים און כתובים (רש״י דאָרט). [3] אונקלוס (אין בובערס נוסח איז די אָנווייזונג אויפן תרגום ניטאָ). [4] לויט דעם זאָל דער פסוק אין משלי מיינען ווערטער וויכטיקע, אָדער שטאַרקע. [5] ישראל איז מקבל די יסורים באהבה (מתנות כהונה). לויטן יפה ענף ווערט עס געזאָגט סאַרקאַסטיש: ווייל ס׳איז מיר געווען וואוילגעפעלן מקבל צו זיין די תורה, ווי דו האָסט עס געוואָלט, מוז איך איצט ליידן פאַר דער זינד פון ניט אָפּהיטן זי, — און דאָס פּאַסט זיך בעסער צו צום ווייטערדיקן משל. [6] ווערטערלעך: צוגעדריקט איר

דער־און־דער פרוי, און זי האָט דיך ניט אויפגענומען?" אזוי האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו ישראל: „איר זענט אָן בושה!"[8] האָבן זיי געזאָגט פאַר אים: „ריבונו־של־עולם! אזוי איז גוט אויף אונדז און אזוי פּאַסט עס אונדז און אזוי איז רעכט אויף אונדז, דען קיין אַנדער אומה האָט ניט מקבל געווען די תורה, נייערט איך". האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך האָב עס דאָך אויסבראַקירט אַלע אומות פון וועגן אייך". האָבן זיי געזאָגט צו אים: „אויב אזוי, טאָ פאַרוואָס האָסטו אַרומגעטראָגן דיין תורה איבער די אומות, און זיי האָבן זי ניט מקבל געווען?" דען מיר האָבן געלערנט[9]: צוערשט האָט ער זיך אַנטפּלעקט צו די קינדער פון עשו; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דברים לג, ב): ויאמר — און ער האָט געזאָגט: גאָט איז פון סיני געקומען און האָט אויפגעשיינט פון שעיר[10] אויף זיי, און זיי האָבן זי ניט מקבל געווען. האָט ער זי געבראַכט צו די קינדער פון ישמעאל, און זיי האָבן זי ניט מקבל געווען; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט): הופיע — ער האָט אַרויסגעשטראַלט פון באַרג פארן[11]. און צום סוף האָט ער זי געבראַכט צו ישראל, און זיי האָבן זי מקבל געווען; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט): ואתה — און ער איז געקומען פון די הייליקע צענטויזנטער, אין זיין רעכטער האַנט אַ פייערדיק געזעץ פאַר זיי. און נאָך שטייט געשריבן (שמות כד, ז): כל — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט, וועלן מיר טאָן און הערן[12].

אַן אַנדער פּשט: אני הגבר, — ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: איך בין דאָס דער מענטש — איך בין דאָס דער איוב, ווי דער פּסוק זאָגט (איוב לד, ז): מי גבר — וועלכער מענטש ווי איוב טרינקט שפּאָט ווי וואַסער?[13] ראה עני — וואָס האָט אָנגעזען פיין, — ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט: „וויבאַלד ער האָט מיך געזען אָרים[14] פון מצוות, אָרים פון מעשים טובים, אזוי באַלד האָט ער געבראַכט אויף מיר די רוט פון זיין גרימצאָרן. ר' ברכיה האָט געזאָגט: „ער האָט מיך געשטאַרקט[15] דאָס אַלץ בייצושטייך". דו געפינסט, — נאָך די הונדערט־וויניקער־צוויי [קללות פון דער] תוכחה וואָס געפינען זיך אין משנה תורה[16], וואָס שטייט געשריבן? (דברים כט, ט): אתם נצבים — איר שטייט היינט אַלע [פאַר גאָט אייער גאָט], און דער תרגום [אונקלוס][17] מאַכט: אתון קיימין — איר שטייט פעסט היינטיקן טאָג אַלע, גבורים דאָס אַלץ בייצושטיין.

(ב) אותי נהג — מיך האָט ער געפירט אויף דער וועלט, וואָס ווערט אָנגערופן פינצטערניש און ניט ליכטיקייט. (ג) אך בי — נייערט קעגן מיר קערט ער אָבער און ווידער זיין האַנט אַ גאַנצן טאָג. ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: דאָס לערנט אונדז, אַז הקדוש־ברוך־הוא פאַרוואַרלאָזט די צדיקים אויף דער וועלט, אָבער ער וועט ווידער רחמנות האָבן אויף זיי [לעתיד לבוא]; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: נייערט קעגן מיר קערט ער ווידער [זיך אום פון כעס צו רחמים].

פנים. [7] מיט דיין ניט אָפּטרעטן פון דאַנען. [8] מיט אייערע טענות צו מיר, נאָך אייער

**אשה פלונית, ולא קבלה אותך?" כך אמר הקב"ה לישראל: "אקשיתון אפיכון". אמרו לפניו: "רבש"ע! כך יפה לנו וכך נאה לנו וכך הגון לנו, שלא קבלה אומה אחרת תורתך, אלא אני". אמר להם: "אני הוא שפסלתי כל האומות בשבילכם". אמרו לו: "אם כן, למה החזרת תורתך על האומות ולא קבלוה?" דתניא: בתחלה נגלה על בני עשו; הה"ד** (דברים ל"ג): **ויאמר:** ה' מסיני בא וזרח משעיר למו, **ולא קבלוה. החזירה על בני ישמעאל, ולא קבלוה; הה"ד** (שם): הופיע מהר פארן. **ולבסוף החזירה על ישראל, וקבלוה; הה"ד** (שם): ואתה מרבבות קדש, מימינו אש דת למו; **וכתיב** (שמות כ"ד): כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע.

**ד"א:** אני הגבר, — **אמר ר' יהושע בן לוי: אני הוא הגבר — אנא הוא איוב, שנא'** (איוב ל"ד): מי גבר כאיוב ישתה לעג כמים. ראה עני, — **א"ר שמואל בר נחמן: אמרה כנסת ישראל: "כיון שראה אותי עניה מן המצות, עניה ממעשים טובים, הביא עלי** שבט עברתו. **א"ר ברכיה:** גברני **לעמוד בכולן. את מוצא, אחר מאה חסר שתים תוכחות שיש במשנה תורה, מה כתיב?** (דברים כ"ט) אתם נצבים היום כלכם, **ומתרגמינן:** אתון קיימין יומא דין כלכון, **גבורים לעמוד בכולם.**

(ב) אותי נהג. **בעולם הזה, שנקרא** חשך ולא אור. (ג) אך בי ישוב יהפוך ידו כל היום, — **אמר ר' שמעון בן לקיש: מלמד, שהקב"ה מתיאש מן הצדקים בעולם הזה, אבל חוזר ומרחם עליהם; הה"ד:** אך בי ישוב.

ב

(ד) בלה בשרי, **זה ציבור,** ועורי, **זה סנהדרין: כשם שהעור חופה על הבשר, כך סנהדרין חופין על ישראל.** שבר עצמותי,—

---

ב

(ד) בלה — אָפגעצערט האָט ער מיין פליש, **דאָס איז דער ציבור,** און מיין הויט, **דאָס איז דער סנהדרין: אזוי ווי די הויט באַדעקט דאָס פליש,**

---

פאַרטריבן ווערן איבער אייערע זינד. [9] עבודה זרה ב, ב. [10] סינאָנים צו אדום, עשו. [11] זיך אָרט פון ישמעאל (זע בראשית כא, כא). [12] דער יפה ענף ברענגט דאָ פון ילקוט דעם פאָלגנדן צוגאָב: "וויפיל גוטס האָב איך געטאָן פאַר דיר — איך האָב געהייליקט דיין נאָמען ביים ים, איך האָב געזאָגט פאַר דיר שירה, איך האָב מיט שמחה מקבל געווען דיין תורה, וואָס אַנדערע האָבן ניט געטאָן, און נאָך דעם אַלעמען בין איך דער מענטש וואָס האָט אָנגעזען פיין". [13] דאָס וואָרט גבר וואָס ווערט גענוצט איןביידע ערטער

אזוי באַדעקט דער סנהדרין ישראל[1]. שבר עצמותי — צעבראָכן האָט ער מיינעביינער, — מיינע גיבורים[2], די מענטשן וואָס זיינען געווען ווי די ריזן־קינדער.

(ה) בנה — באַבויט האָט ער מיך און אַרומגערינגלט מיט גיפט (ראש), דאָס איז נבוכדנצר, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (דניאל ב, לח): אנת — דו ביסט עס דער קאָפּ[3] פון גאָלד; און מיט מאַטערניש, דאָס איז נבוזראדן. אַן אַנדער פּשט: מיט גיפט, דאָס איז אספּאסיאנוס; און מיט מאַטערניש, דאָס איז טראכינוס[4].

(ו) במחשכים — אין פינצטערנישן האָט ער מיך אַריינגעזעצט, ווי מתים לאַנגאָניקע. ר׳ שמואל האָט געזאָגט: פיר ווערן גערעכנט ווי טויט: אַ בלינדער, ווי עס שטייט געשריבן: אין פינצטערנישן האָט ער מיך באַזעצט, ווי מתים לאַנגאָניקע; אַ קרעציקער, ווי דער פּסוק זאָגט (במדבר יב, יב): אל נא — זאָל זי,[5] איך בעט דיך, ניט זיין ווי אַ טויטער; און דער וואָס האָט קיין קינדער ניט, ווי עס שטייט געשריבן ביי רחלען (בראשית ל, א): הבה לי — גיב מיר קינדער, אַניט בין איך אַ טויטע; און דער וואָס האָט פאַרלאָרן זיין פאַרמעגן, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות ד, יט): כי מתו — דען געשטאָרבן זיינען די אַלע מענטשן, — זיינען זיי דען טאַקע געשטאָרבן?[6] נייערט זיי האָבן פאַרלאָרן זייערע פאַרמעגנס.

ג

(ז) גדר — ער האָט מיך אַרומגעצוימט און איך קען ניט אַרויסגיין. ר׳ איבו האָט געזאָגט: דאָס מיינט מען די אַראַבישע גרעניץ פעסטונגען[1]; ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: דאָס מיינט מען די חיל־לאַגערן פון די פּערסער[2]; און די רבנן זאָגן: דאָס מיינט מען דעם פּאַס לאַנד פון די שומרונים[3]. הכביד — ער האָט שווער געמאַכט מיין קייט, ער האָט מיך באַשווערט מיט תבואה צינדזן און שטראָף צינדזן און קאָפּ צינדזן.

(ח) גם — אפילו אַז איך שריי און רוף. ר׳ אחא האָט געזאָגט: דער וואָס איז מתפּלל צוזאַמען מיטן ציבור, צו וואָס איז ער געגליכן? צו מענטשן וואָס האָבן געמאַכט אַ קרוין פאַרן מלך; איז געקומען אַן אָרימאַן און האָט אַריינגעגעבן זיין חלק אין דעם. וואָס זאָגט דער מלך? „צוליב דעמדאָזיקן אָרימאַן זאָל איך זי ניט אָננעמען?״ גלייך נעמט זי דער מלך און טוט זי זיך אַרויף אויפן קאָפּ. אזוי — אויב צען צדיקים שטייען און טוען תפילה, און איינער אַ רשע שטייט צווישן זיי, וואָס זאָגט הקדוש־ברוך־הוא? „צוליב דעם רשע זאָל איך ניט אָננעמען זייער תפילה?״ און די רבנן זאָגן: אַז איינער קומט נאָכן [אָפּדאַווענען פונעם] ציבור, ווערן זיינע מעשים אויסגערעכנט איינציקווייז[4]. צו וואָס איז ער געגליכן? צו אַ מלך, וואָס זיינע אַרענדאַרן און זיינע בני בית זיינען געקומען אים כבוד אָפּגעבן. איז

ווערט דאָ גענומען ווי אַ רמז, אַז איוב איז אַ סימבאָל פאַרן ליידנדיקן פאָלק ישראל.
[14] עני מיינט אי אָרימקייט, אי פּיין. [15] גברני — גבר. [16] דברים כח. [17] אין בובערס נוסח פעלט דאָ די אָנווייזונג אויפן תרגום.

**עיצומי, בני אדם שהיו כבני העצומים.**

(ה) בנה עלי ויקף ראש, **זה נבוכדנצר, דכתיב ביה** (דניאל ב׳): אנת הוא ראשה די דהבא; ותלאה, **זה נבוזראדן. ד״א**: ראש, **זה אספסינוס**, ותלאה, **זה טרכינוס.**

(ו) במחשכים הושיבני כמתי עולם. **א״ר שמואל: ארבעה חשובין כמתים: סומא, דכתיב**: במחשכים הושיבני כמתי עולם; **מצורע, שנא׳** (במדבר י״ב): אל נא תהי כמת; **ומי שאין לו בנים, דכתיב בה ברחל** (בראשית ל׳): הבה לי בנים, ואם אין מתה אנכי; **ומי שירד מנכסיו, שנא** (שמות ד׳): כי מתו כל האנשים, — **וכי מתים היו? אלא שירדו מנכסיהם.**

**ג**

(ז) גדר בעדי ולא אצא. **ר׳ איבו אמר: זה בסגר של ערבייא; רבי ברכיה אמר: זה קסטרא של פרסיין; ורבנן אמרי: זה מטלית של כותיים.** הכביד נחשתי, **הכביד עלי ארנוניות ודימוסיאות וגלגלאות.**

(ח) גם כי אזעק ואשוע. **ר׳ אחא אמר: כל המתפלל עם הציבור למה הוא דומה? לבני אדם שעשו עטרה למלך; בא עני אחד ונתן חלקו בתוכה. מה המלך אומר? „בשביל זה עני (אני) [איני] מקבלה?״ מיד מקבל המלך ונותנה בראשו. כך אם היו עשרה צדיקים עומדים בתפלה ורשע עומד ביניהם, מה הקב״ה אומר? „בשביל רשע זה איני מקבל תפלתם?״ ורבנן אמרין: בא אחר הציבור מעשיו נפרטין· למה הוא דומה? למלך שנכנסו אריסיו ובני ביתו לכבדו. בא אחד באחרונה. אמר המלך: „תיסתם**

---

איינער געקומען צולעצט. האָט דער מלך געזאָגט: „זאָל זיין פעסל פאַר־שטאָפּט בלייבן!״ [5] און וואָס האָט עס אים גורם געווען? דאָס וואָס ער

---

[1] און אַז דער סנהדרין איז אומגעבראַכט געוואָרן, האָט ישראל פאַרלאָרן זיין שוץ.

[2] עיצומי — עצמותי. [3] ראשה — ראש. [4] טראיאנוס. [5] מרים, וואָס איז קרעציק געוואָרן פאַר רעדן אויף משהן. [6] לויט אַ מדרש זיינען עס געווען דתן און אבירם, וואָס האָבן געזוכט משהס לעבן, און זיי האָבן געלעבט ביז קורחס מרידה.

[1] פאַראַן אַ סברא, אַז מיט דעם ווערט געמיינט די שורה פעסטונגען און טורעמס אויפן אַראַביש־סירישן מדבר וועג, וואָס דער רוימישער קיסר טראיאנוס האָט אויסגע־בויט. [2] אפשר געמיינט — רוימער, נאָר געביטן, צוליב מורא פאַר מלכות. [3] וועלכע זיינען געזעסן אין צענטער פון לאַנד. — דער צד השוה פון די דריי איז, אַז די יידן זיינען געווען אַרומגערינגלט רונד אַרום מיט שונאים — און זיי האָבן ניט געקענט אַנטלויפן. [4] און דאַן זעען זיך שטאַרקער אָן די שלעכטע מעשים. [5] דער שפּעטקומער זאָל ניט

איז געקומען צולעצט. אזוי — יעדער וואָס איז מתפלל נאָכן [אָפּדאַווענען פון] ציבור, ווערן זיינע מעשים אויסגערעכנט איינציקווייז. אויף דעם זאָגט דער פסוק: גם — אפילו אַז איך שריי און רוף, שתם — פאַרשפּאַרט ער [דעם וועג פאַר] מיין תפילה, — שתם שטייט[6], ווייל דער ציבור האָט געענדיקט זייער תפילה.

(ט) גדר — ער האָט פאַרצאַמט מיינע וועגן מיט געהאַקטע שטיינער. די טעכטער פון לוד פלעגן פאַרקנעטן זייער טייג און אַרויפגיין [קיין ירושלים] און מתפלל זיין, און פלעגן צוריקקומען נאָך איידער ס'איז איינגעזייערט געוואָרן[7]. די טעכטער פון ציפורי פלעגן אַרויפגיין און לויבן גאָט אין בית המקדש, און קיינער פלעגט זיך ניט פעדערן צום פייגנבוים פריער פון זיי[8]. און יענער סופר אין מגדלא פלעגט יעדן ערב שבת צוגרייטן די ליכט, אַרויפגיין [קיין ירושלים] און לויבן גאָט, און פלעגט צוריקקומען [אין צייט] און זיי אָנצינדן. און אַנדערע זאָגן: ס'איז געווען אַ סופר, וואָס פלעגט יעדן ערב שבת אַרויפגיין און איבערגיין זיין סדרה[9] אין בית המקדש, און פלעגט צוריקקומען און האַלטן שבת אין דער היים.

געווען איז אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס איז געשטאַנען און געאַקערט. איז אים אַנטלאָפן זיין קו. איז ער אַרויס און האָט זיי געזאָגט, ווי עס איז [געשען]. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „מיט וועלכן וועג ביסטו געקומען?" האָט ער גענומען זיי ווייזן, אָבער ער האָט ניט געפונען דעם וועג[10]. האָבן זיי געלייענט אויף אים דעמדאָזיקן פסוק: גדר — ער האָט פאַרצאַמט מיינע וועגן מיט געהאַקטע שטיינער, מיינע שטעגן האָט ער פאַרקרימט (עוה), — חרוב געמאַכט, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל כא, לב): עוה[11] — אַ חורבן, אַ חורבן, אַ חורבן וועל איך עס מאַכן.

ד

(י) דוב אורב — אַ בער, אַ לויערנדיקער איז ער מיר, — דאָס איז נבוכדנצר; אַ לייב אין פאַרבאָרגענישן — דאָס איז נבוזראדן. אַן אַנדער פשט: אַ בער וואָס לויערט, — דאָס איז אספאסיאנוס; אַ לייב אין פאַרבאָרגענישן, — דאָס איז טראכינוס.

(יא) דרכי — מיינע וועגן האָט ער אָפּגעקערט, און מיך צעריסן (ויפשחני), — צעשפּאָלטן, ווי מיר זאָגן[1]: אילן שנפשח — אַ בוים וואָס איז צעשפּאָלטן געוואָרן מעג מען צונויפבינדן אום שביעית[2].

---

באַקומען קיין ווייַן צו טרינקען. [6] אָנשטאָט סתם מיט אַ סמך שטייט שתם מיט אַ לינקער שין, וואָס קען זיך אויך לייענען ווי אַ רעכטע שין, מיט אַ סגל אונטער דער שין, וואָס וועט מיינען: ווייל מע האָט געענדיקט (די תפילה). [7] אַזעלכע גוטע וועגן זיינען געווען אין ארץ ישראל פאַרן חורבן. [8] פייגן מוזן אויפגעקליבן ווערן גאַנץ פרי, אַנדערש ווערן זיי פאַרווערימט (זע שיר השירים רבה ו, ב, ב) [9] די סדרה פון דער וואָך, וואָס ער האָט אויף מאָרגן געדאַרפט לייענען אין זיין שול. [10] די מעשה איז געשען נאָכן חורבן, ווען אַלע וועגן זיינען חרוב געוואָרן, און איז אין קאָנטראַסט צו די פריערדיקע. [11] מיט אַ פּתח אונטער דער עין.

חביתו?" ומי גרם לו? הרי שבא באחרונה. כך כל המתפלל לאחר הציבור, מעשיו נפרטין. לכך נאמר: גם כי אזעק ואשוע, סתם תפלתי, — שתם כתיב, לפי שתמו הציבור תפלתהון.

(ט) גדר דרכי בגזית. בנות לוד היו לשות עיסתן ועולות ומתפללות, ויורדות עד שלא החמיצו. בנות ציפורי הויין סלקן ושבחן בבית מיקדשא, ולא הוה בר נש קריץ לתאנה קדמי מנהון. והאי ספרא דמגדלא הוה מסדרא קנדיליה בכל ערובא שובא, סליק שבח, ונחת ומדליק יתהון. ואית דאמרי: ספרא הוה, בכל ערובא שובא הוה סליק ופשט סדריה בבית מיקדשא,ונחית שבית בביתיה.

עובדא הוה בחד בר נש דהוה קאי ורדי. ערקת תורתיה. נפק, אמר להו כדו. אמרו ליה: „באידנא אסטרטייא אתית?" שרי מחוי להון, ולא אשכח הדרך. וקרו עליה הדין קרייה: גדר דרכי בגזית, נתיבותי עוה, — אצדי, כמד"א (יחזקאל כא): עוה עוה אשימנה.

ד

(י) דוב אורב הוא לי, זה נבוכדנצר; ארי במסתרים, זה נבוזראדן. ד"א: דוב אורב, זה אספסיאנוס; ארי במסתרים, זה טרכינוס.

(יא) דרכי סורר ויפשחני, — תילהי, כדאמרינן: אילן שנפשח, קושרין אותן בשביעית.

(יב) דרך קשתו ויציבני כמטרא לחץ. תרין אמוראין. חד אמר: כבורמא לאספריסא; וחד אמר: כקורת חצים, שהכל מורים בה, והיא נצבת. ר' יודן אמר: וגברני לעמוד בכולן.

(יב) דרך — ער האָט געשפּאַנט זיין בויגן, און מיך געשטעלט ווי אַ ציל פאַר דער פייל. צוויי אמוראים [טייטשן די לעצטע ווערטער]. איינער זאָגט: ווי אַ קלין פאַר אַ קלאָץ[3]; און איינער זאָגט: ווי אַ זייל פאַר פיילן, וואָס אַלע שיסן אין אים, און ער בלייבט שטיין. ר' יודן[4] האָט געזאָגט: „און ער האָט מיך געשטאַרקט דאָס אַלץ בייצושטיין". דו געפינסט, — נאָך די

[1] משנה שביעית ד, ו. [2] אין שמיטה יאָר, ווען מע טאָר אין פעלד און אין גאָרטן קיין אַרבעט ניט טאָן. [3] בורמא (פורמא, פון פרם, צעעפּענען) אַ קלין; אספריסא (פון פרס, צעשפּאַלטן) עפּעס וואָס דאַרף צעשפּאָלטן ווערן: (חוץ ווערט פאַרשטאַנען לויטן שורש חצץ, צעטיילן): דער קלין (ישראל) קריגט טאַקע קלעפּ, אָבער דער קלאָץ (די שונאים) וועט סוף כל סוף צעשפּאָלטן ווערן (יאַסטראָוו). לויט דעם דרש אַנטהאַלט דער פּסוק אַ טרייסט פאַר ישראל, אַזוי ווי דער דרש פונעם צווייטן אמורא. [4] אויבן ג, א, ווערט דערזעלבער דרש געבראַכט אין נאָמען פון ר' ברכיה.

**הונדערט־וויניקער־צוויי** [קללות פון דער] **תוכחה וואָס געפינען זיך אין משנה תורה, וואָס שטייט געשריבן?** (דברים כט, ט): אתם נצבים — איר שטייט היינט אַלע פאַר גאָט אייער גאָט, **און דער תרגום** [אונקלוס] **מאַכט:** אתון קימין — איר שטייט פעסט, **גבורים דאָס אַלץ בייצושטיין.**

**ה**

(יג) הביא — ער האָט געבראַכט אין מיינע נירן די זין פון זיין פיילן־שייד. **רב און שמואל** [גיבן אויף דעם דערקלערונגען]. **רב האָט געזאָגט:** [דאָס מיינט מען] **די זין פון חרובע לענדער און די זין פון ערבות**[1]; **און שמואל האָט געזאָגט: מענטשן וואָס עסן אַ סך און גיבן אַרויס אַ סך צואה**[2], **זיי האָט ער געבראַכט אויף מיר.**

(יד) הייתי — איך בין געוואָרן אַ געלעכטער ביי מיין גאַנצן פאָלק. **עס שטייט געשריבן** (תהלים סט, יג)[3]: ישיחו — עס רעדן פון מיר די טויער־זיצער, — **דאָס זיינען די אומות העולם, וואָס זיי זיצן אין די שפיל־הייזער און אין צירק־הייזער;** ונגינות — און די געזאַנגען פון די משקה טרינקער, — **נאָכדעם ווי זיי זיצן און עסן און טרינקען און שיכורן זיך אָן, זיצן זיי און רעדן פון מיר און שפּאָטן פון מיר און זאָגן: „**[אונדז איז גוט,] **ווייל מיר דאַרפן ניט אָנקומען צו קיין באָקסער ווי די יידן". און זיי זאָגן איינער צום אַנדערן: „וויפיל יאָר ווילסטו לעבן?" און זיי זאָגן: „ווי אַ שבתדיקע העמד ביי יידן". און זיי ברענגען אַריין אין זייערע שפיל־הייזער אַ קעמל מיט זיינע איבערדעקן אויף אים, און זיי זאָגן איינער צום אַנדערן: „אויף וואָס טרויערט ער?" און זיי זאָגן: „דידאָזיקע יידן היטן אָפּ שמיטה, און זיי האָבן ניט קיין גרינס; האָבן זיי אויפגעגעסן זיינע דערנער, און אויף זיי טרויערט ער". און זיי ברענגען אַריין אין זייער שפיל־הויז אַ פּאַיאַץ מיט אַ געגאָלטן קאָפּ, און זיי זאָגן איינער דעם אַנדערן: „פאַרוואָס איז זיין קאָפּ אָפּגעגאָלט?" און ער זאָגט: „דידאָזיקע יידן זיינען שומרי־שבתניקעס, און אַלץ וואָס זיי פאַרהאַרעווען אַ גאַנצע וואָך, עסן זיי אויף אום שבת; אָבער זיי האָבן ניט קיין האָלץ אויף וואָס צו קאָכן. צעברעכן זיי זייערע בעטן און קאָכן אויף דעם. שלאָפן זיי אויף דער ערד און ווערן פול מיט שטויב; שמירן זיי זיך מיט בוימל, דעריבער איז אַ יקרות אויף בוימל".**

**אַן אַנדער פשט:** ישיחו — עס רעדן פון מיר די טויערזיצער, — **דאָס מיינט מען די יידן, וואָס זיצן אין די שולן און בתי מדרשים;** ונגינות — און די געזאַנגען פון די משקה טרינקער, — **נאָכדעם ווי זיי זיצן און עסן און טרינקען און שיכורן זיך אָן ביי דער סעודה פון** [ערב] **תשעה באב, זעצן זיי זיך און לייענען קינות און ווייקלאָגן אין איכה.**

(טו) השביעני — ער האָט מיך געזעטיקט מיט ביטערנישן, — **דאָס איז דער ערשטער טאָג יום־טוב פון פסח, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (שמות יב, ח): ומצות — מיט מצות און מיט ביטערע קרייטעכצער; הרוני — ער האָט מיך זאַט געמאַכט מיט ווערמוט, — **מיט וואָס ער האָט מיך זאַט געמאַכט אין דער ערשטער יום־טוב נאַכט פון פסח, מיט דעם**

**את מוצא אחר מאה חסר שתי תוכחות שיש במשנה תורה, מה כתיב?** (דברים כ"ט) אתם נצבים היום כולכם, **ומתרגמינן:** אתון קיימין, **גבורים לעמוד בכולן.**

ה

(יג) הביא בכליותי בני אשפתו. **רב ושמואל. רב אמר: בני** אופיכיה, בני אמוריה; **ושמואל אמר: בני אדם שאוכלין הרבה ומוציאין אשפות, הביאן עלי.**

(יד) הייתי שחוק לכל עמי. **כתיב**(תהלים ס"ט): ישיחו בי יושבי שער, **אלו אומות העולם, שהן יושבין בבתי תרטיאות ובבתי קרקסיאות;** ונגינות שותי שכר, — **מאחר שהן יושבין ואוכלין ושותין ומשתכרין, הן יושבין ומשיחין בי ומלעיגים בי, ואומרים: „בגין דלא נצרוך לחרובא כיהודאי". והן אומרים אלו לאלו: „כמה שנים את בעי מחי?" והן אומרים: „כחלוקא דיהודאי דשבתא". ומכניסין את הגמל לטרטיאות שלהן, והחלוקין שלו עליו, והן אומרים אלו לאלו: „על מה זה מתאבל?" והן אומרים: „היהודים הללו שומרי שביעית הן, ואין להם ירק; ואכלו החוחים של זה, והוא מתאבל עליהם". ומכניסים את המומוס לתיאטרון שלהם וראשו גלוח, והן אומרים אלו לאלו: „על מה ראשו של זה מגולח?" והוא אומר: „היהודים הללו שומרי שבתות הן, וכל מה שהם יגעין כל ימות השבת, אוכלים בשבת. ואין להם עצים לבשל בהם, והם שוברים מטותיהם ומבשלים בהם, והם ישינין בארץ ומתעפרים בעפר, וסכין בשמן; לפיכך השמן ביוקר".**

ד"א: ישיחו בי יושבי שער, **אלו ישראל, שהם יושבין בבתי כנסיות ובבתי מדרשות;** ונגינות שותי שכר, — **מאחר שהן יושבין ואוכלין ושותין ומשתכרין בסעודת תשעה באב, יושבין וקוראים קינות ונהי באיכה.**

(טו) השביעני במרורים, **זה יום טוב הראשון של פסח, דכתיב בו** (שמות י"ב): ומצות על מרורים; הרוני לענה, — **מה שהשביעני**

[1] דער שונא האָט אָנגעשיקט אויף ישראל די יונגע מענטשן פון פאַרשיידענע אונטער־דריקטע פעלקער, וואָס ער האָט זיי געהאַלטן פאַרשפאַרט ווי משכנות (ווי פיילן אין אַ פיילנבייטל, — מהרז"ו), מענטשן פאַרביטערטע און דערצאָרנטע. [2] אשפה, מיסט, וואָרט־שפּיל אויף אשפתו, זיין פיילנבייטל. [3] דער ווייטערדיקער מדרש, ביזן סוף פון סימן ה, געפינט זיך, מיט קליינע ענדערונגען, אויבן אין די פתיחתות יז און יח; זע דאָרט די באַמערקונגען.

האָט ער מיך אָנגעזעטיקט אין דער נאַכט פון תשעה באב, מיט ווערמוט, דען די ערשטע נאַכט יום־טוב פון פסח איז דיזעלבע וואָס די נאַכט פון תשעה באב.

ד׳

(טז) ויגרס — און ער האָט צעבראָכן מיט שטיינבערעקלעך מיינע ציין. געשען איז אַ מעשה מיטן זון פון ר׳ חנניה בן תרדיון, אַז ער האָט זיך צונויפגעחברט מיט גזלנים און האָט אויסגעזאָגט זייער סוד. האָבן זיי אים געהרגעט און אָנגעפילט זיין מויל מיט זאַמד און שטיינדלעך. אין דריי טעג אַרום האָט מען אים אַריינגעלייגט אין אַ טויטן־קאַרב און מע האָט געוואָלט נאָך אים לויב זאָגן, פון וועגן דעם כבוד פון זיין פאָטער; אָבער ער האָט זיי ניט געלאָזט. ער האָט געזאָגט צו זיי: „לאָזט מיך, און איך וועל זאָגן [אַ הספד] אויף מיין זון". האָט ער אָנגעהויבן און געזאָגט (משלי ה, יג—יד): ולא שמעתי — און איך האָב זיך ניט צוגעהערט צום קול פון מיינע וועג־ווייזער, און צו מיינע לערער האָב איך ניט צוגעלייגט מיין אויער. איך בין שיר ניט אַריין אין אַלדאָס בייז אין מיטן פון דער איינזאַמלונג און געמיינדע. און זיין מוטער האָט געלייענט איבער אים (דאָרט יז, כה): כעס — אַ פאַר־דרוס פאַר זיין פאָטער איז אַ זון אַ נאַר, און אַ ביטערקייט פאַר זיין געווי־נערין. זיין שוועסטער האָט געלייענט איבער אים (דאָרט כ, יז): ערב — געשמאַק איז דעם מענטשן ברויט פון ליגן, אָבער דערנאָך ווערט זיין מויל פול מיט שטיינבערעקלעך.

און [1] מיר האָבן געלערנט [2]: איז עס די סעודה [מפסקת] פון תשעה באב [3], טאָר מען ניט עסן קיין פלייש און ניט טרינקען קיין וויין, און ניט עסן קיין צוויי געריכטן, און ניט וואַשן זיך, און ניט שמירן זיך [מיט אייל]. אָבער אויב ס׳איז ניט די סעודה [מפסקת] פון תשעה באב [4], מעג מען עסן פלייש און טרינקען וויין, און עסן צוויי געריכטן. אַז רב פלעגט אָפּעסן זיין מאָלצייט, פלעגט ער נעמען אַ קליין שטיקל ברויט און אַרויפטאָן אויף דעם אַש און זאָגן: „דאָס איז די סעודה פון תשעה באב". מקיים צו זיין דעם פסוק: ויגרס — און ער האָט צעבראָכן מיט שטיינבערעקלעך מיינע ציין, ער האָט מיך אויסגעוואַלגערט אין אַש.

(יז) ותזנח — און פאַרלאָזן פון פרידן איז מיין זעל, איך האָב פאַרגעסן אָן גוטס. ר׳ אלעזר דער זון פון ר׳ יוסי האָט אין נאָמען פון ר׳ חנניה דעם זון פון ר׳ אבהו געזאָגט: געשען איז מיט איינער אַ פרוי אין קיסריה, וואָס האָט געבראַכט איר זון צו אַ בעקער און האָט אים געזאָגט: „לערן אויס מיין זון די מלאכה". האָט ער געזאָגט צו איר: „זאָל ער זיין ביי מיר פינף יאָר, און איך וועל אים אויסלערנען [צוצוגרייטן] פינף הונדערט מינים מאכלים פון ווייץ". — וויפיל מינים [מאכלים] פאַרמאָגט ווייץ? ר׳ אחא

---

[1] אין שייכות מיטן פאַרלעצטן פאַראַגראַף פון סימן ה, וואו עס רעדט זיך וועגן דער סעודה מפסקת פון ערב תשעה באב. [2] תענית ל, א. [3] דער לעצטער מאָל־צייט ערב תשעה באב, נאָך וועלכן מען טאָר ניט מער עסן.

בליל יום טוב הראשון של פסח, הרוני בליל תשעה באב — לענה, הוי ליל יום טוב הראשון של פסח הוא ליל תשעה באב.

ו

(טז) ויגרס בחצץ שני. מעשה בבנו של ר׳ חנניה בן תרדיון, שנתחבר ללסטים וגלה את רזן. והרגוהו ומלאו פיו עפר וצרורות. לאחר שלשה ימים נתנוהו בכליבא, ובקשו לקלס עליו מפני כבוד אביו, ולא הניחן. אמר להם: „הניחו לי, ואני אומר על בני״. פתח ואמר (משלי ה): „ולא שמעתי לקול מורי, ולמלמדי לא הטיתי אזני. כמעט הייתי בכל רע בתוך קהל ועדה״. ואמו קראת עליו (שם י״ז): „כעס לאביו בן כסיל, וממר ליולדתו״. אחותו קראת עליו (שם כ): „ערב לאיש לחם שקר, ואחר ימלא פיהו חצץ״.

ותנן: כל שהוא מסעודת תשעה באב, אסור לאכול בשר ולשתות יין, ולאכול שני תבשילין, ולרחוץ, ולסוך; וכל שאינו מסעודת תשעה באב, מותר לאכול בשר ולשתות יין, ולאכול שני תבשילין. רב מן דהוא אכיל כל מאכלו, נסיב חד פת פחית ויהב עליה קטם, ואמר: „זו היא סעודת תשעה באב״. לקיים מה שנאמר: ויגרס בחצץ שני, הכפישני באפר.

(יז) ותזנח משלום נפשי, נשיתי טובה. רבי אלעזר ברבי יוסי בשם ר׳ חנניה בריה דרבי אבהו אמר: מעשה באשה אחת בקיסרין, שהוליכה את בנה אצל נחתום אחד; אמרה לו: „למד את בני אומנות״. אמר לה: „ימתין אצלי חמש שנים, ואני מלמדו חמש מאות מינין בחטה״. כמה מינין יש בחטה? ר׳ אחא אמר: בחטי מנית, — חטים דלא מנין; ורבנן אמרי: חמש מאות בחטין, כמנין מנית. ר׳ חנינא ור׳ יונתן הוו יתבין וחשבין להון עד שתין, וקמו להון.

האָט געזאָגט: דער ווייץ פון מנית[5] איז אַ ווייץ אָן אַ צאָל. און די רבנן זאָגן: פינף הונדערט מינים פאַרמאָגט דער ווייץ, ווי דער באַטרעף פון מנית. ר׳ חנינא און ר׳ יונתן זיינען געזעסן און האָבן צונויפגערעכנט ביז זעכציק, און זיינען געבליבן שטיין[6].

[4] נאָר איינע פון די פריערדיקע מאָלצייטן פון טאָג. [5] זע יחזקאל כז, יז. ר׳ אחאס ענטפער איז געבויט אויפן וואָרטשפּיל פון מנית—מנין (צאָל). אין בוברס אויסגאַבע איז דער נוסח חטי דמנין — ווייץ וואָס מע פלעגט ציילן: אַזאַ טייערער ווייץ, וואָס מע פלעגט אים פאַרקויפן ניט אויף דער מאָס, נאָר אויף דער צאָל (זע רש״י, יחזקאל, דאָרט).

[6] זיי האָבן געלעבט נאָכן חורבן, און די אַמאָליקע שפע איז שוין מער ניט געווען.

און נאָך האָט ר׳ אלעזר דער זון פון ר׳ יוסי געזאָגט: מע דערציילט אַ מעשה פון איינער אַ פרוי, וואָס האָט געבראַכט צו פירן איר זון צו אַ קוכער און אים געזאָגט: „לערן אויס מיין זון די מלאכה״. האָט ער געזאָגט צו איר: „זאָל ער זיין ביי מיר פינף יאָר, און איך וועל אים אויסלערנען הונדערט מינים געריכטן פון אייער״. האָט עס רבי געהערט און ער האָט געזאָגט: „מיר האָבן ניט געזען, אַז סע זאָל זיין [אַזאַ] גוטס אויף דער וועלט״. ר׳ שמעון בן חלפתא [7] האָט עס געהערט און ער האָט געזאָגט: „מיר האָבן ניט געהערט, אַז סע זאָל זיין [אַזאַ] גוטס אויף דער וועלט״.

ר׳ יהודה בן בתירה איז אַוועק קיין נציבין [8] ערב דעם גרויסן תענית [9], און ער האָט אָפּגעגעסן און פאַרפאַסט. האָט געהערט [וועגן אים] דער ריש גלותא; איז ער געקומען צו אים און האָט אים געזאָגט: „זאָל דער רבי האָבן איינזעעניש מיט מיר״ [10]. האָט ער געזאָגט צו אים: „איך האָב שוין געגעסן און פאַרפאַסט״. האָט ער אים געזאָגט: „זאָל דער רבי האָבן איינזעעניש מיט מיר, כדי מע זאָל ניט זאָגן: ער רעכנט זיך כלל ניט מיט אים״. איז ער צוגעשטאַנען צו אים, און ער איז געגאַנגען מיט אים. אַז ער איז געקומען, האָט ער געזאָגט צום יונג: „מיין זון, אַ געריכט וואָס דו וועסט איינמאָל האָבן געבראַכט פאַר אונדז, זאָלסטו אונדז נאָך אַ מאָל ניט ברענגען״. אזוי עסנדיק, האָט מען געבראַכט פאַר זיי אַכציק געריכטן; האָט ער [11] געגעסן צו ביסל פון יעדן געריכט און פון יעדן וויין־קרוג [האָט ער געטרונקען] איין כוס. האָט ער געזאָגט צו אים: „רבי, נאָכדעם ווי דו האָסט אָפּגעגעסן און פאַרפאַסט האָט מען געבראַכט פאַר דיר אַכציק געריכטן, און פון יעדן געריכט האָט דער רבי געגעסן צו ביסל און פון יעדן וויין־קרוג האָט דער רבי געטרונקען אַ כוס!״ האָט ער געזאָגט: „און פאַרוואָס רופט מען דאָס [לייב] נפש? ווייל וויפיל מע גיט אים, אַלץ גרעסער [12] ווערט עס.

ר׳ אבהו איז געגאַנגען קיין בצרה [13] און ער איז אויפגענומען געוואָרן ביי יוסי רישא. האָט מען געבראַכט פאַר אים אַכציק מינים מאַרך פון עופות. און ער האָט געזאָגט צו אים: „זאָל דער רבי קיין פאַראיבל ניט האָבן, דען דער פאַנג איז ניט געווען גענוג״. און גערופן האָט מען אים יוסי רישא נאָר דערפאַר, וואָס זיין עסן איז געווען ניט אַנדערש, נייערט מאַרך פון עופות [14].

ר׳ חייא בר אבא [15] איז געגאַנגען קיין דרום [16], און איז אויפגענומען געוואָרן ביי ר׳ יהושע בן לוי. האָט מען געבראַכט פאַר אים פיר און צוואַנציק געריכטן. האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס טוט איר אום שבת?״ האָט ער אים געזאָגט: „מיר פאַרטאָפּלען זיי״. אין טעג אַרום איז געקומען ר׳ יהושע בן לוי קיין טבריה און איז אויפגענומען געוואָרן ביי ר׳ חייא בר אבא. האָט ער געגעבן די תלמידים פון ר׳ יהושע בן לוי אַ סומע דרכמונים [17] און געזאָגט צו זיי: „גייט און מאַכט פאַר אייער רבין [אַ סעודה] ווי זיין שטייגער איז״.

[7] געלעבט שפּעטער פון רבין. [8] אין בבל. [9] יום כיפור. [10] און קומען צו מיר

ועוד א״ר אלעזר בר׳ יוסי׃ מעשה באשה אחת, שהוליכה את בנה אצל חד פרכוטס; אמרה לו׃ „למד את בני אומנות״. אמר לה׃ „ימתין אצלי חמש שנים, ואני מלמדו מאה מינין בביצה״. שמע רבי ואמר׃ „לא ראינו, שיש טובה בעולם״. שמע ר׳ שמעון בן חלפתא ואמר׃ „לא שמענו, שיש טובה בעולם״.

רבי יהודה בן בתירה אזל לנציבין בערבי צומא רבא, אכל ופסק. שמע ריש גלותא ואתא לגביה. אמר ליה׃ „ישגח עלי רבי״. א״ל׃ „אכלית ופסקית״. א״ל׃ „ישגח עלי רבי, דלא יהון אמרין׃ לא חשביה כלום״. מטרח עלוי, אזל עימיה. כיון דאזל, אמר לטליא׃ „ברי, פטיליק דאת מייתי לן חד זמן קדמיי, לא תייתי לן זמן אחוריי״. מן דאכלון, אייתין קדמיהון תמנין פטילקין; אכל מכל פטיליק חד פת ומכל פטיס חד כס. א״ל׃ „רבי, מן דאכלית ופסקית, אייתון קדמך תמנין פטילקין; מחדא פטיליקי אכל רבי חדא פתית ומחדא פטיס אישתי רבי חד כס!״ אמר׃ „ובמה קרן לה נפשא? דהיא, כמה דאיתיהיב לה היא נפישה״.

ר׳ אבהו אזל לבצרה ואיתקבל גבי יוסי רישא. אייתון קמיה תמנין מיני מוחין דעוף. א״ל׃ „לא יכעוס רבי, דלא הוה צידא ספק״. ולא קריין ליה יוסי רישא, אלא דלא הוה מאכליה, אלא מוחין דעוף.

ר׳ חייא (רבא) [בר אבא] אזל לדרומא ואיתקבל גבי ר׳ יהושע בן לוי. אייתו לקמיה עשרים וארבעה תבשילין. א״ל׃ „בשבתא מה אתון עבדין?״ אמר ליה׃ „אנן כפלין להון״. לבתר יומין אתא ר׳ יהושע בן לוי לטבריא ואיתקבל גבי ר׳ חייא (רבא) [בר אבא]. ויהב לתלמידוי דר׳ יהושע דרכמונין ואמר להון׃ „זילו ועבידו לרבכון כמנהגיה״.

רבי יצחק בר׳ אליעזר הוה ידע למיסדר סעודתא כמנין ימות החמה. כד הוה ליה, הוה עביד; כד לא הוה ליה, נסיב גרעינין ומני עליהון, בגין דלא יתנשי יתהון.

---

ר׳ יצחק דער זון פון ר׳ אליעזר האָט געוואוסט ווי צוצוגרייטן אַ מאָל־צייט לויט דער צאָל טעג פון דער זון[18]. אַז ער פלעגט האָבן מיט וואָס,

---

[11] אויף דער סעודה. [12] דער גאַסט. [13] נפישא — נפש. [14] אַ שטאָט אין אדום. רישא — אַ קאָפּ. [15] געביטן לויט בובערס נוסח (ר׳ חייא רבא האָט געלעבט פריער פון ר׳ יהושע בן לוי). [16] אַן אָרט אַזאַ אין דרום ארץ ישראל. [17] אַ פּערסישע מטבע. [18] יעדן טאָג פון זון־יאָר פלעגט ער צוגרייטן אַנדערע געריכטן, צוגעפּאַסט צום וועטער,

פלעגט ער אזוי טאָן; אַז ער פלעגט ניט האָבן, פלעגט ער נעמען קערנדלעך און אויסציילן אויף זיי [די פאַרשידענע געריכטן], כדי ער זאָל זיי ניט פאַרגעסן.

נשיתי — איך האָב פאַרגעסן אָן גוטס. **רבן שמעון בן גמליאל האָט געזאָגט: עס מיינט דאָס אַפּוּאַשן די הענט און די פיס נאָכן מרחץ**[19].

(יח) ואמר — און איך האָב געזאָגט: פאַרלאָרן איז מיין שטאַרקייט, אָבער מיין האָפנונג איז פון גאָט[20]. **ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: נאָכדעם ווי הקדוש־ברוך־הוא פאַרוואַרלאָזט די צדיקים אויף דער וועלט, איז ער זיך ווידער מרחם אויף זיי [לעתיד לבוא]; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** פאַרלאָרן איז מיין שטאַרקייט, [אָבער מיין האָפנונג איז פון גאָט].

ז

(יט) זכר — געדענק מיין פיין און מיין ווידערשפעניקייט[1]. **די כנסת ישראל זאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: „רבונו של עולם! געדענק די פיין וואָס איך האָב געפייניקט [שוואַכע און אָרימע], און מיין ווידערשפעניקייט**[2]**, וואָס איך האָב ווידערשפעניקט אין דיר, און די יסורים וואָס דו האָסט מיך אָנגעזעטיקט,** וועָרמוט און גיפט, — **זאָלן זיי שוין זיין איינס פאַר איינס**[3]**״.**

(כ) זכור — דערמאָנען דערמאָנט זיך מיין זעל. **ר׳ חייא האָט געלערנט: ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס איז אַרויס אויף מלחמה, און זיינע זין זיינען געוועזן מיט אים; און זיי האָבן אים דערצערנט. אויף מאָרגן איז ער אַרויס אַליין, און זיינע זין זיינען מיט אים ניט געוועזן. האָט דער מלך געזאָגט: „הלוואי וואָלטן מיינע זין געוועזן מיט מיר, אפילו ווען זיי וואָלטן מיך דערצערנט״. אזוי — דער מלך, דאָס איז הקדוש־ברוך־הוא; זיינע זין, דאָס איז ישראל: בשעת ישראל פלעגט אַרויסגיין אויף מלחמה, פלעגט הקדוש־ברוך־הוא אַרויסגיין מיט זיי. וויבאַלד זיי האָבן אים דערצערנט, איז ער מיט זיי ניט אַרויסגעגאַנגען**[4]**. און אַז ישראל איז אין לאַנד שוין ניט געוועזן, האָט ער געזאָגט: „הלוואי וואָלט ישראל געוועזן מיט מיר, אפילו ווען זיי וואָלטן מיך דערצערנט״. און מיר האָבן אויף דעם דריי פסוקים:** (ירמיה ט, א) מי יתנני — ווער גיט מיר אין מדבר אַ קרעטשמע פאַר וועג גייער, — **ווער גיט מיר, אַז מיין פאָלק זאָל זיין מיט מיר ווי אַמאָל, ווען עס איז געווען אין מדבר; און עס שטייט געשריבן** (יחזקאל לו, יז): בן אדם — מענטשן־קינד, דאָס הויז פון ישראל, ווען זיי זיינען געזעסן אויף זייער ערד [האָבן זיי זי מטמא געווען][5]; **און דערדאַזיקער [פסוק]:** דערמאָנען דערמאָנט זיך מיין זעל, און זי בייגט זיך אין מיר[6].

**ר׳ יודן האָט געזאָגט:** דערמאָנען דערמאָנסטו[7] זיך: **איך ווייס, אַז דו דערמאָנסט זיך [דאָס שלעכטס פון] די אומות העולם; אָבער**[8] **וואָס קאָן איך טאָן, אַז** מיין זעל בייגט זיך אין מיר[9]. **דאָס ווערטל זאָגט: ביז דער פעטער וועט איינדאַרן, וועט ביים דאַרן די נשמה אַרויס.**

(כא) זאת אשיב — דאָס ברענג איך מיר אַרויף אויפן האַרצן, דעריבער טו איך האָפן. **ר׳ אבא בר כהנא האָט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן געזאָגט: צו**

נשיתי טובה. **אמר רבן שמעון בן גמליאל: זו רחיצת ידים ורגלים אחר המרחץ.**

(יח) ואומר: אבד נצחי ותוחלתי מה׳. **אמר ר׳ שמעון בן לקיש: משהקדוש ב״ה מתיאש מן הצדיקים בעולם הזה, חוזר ומרחם עליהם; הה״ד: ואומר:** אבד נצחי.

ז

(יט) זכר עניי ומרודי. **כנסת ישראל אומרת לפני הקב״ה: „רבש״ע! זכור עניין שעניתי** ומרודי **שמרדתי בך, ויסורין** שהרויתני לענה ורוש, — **יצאו אלו באלו.**

(כ) זכור תזכור. **תני ר׳ חייא: משל למלך שיצא למלחמה, והיו בניו עמו; והיו מקניטין אותו. למחר יצא המלך לבדו, ולא היו בניו עמו. אמר המלך: „הלואי היו בני עמי, ואפילו היו מקניטים אותי״. כך — המלך, זה הקב״ה; בניו, אלו ישראל: בשעה שהיו ישראל יוצאין למלחמה, היה הקב״ה יוצא עמהם; כיון שהכעיסוהו, לא יצא עמהם. וכיון שלא היו ישראל בארץ, אמר: „הלואי היו ישראל עמי, ואפילו היו מכעיסים אותי״. ואית לן ג׳ פסוקים:** (ירמיה ט) מי יתנני במדבר מלון אורחים, — **מי יתן עמי עמי כמראש, כשהיה במדבר; וכתיב** (יחזקאל ל״ו): בן אדם, בית ישראל יושבים על אדמתם, וגו׳; **והדין:** זכור תזכור ותשוח עלי נפשי.

**א״ר יודן:** זכור תזכור: **יודע אני, שאתה זוכר אומות העולם; אבל מה אעשה** ותשוח עלי נפשי. **מתלא אמרה: עד דשמינא עביד קטין, נפשיה דקטינא נפקת.**

(כא) זאת אשיב אל לבי, על כן אוחיל. **ר׳ אבא בר כהנא בשם ר׳ יוחנן אמר: משל למה הדבר דומה? למלך שנשא מטרונה, וכתב לה כתובה מרובה, ואמר לה: „כך וכך חופות אני עושה**

---

אָדער צו די געוויקסן פון דער צייט. [19] מיט קאַלט וואַסער (יפה ענף, לויט אַ גמרא אין שבת מא, א: אַז איינער וואַשט זיך אין וואַרעם וואַסער און שווענקט זיך ניט אָפּ אין קאַלטן, איז ער ווי אייזן, וואָס מע האָט געברענט אין פייער און ניט אָפּגעטונקט גלייך אין קאַלט וואַסער). [20] לויטן ווייטערדיקן דרש, ניט לויטן געוויינלעכן פשט.

[1] לויטן דרש, ניט לויטן געוויינלעכן פשט. [2] מרודי — שמרדתי. [3] זאָלן די יסורים זיין אַן אָפּקומעניש פאַר די זינד. [4] און דער חורבן איז געקומען. [5] דער דרש איז: הלוואי וואָלט ישראל געבליבן זיצן אויף זייער ערד, כאָטש זיי האָבן זי פאַראומרייניקט. [6] דער בעל המדרש לייגט אַריין דעם פסוק אין כביכולס מויל. [7] תזכר ווערט אויך גענוצט אין צווייטער פערזאָן, זכר. [8] אזוי ווערט דאָ געטייטשט די וו פון ותשוח. [9] אַז איך האָב ניט קיין כוח צו וואַרטן אזוי לאַנג.

וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ מלך וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ מאַטראָנע און האָט איר געשריבן אַ גרויסע כתובה און האָט איר צוגעזאָגט: „אזוי פיל און אזוי פיל קאַמערן וועל איך דיר מאַכן, אזוי פיל און אזוי פיל פיינע פורפל קליידער וועל איך דיר געבן". און דער מלך האָט זי איבערגעלאָזט און איז אַוועק אין אַ ווייטער מדינה, און האָט זיך דאָרט פאַרזאַמט. פלעגן אירע שכנות אַריינקומען צו איר און פלעגן זיך רייצן מיט איר און איר זאָגן: „דער מלך האָט דיך איבערגעלאָזט און איז זיך אַוועק אין אַ ווייטער מדינה, און ער וועט זיך שוין מער צו דיר ניט אומקערן". פלעגט זי וויינען און זיפצן. אָבער וויבאַלד זי פלעגט אַריינגיין צו זיך אין הויז און פלעגט עפענען און ארויסנעמען איר כתובה, און פלעגט לייענען און זען אין דער כתובה: „אזוי פיל און אזוי פיל קאַמערן וועל איך דיר מאַכן, אזוי פיל און אזוי פיל פיינע פורפל קליידער וועל איך דיר געבן", אזוי גלייך פלעגט זי זיך טרייסטן. אין אַ צייט אַרום איז געקומען דער מלך. האָט ער געזאָגט צו איר: „טאָכטער מיינע, איך וואונדער זיך, ווי דו האָסט געוואַרט אויף מיר די אַלע יאָרן". האָט זי געזאָגט צו אים: „מיין האַר מלך! ווען ניט די גרויסע כתובה וואָס דו האָסט מיר געשריבן און געגעבן, וואָלטן מיינע שכנות מיך לאַנג שוין געהאַט אומגעבראַכט".

אזוי — די געצנדינער רייצן זיך מיט ישראל און זאָגן צו זיי: „אייער גאָט האָט פאַרבאָרגן זיין פּנים פון אייך און אָפּגעטאָן זיין שכינה פון אייך; ער וועט זיך שוין מער צו אייך ניט אומקערן". און זיי וויינען און זיפצן. וויבאַלד אָבער זיי קומען אַריין אין די שולן און אין די בתי מדרשים און לייענען אין דער תורה און געפינען, אַז עס שטייט געשריבן (ויקרא כו, ט—יב): ופניתי — און איך וועל זיך ווענדן צו אייך און וועל אייך פרוכפערן — — — און איך וועל מאַכן מיין רו אָרט צווישן אייך — — — און איך וועל אומגיין צווישן אייך, — אזוי גלייך טרייסטן זיי זיך. אויף מאָרגן, ווען דער קץ פון גאולה וועט קומען, וועט הקדוש־ברוך־הוא זאָגן צו ישראל: „קינדער מיינע, איך וואונדער זיך, ווי איר האָט געוואַרט אויף מיר די אַלע יאָרן!" און זיי וועלן זאָגן פאַר אים: „ווען ניט די תורה וואָס דו האָסט אונדז געגעבן, וואָלטן אונדז די אומות שוין לאַנג געהאַט אומגעבראַכט". דעריבער זאָגט דער פסוק: זאת — דאָס ברענג איך מיר אַרויף אויפן האַרצן, און זאת, דאָס, מיינט ניט אַנדערש, נייערט די תורה, ווי דער פסוק זאָגט (דברים ד, מד): וזאת — און דאָס איז די תורה. און אזוי האָט דוד געזאָגט (תהלים קיט, צב): לולי — ווען ניט וואָס דיין תורה איז מיין תענוג, וואָלט איך אומגעקומען אין מיין פיין. דעריבער טו איך האָפן אויף אים, און מיר איינציקן זיין נאָמען צוויי מאָל אַ טאָג און מיר זאָגן (דברים ו, ד): שמע, ישראל — הער ישראל: גאָט איז אונדזער גאָט, גאָט איז איינער!

ח

(כב) חסדי ה׳ — די חסדים פון גאָט האָבן זיך ניט אויסגעלאָזט, דען ניט געענדיקט האָט זיך זיין רחמנות. ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט:

ליך, כך וכך ארגוונות טובות אני נותן ליך". הניחה המלך והלך לו למדינת הים, ואיחר לשם. נכנסו שכנותיה אצלה והיו מקניטות אותה ואומרות לה: „הניחך המלך והלך לו למדינת הים, ושוב אינו חוזר עליך". והיתה בוכה ומתאנחת. וכיון שנכנסה לתוך ביתה, פותחת ומוציאה כתובתה וקוראת, ורואה בכתובתה: „כך וכך חופות אני עושה, כך וכך ארגוונות טובות אני נותן ליך", מיד היתה מתנחמת. לימים בא המלך. אמר לה: „בתי, אני תמה, איך המתנת לי כל אותן השנים?" אמרה לו: „אדוני המלך! אלמלא כתובה מרובה שכתבת ונתת לי, כבר אבדוני שכנותי".

כך עובדי כוכבים מונין את ישראל ואומרין להם: „אלהיכם הסתיר פניו מכם וסילק שכינתו מכם; עוד אינו חוזר עליכם". והן בוכין ומתאנחין. וכיון שנכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות וקורין בתורה ומוצאין, שכתוב (ויקרא כ"ו): ופניתי אליכם והפריתי אתכם — — — ונתתי משכני בתוככם — — — והתהלכתי בתוככם, — והן מתנחמין. למחר, כשיבא קץ הגאולה, אומר להם הקב"ה לישראל: „בני, אני תמה מכם, היאך המתנתם לי כל אותן השנים?" והן אומרים לפניו: „רבש"ע! אילולי תורתך שנתת לנו, כבר אבדונו האומות". לכך נאמר: זאת אשיב אל לבי, ואין זאת אלא תורה, שנא' (דברים ד): וזאת התורה. וכן דוד אמר (תהלים קי"ט): לולי תורתך שעשועי, אז אבדתי בעניי. על כן אוחיל לו, ומיחדים שמו שתי פעמים ביום ואומרים (דברים ו): שמע ישראל, ה' אלהינו, ה' אחד!

ח

(כב) חסדי ה' כי לא תמנו, כי לא כלו רחמיו. אמר ר' שמעון בן לקיש: משהקב"ה מתייאש מן הצדיקים בעולם הזה, הוא חוזר ומרחם עליהם; הדא הוא דכתיב: חסדי ה' כי לא תמנו.

(כג) חדשים לבקרים רבה אמונתך. א"ר אלכסנדרי: „על

---

נאָכדעם ווי הקדוש־ברוך־הוא פאַרוואָרלאָזט די צדיקים אויף דער וועלט, איז ער זיך ווידער מרחם אויף זיי; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: די חסדים פון גאָט האָבן זיך ניט אויסגעלאָזט.

(כג) חדשים — ניי זיינען זיי יעדן פרימאָרגן; גרויס איז דיין וואָרהאַפטי־קייט. ר' אלכסנדרי האָט געזאָגט: ווייל דו באַנייסט אונדז יעדן פרימאָרגן,

זוייסן מיר, אַז דיין וואָרהאַפטיקייט איז גרויס אויף תחית המתים. ר׳ שמעון בר אבא האָט געזאָגט: ווייל דו באַנייסט אונדז אין דעם פרימאָרגן פון די מלוכות [1], ווייסן מיר, אַז דיין וואָרהאַפטיקייט איז גרויס אונדז אויסצולייזן. ר׳ חלבו האָט געזאָגט: יעדן טאָג באַשאַפט הקדוש־ברוך־הוא אַ פלעיאַדע נייע מלאכים, און זיי זאָגן אַ ניי געזאַנג און פאַרגייען. האָט ר׳ ברכיה געזאָגט: איך האָב אָפּגעענטפערט ר׳ חלבון: עס שטייט דאָך (בראשית לב, כז): ויאמר — האָט ער געזאָגט: לאָז מיך גיין, דען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען [2]. האָט ער געזאָגט צו מיר: דו ווערגער! ווילסט מיך [מיט דעם] דערווערגן? גבריאל און מיכאל — זיי זיינען די אייבערשטע האַרן, וואָס אַלע [מלאכים] בייטן זיך, אָבער זיי בייטן זיך ניט.

אדריאַנוס, די ביינער זאָלן אים צעריבן ווערן, האָט געפרעגט ר׳ יהושע בן חנניה, זאָגנדיק צו אים: „איר זאָגט, אַז יעדן טאָג באַשאַפט הקדוש־ברוך־הוא אַ פלעיאַדע נייע מלאכים, און זיי זאָגן אַ ניי געזאַנג און פאַרגייען?” האָט ער אים געזאָגט: „יאָ”. האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואוהין גייען זיי?” האָט ער אים געזאָגט: „פון וואַנען זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן”. האָט ער געזאָגט צו אים: „פון וואַנען זיינען זיי באַשאַפן געוואָרן?” האָט ער אים געזאָגט: „פון דעמדאָזיקן פייער־טייך” [3]. האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס איז עס פאַר אַ מין פייער־טייך?” האָט ער אים געזאָגט: „אָט ווי דער ירדן, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ, ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט”. האָט ער געזאָגט צו אים: „אָבער דערדאָזיקער ירדן גייט דאָך בייטאָג און שטעלט זיך אָפּ ביינאַכט?” האָט ער אים געזאָגט: „אַ וועכטער בין איך געווען אין בית פעור, און דערדאָזיקער ירדן, אזוי ווי ער גייט בייטאָג, אזוי גייט ער ביינאַכט”. האָט ער געזאָגט צו אים: „און פון וואַנען קומט יענער פייער־טייך אַרויס?” האָט ער אים געזאָגט: „פון דעם שווייס פון די חיות [4], פון דעם וואָס זיי טראָגן דעם כסא הכבוד”.

(כד) חלקי — מיין חלק איז גאָט, האָט געזאָגט מיין זעל. ר׳ אבהו האָט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן געזאָגט: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך וואָס איז אַריין אין אַ שטאָט, און מיט אים זיינען געווען פירשטן און קאַפּיטאַנען און קאָמאַנדירן. און די גדולים פון דער שטאָט האָבן געוואוינט אין מיטן שטאָט. האָט איינער געזאָגט: „איך וועל נעמען אַ פירשט צו זיך”. און איינער האָט געזאָגט: „איך וועל נעמען אַ קאַפּיטאַן צו זיך”. און איינער האָט געזאָגט: „איך וועל נעמען אַ קאָמאַנדיר צו זיך”. איז דאָרט געווען איינער אַ חכם, האָט ער געזאָגט: „איך וועל נעמען דעם מלך, ווייל אַלע בייטן זיך, אָבער דער מלך בייט זיך ניט”. אזוי די געצנדינער — מאַנכע דינען צו דער זון און מאַנכע דינען צו דער לבנה, און מאַנכע דינען צו האָלץ און צו שטיין. אָבער ישראל דינט ניט צו קיינעם, נייערט צו הקדוש־ברוך־הוא. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: מיין חלק איז גאָט, האָט געזאָגט מיין זעל, דען איך איינציק אים צוויי מאָל יעדן טאָג און איך זאָג (דברים ו, ד): שמע, ישראל — הער ישראל: גאָט איז אונדזער גאָט, גאָט איז איינער!

שאתה מחדשנו בכל בקר ובקר, אנו יודעין, שאמונתך רבה לתחית המתים". א"ר שמעון בר אבא: „על שאתה מחדשנו בבקרן של מלכיות, אנו יודעין, שאמונתך רבה לגאלנו". א"ר חלבו: בכל יום ויום בורא הקב"ה כת של מלאכים חדשים, ואומרין שירה חדשה והולכין להם. אמר ר' ברכיה: „השבתי לר' חלבו: והא כתיב (בראשית ל"ב): ויאמר: שלחני, כי עלה השחר! אמר לי: „חנוקה! סברת לחנוקני? גבריאל ומיכאל הן הן שרים של מעלה, דכולם מתחלפין, ואינון לא מתחלפין".

אדריאנוס שחיק עצמות שאל את ר' יהושע בן חנניה, אמר לו: „אתם אומרים — בכל יום ויום בורא הקב"ה כת של מלאכים חדשים, ואומרים שירה חדשה והולכין להם?" אמר לו: „אין". אמר לו: „ולאן אינון אזלין?" אמר ליה: „מן הן דמתבריאו". אמר ליה: „מניין מתבריין?" אמר לו: „מן הדין נהר דנור". אמר ליה: „ומה עיסקיה דנהר דנור?" א"ל: „כהדין ירדנא, דלא פסיק לא בליליא ולא פסיק בימּמא". א"ל: „והיכין ירדנא מהלך בימּמא ופסיק בליליא?" אמר ליה: „נטר הוינא בבית פעור, והדין ירדנא כמה דמהלך בימּמא, כך מהלך בליליא". א"ל: „ומניין אותו נהר דינור נפיק?" אמר ליה: „מן זיעתהון דחיותא, ממה דטעונין בכורסיא".

(כד) חלקי ה', אמרה נפשי. רבי אבהו בשם רבי יוחנן אמר: למלך שנכנס למדינה, והיו עמו דוכסין ואיפרכין ואיסטרטילוטין. והיו גדולי מדינה יושבים באמצע המדינה. חד אמר: „אנא נסיב דוכסין לגבי". וחד אמר: „אנא נסיב איפרכין לגבי". וחד אמר: „אנא נסיב איסטרטילוטין לגבי". היה פקח אחד לשם; אמר: „אנא נסיב למלכא, דכולא מתחלפין, ומלכא אינו מתחלף". כן עובדי כוכבים, מהן עובדין לחמה ומהן עובדין ללבנה, ומהן עובדין לעץ ואבן; אבל ישראל אינן עובדין, אלא להקב"ה. הה"ד: חלקי ה', אמרה נפשי, שאני מיחד אותו שתי פעמים בכל יום ואומר (דברים ו): שמע ישראל, ה' אלהינו, ה' אחד!

[1] ס'קען מיינען, אַז מיטן אויפקום פון אַ נייער וועלט מאַכט ווערט באַנייט ביי יידן די האָפנונג אויסגעלייזט צו ווערן. אַנדערע טייטשן עס אזוי: זעענדיק ביים אויפקום פון נייע וועלט מאַכטן, ווי די אַלטע גייען אונטער, און דאָס פאָלק ישראל לעבט זיי איבער, ווערט באַנייט די האָפנונג אויף גאולה (יפה ענף). [2] איז עס אַ באַווייז, אַז מלאכים לעבן לענגער. א. כהן (ענגלישע איבערזעצונג) וויל דאָ צוגעבן לויט בראשית רבה: „און

### ט

(כה) טוב ה׳ — גוט איז גאָט צו די וואָס האָפן צו אים; קען מען דאָך מיינען — צו אַלעמען? לערנט אונדז [דער פסוק] צו זאָגן: לנפש — צו דער זעל וואָס טוט אים זוכן. און דעסטגלייכן [שטייט אין פסוק] (תהלים עג, א): אך טוב — פאַרוואָר, גוט איז גאָט צו ישראל; קען מען דאָך מיינען — צו אַלעמען? לערנט אונדז [דער פסוק] צו זאָגן: לברי — צו די וואָס האָבן אַ קלאָר האַרץ, די וואָס ווייסן קלאָר ביי זיך אין האַרצן, אַז זיי האָבן אין זייער האַנט קיין זינד ניט. און דעסטגלייכן (דאָרט פד, ו): אשרי — וואויל איז דעם מענטשן, וואָס זיין שטאַרקייט איז אין דיר; קען מען דאָך מיינען — אַלעמען? לערנט אונדז [דער פסוק] צו זאָגן: מסלות — וואָס [דיינע] וועגן זיינען ביי זיי אין האַרצן, — די וואָס די שטעגן פון דער תורה זיינען איינגעפּרעסט אין זייער האַרצן. און דעסטגלייכן (דאָרט קכה, ד): היטיבה — טו גוטס, גאָט, מיט די גוטע; קען מען דאָך מיינען — מיט אַלעמען? לערנט אונדז [דער פסוק] צו זאָגן: ולישרים — און מיט די וואָס זיינען רעכטפאַרטיק אין זייערע הערצער [1]. און דעסטגלייכן (דאָרט קמה, יח): קרוב ה׳ — נאָענט איז גאָט צו אַלע וואָס רופן אים; קען מען דאָך מיינען — צו אַלעמען? לערנט אונדז [דער פסוק] צו זאָגן: לכל — צו אַלע וואָס רופן אים מיט אַן אמת. און דעסטגלייכן (מיכה ז, יח): מי אל — ווער איז אַ גאָט ווי דו, וואָס פאַרגיט זינד און גייט פאַרביי די שולד; קען מען דאָך מיינען — אַלעמען? לערנט [אונדז דער פסוק] צו זאָגן: לשארית — צו דעם איבערבלייב פון זיין נחלה.

(כו) טוב — גוט איז דעם, וואָס האָפט שווייגנדיק אויף דער ישועה פון גאָט. ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: נאָכדעם ווי הקדוש־ברוך־הוא פאַרוואַרלאָזט די צדיקים אויף דער וועלט, איז ער זיך ווידער מרחם אויף זיי; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: גוט איז דעם, וואָס האָפט שווייגנדיק אויף דער ישועה פון גאָט.

(כז) טוב לגבר — גוט איז פאַר אַ מענטשן, אַז ער זאָל טראָגן אַ יאָך אין זיין יוגנט: דעם יאָך פון תורה, דעם יאָך פון אַ פרוי, דעם יאָך פון אַרבעט.

### י

(כח) ישב — ער זאָל זיצן איינזאַם און שווייגן. ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: הקדוש־ברוך־הוא האָט גערופן די מלאכי השרת און געזאָגט צו זיי: „אַ מלך אַ בשר ודם, אַז ער איז אין טרויער, וואָס טוט ער?" האָבן זיי אים געזאָגט: „ער קליידט זיך אין שוואַרצן און פאַרדעקט זיין קאָפּ מיט אַ זאַק". האָט ער געזאָגט: „אויך איך וועל אַזוי טאָן". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה נ, ג): אלביש — איך באַקלייד די הימלען אין שוואַרצקייט, און זאַק מאַך איך זייער צודעק. און ווידער האָט ער זיי געפרעגט: „אַ מלך אַ בשר ודם, אַז ער איז אין טרויער, וואָס טוט ער?" האָבן זיי אים געזאָגט: „ער לעשט אויס די לאָמפּן". האָט ער געזאָגט צו זיי:

## ט

(כה) טוב ה׳ לקויו. **יכול — לכל? תלמוד לומר:** לנפש תדרשנו. **ודכוותיה** (תהלים ע״ג): אך טוב לישראל אלהים; **יכול — לכל? תלמוד לומר:** לברי לבב, **אלו שלבם ברור עליהם, שאין בידן עון. ודכוותיה** (שם פ״ד): אשרי אדום עוז לו בך; **יכול — לכל? תלמוד לומר:** מסלות בלבבם, **אלו דשבילי אוריתא כבושין בלבהון. ודכוותיה** (שם קכ״ה): הטיבה, ה׳, לטובים; **יכול — לכל? תלמוד לומר:** ולישרים בלבותם. **ודכוותיה** (שם קמ״ה): קרוב ה׳ לכל קוראיו; **יכול — לכל? תלמוד לומר:** לכל אשר יקראוהו באמת. **ודכוותיה** (מיכה ז): מי אל כמוך, נושא עון ועובר על פשע; **יכול — לכל? תלמוד לומר:** לשארית נחלתו.

(כו) טוב ויחיל ודומם לתשועת ה׳. **אמר ר׳ שמעון בן לקיש: משהקב״ה מתיאש מן הצדיקים בעולם הזה, הוא חוזר ומרחם עליהם; הה״ד:** טוב ויחיל ודומם לתשועת ה׳.

(כז) טוב לגבר, כי ישא עול בנעוריו: **עול תורה, עול אשה, עול מלאכה.**

## י

(כח) ישב בדד וידום. **א״ר שמואל בר נחמן: קרא הקב״ה למלאכי השרת ואמר להם: מלך בשר ודם אבל מהו עושה?״ אמרו לו: ״לובש שחורים ומכסה את ראשו בשק״. אמר: ״אף אני עושה כן״. הה״ד** (ישעיה נ): אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם. **ועוד שאל להם: ״מלך בשר ודם אבל מהו עושה?״ אמרו לו: ״מכבה את הפנסין״. אמר להם: ״אף אני עושה כן״. הה״ד** (יואל ב): שמש וירח קדרו וכוכבים אספו נגהם. **ועוד שאל להם: ״מלך בשר ודם אבל מהו עושה?״ אמרו לו: ״מהלך יחף״. אמר להם: ״אף אני עושה כן״. הה״ד** (נחום א): ה׳ בסופה ובסערה

---

״אויך איך וועל אזוי טאָן״. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (יואל ב, י): שמש — די זון און די לבנה זיינען שוואַרץ געוואָרן, און די שטערן האָבן אַריינגענומען זייער שיין. און ווידער האָט ער זיי געפרעגט: ״אַ מלך אַ בשר ודם, אַז ער איז אין טרויער, וואָס טוט ער?״ האָבן זיי אים געזאָגט: ״ער גייט אום באָרוועס״. האָט ער געזאָגט צו זיי: ״אויך איך וועל אזוי טאָן״. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (נחום א, ג): ה׳ — גאָט — אין

---

ס׳איז געקומען מיין צייט צו זאָגן שירה״, — איז עס אַ באַווייז, אַז קיין נייע מלאכים ווערן פאַר דעם צוועק ניט באַשאַפן. [3] זע דניאל ז, י. [4] זע יחזקאל א.

[1] טאָן גוטע מעשים אַליין איז ניט גענוג, עס דאַרף אויך זיין דערביי די גוטע כוונה פונעם האַרצן (יפה תואר, ויקרא רבה, יז, א).

ווירבלווינט און אין שטורעם איז זיין וועג, און אַ וואָלקן איז דער שטויב פון זיינע פיס. **און ווידער האָט ער זיי געפרעגט: „אַ מלך אַ בשר ודם אַז ער איז אין טרויער, וואָס טוט ער?״ האָבן זיי אים געזאָגט: „ער זיצט און שווייגט שטיל״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „אויך איך וועל אַזוי טאָן״. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** ישב — ער זאָל זיצן איינזאַם און שווייגן, ווייל ער האָט עס גענומען אויף זיך [1].

(כט) יתן — זאָל ער אַריינטאָן אין שטויב זיין מויל, אפשר איז פאַראַן אַ האָפענונג; (ל) יתן — זאָל ער געבן זיין שלעגער די באַק, זאָל ער זיך אָנזעטיקן מיט שאַנד. **אַז רבי פלעגט לערנען פסוק, און פלעגט צוקומען צו דידאָזיקע פסוקים, פלעגט ער וויינען. [דער ערשטער פסוק איז]** (שמואל א, כח, טו): ויאמר — און שמואל האָט געזאָגט צו שאולן: פאַרוואָס האָסטו מיך באַאומרואיקט מיך אַרויפצוברענגען? [2] **און עס שטייט געשריבן** (עמוס ד, יג): כי הנה — ווארום זע, ער פורעמט בערג און באַשאַפט ווינט, און ער זאָגט דעם מענטשן, וואָס זיין טראַכטן איז, — **אפילו זאַכן וואָס האָבן קיין ממשות ניט ווערן פאַרשריבן דעם מענטשן אויף זיין פינקס. און ווער פאַרשרייבט זיי?** עושה — דער וואָס מאַכט פון פרימאָרגן אַ חושכניש. **[און ביי דעם פסוק]** (צפניה ב, ג): בקשו — זוכט גאָט, איר אַלע ליידנדיקע אין לאַנד — — — **און עס שטייט געשריבן** (עמוס ה, טו): שנאו — האָט פיינט שלעכטס און האָט ליב גוטס — — — **פאַרוואָס?** (קוהלת יב, יד): כי את כל מעשה—ווארום אַלע מעשים וועט גאָט ברענגען פאַר אַ משפט — — — **און ביי דעמדאָזיקן פסוק:** יתן — זאָל ער אַריינטאָן אין שטויב זיין מויל — — — **און ווייטער שטייט:** זאָל ער געבן זיין שלעגער די באַק, זאָל ער זיך אָנזעטיקן מיט שאַנד.

כ [1]

(לא) כי לא יזנח — דען ניט אויף אייביק וועט גאָט פאַרלאָזן, — **[חס ושלום!]** [2] **כביכול האָט ניט פאַרלאָזן און וועט ניט פאַרלאָזן.**

(לב) כי אם הוגה — ווארום אויב ער האָט פאַראומערט, וועט ער זיך אָבער מרחם זיין לויט זיינע גרויסע חסדים. **ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: נאָכדעם ווי הקדוש־ברוך־הוא פאַרוואָרלאָזט די צדיקים אויף דער וועלט, איז ער זיך ווידער מרחם אויף זיי. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** ווארום אויב ער האָט פאַראומערט, וועט ער זיך אָבער מרחם זיין — — —.

(לג) כי לא ענה — דען ניט פון זיין האַרצן האָט ער געפייניקט. **ר׳ ברכיה האָט אין נאָמען פון ר׳ לוין געזאָגט: אין צוויי ערטער האָט ישראל געהאַנדלט [צווייפּנימדיק]: אין איין אָרט האָבן זיי [ריכטיק] געהאַנדלט מיט זייער מויל, אָבער ניט מיט זייער האַרץ, און אין איין אָרט האָבן זיי [ריכטיק] געהאַנדלט מיט זייער האַרץ, אָבער ניט מיט זייער מויל, און די ערטער זיינען סיני און בבל. ביים סיני האָבן זיי [ריכטיק] געהאַנדלט מיט זייער מויל, אָבער ניט מיט זייער האַרץ; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (תהלים עח, לו): ויפתוהו — און זיי פלעגן אים איבערבעטן מיט זייער מויל, און

דרכו, וענן אבק רגליו. **ועוד שאל להם: „מלך בשר ודם אבל מהו עושה?" אמרו לו:** „יושב ודומם". **אמר להם: „אף אני עושה כן". הה"ד:** ישב בדד וידום, כי נטל עליו.

(כט) יתן בעפר פיהו, אולי יש תקוה; (ל) יתן למכהו לחי, ישבע בחרפה. **ר' הוה פשיט קרייה, וכד הוה מטי לאילין פסוקיא הוה בכי.** (שמואל א, כ"ח): ויאמר שמואל אל שאול: למה הרגזתני להעלות אותי? **וכתיב** (עמוס ד): כי הנה יוצר הרים ובורא רוח ומגיד לאדם מה שחו, — **אפילו דברים שאין בהם ממש, נכתבין לו לאדם על פנקסו; ומי כותבן?** (שם) עושה שחר עיפה. (צפניה ב): בקשו את ה' כל ענוי הארץ, **וגו', וכתיב** (עמוס ה): שנאו רע ואהבו טוב, **וגו'; למה?** ((קהלת י"ב) כי את כל מעשה האלהים יביא במשפט, וגו'. **והדין:** יתן בעפר פיהו, **וגו', וכתיב:** יתן למכהו לחי, ישבע בחרפה.

כ

(לא) כי לא יזנח לעולם ה', — **[חס ושלום!] כביכול לא שבק ולא שביק.**

(לב) כי אם הוגה ורחם כרוב חסדיו. **אמר ר' שמעון בן לקיש: משהקדוש ברוך הוא מתיאש מן הצדיקים בעולם הזה, הוא חוזר ומרחם עליהם; הדא הוא דכתיב:** כי אם הוגה ורחם, **וגו'.**

(לג) כי לא ענה מלבו. **ר' ברכיה בשם ר' לוי אמר: בשני מקומות פעלו ישראל; באחד פעלו בפיהם ולא בלבם, ובאחד פעלו בלבם ולא פעלו בפיהם, ואלו הן: סיני ובבל. בסיני פעלו בפיהם ולא בלבם; הדא הוא דכתיב** (תהלים ע"ח): ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו, **וגו'. בבבל פעלו בלבם ולא בפיהם; הדא הוא**

---

מיט זייער צונג פלעגן זיי אים ליגן זאָגן, [אָבער זייער האַרץ איז ניט געווען פעסט מיט אים] [3]. **אין בבל האָבן זיי** [ריכטיק] **געהאַנדלט מיט זייער האַרץ, אָבער ניט מיט זייער מויל; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** דען ניט פון

---

[1] כביכול אַליין האָט זיך גורם געווען דעם טרויער דורך ברענגען דעם חורבן אויף ישראל. [2] די גמרא (חגיגא ד, ב) זאָגט, אַז ווען שאול האָט אַרויסגערופן שמואלן פון יענער וועלט, האָט זיך שמואל דערשראָקן, ווייל ער האָט געמיינט, אַז דאָס רופט מען אים צום דין (ווייל אַלץ איז פאַרשריבן, ווי ווייטער); איז מה־דאָך שמואל האָט מורא געהאַט, היינט ווי דאַרף שוין מורא האָבן אַ פשוטער מענטש.

[1] די סימנים אין דער פרשה גייען לויט די אותיות פונעם אלף בית, ניט לויט זייער נומערישער באַדייטונג. [2] צוגעגעבן לויטן רד"ל און לויט בובערס אויסגאַבע, און אזוי איז עס אויך אויבן, א, כג. [3] מיטן מויל האָבן זיי געזאָגט נעשה ונשמע, אָבער זייער האַרץ איז ניט געווען דערביי, און טאַקע גלייך נאָך דעם האָבן זיי געמאַכט דעם

זיין האַרצן האָט ער געפּייניקט[4]. האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט: „זאָל קו־מען דאָס מויל וואָס ביים סיני און מכפּר זיין אויפן מויל וואָס אין בבל, און זאָל קומען דאָס האַרץ וואָס אין בבל און מכפּר זיין אויפן האַרץ וואָס ביים סיני". און פונדעסטוועגן ויגה — און ער האָט פאַראומערט די מענטשן־קינדער, — ער האָט געבראַכט אויף זיי (אסתר ז, ו) איש — אַ מאַן אַ צורר און אַ שונא, דאָס איז המן, און ער האָט אויפגעדעקט[5] זייער וואונד.

ל

(לד) לדכא — צו דערשלאָגן אונטער זיינע פיס אַלע געפאַנגענע פון דער ערד, — דאָס איז נבוכדנצר, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (דניאל ב, לח): ובכל די דירין — און וואו נאָר עס וואוינען מענטשנקינדער, חיות פון פעלד און פויגלען פון הימל, האָט ער געגעבן אין דיין האַנט, און דיך געמאַכט הערשן איבער זיי אַלעמען; דו ביסט עס דער קאָפּ פון גאָלד.

מ

(לז) מי זה — ווער איז דער וואָס האָט געזאָגט, און עס איז געשען, ווען גאָט האָט ניט באַפוילן? ווער האָט באַפוילן? המן האָט באַפוילן, אָבער הקדוש־ברוך־הוא האָט ניט באַפוילן. המן האָט באַפוילן (אסתר ג, יג): להשמיד — צו פאַרלענדן, צו הרגענען און צו פאַרניכטן; אָבער הקדוש־ברוך־הוא האָט ניט באַפוילן, נייערט (דאָרטן ט, כה): ישוב — זאָל זיך אומקערן זיין בייזע מחשבה.

(לח) מפי עליון — קומט דען ניט אַרויס פונעם אייבערשטנס מויל דאָס שלעכטע און דאָס גוטע? ר' אלעזר האָט געזאָגט: זינט הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט (דברים ל, טו): ראה — זע, איך האָב היינט געגעבן פאַר דיר דאָס לעבן און דאָס גוטס, און דעם טויט און דאָס שלעכטס, איז ניט אָנגע־קומען קיין גוטס דעם שלעכטסטוער און קיין שלעכטס דעם גוטסטוער, נייערט גוטס דעם גוטסטוער און שלעכטס דעם שלעכטסטוער; ווי דער פסוק זאָגט (שמואל ב, ג, לט): ישלם — באַצאָלן זאָל גאָט דעם שלעכטסטוער לויט זיין שלעכטסקייט.

(לט) מה יתאונן — וואָס קען זיך באַקלאָגן אַ לעבעדיקער מענטש? גענוג פאַר אים וואָס ער לעבט. ר' לוי האָט געזאָגט: הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט: „דיין לעבן איז אין מיין האַנט, און דו לעבסט — און דו באַקלאָגסט זיך!" ר' הונא האָט געזאָגט: זאָל ער אויפשטיין ווי אַ העלד[1], זיך מתודה זיין אויף זיינע זינד און זיך ניט באַקלאָגן. ר' ברכיה האָט גע־זאָגט: וואָס קען ער זיך באַקלאָגן אויף דעם וואָס לעבט אייביק? אויב ער וויל זיך באַקלאָגן, איז — אַ מאַן אויף זיינע זינד! רבי זאָגט: „קינדער

---

עגל הזהב. [4] ד"ה: ניט פאַר די זינד פון זיין האַרץ האָט ער דאַן באַשטראָפט ישראל (לויט שיר השירים רבה ז, ח, האָבן די יידן, אויס מורא, געדינט מיטן מויל נבוכדנצרס געצן, אָבער ניט מיטן האַרצן). [5] געטייטשט ויגה לויטן שורש נגה, לייכטן, שיינען, — אַרויסשטעלן פאַר דער ליכטיקער שיין.

[1] גיבור — גבר.

**דכתיב**: כי לא ענה מלבו. **אמר הקדוש ברוך הוא**: **"יבא פה שבסיני ויכפר על פה שבבבל, ויבא לב שבבבל ויכפר על לב שבסיני". אף על פי כן** ויגה בני איש, — **הביא עליהם** איש צר ואויב, **זה המן, והגה את מכתן.**

ל

(לד) לדכא תחת רגליו, וגו', **זה נבוכדנצר שכתוב בו** (דניאל ב): ובכל די דיירין בני אנשא, חיות ברא ועוף שמיא, יהב בידך, והשלטך בכלהון — אנת הוא ראשה די דהבא.

מ

(לז) מי זה אמר ותהי ה' לא צוה? **מי צוה? המן צוה, והקב"ה לא צוה. המן צוה** להשמיד להרוג ולאבד, **והקב"ה לא צוה, אלא** (אסתר ט): ישוב מחשבתו, **וגו'.**

(לח) מפי עליון לא תצא הרעות והטוב? **א"ר אלעזר**: **משעה שאמר הקב"ה** (דברים ל): ראה, נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע, **לא יצאת טובה לעושה רעה ורעה לעושה טובה, אלא טובה לעושה טובה ורעה לעושה רעה; כמד"א** (שמואל ב, ג): ישלם ה' לעושה הרעה כרעתו.

(לט) מה יתאונן אדם חי? **דיו, שהוא חי. א"ר לוי**: **אמר הקב"ה**: **"חיותך בידי, וחי — ואתה מתאונן!" א"ר הונא**: **יעמד כגבור ויודה** על חטאיו **ואל יתאונן. א"ר ברכיה**: **מה יתאונן על חי העולמים? אם מבקש הוא להתאונן**, — גבר על חטאיו. **רבי אומר**: **"בני תורעמנין! אדם הראשון, אחר כל השבח שעשיתי עמו, הוא מתרעם לפני ואומר** (בראשית ג): האשה אשר נתתה עמדי. **אף יעקב כן: אני עוסק להמליך את בנו במצרים, והוא מתרעם ואומר** (ישעיה מ): נסתרה דרכי מה'. **ואף בניו כן: אני עוסק לבור להם לחם קל, כדי שלא יהא אחד מהן גוסא ודולרייא אוחזתו, והן מתרעמין לפני ואומרים** (במדבר כ"א):

---

**פון אומצופרידענע! אדם הראשון, נאָכן גאַנצן חסד וואָס איך האָב געטאָן מיט אים, האָט ער תרעומות צו מיר און זאָגט** (בראשית ג, יב): **האשה — די ווייב וואָס דו האָסט מיר געגעבן. אויך יעקב אזוי: איך זוך צו מאַכן זיין זון פאַר אַ מלך אין מצרים, און ער האָט תרעומות און זאָגט** (ישעיה מ, כז): **נסתרה — פאַרבאָרגן איז מיין וועג פון גאָט. און אזוי אויך זיינע קינ־דער: איך זוך אויסצוקלייבן פאַר זיי לייכט ברויט, כדי קיינער פון זיי זאָל זיך ניט איבערעסן און באַפאַלן ווערן פון שילשול, און זיי האָבן תרעו־**

מות צו מיר און זאָגן (במדבר כא, ה): ונפשנו — און אונדזער זעל עקלט פון דעם נישטיקן ברויט. אויך ציון איז אזוי (ישעיה מט, יד): ותאמר ציון — און ציון האָט געזאָגט: פאַרלאָזן האָט מיך גאָט, און גאָט האָט מיך פאַרגעסן.

ג

(מ) נחפשה — לאָמיר נאָכזוכן אונדזערע וועגן און נאָכפאָרשן, און לאָמיר זיך אומקערן צו גאָט. (מא) נשא — לאָמיר טראָגן אונדזער האַרץ אויף די הענט צו גאָט אין הימל. **ר' ביבא בר זבדאי און ר' תנחום בר חנילאי און ר' יאשיה זיינען אַרויסגעגאַנגען צו [האַלטן אַ דרשה ביי] אַ תענית ציבור**[1]**. האָט ר' ביבא בר זבדאי געדרשנט אזוי צו זאָגן: איז עס מעגלעך, אַז דאָס האַרץ פון אַ מענטשן זאָל פון אים אַרויסגענומען ווערן, און זאָל נאָכדעם צוריקקומען צו אים? נייערט: לאָמיר אויסגלייכן אונדזער האַרץ מיט אונדזערע הענט**[2]**, און ערשט נאָכדעם [זיך ווענדן] צו גאָט אין הימל. אויב אַ מענטש האַלט אַ שרץ אין האַנט, מעג ער זיך אפילו טובל זיין אין אַלע וואַסערן פון בראשית, ווערט ער קיינמאָל ניט ריין; האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם שרץ פון זיין האַנט, איז אים גענוג זיך טובל צו זיין אין פערציק סאה.**

**ר' תנחומא האָט געדרשנט** (דברי הימים ב, יב, ו): ויכנעו — און אונטערטעניק זיינען געוואָרן די האַרן פון ישראל און דער מלך און זיי האָבן געזאָגט: גאָט איז רעכטפאַרטיק! **און ווייטער שטייט:** וכראות ה' — און אַז גאָט האָט געזען, אַז זיי זיינען אונטערטעניק געוואָרן, אזוי איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו שמעיהן אזוי צו זאָגן: זיי זיינען אונטערטעניק געוואָרן, וועל איך זיי ניט פאַרטיליקן, און איך וועל זיי געבן אַ שטיקל אַנטרינונג, און מיין גרימצאָרן וועט ניט אויסגעגאָסן ווערן אויף ירושלים דורך דער האַנט פון שישקן. **סע שטייט דאָ ניט: „און ווי גאָט האָט געזען, אַז זיי האָבן געפאַסט", נייערט** אַז זיי זיינען אונטערטעניק געוואָרן.

**ר' יאשיה האָט געדרשנט** (צפניה ב, א): התקוששו וקושו — **לאָמיר צוערשט זיך אַליין אויסצירן, און נאָכדעם וועלן מיר אויסצירן אַנדערע**[3]**. ווייל דאָ איז פאַראַן איינער אַ מענטש, וואָס האָט גערעדט אויף מיר לשון הרע פאַר ר' יוחנן, [זאָל ער זיך ניט באַהאַלטן], נייערט [ער זאָל אויפשטיין פאַרן] גאַנצן פאָלק צו אַ משפט. מע זאָגט, אַז דאָרטן זיינען געווען ר' חייא און ר' אמי און ר' יוסי; האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און זיינען אַרויסגעגאַנגען**[4]**.**

(מב) נחנו — מיר האָבן געזינדיקט און ווידערשפעניקט, [און דו האָסט ניט פאַרגעבן]. **די רבנן פון דאָרטן**[5] **זאָגן: וואָס ביטערער דער קרויט איז אַלץ זויערער איז דער עסיק**[6]**. די רבנן פון דאַנען זאָגן: שלעכטע מעשים זיינען האַרב פאַר זייערע טוער. ר' הונא האָט אין נאָמען פון ר' יוספן געזאָגט:** מיר האָבן געזינדיקט און ווידערשפעניקט **ווי אונדזער טבע איז, אָבער** דו האָסט ניט פאַרגעבן, **ווי דיין טבע איז. ר' לוי האָט געזאָגט:** מיר האָבן געזינדיקט און ווידערשפעניקט, **און דו האָסט חרוב געמאַכט** דיין **בית המקדש.**

ונפשנו קצה בלחם הקלוקל. **אף ציון כן היא** (ישעיה מ״ט): ותאמר ציון: עזבני ה׳ ואדני שכחני״.

נ

(מ) נחפשה דרכינו ונחקורה, ונשובה עד ה׳. (מא) נשא לבבנו אל כפים אל אל בשמים. **ר׳ ביבא בר זבדאי ורבי תנחום בר חנילאי ורבי יאשיה נפקין לתעניתא. דרש רבי ביבא בר זבדאי ואמר: איפשר דליביה דבר נש נסיב מיניה וחזר עליה? אלא נשווי לבינן לגבי ידינן, ואחר כך** אל אל בשמים. **אם יש שרץ בידו של אדם, אפילו טובל בכל מימי בראשית אינו טהור לעולם; השליך השרץ מידו, עלתה לו טבילה במ׳ סאה.**

**דרש ר׳ תנחומא** (ד״ה ב, י״ב): ויכנעו שרי יהודה והמלך ויאמרו: צדיק ה׳. **וכתיב**: וכראות ה׳, כי נכנעו, היה דבר ה׳ אל שמעיה לאמר: נכנעו, לא אשחיתם, ונתתי להם כמעט לפליטה, ולא תתך חמתי בירושלים ביד שישק: „**וכראות ה׳, כי נתענו״ אין כתיב כאן, אלא** כי נכנעו.

**דרש ר׳ יאשיה** (צפניה ב): התקוששו וקושו, **נקשט עצמן, ואחר כך נקשט אחרים. מבגין דאית הכא בר נש, דאמר עלי לישן בישא קדם ר׳ יוחנן, — אלא [קדם] כל עמא לדינא. אמרון: הוה תמן ר׳ חייא ור׳ אמי ור׳ יוסי; קמון ונפקון להון.**

(מב) נחנו פשענו ומרינו. **רבנן דהתם אמרי: אין כרנבי מרירן, בסימא דסימא חמיע. רבנן דהכא אמרין: אין דעובדין בישין, למריהון קשין. ר׳ הונא בשם רב יוסף אמר**: „נחנו פשענו ומרינו **כמדתנו**; אתה לא סלחת **כמדותיך**״. **א״ר לוי**: „נחנו פשענו ומרינו, **והחרבת מקדשיך**״.

---

[1] ביי אַ תענית ציבור פלעגט מען אַרויסגיין מתפלל זיין אין גאַס, און כדי מעורר צו זיין דעם עולם צו תשובה פלעגן די חכמים האַלטן דרשות (מהרז״ו). [2] אַז די מעשים זאָלן שטימען מיט דער כוונה וואָס אין האַרצן. [3] געדרשנט לויט אַ וואָרטשפּיל: התקוששו וקושו (זאַמלט אייך איין און פאַרזאַמלט זיך) — התקשטו וקשטו — צירט זיך אויס, און איר וועט אויסצירן יענעם. [4] ענטוועדער ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט אַז דער שלעכטסטוער זאָל זיך שעמען פאַר זיי (מתנות כהונה), אָדער עס האָט זיי פאַרדראָסן, הלמאי ר׳ יאשיה דרשנט וועגן זיך פערזענלעך, וואָס דאָס איז אין סתירה צו זיין איי־גענער דרשה. לויטן רד״ל האָבן זיי עס גערעדט לשון הרע, און זיי זיינען אַרויס פון צווישן דעם עולם זיך מתוודה צו זיין. [5] פון בבל (זע פרשה א, לד, באַמערקונג 2). [6] אין וועלכן מע טונקט אים, ד״ה: זינד איז גורם צו שטראָף (מיר האָבן געזינדיקט — דו האָסט ניט פאַרגעבן). — — —

ס

(מג) סכותה — דו האָסט זיך באַדעקט מיט צאָרן און האָסט אונדז נאָכגע־יאָגט, האָסט געהרגעט, — און קיין רחמנות ניט געהאַט. (מד) האָסט זיך באַדעקט מיט אַ וואָלקן — — — ר׳ חלבו האָט געפרעגט ר׳ שמואל בר נחמן, זאָגנדיק צו אים: היות איך האָב געהערט וועגן דיר, אַז דו ביסט אַ בעל אגדה, — וואָס מיינט דאָס וואָס שטייט געשריבן: האָסט זיך באַדעקט מיט אַ וואָלקן, אַז קיין תפילה זאָל ניט דורכגיין? האָט ער געזאָגט צו אים: תפילה איז געגליכן צו אַ מיקווה און תשובה איז געגליכן צו אַ ים: אַזוי ווי די מיקווה איז אַ מאָל אָפן און אַ מאָל געשלאָסן, אַזוי זיינען די טויערן פון תפילה אַ מאָל געשלאָסן און אַ מאָל אָפן; אָבער דערדאָזיקער ים איז אַלע מאָל אָפן, אַזוי אויך זיינען די טויערן פון תשובה אַלע מאָל אָפן. רב ענן האָט געזאָגט: אויך די טויערן פון תפילה ווערן קיינמאָל ניט געשלאָסן. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דברים ד, ז): כה׳ אלהינו — אַזוי ווי גאָט אונדזער גאָט [איז נאָענט] ווען נאָר מיר רופן צו אים, און רופן איז ניט אַנדערש נייערט תפילה, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה סה, כד): והיה — און עס וועט זיין, איידער זיי וועלן רופן, וועל איך ענטפערן. ר׳ יוסי בר חלפתא האָט געזאָגט: באַשטימטע צייטן זיינען פאַראַן פאַר תפילה, ווארום אַזוי האָט דוד געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: „רבונו של עולם! ווען איך טו תפילה פאַר דיר, זאָל מיין תפילה זיין אין אַ שעה פון באַוויליקונג". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (תהלים סט, יד): ואני — און איך, מיין תפילה צו דיר, גאָט, איז: אַ שעה פון באַוויליקונג.

ר׳ עקיבא איז געשטאַנען פאַר טורנוסרופוסן צו משפט[1], און יהושע הגרסי איז דאָרט געשטאַנען און תפילה געטאָן מיט אים. איז אַראָפּ אַ וואָלקן און האָט זיי אַרומגערינגלט. האָט ער געזאָגט: „מיר שיינט, אַז דער וואָלקן איז אַראָפּ און אונדז אַרומגערינגלט ניט אַנדערש, נייערט כדי מיין רבינס תפילה זאָל ניט געהערט ווערן". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: האָסט זיך באַדעקט מיט אַ וואָלקן, אַז קיין תפילה זאָל ניט דורכגיין.

(מה) סחי — מיסט און מיאוסקייט האָסטו אונדז געמאַכט צווישן די פעלקער, — נמאסער אָפּפאַל.

פ

(מו) פצו — זיי האָבן געעפנט אויף אונדז זייער מויל. פאַרוואָס האָט מען געשטעלט די פא פאַר דער עין? ווייל זיי פלעגן זאָגן מיט זייער מויל, וואָס זיי האָבן ניט געזען מיט זייערע אויגן.

ע

(מט) עיני — מיין אויג גיסט און טוט זיך ניט שטילן — — — (נ) ביז גאָט וועט אַרונטערקוקן פון הימל און זען. ר׳ אחא האָט אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן געזאָגט: אין דריי ערטער געפינען מיר [דערמאָנט] דעם רוח הקודש נאָענט צו גאולה. פון וואַנען איז עס געדרונגען?[1] (ישעיה לב,

---

[1] פאַר ניט אויספאָלגן אדריאַנוסעס גזרה, ניט צו לערנען קיין תורה.

ס

(מג) סכותה באף ותרדפנו, הרגת ולא חמלת. (מד) סכותה בענן לך. **ר׳ חלבו שאל את ר׳ שמואל בר נחמן, אמר לו: מפני ששמעתי עליך, שאתה בעל אגדה, מהו דין דכתיב:** סכותה בענן לך מעבור תפלה? **אמר לו: נמשלה תפלה כמקוה, ונמשלה תשובה כים: מה מקוה זו, פעמים פתוחה פעמים נעולה, כך שערי תפלה, פעמים נעולים פעמים פתוחין; אבל הים הזה לעולם פתוח, כך שערי תשובה לעולם פתוחין. אמר רב ענן: אף שערי תפלה אינן ננעלים לעולם. הה״ד** (דברים ד): כה׳ אלהינו בכל קראנו אליו. **ואין קריאה, אלא תפלה, שנאמר** (ישעיה ס״ה): והיה טרם יקראו, ואני אענה. **א״ר יוסי בר חלפתא: עתים הן לתפלה, שכך אמר דוד לפני הקדוש ברוך הוא: ״רבונו של עולם! בשעה שאני מתפלל לפניך, תהיה תפלתי על שעת רצון״. הדא ה״ד** (תהלים ס״ט): ואני תפלתי לך, ה׳: עת רצון.

**ר׳ עקיבא היה עומד ונדון לפני טורנוסרופוס. והיה שם יהושע הגרסי עומד בתפלה עמו. ירד ענן והקיפן. אמר: ״דומה אני, שלא ירד ענן והקיף, אלא כדי שלא תשמע תפלתו של רבי״. הוא דכתיב:** סכותה בענן לך מעבור תפלה.

(מה) סחי ומאוס תשימנו בקרב העמים, — **מאסייא פסילאייא.**

פ

(מו) פצו עלינו פיהם. **למה הקדים פ״א לעי״ן? שהיו אומרים בפיהם מה שלא ראו בעיניהם.**

ע

(מט) עיני נגרה ולא תדמה, **וגו׳,** (נ) עד ישקיף וירא ה׳ משמים. **ר׳ אחא בשם ר׳ שמואל בר נחמן אמר: בג׳ מקומות מצינו רוח הקודש סמוך לגאולה. מאי טעמא?** (ישעיה ל״ב) משוש פראים מרעה עדרים; **מה כתיב אחריו?** (שם) עד יערה עלינו רוח ממרום, והיה מדבר לכרמל, והכרמל ליער יחשב. **ודכוותיה** (שם ס׳): הקטן יהיה לאלף, והצעיר, וגו׳; **וכתיב בתריה** (שם ס״א):

---

יד) משוש — אַ פרייד פאַר ווילדע אייזלען, אַ פיטערונג אָרט פאַר סטאַדעס; **און וואָס שטייט נאָכדעם?** עד יערה — ביז אויסגעגאָסן וועט ווערן אויף אונדז אַ גייסט פון דער הייך, און דער מדבר וועט ווערן אַ פרוכטגאָרטן, און דער פרוכטגאָרטן וועט ווי אַ וואַלד גערעכנט ווערן. **און דעסטגלייכן** (דאָרט ס, כב): הקטן — דער קלענסטער וועט ווערן צו טויזנט, און דער

ווייניקסטער [צו אַ מאַכטיק פאָלק]; **און נאָכדעם שטייט געשריבן** (דאָרטן סא, א): רוח — דער גייסט פון גאָט דעם האַר איז אויף מיר, דען גאָט האָט מיך געזאַלבט. **און דערדאָזיקער פסוק**: מיין אויג גיסט, **און נאָכדעם שטייט געשריבן**: ביז גאָט וועט אַרונטערקוקן פון הימל און זען [2].

**(נא)** עיני — מיין אויג טוט רירן מיין זעל. **ר׳ שמעון בן גמליאל האָט געזאָגט**: [3] **פינף הונדערט לערן הייזער זיינען געווען אין ביתר, און דאָס קלענסטע פון זיי האָט געהאַט ניט ווייניקער פון דריי הונדערט קינדער. און זיי פלעגן זאָגן: „אויב די שונאים וועלן קומען אויף אונדז, וועלן מיר מיט אָט די שרייבפעדלעך אַרויסגיין און זיי דערשטעכן". אָבער וויבאַלד די זינד האָבן גורם געווען און די שונאים זיינען געקומען, אַזוי האָבן זיי איינגעוויקלט איטלעכן אין זיין ספר און זיי פאַרברענט; און ס׳איז קיינער פון זיי ניט געבליבן, נייערט איך. און איך האָב געלייענט אויף זיך דעם פסוק**: עיני — מיין אויג טוט רירן מיין זעל פון וועגן אַלע טעכטער פון מיין שטאָט.

צ

**(נב)** צוד צדוני — יאָגן האָבן מיך געיאָגט ווי אַ פויגל מיינע אומזיסטיקע שונאים. **(נג)** זיי האָבן פאַרשניטן אין גרוב מיין לעבן, — **דאָס איז יוסף, דאָס איז ירמיה, דאָס איז דניאל** [1].

**(נד)** צפו — געפלייצט האָבן וואַסערן אויף מיין קאָפּ, — — — **דאָס זיינען די אומות, וואָס וועגן זיי שטייט געשריבן** (ישעיה יז, יב): הוי — ווי דאָס גערויש פון פיל אומות, וואָס טוען רוישן ווי דאָס רוישן פון ימען; און דאָס שטורעמען פון פעלקער, וואָס שטורעמען ווי דאָס שטורעמען פון מאַכטיקע וואַסערן.

ק

**(נה)** קראתי — איך האָב גערופן דיין נאָמען, גאָט, פון דער גרוב פון אונטן, — **דאָס איז יוסף, דאָס איז ירמיה, דאָס איז דניאל. (נו)** קולי — מיין קול האָסטו געהערט — — — **(נז)** האָסט זיך דערנענטערט אין דעם טאָג וואָס איך האָב דיך גערופן.

ר

**(נח)** רבת — דו האָסט געקריגט, גאָט, די קריג פון מיין זעל, האָסט אויסגעלייזט מיין לעבן. **(נט)** האָסט געזען, גאָט, מיין קריוודע, משפט דו מיין משפט. **איינער אַ ייד איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אדריאנוסן און האָט אים באַגריסט. האָט ער געזאָגט צו אים: „ווער ביסטו?" האָט ער אים געזאָגט: „אַ ייד". האָט ער געזאָגט צו אים: „איז נאָך פאַראַן אַ ייד, וואָס קען**

---

[1] **געמיינט: וואָס פאַר אַ פסוקים זיינען עס?** [2] עד ישקיף, **ביז גאָט וועט אַרונטערקוקן, איז אַ רמז אויפן רוח הקודש, לויטן פסוק** (דברים כו, טו): השקיפה — קוק אַרונטער פון דיין הייליקער וואוינונג; **און** וירא, און ער זאָל זען, **איז אַ רמז אויף גאולה, לויטן פסוק** (**דאָרט פסוק** ז): וירא — און ער האָט געזען אונדזער פיין (**מהרז״ו**).

[3] **אויבן ב, ד.**

[1] **יעדערער פון זיי איז געוואָרפן געוואָרן אומשולדיק אין גרוב (זע: בראשית לט, כ; ירמיה לח, ו; דניאל ו, יז).**

רוח אדני אלהים עלי, יען משח ה׳ אותי. **והדין**: עיני נגרה, **וכתיב בתריה**: עד ישקיף וירא ה׳ משמים.

(נא) עיני עוללה לנפשי. **אמר רבן שמעון בן גמליאל: חמש מאות בתי סופרים היו בביתר, והקטן שבהם לא היה פחות משלש מאות תינוקות. והיו אומרים: „אם יבואו השונאים עלינו, במכתבים הללו אנו יוצאין ודוקרין אותן״. וכיון שגרמו העונות ובאו השונאים, כרכו כל אחד ואחד בספרו ושרפו אותם; ולא נשתייר מהם אלא אני. וקראתי על עצמי**: עיני עוללה לנפשי מכל בנות עירי.

צ

(נב) צוד צדוני כצפור אויבי חנם. (נג) צמתו בבור חיי, — **זה יוסף, זה ירמיה, זה דניאל.**

(נד) צפו מים על ראשי, וגו׳, **אלו האומות, שכתוב בהן** (שם י״ז): הוי המון עמים רבים, כהמות ימים יהמיון, ושאון לאומים כשאון מים כבירים.

ק

(נה) קראתי שמך, ה׳, מבור תחתיות, — **זה יוסף, זה ירמיה, זה דניאל.** (נו) קולי שמעת, וגו׳. (נז) קרבת ביום אקראך.

ר

(נח) רבת אדני ריבי נפשי, גאלת חיי. (נט) ראיתה ה׳ עותתי, שפטה משפטי. **חד יהודאי עבר קדם אדריאנוס ושאל בשלמיה. אמר ליה: „מאן את?״ אמר ליה: „יהודאי״. אמר ליה: „ואית יהודאי עבר קדם אדריאנוס ושאיל בשלמיה?״ אמר: „איזילו וסבו ראשיה״. עבר אוחרן; חמא, מה איעביד בקדמייא, ולא שאל בשלמיה. אמר ליה: „מאן את?״ אמר ליה: „יהודאי״. אמר ליה: „ואית יהודאי עבר קדם אדריאנוס ולא שאל בשלמיה?״ אמר להון: „איזילו וסבו רישיה״. א״ל סנקליטין שלו: „לית אנן**

---

פאַרבייגיין פאַר אדריאנוסן און אים באַגריסן?״ האָט ער געזאָגט [צו זיינע מענטשן]: „גייט און נעמט אים אַראָפּ דעם קאָפּ״. איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַנדערער; האָט ער געזען, וואָס מע האָט געטאָן מיטן ערשטן, און ער האָט אים ניט באַגריסט. האָט ער געזאָגט צו אים: „ווער ביסטו?״ האָט ער אים געזאָגט: „אַ ייד״. האָט ער געזאָגט צו אים: „איז נאָך פאַראַן אַ ייד, וואָס קען פאַרבייגיין פאַר אדריאנוסן און אים ניט באַגריסן?״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „גייט און נעמט אים אַראָפּ דעם קאָפּ״. האָבן זיינע ראַטגעבער אים געזאָגט: „מיר ווייסן ניט, וואָס זיינען עס פאַר מעשים

**וואָס דו טוסט: דער וואָס באַגריסט דיך ווערט געהרגעט, און דער וואָס באַגריסט דיך ניט ווערט געהרגעט!" האָט ער געזאָגט צו זיי: "און איר ווילט מיר עצות געבן, ווי אזוי איך זאָל הרגענען מיינע שונאים?" און דער רוח הקודש שרייט און זאָגט:** ראית — האָסט געזען, גאָט, מיין קריוודע — — — (ס) האָסט געזען זייער גאַנצע נקמה!

ש

(סא) שמעת — דו האָסט געהערט זייער לעסטערונג, גאָט — — — (סב) די ליפּן פון מיינע פיינט און זייערע מחשבותן — — — (סג) צי זיי זיצן, צי זיי שטייען אויף, זע, איך בין זייער ליד, **איך בין זייער שפּאָט געזאַנג.**

ת

(סד) תשיב — זאָלסט זיי צוריקגעבן אַ באַצאָלונג. **ירמיה האָט געזאָגט:** זאָלסט זיי צוריקגעבן אַ באַצאָלונג. **און אסף האָט געזאָגט** (תהלים עט, יב): והשב — און קער אום צו אונדזערע שכנים זיבנפאַך אין זייער שויס. **וואָס מיינט** אין זייער שויס? **ר' יהודה בן גדייא האָט געזאָגט: קער זיי אום אַ באַצאָלונג פאַר דעם וואָס זיי האָבן געטאָן אין בית המקדש, וואָס געפינט זיך אין שויס פון דער וועלט[1], ווי דער פסוק זאָגט** (יחזקאל מג, יד): ומחיק — און פון דעם שויס פון דער ערד ביז דעם אונטערשטן אָפּשטאַנד. **און די רבנן זאָגן: [קער זיי אום אַ באַצאָלונג] פאַר דעם וואָס זיי האָבן געטאָן מיט דער מילה וואָס געפינט זיך אין שויס פונעם מענטשן; דען ר' יהושע פון סיכנין און ר' לוי האָבן אין נאָמען פון ר' יוחנן געזאָגט, אַז זיי[2] פלעגן אָראָפּשניידן די מילות פון די יידן[3] און פלעגן זיי וואַרפן קעגן הימל און זאָגן: "דאָס האָסטו אויסדערוויילט, — נאַ דיר וואָס דו האָסט אויסדערווילט!" ביז שמואל הנביא איז אויפגעשטאַנען און האָט גענומען פון זיי געצאָלט. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (שמואל א, טו, לב): ויאמר — און שמואל האָט געזאָגט: ברענגט מיר אַהער אגג דעם מלך פון עמלק; **און ווייטער שטייט:** וישסף — און שמואל האָט צעהאַקט אגגן. **ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: ער האָט אָנגעהויבן שניידן זיין פלייש שטיקערווייז און געגעבן עסן צו די שטרויס-פייגל. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (איוב יח, יג): יאכל — ער וועט עסן די גלידער פון זיין לייב. **ר' יצחק האָט געזאָגט: ער האָט געבראַכט פיר שטאַנגען און אים אָנגעצויגן אויף זיי[4].** (שמואל, דאָרט) ויאמר — און אגג האָט געזאָגט: פאַרוואָר, עס קומט אָן די ביטערקייט פון טויט, — **מיט אַזאַ ביטערן טויט הרגעט מען עס פירשטן[5]!" ר' יצחק האָט געזאָגט: ער האָט אים מסרס געווען, — ווייל ער פלעגט נעמען די מילות און זיי וואַרפן קעגן הימל, דעריבער האָט ער גענומען געצאָלט פון אים. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט פסוק לג): ויאמר — און שמואל האָט געזאָגט: אזוי ווי דיין שווערד האָט באַרויבט ווייבער פון זייערע קינדער[6], אזוי זאָל צווישן ווייבער דיין מוטער באַרויבט זיין פון קינדער. און שמואל האָט צעהאַקט [אגגן], **— [דער פסוק] לערנט אונדז, אַז ער האָט אים צעשניטן אויף פיר שטיקער[7].**

ידעין, מה אילין עובדי דאת עביד: דשאיל בשלמך מיתקטיל, דלא שאיל בשלמך מתקטיל". אמר להון: „ואתון בעיין מלכה יתי, איך אנא בעי למקטלה בשנאי?" ורוח הקדש צווחת ואומרת: ראיתה, ה׳, עותתי; (ס) ראיתה כל נקמתם, וגו׳.

ש

(סא) שמעת חרפתם ה׳. (סב) שפתי קמי והגיונם — — —
(סג) שבתם וקימתם, הביטה, אני מנגינתם, אנא זמריהון.

ת

(סד) תשיב להם גמול. ירמיה אמר: תשיב להם גמול, ואסף אמר (תהלים ע״ט): והשב לשכנינו שבעתים אל חיקם. מהו אל חיקם? ר׳ יהודה בן גדייא אמר: תשיב להם גמול, מה שעשו בבית המקדש, שנתון בחיקו של עולם, כמד״א (יחזקאל מ״ג): ומחיק הארץ ועד העזרה התחתונה. ורבנן אמרי: מה שעשו במילה, שנתנה בחיקו של אדם; דאמר רבי יהושע דסכנין ור׳ לוי בשם ר׳ יוחנן, שהיו נוטלים מילותיהם של ישראל ומזרקין אותן כלפי מעלה ואומרים: „בזה בחרת, הא לך מה שבחרת!" עד שעמד שמואל הנביא ופרע בהם. הדא הוא דכתיב (שמואל א, ט״ו): ויאמר שמואל הגישו אלי את אגג מלך עמלק; וכתיב (שם): וישסף שמואל את אגג, וגו׳. א״ר אבא בר כהנא: התחיל מחתך בבשרו חתיכות חתיכות ומאכיל לנעמיות. הה״ד (איוב י״ח): יאכל בדי עורו. ר׳ יצחק אמר: הביא ארבעה קונדיסין ומתחו עליהם. (שם) ויאמר אגג: אכן סר מר המות, — כך ממיתין השרים מיתות מרות!" רבי יצחק אמר: סירסו — לפי שהיה נוטל את המילות וזורקן כלפי מעלה, על דא נפרע ממנו. הדא הוא דכתיב (שמואל א, ט״ו): ויאמר שמואל: כאשר שכלה נשים חרבך, כן תשכל מנשים אמך. וישסף, מלמד, שחתכו ארבע חתיכות.

(סה) תתן להם מגינת לב, — תרין אמוראין. חד אמר: תבירות ליבא; וחד אמר: עזיזות ליבא. מאן דאמר תבירות

---

(כה) תתן להם — זאָלסט זיי געבן — מגינת לב, — צוויי אמוראים [האָבן געטייטשט דעם פּסוק]. איינער האָט געזאָגט: האַרצברעכעניש; און איינער

---

[1] אין צענטער פון דער וועלט. [2] די עמלקים. [3] זע רש״י אויף דברים כה, יח. [4] געטייטשט בדי עורו — די שטאַנגען פאַר זיין לייב. [5] שרים — סר, און אזוי אויך ווייטער: מסרס — סר. [6] דורכדעם וואָס ער האָט מסרס געווען זייערע מענער. [7] גע־דרשנט וישסף, ער האָט צעהאַקט, ווי אַ ראשי תבות: שיסע — פלג: ער האָט אים צע־

**האָט געזאָגט: האַרץ פאַרהאַרטעוועטקייט**[8]**. דער וואָס האָט געזאָגט האַרצ־**ברעכעניש [**שטיצט זיך אויף דעם**] **וואָס דער פסוק זאָגט** (בראשית יד, כ): אשר מגן[9] — וואָס ער האָט צעבראָכן[10] דיינע פיינט אין דיינע הענט. **און דער וואָס האָט געזאָגט** האַרץ פאַרהאַרטעוועטקייט [**שטיצט זיך אויף דעם**] **וואָס דער פסוק זאָגט** (דברים לג, כט): מגן — דער שילד[11] פון דיין הילף. תאלתך — דיין קללה אויף זיי, — **זאָלסט זיי פאַרמוטשען**[12] **מיט יסורים און ברענג אויף זיי אַלע קללות פון דער תורה, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרטן ל, ז): ונתן ה׳ — און גאָט דיין גאָט וועט געבן אָט די אַלע קללות אויף דיינע פיינט, און אויף דיינע שונאים — — —

(סו) תרדף באף — דו זאָלסט נאָכיאָגן מיט צאָרן און זיי פאַרניכטן. **ירמיה האָט געזאָגט**: דו זאָלסט נאָכיאָגן מיט צאָרן און זיי פאַרניכטן. **און משה האָט געזאָגט** (שמות יז, יד): כי מחה — אַז אויסמעקן וועל איך אויס־מעקן עמלקס זכר פון אונטערן הימל. **שמואל האָט געזאָגט**: עמלק מיינט **ווי דער פשט איז**[13]; דעם זכר **דאָס איז המן**; אָפּמעקן — **פון דער וועלט**; וועל איך אָפּמעקן — **פון יענער וועלט**; פון אונטערן הימל — **אים און יע־נעם גאַנצן דור ביזן סוף פון אַלע דורות. ר׳ יהושע האָט געזאָגט**: [אויס־מעקן דעם זכר פון עמלק מיינט,] **אַז סע זאָל ניט בלייבן פון עמלקן קיין זון און קיין אייניקל**; פון אונטערן הימל, — **אַז מע זאָל ניט זאָגן: „דער בוים איז עמלקס, דער קעמל איז עמלקס, די שעפּס איז עמלקס".**

**ר׳ אליעזר זאָגט: ווייל ער האָט געזוכט אומצוברענגען ישראל פון אונטער די פליגלען פון הימל, האָט משה געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: „דערדאָזיקער רשע איז געקומען צו פאַרטיליקן ישראל פון אונטער דיינע פליגלען, — די ספר תורה וואָס דו האָסט זיי געגעבן, ווער וועט לייענען אין איר?"** אַן אַנדער פשט [**אויף** פון אונטערן הימל]: **ווייל ער האָט געזוכט אומצוברענגען ישראל, וואָס ס'איז זיי פאַרגעשטאַנען צעשפּרייט צו ווערן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן, ווי דער פסוק זאָגט** (**דברים** כח, סד): ומקצה — פון איין עק ערד ביזן צווייטן עק ערד.

**ר׳ אליעזר זאָגט: ווען וועט דער נאָמען פון דידאָזיקע** [**שונאי יש־ראל**] **פאַרלאָרן גיין פון דער וועלט, און די עבודה זרה און אירע דינער וועלן אויסגעריסן ווערן פון דער וועלט, און הקדוש־ברוך־הוא וועט זיין דער איינציקער אויף דער וועלט, לויט ווי דער פסוק זאָגט** (זכריה יד, ט): והיה ה׳ — און גאָט וועט זיין דער מלך איבער דער גאַנצער ערד; אין יענעם טאָג וועט גאָט זיין איינער און זיין נאָמען איינער? **אין דער צייט ווען דו וועסט** זיי נאָכיאָגן מיט צאָרן און זיי פאַרניכטן פון אונטער די הימלען פון גאָט[14].

**ר׳ נתן האָט געזאָגט: המן איז ניט אַנדערש געקומען, נייערט אויף** [**צו פאַרזיכערן**] **אַ געדעכעניש פאַר ישראל; דאָס איז ווי עס שטייט גע־שריבן** (אסתר ט, כח): **וימי הפורים — און דידאָזיקע טעג פון פורים זאָלן** ניט פאַרשווינדן פון צווישן די יידן, און זייער געדעכעניש זאָל ניט אויפ־הערן ביי זייערע קינדער[15].

געענדיקט דער דריטער אלף־בית

ליבא, **שנאמר** (בראשית י״ד): אשר מגן צריך בידך; **ומאן דאמר** עזיזות ליבא, **שנא׳** (דברים ל״ג): מגן עזרך, תאלתך להם. — **(תלי) [תלאה] אותן ביסורין והבא עליהם כל אלות שבתורה, כד״א** (שם ל): ונתן ה׳ אלהיך את כל האלות האלה על אויביך, ועל שונאיך, וגו׳.

(סו) תרדוף באף ותשמידם. **ירמיה אמר**: תרדוף באף ותשמידם. **ומשה אמר**: (שמות י״ז): כי מחה אמחה את זכר עמלק מתחת השמים. **שמואל אמר**: עמלק **כמשמעו**, זכר, **זה המן**; מחה **בעולם הזה**; אמחה **לעולם הבא**; מתחת השמים, — **לו ולכל הדור ההוא עד סוף כל הדורות. ר׳ יהושע אמר: שלא יהא נין ונכד לעמלק**; מתחת השמים, **שלא יאמרו: „אילן זה של עמלק, גמל זה של עמלק, רחל זו של עמלק״.**

**ר׳ אליעזר אומר: לפי שביקש לאבד את ישראל מתחת כנפי השמים, אמר משה לפני הקב״ה: „רשע זה בא לאבד את ישראל מתחת כנפיך, — ספר תורתך שנתת להם, מי יקרא בו?״ ד״א: לפי שבקש לאבד את ישראל, שהן עתידין להתפזר מסוף העולם ועד סופו, שנאמר** (דברים כ״ח): מקצה הארץ ועד קצה הארץ.

**ר׳ אליעזר אומר: אימתי יאבד שמם של אלו מן העולם ותיעקר עבודת כוכבים ועובדיה מן העולם, ויהא הקדוש ברוך הוא יחידי בעולם, כענין שנאמר** (זכריה י״ד): והיה ה׳ למלך על כל הארץ, ביום ההוא יהיה ה׳ אחד ושמו אחד? **בשעה** שתרדוף באף ותשמידם מתחת שמי ה׳.

**ר׳ נתן אמר: לא בא המן, אלא לזכר ישראל; הה״ד** (אסתר ט): וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם.

---

שפאָלטן און צעטיילט, צעהאַקט אין דער לענג און אין דער ברייט (מהרז״ו). [8] אַז ס׳האַרץ פון די שונאים זאָל פאַרהאַרטעוועט ווערן, ווי ביי פרעהן, כדי די שטראָף זאָל זיין נאָך גרעסער (מתנות כהונה). [9] וואָרטשפּיל אויף מגנת לב. [10] ניט לויטן פשט. [11] סימבאָל פון האַרטקייט. [12] געביטן דעם טעקסט לויטן רד״ל און לויט בובער; אזוי לייענט עס אויך דער מתנות כהונה. תאלתך ווערט דאָ געטייטשט לויט תלאה, מאַטערניש און אויך לויט אלה, אַ קללה. [13] ד״ה: ווערטערלעך. [14] אפשר לייענט ר׳ אליעזר שמי מיט אַ חיריק אונטער דער מם: מיין נאָמען, און ס׳וועט מיינען: ווען איך וועל פאַרטיליקן די שונאים, וועט מיין נאָמען זיין איינער (רד״ל). [15] דער אָנזאָג, אַז פורים זאָל בלייבן אייביק, איז ממילא אַ צוזאָג, אַז ישראל וועט לעבן אייביק, אזוי אַרום האָט המנס גזרה פאַרזיכערט יידן מיט אַן אייביק לעבן.

סליק אלפא ביתא תליתאה

# פרשה ד

א

(א) איכה — ווי איז פֿאַרטונקלט געוואָרן דאָס גאָלד. **ר׳ שמואל האָט געזאָגט: [דאָס מיינט] ווי איז דאָס גאָלד איבערגעדעקט געוואָרן**[1], **ווי דער פּסוק זאָגט** (יחזקאל כח, ג): כל סתום — קיין פֿאַרבאָרגעניש איז פֿון דיר ניט פֿאַרהוילן[2]. **און די רבנן זאָגן: ווי איז דאָס גאָלד פֿאַרביטן געוואָרן**[3]. **ר׳ חמא בר חנינא האָט געזאָגט: ווי איז דאָס גאָלד פֿאַרטונקלט געוואָרן**[4]; **דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** ווי איז פֿאַרטונקלט געוואָרן **דאָס גאָלד, ווי ר׳ חייא האָט געלערנט**[5]: **[אין פּסוק שטייט** (ויקרא טז, יב)]: גחלי — קוילן, **קען מען דאָך מיינען — צאַנקענדיקע**[6]? **לערנט [אונדז דער פּסוק] צו זאָגן** אש — פֿייער; **אָבער אויב** פֿייער, **קען מען דאָך מיינען — אַ פֿלאַם? לערנט** [**אונדז דער פּסוק**] **צו זאָגן** גחלי — קוילן; **טאָ ווי אַזוי איז עס? מע ברענגט פֿון אָט די גליענדיקע.**

(א) תשתפכנה — צעשאָטן זיינען געוואָרן די הייליקע שטיינער. **אַז די חברים פֿלעגן אַרויסגיין זוכן פּרנסה**[7], **פֿלעגט מען לייענען אויף זיי [דעם פּסוק]:** צעשאָטן זיינען געוואָרן די הייליקע שטיינער. **אַן אַנדער פּשט: [דער פּסוק] רעדט וועגן יאשיהו:** ווי איז פֿאַרטונקלט געוואָרן דאָס גאָלד, **ווארום ער איז געווען געגליכן צו אַ צירונג פֿון גאָלד;** ישנא — פֿאַרענדערט געוואָרן דאָס גוטע פֿיינגאָלד, — **ווארום זיין גוף איז געווען געגליכן צו אַ טייערן שטיין און צו פּערל;** צעשאָטן זיינען געוואָרן די הייליקע שטיינער, — **דאָס זיינען די צוויי פּערטעלעך בלוט [פֿונעם געהרגעטן יאשיהו], וואָס ירמיה האָט גענומען און באַגראָבן [אין באַזונדערע ערטער]. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דברי הימים ב, לה, כד): ויקבר — און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין די קברים פֿון זיינע עלטערן, — **אין וויפֿיל קברים איז ער דען באַגראָבן געוואָרן, וואָס דו זאָגסט** אין די קברים פֿון זיינע עלטערן? **נייערט דאָס מיינט מען די צוויי פּערטעלעך בלוט, וואָס ירמיה האָט גענומען און זיי באַגראָבן [אין באַזונדערע ערטער]**[8]. **אַן אַנדער פּשט: [דער פּסוק] רעדט וועגן די מענטשן פֿון ירושלים, וואָס זיינען געווען געגליכן צו אַ צירונג פֿון גאָלד, און זייער קערפּער איז געווען געגליכן צו אַ טייערן שטיין און צו פּערל;** און אויב אַ מענטש וועט דיר זאָגן: „**דער פּסוק רעדט ניט וועגן די מענטשן פֿון ירושלים", זאָג אים: „ווייטער שטייט געשריבן:** די טייערע קינדער פֿון ציון[9].

# פרשה ד

## א

(א) איכה יועם זהב. ר׳ שמואל אמר: **איך כיסה דדהבא,** **כד״א** (יחזקאל כ״ח): כל סתום לא עממוך. **ורבנן אמרין: איך שינה דדהבא. ר׳ חמא בר חנינא אמר: איך עמה דדהבא; הה״ד:** איכה יועם זהב; **דתני ר׳ חייא** (ויקרא ט״ז): גחלי — **יכול, עוממות? תלמוד לומר:** אש; **אי** אש, — **יכול, שלהבת? תלמוד לומר:** גחלי; **הא כיצד? מביא מן הלוחשות הללו.**

תשתפכנה אבני קדש. **כד הוו חברייא נפקין לפרנסתהון, הוו קרו עליהון:** תשתפכנה אבני קדש. **ד״א: מדבר ביאשיה:** איכה יועם זהב, **שהיה דומה לארנטס של זהב;** ישנא הכתם הטוב, **שהיה גופו דומה לאבן טובה ומרגליות;** תשתפכנה אבני קדש, **אלו שתי רביעיות של דם, שהיה ירמיה נוטלן וקוברן. הדא הוא דכתיב** (ד״ה ב, ל״ה): **ויקבר בקברות אבותיו, — וכי בכמה קברות נקבר. דאת אומר** בקברות אבותיו? **אלא אלו שתי רביעיות של דם, שהיה ירמיה נוטלן וקוברן. ד״א: מדבר באנשי ירושלים, שהיו דומין לארנטס של זהב, וגופן דומה לאבן טובה ומרגליות. ואם יאמר לך אדם: „אין הכתוב מדבר באנשי ירושלים״, אמר לו: „כבר כתיב** בני ציון היקרים״.

---

[1] ד״ה: נאָר אויבנאויפיק האָבן זיך יידן פאַרזינדיקט, אָבער אין תוך האָבן זיי זיך ניט געביטן (רד״ל, לויט שיר השירים רבה). [2] עממוך, און לויט דעם ווערט דאָ געטייטשט יועם, פאַרדעקט. [3] ישראל האָט אין תוך זיך געביטן צום שלעכטן, — די רבנן שטיצן זיך אויף די ווייטערדיקע ווערטער פונעם פסוק ישנא — פאַרענדערט געוואָרן דאָס גוטע פיינ־גאָלד. [4] ישראל איז ניט אינגאַנצן פאַרדאָרבן געוואָרן, ער איז אָבער אויך ניט אזוי ריין ווי געוועזן. [5] פסחים עה, ב. [6] עוממות, — ר׳ חייאס מאמר ווערט דאָ געבראַכט, כדי צו לערנען פון אָט דעם וואָרט אויפן טייטש פון יועם. [7] צוליב די שלעכטע צייטן פלעגן די תלמידי חכמים (חברים) מוזן פאַרלאָזן דעם בית מדרש און גיין זוכן פרנסה. [8] זע רש״י אויף דעם פסוק, — פון יעדן פייל וואָס זיי האָבן אין אים אַריינגעלאָזט, איז אַרויס אַ פערטעלע בלוט, און ירמיה האָט זיי באַגראָבן וואו ער האָט זיי געפונען. [9] און מיר לערנען פונעם צווייטן פסוק אויפן ערשטן.

ב

(ב) בני ציון — די טייערע קינדער פון ציון. אין וואָס איז באַשטאַנען זייער טייערקייט? אַז איינער פון אַ שטעטל האָט גענומען אַ פרוי פון ירו־שלים, פלעגט ער איר געבן איר וואָג אין גאָלד; און אזוי אַז איינער פון ירושלים האָט גענומען אַ פרוי פון אַ שטעטל, פלעגט מען אים געבן זיין וואָג אין גאָלד. אַן אַנדער פשט: אין וואָס איז באַשטאַנען זייער טייערקייט? אַז איינער פון זיי האָט גענומען אַ פרוי, וואָס איז געשטאַנען העכער פון אים, האָט ער אויסגעגעבן אויף די טישן מער ווי אויף אַנדערע הוצאות[1]; אַזאַ וואָס איז געשטאַנען נידעריקער פון אים, פלעגט ער אויסגעבן אויף אַנדערע הוצאות מער ווי אויף די טישן. אַן אַנדער פשט: אין וואָס איז באַשטאַנען זייער טייערקייט? קיינער פון זיי פלעגט ניט גיין צו קיין סעודה, סיידן מע האָט אים צוויי מאָל פאַרבעטן[2].

ג

געשען איז אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן אין ירושלים וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה. האָט ער געזאָגט צו זיין הויז דינער: „גיי און ברענג מיר מיין פריינט קמצא". איז ער אַוועק און האָט אים געבראַכט זיין שונא בר קמצא. איז ער אַריין און האָט זיך געזעצט צווישן די געסט. איז אַריין [דער בעל הבית] און האָט אים געפונען צווישן די פאַרבעטענע. האָט ער געזאָגט צו אים: „דו ביסט מיין שונא, און זיצסט אין מיין הויז? שטיי אויף און גיי אַרויס פון מיין הויז!" האָט ער אים געזאָגט: „זיי מיך ניט מבייש, און איך וועל דיר געבן דעם באַטרעף פון מיין עסן". האָט ער גע־זאָגט צו אים: „דו וועסט דאָ ניט זיצן". האָט ער אים געזאָגט: „זיי מיך ניט מבייש; איך וועל נאָר זיצן, און ניט עסן און טרינקען". האָט ער געזאָגט צו אים: „דו וועסט דאָ ניט זיצן". האָט ער אים געזאָגט: „איך וועל דיר געבן דעם באַטרעף פון דער דאָזיקער גאַנצער סעודה". האָט ער געזאָגט צו אים: „שטיי אויף און גיי!" און דאָרטן איז געווען ר' זכריה בן אבקולס, וואָס האָט געהאַט בכוח צו ווערן, אָבער ער האָט ניט געווערט. איז ער גלייך אַרויס און האָט געזאָגט צו זיך אַליין: „די דאָזיקע געסט זיצן זיך בשלווה, וועל איך זיי פאַרמסרן". וואָס האָט ער געטאָן? ער איז אַוועק צום הערשער און האָט געזאָגט צו אים: „די דאָזיקע קרבנות, וואָס דו שיקסט צו די יידן זיי מקריב צו זיין, זיי עסן זיי אויף און זיינען מקריב אַנדערע אנשטאָט זיי". האָט ער זיך אָנגעבייזערט אויף אים. איז ער ווידער געקומען צו אים און האָט געזאָגט צו אים: „די דאָזיקע אַלע קרבנות, וואָס דו שיקסט צו די יידן זיי מקריב צו זיין, זיי עסן זיי אויף און זייַנען מקריב אַנדערע אנשטאָט זיי. און אויב דו גלויבסט מיר ניט, שיק מיט מיר אַ באַאַמטן מיט קרבנות, און דו וועסט גלייך וויסן, אַז איך בין ניט קיין ליגנער".

[1] ער פלעגט פראַווען אַ רייכן מאָלצייט פון איר כבוד וועגן. לויטן רד"ל און מתנות כהונה זאָל עס מיינען, אַז אין דעם פאַל פלעגן זיי אויסגעבן מער געלט אויף צו קויפן טייערע טישן, איידער אויפן עסן גופא (לויט אַ גמרא אין נדרים כו, איז אַ פרוי געגליכן צום טיש פון הויז — רד"ל), און אין צווייטן פאַל — פאַרקערט.

ב

(ב) בני ציון היקרים. מה היתה יקרותן? עירוני שנשא ירושלמית, היה נותן לה משקלה זהב; וכן ירושלמי שנשא עירונית, היו נותנין לו משקלו זהב. ד"א: מה היתה יקרותן? בשעה שהיה אחד מהן נושא אשה גדולה ממנו, היה עושה שולחנות יותר מן הוצאות; ירודה ממנו, היה עושה הוצאות יותר מן השלחנות. ד"א: מה היתה יקרותן? לא היה אחד מהם הולך לסעודה, עד שנקרא ונשנה.

ג

מעשה שהיה באדם אחד בירושלים, שעשה סעודה. אמר לבן ביתו: „לך והבא לי קמצא רחמי". אזל ואייתי ליה בר קמצא שנאיה. עאל וישב בין האורחים. עאל, אשכחיה ביני אריסטייא. אמר לו: „את שנאי, ואת יתיב בגו ביתאי? קום, פוק לך מיגו ביתאי!" אמר לו: „אל תביישני, ואנא יהיב לך דמי דסעודתא". אמר לו: „לית את מסובה". אמר לו: „אל תביישני, ואנא יתיב ולית אנא אכיל ושתי". אמר לו: „לית את מסובה". אמר ליה: „אנא יהיב דמי כל הדין סעודתא". אמר ליה: „קום, לך!" והיה שם ר' זכריה בן אבקולס, והיתה ספק בידו למחות, ולא מיחה. מיד נפיק ליה, אמר בנפשיה: „אילין מסביין יתבין בשלוותהון; אנא איכול קרצהון". מה עבד? הלך אצל השלטון, אמר לו: „אילין קורבנייא דאת משלח ליהודאי למקרבינהו, אינון אכלין להון, ומקרבין אוחרנים בחילופייהו". נזף ביה. אזל לגביה תוב, אמר ליה: „כל אילין קורבניא דאת משלח ליהודאי למקרבינהו, אינון אכלין להון ומקרבין אוחרין בחילופייהו. ואם לא תאמין לי, שלח עמי חד איפרכו וקורבנייא, ואת ידע מיד, שאיני שקרן".

עד דאתייא באורחא, דמך איפרכו. קם הוא בליליא ועשאן כולן בעלי מומין בסתר. כיון שראה אותן הכהן, הקריב אוחרנין

---

ווען זיי זיינען געווען אין וועג, איז דער באַאַמטער איינגעשלאָפן. איז ער אויפגעשטאַנען ביינאַכט און האָט בגנבה זיי אַלע געמאַכט פאַר בעלי מומים [1]. אַז דער כוהן האָט זיי דערזען, האָט ער מקריב געווען אַנדערע אָנשטאָט זיי [2].

[2] כדי אויסצומיידן אַ טעות, ווי ס'ווערט ווייטער דערציילט אין סימן ג.

[1] וואָס מע טאָר ניט מקריב זיין. [2] לויט אַ גמרא אין גיטין, נו, א, זיינען די פע־לערן וואָס ער האָט געמאַכט אין די קרבנות געווען פון אַזאַ מין, וואָס לויטן יידישן דין איז עס יאָ געווען אַ מום און לויטן רוימישן שטייגער — ניט, און דעריבער האָט דער כוהן ניט דערציילט דעם באַאַמטן.

האָט דעם מלכס שליח געזאָגט: „פאַרוואָס ביסטו ניט מקריב דידאָזיקע קרבנות?" האָט ער אים געזאָגט: „מאָרגן". דער דריטער טאָג איז געקומען און ער האָט זיי אַלץ ניט מקריב געווען. האָט ער געשיקט זאָגן דעם מלך: „דאָס וואָס דער ייד האָט געזאָגט איז געווען אמת געזאָגט". איז ער גלייך אַרויף צום בית המקדש און האָט אים חרוב געמאַכט. דאָס איז וואָס מענטשן זאָגן: צווישן קמצא און בר קמצא איז דער בית המקדש חרוב געוואָרן. ר' יוסי האָט געזאָגט: די עניוות פון ר' זכריה בן אבקולוס האָט פאַרברענט דעם בית המקדש.

אַן אַנדער פשט: אין וואָס איז באַשטאַנען זייער טייערקייט? ביי קיינעם פון זיי איז ניט געבאָרן געוואָרן אַ קינד אַ פעליקס און אַ בעל מום.

ד

געשען איז אַ מעשה מיט ר' יהושע בן חנניה, אַז ווען ער איז געגאַנגען אין דעם גרויסן כרך רוים, האָט מען אים געזאָגט: „אַ [יידיש] יינגל ווערט געהאַלטן אין תפיסה־הויז אויף שאַנד"[1]. איז ער אַוועק אַהין און האָט געזען אַ יינגל מיט שיינע אויגן און שיינעם אויסזען און געלאָקטע האָר שטייט [פאַרקויפט צו ווערן] אויף שאַנד. האָט ער זיך געשטעלט אין טיר אים צו באַטראַכטן, און האָט געלייענט אויף אים דעמדאָזיקן פסוק (ישעיה מב, כד): מי נתן — ווער האָט געגעבן צו פלינדערונג יעקב און ישראל צו רויבער? האָט זיך דאָס יינגל אָפּגערופן נאָך אים און געזאָגט: הלא ה' — איז עס ניט גאָט, וואָס מיר האָבן געזינדיקט צו אים און מע האָט ניט געוואָלט גיין אין זיינע וועגן, און מע האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיין תורה? וויבאַלד ר' יהושע האָט עס געהערט, אַזוי האָט ער געלייענט אויף אים: (ב) די טייערע קינדער פון ציון, מיט גינגאָלד געשאַצט! און זיינע אויגן האָבן געגאָסן טרערן. און ער האָט געזאָגט: „איך שטעל הימל און ערד פאַר עדות, אַז איך בין זיכער מיט אים, אַז ער וועט נאָך פּסקענען שאלות ביי יידן, און איך שווער, אַז איך וועל זיך ניט רירן פון דאַנען, ביז איך וועל אים ניט אויסלייזן פאַר וויפיל געלט מע זאָל ניט באַשטימען פאַר אים!"[2] מע האָט דערציילט, אַז ער האָט זיך ניט גערירט פון דאָרטן, ביז ער האָט אים ניט אויסגעלייזט פאַר אַ סך געלט; און ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, ביז ער האָט געפּסקנט שאלות ביי יידן. און ווער איז ער? ר' ישמעאל בן אלישע.

אַן אַנדער פשט: אין וואָס איז באַשטאַנען זייער טייערקייט? וואָס קיינער פון זיי פלעגט ניט גיין צו קיין סעודה, ביז ער האָט ניט געוואוסט, מיט וועמען ער גייט צום טיש; און קיינער פלעגט זיך ניט חתמענען[3], ביז ער האָט ניט געוואוסט, מיט וועמען ער חתמעט זיך, כדי מקיים צו זיין וואָס דער פסוק זאָגט (שמות כג, א): אל תשת — גיב ניט דיין האַנט צו אַ רשע צו זיין אַן עדות אויף אומרעכט. אַן אַנדער פשט: אין וואָס איז באַשטאַנען זייער טייערקייט? וואָס קיינער פון זיי איז ניט געגאַנגען צו קיין סעודה, ביז ער האָט ניט איבערגעקערט דעם אַרבל פון זיין בגד: און צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן? כדי עמיצער אַנדערש זאָל [עס זען און] אים ניט

תחתיהון. אמר ההוא שליחא דמלכא: „למה לית את מקריב אילין קורבניא?״ אמר ליה: „למחר״. אתא יום תליתאה, ולא קרבהון. שלח ואמר למלכא: „ההוא מילתא דיהודאה קאמר, קושטא קאמר״. מיד סליק למקדשא והחריבו. הדא דבריאתא אמרין: בין קמצא ובין בן קמצא חרב מקדשא. אמר ר׳ יוסי: ענותנותו של ר׳ זכריה בן אבקולס שרפה את ההיכל.

ד״א: מה היתה יקרותן? לא היה אחד מהן מוליד חסר ובעל מום.

ד

מעשה בר׳ יהושע בן חנניה, שהלך לכרך גדול שברומי; אמרו לו: תינוק אחד יש בבית האסורין בקלון״. הלך שם, ראה תינוק אחד יפה עינים וטוב ראי וקווצותיו סדורות לו עומד בקלון. עמד על פתחו לבדקו, וקרא עליו הפסוק הזה (ישעיה מ״ב): מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים? ענה התינוק אחריו: הלא ה׳ זו חטאנו לו, ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו. כיון ששמע ר׳ יהושע, קרא עליו: (ב) בני ציון היקרים, המסולאים בפז! וזלגו עיניו דמעות. ואמר: מעיד אני שמים וארץ, שמובטח אני בזה, שמורה הוראה בישראל, והעבודה, שאיני זז מכאן, עד שאפדנו בכל ממון שיפסקו עליו״. אמרו: לא זז משם, עד שפדאו בממון הרבה; ולא היו ימים מועטים, עד שהורה הוראה בישראל. ומנו? ר׳ ישמעאל בן אלישע.

ד״א: מה היתה יקרותן? שלא היה אחד מהן הולך לסעודה, עד שהיה יודע עם מי סועד; ולא היה חותם, עד שהיה יודע, עם מי חותם, לקיים מה שנאמר (שמות כ״ג): אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס. ד״א: מה היתה יקרותן? שלא היה אחד מהן הולך לסעודה, אלא אם כן הופך יד אונקלי שלו. וכל כך למה? כדי שלא יטעננו אחר טענת חנם. ד״א: מה היתה יקרותן? שלא היה אחד מהן טוען טענת חנם. רשב״ג אומר: זה מנהג

---

דערלאַנגען קיין אומזיסטיקע פאַרבעטונג [4]. אַן אַנדער פשט: אין וואָס איז באַשטאַנען זייער טייערקייט? וואָס קיינער פון זיי פלעגט ניט דערלאַנגען

---

[1] אויף משכב זכור. [2] געוויינלעך איז געווען באַשטימט, ווי ווייט מע זאָל זיך לאָזן קאָסטן אויף פדיון שבויים, אָבער דאָ — מיט גינגאָלד געשאַצט (זע מהרז״ו). [3] ווי אַן עדות אויף אַ שטר. [4] מתנות כהונה. לויטן יפה ענף: אַן אורח פלעגט איבערקערן דעם בגד כדי צו באַפרייען זיך פון אַן אומזיסטיקן חשד (טענה) אין פאַל ווען

קיין אומזיסטיקע פאַרבעטונג[5]. רבן שמעון בן גמליאל זאָגט: דערדאָזיקער פיינער מנהג איז געווען אין ירושלים: [אַז מע פלעגט זיך זעצן עסן,] פלעגט מען אויסשפּרייטן אַ טוך איבער דער טיר; כל־זמן די טוך איז געווען פאַרשפּרייט, פלעגן אורחים אַריינקומען; איז די טוך אַוועקגענומען געוואָרן, האָבן אורחים קיין רשות ניט געהאַט אַריינצוגיין (מער ווי דריי שפּאַן[6]). אַן אַנדער פּשט: אין וואָס איז באַשטאַנען זייער טייערקייט? אַז זיי פלעגן איבערגעבן אַ קוכער צוצוגרייטן די סעודה, איז אויב עפּעס אין דער סעודה איז קאַליע געוואָרן, פלעגן זיי באַשטראָפן דעם קוכער לויט דער חשיבות פונעם בעל הבית און לויט דער חשיבות פון די געסט. אַן אַנדער פּשט: אין וואָס איז באַשטאַנען זייער טייערקייט? אַז איינער פון זיי פלעגט מאַכן אַ סעודה, פלעגט ער אָנצייכענען אַלע מיני מאכלים אויפן טישטוך; און צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן? צוליב די פאַרצערטלטע, אַז קיינער זאָל ניט עסן וואָס איז ניט גוט פאַר אים.

ר׳ חייא קרא[7] האָט אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן געזאָגט: פון דעם טאָג וואָס דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן איז ניטאָ מער קיין פאַרגליווערטער ווײַן און קיין ווייס גלאָז. און פאַרוואָס רופט מען עס ווייס גלאָז? ווייל עס פלעגט זיין ריין געשיילט[8].

## ה

געשען איז אַ מעשה מיט איינעם פון די גרויסע לייט פון ירושלים, וואָס האָט געזאָגט צו זיין יונג: „גיי און ברענג מיר וואַסער". און ער האָט געוואָרט אויף אים אויפן עק דאַך. איז ער געקומען און האָט אים געזאָגט: „איך האָב ניט געפונען קיין וואַסער"[1]. האָט ער געזאָגט צו אים: „וואַרף אַרונטער דיין קרוג דאָ פאַר מיר". האָט ער אַרונטערגעוואָרפן זיין קרוג פאַר אים. האָט ער[2] זיך אויך אַרונטערגעוואָרפן פונעם עק דאַך און איז געפאַלן און געשטאָרבן. און זיינע אברים האָבן זיך אויסגעמישט מיט די שערבלעך. און אויף אים זאָגט דער פּסוק: (ב) איכה — ווי ווערן זיי באַ־טראַכט ווי ערדענע קריג!

## ו

(ג) גם תנין — אפילו שאַקאַלן ציען אויס זייער ברוסט, זויגן אָן זייערע יונגע, דאָס זיינען די אָפּאַסן[1], וואָס עפּעס אַ מין מאַסקע איז פאַרשפּרייט אויף זייערע פּנימער ווען זיי גיבן זייערע קינדער זויגן, כדי זיי זאָלן ניט זען זייערע קינדער און זיך צעיושען און זיי אויפעסן.

עס האָט פּאַסירט אַ גנבה. [5] כדי ניט צו זיין אַ גונב דעת הבריות, דורך פאַרבעטן אַ מענטשן צו אַ סעודה, ווייסנדיק אַז יענער קען ניט קומען (מתנות כהונה). לויט אַנדערע מפרשים: זיי פלעגן ניט טענהן אַזאַ טענה, וואָס קען ניט באַוויזן ווערן. [6] אין בובערס אויסגאַבע זיינען די לעצטע ווערטער ניטאָ, און אַזוי איז אויך גורס דער מתנות כהונה, שטיצנדיק זיך אויף אַ גמרא אין בבא בתרא (צג, ב). [7] דער תנ״ך מלמד. [8] לויטן מתנות כהונה, וועלכער לייענט אין טעקסט מתקלפת, שיילט זיך. אַנדערע מפרשים נעמען אָן די גירסא מתקפלת, וויקלט זיך צונויף, אַזאַ פיין גלאָז וואָס פלעגט זיך לאָזן צונויפ־וויקלען מיט דער האַנט, און אנשטאט ולמה קורין אותה לבנה, לייענען זיי ולאיזה

גדול היה בירושלים: פורשין מטפחת על גבי הפתח; כל זמן שהמטפחת פרושה, אורחין נכנסין; נסתלקה המטפחת, אין רשות לאורחין להכנס (אלא שלש פסיעות). ד"א: מה היתה יקרותן? שהיו מוסרין הסעודה לטבח, — אם נתקלקל דבר בסעודה, היו עונשין את הטבח — הכל לפי כבודו של בעל הבית והכל לפי כבוד האורחין. ד"א: מה היתה יקרותן? בשעה שאחד מהן עושה סעודה, היה צר כל מיני סעודה במפה; וכל כך למה? מפני איסטניסיה, כדי שלא יהא אחד אוכל דבר שרע לו.

א"ר חייא קרא בשם ר' שמואל בר נחמן: מיום שחרב בית המקדש בטל יין קרוש וזכוכית לבנה. ולמה קורין אותה לבנה? שהיתה (מתקפלת) [מתקלפת].

ה

מעשה באחד מגדולי ירושלים דאמר לטליא: „זיל ואייתי לי מיא". והוה מצפי ליה על ריש איגרא. אתא אמר ליה: „לא אשכחת מיא". א"ל: „טרוף קולתיך קומיי". וטרף קולתיה קומוהי. וטרף הוא נפשיה מן רישא דאיגרא, ונפל ומת, ונתערבו אבריו עם החרסין. ועליו הוא אומר: (ב) איכה נחשבו לנבלי חרס!

ו

(ג) גם תנין חלצו שד, היניקו גוריהן, אילן ירודאתא, כמין מסוויין פריסין על אפיהון כד אינון מניקין בניהון, דלא יהוון חמיין בניהון, סמקון ואכלין להון.

ז

(ד) דבק לשון יונק. אמר רבי אבא בר כהנא: אמת המים, שהיתה באה מן החניות, עמדו המציקים החריבוה ושפכוה. והיה אדם מוליך את בנו לאמה ולא מצא מים, והיה מדבק לשונו לחכו בצמא.

---

ז

(ד) דבק — צוגעקלעפּט איז די צונג פון דעם זויגנדיקן. ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: דאָס טייכל, וואָס פלעגט אַרויסקומען פון לעבן די שפּייכלערס [1], האָבן גענומען די באַצווינגערס און עס חרוב געמאַכט און פאַרשאָטן. און אַז אַ מענטש פלעגט פירן זיין קינד צום טייכל און נישט

זכוכית — און וועלכן מין גלאָז רופט מען ווייס גלאָז? און דער ענטפער איז: דעם וואָס לאָזט זיך צונויפוויקלען (מהרז"ו; בובער).

[1] דאָס איז געשען אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים. [2] דער בעל הבית.

[1] אַ מין קאַנגארו, פון די בייטלדיקע חיות; לויט אַנדערע מפרשים מיינט ירודאתא

געפינען קיין וואַסער, פלעגט אים זיין צונג זיך צוקלעפּן צום גומען פון דאָרשט.

(ד) עוללים — פּיצלעך קינדער בעטן ברויט — — — ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה און די רבנן [טייטשן דעם פּסוק]. ר׳ יהודה האָט געזאָגט: אַז ס׳איז ניטאָ ווער סע זאָל זיי געבן [ברויט פון אבלות[2]], היינט ווער וועט זיי טרייסטן? ווי דער פּסוק זאָגט (ירמיה טז, ז): ולא יפרסו[3] — און מע וועט ניט ברעכן [קיין ברויט] פאַר זיי אין אבלות. ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: ס׳איז ניטאָ ווער סע זאָל זיי געבן אַ שטיקל[4] ברויט, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה נח, ז): הלא פרס — איז עס ניט צו ברעכן דיין ברויט פאַרן הונגעריקן? און די רבנן זאָגן: זיי האָבן ניט ווער עס זאָל זיי שטיין אין אַ שורה[5], ווי דער פּסוק זאָגט (ויקרא יא, ג): כל מפרסת — איטלעכע מיט צעשפּאָלטענע קלויען[6].

ח

(ה) האוכלים — די וואָס פלעגן עסן זעלטענע שפּייזן. ר׳ חנינא בר פּפּא האָט געזאָגט: ווייסן קוכן און אַלטן וויין. האמונים — די דערצויגענע אין קרימעזינרויט וואַלגערן זיך אין מיסט.

ט

(ו) ויגדל — דען דאָס פאַרברעכן פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק איז געווען גרעסער [פון דער זינד פון סדום]. ר׳ יהושע דער זון פון ר׳ נחמיה האָט אין נאָמען פון ר׳ אחאן געזאָגט: וועגן דעם שבט יהודה און בנימין איז געזאָגט געוואָרן אזוינס, וואָס איז ניט געזאָגט געוואָרן וועגן די סדומער. ביי די סדומער שטייט געשריבן (בראשית יח, כ): וחטאתם — און זייער זינד איז זייער שווער; אָבער ביים שבט יהודה און בנימין ווערט געזאָגט (יחזקאל ט, ט): ויאמר — און ער האָט געזאָגט צו מיר: דאָס פאַרברעכן פון ישראל און יהודה איז זייער זייער גרויס. ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: איך האָב אַן אַנדער [פּשט]: דען דאָס פאַרברעכן פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק איז געווען גרעסער פון דער זינד פון סדום, וואָס איז איבערגעקערט געוואָרן ווי אין אַ רגע, און קיין הענט האָבן זיך ניט געלייגט אויף איר, — יענע האָבן ניט אויסגעשטרעקט זייערע הענט צו מצוות[1], אָבער די האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט צו מצוות[2]. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: (י) ידי — די הענט פון דערבאַרימדיקע פרויען האָבן געקאָכט זייערע קינדער; און פאַרוואָס האָבן זיי עס געטאָן? ווייל [זייער לעצט שטיקל ברויט] איז געווען צו [אבלות] פאַר זיי[3].

י

(ז) זכו — לויטערער פון שניי זיינען געווען אירע האַרן, די וואָס פלעגן טרינקען שניי[1]; ווייסער פון מילך, — די וואָס פלעגן טרינקען מילך. אדמו — רויטלעכער דאָס לייב פון קאָרעלן, סאַפּירשטיין זייער געשטאַלט,— איז דען סאַפּירשטיין אַזאַ איידעלע זאַך? ר׳ פּינחס האָט געזאָגט: ס׳איז געשען אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס איז געגאַנגען פאַרקויפן אַ

(ד) עוללים שאלו לחם, וגו'. רבי יהודה ורבי נחמיה ורבנן. רבי יהודה אמר: אם אין מי שיתן להם, מי ינחמם? כמה דאת אמר (ירמיה ט"ז): ולא יפרסו להם על אבל. רבי נחמיה אמר: אין מי שיתן להם פרוסה של לחם, כמד"א (ישעיה נ"ח): הלוא פרוס לרעב לחמך. ורבנן אמרין: אין להם מי שהוא עומד בשורה, כד"א (ויקרא י"א): כל מפרסת פרסה.

ח

(ה) האוכלים למעדנים. ר' חנינא בר פפא אמר: גלוסקין וחמר עתיק. האמונים עלי תולע טריפון בקיקלא.

ט

(ו) ויגדל עון בת עמי. ר' יהושע בר' נחמיה בשם ר' אחא אמר: נאמר בשבט יהודה ובנימין, מה שלא נאמר בסדומיים. בסדומיים כתיב (בראשית י"ח): וחטאתם כי כבדה מאד; אבל בשבט יהודה ובנימין נאמר (יחזקאל ט): ויאמר אלי: עון בית ישראל ויהודה גדול במאד מאד. א"ר תנחומא: אית לי חורי: ויגדל עון בת עמי מחטאת סדום, ההפוכה כמו רגע, ולא חלו בה ידים, — אותן לא פשטו ידיהם במצות, ואלו פשטו ידיהם במצות. הדא הוא דכתיב: ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהן; וכל כך למה? בשביל שהיו לברות למו.

י

(ז) זכו נזיריה משלג, אלו שהיו שותין את השלג; צחו מחלב, אלו שהיו שותין את החלב. אדמו עצם מפנינים, ספיר גזרתם. ספיר זה דבר קל הוא? א"ר פנחס: מעשה באדם אחד, שהלך

---

דאָסזעלבע וואָס ערוד, אַ מין ווילדער אייזל.

[1] וואו מע פלעגט האַלטן פאַרשיידענע באַדערפענישן פון קרבנות. [2] די סעודת הבראה — סע פירט זיך, אַז דעם ערשטן מאָלצייט נאָך אַ לוויה נעמען זיך די אבלים ניט אַליין, נאָר די וואָס קומען מנחם אבל זיין דערלאַנגען זיי. די קינדער וועגן וועלכע ס'רעדט זיך דאָ זיינען ניט נאָר געווען הונגעריק, נאָר אויך פאַריתומט. [3] פרס איז דאָס זעלבע ווי פרש מיט אַ לינקער שין. [4] פרוסה. [5] לויטן מנהג, אַז ווען אַן אבל קערט זיך אום פון דער לוויה, גייט ער דורך צווישן צוויי שורות מענטשן, וואָס זאָגן אים טרייסט רייד. פרס — צעטיילן, אויסשטעלן זיך אין צוויי אָפּגעטיילטע שורות. [6] דער פסוק כל מפרסת ווערט דאָ געבראַכט צו טייטשן לויט אים דאָס וואָרט פרס.

[1] די סדומער האָבן קיין האַנט ניט געלייגט אויף מצוות צו טאָן. [2] אין בראשית רבה כח, ה, ווערט מיט דעם פאַרענטפערט די קשיא, פאַרוואָס פון ישראל און יהודה איז יאָ געבליבן אַ זכר, און פון סדום ניט. [3] לברות — אויף צו דערלאַנגען די סעודת הבראה (זע אויבן, סימן ז באַמ. 2) פלעגן זיי אָפּגעבן דאָס לעצטע (זע ווייטער, סימן יג), און דאָס איז געווען זייער מצווה און זייער זכות, אין קעגנזאַץ צו די סדומער.

[1] ווי אַ סגולה צו האַלטן קלאָר דאָס לייב, און אזוי אויך ווייטער מיט דער מילך.

סאַפירשטיין אין רוים. האָט אים דער קונה געזאָגט: „איך וועל עס נעמען אויף אויסצופּרואוון״. האָט ער עס אַרויפגעלייגט אויף דער קאָוואַדלע און האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אויף דעם מיטן האַמער. איז די קאָוואַדלע צעשפּאָלטן געוואָרן און דער האַמער איז פלאַך געוואָרן, אָבער דער סאַפירשטיין איז גאַנץ געבליבן. (אַן אַנדער נוסח: סאַפירשטיין זייער געשטאַלט, — ר׳ יודן האָט געזאָגט: איטלעכע גזרה[2] וואָס איז געקומען אויף ירושלים איז געווען האַרט ווי סאַפירשטיין; און טאָמער וועסטו זאָגן, ס׳איז ווייך, האָט ר׳ פּינחס געזאָגט — — —[3]).

יא

(ח) חשך — פינצטערער פון קויל איז זייער אויסזען געוואָרן. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: אָט ווי דער דיאָד; און ר׳ לוי האָט געזאָגט: אָט ווי די סאַזשע[1]. לא נכרו — זיי זיינען געוואָרן ניט צו דערקענען אין גאַס. ר׳ אליעזר דער זון פון ר׳ צדוק האָט געזאָגט: זאָל איך אזוי זען די נחמה, — כאָטש מיין פאָטער האָט געלעבט די אַלע יאָרן נאָכן חורבן, איז אים זיין קערפּער שוין קיינמאָל ניט צוריק געוואָרן ווי פריער[2]; און ס׳איז מקויים געוואָרן וואָס דער פּסוק זאָגט: (ח) צפד — איינגעשרומפּן איז זייער הויט אויף זייערע ביינער, טרוקן געוואָרן ווי האָלץ.

(אַן אַנדער נוסח: לא נכרו — זיי זיינען געוואָרן ניט צו דערקענען אין גאַס, — ר׳ אליעזר דער זון פון ר׳ צדוק האָט געזאָגט: ס׳איז געשען מיט איינעם אַן אָרימאַן, וואָס איז געקומען און האָט זיך געשטעלט אין דער טיר פון מיין פאָטערס הויז. האָט מיר דער פאָטער געזאָגט: „גיי אַרויס און זע, אפשר איז ער פון די מענטשן פון ירושלים״. בין איך גע־גאַנגען און געטראָפן אַ פרוי, וואָס אירע האָר זיינען איר אויסגעפאַלן, און מע האָט ניט געקענט וויסן, צי ס׳איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי, און זי האָט ניט געבעטן מער ווי אַ געטריקנטע פייג. און ס׳איז מקוים געוואָרן דער פּסוק: זיי זיינען געוואָרן ניט צו דערקענען אין גאַס; איינגעשרומפּן איז זייער הויט אויף זייערע ביינער).

יב

(ט) טובים — בעסער איז געווען די דערשלאָגענע פון שווערד [איידער די דערשלאָגענע פון הונגער], דאָס איז ביים ערשטן חורבן, וואָס מע פלעגט שטאַרבן פונעם ריח פון אַרטישאָק [וואָס זיי פלעגן מוזן עסן]. אָבער ביים צווייטן חורבן איז קיין אַרטישאָק אויך ניט געווען; וואָס פלעגן [די שונאים] זיי טאָן? זיי פלעגן ברענגען ציגעלעך און זיי בראָטן אין מערב זייט פון שטאָט[1], און דער ריח פלעגט יוירן אין זיי, און זיי פלעגן שטאַרבן. און ס׳איז מקויים געוואָרן דער פּסוק: שהם יזובו — דען זיי גייען אויס דורכ־גענומענע [פון דעם ריח] פון די פּרוכטן פון פעלד.

---

[2] וואָרטשפּיל אויף גזרתם. [3] אזוי איז דער נוסח אין בובערס אויסגאַבע.

[1] לויט יאַסטראָוו; לויטן יפה ענף קומט דאָס וואָרט נאָגא פונעם שורש נגה, שיינען, און עס ווערט גענוצט אין „סגי נהור״ שפּראַך, מיינענדיק דאָס פאַרקערטע. [2] ר׳ צדוק איז איינגעדאַרט געוואָרן פון די תעניתים וואָס ער האָט געפאַסט פערציק יאָר נאָכאַנאַנד,

למכור ספיר ברומי. אמר לו הלוקח: „על מנת לבודקו אקחנו״. נתנו על גבי הסדן והתחיל מקיש עליו בפטיש. נבקע הסדן ונחלק הפטיש, והספיר עמד במקומו. (ספרים אחרים: ספיר גזרתם — א״ר יודן: כל גזירה וגזירה שהיתה בירושלים היתה קשה כספיר; ואם תאמר, רך הוא, א״ר פנחס, וכו׳).

יא

(ח) חשך משחור תארם. ר׳ אבא בר כהנא אמר: כהדא חרתא; ור׳ לוי אמר: כהדא נאגא. לא נכרו בחוצות. א״ר אליעזר בר׳ צדוק: אראה בנחמה, אף על פי שהיה אבא כל אותן השנים אחר חורבן, לא חזר גופו עליו כמות שהיה; לקיים מה שנאמר: (ח) צפד עורם על עצמם, יבש היה כעץ.

(ספרים אחרים: לא נכרו בחוצות, — א״ר אליעזר בר׳ צדוק: מעשה בעני אחד, שבא ועמד על פתח בית אבא. אמר לי אבא: „צא וראה, שמא מבני ירושלים הוא״. הלכתי ומצאתי אותה אשה שנשל שערה, ולא היה אדם יודע אם זכר אם נקבה היא, ולא היתה תובעת אלא דבילה. לקיים מה שנאמר: לא נכרו בחוצות, צפד עורם על עצמם).

יב

(ט) טובים היו חללי חרב. בחורבן ראשון, שהיו מתים מריח עוכבניין. אבל בחורבן האחרון לא היה עוכבניין; מה היו עושין להם? היו מביאים גדיים וצולין אותן במערבה של עיר, והיה אותו הריח מפעפע בהם, והיו מתים. לקיים מה שנאמר: שהם יזובו מדוקרים מתנובות שדי.

יג

(י) ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהן. ר׳ הונא בשם ר׳ יוסי אמר: אמר הקב״ה: „לא הניחו אותי לפשוט ידי בעולמי״. כיצד? היתה לאחת מהן ככר אחת, והיה בה כדי שתאכלנה

---

יג

(י) ידי — די הענט פון דערבאַרימדיקע פרויען האָבן געקאָכט זייערע קינדער. ר׳ הונא האָט אין נאָמען פון ר׳ יוסין געזאָגט: הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט: „זיי האָבן מיך ניט געלאָזט פונאַנדערפירן מיינע הענט אין מיין וועלט״ [1]. ווי אזוי? איינע פון זיי האָט געהאַט איין לעבל ברויט, וואָס

---

אַז דער חורבן זאָל ניט קומען (זע אויבן פרשה א, לא).

[1] כדי דער ווינט זאָל אַריינברענגען דעם ריח אין שטאָט אַריין.

[1] דורכצופירן די פולע שטראָף.

**איז געגוג געווען אויף איין טאָג עסן פאַר איר און איר מאַן. אָבער אַז ס'איז געשטאָרבן איר שכנהס אַ קינד, האָט זי גענומען דאָס לעבל ברויט און זי מנחם אבל געווען מיט דעם. און דער פסוק האָט זיי עס פאַררעכנט, ווי זיי וואָלטן געקאָכט זייערע קינדער כדי מקיים צו זיין אַ מצווה. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** די הענט פון דערבאַרימדיקע פרויען האָבן געקאָכט זייערע קינדער; **און פאַרוואָס אַזוי?** ווייל **[זייער לעצט שטיקל ברויט]** איז געווען צו [אבלות] שפייז פאַר זיי.

יד

(יא) כלה — אויסגעלאָזט האָט גאָט זיין כעס, אויסגעגאָסן זיין ברענענדיקן צאָרן. **רבי האָט געזאָגט: פיר אויסגיסונגען זיינען פאַראַן צום גוטן און פיר צום שלעכטן. פיר אויסגיסונגען צום גוטן, ווי דער פסוק זאָגט** (זכריה יב, י): ושפכתי — און איך וועל אויסגיסן אויף דעם הויז פון דוד און אויף די איינוואוינער פון ירושלים אַ גייסט פון לייטזעליקייט און געבעט; **[דאָן אַ צווייטער פסוק]** (יואל ג, א): והיה — און עס וועט זיין נאָכדעם וועל איך אויסגיסן מיין גייסט אויף יעטוועדן לייב; **[און אַ דריטער פסוק** (דאָרט ווייטער)**]**: וגם — און אויך אויף די קנעכט און אויף די דינסטן וועל איך אין יענע טעג אויסגיסן מיין גייסט; **[און אַ פערטער פסוק]** (יחזקאל לט, כט): ולא אסתיר — און איך וועל מער ניט פאַרבאָרגן מיין פנים פון זיי, דען איך וועל האָבן אויסגעגאָסן מיין גייסט אויף דעם הויז פון ישראל, זאָגט גאָט דער האַר. **און פיר אויסגיסונגען צום שלעכטן, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה מב, כה): וישפך — און ער האָט אויסגעגאָסן אויף אים דעם ברען פון זיין צאָרן; **און אין יחזקאל** (ט, ח) **שטייט געשריבן:** בשפכך — מיט דיין אויסגיסן דיין צאָרן אויף ירושלים; **און סע שטייט געשריבן** (איכה ב, ד): שפך — ער האָט אויסגעגאָסן ווי אַ פייער זיין גרימצאָרן; **און דערדאָזיקער פסוק:** כלה — אויסגעלאָזט האָט גאָט זיין כעס, אויסגעגאָסן זיין ברענענדיקן צאָרן [1].

(יא) ויצת — און ער האָט אָנגעצונדן אַ פייער אין ציון. **עס שטייט געשריבן** (תהלים עט, א): מזמור — אַ געזאַנג פון אספן. גאָט, פעלקער זיינען געקומען אין דיין נחלה. **דער פסוק וואָלט ניט באַדאַרפט אַנדערש זאָגן, נייערט: אַ געוויין פון אספן, אַ יאָמער פון אספן, אַ קלאָג פון אספן; אָבער וואָס זאָגט ער?** אַ געזאַנג פון אספן! **נייערט ס'איז אַ משל מיט אַ מלך, וואָס האָט געמאַכט אַ חופה־שטוב פאַר זיין זון, און האָט זי אויסגעטינקעוועט און אויסגעשפּאַלירט און אויסגעמאָלט. אָבער זיין זון איז אַוועק אויפן שלעכטן וועג. איז דער מלך גלייך אַריין אין דער חופה־שטוב און האָט צעריסן די פאָרהאַנגען און צעבראָכן די שטאַנגען. האָט גענומען זיין דערציער אַ פייפל פון ראָר און געשפּילט. האָט מען געזאָגט צו אים: „דער מלך האָט איבערגעקערט זיין זונס חופה־שטוב און דו זיצסט און שפּילסט?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך שפּיל, ווייל ער האָט איבערגעקערט זיין זונס חופה־שטוב, און ניט אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף זיין זון". אַזוי האָט**

**היא ובעלה יום אחד. וכיון שמת בנה של שכינתה, היתה נוטלת אותה הככר ומנחמה אותה בה. והעלה עליהם הכתוב, כאלו בשלו ילדיהן למצוות. הה"ד:** ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהן. **וכל כך למה? בשביל שהיו** לברות למו.

יד

(יא) כלה ה' את חמתו, שפך חרון אפו. **אמר רבי: ארבע שפיכות לטובה וארבע שפיכות לרעה. ארבע שפיכות לטובה, שנא'** (זכריה י"ב): ושפכתי על בית דוד ועל יושבי ירושלים רוח חן ותחנונים; (יואל ג) והיה אחרי כן אשפוך את רוחי על כל בשר, **וגו'**; וגם על העבדים ועל השפחות בימים ההמה אשפוך את רוחי; (יחזקאל ל"ט) ולא אסתיר עוד פני מהם, אשר שפכתי את רוחי על בית ישראל, נאם אדני אלהים. **וארבע שפיכות לרעה, שנאמר** (ישעיה מ"ב): וישפך עליו חמה אפו; **וביחזקאל כתיב** (יחזקאל ט): בשפכך את חמתך על ירושלים; **וכתיב:** שפך כאש חמתו; **והדין:** כלה ה' את חמתו, שפך חרון אפו.

(יא) ויצת אש בציון. **כתיב** (תהלים ע"ט): מזמור לאסף. אלהים, באו גוים בנחלתך. **לא הוה קרא צריך למימר, אלא: בכי לאסף, נהי לאסף, קינה לאסף; ומה אומר?** מזמור לאסף! **אלא משל למלך שעשה בית חופה לבנו, וסיידה וכיירה וציירה. ויצא בנו לתרבות רעה. מיד עלה המלך לחופה, וקרע את הוילאות ושיבר את הקנים. ונטל פדגוג שלו איבוב של קנים, והיה מזמר. אמרו לו: „המלך הפך חופתו של בנו, ואת יושב ומזמר?" אמר להם: „מזמר אני, שהפך חופתו של בנו, ולא שפך חמתו על בנו". כך אמרו לאסף: „הקב"ה החריב היכל ומקדש, ואתה יושב ומזמר?" אמר להם: מזמר אני ששפך הקב"ה חמתו על העצים ועל האבנים, ולא שפך חמתו על ישראל". הדא הוא דכתיב:** ויצת אש בציון, ותאכל יסודותיה.

---

מען געזאָגט צו אספֿן: „הקדוש־ברוך־הוא האָט חרוב געמאַכט דעם טעמפּל און דאָס הייליקטום, און דו זיצסט און זינגסט!" האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך זינג, ווייל הקדוש־ברוך־הוא האָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף די העלצער און אויף די שטיינער, און האָט ניט אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף ישראל". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: ויצת — און ער האָט אָנגעצונדן אַ פייער אין ציון, און עס האָט אויפגעגעסן אירע גרונטפעסטן.

[1] איבערגעחזרט, מיט קליינע שינויים, פון פרשה ב, ח.

טו

(יב) לא האמינו — ניט געגלויבט האָבן די מלכים פון דער ערד און אַלע באַוואוינער פון דער וועלט, [אַז אַ צורר און אַ פיינט וועט קומען אין די טויערן פון ירושלים] [1]. פיר מלכים זיינען זיי געווען, און וואָס איינער האָט פאַרלאַנגט, האָט דער צווייטער ניט פאַרלאַנגט. און דאָ זיינען זיי: דוד און אסא, יהושפט און חזקיהו. דוד האָט געזאָגט (תהלים יח, לח): ארדוף — לאָמיך נאָכיאָגן מיינע פיינט און זיי דערגרייכן. האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו אים: „איך וועל אזוי טאָן". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (שמואל א, ל, יז): ויכם — און דוד האָט זיי געשלאָגן פון פאַרנאַכט און ביז אויף מאָרגן אין אָוונט. וואָס מיינט אויף מאָרגן? ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: צוויי נעכט מיט איין טאָג; און הקדוש־ברוך־הוא האָט אים באַלויכטן די נעכט מיט קאָמעטן און בליצן, ווי מיר האָבן דאָרטן געלערנט: איבער קאָמעטן און איבער ערדציטערנישן און איבער בליצן — — —; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (תהלים יח, כט): כי אתה — ווארום דו מאַכסט לייכטן מיין ליכט.

אסא האָט זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט: „איך האָב ניט קיין כוח זיי צו הרגענען, נייערט איך וועל זיי נאָכיאָגן, און דו וועסט עס טאָן". האָט ער געזאָגט צו אים: „איך וועל עס טאָן"; ווי דער פסוק זאָגט (דברי הימים, ב, יד, יב): וירדפם — און אסא האָט זיי נאָכגעיאָגט — — — ווארום זיי זיינען צעבראָכן געוואָרן פאַר גאָט און פאַר זיין מחנה; און זיי האָבן גענומען זייער פיל רויב, — עס שטייט דאָ ניט „פאַר אסאן", נייערט פאַר גאָט און פאַר זיין מחנה.

יהושפט האָט זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט: „איך האָב ניט קיין כוח ניט צו הרגענען און ניט נאָכצויאָגן; נייערט איך וועל זאָגן שירה, און דו וועסט עס טאָן". האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו אים: „איך וועל עס טאָן"; ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט כ, כב): ובעת — און בשעת זיי האָבן אָנגעהויבן אַ געזאַנג און אַ לויב [האָט גאָט געשטעלט לויערער — — —].

חזקיהו האָט זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט: „איך האָב ניט קיין כוח ניט צו הרגענען און ניט נאָכצויאָגן און ניט שירה צו זאָגן; נייערט איך וועל שלאָפן אויף מיין בעט, און דו וועסט עס טאָן". האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו אים: „איך וועל עס טאָן"; ווי דער פסוק זאָגט (מלכים ב, יט, לה): ויהי — און עס איז געווען אין יענער נאַכט, איז אַרויסגעגאַנגען אַ מלאך פון גאָט און האָט געשלאָגן אין דער מחנה פון אשור. וויפיל איז געבליבן פון זיי? רב האָט געזאָגט: צען, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה י, יט): ונער — און אַ יינגל וועט זיי קענען אויפשרייבן, ווארום אזוי איז דער שטייגער פון אַ יינגל צו שרייבן אַ יוד. ר' אליעזר זאָגט: זעקס, ווייל אזוי איז דער שטייגער פון אַ יינגל אויסצוקריצן אַ שטריך. ר' יהושע זאָגט: פינף, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יז, ו): שנים, שלשה — צוויי דריי קערלעך ביים שפיץ צווייג. ר' יהודה דער זון פון ר' סימון האָט געזאָגט: ניין; דאָס איז

## טו

(יב) לא האמינו מלכי ארץ וכל יושבי תבל. **ארבעה מלכים היו, מה שתבע זה לא תבע זה, ואלו הן: דוד ואסא, יהושפט וחזקיהו. דוד אמר** (תהלים י״ח): ארדוף אויבי ואשיגם, **וגו׳. א״ל הקב״ה: „אני עושה כן״. הה״ד** (שמואל א, ל): ויכם דוד מהנשף ועד הערב למחרתם. **מהו** למחרתם? **ר׳ יהושע בן לוי אמר: לשתי לילות ויום אחד; והיה הקב״ה מאיר לו בלילות בזיקין וברקים, כמה דתנינן תמן: על הזיקין ועל הזועות ועל הברקים — — —; הדא הוא דכתיב** (תהלים י״ח): כי אתה תאיר נרי, **וגו׳.**

**עמד אסא ואמר: „אין בי כח להרוג להם; אלא אני רודף אותם, ואתה עושה״. אמר לו: „אני עושה״; שנאמר** (ד״ה ב, י״ד): וירדפם אסא**וגו׳**, כי נשברו לפני ה׳ ולפני מחנהו, וישאו שלל הרבה מאד, — **„לפני אסא״ אין כתיב כאן, אלא** לפני ה׳ ולפני מחנהו.

**עמד יהושפט ואמר: „אני אין בי כח, לא להרוג ולא לרדוף, אלא אני אומר שירה, ואתה עושה״. אמר לו הקב״ה: „אני עושה״; שנאמר** (שם כ׳): ובעת החלו ברנה ותהלה, **וגו׳.**

**עמד חזקיהו ואמר: „אני אין בי כח, לא להרוג ולא לרדוף ולא לומר שירה; אלא אני ישן על מטתי, ואתה עושה״. אמר לו הקב״ה: „אני עושה״; שנאמר** (מלכים ב, י״ט): ויהי בלילה ההוא, ויצא מלאך ה׳ ויך במחנה אשור, **וגו׳. כמה נשתייר מהן? רב אמר: עשרה, שנאמר** (ישעיה י׳): ונער יכתבם, **שכן דרכו של נער להיות כותב יו״ד. ר׳ אליעזר אומר: ששה, שכן דרכו של נער להיות שורט שריטה. ר׳ יהושע אומר: חמשה, שנאמר** (שם י״ז): שנים שלשה גרגרים בראש אמיר. **ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: תשעה; הה״ד** (שם): ארבעה חמשה בסעיפיה פוריה. **ר׳ תנחום בר חנילאי אמר: ארבעה עשר; הה״ד** (שם): שנים שלשה גרגרים בראש אמיר, ארבעה חמשה בסעיפיה פוריה.

---

**ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט): ארבעה, חמשה — פיר פינף אויף די צווייגן פון דעם פרוכטיקן בוים. **ר׳ תנחום בר חנילאי האָט געזאָגט: פערצן; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** צוויי דריי קערלעך ביים שפּיץ צווייג, פיר פינף אויף די צווייגן פון דעם פרוכטיקן בוים.

---

[1] סימן טו איז, מיט קליינע שינויים, אַן איבערחזרונג פון פתיחתא ל; זע דאָרטן די באַמערקונגען.

סיי לויט די ווערטער פון די, סיי לויט די ווערטער פון יענע, — אַלע גיבן צו, אַז נבוכדנצר איז געווען איינער פון זיי. נייערט ווען הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט צו אים: „גיי אַרויף און מאַך חרוב דעם בית המקדש", האָט ער געזאָגט: „ער וויל ניט אַנדערש, נייערט מיך אַריינצווינגען; ער וועט טאָן מיט מיר ווי ער האָט געטאָן מיט מיין זיידן". וואָס האָט ער געטאָן? ער איז געקומען און האָט זיך באַזעצט אין דפני וואָס ביי אנטיוכיא, און האָט געשיקט נבוזראדן דעם האַר פון די לייבוועכטער חרוב צו מאַכן ירו־שלים. איז ער דאָרט געווען דריי און אַ האַלב יאָר; יעדן טאָג פלעגט ער אַרומרינגלען ירושלים, אָבער ער האָט זי ניט געקענט איינעמען. און ווי־באַלד ער האָט זי ניט געקענט איינעמען, אַזוי האָט ער געוואָלט זיך אומ־קערן. האָט אים הקדוש־ברוך־הוא אַריינגעגעבן אַ געדאַנק אין האַרצן, און ער האָט אָנגעהויבן מעסטן די מויער; און זי איז טעגלעך געזונקען דריט־האַלבן טפחים, ביז זי איז אינגאַנצן איינגעזונקען געוואָרן. און ווי זי איז אינגאַנצן איינגעזונקען געוואָרן, אַזוי זיינען די שונאים אַריין אין ירושלים. וועגן יענער שעה זאָגט עס דער פסוק: לא האמינו — ניט געגלויבט האָבן די מלכים פון דער ערד און אַלע באַוואוינער פון דער וועלט, אַז אַ צורר און אַ פיינט וועט קומען אין די טויערן פון ירושלים.

טז

(יג) מחטאת — איבער די חטאים פון אירע נביאים[1]. ר' יודן האָט גע־פרעגט ר' אחאן: וואו האָט מען געהרגעט זכריהן, אין דער עזרת ישראל, אָדער אין דער עזרת נשים? האָט ער אים געזאָגט: ניט אין דער עזרת ישראל און ניט אין דער עזרת נשים, נייערט אין דער עזרת כוהנים. און זיי האָבן זיך צומאָל ניט נוהג געווען מיט זיין בלוט ניט ווי מיטן בלוט פון אַ הירש און ניט ווי מיטן בלוט פון אַ הינד: דאָרטן שטייט געשריבן (ויקרא יז, יג): ואיש איש — און איטלעכער מאַן פון די קינדער פון ישר־ראל — — — וואָס וועט פאַנגען אַ געפאַנג פון אַ חיה אָדער אַ פויגל — — — [זאָל אויסגיסן זיין בלוט] און עס פאַרדעקן מיט ערד; אָבער דאָ שטייט גע־שריבן (יחזקאל כד, ז): כי דמה — דען איר בלוט איז געווען אין איר מיט, אויף אַ טרוקענעם פעלז האָט זי עס אַרויפגעטאָן; זי האָט עס ניט אויסגע־גאָסן אויף דער ערד, צו פאַרדעקן עס מיט שטויב. און פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי געשען? (דאָרט) להעלות — כדי אויפצובורענגען דעם גרימצאָרן, כדי צו נעמען נקמה, האָב איך אַרויפגעטאָן איר בלוט אויף אַ טרוקענעם פעלז, אַז עס זאָל ניט פאַרדעקט ווערן.

זיבן עבירות האָבן יידן עובר געווען יענעם טאָג: זיי האָבן געהרגעט אַ כוהן און אַ נביא און אַ דיין, און האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט, און האָבן געבראַכט צו חילול השם, און האָבן מטמא געווען די עזרה; און געווען איז עס שבת און יום כיפור.

און אַז נבוזראדן איז אָנגעקומען, האָט ער געזען דאָס בלוט פון זכריהן, ווי עס זידט. האָט ער געזאָגט צו זיי: „וואָס איז דאָס?" האָבן זיי אים

בין כדברי אלו בין כדברי אלו, הכל מודים שנבוכדנצר אחד מהם היה. אלא כיון שאמר לו הקב״ה: „עלה והחריב בית המקדש״, אמר: „לא בעי אלא מצמצמא יתי; מיעבד לי, כמה דעבד לסבי״. מה עשה? בא וישב בדפני של אנטוכיא, ושלח נבוזראדן רב טבחים להחריב את ירושלים. עשה שם שלש שנים ומחצה; בכל יום מקיף את ירושלים, ולא היה יכול לכבשה. וכיון שלא היה יכול לכבוש, בקש לחזור. נתן הקב״ה בלבו, התחיל ממדד בחומה; והיתה שוקעת בכל יום טפחיים ומחצה, עד ששקעה כלה. וכיון ששקעה כלה, נכנסו השונאים לירושלים. על אותה שעה הוא אומר: לא האמינו מלכי ארץ וכל יושבי תבל, כי יבא צר ואויב בשערי ירושלים.

טז

(יג) מחטאת נביאיה. ר׳ יודן שאל לר׳ אחא: היכן הרגו את זכריה, בעזרת ישראל או בעזרת נשים? א״ל: לא בעזרת ישראל ולא בעזרת נשים, אלא בעזרת כהנים. ולא נהגו בדמו, לא כדם צבי ולא כדם איל; תמן כתיב (ויקרא י״ז): ואיש איש מבית ישראל — — — אשר יצוד ציד חיה או עוף, וגו׳, וכסהו בעפר; ברם הכא כתיב (יחזקאל כ״ד): כי דמה בתוכה היה, על צחיח סלע שמתהו, לא שפכתהו על הארץ לכסות עליו עפר. וכל כך למה? להעלות חמה, לנקום נקם נתתי את דמה על צחיח סלע לבלתי הכסות.

שבע עבירות עברו ישראל באותו היום: הרגו כהן ונביא ודיין, ושפכו דם נקי, וחללו את השם, וטמאו את העזרה; ושבת ויום הכיפורים היה.

וכיון שעלה נבוזראדן, חזייה לדמיה דזכריה דהוה קא רתיח. אמר להון: „מאי האי?״ אמרו ליה: „דם פרים וכבשים״. אייתי פרים וכבשים, ולא אידום; אייתי כל מיני דמים, ולא אידום. אמר להון: „אי אמריתו לי, מוטב; ואי לא, אנא מסריקנא

---

געזאָגט: „בלוט פון אָקסן און שעפּסן״. האָט ער געלאָזט ברענגען [בלוט פון] אָקסן און שעפּסן, אָבער ס׳איז ניט געווען דאָסזעלבע; האָט ער געלאָזט ברענגען אַלע מינים בלוט, אָבער ס׳איז ניט געווען דאָסזעלבע; האָט ער געזאָגט צו זיי: „וועט איר מיר אויסזאָגן, איז גוט; און אויב ניט, וועל איך קאמען אייערע לייבער מיט אייזערנע קאַמען״. [צוערשט] האָבן זיי

[1] זע פּתיחתא ה און כג און פּרשה ב סימן ד, און די באַמערקונגען.

אים ניט אויסגעזאָגט; אָבער אַצינד, אַז ער האָט זיי אזוי געזאָגט, האָבן זיי געזאָגט צו אים: „וואָס קאָנען מיר באַהאַלטן פון דיר? אַ נביא אַ כוהן האָבן מיר געהאַט, און ער פלעגט אונדז שטראָפן פונעם אייבערשטנס נאָמענס וועגן, [אזוי צו זאָגן]: „נעמט אויף [גאָטס וואָרט]!" אָבער מיר האָבן עס ניט אויפגענומען פון אים, נייערט מיר זיינען אויפגעשטאַנען אויף אים און אים געהרגעט". האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך וועל אים באַרואיקן!" האָט ער געלאָזט ברענגען די גרויסע סנהדרין און אויסגעשאָכטן איבער אים, אָבער ער האָט זיך ניט באַרואיקט. האָט ער געלאָזט אויסשעכטן די קליינע סנהדרין איבער אים, אָבער ער האָט זיך ניט באַרואיקט. האָט ער געלאָזט ברענגען די בליטן פון דער כהונה און זיי אויסגעשאָכטן איבער אים, אָבער ער האָט זיך ניט באַרואיקט. האָט ער אויסגעשאָכטן איבער אים קינדער פונעם רבינס הויז, אָבער ער האָט זיך ניט באַרואיקט. האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער אים און געזאָגט צו אים: „זכריה! די בעסטע פון דיין פאָלק האָב איך אומגעבראַכט; ווילסטו, זיי זאָלן אַלע אומקומען?" תיכף האָט ער זיך באַרואיקט. איז דעם רשע נבוזראדן אויפגעקומען אַ געדאַנק פון תשובה, און ער האָט געזאָגט: „מה־דאָך אַז איינער ברענגט אום איין נפש פון ישראל שטייט וועגן אים אזוי געשריבן (בראשית ט, ו): שופך — דער וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פונעם מענטשן, זאָל זיין בלוט דורך אַ מענטשן פאַרגאָסן ווערן, — איך, וואָס איך האָב אומגעבראַכט אַ סך נפשות, אוודאי און אוודאי!" תיכף איז הקדוש־ברוך־הוא פול געוואָרן מיט רחמנות, און ער האָט אַ וואונק געטאָן צום בלוט, און ס'איז אויפן אָרט איינגעזאַפּט געוואָרן. וועגן יענער שעה זאָגט עס דער פסוק: מחטאת — איבער די חטאים פון אירע נביאים, די זינד פון אירע כוהנים, וואָס האָבן בלוט פון רעכטפאַרטיקע פאַרגאָסן אין איר[2].

יז

(יד) נעו — זיי האָבן אומגעוואַנדלט בלינדע אין די גאַסן. די בלינדע צווישן זיי האָבן געזאָגט: „ווער וועט אונדז ווייזן דאָס אָרט וואו מע האָט געהרגעט זכריהן, אַז מיר זאָלן גיין און עס אַרומנעמען און עס אויסקושן". און עס איז מקוים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט: נעו — זיי האָבן אומגעוואַנדלט בלינדע אין די גאַסן, זיי זיינען איינגעריכט געוואָרן אין בלוט. וואָס פלעגן די לאָמע צווישן זיי זאָגן? „ווער וועט אונדז ווייזן דאָס בלוט פון זכריהן, אַז מיר זאָלן גיין און זיך וואַלגערן אין דעם!" און עס איז מקוים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט: בלא יוכלו — אַז מע זאָל ניט קענען זיך אָנרירן אָן זייערע קליידער.

יח

(טו) „סורו — טרעט אָפּ! טמא!" האָט מען גערופן צו זיי. ר' חנינא האָט געטייטשט דעם פסוק אויף די טעכטער פון ציון; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה ג, טז): ויאמר ה' — און גאָט האָט געזאָגט: ווייל

[2] ד"ה: פון וועגן דעם חטא וואָס ישראל איז באַגאַנגען, פאַרגיסנדיק דאָס אומשולדיקע בלוט פון אַ נביא אַ כוהן.

לבישרא דהנך אינשי במסריקין דפרזלא״. ולא אמרו ליה; והשתא דאמר להו (לית) הכי, אמרו ליה: „מה נכסי מינך? נבייא כהנא הוה לן, והוה מוכיח לן לשום שמיא: „קבילו!״ ולא קבילנא מיניה, אלא קאימנא עילויה וקטלינן ליה״. אמר להון: „אנא פייסנא ליה״. אייתי סנהדרי גדולה, שחט עילויה, ולא נח. שחט סנהדרי קטנה עילויה, ולא נח. אייתי פירחי כהונה, שחט עלויה, ולא נח. שחט תינוקות של בית רבן עילויה, ולא נח. גחין עילויה, א״ל: „זכריה! טובים שבעמך איבדתי; רצונך, שיאבדו כולם?״ לאלתר נח. והרהר נבוזראדן הרשע תשובה ואמר: „ומה מי שמאבד נפש אחת מישראל, כך כתיב בו (בראשית ט): שופך דם האדם, באדם דמו ישפך; אותו האיש, שאיבד נפשות הרבה, על אחת כמה וכמה!״ מיד נתמלא הקב״ה רחמים ורמז לדם, ונבלע במקומו. על אותה שעה הוא אומר: מחטאת נביאיה, עונות כהניה, השופכים בקרבה דם צדיקים.

יז

(יד) נעו עורים בחוצות. סומין שבהם אמרו: „מי יראה לנו אותו מקום שהרגו את זכריה, שנלך ונחבקנו ונשקנו״. לקיים מה שנאמר: נעו עורים בחוצות, נגואלו בדם. חגרין שבהם, מה היו אומרין? „מי יראה לנו את הדם של זכריה, שנלך ונפרכס בה״. לקיים מה שנאמר: בלא יוכלו יגעו בלבושיהם.

יח

(טו) „סורו! טמא!״ קראו למו. ר׳ חנינא פתר קרא בבנות ציון; הדא הוא דכתיב (ישעיה ג): ויאמר ה׳: יען כי גבהו בנות ציון ותלכנה נטויות גרון, וגו׳. — הויין שייפן ברומיהון ומהלכן בגסות הרוח. ותלכנה נטויות גרון, — כשהיתה אחת מהן לובשת את תכשיטיה, היתה מטה מכאן ולכאן את גרונה, בשביל להראות את תכשיטיה. ומסקרות עינים, — ר׳ אסי דקיסרין אמר: שהיו משקרות את עיניהם בסיקרא; ור׳ שמעון בן לקיש

---

די טעכטער פון ציון זיינען האָפערדיק, און גייען אַרום מיט אַ פאַרריסענעם האַלדז, — זיי פלעגן זיך אויסציען אין זייער פולער הייך און אומגיין מיט פאַרריסנקייט. און גייען אום מיט אַ פאַרריסענעם האַלדז, — אַז איינע פון זיי פלעגט אָנטאָן איר צירונג, פלעגט זי דרייען דעם האַלדז אַהער און אַהין, כדי צו ווייזן איר צירונג. און ווינקען מיט די אויגן, — ר׳ אסי פון קיסריה האָט געזאָגט: זיי פלעגן פאַרבן זייערע אויגן מיט רויטער פאַרב[1]; און ר׳

שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: מיט רויטן אויגן זאַלב. שוועבנדיק גייען זיי אום, — אַז איינע פון זיי איז געווען הויך געוויקסיק, פלעגט זי מיטברענגען צוויי קליין געוויקסיקע, איינע פון איין זייט, די צווייטע פון דער אַנדער זייט, כדי זי זאָל אויסזען ווי שוועבנדיק איבער זיי. און אַז איינע פון זיי איז געווען קליין געוויקסיק, פלעגט זי אָנטאָן הויכע שיך, כדי זי זאָל אויס־זען הויך. וברגליהם תעכסנה, — ר׳ יוסי האָט געזאָגט: זי פלעגט אויסמאָלן דאָס געשטאַלט פון אַ דראַקאָן [2] אויף אירע שיך; און די רבנן זאָגן: זי פלעגט ברענגען אַ וואָליע פון אַ האָן, עס אָנפילן מיט שמעקנדיקן באַלזאַם און עס אַריינטאָן צווישן איר פּיאַטע און דעם שוך; און אַז זי פלעגט זען אַ חברה בחורים, פלעגט זי געבן אַ דריק אויף דעם, פלעגט דער ריח אַריינדרינגען אין זיי ווי דער גיפט פון אַ שלאַנג.

און אַז ירמיה פלעגט זאָגן צו זיי: „טוט תשובה, כל זמן די פיינט זיינען נאָך ניט געקומען״, פלעגן זיי אים זאָגן: „אַז די פיינט וועלן קומען אויף אונדז, וואָס קענען זיי אונדז טאָן?״ דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט ה, יט): האומרים — די וואָס זאָגן: זאָל ער איילן וואָס גיכער זיין טואונג, כדי מיר זאָלן זען; און זאָל גענענען און קומען די עצה פון דעם הייליקן פון ישראל, און לאָמיר וויסן. „אַז אַ דוכס וועט מיך זען, וועט ער מיך נעמען און מיך אַריינזעצן מיט אים אין קאַרעטע, — האָט זי געזאָגט צו ירמיה — וועלן מיר וויסן, וועמעס [וואָרט] וועט מקוים ווערן, אונדזערס אָדער זיינס״. און אַז די זינד האָבן גורם געווען און זייערע שונאים זיינען געקומען, פלעגן זיי זיך אויספּוצן און אַרויסגיין פאַר זיי ווי די שאַנדפרויען. האָט אַ דוכס געזען איינע און האָט זי גענומען; האָט אַ קאַפּיטאַן געזען איינע און האָט זי גענומען; האָט אַ קאָמאַנדיר געזען איינע און האָט זי גענומען און זי אַריינגעזעצט אין זיין קאַרעטע. האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט: „וועט מיינס ניט מקויים ווערן, און זייערס וועט יאָ מקויים ווערן?״ וואָס האָט ער געטאָן? (דאָרט ג, יז): ושפח ה׳ — און גאָט האָט קרעציק געמאַכט דעם קאָפּ פון די טעכטער פון ציון. ר׳ אלעזר און ר׳ יוסי בר חנינא [טייטשן דעם פּסוק]. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: ער האָט זיי געשלאָגן מיט קרעץ; דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (ויקרא יד, נו): ולשאת — און פאַר אַ גע־שווילעכץ, און פאַר אַ קרעץ [3], און פאַר אַ פלעק. ר׳ יוסי בר חנינא האָט געזאָגט: ער האָט אָנגעבראַכט אויף זייערע קעפּ משפּחות און משפּחות [4] פון לייז. און ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: ער האָט זיי געמאַכט פאַר דינסטן [5] פאַריאָכטע (מכודניות). (וואָס מיינט מכודניות? דינסטן פאַר־שקלאַפּטע [6]).

ר׳ ברכיה און חלפי בר זביד [האָבן געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ איסי: וואָס מיינט ושפח? ער האָט געלאָזט פלייצן [7] [זייער בלוט], כדי אָפּצוהיטן דעם הייליקן זאָמען, אַז ער זאָל זיך ניט אויסמישן מיט די פעלקער פון אַנדערע לענדער. הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט: „איך ווייס, אַז געצנ־דינער שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קרעץ״ [8], וואָס האָט ער געטאָן? (דאָרט)

אמר: בקלורית אדומה. הלוך וטפוף תלכנה, — כשהיתה אחת מהן ארוכה, היתה מביאה שתי קצרות, אחת מכאן ואחת מכאן, כדי שתראה טפה על גביהן. וכשהיתה אחת מהן קצרה, היתה לובשת קרקוסין עבים, כדי שתראה ארוכה. וברגליהם תעכסנה, — ר' יוסי אומר: שהיתה צרה צורת דרקין על מנעליה; ורבנן אמרין: שהיתה מביאה זפק של תרנגול וממלאה אותו אפרסמון ונותנת אותו בין עקיבה למנעלה; וכשהיתה רואה כת של בחורים, היתה דופקת עליו, והיה אותו הריח מפעפע בהן כארס הזה של עכנא.

והיה ירמיה אומר להם: „עשו תשובה, עד שלא יבאו אויבים"; אמרו לו: „אם יבאו אויבים עלינו, מה הן יכולין לעשות לנו?" הה"ד (שם ה'): האומרים: ימהר יחישה מעשהו, למען נראה, ותקרב ותבואה עצת קדוש ישראל, ונדעה. „דוכסא רואה אותי ונוטלני, ומושיבני עמו בקרונין — אמרה לירמיה — נדע, דמאן יהא קיימת, או דילן או דיליה". וכיון שגרמו עונות ובאו שונאיהן, היו מתקשטות ויוצאות לפניהם כזונות. דוכסא רואה אותה ונוטל אותה; אפרכוס רואה אותה ונוטל אותה; איסטרטוליס רואה אותה ונוטל אותה, ומושיבה עמו בקירונין. אמר הקב"ה: „ולא קימא דידי וקימא דילהון?" מה עשה (שם ג') ושפח ה' קדקד בנות ציון. ר' אלעזר ור' יוסי בר' חנינא. ר' אלעזר אמר: הלקה אותן בצרעת; הא מה דאת אמר (ויקרא י"ד): ולשאת ולספחת ולבהרת. ר' יוסי בר חנינא אמר: העלה על ראשיהם משפחות משפחות של כנים. ור' חייא בר אבא אמר: עשאן שפחות מכודניות. (מהו מכודניות? אמהן משעבדן).

ר' ברכיה וחלפי בר זביד בשם ר' איסי: מהו ושפח? ושפע, כדי לשמור זרע קדש שלא יתערב בעמי הארצות. אמר הקב"ה: „יודע אני, שאין עובדי כוכבים בדילין מן הצרעת". מה עשה? (שם) וה' פתהן יערה, — רמז הקב"ה למעיינם, והיה מוציא דם, עד שממלא כל הקרונין; והיה אותו השלטון נועצה ברומח

וה' — און גאָט האָט זייער שאַנד אויפגעדעקט, — הקדוש־ברוך־הוא האָט אַ וואונק געטאָן צו זייער קוואַל, און עס האָט געפלאָסן מיט בלוט, ביז עס האָט אָנגעפילט אַלע קאַרעטן; האָט דער האַר זי אָנגעשטאָכן אויף זיין שפיז

[1] סיקרא, וואָרטשפּיל אויף משקרות (ווינקען). [2] געטייטשט תעכסנה לויטן וואָרט עכס. [3] ספחת — ושפח. [4] וואָרטשפּיל אויף ושפח. [5] שפחות — ושפח. [6] דער

און זי געוואָרפֿן פֿאַר דער קאַרעטע, און די קאַרעטע איז אַריבער איבער זיי און האָט זיי צעשניטן. דאָס איז וואָס ירמיה האָט געזאָגט: סורו — טרעט אָפּ! טמא!" האָט מען גערופֿן צו זיי; „טרעט אָפּ! טרעט אָפּ! רירט זיך ניט אָן!" ר' אבא האָט געזאָגט: דאָס איז גריכיש לשון: סיראָן! סיראָן! — קערט אויס! קערט אויס! [9]

(טו) ווייל זיי האָבן געקריגט [10], האָבן זיי געוואָגלט. ר' חנינא האָט געזאָגט: ישראל איז אין גלות ניט געגאַנגען, ביז זיי האָבן ניט דערצערנט [11] הקדוש-ברוך-הוא. און ר' סימון האָט געזאָגט: ישראל איז אין גלות ניט געגאַנגען, ביז זיי זיינען ניט אַריין אין אַ קריגעריי [12] מיט הקדוש-ברוך-הוא.

יט

(טז) פני ה' — דאָס צאָרנדיקע פנים פֿון גאָט האָט זיי פֿאַנאַנדערגעטיילט, — ער האָט זיי צעטיילט אין גרופּעס פֿון הונדערט און אין גרופּעס פֿון צוויי הונדערט; ווארום דאָרטן [1] רופֿט מען אַ שטאָט מאתן [2].

כ

(יז) עודינו — נאָך גייען אונדזערע אויגן אויס. וואָס פֿלעגן די עשרת השבטים טאָן? זיי פֿלעגן שיקן אייל קיין מצרים, און פֿון דאָרטן פֿלעגן זיי ברענגען תבואה און שיקן קיין בבל [1], כדי אַז ווען די שונאים וועלן קומען, זאָלן זיי האָבן וועמען צו העלפֿן; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (הושע יב, ב): ובריתו — און אַ בונד שליסן זיי מיט אשור, און אייל ווערט געפֿירט קיין מצרים. איין מאָל זיינען געקומען שונאים; האָבן זיי געשיקט צו פרעה נכה [נאָך הילף] און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפֿן ים הגדול [זיי צו העלפֿן]. האָט הקדוש-ברוך-הוא אַ וואונק געטאָן צו זייערע סקעלעטן [2], און זיי זיינען אַרויסגעשוואומען איבערן וואַסער. האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: „וואָס זיינען עס פֿאַר אַ סקעלעטן?" האָט ער זיי געזאָגט: „די עלטערן פֿון דידאָזיקע זיינען געוועזן [פֿאַרשקלאַפֿט] אונטער אייערע עלטערן; האָבן זיי זיך אויפֿגעהויבן און זיי דערטרונקען אין וואַסער". האָבן זיי געזאָגט: „אַזוי האָבן זיי געטאָן צו אונדזערע עלטערן, און מיר גייען זיי העלפֿן!" גלייך האָבן זיי זיך אומגעקערט. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה לז, ז): הנה — אָט, דאָס חיל פֿון פרעהן, וואָס איז

---

דאָזיקער זאַץ איז, ווייזט אויס, אַריינגעשטעלט געוואָרן פֿון אַ שפּעטערדיקן איבערשרייבער. [7] ושפע — ושפח. [8] ווען עס קומט צו זנות. [9] סורו — סיראָן: ראַמט אָפּ דאָס בלוט פֿון די קאַרעטן. [10] לויטן תרגום וואָס פּאַסט זיך גוט צום ווייטערדיקן דרש. [11] ניאצו — נצו. [12] מצות — נצו.

[1] אין בבל [2] מאתן מיינט שטעט און אויך צוויי הונדערט, מיינט עס, אַז נאָכן חורבן זיינען די שטעט געוועזן באַזעצט מיט ניט מער ווי הונדערט אָדער צוויי הונדערט איינוואוינער.

[1] געמיינט אשור, ווי ווייטער אין געבראַכטן פּסוק (זע ווייטער, ה, ו). [2] פֿון די מצרים וואָס זיינען דערטרונקען געוואָרן אין ים-סוף. דער רד"ל טייטשט (לויט רש"י): וואַסער בלאָזן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי סקעלעטן (ווייל זיי זיינען דאָך ניט דערטרונקען געוואָרן אין ים הגדול). דער נוסח אין בובערס אויסגאַבע איז: רמז לנאדות אבותיהם — ער האָט אַ וואונק געטאָן צו די לאָגלען פֿון זייערע עלטערן — — — .

ונותנה לפני קרונין, והיתה קרונין עוברת עליהן ומפסקתן. הוא שירמיה אומר: „סורו! טמא!" קראו למו; „סורו! סורו! אל תגעו!" ר' אבא אמר: לשון יוני הוא: סירון! סירון!

(טו) כי נצו גם נעו. ר' חנינא אמר: לא גלו ישראל, עד שניאצו להקדוש ברוך הוא. ור' סימון אמר: לא גלו ישראל, עד שנעשו בעלי מצות להקב"ה.

יט

(טז) פני ה' חלקם. — החליקן מן מאה מאה, מן מאתים מאתים, דתמן צווחין (למאתן) [למאתא] מאתן.

כ

(יז) עודינו תכלינה עינינו. מה היו עושין עשרת השבטים? היו משלחין שמן למצרים, ומביאין תבואה ומשלחין לבבל, שאם יבואו שונאים, יהיה להם כדי לסייען. הה"ד (הושע י"ב): וברית עם אשור יכרותו, ושמן למצרים יובל. פעם אחת באו שונאין, ושלחו אצל פרעה נכה, (כשהוא) [והוא] מפרש בים הגדול. רמז הקב"ה לשלדותיהן, והיו שטין על פני המים. אמרו אלו לאלו: „מה טיבן של שלדות הללו?" אמר להם: „אבותיהם של אלו תחת אבותיכם עמדו, ועמדו והטביעו אותם במים". אמרו: „וכך עשו לאבותינו, ואנחנו הולכים ומסייעין להם!" מיד חזרו. הה"ד (ירמיה ל"ז): הנה חיל פרעה היוצא לכם לעזרה שב לארצו, מצרים. לכך נאמר: בצפיתנו צפינו אל גוי לא יושיע.

כא

(יח) צדו צעדינו מלכת ברחובותינו. חמשים ושתים שנה עשתה ביתר אחר חורבן הבית. ולמה נחרבה? על שהדליקו נרות לחורבן בית המקדש. ולמה הדליקו? אמרו: הבוליוטין

---

אַרויסגעגאַנגען אייך צו הילף, האָט זיך אומגעקערט צו זיין לאַנד, צו מצרים. דערום ווערט אין פסוק געזאָגט: בצפיתנו — אין אונדזער אויסקוקן האָבן מיר אויסגעקוקט אויף אַ פאָלק וואָס וועט ניט העלפן.

כא

(יח) צדו — מע יאָגט אונדז די טריט, אַז מיר קענען ניט גיין אויף אונדזערע גאַסן [1]. צוויי און פופציק יאָר האָט זיך ביתר געהאַלטן נאָכן חורבן פון בית המקדש. און פאַרוואָס איז זי חרוב געוואָרן? ווייל זיי האָבן גע־צונדן ליכט [אויס פרייד] איבערן חורבן פון בית המקדש. און פאַרוואָס האָבן זיי ליכט געצונדן? מע דערציילט: די ראַטגעבער פון ירושלים

[1] איבערגעחזרט פון פרשה ב, ד (זע דאָרט די באַמערקונגען).

פלעגן זיצן אין מיטן שטאָט, און אַז איינער פון זיי פלעגט עולה זיין תפילה צו טאָן, פלעגן זיי אים זאָגן: „ווילסטו ווערן אַ ראַטגעבער?״ פלעגט ער זאָגן: „ניין״. „ווילסטו ווערן אַן עלטסטער?״ פלעגט ער זיי זאָגן: „ניין״. האָט אים איינער פון זיי געזאָגט: „אַזוי ווי איך האָב געהערט, אַז דו האָסט אַ נחלה, איז ווילסטו עס מיר פאַרקויפן?״ האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב עס ניט בדעה״. פלעגט דער [ירושלימער] אָנשרייבן און שיקן אַ [פאַלשן] שטר מכירה צו יענעם הויז אויפזועער [מיט די ווערטער]: „אויב דער־און־דער מענטש וועט קומען, זאָלסטו אים ניט אַרויפלאָזן אויף דער נחלה, ווייל ער האָט עס מיר פאַרקויפט״. פלעגט יענער מענטש זאָגן: „הלוואי וואָלט זיך מיר אַ פוס אויסגעבראָכן, און איך וואָלט ניט אַרויף אין יענעם ווינקל!״ דאָס איז ווי סע שטייט געשריבן: צדו — מע יאָגט אונדז די טריט, — חרוב זאָל ווערן דער וועג, אַז מע זאָל מער ניט גיין אויף יענע גאַסן; קרב — גענענט האָט אונדזער סוף, — דער סוף פון דעמדאָזיקן הויז; מלאו — פול געוואָרן זיינען אונדזערע טעג, — דער טאָג פון דעמדאָזיקן הויז. — אויך זיי האָבן לאַנג קיין גוטס ניט געזען, ווי עס שטייט געשריבן (משלי יז, ה): שמח — דער וואָס פרייט זיך אויף אַן אומגליק וועט ניט ריין בלייבן.

## כב

(יט) קלים — פלינקער זיינען געווען אונדזערע נאָכיאָגערס פון די אָד־לערס פון הימל[1]. דאָס ווייב פון טרכינוס, זאָלן אים די ביינער צעריבן ווערן, האָט געבוירן אַ קינד אין דער נאַכט פון תשעה באב, און אַלע יידן זיינען געווען אין טרויער. אום חנוכה איז דאָס קינד אַנטשטילט געוואָרן. האָבן יידן געזאָגט: „זאָלן מיר צינדן [חנוכה ליכט], צי זאָלן מיר ניט צינדן?״ לסוף האָבן זיי געזאָגט: „מיר וועלן צינדן, און זאָל אויף אונדז קומען וואָס עס וועט קומען״. האָבן זיי געצונדן. איז מען אַוועק און מע האָט אָנגערעדט לשון הרע פאַר טרכינוסעס ווייב: „דידאָזיקע יידן, ווען דו האָסט געבוירן, האָבן זיי געטרויערט, און אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן, האָבן זיי ליכט געצונדן״. האָט זי געשיקט און געשריבן צו איר מאַן: „אַייַ־דער דו באַצווינגסט די באַרבאַרן, קום און באַצווינג דידאָזיקע יידן, ווייל זיי האָבן ווידערשפּעניקט אין דיר״. איז ער אַרויף אויף אַ שיף און האָט גערעכנט צו קומען אין צען טעג; אָבער דער ווינט האָט אים געבראַכט אין פינף טעג. איז ער געקומען און האָט זיי געפונען לערנענדיק דעמדאָזיקן פסוק (דברים כח, מט): ישא ה׳ — גאָט וועט אָנטראָגן אויף דיר אַ פאָלק פון דערווייטן, פון עק ערד, אַזוי ווי אַן אָדלער קומט צו שוועבן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך בין עס דער אָדלער, ווייל אויסגערעכנט האָב איך צו קומען אין צען טעג, אָבער דער ווינט האָט מיך געבראַכט אין פינף טעג״. ער האָט זיי אַרומגערינגלט מיט זיינע לעגיאָנען און זיי אויסגעהרגעט. האָט ער געזאָגט צו די פרויען: „הערט זיך צו צו מיינע לעגיאָנען, און אויב ניט, וועל איך טאָן מיט אייך, ווי איך האָב געטאָן מיט די מענער״. האָבן

שבירושלים היו יושבין באמצע המדינה, וכד הוה סליק חד מנהון לצלאה, אמרו ליה: „בעית לאיעבדא בוליוטין?" אמר להו: „לא". „בעית לאיעבדא ארכונטיס?" אמר להו: „לא". אמרי ליה: „מבגין דשמעינה, דאית לך חד איסא, את בעי מזבנא יתיה לי?" אמר לו: „לית בדעתי". והוה כותב ומשלח עוניתיה לבר ביתיה: „אין אתי גבר פלוני, לא תשבקוניה מיעל לאיסיא, דהוא מזבנא לי". והוה אמר ההוא גברא: „הלואי איתברת ריגליה דההוא גברא, ולא סליק להדא זויתא". הה"ד: צדו צעדינו, — צדיאה אורחא מלהלכא באילין פלטייאתא; קרב קצנו, — קיצא דההוא ביתא; מלאו ימינו, — יומא דההוא ביתא. אף אינון לא פשת להון טב, דכתיב (משלי י"ז): שמח לאיד לא ינקה.

כב

(יט) קלים היו רודפינו מנשרי שמים. טרכינוס שחיק עצמות ילדה אשתו בליל תשעה באב, והיו כל ישראל אבלים. נשתתק הולד בחנוכה. אמרו ישראל: „נדליק, או לא נדליק?" אמרו: „נדליק, וכל מה דבעי לימטי עלן, ימטא". אדליקו. אזלון ואמרון לישן ביש לאשתו של טרכינוס: אילין יהודאין, כד ילידת, הוון מתאבלין; וכד מיית ולדא, אדליקו בוציניא". שלחה וכתבה לבעלה: „עד דאת מכבש ברברייך, בא וכבוש אילין יהודאין, דמרדו בך". סליק לאילפא וחשיב למיתי בעשרה יומין, ואיתיתיה רוחא בה' יומין. אתא ואשכחינון, דהוו עסקין בהדין פסוקא (דברים כ"ח): ישא ה' עליך גוי מרחוק, מקצה הארץ, כאשר ידאה הנשר. אמר להו: „אנא הוא נשרא, דחשיבית למיתי בעשרה יומין, ואייתתני רוחא בחמשא יומין". הקיפן לגיונותיו והרגן. אמר לנשים: „השמעו ללגיונותי, ואם לאו, אני עושה לכם כדרך שעשיתי לאנשים". אמרו: „עביד בארעאי מה דעבדת בעילאי". מיד הקיפן לגיונותיו והרגן. ונתערבו דמים של אלו בדמים של אלו, והיה הדם בוקע והולך עד שהגיע לקיפרוס (נהר).

---

זיי אים געזאָגט: „טו מיט די אונטערשטע וואָס דו האָסט געטאָן מיט די אייבערשטע". גלייך האָט ער זיי אַרומגערינגלט מיט זיינע לעגיאָנען און זיי אויסגעהרגעט. און דאָס בלוט פון די האָט זיך אויסגעמישט מיטן בלוט פון

[1] איבערגעחזרט פון פרשה א, מה (זע דאָרט די באַמערקונגען).

יענע, און דאָס בלוט איז געגאַנגען און געשטראָמט, ביז עס האָט געגרייכט (דעם טייך) קיפרוס.

(יט) על ההרים — אויף די בערג האָבן זיי אונדז געיאָגט. ר׳ איבו האָט געזאָגט: זיי פלעגן נאָכיאָגן אין די געדיכטענישן פון די וועלדער. ר׳ יעקב פון כפר חנין האָט געזאָגט: דאָס זיינען די וואָס האָבן אָנגעצונדן [2] אַ פייער אין ירושלים. און די רבנן זאָגן: דאָס זיינען די נאָכיאָגערס [3] פון ישראל; דערום שטייט געשריבן: אויף די בערג האָבן זיי אונדז געיאָגט.

כג

(כ) רוח אפינו — דער אָטעם פון אונדזער נאָז, גאָטס געזאַלבטער. רבי און ר׳ ישמעאל דער זון פון ר׳ יוסי זיינען געזעסן און האָבן איבערגעלערנט מגילת איכה ערב תשעה באב פאַרנאַכט, וואָס איז אויסגעפאַלן אום שבת. האָבן זיי איבערגעלאָזט איין אלף בית [1]. זיי האָבן געזאָגט: „מיר וועלן איצט אַרויסגיין און עס פאַרענדיקן מאָרגן". און אַז רבי איז אַרויף צו זיך אַהיים, האָט ער זיך צעקלאַפּט אַ פינגער. האָט ער געזאָגט אויף זיך (תהלים לב, י): רבים — פיל ווייטיקן האָט דער רשע [2]. האָט געזאָגט צו אים ר׳ ישמעאל דער זון פון ר׳ יוסי: ווען מיר וואָלטן ניט ערשט געהאַלטן ביי אָט דעם דאָזיקן ענין, און עס וואָלט מיט דיר גראָד אַזוינס פּאַסירט, וואָלט איך עס [סיי ווי] געזאָגט; איצט, [אַז מיר האָבן עס גראָד ערשט גע־לערנט,] וועל איך עס אוודאי און אוודאי זאָגן: רוח אפינו — דער אָטעם פון אונדזער נאָז, [דער גאָטס געזאַלבטער, איז אַריינגעפאַלן אין זייערע גריבער [3]].

אַז רבי איז אַריין צו זיך אין הויז, האָט ער אַרויפגעלייגט אויף דער וואונד אַ טרוקענעם שוואם און אַרומגעבונדן פון דרויסן מיט אַ ראָר־גראָז. האָט ר׳ ישמעאל דער זון פון ר׳ יוסי געזאָגט: פון דעם האָבן מיר גע־לערנט דריי זאַכן: אַז אַ שוואם היילט ניט, נייערט עס פאַרהיט די וואונד [4]; אַז אַ ראָר־גראָז [וואָס געפינט זיך] אין הויז הייסט אַ צוגעגרייטע זאַך [5]; און אַז מע לייענט ניט [אום שבת] אין די הייליקע שריפטן [6], סיידן פון נאָך מנחה אָן [7]; אָבער מע לערנט זיי און מע דרשנט זיי [8]; און אויב מע דאַרף נאָכקוקן און עפּעס דורכלייענען, ברענגט מען און מע לייענט [9].

שמואל האָט געזאָגט: אַ וואַסער ניט איז שערבל [מעג מען אַרויפ־לייגן אויף אַ וואונד אום שבת]. ר׳ זעירא האָט אין נאָמען פון ר׳ שמואלן געזאָגט: אַ פאַרשטאָפּער פון אַ פאַס און אַ שטיקל טעפּער־ליים מעג מען באַוועגן אום שבת; האָט מען זיי געהאַט אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט, טאָר מען זיי אום שבת ניט באַוועגן [10].

(תהלים דאָרט) והבוטח — אָבער דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, אים וועט גענאָד אַרומרינגלען. — ר׳ אלעזר פון בצרה און ר׳ תנחום האָבן אין נאָמען פון ר׳ אחאן געזאָגט: אפילו אַ רשע, אויב ער האָט חרטה [11], נעמט אים הקדוש־ברוך־הוא אויף, ווי דער פסוק זאָגט: אָבער דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, אים וועט גענאָד אַרומרינגלען.

(יט) על ההרים דלקונו. ר׳ איבו אמר: שהיו דולקין אחר המעביות. ר׳ יעקב דכפר חנין אמר: אלו שהציתו אש בירושלים. ורבנן אמרי: אלו דולקיהן של ישראל; לכך נאמר: על ההרים דלקונו.

כג

(כ) רוח אפינו משיח ה׳. רבי ור׳ ישמעאל בר׳ יוסי היו יושבים ופושטין במגילות קינות ערב תשעה באב שחל להיות בשבת עם חשכה. שיירו בה אלפא ביתא אחת. אמרו: „אנו יוצאים וגומרין אותה למחר״. וכשעלה רבי לביתו, נכשל באצבעו. אמר על עצמו (תהלים ל״ב): רבים מכאובים לרשע. אמר לו ר׳ ישמעאל בר׳ יוסי: „אלו [לא] היינו עוסקין בענין הזה והגיעך כך, כך הייתי אומר; עכשיו עאכ״ו: רוח אפינו, וגו׳״. כיון שעלה רבי לביתו נתן על המכה ספוג יבש וקשר עליה גמי בחוץ. א״ר ישמעאל בר׳ יוסי: ממנו למדנו שלשה דברים: לא שספוג מרפא, אלא שהוא משמר את המכה; גמי מבית מוכן; ואין קורין בכתבי הקדש, אלא מן המנחה ולמעלה; אבל שונין בהם ודורשין בהם; ואם היו צריכין לבדוק ולקרות, מביאין וקורין. שמואל אמר: חרס כל שהוא. ר׳ זעירא בשם ר׳ שמואל אמר: מגופת חבית וחרסית מותר לטלטלן בשבת; השליכן לאשפה, אסור מקבלו, שנאמר: והבוטח בה׳ חסד יסובבנו.

(שם) והבוטח בה׳ חסד יסובבנו. — ר׳ אלעזר בצראה ור׳ תנחום בשם ר׳ אחא אמרו: אפילו רשע וחוזר בו, הקב״ה מקבלו, שנאמר: והבוטח בה׳ חסד יסובבנו.

---

[2] דלק מיינט אויך ברענען, און אין הפעיל אָנצינדן. [3] לויטן פשט.

[1] איין פרק. [2] ד״ה, אַז דאָס איז אַ שטראָף פאַר זיינע זינד. [3] ד״ה, אַז רבי האָט געליטן איבער די חטאים פון זיין דור. [4] אַניט וואָלט ער עס ניט געטאָרט טאָן אום שבת. [5] צוגעגרייט פון פריער, אַנדערש וואָלט ער עס ניט גענוצט, ווייל צוגרייטן אַ כלי אום שבת טאָר מען ניט. [6] לויט אַ גמרא (שבת קטו, א) מיינט עס נאָר די כתובים, כדי דער עולם זאָל בעסער גיין אין בית מדרש הערן דעם דרשן (זע דאָרט רש״י). [7] ווי רבי האָט עס געטאָן; די דרשנים פלעגן געוויינלעך דרשענען בייטאָג. [8] דער בעל דרשן אין בית מדרש מעג זיך באַנוצן מיט טעקסטן פון כתובים פאַר זיין דרשה. [9] דער בעל דרשן מעג נאָכקוקן אַ טעקסט. [10] ווייל דאַן זיינען זיי שוין מער קיין כלים ניט, און אַריינטראָגן זיי צוריק אין הויז וואָלט געמיינט זיי צוריק פאַרוואַנדלען אין אַ כלי. [11] לויטן יפה ענף דאַרף זיך דאָ לייענען: אפילו רשע ובוטח בו — אפילו אַ רשע, אַז ער פאַרלאָזט זיך אויף גאָט אא״וו, — ווייל אַז תשובה העלפט איז דאָך קיין נייעס ניט, און מע דאַרף צו דעם פסוק ניט אָנקומען. אזוי האַלט אויך דער רד״ל (ויקרא רבה טו, ג), זיך שטיצנדיק אויף ילקוט תהלים.

כד

(כא) שישי — זיי לוסטיק און פריי זיך, טאָכטער פון אדום, **דאָס מיינט קיסריה**[1]; יושבת — דו וואָס זיצסט אין לאַנד עוץ, **דאָס מיינט פערסיע**; גם עליך — אויך פאַר דיר וועט איבערגיין דער כוס, וועסט שיכור ווערן און זיך אָפּדעקן[2].

כה

(כב) תם — אויסגעלאָזט האָט זיך דיין פאַרברעכן, טאָכטער פון ציון. **ר' חלבו האָט אין נאָמען פון ר' יוחנן געזאָגט: פרעהס אַראָפּנעמען דעם זיגלרינג [צו חתמענען די גזרות] אויף ישראל און מצרים איז געווען בעסער פון די פערציק יאָר נביאות וואָס משה האָט אויף זיי געזאָגט, ווארום אין דעם איז געווען גאולה, און אין יענעם איז קיין גאולה ניט געווען**[1]. **ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: אחשורושעס אַראָפּנעמען זיין זיגלרינג אויף ישראל אין מדי איז געווען בעסער פון די זעכציק מאָל צען טויזנט נביאים, וואָס האָבן נביאות געזאָגט אין די טעג פון אליהון. פאַרוואָס? ווייל אין דעם איז געווען גאולה, און אין יענעם איז קיין גאולה ניט געווען. און די רבנן זאָגן: די מגילה פון קינות איז פאַר ישראל געווען בעסער פון די פערציק יאָר נביאות וואָס ירמיה האָט אויף זיי געזאָגט; פאַרוואָס? ווייל אין איר האָט ישראל באַקומען אַ פולע קבלה אויף זייערע זינד אין דעם טאָג ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן**[2]; **דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** תם — אויסגעלאָזט האָט זיך דיין פאַרברעכן, טאָכטער פון ציון.

(כב) פקד — ער וועט זיך רעכענען פאַר דיין פאַרברעכן, טאָכטער פון אדום. **ר' פנחס האָט אין נאָמען פון ר' הושעיה געזאָגט: אויף וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן די יסורים? זיך צו באַהעפטן מיטן הויז וואוהין זיי דאַרפן גיין**[3]; **דאָס איז ווי אין פסוק שטייט:** תם — אויסגעלאָזט האָט זיך דיין פאַרברעכן, טאָכטער פון ציון — — — ער וועט זיך רעכענען פאַר דיין פאַרברעכן, טאָכטער פון אדום, ער וועט אַנטפּלעקן דיינע חטאים. **און דעסט־גלייכן**[4] **וואָס דער פסוק זאָגט** (דברים ז, טו): והסיר — און גאָט וועט אַראָפּנעמען פון דיר יעטוועדע קראַנקייט[5] — — — און ער וועט זיי געבן אויף אַלע דיינע שונאים. **און דעסטגלייכן** (עובדיה א): **חזון** — די זעאונג פון עובדיהן. אזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר אויף אדום: אַ הערונג האָבן מיר געהערט פון גאָט, און אַ שליח איז געשיקט געוואָרן צווישן די פעלקער: שטייט אויף און לאָמיר זיך הייבן אויף איר [אין מלחמה]; **און דער־דאָזיקער פסוק:** תם אויסגעלאָזט האָט זיך דיין פאַרברעכן, טאָכטער פון ציון, ער וועט דיך מער ניט פאַרטרייבן; [ער וועט זיך רעכענען פאַר דיין פאַרברעכן, טאָכטער פון אדום, ער וועט אַנטפּלעקן דיינע חטאים].

---

[1] די שטאָט אין ארץ ישראל, וואו די רוימישע הערשער פלעגן זיצן, סימבאָל פון רוימישער ממשלה (אדום — רוים). [2] לויטן מתנות כהונה פעלן דאָ די ווערטער: דאָס איז מדי.

גענענדיקט דער פערטער אלף בית

כד

(כא) שישי ושמחי בת אדום, **זו קיסרין**; יושבת בארץ עוץ, **זו פרס**; גם עליך תעבר כוס, תשכרי ותתערי.

כה

(כב) תם עונך בת ציון. **ר׳ חלבו בשם ר׳ יוחנן אמר: טובה היתה הסרת טבעתו של פרעה על ישראל במצרים מארבעים שנה שנתנבא עליהם משה, לפי שבזה היתה גאולה ובזה לא היתה גאולה. ר׳ שמעון בן לקיש אמר: טובה היתה הסרת טבעתו של אחשורוש על ישראל במדי מששים רבוא נביאים שנתנבאו בימי אליהו; למה? שבזה היתה גאולה ובזה לא היתה גאולה. ורבנן אמרי: טובה היתה מגילת קינות על ישראל ממ׳ שנה שנתנבא עליהם ירמיה; למה? שבה נטלו ישראל איפוכי שלימה על עונותיהם ביום שחרב בית המקדש. הה״ד:** תם עונך, בת ציון.

פקד עונך, בת אדום. **א״ר פנחס בשם ר׳ הושעיה: למה נבראו היסורים? להתלות בית דאית להון למיזל; הה״ד:** תם עונך, בת ציון — — — פקד עונך, בת אדום, גלה על חטאתיך. **ודכוותיה (לקיים) מה שנאמר** (דברים ז׳): והסיר ה׳ ממך כל חלי, **וגו׳, (ואמר ר׳ פנחס בשם רבי הושעיה: למה נבראו היסורין? להתלות בית דאית להון למיזל; הלא הוא דכתיב)** ונתנם בכל שונאיך. **ודכוותיה** (עובדיה א׳): חזון עובדיה. כה אמר ה׳ אלהים לאדום: שמועה שמענו מאת ה׳ וציר בגוים שלח: קומו ונקומה עליה, **וגו׳; והדין פסוקא:** תם עונך, בת ציון, לא יוסיף להגלותך, **וגו׳.**

[1] פרעהס גזרות האָבן באַווירקט ישראל תשובה צו טאָן און פאָלגלעך אויסגעלייזט צו ווערן, בעת משהס שטראָף רייד האָבן עס ניט באַוויזן. — לויטן יפה ענף (געשטיצט אויף שמות רבה ג, טז) דאַרף מען אנשטאט פערציק יאָר נביאות וואָס משה האָט אויף זיי געזאָגט לייענען: אַכציק יאָר וואָס אהרן האָט נביאות געזאָגט אין מצרים. [2] מגילת איכה וואָס באַשרייבט דעם חורבן איז פאַר ישראל ווי אַ קבלה אויף זייער חוב, — די זינד וואָס זיי זיינען באַגאַנגען (זע מהרז״ו און רד״ל, במדבר רבה יז, ה). [3] אויב דער זינדיקער — אין דעם פאַל: ישראל — טוט תשובה, קומט דאָך אויס, אַז די יסורים זיינען באַשאַפן געוואָרן אומזיסט! איז דער ענטפער, אַז אַלעמאָל איז פאַראַן עמיצער אַ זינדיקער — אין דעם פאַל: אדום — און אַהין ווען די יסורים גיין. [4] אַרויסגעלאָזט, לויטן רש״ש, דאָס וואָרט לקים, וואָס קוקט אויס צו זיין איבעריק. [5] אינעם טעקסט געפינט זיך דאָ אַן איבערחזרונג פון ר׳ פינחסעס מאמר, און מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט לויט דער הגהה פון רש״ש, ווייל עס שטערט נאָר דעם גאַנג פון דער דרשה.

סליק אלפא ביתא רביעאה

# פרשה ה

## א

[1] זכר ה׳ — געדענק, גאָט, וואָס מיט אונדז איז געשען. ר׳ יצחק האָט אָנגעהויבן (משלי ל, לא): זרזיר — דער יאַכטהונט, אָדער דער באָק. עס פירט זיך אויף דער וועלט, אַז ווען אַ מענטש האָדעוועט צוויי יאַכטהינט ביי זיך אין הויז, איינעם אַ גרויסן און איינעם אַ קליינעם, צוימט ער דעם גרויסן פאַרן קליינעם, ווייל ער זשאַלעוועט זיין געלט [2].

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: „ריבונו של עולם! דו האָסט אונדז אָנגעשריבן אין דיין תורה (דברים כה, יז): זכור — געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן, — האָט ער נאָר מיר געטאָן, און דיר האָט ער ניט געטאָן? האָט ער ניט חרוב געמאַכט דיין בית המקדש?[3]" די רבנן זאָגן: ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: „ריבונו של עולם! מיר זיינען דיינע און די אומות פון דער וועלט זיינען דיינע; פאַרוואָס האָסטו ניט קיין רחמנות אויף דיין אומה?" (משלי דאָרט) ומלך — און דער מלך, ניטאָ קיין באַשטאַנד ביי אים [4]. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: „ביי אונדז איז פאַראַן פאַרגעסלעכקייט, אָבער ביי דיר איז דאָך קיין פאַרגעסלעכקייט ניטאָ: און ס׳איז ניטאָ קיין פאַרגעסלעכקייט פאַר דיר [5], — דערום געדענק דו (תהלים קלז, ז): זכר ה׳ — געדענק, גאָט, די קינדער פון אדום דעם טאָג פון ירושלים, די וואָס האָבן געזאָגט: ערו, ערו — צעשטערט, צעשטערט, ביז צום גרונט אין איר!" ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט [ערו, ערו מיינט:] צעשטערט, צעשטערט. און ר׳ לוי האָט געזאָגט: ראמט אַוועק, ראמט אַוועק. דער וואָס האָט געזאָגט „צעשטערט, צעשטערט", — דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה נא, נח): חומות — די ברייטע מויערן פון בבל וועלן צעשטערט ווערן [6]; דער וואָס האָט געזאָגט: „ראמט אַוועק, ראמט אַוועק", — דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן: ביז צום גרונט אין איר, אפילו אירע פונדאַמענטן זאָלן זיי גרייכן.

הביטה — קוק און זע אונדזער שאַנד. ר׳ יודן האָט געזאָגט: קוקן מיינט פון נאָענט, זען מיינט פון וויטן. „קוקן מיינט פון נאָענט", ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, יט, ו): ויבט — און ער האָט זיך אומגעקוקט, און אָט איז אים צוקאָפּנס אַ קוכן, געבאַקן אויף אָנגעהיצטע שטיינער; „און זען מיינט פון וויטן", ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כב, ד): וירא — און ער האָט דערזען דאָס אָרט פון וויטן. ר׳ פנחס זאָגט: קוקן מיינט פון וויטן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים פ, טו): הבט — קוק פון הימל און זע;

# פרשה ה

## א

זכור, ה׳, מה היה לנו. **ר׳ יצחק פתח** (משלי ל׳): זרזיר מתנים, או תיש, — **בנוהג שבעולם, אדם מגדל שני זרזרין בתוך ביתו, אחד גדול ואחד קטן, כובש את הגדול לפני הקטן, בשביל לחוס על ממונו. א״ר ברכיה: אמרו ישראל לפני הקב״ה: „רבש״ע! הכתבת לנו בתורתך** (דברים כ״ה): זכור את אשר עשה לך עמלק, **— לי עשה ולך לא עשה? לא החריב את מקדשך?״ רבנן אמרין: אמרו ישראל לפני הקב״ה: „אנו שלך ואומות העולם שלך; מפני מה אין אתה חס על אומתך?״** ומלך אלקום עמו. **א״ר יצחק: אמרו ישראל לפני הקב״ה: „שכחה מצויה בנו, אבל אין שכחה מצויה בך**: ואין שכחה לפניך, — **לפיכך את זכור** (תהלים קל״ז): זכור ה׳ לבני אדום את יום ירושלים, האומרים: ערו, ערו, עד היסוד בה!״ **רבי אבא בר כהנא אמר: פגרו, פגרו! ור׳ לוי אמר: פנון, פנון! מאן דאמר „פגרו, פגרו״, הה״ד** (ירמיה נ״א): חומות בבל הרחבה ערער תתערער. **מאן דאמר „פנון, פנון״, הה״ד:** עד היסוד בה, **אפילו יסודותיה מטון.**

הביטה וראה את חרפתנו. **ר׳ יודן אמר: הבטה מקרוב וראייה מרחוק. „הבטה מקרוב״, שנאמר** (מלכים א, י״ט): ויבט, והנה מראשותיו עוגת רצפים; **„וראייה מרחוק״, שנאמר** (בראשית כ״ב): וירא את המקום מרחוק. **ר׳ פנחס אומר:** הבטה **מרחוק, שנאמר** (תהלים פ׳): הבט משמים וראה; וראייה **מקרוב, שנאמר** (בראשית ל״ב): וירא, כי לא יכול לו, ויגע בכף ירכו.

---

**און זען מיינט פון נאָענט, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית לב, כו): וירא — און ער האָט געזען, אַז ער קען אים ניט בייקומען, האָט ער אָנגערירט דעם פלאַך פון זיין דיך.

---

[1] די אותיות וואָס באַצייכענען די סימנים קאָרעספּאָנדירן אין דער דאָזיקער פרשה מיט דער נומעראַציע פון די פסוקים, דעריבער ווערן דאָ די פסוקים פון דער פרשה ניט נומערירט.

[2] און דער אייבערשטער האָט דערלאָזט, אַז אדום, דער שטאַרקערער, זאָל חרוב מאַכן

ב

נחלתנו — אונדזער נחלה איז איבערגעקערט געוואָרן צו פרעמדע. **מיט וואָס פאַר אַן איבערקערעניש? ווי די איבערקערעניש פון סדום. ירמיה רופט אים** [1] אונדזער נחלה; **ישעיה** (סד, י) **רופט אים** בית קדשנו — אונדזער הייליק הויז און אונדזער פּראַכט. **איז געקומען אסף און האָט געזאָגט: „ניט אונדזער נחלה איז עס און ניט אונדזער הייליק הויז און אונדזער פּראַכט איז עס, נייערט די פעלקער זיינען געקומען אינעם דייניקן". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (תהלים עט, א): אלהים — גאָט! פעלקער זיינען געקומען אין דיין נחלה; זיי האָבן מטמא געווען דיין הייליקן טעמפּל, זיי האָבן געמאַכט ירושלים פאַר חורבות.

ג

יתומים היינו — יתומים זיינען מיר געוואָרן אָן אַ פאָטער. **ר' ברכיה האָט אין נאָמען פון ר' לוין געזאָגט: הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „איר האָט געוויינט און געזאָגט פאַר מיר:** יתומים זיינען מיר געוואָרן אָן אַ פאָטער, — **איך שווער ביי אייער לעבן, — אויך דער אויסלייזער, וואָס איך בין אָנגעברייט אויפצושטעלן פון אייך אין מדי, וועט ניט האָבן קיין טאַטע־מאַמע". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (אסתר ב, ז): ויהי אומן — און ער האָט דערצויגן הדסהן, דאָס איז אסתר, זיין פעטערס טאָכטער, דען זי האָט ניט געהאַט קיין פאָטער און קיין מוטער.

ד

מימינו — אונדזער וואַסער האָבן מיר געטרונקען פאַר געלט. **איין מאָל זיינען אָנגעקומען די באַצווינגער און האָבן אַוועקגענומען זייער ברויט און זייער וויין, און זייער אייל, און זייער וואַסער, און האָבן עס צוריק פאַרקויפט צו זיי. האָבן זיי געזאָגט: „ווי איז אונדז, וואָס ס'איז אונדז מקוים געוואָרן דער פסוק:** מימינו — אונדזער וואַסער האָבן מיר געטרונקען פאַר געלט, אונדזער האָלץ קומט אונדז אָן פאַר געצאָלט.

ה

על צוארנו — אויף אונדזער נאַקן זיינען מיר געיאָגט געוואָרן. **אדריאַנוס, די ביינער זאָלן אים צעריבן ווערן, האָט באַפוילן אַזוי צו זאָגן: „אַז איך וועל קומען און געפינען אַ האָר אויף אַ יידן** [1], **וועל איך אים דעם קאָפּ אַראָפּנעמען". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** אויף אונדזער נאַקן זיינען מיר געיאָגט געוואָרן [2]. **אַן אַנדער פשט:** אויף אונדזער נאַקן זיינען מיר געיאָגט געוואָרן, — **איבער דעם וואָס מיר האָבן געפעלשט אין אונדזער נאַקן** [3] **אין טאָג פון דער צרה.**

ישראל, דעם שוואַכערן.

3 עמלק שטאַמט אָפּ פון אדום — עשו (בראשית לו, יב), און אדום האָט אי געהאַט אַ חלק אינעם ערשטן חורבן (תהלים קלז, ז), אי אַליין געבראַכט דעם צווייטן חורבן (אדום — רוים).

4 דער מלך פון דער וועלט, כביכול, שטייט ניט ביי זיינע קינדער אין זייער עת צרה.

5 לויט דער מוסף שמונה עשרה פון ראש השנה: ואין שכחה לפני כסא כבודך (רד"ל).

6 ערער — ערו.

1 **דעם בית המקדש.**

ב

נחלתנו נהפכה לזרים. **באיזו הפכה? כמהפכת סדום. ירמיה קורא אותה** נחלתנו; **ישעיה קורא אותה** (ישעיה ס״ד): בית קדשנו ותפארתנו. **בא אסף ואמר: „לא נחלתנו היא ולא בית קדשנו ותפארתנו היא, אלא באו גוים לתוך שלך״. הדא הוא דכתיב** (תהלים ע״ט): אלהים! באו גוים בנחלתך, טמאו את היכל קדשך, שמו את ירושלים לעיים.

ג

יתומים היינו ואין אב. **ר׳ ברכיה בשם ר׳ לוי אמר: אמר להם הקב״ה לישראל: „אתם בכיתם ואמרתם לפני:** יתומים היינו ואין אב, — **חייכם! אף הגואל שאני עתיד להעמיד מכם במדי לא יהיה לו אב ואם״. הה״ד** (אסתר ב׳): ויהי אומן את הדסה, בת דודו, כי אין לה אב ואם.

ד

מימינו בכסף שתינו. **פעם אחת עלו המציקים ונטלו פתן ויינן ושמנן ומימיהן, חזרו ומכרו אותם להם. אמרו: „אוי לנו, שנתקיים בנו הפסוק הזה:** מימינו בכסף שתינו, עצינו במחיר יבאו.

ה

על צוארנו נרדפנו. **אדריאנוס שחיק עצמות פקיד, ואמר: „אי דאתינן משכחנן שערא ביהודאי, ארימון ראשיה מיניה״. הה״ד:** על צוארנו נרדפנו. **ד״א:** על צוארנו נרדפנו, **על שבגדנו בצוארנו ביום צרה.**

---

[1] עס טאָר קיין האָר אויף אַ יידן ניט בלייבן, ד״ה: קיין ייד טאָר ניט בלייבן אַ לעבעדיקער (מתנות כהונה). לויטן יפה ענף האָט ער באַפוילן יידן אָפּצוגאָלן די בערד, און זיי האָבן ניט געפאָלגט, און לויט דעם ווערט דער פסוק דערקלערט צום גוטן: איבער אונדזער האַרטנעקיקער אָפּגעהיטקייט ווערן מיר גערודפט. א. כהן (ענגלישע איבערזעצונג) וויל האָבן, אַז ער האָט זיי באַפוילן אָפּצוגאָלן די קעפּ, כדי זיי זאָלן אויסגעשטעלט ווערן צו שאַנד. [2] לויטן ערשטן פּשט — אַראָפּצונעמען אונדז דעם קאָפּ דורך איבערהאַקן דעם נאַקן. [3] אין דער קדושה פון בית המקדש, וואָס ווערט, לויט אַ דרשה אין שיר השירים רבה (ד, ו), פאַרגליכן צו אַ האַלדז (מתנות כהונה; מהרז״ו). אָדער: „מיר האָבן געפעלשט דורך אונדזער אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון תורה און מצוות פון אונדזער נאַקן״ (רד״ל). — עס לאָזט זיך דאָ מאַכן די השערה, אַז דער בעל המדרש האָט דאָ געדרשנט דאָס וואָרט צוארנו ווי צורנו, מיט אַ שורוק אין דער וו (ווי עס טרעפט אָפט, אַז אַ וו אַ קאָנסאָנאַנט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ וו אַ וואָקאַל), — אונדער פעלדז: „על שבגדנו בצורנו ביום צרה — ווייל מיר האָבן געפעלשט אין אונדזער פעלדז (אינעם אייבערשטן) אין טאָג פון דער צרה״ (זע אויבן, פתיחתא יג, וואו דערזעלבער אויסדרוק על שבגדנו בצורנו באַציט זיך אויפן פסוק אין משלי: מבטח בוגד ב י ו ם צ ר ה).

יגענו — מיר זיינען מיד, און עס ווערט אונדז קיין רו ניט געגעבן. נבוכדנצר, די ביינער זאָלן אים צעריבן ווערן, האָט באַפוילן נבוזראדנען אזוי צו זאָגן: „דער גאָט פון דידאָזיקע נעמט אויף די וואָס טוען תשובה און זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט אויפצונעמען די וואָס קערן זיך אום[4], — אַז דו וועסט זיי באַצווינגען, זאָלסטו זיי ניט לאָזן מתפלל זיין, כדי זיי זאָלן קיין תשובה ניט טאָן, און זייער גאָט וועט אויף זיי רחמנות האָבן, און איך וועל צוריקקנידערן מיט אַ שוואַרץ פּנים; נייערט דו זאָלסט זיי ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט[5]". אַז ער האָט זיי באַצוואונגען, איז ווי נאָר איינער פון זיי פלעגט בלייבן שטיין, אזוי פלעגט ער אים נעמען און צעהאַקן איבערימווייז און וואַרפן פאַר זיי, און זיי פלעגן גיין איבערגוואַלד, ניט פון זייער טובה וועגן.

ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: נבוזראדן דאָס איז אריוך[6]; און פאַרוואָס האָט מען אים גערופן אריוך? ווייל ער פלעגט ברומען איבער דער געפאַנגענשאַפט ווי אַ לייב[7], ביז זיי האָבן געגרייכט דעם פרת. ווי זיי האָבן געגרייכט דעם פרת, אזוי האָט ער געזאָגט צו די חיילות: „לאָזט זיי זיך אָפּרוען, ווארום פון דאַנען וועט זיך זייער גאָט ניט אומקערן [רחמנות צו האָבן] אויף זיי[8]". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (תהלים קלז, א): על נהרות בבל — ביי די טייכן פון בבל, דאָרטן זיינען מיר געזעסן און געוויינט, — ביז דאָרטן זיינען מיר ניט געזעסן.

ו

מצרים — מצרים האָבן מיר אַ האַנט געגעבן, אשור — זיך מיט ברויט צו זעטיקן[1]. וואָס פלעגן די עשרת השבטים טאָן? זיי פלעגן שיקן אייל קיין מצרים, און פון דאָרטן פלעגן זיי ברענגען תבואה און שיקן קיין אשור, כדי אַז ווען די שונאים וועלן קומען, זאָלן זיי האָבן וועמען עס זאָל זיי העלפן; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (הושע יב, ב): וברית — און אַ בונד שליסן זיי מיט אשור, און אייל ווערט געפירט קיין מצרים.

ז

אבותינו — אונדזערע עלטערן האָבן געזינדיקט און זיינען ניטאָ. האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו זיי: „אייערע אייגענע [זינד] שטייט איר אויס". אַן אַנדער פשט: זיי [ערע אבות] האָבן געזאָגט צו זיי: „מיר שטייען אויס אונדזערע אייגענע [זינד]"[1].

ח

עבדים — קנעכט געוועלטיקן איבער אונדז, דאָס זיינען די מצרים[1]; פורק — ניטאָ ווער עס זאָל אויסלייזן פון זייער האַנט, ווען ניט משה. אַן אַנדער פשט: קנעכט געוועלטיקן איבער אונדז, דאָס זיינען די פיר מלכותן[2]; ניטאָ ווער עס זאָל אויסלייזן פון זייער האַנט, ווען ניט הקדוש־ברוך־הוא.

ט

בנפשנו — מיט אונדזער לעבן ברענגען מיר אונדזער ברויט. רבן שמעון בן גמליאל האָט געזאָגט: די אַמאַליקע, ווי זיי האָבן נאָר אַ ביסל

יגענו ולא הונח לנו. **נבוכדנצר שחיק עצמות צוה לנבוזראדן ואמר ליה: אלההון דאינון מקבל בעלי תשובה הוא,** וידו פשוטה לקבל שבים, — **כיון דאת כביש להון, לא תשבקינן דיצלון, דלא יעבדון תיובתא, ואלההון ירחם עליהון, וההוא גברא נחית בשחור אפין. אלא לא תהי מפלי עליהון". כיון דכבש יתהון, כד הוה קאים חד מנהון, הוה נסיב ליה ומפסל ליה אברים איברים, טריף ליה קומיהון, ואינון מהלכין בעל כרחיהון, שלא בטובתהון.**

**א"ר יהושע בן לוי:** **נבוזראדן הוא** אריוך; **ולמה נקרא שמו** אריוך? **שהיה נוהם על השביה כאריה, עד שהגיעו לפרת. כיון שהגיעו לפרת, אמר להון לחילותא: "שבקינון דניחון, די מן כדון לית אלההון חוזר עליהון". הה"ד** (תהלים קל"ז): על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו, — **עד לשם לא ישבנו.**

ו

מצרים נתנו יד, אשור — לשבוע לחם. **מה היו עשרת השבטים עושין? היו משלחין שמן למצרים, ומביאין תבואה ומשלחין לאשור, שאם יבאו שונאים, יהיו כדי לסייען. הה"ד** (הושע י"ב):

ז

וברית עם אשור יכרותו, ושמן למצרים יובל.

אבותינו חטאו ואינם. **אמר להון הקב"ה: "בדידכון קיימין".**
**ד"א: אמרו להון: "קיימין בדילנא".**

ח

עבדים משלו בנו, **אלו מצרים;** פורק אין מידם, **אילולי משה.**
**ד"א:** עבדים משלו בנו, **אלו ארבע מלכיות;** פורק אין מידם, **אילולי הקב"ה.**

ט

בנפשנו נביא לחמנו. **אמר ר' שמעון בן גמליאל: הראשונים על ידי שהריחו מקצת צרתן של ארבע מלכיות, קצרה רוחן.**

[4] ציטירט פון דער שמונה עשרה פון נעילה. [5] דו זאָלסט ניט מיינען, וויבאַלד דו האָסט זיי באַצוואונגען, איז שוין ניטאָ וואָס זיך צו רעכענען מיט זיי. לויט אַן אַנדער נוסח דאַרף מען דאָ אין טעקסט לייענען אנשטאט מפלי — מרפי, דו זאָלסט זיי ניט אָפּלאָזן (רד"ל לויטן "אות אמת"). [6] דניאל ב, יד — דער אויבערלייבוועכטער (אָדער דער האַר פון די הענקערס) פון דעם מלך. [7] אריה — אריוך. [8] ווייל זיי זיינען, הייסט עס, אַרויס פון זיין גבול.

[1] איבערגעחזרט פון אויבן, ד, כ.

[1] און איר ליידט פאַר אייערע זינד, ניט פאַר אונדזערע. אָדער: מיר האָבן מכפּר געווען אויף אייערע זינד, און איר האַלט זיך גראָד אין אונדזער זכות (רד"ל).

[1] די מצרים שטאַמען אָפּ פון חם, וואָס איז פאַרשאָלטן געוואָרן צו זיין אַן עבד עבדים

דערשמעקט די צרות פון די פיר מלכותן, אזוי האָבן זיי זייער געדולד פאַר־לאָרן. ביי אונדזערע עלטערן שטייט געשריבן (במדבר כא, ד): ותקצר — און די זעל פון פאָלק איז געוואָרן אומגעדולדיק פון וועג; דניאל האָט געזאָגט (ז, טו): אתכרית — מיין געמיט איז מיר באַטריבט געוואָרן; ישעיה האָט געזאָגט (כא, ג): על כן — דעריבער זיינען מיינע לענדן פול געוואָרן מיט ציטערניש; ירמיה האָט געזאָגט: בנפשנו — מיט אונדזער לעבן ברענגען מיר אונדזער ברויט. מיר, וואָס מיר געפינען זיך אין דער מיט פון די פיר מלכותן, וויפיל מאָל מער [האָבן מיר זיך צו באַקלאָגן] !

י

עורנו — אונדזער הויט איז ווי אַן אויוון אָנגעגליט. צוויי אמוראים [טייטשן דעם פסוק]. איינער האָט געזאָגט: ווי די צעפּאַרעטע ווייַנטרויבן [1]; און איינער האָט געזאָגט: ווי אַן אויוון וואָס איז ניט גענוג אָנגעהייצט געוואָרן [2].

יא

נשים — ווייבער האָט מען אין ציון געפייניקט. נבוזראדן האָט באַ־פוילן זיינע חיילות, זאָגנדיק צו זיי: „דער גאָט פון דידאָזיקע האָט פיינט זנות; היט זיך, איר זאָלט ניט אָנרירן קיין אשת איש". אַז די [ניט פאַר־הייראַטע] פרויען האָבן דאָס געהערט, זיינען זיי אַוועק צו אַ מאַן און האָבן אים געזאָגט: „פון אונדזערס וועלן מיר עסן און פון אונדזערס וועלן מיר טרינקען, נייערט דיין נאָמען אַליין זאָל גערופן ווערן אויף אונדז". דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה ד, א): והחזיקו שבע נשים — און זיבן ווייבער וועלן אָנכאַפּן איין מאַן אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן: [אונדזער ברויט וועלן מיר עסן און אונדזער קלייד וועלן מיר אָנטאָן, נאָר דיין נאָמען זאָל אויף אונדז גערופן ווערן; טו אָפּ אונדזער שאַנד]. אויסער דריי פרויען וואָס האָבן זיך געפּוילט און ניט געטאָן אַזוי, און זיי זיינען געפייניקט גע־וואָרן. דעריבער זאָגט דער פסוק: נשים — ווייבער האָט מען געפייניקט אין ציון, בתולות — יונגפרויען אין די שטעט פון יהודה, — בתלת שטייט געשריבן [1].

יב

שרים — האַרן זיינען געהאָנגען געוואָרן דורך זייער האַנט. אַז אַ גע־וועלטיקער פלעגט אַריינקומען אין אַ שטאָט, פלעגט ער נעמען די בעסטע פון דער שטאָט און זיי אויפהענגען. פלעגן אַלטע לייט קומען און אים פרואוון איינבעטן וועגן זיי, אָבער ער פלעגט זיך צו זיי ניט צוהערן. דערום זאָגט דער פסוק: שרים — האַרן זיינען געהאָנגען געוואָרן דורך זייער האַנט; דאָס פּנים פון זקנים איז ניט געשוינט געוואָרן.

(בראשית ט, כה). [2] בבל, פרס, יון און רוים, און זיי הייסן „עבדים", ווייל יעדע פון זיי איז אין איר צייט געווען פאַרשקלאַפט ביי אַ צווייטער.

[1] אזוי צעקנייטשט און פאַרוועלקט. (כמריאתא — נכמרו). [2] ער האָט דאַן אַ מאַטן און אָפּגעבליאַקעוועטן קאָליר.

[1] תלת מיינט אויף אַראַמיש דריי. — דער מתנות כהונה וואַרפט אָפּ דעם פשט און ער דערקלערט עס אזוי: דאָס וואָרט בתולות איז געשריבן אָן דער ו פון מערצאָל, מיינט

**אבותינו כתיב בהון** (במדבר כ״א): ותקצר נפש העם בדרך; **דניאל אמר** (דניאל ז): אתכרית רוחי אנה; **ישעיה אמר** (ישעיה כ״א): על כן מלאו מתני חלחלה; **ירמיה אמר**: בנפשנו נביא לחמנו; **אנו, שנתונים בתוך ארבע מלכיות, על אחת כמה וכמה!**

י

עורנו כתנור נכמרו. **תרין אמוראין. חד אמר: כאילין כמריאתא; וחד אמר: כתנור שלא הוסק כל צרכו.**

יא

נשים בציון ענו. **נבוזראדן צוה לחיילותיו, אמר להם: „אלההון של אלו שונא זמה הוא; הזהרו, אל תגעו באשת איש״. כיון ששמעו נשייא, הויין אתיין ואמרן לגבר: „מן דילנא אנן אכלן ומן דילנא אנן מתכסים, אלא בלבד דיתקריא שמך עלן״. הדא הוא דכתיב** (שם ד׳): והחזיקו שבע נשים באיש אחד, וגו׳. **בר מתלת נשים, שנתעצלו ולא עשו כן, ונתענו. לכך נאמר:** נשים בציון ענו, בתולות בערי יהודה, — בתלת **כתיב.**

יב

שרים בידם נתלו. **הוה אפוטרופא עלל לקרתא, והוה נסיב טבי דקרתא ותלי להון. בני אנש סבין הוון אתיין ומפייסין ליה עליהון, ולא הוה מקבל מינייהו. לכך נאמר:** שרים בידם נתלו, פני זקנים לא נהדרו.

יג

בחורים טחון נשאו. **את מוצא, שלא היה רחיים בבבל, וכשעלה נבוכדנצר, הטעינן רחיים והורידן. הדא הוא דכתיב** (שם מ״ג): למענכם שלחתי בבלה והורדתי בריחים כלם, — ברחים **כתיב.**

---

יג

בחורים — בחורים האָבן מילשטיינער געטראָגן. **דו געפינסט, אַז אין בבל זיינען קיין מילן ניט געווען**[1]**; און אַז נבוכדנצר איז אַרויף [אין מלחמה אויף ישראל], האָט ער זיי באַלאָדן מיט מילשטיינער, און האָט זיי געלאָזט אַראָפּברענגען; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה מג, יד): למענכם — פון אייערטוועגן האָב איך געשיקט קיין בבל, און איך האָב זיי אַלע געמאַכט נידערן — בריחים, — ברחים שטייט[2], מיט מילשטיינער. **אַן אַנדער פשט:**

---

**עס איין יונגפרוי, און** נשים, פרויען, **מיינט צוויי, איז צוזאַמען דריי.**

[1] **ווייל בבל איז פלאַכלאַנד, אָן גרויסע שטיינער.** [2] **אָן דער ערשטער יוד, און לייענען דאַרף מען עס מיט אַ צירה אונטער דער ריש, אַ פתח אונטער דער חית און אַ חיריק אונטער דער יוד.** (דער מדרש איז קשה, ווייל דער טעקסט אין אַלע תנ״ך אויסגאַבן איז מיט אַ יוד. איז ענטוועדער דער בעל המדרש האָט געהאַט פאַר זיך אַן אַנדער טעקסט,

בחורים האָבן מילשטיינער געטראָגן **איז אַ לשון נקיה**[3], **ווי דער פסוק זאָגט** (שופטים טז, כא): ויהי טוחן — און ער האָט געמאָלן אין הויז פון געפענגעניש[4].

ונערים — און אינגלעך זיינען אויף האָלץ געשטרויכלט געוואָרן. **ר״ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דריי הונדערט קינדער זיינען געפונען געוואָרן אָנגעהאָנגענע אויף איין צווייג.**

יד

זקנים — אַלטע לייט האָבן פון טויער אויפגעהערט, בחורים פון זייער געזאַנג. **ר׳ אבא דער זון פון ר׳ ירמיה האָט געזאָגט: פון זייערע געזאַנגען האָבן זיי אויפגעהערט**[1]:

טו

שבת — אויפגעהערט האָט די פרייד פון אונדזער האַרצן. **רב חסדא האָט געזאָגט: אַמאָל, כל־זמן ישראל האָט געהאַט אויף זיך די אימה פון סנהדרין, פלעגן זיי ניט זאָגן קיין געמיינע רייד אין געזאַנג; אָבער זינט דער סנהדרין איז בטל געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן זאָגן געמיינע רייד אין געזאַנג. ר׳ יוסי דער זון פון ר׳ אבין האָט אין נאָמען פון ר׳ חסדאן געזאָגט: אַמאָל, אַז עס פלעגט קומען אַ צרה אויף ישראל [און זי פלעגט בטל ווערן], פלעגט מען באַשטימען קעגן איר אַ שמחה. זינט דער סנהדרין איז בטל געוואָרן, איז בטל געוואָרן [אויך] דאָס געזאַנג אין די טרינקהייזער, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה כד, ט): בשיר — מע טרינקט מער ניט קיין ווין מיט געזאַנג. **זינט ס׳האָבן אויפגעהערט סיי די סיי יענע**[1], שבת — האָט אויפגעהערט די פרייד פון אונדזער האַרצן, פאַרקערט געוואָרן אין טרויער איז אונדזער טאַנץ[2].

---

אָדער זיין כוונה איז געווען זיך צו באַנוצן מיט דעם באַקאַנטן מעטאָד פון אל תקרי — לייען ניט אזוי, נאָר אַנדערש. זע „מנחת שי״ אויף דעם פסוק אין ישעיה). [3] אַ ריין לשון, אָן אייפעמיזם, גערעדט פאַרשטעלט. [4] און לויט אַ גמרא אין סוטה, י, א, מיינט עס אַז שמשון איז געווען געצוואונגען צו באַשלאָפן די פלישתישע ווייבער, כדי זיי זאָלן געבוירן אַזעלכע גיבורים ווי ער, און יענע גמרא שטיצט זיך אויף אַ פסוק אין איוב (לא, י); און אזוי, לויט דעם מדרש, מיינט אויך אונדזער פסוק, אַז די יונגעלייט זיינען געצוואונגען געוואָרן צו שאַנד.

[1] ר׳ אבא מיינט צו דערקלערן, אַז דאָס וואָרט אויפגעהערט פונעם ערשטן האַלבן פסוק באַציט זיך אויך אויפן צווייטן האַלבן.

[1] סיי די שמחות וואָס מע פלעגט אַמאָל באַשטימען קעגן בטל געוואָרענע צרות און איצט ווערן זיי ניט באַשטימט, מחמת די צרות פון חורבן זיינען ניט קיין פאַרביי־גייענדיקע, און סיי די שמחות פון די טרינקהייזער. — אזוי לויטן יפה ענף. דער מתנות כהונה טייטשט דעם היו פוסקין כנגדה שמחה אַנדערש: אַמאָל, אַז עס פלעגט קומען אַ צרה אויף ישראל, פלעגט מען קעגן איר אָפּשאַפן (פוסקין געטייטשט ווי מפסיקין) אַ שמחה — — — און זינט עס האָבן אויפגעהערט סיי די סיי יענע מיינט: סיי די געוויינלעכע שמחות, וואָס זיינען אָפּגעשאַפן געוואָרן צוליב די צרות פון חורבן, און סיי די שמחות פון די טרינקהייזער. [2] דער פסוק רעדט באַזונדער וועגן פרייד און וועגן טאַנץ, מיינט ער די צוויי באַזונדערע סאָרטן שמחות וואָס זיינען בטל געוואָרן.

**ד״א**: בחורים טחון נשאו, **לשון נקיה הוא, כד״א** (שופטים ט״ז): ויהי טוחן בבית האסורים.

ונערים בעץ כשלו, — **אמר רבי יהושע בן לוי: שלש מאות תינוקות נמצאו חרוזים בשוכה אחת.**

יד

זקנים משער שבתו, בחורים מנגינתם. **א״ר אבא בר׳ ירמיה: מזמריהון שבתו.**

טו

שבת משוש לבנו. **אמר רב חסדא: בראשונה, כשהיתה אימת סנהדרין על ישראל, לא היו אומרין דבר נבלה בשיר; אבל משבטלו הסנהדרין, היו אומרים דברי נבלה בשיר. א״ר יוסי בר׳ אבין בשם ר׳ חסדא: בראשונה, כשהיתה צרה באה על ישראל, היו פוסקים כנגדה שמחה. משבטלה סנהדרין, בטל השיר מבית המשתאות, שנאמר** (ישעיה כ״ד): בשיר לא ישתו יין. **משפסקו אלו ואלו**, שבת משוש לבנו, נהפך לאבל מחולנו.

טז

נפלה עטרת ראשנו. **ר׳ ירמיה דשבשב נטל עטרת זית וקשרה בראשו. שמע שמואל ואמר: „והא ניחא ליה, דאיתרים רישיה, ולא עביד כן״. הות** (קהלת י׳) כשגגה שיוצא מלפני השליט, **וכן הוה ליה. לכך נאמר**: נפלה עטרת ראשנו, אוי נא לנו, כי חטאנו.

---

טז

נפלה — געפאַלן איז די קרוין פון אונדזער קאָפּ. **ר׳ ירמיה פון שבשב**[1] **האָט גענומען אַ קרוין פון איילבערט צווייגלעך און זיך באַקרוינט דעם קאָפּ**[2]. **האָט עס שמואל געהערט און ער האָט געזאָגט: „עס וואָלט שוין בעסער געווען פאַר אים, מע זאָל אים דעם קאָפּ אַראָפּנעמען, און ער זאָל עס ניט טאָן**[3]״. **איז עס געווען** כשגגה — ווי אַ פּאַרזע וואָס איז אַרויס פון אַ הער־שער (קוהלת י, ה), **און אזוי איז עס אים געשען**[4]. **אויף דעם ווערט געזאָגט**: נפלה — געפאַלן איז די קרוין פון אונדזער קאָפּ; ווי איז אונדז, דען מיר האָבן געזינדיקט.

[1] לויט מאַנכע מפרשים איז עס אַ נאָמען פון אַן אָרט; אַנדערע טייטשן עס פונעם צווייג, צוליב דעם צווייגן קרוין וואָס ער האָט געמאַכט; דער נוסח אין קוהלת רבה, י, ה, איז דשבשתא, און לויט מאַנכע מפרשים מיינט עס פונעם פּאַרזע, לויטן ווייטערדיקן פּסוק. לויטן ירושלמי סוטה, פּרק ט, דאַרף מען דאָ לייענען שיבשב, ער האָט געפלאָכטן. [2] אויף זיין חתונה. [3] ווייל אין דער מלחמה מיט אספּסיאנוסן האָבן די חכמים גוזר גע־ווען, מע זאָל ניט טראָגן קיין קרוינען אויף חתונות (סוטה פּרק ט, משנה יד). [4] ער איז געהרגעט געוואָרן.

יז

על זה — דעריבער איז קראַנק אונדזער האַרץ. ר׳ שמלאי האָט געזאָגט: גרויס צער האָט הקדוש־ברוך־הוא געגעבן דער פרוי, — נאָכדעם ווי זי היט אָפּ די טעג פון איר אָפּזונדערונג, דאַרף זי ווידער אָפּהיטן די טעג פון איר אויספלוס [1]. ר׳ אלעזר דער זון פון ר׳ יוסי הגלילי זאָגט: דידאָזיקע פרוי, דורכדעם וואָס זי זונדערט זיך אָפּ פון איר הויז [2] אויף צוויי אָדער דריי טעג, רופט די תורה זי אָן דוה, קראַנקע; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ויקרא טו, לג): והדוה — און די קראַנקע אין איר אָפּזונדערונג; מיר, וואָס מיר זיינען אָפּגעשיידט פונעם הויז פון אונדזער לעבן און פון אונדזער בית המקדש אזויפיל טעג און אזויפיל יאָרן, אוודאי און אוודאי דאַרפן מיר גערופן ווערן קראַנקע! דערום ווערט געזאָגט: דעריבער איז קראַנק אונדזער האַרץ; פאַרוואָס? איבער דעם וואָס עס זיינען פינצטער געוואָרן אונדזערע אויגן [3].

יח

על הר ציון — איבער דעם באַרג ציון וואָס איז וויסט געוואָרן. און געשען איז אַמאָל, אַז רבן גמליאל און ר׳ אלעזר בן עזריה און ר׳ יהושע און ר׳ עקיבא זיינען געגאַנגען קיין רוים, און זיי האָבן דערהערט דעם געליאַרעם פון רוים פון פוטליילוס [1] אָן, הונדערט און צוואַנציק מייל וייט. האָבן זיי אָנגעהויבן וויינען און ר׳ עקיבא — לאַכן. האָבן זיי געזאָגט: „עקיבא, מיר וויינען, און דו לאַכסט!" האָט ער געזאָגט צו זיי: „און איר, פאַרוואָס האָט איר געוויינט?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „זאָלן מיר ניט וויינען, אַז די גויים וואָס דינען צו די שטערן, טוען זיך בוקן צו זייערע געצן, און זיצן זיכער און רואיק און אין שלווה; און דאָס הויז פונעם פוסבענקעלע פון אונדזער גאָט איז געוואָרן צו אַ פאַרברענונג פון פייער און אַ וואוינונג פאַר דער חיה פון פעלד, — איז זאָלן מיר ניט וויינען?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „דעריבער טאַקע לאַך איך: אויב [ער טוט] אזוי צו זיינע דערצערענער, אַ פשיטא שוין צו די וואָס טוען זיין ווילן!"

אַן אַנדער מאָל זיינען זיי אַרויפגעגאַנגען קיין ירושלים. אַז זיי זיינען צוגעקומען צום הר הצופים, האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער [2]. אַז זיי זיינען צוגעקומען צום באַרג פון בית המקדש און האָבן געזען, ווי אַ פוקס איז אַרויס פונעם אָרט פון קדשי קדשים, האָבן זיי אָנגעהויבן וויינען און ר׳ עקיבא — לאַכן. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „עקיבא, שטענדיק ברענגסטו אונדז צום שטוינען, — מיר וויינען, און דו לאַכסט!" האָט ער געזאָגט צו זיי: „און איר, פאַרוואָס וויינט איר?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „און זאָלן מיר ניט וויינען? אַן אָרט, וואָס עס שטייט וועגן אים געשריבן (במדבר א, נא): והזר — און דער פרעמדער וואָס דערנעענטערט זיך זאָל געטייט ווערן, — און אָט איז אַ פוקס אַרויס פון אים, און ס׳איז מקויים געוואָרן אויף אים דער פסוק: על הר ציון — איבער דעם באַרג ציון וואָס איז וויסט געוואָרן, פוקסן גייען אום אויף אים!" האָט ער געזאָגט צו זיי: „איבער דעם אויך

יז

על זה היה דוה לבנו. ר׳ שמלאי אמר: צער גדול נתן הקב״ה לאשה הזאת, — מאחר שמשמרת ימי נדתה, חוזרת ומשמרת ימי זיבתה. ר׳ אלעזר בנו של ר׳ יוסי הגלילי אומר: האשה הזאת, על ידי שפירשה מביתה ב׳ או ג׳ ימים, קוראת אותה התורה דוה; הה״ד (ויקרא ט״ו): והדוה בנדתה; אנו, שפירשנו מבית חיינו ומבית מקדשנו כמה ימים וכמה שנים, על אחת כמה וכמה שנקרא דווין! לכך נאמר: על זה היה דוה לבנו; למה? על אלה חשכו עינינו.

יח

על הר ציון ששמם. וכבר היה רבן גמליאל ורבי אלעזר בן עזריה ור׳ יהושע ור׳ עקיבא נכנסין לרומי, ושמעו קול המונה של רומי מפוטליילוס עד מאה ועשרים מיל. התחילו הם בוכים ור״ע משחק. אמרו: „עקיבא, אנו בוכים ואתה משחק!״ אמר להם: „ואתם למה בכיתם?״ אמרו לו: „לא נבכה, שהגוים עובדים עבודת כוכבים להוון משתחוים לעצביהון ויושבין בטח ושאנן ושלוה; ובית הדום רגלי אלהינו היה לשריפת אש ומדור לחית השדה, — ולא נבכה?״ אמר להם: „לכך אני משחק: אם כן למכעיסיו, קל וחומר לעושי רצונו!״

פעם אחרת היו עולין לירושלים. הגיעו לצופים וקרעו בגדיהם. הגיעו להר הבית וראו שועל אחד יוצא מבית קדשי הקדשים. התחילו הם בוכים ור׳ עקיבא משחק. אמרו לו: „עקיבא, לעולם אתה מתמה עלינו, — אנו בוכים ואתה משחק!״ אמר להם: „אתם למה אתם בוכים?״ אמרו לו: „ולא נבכה? מקום שכתוב בו (במדבר א׳): והזר הקרב יומת, — והרי שועל יוצא מתוכו, ועליו נתקיים הפסוק: על הר ציון ששמם, שועלים הלכו בו!״ אמר להם: „אף אני, לכך אני משחק. הרי הוא אומר (ישעיה

---

[1] עס רעדט זיך וועגן אַ פרוי אין פאַל פון אויספלוס אויסער דער צייט פון איר אָפּזונדערונג (נידה; זע ויקרא טו, כה); איז די ערשטע דריי טעג (לויטן דרש אויף יענעם פסוק: ימים מיינט צוויי טעג, רבים, אַ סך, מיינט דריי) ווערט זי גערופן נידה, אָפּגעזונ־דערטע, און נאָכדעם הייסט זי דוה, קראַנקע, און ווען דער אויספלוס הערט אויף, דאַרף זי ערשט אָפּציילן זיבן „ריינע" טעג. [2] לויטן מתנות כהונה איז עס אַ „לשון נקיה" אנשטאט מבעלה, פון איר מאַן. דער יפה ענף האָט געהאַט פאַר זיך אַזאַ נוסח אין ויקרא רבה יט, ה. [3] וואָס עס זיינען אונטערגעגאַנגען דער סנהדרין און דער בית המקדש, די אויגן פון ישראל.

[1] לויט יאַסטראָוו איז עס פּוטעאָלי, אַ גרויסע איטאַליענישע פּאָרט שטאָט, און ער

לאַך איך טאַקע. אַט זאָגט דער פּסוק (ישעיה ח, ב): ואעידה — און איך האָב מיר געשטעלט באַגלויבטע עדות, אוריה דעם כּוהן און זכריה דעם זון פון יברכיהון. וואָס פאַר אַ שייכות האָט אָבער אוריה מיט זכריהן? אוריה [האָט געלעבט]ביים ערשטן בית המקדש[3] און זכריה ביים צווייטן בית המקדש?[4] נייערט וואָס האָט געזאָגט אוריה? (ירמיה כו, יח־כ): כּה אמר — אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון די חיילות: ציון וועט אויף פעלד צעאַקערט ווערן, און ירושלים וועט חורבות ווערן. און וואָס האָט זכריה געזאָגט? (זכריה ח, ד): עוד ישבו — עס וועלן נאָך זיצן זקנים און זקנות אין די גאַסן פון ירושלים, יעדערער מיט זיין שטעקן אין האַנט, פון טיפן עלטער; און נאָכדעם שטייט געשריבן: ורחובות — און די גאַסן פון דער שטאָט וועלן פול ווערן מיט יינגלעך און מיידלעך וואָס וועלן זיך שפּילן אין אירע גאַסן. הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט: „אַט האָב איך מיר דידאָזיקע צוויי עדות, — איז אויב עס וועלן מקויים ווערן די ווערטער פון אוריהן, וועלן אויך מקויים ווערן די ווערטער פון זכריהן; און אויב די ווערטער פון אוריהן וועלן בטל ווערן, וועלן אויך די ווערטער פון זכריהן בטל ווערן". האָב איך זיך געפרייט, וואָס די ווערטער פון אוריהן זיינען מקויים געוואָרן, — וועלן לסוף אויך די ווערטער פון זכריהן מקויים ווערן!" האָבן זיי אים געזאָגט מיט דעם לשון: „עקיבא, דו האָסט אונדז געטרייסט! זאָלסטו געטרייסט ווערן מיטן אָנקום פונעם בשורה ברענגער!"[5]

יט

אתה — דו, גאָט, וועסט טראָנען אייביק, דיין טראָן איז אויף דור־דורות. איז דען פאַראַן אַ טראָנען אָן אַ טראָן? און איז דען פאַראַן אַ מלך אָן אַ מאַטראָנע?[1]

כ

למה — פאַרוואָס זאָלסטו אונדז פאַרגעסן אויף שטענדיק? ר' יהושע בר אבין האָט געזאָגט: פיר ווערטער [פון אומגליק] האָט ירמיה געזאָגט: פאַרמיאוסונג און פאַראומווערדיקונג, פאַרלאָזונג און פאַרגעסונג. „פאַרמיאוסונג און פאַראומווערדיקונג", ווי עס שטייט געשריבן (ירמיה יד, יט): המאס — צי פאַרמיאוסן האָסטו פאַרמיאוסט יהודה? צי האָט דיין זעל פאַראומווערדיקט ציון? איז ער אָפּגעענטפערט געוואָרן דורך משהן, ווי עס שטייט געשריבן (ויקרא כו, מד): לא מאסתים — איך וועל זיי ניט פאַרמיאוסן און וועל זיי ניט פאַראומווערדיקן. „פאַרלאָזונג און פאַרגעסונג", ווי עס שטייט געשריבן: למה — פאַרוואָס זאָלסטו אונדז פאַרגעסן אויף שטענדיק, פאַרלאָזן אויף לאַנגע טעג? און ער איז אָפּגעענטפערט געוואָרן דורך ישעיהן, ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה מט, טו): גם אלה — אפילו ווען דידאָזיקע זאָלן פאַרגעסן, וועל איך דיך ניט פאַרגעסן[1].

---

[1] הייסט דאָ לייענען פּוטיולין. דער נוסח אין מכות כד, א, איז פּלטה, אָדער פּטילוס.
[2] געריסן קריעה, דערזעענדיק פון וויטן די חורבות פונעם בית המקדש. [3] ירמיה כו, כ.
[4] זכריה א, א. [5] אליהו הנביא, וואָס דאַרף ברענגען די בשורה פון משיחס קומען.

ח׳): ואעידה לי עדים נאמנים, את אוריה הכהן ואת זכריהו בן יברכיהו. **וכי מה ענין אוריה אצל זכריה? אוריה במקדש ראשון וזכריה במקדש שני! אלא מה אמר אוריה?** (ירמיה כ״ו): כה אמר ה׳ צבאות: ציון שדה תחרש וירושלים עיים תהיה. **ומה אמר זכריה?** (זכריה ח׳): עוד ישבו זקנים וזקנות ברחבות ירושלים ואיש משענתו בידו מרב ימים; **וכתיב בתריה** (שם): ורחבות העיר ימלאו ילדים וילדות משחקים ברחבתיה. **אמר הקב״ה: „הרי לי שני עדים אלו, ואם קיימים דברי אוריה, יהיו קיימין דברי זכריה; ואם יבטלו דברי אוריה, יבטלו דברי זכריה״. ושמחתי שנתקיימו דברי אוריה, ולבסוף דברי זכריה עתידין להתקיים״. ובלשון הזה אמרו לו: „עקיבא, נחמתנו! תתנחם ברגלי מבשר!״**

יט

אתה ה׳ לעולם תשב, כסאך לדור ודור. **וכי יש ישיבה בלא כסא? ויש מלך בלא מטרונה?**

כ

למה לנצח תשכחנו. **א״ר יהושע בר אבין: ארבעה דברים אמר ירמיה:** מאיסה וגעילה, עזיבה ושכיחה. מאיסה וגעילה, **דכתיב** (ירמיה י״ד): המאוס מאסת את יהודה, אם בציון געלה נפשך? **והושב על ידי משה, דכתיב** (ויקרא כ״ו): לא מאסתים ולא געלתים. עזיבה ושכיחה, **דכתיב** למה לנצח תשכחנו, תעזבנו לאורך ימים? **והושב על ידי ישעיה, דכתיב** (ישעיה מ״ט): גם אלה תשכחנה, ואנכי לא אשכחך.

**אמר ר׳ יהושע בן לוי: ארבעה דברים אמר ירמיה:** מאיסה וקציפה, עזיבה ושכיחה. מאיסה **הושב ע״י עצמו, דכתיב** (ירמיה ל״א): כה אמר ה׳: אם ימדו שמים מלמעלה ויחקרו מוסדי ארץ

---

**ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: פיר ווערטער האָט ירמיה געזאָגט:** פאַרמיאוסונג **און** צאָרנונג[2], פאַרלאָזונג **און** פאַרגעסונג. **„פאַרמיאוסונג״ איז אָפּגעענטפערט געוואָרן דורך אים אַליין, ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה לא, לו): כה אמר ה׳ — אזוי האָט גאָט געזאָגט: אויב די הימלען פון אויבן וועלן אויסגעמאָסטן ווערן, און די גרונטפעסטן פון דער ערד אונטן וועלן

---

[1] **דער טראָן איז דער בית המקדש און די מאַטראָנע איז די כנסת ישראל, וואָס כביכול האָט זי פאַרקנסט פאַר זיין ווייב.**

[1] **און דאָס איז שוין אויך אַן ענטפער אויף** פאַרלאָזונג, **ווייל מיט איין פסוק פריער שטייט:** ותאמר ציון — און ציון האָט געזאָגט: פאַרלאָזן האָט מיך גאָט, און גאָט האָט מיך פאַרגעסן. [2] **זע פסוק כב פון אונדזער פרשה:** קצפת — האָסט געצערנט אויף

אויסגעפּאָרשט ווערן, וועל איך פּאַרמיאוסן גאָר דעם זאָמען פון ישראל פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן, זאָגט גאָט. **„צאָרנונג" איז אָפּגעענטפערט גע־וואָרן דורך ישעיהן, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה נז, טז): כי — ווארום ניט אויף אייביק טו איך קריגן, און ניט אויף שטענדיק טו איך צערענען[3].

כא

השיבנו — קער אונדז אום צו דיר, גאָט, און מיר וועלן זיך אומקערן. **די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש־ברוך־הוא: „רבונו של עולם! ס'הענגט אָן אָן דיר, — קער אונדז אום"[1]. האָט ער געזאָגט צו זיי: „אָן אייך הענגט עס אָן" — ווי דער פסוק זאָגט** (מלאכי ג, ז): שובו — קערט אייך אום צו מיר, און איך וועל זיך אומקערן צו אייך, זאָגט גאָט. **האָט זי געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! אָן דיר הענגט עס אָן, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים פה, ה): שובנו — קער אונדז אום, גאָט פון אונדזער הילף!" **דעריבער זאָגט דער פסוק:** השיבנו — קער אונדז אום צו דיר, גאָט, און מיר וועלן זיך אומקערן.

חדש — באַניי אונדזערע טעג ווי אַמאָל (כקדם), — **ווי אדם הראשון**[2], **ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית ג, כד): ויגרש — און ער האָט אַרויסגעטריבן אדמען, און ער האָט געמאַכט רוען אין מזרח[3] פון דעם גאָרטן — — —. **אַן אַנדער פשט:** חדש — באַניי אונדזערע טעג ווי אַמאָל, **ווי דער פסוק זאָגט** (מלאכי ג, ד): וערבה — און אנגענעם וועט זיין צו גאָט דער קרבן פון יהודה און ירושלים ווי אין די טעג פון אַמאָל און ווי אין די פאַרצייטיקע[4] יאָרן, — „ווי אין די טעג פון אַמאָל", **דאָס איז [די טעג פון] משהן, ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה סג, יא): ויזכר — און ער האָט געדענקט די טעג פון אַמאָל, [ווען] משה [איז געשיקט געוואָרן צו] זיין פאָלק; „און ווי אין די פאַרצייטיקע יאָרן", — **ווי אין די יאָרן פון שלמהן**[5]. **רבי זאָגט:** „ווי אין די טעג פון אַמאָל", — **ווי אין די טעג פון נחן, ווי דער פסוק זאָגט:** (דאָרט נד, ט): כי — ווארום די וואַסערן פון נחן איז עס מיר[6]; „און ווי אין די פאַרצייטיקע יאָרן", **ווי אין די יאָרן פון הבל, ווען ס'איז נאָך קיין געצנדינסט אויף דער וועלט ניט געווען**[7].

כב

כי אם — ווארום אויב פאַרמיאוסן האָסטו אונדז פאַרמיאוסט, האָסטו אָבער געצערנט אויף אונדז ביז גאָר. **ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: אויב דאָס איז פאַרמיאוסונג, איז ניטאָ קיין האָפנונג; אָבער אויב דאָס איז צאָרנונג, איז פאַראַן אַ האָפנונג, דען יעדערער וואָס צאָרנט, בעט זיך לסוף איבער**[1].

[**ר' אלעזר האָט געזאָגט: תלמידי חכמים מערן שלום אויף דער וועלט. און פון וואַנען דרינגט ער עס? דען דער פסוק זאָגט** (ישעיה נד, יג): וכל בניך — און אַלע דיינע זין וועלן זיין גאָטס געלערנטע, און גרויס וועט זיין דער שלום פון דיינע קינדער, — **אמן!**][2]

געענדיקט מדרש איכה רבתי בעזרת השם יתברך

למטה, גם אני אמאס בכל זרע ישראל על כל אשר עשו, נאם ה׳. קציפה **הושב על ידי ישעיה, שנאמר** (ישעיה נ״ז): כי לא לעולם אריב ולא לנצח אקצוף.

כא

השיבנו, ה׳, אליך, ונשובה. **אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „רבש״ע! שלך הוא, — השיבנו״. אמר להם: „שלכם הוא״, שנאמר** (מלאכי ג, ז): שובו אלי ואשובה אליכם, אמר ה׳. **אמרה לפניו: „רבש״ע, שלך הוא, שנא׳** (תהלים פ״ה): שובנו, אלהי ישענו״. **לכך נאמר:** השיבנו, ה׳, אליך, ונשובה.

חדש ימינו כקדם, **כאדם הראשון, כמד״א** (בראשית ג׳): ויגרש את האדם וישכן מקדם לגן עדן — — —. **ד״א:** חדש ימינו כקדם, **כמד״א** (מלאכי ג׳): וערבה לה׳ מנחת יהודה וירושלים כימי עולם וכשנים קדמוניות: כימי עולם, **זה משה, דכתיב** (ישעיה ס״ג): ויזכור ימי עולם, משה עמו; וכשנים קדמוניות, **כשנות שלמה. רבי אומר:** כימי עולם, **כימי נח: שנאמר** (שם נ״ד): כי מי נח זאת לי; וכשנים קדמוניות, **כשנות הבל, שלא היתה עבודת כוכבים עדיין בעולם.**

כב

כי אם מאוס מאסתנו, קצפת עלינו עד מאד. **אמר רבי שמעון בן לקיש: אם מאיסה היא, לית סבר; ואם קציפה היא, אית סבר, דכל מאן דכעיס, סופיה לאיתרציא.**

**[אמר ר׳ אלעזר: תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם. ומה טעמיה? שנאמר** (ישעיה נ״ד, י״ג): וכל בניך למודי ה׳, ורב שלום בניך, — **אמן!]**

---

אונדז. [3] משמעות, אַז אויף פאַרלאַזונג און פאַרגעסונג נעמט ר׳ יהושע בן לוי אָן דעם ענטפער פון ר׳ יהושע בר אבין.

[1] צוערשט העלף אונדז, קער אונדז אום צו אונדזער לאַנד, און דאַן וועלן מיר תשובה טאָן. [2] ווען גאָט האָט מוחל געווען נאָך זיין תשובה טאָן. [3] מקדם, — דער דרש איז געבויט אויף דעם, וואָס איןביידע פאַלן ווערט גענוצט דאָסזעלבע וואָרט. [4] קדמוניות — קדם. [5] ווען דער בית המקדש איז ערשט געבויט געוואָרן. [6] ווען גאָט האָט געשוואָרן, אַז ער וועט שוין מער קיין מבול ניט ברענגען. [7] זע רש״י און תרגום יונתן אויף בראשית ד, כו: ערשט אין די יאָרן פון אנוש האָט מען אָנגעהויבן דינען צו געצן.

[1] זע אויבן, א, כג, באַמ. 20. [2] צוגעגעבן לויט בובערס טעקסט.

סליקא ליה מדרש איכה רבתי בעזה״י

# זוכצעטל

## נעמען פון די דרשנים און פון אַנדערע פּערזאָנען פון דער תלמודישער עפּאָכע וואָס ווערן געבראַכט אין איכה רבה.

(די דיגע ציפערן באַדייטן, אַז דער געגעבענער נאָמען ווערט געבראַכט אויף דער זעלבער זייט מער ווי איין מאָל).

---

### א


ר' אבא — 94, 232, 272.
ר' אבא בר' ירמיה — 352.
ר' אבא בר כהנא — 2, 4, 6, 8, 10, 12, 20, 28, 46, 48, 90, 108, 152, 166, 170, 178, 182, 186, 202, 208, 266, 292, 310, 321, 324, 344.
ר' אבדימי פון חיפה — 100, 152.
ר' אבהו — 10, 12, 14, 16, 34, 36, 130, 152, 192, 257, 290, 296.
ר' אבין — 38, 92, 206, 268.
אבנימוס הגרדי — 6.
אגריפוס המלך — 106.
אדריאנוס — 188, 210, 236, 237, 238, 240, 248, 296, 308, 309, 346.
ר' אהבה בר' זעירא — 270.
אושעיא — זע ר' הושעיא.
ר' אחא — 12, 14, 44, 50, 76, 92, 135, 150, 162, 164, 176, 177, 192, 224, 226, 228, 244, 258, 259, 260, 271, 282, 288, 306, 322, 330, 340.
ר'איבו — 43, 59, 136, 140, 144, 146, 204, 206, 232, 254, 256, 258, 282, 340.
ר' אילם — 260.
ר' איסי — 334.
ר' אליעזר — 80, 84, 91, 156, 160, 312.
ר' אליעזר הגדול — זע ר' אליעזר.
ר' אליעזר בר' צדוק — זע ר' אלעזר בר' צדוק
ר' אלכסנדראי — 38, 40, 42, 142, 295.
ר' אלעזר — 12, 14, 52, 94, 104, 129, 130, 180, 262, 264, 268, 302, 334, 358.
ר' אלעזר פון בצרה — 340.
ר' אלעזר המודעי — 236, 237, 238.
ר' אלעזר בן חרסום — 242.
ר' אלעזר דער חרסנער — 234.
ר' אלעזר בר' יוסי — 288, 290, 354.
ר' אלעזר בן יעקב — 56.
ר' אלעזר בר מנחם — 273.
ר' אלעזר בר' מרינוס — 275.
ר' אלעזר בן עזריה — 354.
ר' אלעזר [בר' צדוק] — 160, 192, 194, 324.
ר' אמי — 4, 152, 178, 272, 304.
ר' אסי — 4, 90.
ר' אסי פון קיסרין (קיסריה) — 333.
אספאסיאנוס — 30, 154, 156, 158, 160, 176, 186, 210, 282, 284.


### ב


ר' ביבי — 150.
ר' ביבא סנגוריא (סרונגייא, רנגיא?) — 206.
ר' ביבי פון רנגיא (סרונגייא? סנגוריא?) — 182.
בן בטיח — 154, 155, 156.
בן גוריון — 154.
בן כוזיבא — זע בר כוזיבא.
בן כלבא שבוע — 154.
בן ננס — 150.
בן נקדימון — 154.
בן־עזאי — 100, 234.
בן ציצית — 154.

בר כוזיבא (בן כוזיבא; בר כוכבא) — 236, 237, 238.
ר' ברכיה — 28, 44, 100, 134, 146, 166, 171, 210, 228, 256, 258, 272, 280, 282, 296, 300, 302, 334, 344, 346.
בר קמצא — 316, 318.
בר קפרא — 46, 106.

ג

רבן גמליאל — 146, 354.

ד

דואג בן יוסף — 200, 274.

ה

ר' הונא — 4, 20, 96, 110, 150, 152, 164, 185, 226, 238, 242, 243, 248, 259, 260, 274, 302, 304, 325.
ר' הונא פון ציפורי — זע ר' הונא רבה פון ציפורין.
ר' הונא רבה פון ציפורין — 88, 267.
ר' הושעיא — 30, 44, 46, 232, 234, 342.
ר' הושעיה — זע ר' הושעיא.
ר' הילל בר' ברכיה — 154.

ז

זבדי בן לוי — 82, 202.
ר' זירא — 96.
ר' זכריה בן אבקולס — 316, 318.
ר' זעירא — 88, 146, 340.
ר' זריקא — 272.

ח

ר' חגי — 29, 53, 208, 258.
ר' חולפאי — 268.
ר' חוניא — 146.
ר' חוצפית דער מתורגמן — 234.
ר' חזקיה — 272.
ר' חייא (רבה, רובא) — 36, 106, 214, 276, 292, 304, 314.
ר' חייא בר אבא — 4, 136, 192, 202, 244, 290, 334.
ר' חייא בר חנינא — 216.
ר' חייא קרא — 320.
ר' חלבו — 256, 258, 272, 296, 306, 342.
חלפי בר זביד — 334.
ר' חלקיה — 44.
ר' חמא בר' חנינא — 80, 226, 256, 278, 314.
ר' חמא בר עוקבא — 108.
ר' חנין — 76.
ר' חנינא — 28, 46, 86, 96, 164, 186, 204, 206, 224, 258, 264, 289, 332, 336.
ר' חנינא בר' אבהו — 96, 226.
ר' חנינא בר יצחק — 228, 232.
ר' חנינא בר פפא — 28, 30, 32, 33, 142, 322.
ר' חנניה — 176.
ר' חנניה בר' אבהו — 288.
ר' חנניה בן תרדיון — 234, 288.
ר' חסדא — 352.

ט

ר' טבי — 43.
טראכינוס — 188, 190, 210, 282, 284, 338.
ר' טרפון — 234.

י

ר' יאשיה — 43.
ר' יהודה — 84, 91, 104, 134, 150, 161, 162, 166, 200, 322.
ר' יהודה בן בבא — 234.
ר' יהודה בן בתירה — 290.
ר' יהודה בן גדייא — 310.
ר' יהודה הנחתום — 234.
ר' יהודה בר' סימון — 76, 78, 136, 140, 144, 154, 166, 170, 172, 206, 208, 226, 230, 232, 252.
ר' יהודה בן סיגנא — 176.
ר' יהודה בן פזי — 6.
ר' יהושע — 14, 28, 180, 216.
ר' יהושע בר אבין — 356.
יהושע הגרסי — 306.
יהושע בן גמלא — 192.

ר' יהושע [בן חנניה] — 80, 130, 132, 156, 160, 162, 296, 318, 354.
ר' יהושע בן לוי — 4, 82, 84, 96, 102, 106, 144, 192, 201, 202, 260, 268, 280, 290, 312, 328, 348, 352, 357.
ר' יהושע בר נחמיה — 28, 322.
ר' יהושע בר' נחמן — 226.
ר' יהושע פון סיכנין — 42, 44, 106, 178, 210, 278, 310.
ר' יודן — 8, 12, 20, 43, 50, 97, 204, 228, 244, 248, 285, 292, 324, 330, 344.
ר' יודן בר' נחמיה — 150.
ר' יוחנן — 8, 18, 41, 42, 53, 54, 56, 74, 88, 90, 92, 94, 119, 128, 130, 133, 152, 168, 170, 178, 192, 229, 230, 234, 236, 240, 243, 247, 248, 260, 266, 270, 292, 296, 310, 342.
ר' יוחנן בן זכאי — 30, 154, 155, 156, 158, 160, 166.
ר' יוחנן בן תורתא — 236.
ר' יונתן — 28, 78, 266, 289.
ר' יוסי — 96, 110, 150, 168, 260, 304, 325, 334.
ר' יוסי בר' אבין — 352.
ר' יוסי בן חלפתא — 40, 96, 128, 306.
ר' יוסי בר' חנינא — 12, 14, 16, 20, 262, 334.
ר' יוסי פון מילחיא — 168.
ר' יוסף — 20, 304.
יוסי רישא — 290.
ר' יחזקיה — 192.
ר' ינאי — 206, 258, 260.
ר' יעקב — 94.
ר' יעקב בר אחא — 90.
ר' יעקב פון כפר חנן — 102, 148, 268, 270, 340.
ר' יצחק — 16, 18, 22, 29, 33, 34, 53, 142, 154, 208, 258, 310, 344.
ר' יצחק בר' אלעזר — 291.
ר' יצחק בר' סימון — 154.
ר' יצחק פסאקא — 168, 170.
ר' ירמיה — 4, 243.
ר' ירמיה פון שבשב — 353.
ר' ישבב — 234.
ר' ישמעאל — 234.
ר' ישמעאל בן אֱלישע — 318.
ר' ישמעאל בר' יוסי — 123, 124, 126, 229, 340.
ר' ישמעאל בר נחמני — 229.

כ

ר' כהנא — 90, 278.

ל

ר' לוי — 42, 44, 48, 53, 56, 92, 100, 148, 152, 178, 186, 202, 208, 210, 212, 266, 274, 278, 300, 302, 304, 310, 344, 346.
ר' לוי בן פרטא — 168, 172.

מ

ר' מיאשה — 258, 259.
ר' מני — 214.
ר' מנסיא — 92.
מרים בת בייתוס — 192.
מרים בת בייתוס נחתום — 194.
מרים בת נחתום — 194.
מרים בת נקדימון — 192.
ר' מתנה — 91.

נ

ר' נחמיה — 14, 104, 134, 146, 200, 322.
ר' נחמיה בן אלעזר — 228.
ר' נחמן — 12, 80, 102, 232.
ר' ניסה פון קיסרין — 80.
נירון [קיסר] — 158.
ר' נתן — 266, 270, 272, 274, 312.

ס

ר' סימא — 100.
ר' סימון — 28, 32, 84, 142, 162, 164, 232, 336.

ע

עולא — 90.
ר' עוקבא — 134.

ר' עזריה — 164.
ר' עקיבא — 46, 110, 234, 236, 306, 354, 356.

פ

פּאַנגאַר — 154, 158, 160.
ר' פינחס — 30, 44, 80, 146, 176, 226, 230, 234, 248, 273, 322, 324, 342, 344.

צ

צדוק הכוהן — 190, 191.

ק

קילוס — 154.
קמצא — 316, 318.

ר

ר' ראובן — 86, 142.
רב — 58, 84, 90, 150, 180, 232, 286, 288.
רבה בר כהנא — 98.
רבי — 4, 48, 49, 90, 176, 234, 266, 272, 274, 290, 300, 302, 326, 340, 358.
ריש לקיש — זע ר' שמעון בן לקיש.

ש

ר' שילא — 206.
שמואל — 6, 91, 102, 152, 272, 286, 312, 340, 353.
ר' שמואל — 104, 154, 282, 314, 340.
ר' שמואל בר אמי — 6.
ר' שמואל בר' יצחק — 4, 90, 206.
ר' שמואל בר נחמן — 12, 48, 65, 90, 134, 142, 152, 178 201, 216, 226, 256, 258, 259, 269, 278, 280, 296, 306, 320.
ר' שמואל בר נחמני — זע ר' שמואל בר נחמן.
ר' שמלאי — 354.
שמעון (בר כוכבא?) — 240.
ר' שמעון בר אבא — 162, 296.
רבן שמעון בן גמליאל (ר' שמעון הנהרג) — 234.
רבן שמעון בן גמליאל — 88, 240, 292, 308, 320, 348.
ר' שמעון בר' חלפתא — 136, 290.
ר' שמעון בן יוחאי — 4, 58, 84, 144, 178, 182, 214, 270.
ר' שמעון בן לקיש — 8, 34, 41, 42, 55, 58, 144, 150, 152, 162, 164, 168, 232, 252, 272, 280, 292, 294, 298, 300, 334, 342, 358.

ת

ר' תנחום — 340.
ר' תנחומא — 206, 304, 322, 326.
ר' תנחומא בר' אבא — 232.
ר' תנחום בר חנילאי — 84, 304, 329.
ר' תנחום בר' ירמיה — 184, 254.

---

## שליסל צו די געבליבענע ראשי תבות

או"ה — אומות העולם
א"י — ארץ ישראל
א"ל — אמר לו, אמרו לו, אמר להם
אע"פ — אף על פי
א"ר — אמר ר'...
בה"מ — בית המקדש
ד"א — דבר אחר
הה"ד — הדא הוא דכתיב
הקב"ה — הקדוש ברוך הוא
וגו' — וגומר
ח"ו — חס ושלום
ט"ב — ט' באב
כהה"ד — כהדא הוא דכתיב
כמד"א — כמה דאת אמר
עאכ"ו — על אחת כמה וכמה
רבש"ע — רבונו של עולם
ר"ל — ריש לקיש
ר"ע — ר' עקיבא

## אַ האַרציקע דאַנקזאָגונג —

מיין טייערן פריינט און חבר דר. אברהם שטילמאַן, וועלכער האָט איינער אַליין, און מיט אַזויפיל אומדערמידלעכקייט און איבערגעבנקייט, געשאַפן די מיטלען אויף ארויסצוגעבן דעם דאָזיקן ספר;

דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס און די אַלע פריינט און באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך אזוי וואַרים און ברייטהאַרציק אָפּגערופן אויף דר. שטילמאַנס רוף;

מיין ליבן חבר, דעם דיכטער משה שאַפיר, וועלכער האָט אייגנוויליק און מיט אַ סך חברישער גרייטקייט מיר אַרויסגעהאָלפן ביים לייענען די קאָרעק־טור בויגנס;

דעם זעצער, חבר שלום, וועלכער האָט אַריינגעלייגט זייער פיל ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט אין דער דאָזיקער אַרבעט;

מיין זון, מנחם, פאַר צייכענען דאָס שער בלאַט צום ספר.